ספר

# אֲשֶׁר בַּנַּחַל

## חֵלֶק א

שֵׁיינֶע הֶערְלִיכֶע בְּרִיוו גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ

**כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זצוק"ל**

דִי בְּרִיוו זֶענֶען פוּל מִיט עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְקוּת ווִי אַזוֹי יֶעדֶער
אִיד אָן אוֹיסְנַאם קֶען זוֹכֶה זַיין מַצְלִיחַ צוּ זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט,
נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וֶועלְכֶע מַצָּב עֶר גֶעפִוּנְט זִיךְ.

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵינוּ וְרַבֵּנוּ

**רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

**רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

גֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, וּכְתוּבִים,
אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן דִי גְמָרָא
אוּן מִדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ.

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהשי"ת צוּ דִי צְוֵוייטֶע יוֹמָא דְהִילוּלָא
פוּן כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זצוק"ל
י"ז שְׁבַט תשע"ז לפ"ק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

היכל הקודש וויליאמסבורג
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

היכל הקודש בארא פארק
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

היכל הקודש מאנסי
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

גרפיקה עיצוב ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** 05276-27127

# דולה ומשקה מתורת רבנו

הספר הקדוש הזה נדפס
לזכות הרה"ג
מוה"ר **יואל ראטה** שליט"א
ראש ישיבת תפארת התורה
ברסלב
יהי רצון שיזכה
לכל הברכות הכתובות בתורה,
מתוך בריות גופא ונהורא מעליא
שפע קודש בבני חיי ומזוני,
אריכות ימים ושנים
ונחת דקדושה מכל יוצאי חלציו
אמן כן יהי רצון

# ישלם ה׳ פעלך

יוחק לעד בספרן של צדיקים,
הספר הקדוש הזה נדפס
לזכות האברך החשוב
רבי **יואל** בן **חיה עלקא** הכהן
נרו יאיר

שפעל ועשה
למען צאת הספר הזה לאור עולם

יהא רעוא מן שמיא
שיזכה להאיר את כל העולם כולו
באורו הבהיר של רביז״ל
בלי שום מניעות

# אַ וָואָרְט פוּן דִי אַרוֹיסְגֶעבֶּער

מִיר קֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן גְרוֹיסְן צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, צוּ בַּאלַייכְטְן אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן עֵצוֹת. וָואס מִיט זֵיי קֶען יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנַאם, פוּנֶעם קְלֶענְסְטְן בִּיז'ן גְרֶעסְטְן, זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּקוּמֶען צוּ דִי מֶערְסְטֶע וָואס מֶען קֶען נָאר צוּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן שנ"ח): "מִיט יֶעדֶע תּוֹרָה אָדֶער שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ זָאג, קֶען מֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'ער עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַזוֹי וִוי אִיךְ וֵוייס וָואס עֶס מֵיינְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", וַוייל יֶעדֶע תּוֹרָה אוּן שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קֶען צוּנִיץ קוּמֶען סֵיי פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק וָואס עֶר קֶען פוּן דֶעם אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין מַדְרֵיגָה; אוּן עֶס קֶען אוֹיךְ צוּנִיץ קוּמֶען פַארְ'ן נִידְרִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ, עֶס וֶועט אִים אוֹיךְ וַוייזְן אַ וֶועג אִין זַיין מַצָב, וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן וֶוערְן אַן אֱמֶת'ער עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ר"ט) אַז דִי אַלֶע תּוֹרוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, זֶענֶען נִישְׁט גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן נָאר פַאר זַיין דוֹר, נָאר אוֹיךְ פַאר דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע דוֹרוֹת. אוּן דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי זַייעֶר גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי אַלֶע תּוֹרוֹת אוּן עֵצוֹת אוֹיךְ פַאר דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ

עַד סוֹף כָּל הַדוֹרוֹת. אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם) מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע בְּרֶען דֶעם פָּסוּק (דְבָרִים ד, ט) "וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ וְלִבְנֵי בָנֶיךָ" - "אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטָאן!"

נָאךְ דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט זַיין בַּאלִיבְּטֶער תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זִיךְ וַוייטֶער מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועז אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט דִי הֵיילִיגֶע לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, עֶר פְּלֶעגְט אַרוּמְפָארְן אוּן רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן אוּן מְחַדֵשׁ זַיין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אַלֶעס נָאר גֶעבּוֹיעֶט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס תּוֹרוֹת, וָואס פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת", אוּן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ וַוייטֶער אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין עִיקָר צִיל אִין לֶעבְּן; זַיין מִיה אוּן פְּלָאג אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אוּמְזִיסְט, בָּרוּךְ ה', נָאר דוּרְךְ אִים אִיז גֶעבְּלִיבְּן דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן אוּן עֶס וֶוערְט וַוייטֶער צוּשְׁפְּרֵייט אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר, הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהַרָא"שׁ זצוקללה"ה, וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס זֶענֶען מְחַיֶּה אוּן מְחַזֵק הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזֶענְטֶער אִידְן אִיבֶּער אַלֶע עֶקְן וֶועלְט. דִי סְפָרִים זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חָכְמָה אוּן שֵׂכֶל, זִיךְ אַרָאפְּצוּלָאזְן צוּ יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אִין וֶועלְכֶע מַצָּב עֶר זָאל נָאר זַיין, אוּן אִים אוֹיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, אִים מְחַיֶּה אוּן מְחַזֵק זַיין, אַז עֶר קֶען נָאךְ אוֹיךְ צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַרֵיינְבְּרֶענְגֶען אִין יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַ שִׂמְחַת הַחַיִּים, אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן, מֶען זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט מִיט גֶעשְׁמַאק, צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מְקַיֵּים זַיין זַיינֶע מִצְוֹת מִיט פְרֵייד.

וֶוען עֶס הָאט זִיךְ דֶערְנֶעענְטֶערְט דֶער יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה אִין יָאר תשכ"ד לפ"ק הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוּמֶען צוּ מוֹהַרָא"שׁ בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט

צו נעמען חיזוק, זיי האָבן אָנגעהויבן שרייבן בריוו פאַר מוהרא"ש. אין די בריוו האָבן זיי זיך אויסגעגאָסן זייער האַרץ אַלעס וואס גייט אויף זיי אַריבער, און זיי האָבן געבעטן פון מוהרא"ש אַז ער זאָל זיי צוריק שרייבן בריוו מיט חיזוק און עצות, און אַזוי וועלן זיי נישט דאַרפן אַריבערקומען צו מוהרא"ש אינדערהיים און דאָס וועט זיין גרינגער פאַר זיי.

פון דעמאָלט, ערב חנוכּה שנת תשכ"ד, האָט מוהרא"ש אָנגעהויבן שרייבן זיינע היילִיגע ספרים, קודם די בריוו פון חיזוק וואס זענען געדרוקט אין דעם היילִיג ספר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל", און דערנאָך נאָך פילע ספרים אויף אַלע ענינים. במשך די יאָרן זענען געדרוקט געוואָרן איבער זיבעציג טויזנט בריוו פון מוהרא"ש, די בריוו זענען מחיה און מחזק טויזנטער אידן און דערנענטערט זיי צום אייבערשטן.

כ"א כּסלו אין יאָר תש"ע לפ"ק, האָט מוהרא"ש אָנגעהויבן שרייבן בריוו אויף אידיש. מוהרא"ש האָט געזאָגט אַז אַזוי ווי ער זעט אַז עס זענען דאָ פילע היימישע אידן וועלכע ליינען בעסער אידיש ווי לשון הקודש, דאָס רעדט מער צו זייער האַרץ, דעריבער האָט ער זייט דעמאָלט אָנגעהויבן שרייבן בריוו אויך אויף אידיש, און פון דעם האָבן מיר זוכה געווען צו די געוואַלדיגע בריוו אין אידיש, פון וואס יעדער איינער אָן אויסנאַם קען זיך מחי' זיין דערמיט.

כּאָטש וואס מוהרא"ש האָט געשריבן און געדרוקט טויזנטער קונטרסים און ספרים, פון דעסט וועגן האָט מוהרא"ש געהייסן שרייבן אויף זיין מצבה "בַּעַל הַמְחַבֵּר סִפְרֵי שׁו"ת אֲשֶׁר בַּנַּחַל", די בריוו פון דעם ספר הקדוש "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" האָבן צוריק געברענגט פילע טויזנטער אידן צום אייבערשטן און צו די תורה.

מוהרא"ש פלעגט זאָגן אַז כּדי צו קענען פאַרשטיין אין דעם ספר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" דאַרף אַ מענטש זיין גוט צעבראָכן. ווייל ווען אַ מענטש

האַלט זיך גרויס וועט ער גאַרנישט פאַרשטיין וואס מען וויל דאָ, ער וועט נאָר זען פּשוטע זאכן, אויב אָבער אַ מענטש גייט אַריבער שוועריקייטן אין לעבן, ער מוטשעט זיך מיט צרות, ער מוטשעט זיך צו זיין אַן ערליכער איד, דאן וועט ער טרעפן זיין האָפענונג אין דעם הייליגן ספר, די בריוו וועלן אים שטאַרקן און מחזק זיין און ווייזן דעם וועג ווי אַזוי מצליח צו זיין אין לעבן, ווי אַזוי צו האָבן גרויס הצלחה ברוחניות ובגשמיות.

עס איז אונז אַ גרויסע פרייד, אַז מיר זענען זוכה מיטן אייבערשטנ'ס הילף אַרויסצוגעבן דעם הייליגן ספר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" אין אידיש, די אַלע בריוו וואס מוהרנ"ש האט געשריבן אויף אידיש. מיר האָבן אַריינגעלייגט פילע כוחות צו מגיה זיין און שיין מסדר זיין אַלע בריוו אויף אַ הערליכע פאָרמאט, אַז ס'זאָל זיין אַ געשמאַק צו לערנען דעם הייליג ספר.

אין דעם הייליג ספר וועט איר געפינען אַ רייכע אוצר פון בריוו געבויעט אויף די הייליגע למודים פון רבי'ן, מיט'ן ציל עס אַריין צו ברענגען אין אונז אַז מיר זאָלן זיך קענען באנוצן דערמיט אינעם טאָג טעגליכן סדר היום; אין סיי וועלכע מצב מיר געפונען זיך נאָר, זאָלן מיר וויסן ווי אַזוי זיך אומצוגיין לויט די הייליגע עצות פון רבי'ן.

מוהרנ"ש שרייבט אַז ער איז נישט געקומען מחדש זיין עפּעס נייע זאכן, ער האט נאָר גענומען דעם הייליגן רבינ'ס ספרים און למודים און עס אַראָפּגעבראַכט פאר יעדן מענטש אַז יעדער זאָל זיך קענען באנוצן דערמיט אַז עס זאָל אים העלפן אין זיין פּראַקטישע לעבן.

עס איז וויכטיג צו באַמערקן אַז כאָטש וואס מוהרנ"ש האָט געשריבן די בריוו פאר פּריוואַטע מענטשן, יעדע בריוו איז געשריבן לויט די פראַגע וואס יענער האט אָנגעפרעגט, און מוהרנ"ש האָט יעדן געענטפערט לויט ווי דער הייליגער רבי האט אונז געלערנט, ער

# אַ וָוארְט פוּן דִי אַרוֹיסְגֶעבֶּער

הָאט צוּזַאמְגֶענוּמֶען דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים לוֹיט דִי סְפֶּעצִיפִישֶׁע גֶעבְּרוֹיךְ פוּן יֶענֶעם מֶענְטְשׁ; אִיז דָאס אָבֶּער נִישְׁט נָאר גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן נָאר צוּ יֶענֶעם מֶענְטְשׁ פְּרִיוַואט, נָאר עֶס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן אוֹיף אַזַא וֶועג אַז יֶעדֶער אִיד וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ אִין אַן עֶנְלִיכְן מַצָב זָאל קֶענֶען טְרֶעפְן זַיין עֵצָה אוּן הִילְף וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן אִין זַיין לֶעבְּן.

אִין דִי צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער בְּרִיוו וָואס מוֹהַרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, קֶען יֶעדֶער אִיד טְרֶעפְן זַיין יְשׁוּעָה אִין לֶעבְּן, עֶר קֶען טְרֶעפְן דֶעם וֶועג וָואס אִיז מַמָשׁ צוּגֶעפַּאסְט פַאר אִים, וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אוֹיךְ מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן בְּרוּחָנִיוּת אוּן בְּגַשְׁמִיוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, אַז דֶער סֵפֶר זָאל טוּן דִי רִיכְטִיגֶע פְּעוּלָה, אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶן אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז יֶעדֶער זָאל וִויסְן, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אוֹיף דֶער וֶועלְט קַיין שׁוּם עֵצָה, נָאר צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען הָאט, אוּן נָאר אַזוֹי וֶועט מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע סָארְט צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז מִיר וֶועלְן שׁוֹין בְּקָרוֹב גֵיין קֶעגְן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

# א

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר וַיֵּשֶׁב כ"א כִּסְלֵיו ה'תש"ע

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל כָּל תַּלְמִידֵי "חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" וְכָל אֵלוּ שֶׁקוֹרְאִים אֶת עַצְמָם תַּלְמִידֵי "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" הַוַיָ"ה עֲלֵיהֶם יַשְׁרֶה שְׁכִינָתוֹ תָּמִיד.

אַזוֹי ווי ס'אִיז נִתְרַבָּה גֶעוָוארְן דִי תַּלְמִידִים כֵּן יִרְבּוּ, מוּז אִיךְ אֵיינְמָאל פַאר אַלֶעמָאל קְלָאר שְׁטֶעלְן מַיין נְקוּדָה וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זי"ע.

אִיךְ וויל אַייךְ זָאגְן, מַה דָאךְ יֶעצְט וָואס אִיךְ לֶעבּ נָאךְ, זָאגְט מֶען נָאךְ אִין מַיין נָאמֶען וָואס מֶען וויל וְכוּ', וֶוער וֵוייסְט וָואס מ'וֶועט זָאגְן אִין מַיין נָאמֶען נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט כְּדֶרֶךְ כָּל הָאָרֶץ וְכוּ'? - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וויסְן דָאס מֶען בְּלַייבְּט נִישְׁט לֶעבְּן אֵייבִּיג, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זי"ע הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נד), אַז מֶען דַארְף הָאבְּן זִכָּרוֹן בְּעַלְמָא דְאָתֵי, זִיךְ דֶערְמַאנֶען אַז ס'אִיז דָא נָאךְ אַ וֶועלְט אוּן מֶען וֶועט מוּזְן אִיבֶּערְלָאזְן דִי וֶועלְט. אִיבֶּערְדֶעם הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אֵיינְמָאל פַאר אַלֶעמָאל, אָפְּשְׁרַייבְּן מַיין נְקוּדָה וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זי"ע, כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט פַארְדְרֵייעֶן מַיינֶע וֶוערְטֶער.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים וָואס אִיךְ וֵוייס שׁוֹין פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זי"ע הַיינְט צוּ טָאג

כ"א כִּסְלֵיו תש"ע פִינְף אוּן פוּפְצִיג יָאר. אִיךְ בִּין נִישְׁט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן דוּרְךְ קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, גֶעלוֹיבְּט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. מִיר הָאט קֵיינֶער נִישְׁט אַיינְגֶערֶעדְט וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז וואוּ בְּרֶסְלֶב אִיז וְכוּ' וְכוּ'. אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ קְלֵיין סֵפֶר מִיטְ'ן נָאמֶען "מְשִׁיבַת נָפֶשׁ", אוּן דָאס הָאט מִיר אַרַיינְגֶעגֶעבְּן חַיּוּת, אוּן פַארְעֶנְטְפֶערְט אַלֶע קַשְׁיוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט. דְהַיְינוּ וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ יוּנְג קִינְד, פְלֶעגְט מַיין טַאטֶע זי"ע מִיר קוֹיפְן מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ פוּן צַדִיקִים, אוּן אִיךְ פְלֶעג דָאס אַסַאךְ לֵיינֶען, דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַלֶע צַדִיקִים תַּלְמִידֵי הַבַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי"ע אוּן תַּלְמִידֵי הַמַּגִּיד זי"ע.

אַלְץ יוּנְג קִינְד לֵיינֶענְדִיג דִי מַעֲשִׂיּוֹת, הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט צְוֵויי קַשְׁיוֹת וָואס הָאט מִיךְ לַאנְגֶע יָארְן - פוּן דִי אַכְט יָאר בִּיז דִי פוּפְצְן - זֵייעֶר גֶעאַרְט: א) ווי קוּמְט דָאס אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן נָאר דִי צַדִיקִים? ב) וָואס הֵייסְט זֵיי זֶענֶען אַרוֹיף אוֹיפְן הִימְל - אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סִיפּוּרֵי צַדִיקִים, אַז צַדִיקִים פְּלֶעגְן שְׁפַּאצִירְן אִין הִימְל אַזוֹי וִוי מֶען שְׁפַּאצִירְט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט? וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן דֶעם סֵפֶר "מְשִׁיבַת נָפֶשׁ" אִיז מִיר אַלֶעס פַארְעֶנְטְפֶערְט גֶעוָוארְן: א) יֶעדֶער אִיד קֶען זַיין אַ צַדִיק אוֹיבּ עֶר זָאל נָאר וֶועלְן. ב) אַז אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ יָמִים וְשָׁנִים, קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין אַז דֶער מֹחַ וֶועט אִים וֶוערְן אַזוֹי רֵיין, בִּיז עֶר וֶועט זַיין דָבוּק אִין בּוֹרֵא

כָּל עוֹלָמִים און שְׁפַּאצִירְן מִיט שֵׁמוֹת וִיחוּדִים אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳. הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעהַאט תִּירוּצִים אוֹיף מַיינֶע קַשְׁיוֹת.

**גֶעלוֹיבְּט** דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט קַיין אֵיין מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זִיךְ גֶערוּפְן בְּרֶסְלֶבֶער חָסִיד, און מְמֵילָא הָאט עֶר מִיר נִישְׁט גֶעקֶענְט פַּארְדְרֵייעָן דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער. און אִיךְ דַאנְק בִּיז דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג שׁוֹין פִינְף און פוּפְצִיג יָאר אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט קֵיינֶעם נִישְׁט. וַוייל אִיךְ זֶע הַיינְט וְויאַזוֹי מֶען פַּארְדְרֵייט דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער, און יֶעדֶער אֵיינֶער זָאגְט זַיין מֵיינוּנְג ווִי אַזוֹי עֶר ווִיל וְכוּ׳. בַּיי מִיר אִיז גֶעוֶוען אַ מַתָּנָה פוּן הִימְל ווִי אִיךְ זֶע הַיינְט, אַז וֶוען אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט נָאר דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים. צוּם בַּיישְׁפִּיל, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען אִין מַיינֶע הֶענְט דֶעם שִׁבְחֵי הָרַ״ן און אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס הַנְהָגָה וְויאַזוֹי עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט, הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶעמַאכְט בַּיי מִיר אַז אִיךְ מוּז זִיךְ אַזוֹי פִירְן. יִקוֹב הַדִין אֶת הָהָר! עֶס אִיז בַּיי מִיר נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שׁוּם סָפֵק וּסְפֵק סְפֵיקָא אַז אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ פִירְן.

**דֶעם** עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת - רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים - הָאבּ אִיךְ גְלַייךְ אָנְגֶענוּמֶען אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, כָאטְשׁ אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר יוּנְג אַ פוּפְצְן יֶערִיגְן אִינְגְל. נָאר לֶערְנֶענְדִיג מֶער און מֶער אִין דִי סְפָרִים ״שִׂיחוֹת הָרַ״ן״

מִיט "חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן", וָואס דָאס אִיז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְ'ס שִׂיחוֹת, הָאבּ אִיךְ גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַקֶעגְן פַאסְטְן, אַז מֶען זָאל נִישְׁט נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ קַיין שׁוּם עֶקְסְטֶערֶע תַּעֲנִיתִים אוּן סִיגוּפִים וְכוּ' וְכוּ'. ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זי"ע הָאט אַלֵיין גֶעזָאגְט סוֹף יָמָיו, "וֶוען אִיךְ זָאל וִויסְן אִין דֶער יוּגֶענְט וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת - שִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, ווִי אִיךְ וֵויס הַיינְט, וָואלְט אִיךְ זִיךְ נִישְׁט גֶעפַּיינִיגְט מַיין גוּף מִיט אַזוֹי פִיל תַּעֲנִיתִים אוּן סִיגוּפִים וְכוּ'", דָאס הָאבּ אִיךְ אָנְגֶענוּמֶען גְלַייךְ, אוּן מְמֵילָא הָאט מֶען מִיר נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְפִירְן מִיט קַיין שׁוּם "ווִילְדֶע עֲבוֹדוֹת", נָאר אִיךְ הָאבּ זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ מְקַיֵּים זַיין יֶעדֶע שִׂיחָה.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶערוּט בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעמוּזְט מְקַיֵּים זַיין יֶעדֶע שִׂיחָה פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, הֵן פוּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן, הֵן פוּן חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, אַזוֹי וַוייט אַז סְ'אִיז גֶעוֶוען אֵיין שִׂיחָה וָואס סְ'אִיז מִיר אָנְגֶעקוּמֶען דִי שְׁוֶוערְסְטֶע, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זי"ע הָאט דָאס פַארְצֵיילְט, אַז עֶר הָאט אִין אַ זוּמֶער טָאג גֶעדַאוֶוענְט וָותִיקִין, אוּן גְלַייךְ נָאכְדֶעם אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען אִין פֶעלְד, אוּן בִּיז שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט הָאט עֶר זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען. דִי שִׂיחָה הָאבּ אִיךְ נָאכְגֶעמַאכְט אֵיין מָאל, בְּמֶשֶׁךְ פֶערְצְן שָׁעָה נָאכְאַנַאנְד הָאבְּן הִתְבּוֹדְדוּת, נָאךְ אַלְץ יוּנְג אִינְגְל, דָאס אִיז מִיר גֶעוֶוען דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צוּ בַּאוַוייזְן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעמוּזְט נָאכְמַאכְן. דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע שִׂיחָה וָואס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְגֶעקוּמֶען (עַיֵּן שִׂיחוֹת

הָרַ"ן סִימָן קפ"ג), אָבֶּער נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ פַאַרְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז נָאר אַן אֵיינְמָאלִיגֶע זַאךְ, דֶער עִיקָר וָואס הָאט מִיךְ אִיבֶּער גֶענוּמֶען גְלַייךְ בַּיים אָנְפַאנְג הִתְקַרְבוּת אִיז גֶעוֶוען, דִי שִׂיחָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זי"ע הָאט גֶעגֶעבְּן אַ הַנְהָגָה פַאר עֶטְלִיכֶע פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט - אוּן צְוִוישְׁן זֵיי דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זי"ע - זֵיי זָאלְן זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת (עַיֵּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפ"ה). הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט: פַארְוָואס זָאל אִיךְ נִישְׁט זַיין פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זי"ע הָאט זֵיי דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר אַ תִּיקוּן? אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, כָאטְשׁ סְ'אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער, וַוייל אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען גֶעווֹאוֹינְט צוּ דֶעם, אָבֶּער אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט מִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט פוּן דֶעם אָפְּהַאלְטְן. דָאס הָאט מִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט צוּ אַ מוֹרָא'דִיגֶע הַתְמָדָה אוּן חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה.

אוּן אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען שׁוּלְחָן עָרוּךְ, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מְחַבֵּר רְמָ"א, וָואס בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זי"ע וֶוערְט דָאס אָנְגֶערוּפְן שׁוּלְחָן עָרוּךְ הַקְטַנִּים (עַיֵּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כט), וַוייל דֶעמָאלְטְס אִיז גֶעוֶוען גֶעדְרִיקְט שׁוּלְחָן עָרוּךְ נָאר מְחַבֵּר רְמָ"א. דֶערְוַוייל אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען כַּמָּה וְכַמָּה שָׁנִים וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְפֶעלְט קַיין אֵיין טָאג דִי צְוֵויי לִימוּדִים: חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ כְּסִדְרָן. מֶען רֶעדְט

שוֹין נִישְׁט אַז דֶערְוַוייל הָאבּ אִיךְ מְסַיֵים גֶעוֶוען דֶעם לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן פְּעָמִים אֵין מִסְפָּר, אוּן אוֹיךְ דִי שִׂיחוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זי"ע פְלֶעג אִיךְ עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ בִּקְבִיעוּת; דֶער "שִׂיחוֹת הָרַ"ן" מִיט דֶעם "חַיֵי מוֹהֲרַ"ן", דָאס אִיז גֶעוֶוען מַיין וֶועג וַוייזֶער.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיךְ גֶעהָאלְפְן מִיט דִי מִדָה פוּן עַקְשָׁנוּת, הָאבּ אִיךְ מְסַיֵים גֶעוֶוען דְרַייסִיג חֲדָשִׁים אוּן אֵיין צוּ, נִישְׁט פַארְפֶעלְט יֶעדְן חוֹדֶשׁ דוּרְכְצוּלֶערְנֶען דֶעם גַאנְצְן לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת. אוּן וֶוער זָאגְט וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ דִי שִׂיחָה סִימָן ע"ו, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זי"ע לֶערְנְט אוּנְז דֶעם "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד", הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען גְמָרָא, אוּן מִדְרָשִׁים וְכוּ' וְכוּ', אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט לַאנְגֶע יָארְן, אוּן קֵיינֶער הָאט מִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְרֶעדְן, אוּן אָפְּרֶעדְן "דָאס אִיז נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ", וַוייל בַּיי מִיר אִיז גֶעוֶוען אַ שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים.

בִּיז אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טְרֶעפְן עֶטְלִיכֶע טֵייעֶרֶע אִידְן, וָואס זַיי זֶענֶען גֶעוֶוען בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידִים, אָבֶּער ווִי דֶערְשְׁטוֹינְט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען: אִיךְ אַלְץ נַיינְצְן יֶערִיגֶער בָּחוּר זָאל הָאבְּן אָפְּגֶעלֶערְנְט אַזוֹי פִיל דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוּן אִיךְ רֶעד מִיט זַיי אוּן אִיךְ זֶע, אַז זַיי הֵייבְּן נִישְׁט אָן צוּ ווִיסְן אַ דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן! מֶען רֶעדְט שׁוֹין נִישְׁט מַאֲמָרֵי חַזַ"ל פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָדוֹשׁ,

אַזוי הָאט דֶעמָאלְטְס דָא אויסְגֶעזֶען וְכוּ׳, וְכוּ׳. אִיךְ וֶועל נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין אֲרִיכוּת פוּן מַיינֶע בָּחוּרִישֶׁע יָארְן וָואס אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם שַׁיין אָפְּגֶערָאכְטְן, אִיךְ וִויל נָאר קוּמֶען צוּם נְקוּדָה, דָאס אַלֶע תַּלְמִידִים זָאלְן הֶערְן אוּן לֵיינֶען אוּן גֶעדֶענְקֶען, אוּן נִישְׁט פַארְדְרֵייעֶן מַיינֶע וֶוערְטֶער.

**וְדִיסְן** זָאלְט אִיר וִויסְן, דָאס בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן זי״ע, אִיז גֶעוֶוען דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת: לִימוּד שׁוּלְחָן עָרוּךְ. מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק רוּקְן פוּן אַ סְעִיף קָטָן אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ! דָאס אִיז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין אִידִישְׁקַייט. מֶען רֶעדְט שׁוֹין נִישְׁט וִוי מֶען דַארְף אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַלֶע מִינֵי מִינִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים וָואס טְרָאגְן אִין זִיךְ דֵיעוֹת נִפְסָדוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳. וִוי בַּאוואוּסְט אַז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן זי״ע אִיז גֶעוֶוען דִי עִיקֶר, אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת. אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ל״ג), ״בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיגְקַייט, בַּיי מִיר אִיז דִי עִיקֶר אֱמוּנָה, אַזוי וִוי פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער גְלֵייבְּן, אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת״.

**אוּן** וִוי ס׳אִיז בַּאקַאנְט דִי שִׂיחוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן זי״ע וָואס עֶר הָאט אוּנְז פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט וָואס ס׳וֶועט זַיין פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען: ״דִי וֶועלְט וֶועט זַיין פוּל מִיט אַפִּיקוֹרְסוּת, אוּן זֵייעֶר ווינְצִיג מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן מִיט עֶכְט אִידִישְׁקַייט״, (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ל״ה, וְסִימָן ר״כ). אוּן לֵיידֶער אִיז עֶס מְקוּיָם גֶעוָוארְן בִּמְלוֹא מוּבָן הַמִּילָה דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער, וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער פַארְדְרֵייט

דֶעם אִידִישְׁן וֶועג מִיט פַאלְשֶׁע פָּאלִיטִיק פוּן שֶׁקֶר וְכוּ׳, וָואס בְּאֶמֶת אַ איד קֶען מֶען נִישְׁט זַיין נָאר וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ אָן חָכְמוֹת, אוּן מִיר זָאלְן גֵיין אִין דִי מְסוֹרָה פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אוּן עֶלְטֶערְנ׳ס עֶלְטֶערְן, אַזוֹי וִוי מֶען הָאט זִיךְ גֶעפִירְט אַלֶע דוֹרוֹת נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן כִּי הוּא זֶה פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ. אוּן לֵיידֶער נִישְׁט נָאר דָאס פַארְדְרֵייט מֶען הַיינְט מִיט אַלֶע קוֹלוֹת וְכוּ׳ וָואס קַלִים וְרֵיקִים הָאבְּן עֶרְפִינְדְן וְכוּ׳, וָואס ס׳הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם מְקוֹר אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, נָאר אֲפִילוּ דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶועג פַארְדְרֵייט מֶען אוֹיךְ מִיט אַלֶע מִינֵי שְׁטוּתִים אוּן דִמְיוֹנוֹת וְכוּ׳, וָואס יֶעדֶער פָּגוּם וְכוּ׳ אוּן מְגוּשָׁם וְכוּ׳ אוּן בַּעַל עֲבֵירָה וְכוּ׳ פַארְדְרֵייט דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער וִוי עֶס גְלוּסְט זִיךְ אִים.

**וְזִיסְן** דַארְפְט אִיר וִויסְן, דָאס מִיר הָאבְּן אַ יְרוּשָׁה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן זי״ע, נָאר דִי שִׂיחוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי״ע הָאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי סְפָרִים ״שִׂיחוֹת הָרַ״ן״, אוּן ״חַיֵי מוֹהֲרַ״ן״, ״יְמֵי מוֹהֲרְנַ״ת״; דָאס זֶענֶען שִׂיחוֹת פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן זי״ע. נִישְׁט אַרָאפְּנֶעמֶען, אוּן נִישְׁט צוּלֵייגְן, נָאר מְקַיֵים זַיין אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט דָארְטְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ״ן סִימָן שנ״ח), אַז ״מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה זַיינֶע קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ וֵויים וָואס הֵייסְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד״; וְלָכֵן וֶוער עֶס וִויל זִיךְ רוּפְן אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס נָאמֶען ״בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חָסִיד״ דַארְף זַיין קוֹדֶם אַ בָּקִי אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס שִׂיחוֹת פוּן סֵפֶר ״שִׂיחוֹת

הָרַ"ן" און "חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן" יָשָׁר וְהָפוּךְ און הָפוּךְ וְיָשָׁר, און מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן. ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זי"ע הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נא) "עֶמִיץ זָאלְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, דִי וֶועלְט נַארְט עֶנְק".

מֶען רֶעדְט שׁוֹין נִישְׁט ווי דִי רֶבִּי הָאט גֶעבֶּעטְן יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים עֶר זָאל לֶערְנֶען און חַזֶר'ן זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן", און עֶר הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן שמ"ז וְסִימָן שמ"ט) אַז דֶער סֵפֶר וֶועט מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה, און אַ בַּעַל מֹחַ, און אַ בַּעַל הַשָּׂגָה, און זַיין סֵפֶר אִיז אַתְחַלְתָּא דִגְאוּלָה, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זי"ע אִיז מְגַלֶּה וויאַזוֹי אוּמְקֶערְן זִיךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זי"ע הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זי"ע, עֶר זָאל שְׁרַייבְּן תְּפִילוֹת אוֹיף יֶעדֶע תּוֹרָה פוּן "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן", וָואס פוּן דֶעם אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר "לִיקוּטֵי תְּפִילוֹת" וָואס רֶבִּי נָתָן זי"ע הָאט מֵעִיד גֶעוֶוען אַז "דָאס קוּמְט פוּן שַׁעַר הַחֲמִשִּׁים, און אַסַאךְ אִידְן זִיצְן שׁוֹין אִין גַן עֶדֶן אַ דַאנְק דֶעם לִיקוּטֵי תְּפִילוֹת".

אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זי"ע גֶעבֶּעטְן זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זי"ע, עֶר זָאל מְחַדֵּשׁ זַיין אוֹיף אַרְבַּע חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ אוֹיסְטַייטְשְׁן אוֹיף זַיינֶע הַקְדָמוֹת, וָואס פוּן דֶעם אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת", וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אַזאַ סֵפֶר מִיט הִתְחַזְקוּת ווי דֶער סֵפֶר,

בִּיז רֶבִּי נָתָן ז"ע הָאט עֶס אָנְגֶערוּפְן "אַה! דָאס אִיז דֶעם בַּאשֶׁעפֶער'ס גַּן עֵדֶן".

יֶעצְט הָאט אִיר פַּאר זִיךְ אַ קְלָארְן בִּילְד וָואס אִיז בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידוּת: נָאר לֶערְנֶען אוּן חַזֶר'ן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן מְקַיֵּים זַיין בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת זַיינֶע וֶוערְטֶער, נִישְׁט אַרָאפְּנֶעמֶען אוּן נִישְׁט צוּלֵייגְן; לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן מְקַיֵּים זַיין וָואס מֶען לֶערְנְט; אוּן אוֹיךְ יֶעדְן טָאג אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, אוּן זִיךְ מִשְׁפָּטְ'ן אוֹיבּ מֶען פִּירְט זִיךְ וִוי אַ אִיד דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִירְן, אָדֶער חָלִילָה נִישְׁט. אַ אִיד דַארְף לֶעבְּן מִיט חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, אוֹיבּ מֶען ווִיל פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן ז"ע, בַּאדַארְף מֶען נָאר לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן מְקַיֵּים זַיין וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ז"ע הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שִׂיחָה ע"ו, מֶען קֶען נִישְׁט אַרָאפְּנֶעמֶען, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט צוּלֵייגְן, דָאס אִיז דָאס. אַזוֹי הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעפִירְט אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת יָארְן לַאנְג, בִּיז אִיךְ הָאבּ חַתוּנָה גֶעהַאט. עֶס הָאט מִיר קֵיינֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט פוּן דֶעם צוּנֶעמֶען, - כָאטְשׁ אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעלִיטְן פַאר דֶעם וְכוּ', וָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, דָאךְ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אַן עַקְשָׁן נָאר לֶערְנֶען אוּן חַזֶר'ן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס ז"ע סְפָרִים, אוּן גֶעלֶערְנְט זַיין 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד'.

**נָאכְדֶעם** וָואס אִיךְ הָאבּ חַתוּנָה גֶעהַאט אִיז פְּלוּצְלִינְג - אָן קַיין שׁוּם פִּרְסוּם וְכוּ', אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוּמֶען צוּ מִיר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט רֶעדְן פוּן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, וַוייל אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְטְס אָפְּגֶעדְרוּקְט אַלֶע דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אִין אֵיין יָאר: לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת, סֵפֶר הַמִדוֹת, שִׂיחוֹת הָרַ"ן, חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, וְכוּ', וְכוּ', אוּן עֶס צוּשְׁפְּרֵייט אִין גַאנְץ אַמֶערִיקֶע אִין דִי לֶענְג אוּן אִין דִי בְּרֵייט; וָואס דֶעמָאלְטְס הָאט מֶען נָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז, (לֵיידֶער לֵיידֶער אִיז אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּגֶעטְשֶׁעפֶּעט גֶעוָוארְן נִישְׁט וֵוייניג מְשׁוּגָעִים, וָואס דִי וֶועלְט הָאט גֶעמֵיינְט אַז דָאס זֶענֶען בְּרֶסְלְבֶער) וָואס דֶער אֶמֶת אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד פִירְט זִיךְ פּוּנְקְט ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט עַל פִּי שׁוּלְחָן עָרוּךְ: חֲצוֹת, הִתְבּוֹדְדוּת, תּוֹרָה, תְּפִלָּה, קִיוּם הַמִצְווֹת בְּשִׂמְחָה עֲצוּמָה, שָׁלוֹם בַּיִת, וְכוּ', וְכוּ'.

**פוּן** דֶעמָאלְטְס אָן שְׁנַת תשכ"ד בִּיז הַיינְט שְׁנַת תש"ע, אִיז פַארְלָאפְן גֶעוָוארְן זֶעקְס אוּן פֶערְצִיג יָאר וָואס אִיךְ הָאבּ מְפַרְסֵם גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן זִיךְ גֶעשְׁרִיבְּן מִיט בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי הָאבְּן בַּיי מִיר אָנְגֶעפְרֶעגְט ווִי זִיךְ צוּ פִירְן וְכוּ', אוּן גֶעבֶּעטְן הִתְחַזְקוּת וְכוּ', (וָואס בִּיז הַיינְט אִיז שׁוֹין אָפְּגֶעדְרִיקְט גֶעוָוארְן אִיבֶּער זִיבֶּעצְן טוֹיזֶענְט בְּרִיוו, אִין אַכְט אוּן זִיבֶּעצִיג כְּרַכִים פוּן "אֲשֶׁר בַּנַחַל"). אִיךְ הָאבּ אַלֶעמָאל גֶעלֶערְנְט דִי בָּחוּרִים מִיט אִינְגֶעלַייט זָאלְן זִיךְ פִירְן אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זי"ע הָאט גֶעוָואלְט, אָן קַיין שׁוּם שִׁינוּי, אוּן עֶס אִיז

טַאקֶע אַזוֹי גֶעוֶוען, אוּן ס'אִיז הַיינְט וַוייטֶער אוֹיךְ אַזוֹי. נָאר אַזוֹי וִוי ס'אִיז נִתְרַבָּה גֶעוָוארְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם דֶער קִיבּוּץ פוּן בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידִים אִין דִי צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער כֵּן יִרְבּוּ, אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען דוּרְךְ מִיר מְקוּרָב גֶעוָוארְן, זֶענֶען גֶעוָוארְן רֶבִּי'ס... אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן דֶעם אַז יֶעדֶער אֵיינֶער זָאגְט שׁוֹין פְּשַׁט אִין מִיר... צִי אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעמֵיינְט וְכוּ', אָדֶער אִיךְ הָאבּ יֶענְץ גֶעמֵיינְט וְכוּ'... דֶערְוַוייל לֶעבּ אִיךְ נָאךְ, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער זָאגְט שׁוֹין פְּשָׁטִים אִין מַיינֶע וֶוערְטֶער... וָואס וֶועט שׁוֹין זַיין וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט? וָואס וֶועט מֶען אַלְץ זָאגְן אִין מַיין נָאמֶען? (וָואס פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט פַארַאנְטְוָוארְטְלִיךְ אוֹיף וָואס יֶעדֶער טִיפֶּשׁ זָאגְט נָאךְ אִין מַיין נָאמֶען...).

**גֶעלוֹיבְּט** דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיךְ בִּין נִישְׁט נִשְׁתַּנֶה גֶעוָוארְן בְּמֶשֶׁךְ דִי פִינְף אוּן פוּפְצִיג יָאר כִּי הוּא זֶה, בַּיי מִיר אִיז נָאר וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זי"ע זָאגְט דָאס אִיז קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים, וָואס יֶעדֶער זָקֵן טִיפֶּשׁ זָאגְט וְכוּ' מֵיינְט בַּיי מִיר גָארְנִישְׁט. בִּפְרַט דִי אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן דִמְיוֹנוֹת פוּן נַ נַח וְכוּ' וּכַדוֹמֶה, שְׁטוּתִים וְהַבָלִים וָואס עֶס וֶוערְט נִישְׁט גֶעבְּרֶענְגְט אִין הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דָאס אִיז בָּטוּל וּמְבוּטָל כְּעַפְרָא דְאַרְעָא, חֲדָשִׁים מִקָרוֹב בָּאוּ וְכוּ', מִיר הָאבְּן נִישְׁט נָאר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אוּן דִיבּוּרִים.

**אִיךְ** וָואלְט גֶעקֶענְט מַאֲרִיךְ זַיין צֶענְדְלִיגֶע עַמוּדִים, אָבֶּער מַיין צַייט אִיז זֵייעֶר בַּאגְרֶענִיצְט. מוּז אִיךְ נָאר שְׁרַייבְּן

כַּמָּה נְקוּדוֹת וָואס עֶס אִיז שַׁיָּיךְ לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה. בַּיי מִיר אִין דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" (עַל שֵׁם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זי"ע זָאגְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ט אַז דֶער צַדִיק דוֹרֵךְ מְקָרֵב זַיין נְפָשׁוֹת צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, בּוֹיעֶט עֶר אַ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ", עַיֵּן שָׁם.) בִּין אִיךְ זֵייעֶר מַקְפִּיד אַז מֶען זָאל זִיךְ פִירְן דָארְט מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן מֶען זָאל נִישְׁט אַרֵיינְלָאזְן קַיין שׁוּם "מְשׁוּנֶה קֶרֶן", וַוייל ווי דִי חַזַ"ל זָאגְן 'מְשׁוּנֶה קֶרֶן חָצִי נֶזֶק', עֶצֶם עֶר זָאל זַיין מְשׁוּנֶה, אֲפִילוּ עֶר טוּט גָארְנִישְׁט אִיז שׁוֹין אַ הַאלְבֶּע נֶזֶק. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זי"ע הָאט מוֹרָא'דִיג מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיפְן לְבוּשׁ, אוּן הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קכז) אַז דִי לְבוּשִׁים אַלֵיין זֶענֶען דַן אַ מֶענְטְשׁ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זי"ע הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל גֵיין מִיט רֵיינֶע קְלֵיידֶער, אוּן נִישְׁט צֶערִיסֶענֶע קְלֵיידֶער, אוּן נִישְׁט גֵיין מְשׁוּנֶעדִיג, ווי צֶעלָאזְטֶע פֵּיאוֹת, (עַיֵּן חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תקז). דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זי"ע הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם, מֶען הָאט בַּיי אִים גֶעזֶען שְׁטֶענְדִיג אֵיידֶער עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן גַאס הָאט עֶר מְסַדֵר גֶעוֶוען זַיינֶע פֵּיאוֹת וְכוּ', עֶר הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין שְׁמוּצִיג קְרִיעָה בְּלוּעָה וְכוּ'. ווִיסְן דַארְפְט אִיר ווִיסְן אַז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אִיז קוֹדֶשׁ הַקָדָשִׁים, וָואס מֶען דַארְף אַיינְהַאלְטְן אִין אַלֶע בָּתֵּי מִדְרָשִׁים וָואס וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ", אוּן אִיךְ בִּין אוֹיף דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק מַקְפִּיד, הֵן דָא אִין אַמֶערִיקֶע, אוּן הֵן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל,

וּבִפְרַט אִין יַבְנְאֵל, לָאז אִיךְ נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ אוּנְז אַ מְשׁוּנֶה קֶרֶן בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, אַלֶע וֵוייסְן דָאס. אוֹיסֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן בַּיים קִיבּוּץ הַקָּדוֹשׁ וָואס מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאם פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דָארְט קֶען אִיךְ גָארְנִישְׁט זָאגְן, וַוייל דִי אַלֶע קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן נָאךְ אַ תִּיקוּן, אוּן מֶען טָאר זֵיי גָארְנִישְׁט זָאגְן, סְ'אִיז צוּ הוֹיךְ פַאר אוּנְז אַרַיינְצוּמִישְׁן זִיךְ אִין דִי עִנְיָנֵי תִּיקוּנִים פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אָבֶער אַ גַאנְץ יָאר אִין דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים וָואס אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אִין אַסַאךְ פְּלֶעצֶער אִין דֶער וֶועלְט מִיטְן נָאמֶען "חַסִידֵי בְּרֶסְלֶב הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ", דָארְט בִּין אִיךְ זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם מֶען זָאל נִישְׁט צוּלָאזְן קַיין שׁוּם בְּרוּאִים מְשׁוּנִים וְכוּ'.

**גֶעדֶענְקְט, דָאס דַארְף זַיין אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת בַּיי אוּנְז אִין אַ בְּרֶסְלְבֶער שְׁטִיבְּל:**

**א.** נִישְׁט רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען אוּן בַּיים לֵיינֶען בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, אוּן אַז אֵיינֶער פָאלְגְט נִישְׁט, וַוארְף אִיךְ אִים אַרוֹיס אָן קַיין שׁוּם רַחְמָנוּת.

**ב.** וֶוען מֶען דַאוֶוענְט לֶערְנְט מֶען נִישְׁט, אוּן וֶוען מֶען לֶערְנְט דַאוֶוענְט מֶען נִישְׁט. זְמַן תּוֹרָה לְחוּד, וּזְמַן תְּפִלָּה לְחוּד. מֶען קוּמְט אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ דַאוֶוענֶען דַארְף מֶען דַאוֶוענֶען מִיט אַ סִידוּר פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף, אוּן אוֹיסְהֶערְן דֶעם לֵיינֶען, אוּן זִיךְ פִירְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ וָואס אִיז אַ מִשְׁכָּן פַאר שְׁכִינַת עוּזוֹ יִתְבָּרֵךְ. אוּן

וָוען מֶען לֶערְנְט, לֶערְנְט מֶען אַזוֹי ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ז״ע הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל לֶערְנֶען זַיינֶע שִׁיעוּרִים אוּן זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן בַּיי יֶענֶעם.

**ג.** דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן לד), אַז יֶעדֶער אִיד הָאט אַ נְקוּדָה וָואס דֶער צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט, דֶערְפַאר דַארְף יֶעדֶער אֵיינֶער מְקַבֵּל זַיין דִי נְקוּדַת הַחָבֵר. אִיבֶּער דֶעם אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען זָאל לָאזְן יֶעדְן אֵיינֶעם זָאגְן אוּן רֶעדְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס דִיבּוּרִים, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט מְבַטֵל זַיין דֶעם צְוֵוייטְן בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, נָאר אַז עֶר פַארְדְרֵייט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער. אִיךְ אַלֵיין זָאג שְׁטֶענְדִיג פַאר אַלֶעמֶען בָּרַבִּים: אוֹיב אִיךְ זָאג עֶפֶּעס וָואס עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אִין הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, זָאל מֶען מִיךְ גְלַייךְ אָפְּשְׁטֶעלְן. נִישְׁט שֶׁעמֶען זִיךְ, אוּן פְרֶעגְן ״פוּן וואוּ נֶעמְט אִיר דָאס?״

**ד.** יֶעדֶער טַאטֶע דַארְף זֶען אַז זַיינֶע זוּן זָאלְן זִיצְן נֶעבְּן אִים בַּיים דַאוֶונֶען אוּן נִישְׁט אַרוּמְלוֹיפְן אוּן רִידֶערְן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אָדֶער אִינְדְרוֹיסְן. אַ טַאטֶע מוּז אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַיינֶע זוּן. אַזוֹי ווי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כב, ו) ״חֲנוֹךְ לַנַּעַר עַל פִּי דַרְכּוֹ גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יָסוּר מִמֶּנָּה״, דַרְשֶׁענֶען אוֹיף דֶעם דִי חֲזַ״ל (מִדְרָשׁ מִשְׁלֵי כב), אִם חָנַכְתָּ בִּנְךָ בַּתּוֹרָה, עַד שֶׁהוּא נַעַר, הוּא מִתְגַדֵּל וְהוֹלֵךְ בָּהּ; אָךְ אוּן וֵויי אַז אַ קִינְד זֶעט ווי דֶער טַאטֶע קוּמְט שְׁפֶּעט אַרַיין אִין שׁוּל בַּיים דַאוֶונֶען, אוּן נָאכְדֶעם שְׁטֵייט עֶר אוּן רֶעדְט וְכוּ׳ וְכוּ׳. פַארְוָואס זָאל

דֶער זוּן נִישְׁט נָאכְמַאכְן דֶעם טַאטְן? אָדֶער מֶען זָאל לָאזְן אֵיינֶעם שְׁרֵייעֶן אוּן צֶעלָאזְט זַיין וְכוּ' וְכוּ', וָואס פַאר אַ חִינוּךְ אִיז דָאס פַאר דִי קִינְדֶער אוּן דֶערְוַואקְסֶענֶע?

אִיךְ מֵיין אוֹיבּ מֶען וֶועט זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ דָא גֶעשְׁרִיבְּן, וֶועט זַיין שְׁטֶענְדִיג שָׁלוֹם וְאַהֲבָה אוּן אַחְדוּת צְוִוישְׁן דִי תַּלְמִידִים, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ז"ע הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רצב), אַז דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע אַהֲבָה וָואס עֶס וֶועט זַיין צְוִוישְׁן אוּנְז; (וָואס לֵיידֶער אִיז דִי שִׂיחָה נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק אָנְגֶענוּמֶען צְוִוישְׁן אוּנְז, וִוי בַּאוואוּסְט אַז סְ'אִיז דָא מַחְלוֹקֶת אִינֶעוֵוייְנִיג פוּן תַּלְמִידִים שֶׁלֹּא שִׁמְּשׁוּ כָּל צָרְכָם) אָבֶער יֶעצְט אַז סְ'הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיךְ צְוִוישְׁן דִי תַּלְמִידִים פוּן "הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ" צוּ וֶוערְן וִויכּוּחִים אוּן מַחְלוֹקֶת וְכוּ' וְכוּ', דָאס טוּט מִיר שׁוֹין זֵייעֶר וֵויי, אוּן אִיךְ בִּין מוֹחֶה אוֹיף דֶעם. אִיךְ הָאבּ אַוֶועק גֶעגֶעבְּן מַיין גַאנְץ לֶעבְּן (פִינְף אוּן פוּפְצִיג יָאר פוּן זִיבֶּעצִיג, מֵיינְט אַ גַאנְץ לֶעבְּן) צוּשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַיינְגֶעקוֹיפְט שׂוֹנְאִים מֶער וִוי הָאר פוּן קָאפּ, אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים ס"ט, ה') "רַבּוּ מִשַּׂעֲרוֹת רֹאשִׁי שׂוֹנְאַי חִנָּם", אִיךְ הָאבּ אַלֶעס פַארְלוֹירְן וֶועגְן דֶעם. אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין חֲרָטָה, וָואס אִיךְ הָאבּ מְפַרְסֵם גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגֶען רֶבִּי'ן ז"ע אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט בְּמֶשֶׁךְ אַלֶע יָארְן מִיט מִילְיָאנֶען סְפָרִים, וְכוּ', וְכוּ'.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִי אַלֶע תַּלְמִידִים וָואס זֵיי רוּפְן זִיךְ אָן תַּלְמִידֵי "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ", זָאלְן נִישְׁט זָאגְן קַיין פְּשָׁטִים אִין מַיינֶע וֶוערְטֶער; קוֹדֶם כֹּל לֶעבּ אִיךְ נָאךְ וְכוּ', קֶען מֶען קוּמֶען אוּן פְרֶעגְן, נִישְׁט טוּן אַלֵיין אוּן זָאגְן אַז דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט וְכוּ'. נָאר אֲפִילוּ נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן זֶה הָעוֹלָם וְכוּ', דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דִי טוֹיזֶענְטֶער בְּרִיוו וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן אוּן עֶס אִיז גֶעדְרִיקְט גֶעוָוארְן אִין שַׁאֲלוֹת וּתְשׁוּבוֹת "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן פַאר יְחִידִים, יֶעדֶער אֵיינֶער כְּפִי זַיין אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ וְכוּ', אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער כְּפִי זַיין מַצָב וְכוּ'.

**אִיבֶּערדֶעם** בֶּעט אִיךְ אַז אִין יֶעדְן בֵּית הַמִּדְרָשׁ וָואס ס'וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "חַסִידֵי בְּרֶסְלֶב הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען, זָאל מֶען זִיךְ פִירְן ווִי ס'שְׁטֵייט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן ווִי דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס רָצוֹן אִיז גֶעוֶוען. אוּן מֶען זָאל אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַחְלוֹקֶת אוּן ווִיכּוּחִים, ווַייל מַחְלוֹקֶת אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע פְלֶעגְט זָאגְן, "אַלֶעס קֶען דֶער רֶבִּי פַארְגֶעמֶען, אָבֶּער נִישְׁט קַיין בַּעֲלֵי מַחְלוֹקֶת אוּן עַזּוּת פְּנִימְ'ער". אוּן מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוּן מְקַיֵּים זַיין וָואס דִי חַזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת יד.) לֹא תִתְגוֹדְדוּ - לֹא תַעֲשׂוּ אֲגוּדוֹת אֲגוּדוֹת; דָאס אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ, אוּן ווִי דִי הֵיילִיגֶע חַזַ"ל דֶערְצֵיילְן אוּנְז (יְבָמוֹת צו) מַעֲשֶׂה בְּבֵית הַכְּנֶסֶת שֶׁל טְבֶרְיָה, שֶׁנֶּחְלְקוּ בּוֹ רַבִּי אֱלִיעֶזֶר וְרַבִּי יְהוֹשֻׁעַ עַד שֶׁקָּרְעוּ סֵפֶר תּוֹרָה בַּחֲמָתָן, וְהָיָה שָׁם רַבִּי יוֹסִי בֶּן קִסְמָא וְאָמַר, תָּמֵהַּ אֲנִי אִם לֹא יִהְיֶה בֵּית הַכְּנֶסֶת

זֶה עֲבוֹדָה זָרָה, וְכֵן הַוָה; ווייל אַ בֵּית הַכְּנֶסֶת ווי מֶען קְרִיגְט זִיךְ אַרוּם דָאס קוּמְט פוּן דִי טוּמְאָה נִישְׁט פוּן דִי קְדוּשָׁה. אִיבֶּערדֶעם בֶּעט אִיךְ זֵייעֶר, מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין שׁוּם מַחְלוֹקֶת אִין אַ בֵּית הַכְּנֶסֶת וָואס וֶוערְט גֶערוּפְן "חַסִידֵי בְּרֶסְלֶב הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען, אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועט דִי שְׁכִינָה רוּעֶן בַּיי אוּנְז, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זי"ע וֶועט זַיין מִיט אוּנְז, אַזוֹי ווי עֶר הָאט אַלֵיין גֶעזָאגְט, "אַז אִיר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען וֶועט אִיר מִיךְ מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ אַייךְ".

**צוּם** סוֹף וֶועל אִיךְ דֶערְצֵיילְן אַ קְלֵיינֶעם סִיפּוּר, וָואס פוּן דֶעם סִיפּוּר וֶועט עֶמִיץ קֶענֶען לֶערְנֶען אַסַאךְ זַאכְן. עֶס אִיז בַּאקַאנְט וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיי רַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ מִסַאטְמַאר זי"ע: אֵיינְמָאל פֶּסַח בַּיינַאכְט בַּיים סֵדֶר הָאט עֶר גֶעמַאכְט קִידוּשׁ מִיטְן קַאפְּל נִישְׁט מִיטְן שְׁטְרַיימְל - נַאטוּרְלִיךְ הָאט קֵיינֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט זָאגְן דֶעם רֶבִּי'ן עֶפֶּעס - אוּן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוֹיפְן הֵיסֵב בֶּעט הָאט עֶר זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז עֶר הָאט גֶעמַאכְט קִידוּשׁ נָאר מִיטְ'ן קַאפְּל, הָאט עֶר שְׁפֶּעטֶער זִיךְ גֶעגִיפְט אוֹיפְ'ן עוֹלָם פַארְוָואס מֶען הָאט אִים נִישְׁט אוֹיפְמֶערְקְזַאם גֶעמַאכְט. הָאט עֶר גֶעזָאגְט מִיט אַ וֶוערְטְל, "אִיר וֶועט זַיין בַּאלְד אַזוֹי ווי דִי סְטְרֶעלִיסְקֶער חֲסִידִים!"

**לְגַבֵּי** וָואס זָאג אִיךְ דָאס? אִיךְ לַייד לֵיידֶער אוֹיף דִי נָאז בַּיים אָטֶעמֶען וְכוּ'. פַאר פֶּערְצִיג יָאר צוּרִיק הָאט מִיר אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער גֶעזָאגְט אַז אִיךְ וֶועל מוּזְן דוּרְכְגֵיין

אַן אַפֶּעַראַצְיֶע אויף דִי נָאז. און גֶעלויבְּט דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אָן אַן אַפֶּעַראַצְיֶע, נָאר עַל פִּי רוֹב שְׁטִיק אִיךְ זִיךְ וֶוען אִיךְ בִּין צוּגֶעדֶעקְט מִיטְ'ן טַלִית. וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אָטֶעם וְכוּ' - נֶעם אִיךְ אַרָאפּ דֶעם טַלִית פוּן קָאפּ אויפְן אַקְסְל, און אַזוֹי דַאוְון אִיךְ. מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז דָאס אִיז אַ הַנְהָגָה וְכוּ', און מֶען דַארְף מִיר נָאכְמַאכְן אַזוֹי וִוי אַ מַאלְפֶּע (מָאנְקִי בְּלַעַ"ז)... פוּן דֶעם קְלֵיינֶעם סִיפּוּר קֶען מֶען לֶערְנֶען אויף נָאךְ זַאכְן וָואס מֶען דַארְף מִיר נִישְׁט נָאכְמַאכְן, אַזוֹי וִוי דִי סְטְרֶעלִיסְקֶער חֲסִידִים... דָאס הֵייסְט אַ חָסִיד שׁוֹטֶה, וְדֵי לְחַכִּימָא. מִיר הָאבְּן אַ שׁוּלְחָן עָרוּךְ און פּוֹסְקִים וָואס מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי דָארְטְן שְׁטֵייט.

מֶער פוּן דֶעם קֶען אִיךְ נִישְׁט מוֹסִיף זַיין, און אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס מוֹסִיף צוּ זַיין. אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם נִישְׁט אָפְּגֶעטְרֶעטְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער כִּי הוּא זֶה, און אִיךְ הָאבּ נִישְׁט עֶרְפִינְדְן נֵייעֶ וֶועגְן אִינֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ. בַּיי מִיר אִין יַבְנְאֵל אִיז דָא בִּקְבִיעוּת יֶעדְן טָאג, שַׁבָּת, און יוֹם טוֹב, אַ מִנְיָן וָתִיקִין. מֶען קֶען נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, אִיךְ דַאוְון נָאר שְׁפֶּעטֶער וֶועגְן כַּמָּה טַעֲמִים, אָבֶער נִישְׁט אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַ נֵייעֶם דֶרֶךְ חָלִילָה וְחַס. אִיךְ בִּין לֵיידֶער פַארְיָאגְט מִיט אָנְגֶעוֶוייטָאגְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי קוּמֶען זִיךְ אויסְגִיסְן דִי הַארְץ רוֹב נַאכְט וְכוּ' וְכוּ', וְדֵי לְחַכִּימָא. אִיךְ הָאף אַז אַ יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט קֶענֶען פוּן דֶעם בְּרִיוו אַסַאךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען. און וִוידֶער בֶּעט

אִיךְ, אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט פַּארְדְרֵייעֶן מַיינֶע וֶוערְטֶער: וָואס אִיךְ טְרַאכְט, זָאג אִיךְ; אוּן וָואס אִיךְ זָאג, שְׁרַייבּ אִיךְ; אוּן וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ, דְרִיק אִיךְ; אוּן פַּארְשְׁפְּרֵייט דָאס אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

**דֶער** הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל אַרַיינְגֶעבְּן אִין אוּנְז אַ רוּחַ טַהֲרָה, מֶען זָאל זִיךְ פִירְן אוֹיפְן אִידִישְׁן וֶועג וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן אוּנְזֶערֶע אָבוֹת אוּן אֲבוֹת אֲבוֹתֵינוּ, אוּן ווִי דִי מְסוֹרָה גֵייט מִדּוֹר דּוֹר. נִישְׁט נָאכְמַאכְן חֲדָשִׁים מִקָּרוֹב בָּאוּ וָואס רוּפְן זִיךְ בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה וְכוּ׳, וָואס לֵיידֶער הָאבְּן זֵיי אַן עָבַר פוּן טְרֵיפוֹת וּנְבֵילוֹת, בְּשַׂר הַחֲמוֹרִים וְהַגְּמַלִים וְהַחֲזִירִים וְכוּ׳, וָואס מֶען הָאט זֵיי גֶעשְׁטָאפְּט נֶעבֶעךְ אִין דִי קִיבּוּצִים וְכוּ׳. אוּן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אָפְּשְׁפֶּעטְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן, ווִי חִילוּל שַׁבָּת, וַאֲכִילַת חָמֵץ בְּפֶּסַח, וְכוּ׳, וְכוּ׳, אוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּן כְּרֵיתוּת רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן וְכוּ׳ וְכוּ׳. מִיר דַארְפְן זִיךְ פוּן זֵיי נִישְׁט לֶערְנֶען, אוּן מִיר זֶענֶען נִישְׁט מְקַבֵּל זֵיי פַאר אוּנְזֶערֶע מַנְהִיגִים, אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה. דֶער עִיקָר זֶעט אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אוּן אַהֲבָה צְווִישְׁן עֶנְק, וָואס דוּרְכְדֶעם וֶועט מֶען מְקָרֵב זַיין דִי גְאוּלָה, אַזוֹי ווִי חַזַ״ל זָאגְן (דְּבָרִים רַבָּה פָּרָשָׁה ה׳ סִימָן י״ב) גָּדוֹל הַשָּׁלוֹם שֶׁאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַשֵּׂר אֶת יִשְׂרָאֵל שֶׁיִּהְיוּ נִגְאָלִים אֶלָּא בְּשָׁלוֹם.

**הַמְּאַחֵל לָכֶם בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## ב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר מִקֵּץ כ"ח כִּסְלֵיו (ד' דַּחֲנוּכָּה) ה'תש"ע

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל כְּלַל חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב תַּלְמִידֵי "הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ" הַוַּיָ"ה עֲלֵיהֶם יַשְׁרֶה שְׁכִינָתוֹ תָּמִיד.

**חַסְדֵי** הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ דָאס מִיר זֶענֶען יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן חֲנוּכָּה, וָואס עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין הֵיילִיגְן סֵפֶר "בְּנֵי יִשָּׂשכָר" דָאס בִּשְׁעַת דִי לֶעכְטֶעלֶעךְ פוּן חֲנוּכָּה בְּרֶענֶען דֶעמָאלְטְס לַייכְט דֶער אוֹר הַגָּנוּז וָואס הָאט גֶעלָאכְטְן פַאר אָדָם הָרִאשׁוֹן קוֹדֶם הַחֵטְא. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן פד), דָאס דֶער גְרוֹיסֶער לֶעכְט דֶער אוֹר הַגָּנוּז לַייכְט לְעוֹלָם יֶעדְן טָאג פַארְן מֶענְטְשׁ, נָאר וַוייל לֵיידֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט לֹא עָלֵינוּ, דֶעמָאלְטְס קוּמְט אִים אַרַיין אִין מֹחַ מַחְשָׁבָה שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען וָואס זֵיי טְרַייבְּן אִים אַרוֹיס פוּן שְׁפִּירְן דֶעם גְרוֹיסְן לֶעכְט דֶער אוֹר הַגָּנוּז, דָאס לֶעכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אָבֶער מִיט מִדַּת אַהֲבָה לִיבְּשַׁאפְט אֵיין אִיד צוּם אַנְדֶערְן, קֶען מֶען פַארְטְרַייבְּן דָאס פִינְסְטֶערְנִישׁ, בִּיז עֶר זָאל אוֹיךְ זֶען דֶעם גְרוֹיסְן לֶעכְט דֶער אוֹר הַגָּנוּז, עַיֵּין שָׁם.

**אָבֶער** חֲנוּכָּה בְּעֵת מֶען צִינְדְט אָן דִי לֶעכְטֶעלֶעךְ דֶעמָאלְטְס קֶען יֶעדֶער אִיד שְׁפִּירְן דָאס לֶעכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, - אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן וְכוּ', וֶועגְן דֶעם צִינְדְט מֶען לְמַטָּה מֵעֲשָׂרָה טְפָחִים וְכוּ'. אִיבֶּער דֶעם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן

ב) אַז די טֶעג פוּן חֲנוּכָּה זֶענֶען טֶעג פוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף די חֲסָדִים וְרַחֲמִים גְמוּרִים וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעטוּן. יֶעדֶער אִיד קֶען זֶען אוּן שְׁפִּירְן בַּאשֵׁיינְפֶּערְלִיךְ די חֲסָדִים וְרַחֲמִים גְמוּרִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט מִיט אוּנְז יֶעדֶער טָאג אוּן יֶעדֶע שָׁעָה אוּן יֶעדֶע רֶגַע, אַזוֹי ווי מִיר זָאגְן דְרַיי מָאל אַ טָאג בַּיים דַאוָּוענֶען "נוֹדֶה לְךָ וּנְסַפֵּר תְּהִלָּתֶךָ, עַל חַיֵּינוּ הַמְּסוּרִים בְּיָדֶךָ, וְעַל נִשְׁמוֹתֵינוּ הַפְּקוּדוֹת לָךְ, וְעַל נִסֶּךָ וְעַל נִפְלְאוֹתֶךָ שֶׁבְּכָל עֵת עֶרֶב וָבוֹקֶר וְצָהֳרָיִם, הַטּוֹב כִּי לֹא כָלוּ רַחֲמֶיךָ וְהַמְּרַחֵם כִּי לֹא תַמּוּ חֲסָדֶיךָ". ווי זִים אִיז די תְּפִלָּה אוּן הוֹדָאָה וָואס מִיר לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אוֹיף די אַלֶע גוּטְס וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז, דָאס דַארְף אוּנְז אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה. וָוארוּם אַז דֶער מֶענְטְשׁ בַּאטְרַאכְט גוּט גוּט די גְרוֹיס רַחְמָנוּת וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אוֹיף אוּנְז, אוּן עֶר הִיט אוּנְז אָפּ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן פוּן אַלֶע קְרֶענְק, אוּן פוּן אַלֶע צָרוֹת וְיִסּוּרִים, דָאס דַארְף אוּנְז אַרַיינְבְּרֶענְגֶען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, וַוייל סְ'אִיז נָאכְנִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא שִׂמְחָה וָואס דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אוֹיף זִיךְ דָאס רַחְמָנוּת פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים: עֶר אִיז גֶעזוּנְט, זַיין וַוייבּ אִיז גֶעזוּנְט, אוּן די קִינְדֶער זֶענֶען גֶעזוּנְט, מִיט דֶעם אַלֵיין קֶען מֶען שׁוֹין פְרֵיילִיךְ זַיין.

**וָוארוּם** לֵיידֶער ווִיפִיל קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פַארְהַאנֶען מִיט אַלֶע סָארְטְן מַחֲלוֹת וַחֲלָאִים רָעִים וְכוּ' וְכוּ'?

דֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זָאל שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה פַאר אַלֶע

קְרַאנְקֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער. - און אַז עֶר אִיז גֶעזוּנְט, מִיט דֶעם אַלֵיין דַארְף עֶר זִיךְ פְרֵייעֶן וָואס דָאס אִיז דִי בְּרָכוֹת וָואס מִיר בֶּענְטְשְׁן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדְן טָאג: "פּוֹקֵחַ עִוְרִים", - אִיךְ הָאבּ אוֹיגְן אוּן קֶען זֶען. - לֵיידֶער וִויפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען בְּלִינְד, לֹא עָלֵינוּ; "זוֹקֵף כְּפוּפִים", - אִיךְ קֶען שְׁטֵיין. - לֵיידֶער וִויפִיל מֶענְטְשְׁן לִיגְן אִין בֶּעט אוּן קֶענֶען נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין; "הַמֵּכִין מִצְעֲדֵי גָבֶר", - אִיךְ קֶען גֵיין מִיט מַיינֶע אֵייגֶענֶע פִּיס. - לֵיידֶער וִויפִיל מֶענְטְשְׁן מוּז מֶען פִירְן מִיט אַ וִוילְטְשֶׁער; אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט דִי נִסִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים טוּט מִיט אִים יֶעדְן טָאג אוּן יֶעדֶע שָׁעָה, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן, (נִדָּה לא.) לְעוֹלָם אֲפִילוּ בַּעַל הַנֵּס אֵינוֹ מַכִּיר בְּנִיסּוֹ; דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט נִסִים מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם יֶעדְן טָאג יֶעדֶע שָׁעָה אוּן יֶעדֶע רֶגַע, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט גָארְנִישְׁט.

**און** אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין מֶדְרָשׁ (שׁוֹחֵר טוֹב תְּהִלִּים קו) אִי אֶפְשָׁר לְעוֹלָם בְּלֹא נִיסִין וּבְלֹא פְּלָאִין. כֵּיצַד: אָדָם נָתוּן עַל גַּבֵּי הַמִּטָּה וְהַנָּחָשׁ בָּאָרֶץ לְפָנָיו וּבָא לַעֲמוֹד וְהִרְגִּישׁ בּוֹ הַנָּחָשׁ, כֵּיוָן שֶׁבָּא לִיתֵּן רַגְלוֹ עָלָיו בָּרַח הַנָּחָשׁ מִפָּנָיו, וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ מַה פְּלָאֵי עָשָׂה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עִמּוֹ. וּמִי יוֹדֵעַ? הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, שֶׁנֶּאֱמַר, "לְעוֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדוֹלוֹת לְבַדּוֹ", הוּא לְבַדּוֹ יוֹדֵעַ נִיסִים וְנִפְלָאוֹת שֶׁעוֹשֶׂה עִמָּנוּ.

**דֶער** דֶרֶךְ פוּן דֶעם סמ"ךְ מֶ"ם אִיז צוּ מַאכְן פַארְגֶעסְן דִי טוֹבוֹת אוּן גוּטְס וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט

מִיט אוּנְז, אוּן עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ יִאוּשׁ אוּן צוּבְּרָאכְנְקַייט, אַזוֹי וִוי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אִים דֶערְוַוייל נָאךְ קֵיינְמָאל קַיין טוֹבָה נִישְׁט גֶעטוּן. אוּן דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם צוּבְּרֶעכְט יֶעדְן מֶענְטְשׁ אוּן דֶערְמַאנְט אִים זַיין שְׁלֶעכְטְס וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעטוּן, אוּן וַוארְפְט אִים אַרַיין אִין אַ פִינְסְטֶערְנִישׁ, אוּן אִין אַ דִיפְּרֶעסְיֶע, עֶר זָאל שְׁפִּירְן אַזוֹי וִוי עֶר אִיז דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן פוּן אִים וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין, אוּן אַזוֹי וִוי מֶען הָאט אִים נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהָאלְפְן. אוֹיף דֶעם קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אוּן אִיז לוֹחֵם מִיטְן סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן בְּרֶענְגְט אַרַיין הָאפֶענוּנְג אִין יֶעדְן אִידִישׁ קִינְד, אוּן עֶר אִיז אִים מְגַלֶה דִי גוּטְס וָואס אִיז דָא אִין אִים. וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נז.) אוֹיפְן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ד') "כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ", מַאי רַקָּתֵךְ? אֲפִילוּ רֵיקָנִין שֶׁבָּךְ מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן; אֲפִילוּ דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ מִצְווֹת וִוי אַ מִילְגְרוֹים, (דִי מְקוּבָּלִים זָאגְן אִין אַ מִילְגְרוֹים אִיז דָא תַּרְיַ"ג קֶערְנְדְלֶעךְ) קוּמְט אוֹיס אֲפִילוּ דֶער לֵיידִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ תַּרְיַ"ג מִצְווֹת. וִוי אַזוֹי? וָוארוּם דִי חַזַ"ל זָאגְן (מִדְרָשׁ מִשְׁלֵי א') כָּל הַמְקַיֵים מִצְוָה אַחַת כְּאִילוּ קִיֵים כָּל הַתּוֹרָה; אוּן וָואס פַאר אַ אִיד הָאט נִישְׁט גֶעטוּן אִין זַיין לֶעבְּן אֵיין מִצְוָה? אֲפִילוּ דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ הָאט כָאטְשׁ אֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן גֶעטוּן אַ מִצְוָה.

**דֶערְפַאר** הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפב) אַז מֶען דַארְף יֶעדְן אֵיינֶעם דַן זַיין לְכַף זְכוּת. אוּן אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף יֶענֶעם דַן זַיין

לְכַף זְכוּת, דַארְף מֶען זִיךְ אַלֵיין אוֹיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת, ווִי נִישְׁט הָאט עֶר אִין זִיךְ אוֹיךְ אֵיין מִצְוָה, וָואס דָאס אִיז דִי כַּוָונָה פוּן פָּסוּק (תְּהִלִּים לז) "וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ", דָאס דֶער פָּסוּק לֶערְנְט אוּנְז אַז דוּ וֶועסְט אִין זִיךְ טְרֶעפְן אַבִּיסְל גוּטְס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן, דֶעמָאלְטְס בִּיזְטוּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין רָשָׁע, אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ גוּט צוּקוּקְן וֶועסְט זֶען אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ, וַוייל דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וַוארְפְט אַריין אַ מֶענְטְשׁ אִין אַ צוּבְּרָאכְנְקֵייט אוּן אִין אַ יִאוּשׁ אַז עֶר הָאט שׁוֹין קַיין שׁוּם תַּקָנָה נִישְׁט. אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן טְרֶעפְט בַּיי זִיךְ גוּטְס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן מִצְווֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, (וָואס יֶעדֶער אִיד הָאט אִין זִיךְ, ווִי צִיצִית, תְּפִילִין, שַׁבָּת, וְכוּ' וְכוּ') ווִי נִישְׁט הָאט יֶעדֶער אִיד גֶעטוּן כַּמָה וְכַמָה מִצְווֹת אִין זַיין לֶעבְּן, וָואס מִיט דֶעם קֶען עֶר זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן. אָבֶּער דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם מַאכְט דָאס פַארְגֶעסְן פוּן מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר צוּבְּרֶעכְט אִים אִינְגַאנְצְן בִּיז עֶר בְּרֶענְגְט אִים צוּ אַ יִאוּשׁ אוּן אַ פִינְסְטֶערְנִישׁ, דָאס לֶעבְּן אִיז אִים פִינְסְטֶער אוּן פַארְבִּיטֶערְט.

**דֶערְפַאר** הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אַ אִיד ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, זָאל עֶר דֶער עֶרְשְׁטֶער זַאךְ פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁעהְן, ווִי עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כח) "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע חִסָרוֹן, 'אוֹי וֵויי, ווִי הָאב אִיךְ גֶעקֶענְט פַארְגֶעסְן'...?, בַּיי מִיר" - הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט - "אִיז שִׁכְחָה אַ

גְרויסֶע מַעֲלֶה, און גְלַייך ווי ס'איז אַריבֶער, פַארְגֶעס איך גְלַייך וָואס איז גֶעוֶוען, און איך הֵייב אָן פוּנְדָאסְנֵיי", וָואס דָאס איז דֶער עִיקֶר תְּשׁוּבָה, פַארְגֶעסְן וָואס איז גֶעוֶוען און אָנְהֵייבְּן פון יֶעצְט אָן. ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אויף זִיך גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רמז), חִידוּשׁ כָּמוֹנִי עֲדַיִין לֹא הָיָה בָּעוֹלָם; וָואס אוּנְזֶערֶע לַייט הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דָאס גֵייט אַרויף אויף דֶעם עִנְיָן פון הִתְחַדְּשׁוּת, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "בַּיי מִיר אִיז יֶעדֶע טָאג יֶעדֶע שָׁעָה יֶעדֶע רֶגַע אַ נֵייעֶ זַאך, לֹא מִיבָּעְיָא יֶעדֶער דִיבּוּר אִיז בַּיי מִיר נֵיי, נָאר אֲפִילוּ יֶעדֶער אָטֶעם אִיז בַּיי מִיר נֵיי".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַ וֶועג פון זִיך בַּאנֵייעֶן יֶעדְן טָאג יֶעדֶע שָׁעָה און יֶעדֶע רֶגַע. אִיך בִּין אַ נֵייעֶ מֶענְטְשׁ, וָואס דָאס איז דֶער עִיקֶר תְּשׁוּבָה, ווי דִי חֲזַ"ל זָאגְן בַּיי אָדָם הָרִאשׁוֹן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה כ"א סִימָן ו'), אויף דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ד', כ"ב) "וְעַתָּה פֶּן יִשְׁלַח יָדוֹ", מְלַמֵד שֶׁפָּתַח לוֹ הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פֶּתַח שֶׁל תְּשׁוּבָה 'וְעַתָּה', אֵין 'וְעַתָּה' אֶלָא תְּשׁוּבָה, שֶׁנֶאֱמַר (דְבָרִים י) "וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹהֶיךָ" וְגוֹ'. "וְעַתָּה" מֵיינְט "פון יֶעצְט", דָאס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט גֶעעֶפְנְט פַאר אָדָם הָרִאשׁוֹן אַ טִיר פון תְּשׁוּבָה, וָואס פַארַא טִיר? "זָאלְסְט וִויסְן אָדָם: וָואס עֶס איז גֶעוֶוען איז גֶעוֶוען, הֵייב אָן פון יֶעצְט!". וָואס דָאס מֵיינְט "וְעַתָּה - פון יֶעצְט"; 'אֵין וְעַתָּה אֶלָא תְּשׁוּבָה' "וְעַתָּה" מֵיינְט "תְּשׁוּבָה". דָאס הֵייסְט, "פון יֶעצְט אָן קוּם צוּרִיק צוּ מִיר" - זָאגְט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

אִיבֶּערדֶעם, יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה וֶוען דִי לֶעכְטֶעלֶעךְ בְּרֶענֶען, אוּן עֶס שַׁיינְט אַרוֹיס פוּן זֵיי דֶער אוֹר הַגָּנוּז, דָאס לֶעכְטִיגְקֵייט וָואס הָאט גֶעלָאכְטְן פַאר אָדָם הָרִאשׁוֹן פַּארְן זִינְד, יֶעצְט אִיז דִי צַייט זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן. וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע זָאגְט, (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת חֲנוּכָּה, הֲלָכָה א') חֲנוּכָּה אִיז דֶער טַייטְשׁ לְשׁוֹן חִינוּךְ, זִיךְ מְחַנֵךְ זַיין, בַּאנֵייעֶן זִיךְ. אִיבֶּערדֶעם צִינְדְט מֶען דָאס עֶרְשְׁטֶע נַאכְט אֵיין לִיכְטְל, אוּן דָאס צְוֵוייטֶע נַאכְט אֵיינְס, צְוֵויי, אוּן דִי דְרִיטֶע נַאכְט אֵיינְס, צְוֵויי, דְרֵיי, וְכוּ', וְכוּ', דָאס הֵייסְט יֶעדְן נַאכְט פוּן חֲנוּכָּה גֵייט מֶען צוּרִיק פוּן אָנְפַאנְג, מֶען מַאכְט אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה. אוּן אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סב) דָאס מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן מֶען אִיז שׁוֹין מְקוֹרָב צוּם צַדִיק, נָאר יֶעדֶעס מָאל וֶוען מֶען קוּמְט צוּם צַדִיק דַארְף מֶען ווִיסְן מֶען קוּמְט פוּן נַיי, אַזוֹי ווִי מֶען אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי אִים, דֶעמָאלְטְס קֶען מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ נֶעמֶען פוּן אִים. אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט בַּיי זִיךְ "אִיךְ בִּין שׁוֹין אַן אַלְטֶער מְקוֹרָב, אוּן אִיךְ וֵוייס וָואס דֶער צַדִיק זָאגְט", דֶער וֵוייסְט גָארְנִישְׁט.

אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג ווִיסְן אַז עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן, יֶעצְט הֵייבְּט עֶר אָן פוּן עֶרְשְׁטְן מָאל אוּמְקֶערְן זִיךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אוֹיף אַזַא וֶועג וֶועט עֶר שְׁטֶענְדִיג שְׁטֵייגְן הֶעכֶער, הֵן אִין יִרְאַת שָׁמַיִם, הֵן אִין לִימוּד הַתּוֹרָה, הֵן מְקַבֵּל זַיין פוּן צַדִיק. אָבֶּער דִי מִינוּט אַז עֶר הַאלְט עֶר אִיז שׁוֹין אַ גְרוֹיסֶער יְרֵא שָׁמַיִם אוּן קֶען אַסַאךְ לֶערְנֶען,

אוּן וֵוייסְט שׁוֹין וָואס דֶער צַדִיק ווִיל, דֶער נֶעבֶּעךְ שְׁטֵייט אִינְדְרוֹיסְן אִינְגַאנְצְן.

וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע הָאט גֶעטַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית י"ח, א') "וְהוּא יוֹשֵׁב פֶּתַח הָאֹהֶל כְּחוֹם הַיוֹם", אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעזֶעצְן מִיט דִי מַחְשָׁבָה בַּיי דִי טִיר אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען, הָאט עֶר אַלְץ גֶעהַאלְטְן אַז עֶר זִיצְט נָאךְ בַּיי דִי טִיר אוּן עֶר הָאט נָאךְ גָארְנִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן, אֲפִילוּ עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאט אִין זִיךְ אַ בְּרֶענֶעדִיג הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים 'כְּחוֹם הַיוֹם', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר גֶעהַאלְטְן אַז עֶר זִיצְט נָאךְ בַּיי דִי טִיר. אוּן דַיְיקָא אוֹיף דֶעם וֶועג קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, צוּרִיקְקֶערְן זִיךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט בַּיי זִיךְ אַז יֶעצְט הֵייבְּט עֶר אָן פוּן נֵיי, יֶעצְט הֵייבְּט עֶר אָן דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל צוּ דַאוֶוענֶען, יֶעצְט הֵייבְּט עֶר אָן דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל צוּ לֶערְנֶען, יֶעצְט הֵייבְּט עֶר אָן דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל מְקַיֵים צוּ זַיין דִי מִצְוֹות, דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה.

אַזוֹי ווִי דֶער מַאֲמַר הַחָכָם "אֵין חוֹזֶק חֲסִידוּת כִּתְחִילָתָהּ", ס'אִיז נָאכְנִישְׁט דָא אַזַא שְׁטַארְקֵייט בַּיים מֶענְטְשׁ ווִי דָאס אָנְהֵייבּ. דֶערְפַאר לֶערְנְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב פוּן חֲנוּכָּה אַ נֵייעֶ לִימוּד - "הִתְחַדְשׁוּת", בַּאנֵייעֶן זִיךְ - "חֲנוּכָּה" מֵיינְט זִיךְ מְחַנֵךְ זַיין. נִישְׁט ווִי דִי יְוָנִים הָאבְּן אוּנְז גֶעוָואלְט אַרַיינְוַוארְפְן אִין אַ יִאוּשׁ, דָאס מִיר זֶענֶען שׁוֹין

פַּארְפַאלְן, מִיר זִינְקֶען שׁוֹין אִין אַ גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע, ווִי ס'שְׁטֵייט (תְּהִלִּים סט, ג) "טָבַעְתִּי בִּיוֵן מְצוּלָה וְאֵין מָעֳמָד", דָאס אִיךְ זִינְק אִין אַ גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע, אוּן אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין.

**דָאס** אִיז גֶעוֶוען דִי קְלִיפָּה פוּן יָוָן, אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אַ מֶענְטְשׁ אַ יִאוּשׁ אַז דוּ זִינְקְסְט שׁוֹין אִין אַ גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע וָואס דוּ וֶועסְט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען שְׁטֵיין בְּלַייבְּן. אָבֶּער דִי צַדִּיקִים אִין יֶענֶע צַייט הָאבְּן אוּנְז אַרַיינְגֶעשַׁיינְט אַ לֶעבְּטִיגְקֵייט פוּן אֱמוּנָה הַקְדוֹשָׁה, גְלֵייבְּן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז ס'אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁפֶּעט, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְפַאלְן. אֲפִילוּ וֶוען דִי יְוָנִים הָאבְּן מְטַמֵא גֶעוֶוען אַלֶע אוֹילְן - וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס'), אַז דֶער מֹחַ פוּן מֶענְטְשׁ בַּאשְׁטֵייט פוּן אוֹיל, וָואס אִיז מְרַמֵז אוֹיף דַעַת, אוּן דִי יְוָנִים הָאבְּן מְטַמֵא גֶעוֶוען אַלֶע מוֹחוֹת פוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן, כְּאִילוּ אַלֶעס אִיז טֶבַע מִקְרֶה וּמַזָל, - פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעטוֹן פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַ נֵס, אַז ס'אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַ קְלֵיין קְרִיגֶעלֶע אוֹיל - דָאס הֵייסְט דֶער שֵׂכֶל פוּן צַדִּיק הָאֱמֶת וָואס אִיז רֵיין - שֶׁהָיָה חָתוּם בְּחוֹתָמוֹ שֶׁל כֹּהֵן גָדוֹל, - דָאס הֵייסְט רֵיינֶע אֱמוּנָה אִינֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. נִישְׁט זִיךְ לָאזְן נַארְ'ן מִיט דֵיעוֹת נִפְסָדוֹת דֵיעוֹת כּוֹזְבוֹת, מִינוּת וְאַפִּיקוֹרְסוּת וְכוּ', כְּאִילוּ מֶען קֶען זִיךְ אַלֵיין הֶעלְפְן וְכוּ', כְּאִילוּ מֶען קֶען זִיךְ אַלֵיין אוֹיסְלֵייזְן וְכוּ', וָואס דָאס אִיז אַלֶעס קְלִיפַּת תַּרְבּוּת יָוָן.

**אָבֶער** דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אוֹיף אוּנְז רַחְמָנוּת, און אִין יֶעדְן דוֹר שִׁיקְט עֶר אוּנְז צַדִיקִים, וָואס זֵיי עֶפֶּענֶען אוֹיף פַאר אוּנְז דָאס קְרִיגֶעלֶע אוֹיל, וָואס אִיז חָתוּם בְּחוֹתָמוֹ שֶׁל כֹּהֵן גָדוֹל. דֶער דַעַת הָאֶמֶת וָואס עֶס צִיט זִיךְ מִדוֹר דוֹר, כְּפִי מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן אוּנְזֶערֶע אָבוֹת אֲבוֹתֵינוּ, בִּיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואס הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה אוֹיפְ'ן בַּארְג סִינַי. אִיבֶער דֶעם טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, אֲפִילוּ סְ'אִיז וִוי סְ'אִיז.

**אֲפִילוּ** עֶס קוּקְט אוֹיס דָאס שְׁוַוארְצְטֶע און טוּנְקְלְסְטֶע אִין לֶעבְּן, וְכוּ', דַארְף מֶען וִויסְן אַז עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא אַ הָאפֶענוּנְג - אוֹיב מֶען וֶועט זִיךְ הַאלְטְן בַּיים צַדִיק הַדוֹר וָואס בַּיי אִים לַייכְט דֶער אוֹר הַגָנוּז. און וֶוער עֶס וֶועט זִיךְ הַאלְטְן בַּיי אִים, וֶועט אִים אוֹיךְ לַייכְטְן דִי אֱמוּנָה הַקְדוֹשָׁה אִינֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז עֶר וֶועט וִויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בַּאשֶׁעפֶער. וָואס מֶען זֶעט און וָואס מֶען הֶערְט, אִיז אַלֶעס כְּרוּזִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים רוּפְט אוּנְז. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נ"ב), פוּן אַלֶע זַאכְן שְׁרֵייט אַרוֹיס כַּבְיָכוֹל דֶעם בַּאשֶׁעפֶערְ'ס קוֹל, און רוּפְט דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים. אַז וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס לֵייגְט צוּ דֶער אוֹיעֶר, און עֶר הֶערְט דֶעם כְּרוּז וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער רוּפְט אִים עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים.

**מִיר,** וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וִויסְן פוּן אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן וָואס לֶערְנְט אוּנְז וִוי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין

דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת, דַארְפְן זַייעֶר זַייעֶר דַאנְקְבַּאר זַיין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס אִיז דֶער גֶרֶעסְטֶער חֶסֶד חִינָם אַז מִיר הַאלְטְן זִיךְ בַּיי אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן, און מִיר קְרִיגְן נִישְׁט אוֹיף אִים חָלִילָה, מֶען לֶערְנְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, און מִיר פְּרָאבִּירְן מְקַיֵּים צוּ זַיין יֶעדֶע הַנְהָגָה זַיינֶע, און פָאלְגְן יֶעדֶע עֵצָה זַיינֶע, ווי אַזוֹי זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**דָאס** עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אִיז, דָאס יֶעדֶער אִיד זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס דָאס הֵייסְט "הִתְבּוֹדְדוּת". דְהַיְינוּ עֶר זִינְדֶערְט זִיךְ אָפּ אִין אַ בַּאהַאלְטְן פְּלַאץ ווּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, און רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס גַאנְצֶע הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי ווי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר אַ גוּטְן פְרֵיינְד, וָואס יֶעדֶע תְּפִלָּה און יֶעדֶע בַּקָשָׁה וָואס אַ אִיד בֶּעט וֶוערְט צוּגֶעהֶערְט אִין הִימְל, און עֶס מַאכְט אַ גְרוֹיסְן רַעַשׁ אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת. און ווי דִי חַזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא וַיֵּרָא), אָמַר לָהֶן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְיִשְׂרָאֵל, הֱווּ זְהִירִין בִּתְפִלָּה, שֶׁאֵין מִדָּה אַחֶרֶת יָפָה הֵימֶנָּה, וְהִיא גְדוֹלָה מִכָּל הַקָּרְבָּנוֹת וְכוּ', וַאֲפִילוּ אֵין אָדָם כְּדַאי לֵעָנוֹת בִּתְפִלָּתוֹ וְלַעֲשׂוֹת חֶסֶד עִמּוֹ, כֵּיוָן שֶׁמִּתְפַּלֵּל וּמַרְבֶּה בְּתַחֲנוּנִים אֲנִי עוֹשֶׂה חֶסֶד עִמּוֹ; וָוארוּם תְּפִלָּה וָואס אַ אִיד בֶּעט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אִין הִימְל זַייעֶר זַייעֶר חָשׁוּב. און אוֹיף דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זִיךְ

זַייעֶר גֶעשְׁטֶעלְט, אַז יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן זַיינֶע מְקוֹרָבִים זָאל זַיין שְׁטַארְק אִין דֶעם יֶעדְן טָאג, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן בֶּעטְן וָואס מֶען ווִיל, דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען זִיכֶער קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן צוּ אַלֶעם גוּטְן.

**אַז** מֶען הֵייבְּט אָן צוּ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיז דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף מֶען גֶעבְּן שְׁטֶענְדִיג אַ דַאנְק אוֹיף דִי חֲסָדִים וְרַחֲמִים גְמוּרִים וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט, אוּן אַזוֹי וֶועט פַארְבְּרֵייטֶערְט וֶוערְן זַיין הַארְץ צוּ קֶענֶען בֶּעטְן וַוייטֶער.

**אַ** אִיד דַארְף בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל עֶס אִיז נָאכְבִּישְׁט דָא אַזַא גוּטֶע מִדָה וִוי שִׂמְחָה. וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד), מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָמִיד. נִישְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גִיט אַן עֵצָה אַז מֶען זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ - נָאר עֶר זָאגְט, אַז דָאס אִיז אַ מִצְוָה וָואס אִין דֶעם אִיז כָּלוּל אַלֶע מִצְוֹות. וַוייל וֶוען אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ, מִיט דֶעם וַוייזְט עֶר אַז עֶר אִיז אַ מַאֲמִין אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס אִיז דִי בְּרָכָה וָואס מִיר זָאגְן יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי, "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי".

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ מִסַאסוֹב זי"ע פְלֶעגְט זָאגְן, "וֶוען אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף אוּן זָאג דִי בְּרָכָה 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי' הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אָפְּגֶענוּמֶען אַלֶעס. וָוארוּם מִיט

דֶעם בִּין אִיךְ זִיךְ מְחַיֶה אַ גַאנְצְן טָאג, נָאר מִיט דֶעם וָואס אִיךְ וֵויים אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אַ גוֹי, דָאס אִיז מֵיין גְרֶעסְטֶער שִׂמְחָה". אוּן וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י'), אוֹיף דֶעם קֶען דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן אַ מֶענְטְשׁ, וַוייל וִוי נִישְׁט בִּין אִיךְ גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ אִיד, אוּן מִיט דֶעם קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן. אוּן וֶוען אַ אִיד פְרֵייְדְט זִיךְ מִיט דֶעם, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה אִין אֱמוּנָה, אַ אִיד הָאט פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אִינֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים, דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה. אוּן אוֹיף דֶעם פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זֵייעֶר שְׁטַארְק, דָאס אַ אִיד זָאל נִישְׁט פְרֵיילִיךְ זַיין, אוּן מְמֵילָא בְּרֶענְגְט עֶר אִים אַרַיין אַלֶע מִינֵי מַחְשָׁבוֹת פוּן כְּפִירוּת וְאַפִּיקוֹרְסוּת רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן.

אוּן אַלֶע תַּאֲווֹת פוּן שְׁמוּץ קוּמְט נָאר פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קכ"ט), אַז אַלֶע עֶקְלְדִיגֶע שְׁמוּצִיגֶע גֶעמֵיינֶע תַּאֲווֹת קוּמְט צוּם מֶענְטְשׁ נָאר פוּן עַצְבוּת, טְרוֹיעֶרְדִיגְקֵייט, מָרָה שְׁחוֹרָה, פַארְבִּיטֶערְנִישׁ. דֶערְפַאר דַארְף אַ אִיד דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ בֶּעטְן שְׁטֶענְדִיג אוֹיף שִׂמְחָה, עֶר זָאל פְרֵיילִיךְ זַיין. כָּאטְשׁ עֶס קוּמְט גְלַייךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן פְרֶעגְט אִים "וָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי פְרֵיילִיךְ?", אוּן דֶערְמַאנְט אִים אַלֶע זַיינֶע עֲווֹנוֹת וַחֲטָאִים חַטְּאוֹת נְעוּרִים וְכוּ' וְכוּ', אוֹיף דֶעם דַארְף עֶר גְלַייךְ נוּצְן דֶעם מִדָּה פוּן שִׁכְחָה, "אִיךְ וֵויים גָארְנִישְׁט! אִיךְ בִּין אַ אִיד, גֶעבּוֹירְן אַ אִיד, אוּן פְרֵיי זִיךְ מִיט דֶעם אַז אִיךְ בִּין

אַ איד - שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", וָואס אוֹיף דֶעם קֶען דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם גָארנִישְׁט טוּן. אִיבֶּער דֶעם זֶעט מֶען ווִי דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַּארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף דֶער לֶענְג אוּן אוֹיף דֶער בְּרֵייט אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶן אִין דֶעם מֶענְטְשׁ עַצְבוּת, טְרוֹיעֶרְקֵייט אוּן דֶערְבִּיטֶערְנִישׁ, וָואס דָאס אִיז דִי קְלִיפָּה פוּן דִי יְוָונִים אוּן מִתְיַיוְונִים, וָואס טְרֶעטְן אָפּ פוּן אִידִישְׁן וֶועג רַחְמָנָא לִיצְלָן.

**דֶערְפַּאר** קֶען אַ מֶענְטְשׁ בַּיי זִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ עֶר הָאט רֵיינֶע אֱמוּנָה אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם לְהֵיפֶךְ: אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ מִיט דָאס פִּינְטֶעלֶע אִיד וָואס עֶס אִיז דָא אִין אִים? דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם בַּיים בַּאשֶׁעפֶער שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים א׳ ט"ז, כ"ז) "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ", דָארְטְן אִיז נָאר פְרֵיילִיךְ. אוּן חָלִילָה וְחַס אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין עַצְבוּת, מָרָה שְׁחוֹרָה, דֶערְבִּיטֶערְנִישׁ, זָאל עֶר גְלַייךְ ווִיסְן אַז - רַחְמָנָא לִצְלָן - דִי אֱמוּנָה אִיז בַּיי אִים נִישְׁט גַאנְץ. אִיבֶּער דֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע אִידְן וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה.

**וְוִי** דִי חַזַ"ל פַארְצֵיילְן (תַּעֲנִית כב.), רֶבִּי בְּרוֹקָא חוֹזָאָה פְלֶעגְט זַיין אִין דִי מַארְק פוּן דִי שְׁטָאט לְפָט, אוּן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז מִיט אִים אַלְץ מִיטְגֶעגַאנְגֶען. אֵיינְמָאל פְרֶעגְט רֶבִּי בְּרוֹקָא פוּן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא: "אִיז דָא אִין דֶעם מַארְק אֵיינֶער וָואס

הָאט עוֹלָם הַבָּא?" הָאט אִים אֵלִיָהוּ אָנְגֶעוויזְן, אַז אָט גֵייעֶן צְווֵיי מֶענְטְשְׁן, אוּן זֵיי זֶענֶען בְּנֵי עוֹלָם הַבָּא. אִיז רֶבִּי בְּרוֹקָא גֶעלָאפְן צוּ זֵיי אוּן הָאט זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז אֵייעֶר טוּן?", הָאבְּן זֵיי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, "מִיר זֶענֶען מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן פְרֵיילִיךְ טְרוֹיעֶרִיגֶע. וֶוען מִיר זֶעעֶן אַ טְרוֹיעֶרִיגֶע מֶענְטְשׁ מַאכְן מִיר אִים זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן וֶוען מִיר זֶעעֶן צְווֵיי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ מַאכְן מִיר שָׁלוֹם צְווִישְׁן זֵיי". (וַוייל מַחְלוֹקֶת וָואס מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ, נֶעמְט זִיךְ נָאר פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, וָואס דָאס קוּמְט פוּן כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת. - וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַדוּרְךְ אִיז פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואלְט עֶר שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ גֶעוֶוען אוּן וָואלְט זִיךְ נִישְׁט אַרוּמְגֶעקְרִיגְט מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט.).

**דֶערְפַאר** אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער מִצְוָה אַלֵיין פְרֵיילִיךְ זַיין, אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער צְדָקָה וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין. ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קו) דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים מא), "אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָל", וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר גִיט אַרַיין שֵׂכֶל אִינֶעם אָרִימַאן, וַוייל פַארְוָואס אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אָרִים? וַוייל עֶר הָאט קַיין שֵׂכֶל נִישְׁט, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (נְדָרִים מא) "אֵין עֲנִיוּת אֶלָּא מִן הַדַעַת"; עֶר אִיז בַּיי זִיךְ צוּבְּרָאכְן מִיוּאָשׁ אִינְגַאנְצְן עֶר הָאט קַיין שֵׂכֶל נִישְׁט, דֶערְפַאר אִיז עֶר דֶערְבִּיטֶערְט. דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה אִיז אִים אוֹיסְרֶעדְן, פְרֵיילִיךְ מַאכְן, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס עֶס קֶען

נָאר זַיין. דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה פְרֵיילִיךְ מַאכְן יֶעדְן צוּבְּרָאכֶענֶעם אִיד, אוּן דֶער וָואס עֶר טוּט דָאס, הָאט אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה.

**דָאס** אִיז דֶער יוֹם טוֹב פוּן חֲנוּכָּה: עֶס בְּרֶענְגְט אִין אוּנְז אַריין אַ לֶעבְּטִיגְקֵייט זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן יֶעדְן טָאג אוּן יֶעדֶע שָׁעָה אוּן יֶעדְן רֶגַע, אוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי אַלֶע חֲסָדִים וְרַחֲמִים גְמוּרִים וָואס עֶר הָאט מִיט אוּנְז גֶעטוּן. אוּן דֶערְפַאר זָאגְט מֶען חֲנוּכָּה הַלֵּל, מֶען לוֹיבְּט אוּן מֶען דַאנְקְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת צוּ דִי יְוָונִים תַּרְבּוּת יָוָן, מִיר גְלֵייבְּן נָאר אִינֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אוּן** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אַהֲבָה, סִימָן ט'), עַל יְדֵי אֲמִירַת הַלֵּל בְּקוֹל גָּדוֹל זוֹכִים לְאַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ; וֶוען אַ אִיד זָאגְט הַלֵּל מִיט אַ הוֹיכְן קוֹל, אִיז עֶר זוֹכֶה לִיבּ צוּ הָאבְּן נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. דִי יְוָונִים הָאבְּן אוּנְז גֶעוָואלְט אַוֶועק רַייסְן פוּן אִים, אוּן הַיינְט אוֹיךְ ווִילְן דִי מִתְיַיְוְנִים אוּנְז אַוֶועקְרַייסְן פוּן אִים, אוּן מִיר לָאזְן זִיךְ נִישְׁט בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, מִיר גֵייעֶן נִישְׁט אַוֶועק כִּי הוּא זֶה פוּן דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה. אוּן דֶערְפַאר הֶעלְפְט אוּנְז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה סִימָן ג'), עַל יְדֵי קְרִיאַת הַלֵּל יוֹשִׁיעַ לְךָ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מֵאוֹיבֶיךָ; דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען זָאגְט הַלֵּל - לוֹיבּ וֶוערְטֶער - פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, הֶעלְפְט עֶר אוּנְז נִיצוֹל צוּ וֶוערְן

פוּן אוּנְזֶערֶע פַּיינְט, וָואס זֵיי זֶענֶען דִי מִתְיַיוְונִים דִי מִינִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים וָואס זֵיי לֵייקֶענֶען אָפּ אִין אַלֶעם יִמַּח שְׁמָם.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ אַייךְ אַלֶע: זֶעט זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן מִיט וָואס אִיר קֶענְט, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן מ"ח) "דֶער עִיקֶר אִיז מַה שֶׁקּוֹרִין דֶערְהַאלְטִין זִיךְ". אַ אִיד מוּז זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע בִּיטֶערְסְטֶע צַייטְן, אוּן מִיט דֶעם וֶוערְט גֶעמָאסְטְן זַיין גְרוֹיסְקֵייט. ווִי סְ׳שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (הַקְדָּמָה ד.), מַאן מִנְכוֹן דִי חֲשׁוֹכָא מְהַפְּכֹן לִנְהוֹרָא, וְטַעֲמִין מְרִירָא לְמִתְקָא, עַד לֹא יֵיתוּן הָכָא. מַאן מִנְכוֹן דִּמְחַכָּאן בְּכָל יוֹמָא לִנְהוֹרָא דְנָהִיר וְכוּ׳, מַאן דְּלֹא מְצַפֶּה דָא בְּכָל יוֹמָא בְּהַהוּא עַלְמָא, לֵית לֵיהּ חוּלְקָא הָכָא; יֶעדְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ כְּרוּז פוּן הִימְל ׳וֶוער פוּן עֶנְק כָּל זְמַן עֶר אִיז אוֹיף דֶעם עוֹלָם קֶען אִיבֶּער דְרֵייעֶן דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ אוֹיף לֶעכְטִיגְקֵייט, דָאס בִּיטֶערְנִישׁ אוֹיף זִיס, אֵיידֶער עֶר וֶועט אַרוֹיף קוּמֶען אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט? וֶוער פוּן עֶנְק וַוארְט יֶעדְן טָאג אוֹיף דִי לֶעכְטִיגְקֵייט פוּן דִי גְאוּלָה, וֶוען מִיר וֶועלְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן, ווָאוּיל אִיז אִים. אָבֶער וֶוער עֶס וֶועט נִישְׁט דָאס בַּאוַוייזְן, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין חֵלֶק אִין יֶענֶע וֶועלְט׳;

**זֶעט** מֶען פוּן דֶעם אַלֶעם ווִי גְרוֹיס אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ אֲפִילוּ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע בִּיטֶערְסְטֶע צַייטְן, אוּן נִישְׁט נָאר עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט שִׂמְחָה, נָאר עֶר דֶערְהַאלְט אוֹיךְ אַנְדֶערֶע צוּבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן מִיט

שִׂמְחָה, זַיין שְׂכַר אִיז נִישְׁט צוּ בַּאשְׁרַייבְּן. דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ עֶנְק זֵייעֶר: הַאלְט אַייךְ צוּזַאמֶען. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעבֶּעטְן אוּנְזֶערֶע לַייט אֵיידֶער עֶר הָאט פַארְלָאזְט דִי שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב צוּ פָּארְן קַיין אוּמַאן נִסְתַּלֵק צוּ וֶוערְן, אוּן עֶר הָאט זֵיי אַזוֹי גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען, וֶועט אִיר מִיר קֶענֶען אַרָאפְּבְּרֶענְגֶן צוּ אַייךְ". אִיבֶּערְדֶעם לָאמִיר זִיךְ אִינְאֵיינֶעם מְחַזֵּק זַיין אוּן מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער נָבִיא יְשַׁעְיָה הָאט אוּנְז גֶעבֶּעטְן (יְשַׁעְיָה מא ו), "אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ יַעֲזֹרוּ וּלְאָחִיו יֹאמַר חֲזָק", אוּן טַאקֶע אָנְהֵייבְּן פוּן דֶעם חֲנוּכָּה. אוּן בִּזְכוּת דֶעם וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין אַקֶעגְן גֵיין מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ.

**אִיךְ וואוּנְטְשׁ אַייךְ אַלֶע אַ לֶעכְטִיגֶע חֲנוּכָּה**

## ג

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁישִׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר מִקֵּץ ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת ה'תש"ע**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר וְיִזְרַח**

דַיין בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר לַייד וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דִיר וְכוּ', אָבֶּער זָאלְסְט גֶעדֶענְקְן אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אַ גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ח) אַז עֶס אִיז קַיין יֵאוּשׁ נִישְׁט פַארְהַאנְדִין, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ פוּן אוֹיפְגֶעבְּן דֶעם לֶעבְּן וְכוּ', זָאל זַיין וִוי עֶס זָאל נָאר נִישְׁט זַיין.

**אַ** איד בַּאדַארְף זיך מְחַזֵּק זַיין מִיט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז עֶר וֶועט דיך נִישְׁט פַארְלָאזְן, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט דיך בִּיז יֶעצְט נִישְׁט פַארְלָאזְט. דָאס גַאנְצֶע עִנְיָן פוּן יֵאוּשׁ קוּמְט פוּן כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט אַז "וֶוער גֶעבְּט מִיר דָאס חַיוּת צוּ גֵיין וְכוּ', צוּ בַּאוֶועגְן זִיך וְכוּ', צוּ זֶען, אוּן צוּ הֶערְן, אוּן צוּ רֶעדְן, וְכוּ'? דָאס אַלֶעס אִיז נָאר וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא אִין מִיר", וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (נִדָּה לא.) תָּנוּ רַבָּנָן, שְׁלֹשָׁה שׁוּתְּפִין יֵשׁ בָּאָדָם: הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאָבִיו, וְאִמּוֹ; אָבִיו מַזְרִיעַ הַלּוֹבֶן שֶׁמִּמֶּנּוּ עֲצָמוֹת וְגִידִים וְצִפָּרְנַיִם וּמוֹחַ שֶׁבְּרֹאשׁוֹ וְלוֹבֶן שֶׁבְּעַיִן, אִמּוֹ מַזְרַעַת אוֹדֶם שֶׁמִּמֶּנּוּ עוֹר וּבָשָׂר וְשַׂעֲרוֹת וְשָׁחוֹר שֶׁבְּעַיִן, וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא נוֹתֵן בּוֹ, רוּחַ וּנְשָׁמָה וּקְלַסְתֵּר פָּנִים וּרְאִיַּית הָעַיִן וּשְׁמִיעַת הָאוֹזֶן וְדִבּוּר פֶּה וְהִלּוּךְ רַגְלַיִם וּבִינָה וְהַשֵּׂכֶל, וְכֵיוָן שֶׁהִגִּיעַ זְמַנּוֹ לְהִפָּטֵר מִן הָעוֹלָם הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא נוֹטֵל חֶלְקוֹ, וְחֵלֶק אָבִיו וְאִמּוֹ מַנִּיחַ לִפְנֵיהֶם; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דָאס גַאנְצֶע חַיוּת פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז נָאר פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס עֶר גִיט אַרַיין דָאס אִין דֶעם גוּף וְכוּ', וִוי נָאר עֶר נֶעמְט אַרוֹיס זַיין חַיוּת פוּן דֶעם גוּף וְכוּ', אִיז גֶעעֶנְדִיגְט. דֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיך נִישְׁט בַּאוֶועגְן. אִיז וָואס אִיז שַׁיָּיך צוּ זָאגְן אַזַא זַאךְ אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ אָפְּגֶעלָאזְט? אָן אִים גֵייסְטוּ נִישְׁט וְכוּ', בַּאוֶועגְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט וְכוּ', זֶעסְט נִישְׁט, אוּן הֶערְסְט נִישְׁט, אוּן רֶעדְסְט נִישְׁט, וְכוּ'!

**אִיבֶּער** דֶעם דַארְף מֶען וִויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ פוּן יֵאוּשׁ, כְּאִילוּ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיךְ

איבֶּערגֶעלָאזְט, וָואס אוֹיף דֶעם זָאגְן די חֲזַ"ל (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה יד, סִימָן ט'), רַבִּי לֵוִי בְּשֵׁם רַבִּי חֲנִינָא אָמַר, עַל כָּל נְשִׁימָה וּנְשִׁימָה שֶׁאָדָם נוֹשֵׁם צָרִיךְ לְקַלֵּס לְבוֹרֵא, מַאי טַעֲמָא? (תְּהִלִּים קנ) "כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ", כָּל הַנְּשִׁימָה תְּהַלֵּל יָהּ; יֶעדֶעס אָטֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אָטֶעמְט אִיז נָאר פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן וָואס אִיז שַׁיָּיךְ אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ אָפְּגֶעלָאזְט אוּן ווִיל שׁוֹין פוּן דִיר נִישְׁט וויסְן? דָאס אַלֶעס קוּמְט וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ וָואס זִינְדִיגְט וֶוערְט פוּן אִים פַארְהוֹילְן דָאס גֶעטְלִיכְקֵייט וָואס אִיז דָא אִין אִים. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן כב), הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִים כְּפִירָה לְאָדָם; וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט קוּמְט אִים אַרַיין גֶעדַאנְקֶען פוּן כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת. ווִי דֶער נָבִיא זָאגְט (יְשַׁעְיָה נט), "כִּי אִם עֲוֹנֹתֵיכֶם הָיוּ מַבְדִּילִים בֵּינֵכֶם לְבֵין אֱלֹהֵיכֶם וְחַטֹּאותֵיכֶם הִסְתִּירוּ פָּנִים מִכֶּם מִשְּׁמוֹעַ", וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחְמָנָא לִיצְלָן שְׁפִּירְט עֶר נִישְׁט דָאס חַיּוּת אֱלֹקוּת וָואס אִיז דָא אִין אִים אוּן דֶערְהַאלְט אִים. אוּן דָאס אִיז אַ ווירְקְלִיכְקַייט, אָן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז נִישְׁטָא קֵיין חַיּוּת אִין מֶענְטְשׁ.

**אִיז** ווִיאַזוֹי קֶענְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן אַז דוּ הָאסְט זִיךְ מְיָיאֵשׁ גֶעוֶוען פוּן דַיין לֶעבְּן, וַוייל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ אָפְּגֶעלָאזְט, אוּן ווִיל נִישְׁט וויסְן פוּן דִיר וְכוּ'? אִיז דֶען פַארְהַאנְדִין אַזַא זַאךְ? עָלָיו הָרְאָיָה: דוּ גֵייסְט וְכוּ', בַּאוֶועגְסְט זִיךְ וְכוּ', זֶעסְט, אוּן הֶערְסְט, אָטֶעמְס, אוּן רֶעדְסְט, וְכוּ'! נָאר

וַוייל דו הָאסְט אַזוֹי פִיל גֶעזִינְדִיגְט, אִיז פוּן דִיר פַארְהוֹילְן דָאס גֶעטְלִיכְקֵייט וָואס אִיז אִין דִיר.

**דֶערִיבֶּער** הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט, אַז אַ מֶענְטְש דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר אַ גוּטְן פְרֵיינְד. אַוַודַאי אִיז בַּיים אָנְפַאנְג זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם עֶס דַאכְט זִיךְ פַארְן מֶענְטְשׁ אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס וְכוּ', קֵיינֶער ווִיל אִים נִישְׁט וְכוּ'. אָבֶּער וֶוען עֶר אִיז שְׁטַארְק מִיט עַקְשָׁנוּת, אוּן עֶר רֶעדְט יֶעדְן טָאג צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, צוּבִּיסְלִיךְ גֵייט אַרָאפּ פוּן אִים אַלֶע הַעֲלָמוֹת אוּן הַסְתָּרוֹת וָואס פַארְהוֹילְן אוּן פַארְדֶעקְן דָאס אֱלֹקוּת וָואס אִיז דָא אִין אִים, בִּיז עֶס וֶוערְט נִתְגַלֶה פַאר אִים אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מִיט אִים אוּן בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים, אוּן דִי אַלֶע מַחְשָׁבוֹת פוּן כְּפִירוּת וְאַפִּיקוֹרְסוּת וָואס ס'קוּמְט אַרַיין אִין מֶענְטְשׁ וֶועגְן זַיינֶע זִינְד, אַז כְּאִילוּ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אִים פַארְלָאזְט, וֶוערְן פַארְשְׁווִינְדְן.

**אִיבֶּער** דֶעם גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ אוֹיסְצוּרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדְן טָאג, אוּן זָאלְסְט זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין דֶעם. וַוייל יֶעדֶע תְּפִלָּה אוּן יֶעדֶע בַּקָשָׁה וָואס דֶער מֶענְטְשׁ בֶּעט אוּן אִיז מִתְפַּלֵל צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶוערְט נִתְקַבֵּל, אָבֶּער עֶס נֶעמְט אַ לַאנְגֶע צַייט בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ טוּט אָפּ פוּן זִיךְ דִי קְלִיפָּה - דִי שָׁאלַאכְץ, וָואס

הָאט אִים אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת. אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין דֶעם, צוּם סוֹף וֶוערְט נִתְגַלֶה פַּאר אִים דֶער אֱמֶת, אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מִיט אִים. וְעָלָיו הָרְאָיָה, עֶר גִיט אִים חַיוּת צוּ לֶעבְּן. דֶערְפַאר זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, אוּן גֵיי אַרוֹיס פוּן דַיינֶע דִמְיוֹנוֹת אוּן פַאנְטַאזִיעֶס כְּאִילוּ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אוֹיף דִיר בְּרוֹגֶז אוּן דַארְף דִיךְ נִישְׁט הָאבְּן וְכוּ'. דִי מַחְשָׁבוֹת אַלֵיין דָאס זֶענֶען דִי קְלִיפּוֹת וָואס דֶער מֶענְטְשׁ בַּאשַאפְט דוּרְךְ זַיינֶע עֲווֹנוֹת, זֵיי נֶעמֶען אִים אַרוּם אוּן זֵיי לֵייגְן אִין אִים אַרַיין יֵאוּשׁ אוּן דִיפְּרֶעסְיֶע וְכוּ', אַז עֶר הָאט שׁוֹין קַיין תַּקָנָה נִישְׁט, וְכוּ'. כַאפְּסְט נִישְׁט אַז דָאס אִיז נָאר אַ דִמְיוֹן, וָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם בְּרֶענְגְט דִיךְ אַרַיין אַזֶעלְכֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען?

**דֶערְפַאר** זֶע זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, אוּן לֶערְן אַסַאךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועסְטוּ דָארְטְן טְרֶעפְן וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דַיין בְּלָאטֶע אוּן פִינְסְטֶערְנִישׁ. קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, וָואס רֶעדְט דִיךְ אָפּ נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. דוּ דַארְפְסְט קוּקְן וָואס אִיז גוּט פַאר דִיר. פוּן וואוּ דוּ שֶׁעפְּסְט חַיוּת אוּן לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָארְטְן זָאלְסְטוּ זִיךְ וֵוייקְן. אַזוֹי וִוי דַיין גַאנְץ חַיוּת אִיז נָאר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, זָאלְסְטוּ זֶען אַסַאךְ צוּ לֶערְנֶען אִין זֵיי. אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ, אַלֶעס זָאל זַיין בְּהַצְנֵעַ, כְּדֵי דוּ זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן אוֹיף זִיךְ קַיין מַחְלֹקוֹת. אָבֶער וויסְן

דַארְפְסְטוּ, אַז וֶוען מֶען אִיז מְקוֹרָב צוּ אַ רֶבִּי'ן, בַּאדַארְף מֶען אִים צוּ פָּאלְגְן, וַוייל אַז נִישְׁט הֵייסְט עֶס נִישְׁט הִתְקָרְבוּת צוּ דֶעם רֶבִּי'ן.

אִיךְ הָאף דִיךְ צוּ זֶען וֶועלְן מִיר רֶעדְן מֶער בַּאֲרִיכוּת.

**אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ אוּן אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה אוּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

## ד

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר מִקֵּץ ב' טֵבֵת ה'תש"ע**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר וְיִזְרַח

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דִי נֵייעֶ סְפָרִים וָואס דוּ הָאסְט גֶעדְרִיקְט. וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס קוּמְט אַרוֹיס אַזוֹי שֵׁיין, דָאס אִיךְ בִּין דִיר מְקַנֵּא אוֹיף דַיין גְרוֹיסְן זְכוּת הָרַבִּים, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא פז.) כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ; אַז אֵיינֶער אִיז מְזַכֶּה אַן אַנְדֶערְן תְּשׁוּבָה צוּ טוּן וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין דָאס עֶר וֶועט נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַ חֵטְא. אִיבֶּער דֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דַיין הֵיילִיגְן אַרְבֶּעט וָואס דוּ טוּסְט, וָוארוּם דֶער זְכוּת פוּן דֶעם אִיז נִישְׁט צוּ בַּאשְׁרַייבְּן.

אַזוֹי ווִי סְ'שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תְּרוּמָה קכ"ח:), תָּא חֲזִי, כָּל מַאן דְאָחִיד בִּיְדָא דְחַיָּיבָא, וְאִשְׁתַּדַּל בֵּיהּ לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִישָׁא, אִיהוּ אִסְתַּלַּק בִּתְלַת סִלּוּקִין מַה דְלָא אִסְתַּלַּק

הָכִי בַּר נַשׁ אַחֲרָא, גָּרִים לְאַכְפַּיָּיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עַלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָא וְתַתָּא. וְעַל הַאי בַּר נַשׁ כְּתִיב (מַלְאָכִי ב'), "בְּרִיתִי הָיְתָה אִתּוֹ הַחַיִּים וְהַשָּׁלוֹם". וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי, וְזָכֵי בְּהַאי עַלְמָא וְזָכֵי לְעַלְמָא דְּאָתֵי. כָּל מָארֵי דִינִין לָא יָכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ בְּהַאי עַלְמָא וּבְעַלְמָא דְּאָתֵי, עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ. וְעַל דָּא כְּתִיב (תְּהִלִּים קיב), "גִּבּוֹר בָּאָרֶץ יִהְיֶה זַרְעוֹ דוֹר יְשָׁרִים יְבוֹרָךְ הוֹן וָעוֹשֶׁר בְּבֵיתוֹ וְצִדְקָתוֹ עוֹמֶדֶת לָעַד, זָרַח בַּחֹשֶׁךְ אוֹר לַיְשָׁרִים" וְגוֹ'; יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס עֶר הַאלְט אָן אִין דִי הֶענְט פוּן אַ זִינְדִיגְן מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר אִיז מִשְׁתַּדֵּל אַז יֶענֶער זָאל אָפְּלָאזְן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן וְכוּ', אִיז עֶר זוֹכֶה אַרוֹיפְצוּגֵיין אִין עוֹלָמוֹת וָואס אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט אַרוֹיפְגֵיין דָארְטְן, אוּן עֶר אִיז גוֹרֵם מַכְנִיעַ צוּ זַיין דִי סִטְרָא אַחֲרָא, אוּן עֶר אִיז גוֹרֵם אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶוערְט נִתְגַּלֶּה אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעזָאגְט אַלֶע בְּרָכוֹת, אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן קִינְד'ס קִינְדֶער, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט דַן זַיין קַיין שׁוּם דִין וְכוּ' וְכוּ' נָאךְ מַעֲלוֹת וָואס אִיז זוֹכֶה אֵיינֶער וָואס אִיז מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים.

**אִיבֶּער** דֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן וָואס דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוּן דוּ דְרִיקְסְט דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס שְׁטַארְקְט אוּן דֶערְפְרֵייט אוּן טְרֵייסְט אַלֶע צוּבְּרָאכֶענֶע אוּן גֶעפַאלֶענֶע נְשָׁמוֹת. מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין מִיט

װערטער די הײליגע אַרבעט. װי דער הײליגער רבי האט אַמאָל געזאָגט (שיחות הר"ן סימן מג), דאס בײם באַשעפער איז זײער חשוב װען אַ איד דערפרײט און שטאַרקט אַ צובראָכענעם איד.

**אָבער** איך האב געזען אַז דו קלױבסט צעזאַם פון אַלע חלקי שאלות ותשובות "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" שטיקלעך בריװ װאס איז געשריבן אױף אידיש וכו', װײל דו װילסט מזכה זײן אַנדערע, װאס דאס איז באמת אַ גרױסע זאַך. װיל איך דיר זאָגן עס איז אַ שאד דײן יגיעה און טירחה, װײל יעצט זענען מקורב געװאָרן זײער אַסאַך בחורים און יונגעלײט װאס זײ פאַרשטײען נישט קײן לשון קודש, און זײ שרײבן מיר בריװ נאָר אױף אידיש, און איך ענטפער זײ נאָר אױף אידיש. און אױך װעגן כמה טעמים האב איך באַשלאָסן יעדע װאָך בלי נדר צו שרײבן אַ בריװ צו אַלע תלמידי "היכל הקודש", און דו קענסט דאס נאָכדעם אָפּדריקן באַזונדער אין אַ ספר װאָס דאס װעט זײן אַ זכות הרבים לדורות. װאָרום נאָר דער בורא כל עולמים װײסט װאָס עס גײט יעצט דורך אױף בחורים און יונגעלײט, װאָס זײ האבן נישט װער עס זאָל זײ מחזק זײן.

**איבערדעם** װעל איך דיר שיקן אַ העתקה פון יעדן בריװ, (נאַטירליך אָן דעם נאָמען, װאָס מען טאָר נישט אַרױסשרײבן יענעמ'ס נאָמען צו װעמען די בריװ איז געשריבן געװאָרן), און אַזױ, ביז אַפּאַר װאָכן װעסטו שױן

הָאבְּן אַ גַאנְצְן סֵפֶר. דֶער עִיקָר שְׁטַארְק זִיךְ אִין דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, וַוייל דוּ וֶועסְט זֶען וָואס עֶס וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען פֵּירוֹת אוּן פֵּירֵי פֵּירוֹת פוּן דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

וֶועגְן שָׁלוֹם בַּיִת, זָאלְסְטוּ זֶען אַלֶעס צוּ טוּן מְכַבֵּד זַיין דַיין גֶעטְרַייֶע וַוייבּ, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט בְּפֵירוּשׁ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ד), אַז אַ מֶענְטְשׁ מוּז מְכַבֵּד זַיין אוּן טֵייעֶר הַאלְטְן זַיין וַוייבּ. אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, "בַּאטְרַאכְט זִיךְ וִויפִיל צַעַר אוּן גְרוֹיסֶע יִסוּרִים לַיידְן דִי פְרוֹיעֶן: צַעַר הָעִיבּוּר, וְהַלֵידָה, וְהַגִידוּל, וְכוּ', וְכוּ', אוּן עֶס קוּמְט זֵיי זֵייעֶר שְׁוֶוער אָן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אוֹיף זֵיי רַחְמָנוּת הָאבְּן, אוּן זֵיי אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט וָואס מֶען קֶען". אוּן וִויסְן דַארְפְסְטוּ וִויסְן, בַּיי אוּנְז אִיז אַ דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים.

אִיבֶּער דֶעם זָאלְסְטוּ זֵייעֶר הִיטְן אוּן מְקַיֵים זַיין דֶעם דִיבּוּר פוּן רֶבִּי'ן, זָאלְסְט הַאלְטְן חָשׁוּב דַיין וַוייבּ, אוּן זָאלְסְט זִיךְ מִיט אִיר נִישְׁט אַרוּם טַעֲנֶה'ן. וָוארוּם וָואס וִויל זִי פוּן דִיר? זָאלְסְט אִיר הֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער. אִיז וָואס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער? בַּאטְרַאכְט זִיךְ, סוֹף כָּל סוֹף אִיז דָאס אוֹיךְ דַיינֶע קִינְדֶער - לֵייג צוּ אַ הַאנְט אוּן הֶעלְף אִיר. אוּן דִי חַזַ"ל זָאגְן בְּפֵירוּשׁ (חוּלִין פד:), לְעוֹלָם יֹאכַל אָדָם וְיִשְׁתֶּה פָּחוֹת מִמַּה שֶׁיֵּשׁ לוֹ, וְיִלְבַּשׁ וְיִתְכַּסֶּה בְּמָה שֶׁיֵּשׁ לוֹ, וִיכַבֵּד אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו יוֹתֵר מִמַּה שֶׁיֵּשׁ לוֹ, שֶׁהֵן תְּלוּיִין בּוֹ וְהוּא תָּלוּי בְּמִי שֶׁאָמַר וְהָיָה הָעוֹלָם; אִיבֶּער דֶעם זֶע צוּ זַיין שְׁטַארְק אִין

אֶמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן זָאלְסְטוּ בֶּעטְן נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דַיין וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער זָאלְסְטוּ גֶעבְּן מִכָּל טוּב, אוּן זָאלְסְט זַיין אַ גוּטֶער מַאן, אוּן אַ גוּטֶע טַאטֶע, צוּגֶעלָאזְט צוּ זֵיי, וֶועסְטוּ זֶען וִוי דַיין שְׁטוּבּ וֶועט זִיךְ עֶנְדֶערְן, אוּן וֶוערְן אַ גַן עֵדֶן.

**אַ גוּטֶע וָואךְ אוּן אַ לֶעבְּטִיגְן תָּמִיד**

## ה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר מִקֵּץ ב' טֵבֵת ה'תש"ע

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס פַאר אַ שִׂמְחָה דוּ הָאסְט אִין מִיר אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען לֵיל שִׁישִׁי צוּם שִׁיעוּר מִיט דַיינֶע דְרֵיי לֶעבְּטִיגֶע קִינְדֶער. קוֹדֶם אִיז דָאס אַ טוֹבָה פַאר דִיר, וָואס דוּ מֶעגְסְט שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן זִיךְ וְכוּ', עֶס אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גוּט אַז אַ מֶענְטְשׁ שְׁפַּארְט זִיךְ צוּ, אוּן וִויל מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן; סְ'אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט בְּגַשְׁמִיּוּת, וּמִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט בְּרוּחְנִיּוּת. בְּגַשְׁמִיּוּת קוּמְט דָאס פוּן מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן דִיפְּרֶעסְיֶע וָואס אַ מֶענְטְשׁ וִויל נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט, עֶר וִויל נִישְׁט רֶעדְן מִיט קֵיינֶעם, אוּן וִויל נִישְׁט זֶען קֵיינֶעם, דָאס קוּמְט פוּן אַ טִיפְן בִּיטֶערְנִישׁ וָואס שְׁפִּינְט זִיךְ צוּבִּיסְלִיךְ אִין הַארְץ פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן

אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער. אוּן דֶערְנָאךְ אַז עֶר שְׁפַּארְט זִיךְ צוּ אוּן ווִיל נִישְׁט הָאבְּן מִיט קֵיינֶעם צוּטוּן, וַוארְפְט דָאס אִים אַרַיין אִין אַ טִיפְן יֵאוּשׁ, וָואס דָאס קֶען בְּרֶענְגֶען צוּ דִי עֶרְגְסְטֶע רַחֲמָנָא לִיצְלָן, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן, (תַּעֲנִית כג.) אוֹ חַבְרוּתָא אוֹ מִיתוּתָא; דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט זִיךְ דָאס לֶעבְּן, אָפְּגֶעהִיטְן זָאל מֶען וֶוערְן, וֶוען עֶר שְׁפַּארְט זִיךְ אַלֵיין אַיין, אוּן ווִיל מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן, אוּן נִישְׁט רֶעדְן צוּ קֵיינֶעם אוּן דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע סַכָּנָה. אוּן בְּרוּחְנִיוּת, אִיז דָאס אוֹיךְ נִישְׁט גוּט צוּ זַיין אַלֵיין, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן לד) אַז יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַ נְקוּדָה וָואס דֶער צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט, אוּן מֶען דַארְף מְקַבֵּל זַיין יֶעדֶעם אֵיינֶעמְ'ס נְקוּדָה. אוּן ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת סג:), לְפִי שֶׁאֵין הַתּוֹרָה נִקְנֵית אֶלָּא בַּחֲבוּרָה. אוֹיךְ זָאגְן זֵיי (תַּעֲנִית ז.), הַרְבֵּה לָמַדְתִּי מֵרַבּוֹתַי וּמֵחֲבֵרַי יוֹתֵר מֵרַבּוֹתַי.

**דֶערְפַאר** הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט דִיךְ צוּ זֶען בַּיים שִׁיעוּר לֵיל שִׁשִּׁי, וָואס מִיט דַיין קוּמֶען וֶועט דָאס דִיר זַיין אַ גְרוֹיסֶע תּוֹעֶלֶת, וָוארוּם מִיר רֶעדְן זִיךְ אִיבֶּער צוּזַאמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אַזוֹי ווִי חֲבֵרִים. מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע יְרוּשָׁה בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן מִיר דַארְפְן זִיךְ טֵיילְן מִיט דֶעם.

**אוּן** גְרֶעסֶער אִיז דֶער שִׂמְחָה בַּיי מִיר וָואס דוּ הָאסְט גֶעבְּרֶענְגְט דַיינֶע דְרֵיי לֶעבְּטִיגֶע קִינְדֶער. קוֹדֶם זֶעעֶן זֵיי

ווי דֶער טַאטֶע קוּמְט צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן, און עֶר אִיז פְרֵיילִיךְ, וָואס דָאס מַאכְט בַּיי זֵיי אַ גְרוֹיסֶע ווירְקוּנְג, און דָאס אִיז אַ יְסוֹד אִין חִינוּךְ, קִינְדֶער מַאכְן שְׁטֶענְדִיג נָאךְ דֶעם טַאטְן, וָואס זֵיי זֶעעֶן בַּיים טַאטְן, טוּעֶן זֵיי נָאךְ. - און מְ'רֶעדְט נִישְׁט אַז דֶערְוַוייל הֶערְן זֵיי אוֹיךְ צוּ דִי דִיבּוּרִים וָואס מֶען רֶעדְט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, און עֶס וֶועט זַיין פַּאר זֵיי אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה. אִיךְ הָאף דִיךְ צוּ זֶען יֶעדְן לֵיל שִׁישִׁי, און דוּ וֶועסְט זִיךְ קֶענֶען מְחַזֵק זַיין אוֹיף אַ גַאנְצְן וָואךְ.

זַיי שְׁטַארְק אִין שִׂמְחָה, און לָאז דִיךְ נִישְׁט פַּאלְן. אִיךְ ווייס אַז עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ זֵייעֶר אַסַאךְ צָרוֹת און עֶנְגֶענִישׁ וְכוּ', און דוּ בִּיסְט פַּארְדְרֵייט מִיט זֵייעֶר אַסַאךְ חוֹבוֹת, וְכוּ'. אָבֶּער וויסְן דַארְפְסְטוּ וויסְן, מִיט דַיין אָפְּשְׁלִיסְן זִיךְ וֶועט דָאס דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן, נָאר אַדְרַבָּה עֶס וֶועט דִיךְ אַרַיינְוַוארְפְן אִין אַ גְרֶעסֶערֶע צָרָה חַס וְשָׁלוֹם. דֶערִיבֶּער זֶע צוּ קוּמֶען יֶעדְן שַׁבָּת דַאוֶוענֶען צְווִישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט, דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, און זָאלְסְט ווידֶער וֶוערְן טֶעטִיג ווי דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, און דוּ זָאלְסְט זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ. וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן י'), אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ קֶען עֶר פִירְן דִי מַחְשָׁבָה ווי עֶר וויל; בְּשִׂמְחָ"ה אִיז דִי אוֹתִיוֹת מַחְשָׁבָ"ה, דֶער עִיקָר צַעַר וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט אִיז נָאר וָואס עֶר טְרַאכְט ווי בִּיטֶער אִיז אִים. אָבֶּער אוֹיבּ עֶר טְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג גוּט וֶועט זַיין גוּט, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כא), וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט דָארְטְן אִיז עֶר אִינְגַאנְצְן

דָא; ווידֶער זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצ"ג), דָאס דִי מַחְשָׁבָה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק אֲפִילוּ עֶר זָאל טְרַאכְטְן אַז עֶר וֶועט הָאבְּן גֶעלְט וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן גֶעלְט, וָוארוּם דִי מַחְשָׁבָה הָאט אַ מוֹרָא'דִיגְן כֹּחַ; אִיבֶּער דֶעם טְרַאכְט נָאר גוּט, וֶועט דִיר זַיין תָּמִיד גוּט. וְעַל כּוּלָם גֶעוואוּין זִיךְ צוּ אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַּארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס יֶעדְן דִיבּוּר מַאכְט אַ רוֹשֶׁם אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן וָואס דָאס אִיז וֶוען עֶר בֶּעט זִיךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן, אוּן וָואס פַּארַא שַׁעֲשׁוּעִים עֶר אִיז גוֹרֵם דֶעמָאלְטְס אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, וָואלְט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ בֶּעטְן אוּן מִתְפַּלֵל צוּ זַיין.

זַיי שְׁטַארְק אִין דֶעם וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת. אוּן פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער עִיקָר וָואס מֶען דַארְף בֶּעטְן, אִיז אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ זַיין, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע זָאגְט אַז שִׂמְחָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אַזַא לֶעבְּטִיגְקֵייט וָואס מֶען קֶען נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה.

**אַ גוּטֶע וָואךְ אוּן אַ לֶעבְּטִיגְן תָּמִיד**

# ו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר וַיִּגַּשׁ ה׳ טֵבֵת ה׳תש״ע

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל כְּלַל חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב תַּלְמִידֵי ״הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ״, הַוַיָ״ה עֲלֵיהֶם יַשְׁרֶה שְׁכִינָתוֹ תָּמִיד.

אַזוֹי ווי עֶס אִיז בְּעֶזְרָתוֹ יִתְבָּרַךְ נִתְרַבָּה גֶעוָוארְן דֶער קִיבּוּץ בַּיי אוּנְז, אוּן דִי חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נח.) הָרוֹאֶה אוּכְלְסֵי יִשְׂרָאֵל אוֹמֵר בָּרוּךְ חֲכַם הָרָזִים שֶׁאֵין דַּעְתָּם דוֹמֶה זֶה לָזֶה וְאֵין פַּרְצוּפֵיהֶן דוֹמִים זֶה לָזֶה; וֶוען עֶס קוּמֶען זִיךְ אַ קִיבּוּץ אִידְן צוּזַאמֶען, דַארְף מֶען גְלַייךְ דָאס וִויסְן אַזוֹי ווי יֶעדֶער אֵיינֶער זֶעט אוֹיס אַנְדֶערְשׁ ווי דֶער צְוֵוייטֶער, וַוייל צְוֵויי מֶענְטְשְׁן זֶעעֶן נִישְׁט אוֹיס דִי זֶעלְבֶּע, אַזוֹי אוֹיךְ בַּיים טְרַאכְטְן טְרַאכְט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אַנְדֶערְשׁ ווי דֶער צְוֵוייטֶער, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג דַן זַיין דֶעם צְוֵוייטְן לְכַף זְכוּת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי״ע זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת בֵּית הַכְּנֶסֶת הֲלָכָה א׳), פַארְוָואס הֵייסְט אַ בֵּית הַתְּפִלָּה ״בֵּית הַכְּנֶסֶת״? וַוייל דָארְטְן קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אַלֶע נְפָשׁוֹת, דְהַיְינוּ אַ ״בֵּית הַכְּנֶסֶת״ הֵייסְט אַ הוֹיז ווי עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אַסַאךְ נְפָשׁוֹת, אִיבֶּערְדֶעם אִיז דֶער עִיקָּר תְּפִלָּה נָאר בְּצִיבּוּר אוּן נִישְׁט בְּיְחִידוּת, אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין אַזַא זַאךְ אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זִינְדֶערְט זִיךְ אָפּ פוּן אַ צְוֵוייטְן, וַוייל דָאס אִיז דָאס פַארְקֶערְטֶע פוּן דִי קְדוּשָּׁה. וָוארוּם וואוּ אִידְן קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם, אוּן זֵיי דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען, דָאס הֵייסְט אַן עֵדָה קְדוֹשָׁה.

**אוּן** דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.), מַאי דִכְתִיב (תְּהִלִּים ס"ט) "וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ הֲוַיָ"ה עֵת רָצוֹן"? - אֵימָתַי עֵת רָצוֹן? בְּשָׁעָה שֶׁהַצִּבּוּר מִתְפַּלְּלִין; שְׁלֵימוּת הַתְּפִלָּה אִיז נָאר וֶוען מֶען דַאוֶוענְט צוּזַאמֶען מִיט אַ מִנְיָן. אוּן וִויסְן דַארְפְט אִיר וִויסְן אַז וֶוען עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אַ מִנְיָן אִידְן קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם צֶען עֶרְלֵיי מֶענְטְשְׁן, וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער טְרַאכְט אַנְדֶערְשׁ וִוי דֶער צְוֵוייטֶער, וָוארוּם זֵיי זֶעעֶן דָאךְ אוֹיס אַנְדֶערְשׁ אֵיינֶער פוּן דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן קֶען מֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען אוּן זָאגְן קַדִישׁ קְדוּשָׁה בָּרְכוּ וְכוּ', נָאר וֶוען עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אַ מִנְיָן אִידְן, וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער טְרַאכְט אַנְדֶערְשׁ וִוי דֶער צְוֵוייטֶער. פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶוען אַלֶע קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם דַוְקָא אִין בֵּית הַכְּנֶסֶת צוּ דַאוֶוענֶען.

**אַוַודַאי** אוּן אַוַודַאי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ב') דָאס דֶער שְׁלֵימוּת אִיז וֶוען פְּעוּלוֹת מְשׁוּנוֹת - דָאס הֵייסְט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס טְרַאכְט אַנְדֶערְשׁ פוּן דֶעם צְוֵוייטְן - קוּמֶען צוּ אַ בַּאשְׁלוּס נִכְלָל צוּ וֶוערְן אִין אַחְדוּת אֶחָד. אָבֶּער עֶס קוּמְט נִישְׁט אָן אַזוֹי לַייכְט, מֶען דַארְף אוֹיף דֶעם אַסַאךְ הָארֶעוֶוען. פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן קֶען מֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען מִיט אַ מִנְיָן נָאר וֶוען ס'אִיז דָא צֶען עֶרְלֵיי אִידְן, וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַן אַנְדֶערְן דֵעָה, אוּן וֶוער זָאגְט וֶוען דֶער מִנְיָן בַּאשְׁטֵייט פוּן צְוָואנְצִיג אָדֶער דְרַייסִיג אָדֶער אֲפִילוּ הוּנְדֶערְט אִידְן? דַארְף מֶען וִויסְן אִיז דָא

הונֶדערט דֵיעוֹת - וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ הַוָה אֲמִינָא אַז מֶען זָאל זִיךְ אָפְּטֵיילְן אויף צֶען מִנְיָנִים? עֶס שְׁטֵייט דָאךְ (מִשְׁלֵי יד, כח) "בְּרָב עָם הַדְרַת מֶלֶךְ" און דִי חַזַ"ל זָאגְן אויף דֶעם (מֶדְרָשׁ מִשְׁלֵי יד), אָמַר רֶבִּי חָמָא בַּר חֲנִינָא, בֹּא וּרְאֵה שִׁבְחוֹ שֶׁל הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וּקְדוּשָׁתוֹ שֶׁהוּא מְחַבֵּב אֶת יִשְׂרָאֵל, שֶׁאַף עַל פִּי שֶׁיֵּשׁ לְפָנָיו אֶלֶף אַלְפֵי אֲלָפִים וְרִבֵּי רְבָבוֹת כִּתּוֹת שֶׁל מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת שֶׁיְשָׁרְתוּהוּ, אֵינוֹ רוֹצֶה בְּשִׁבְחָן שֶׁל כּוּלָן אֶלָא בְּשִׁבְחָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל. שֶׁנֶּאֱמַר, "בְּרָב עָם הַדְרַת מֶלֶךְ", וְאֵין 'עָם' אֶלָא יִשְׂרָאֵל, שֶׁנֶּאֱמַר (יְשַׁעְיָה מג, כא) "עַם זוּ יָצַרְתִּי לִי תְּהִלָּתִי יְסַפֵּרוּ" בִּשְׁבִיל שֶׁיְּסַפְּרוּ תְּהִלָּתִי בָּעוֹלָם. וְכֵן הוּא אוֹמֵר, (תְּהִלִים מז, י) "נְדִיבֵי עַמִּים נֶאֱסָפוּ עַם אֱלֹהֵי אַבְרָהָם כִּי לֵאלֹהִים מָגִנֵּי אֶרֶץ מְאוֹד נַעֲלָה", אָמַר רֶבִּי סִימוֹן, אָמַר הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אֵימָתַי אֲנִי מִתְעַלֶּה בָּעוֹלָמִי? בְּשָׁעָה שֶׁיִּשְׂרָאֵל נֶאֱסָפִין לְבָתֵּי כְּנֵסִיּוֹת וּלְבָתֵּי מִדְרָשׁוֹת וְנוֹתְנִין לִי שֶׁבַח וְקִילוּס. וּבְאוֹתָהּ שָׁעָה שֶׁהֵן נֶאֱסָפִין לְבָתֵּי כְּנֵסִיּוֹת וּלְבָתֵּי מִדְרָשׁוֹת וְשׁוֹמְעִין אַגָדָה מִפִּי חָכָם, אֲנִי מִתְעַלֶּה מֵעוֹלָמִי, וְאוֹמֵר לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת, בֹּאוּ וּרְאוּ עַם זוּ שֶׁיָּצַרְתִּי לִי בָּעוֹלָמִי כַּמָּה הֵן מְשַׁבְּחִין אוֹתִי. בְּאוֹתוֹ הַשָּׁעָה הֵן מַלְבִּישִׁין אוֹתוֹ הוֹד וְהָדָר. לְכַךְ נֶאמַר, "בְּרָב עָם הַדְרַת מֶלֶךְ". "וּבְאֶפֶס לְאֹם מְחִתַּת רָזוֹ" אִם הִפְסִיקוּ עַצְמָן מִדִּבְרֵי תוֹרָה, אַף אֲנִי אַפְסִיק מֵהֶן דִבְרֵי תוֹרָה;

זֶעט מֶען פון דֶעם ווִי גְרוֹיס אִיז דֶער זְכוּת וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער קוּמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען אִין בֵּית הַכְּנֶסֶת דַאוֶונֶען, דָאס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מֶער לִיבּ פון דִי אִידְן

ווי פוּן אַלֶע צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער כִּיתּוֹת מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת וָואס זַיי בַּאדִינֶען אִים. אוּן אוֹיךְ וֶוען מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאם אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ הֶערְן תּוֹרָה פוּן אַ חָכָם שִׁיקְט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַרָאפּ דִיבּוּרִים עֶס זָאל נִשְׁפַּע וֶוערְן פַאר אַלֶעמֶען.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט וָואס דֶער גְרוֹיסֶער מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי"ע הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי"ע, אַז וֶוען עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם צֶען אִידְן, אוּן אֲפִילוּ זַיי טוּעֶן גָארְנִישְׁט נָאר מֶען זִיצְט צוּזַאמֶען מִיט אֵיין מַחְשָׁבָה אַז עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס אִיז מְחַיֶּה דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דֶעמָאלְטְס קוּמְט אַרוֹיס פוּן זַיי אַזַא לֶעבְּטִיגְקֵייט וָואס דֶער מַלְאַךְ מִיכָאֵל - וָואס עֶר אִיז דֶער מֵלִיץ יוֹשֶׁר אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער - קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ זַיי, פוּן רוֹב לֶעבְּט וָואס עֶס קוּמְט אַרוֹיס פוּן זַיי.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט מִיט אוּנְזֶערֶע לַייט מוֹרָא'דִיגֶע דִיבּוּרִים, בִּיז אַלֶע הָאבְּן זִיךְ פַארְוואוּנְדֶערְט "פוּן וַואנֶעט נֶעמְט עֶר אַזֶעלְכֶע דִיבּוּרִים?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט, דָאס דִי חַזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין לט.) כָּל בֵּי עֲשָׂרָה שְׁכִינְתָּא שַׁרְיָא; אוּן מְמֵילָא אַז סְ'הָאבְּן זִיךְ פַארְקְלִיבְּן דָא אַ קִיבּוּץ אִידְן אִיז דִי שְׁכִינָה דָא, אוּן וואוּ דִי שְׁכִינָה אִיז דָארְטְן קוּמְט אַרוֹיס אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים. פוּן דֶעם אַלֶעם זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צוּ דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען אִינְאֵיינֶעם.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר: זֶעט צוּ דַאוֶוענֶען אִינְאֵיינֶם, און דֶעם שׁוּל וָואס הֵייסְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען, "חַסִידֵי בְּרֶסְלֶב הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ". עֶס זָאל נִישְׁט זַיין פַאר אַייךְ אַ גְרִינְגֶע זַאךְ, וַוייל וֶוען מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאם און מֶען דַאוֶוענְט אִינְאֵיינֶעם, און מֶען רֶעדְט אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן פוּן דִי עֵצוֹת וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיז עֶס אַן אַנְדֶערְן עִנְיָן אִינְגַאנְצְן, וָואס אִין אַן אַנְדֶער פְּלַאץ קֶען מֶען דָאס נִישְׁט רֶעדְן.

**סְ'אִיז** בַּאוואוּסְט, אַז רַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ מִסַּאטְמַאר זי"ע הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען דָאס זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן דַאוֶוענֶען אִינְאֵיינֶעם אִין אֵיינֶע פוּן זַיינֶע בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים, וָוארוּם עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אַז בַּיי אִים אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ וֶועט זַיין רֵיין פוּן דֵיעוֹת כּוֹזְבוֹת מִינוּת וְאַפִּיקוֹרְסוּת צִיוֹנוּת וְכוּ', וָואס אִין אַן אַנְדֶערְן פְּלַאץ קֶען מֶען זֵייעֶר נִכְשָׁל וֶוערְן אִין דֶעם. דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר אוֹיךְ זֶען אַלֶע "חַסִידֵי בְּרֶסְלֶב תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" דַאוֶוענֶען אִינְאֵיינֶעם נָאר אִין אוּנְזֶער בֵּית הַמִדְרָשׁ, וָואס דָאס וֶועט זַיין אַ טוֹבָה פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם. אַוַודַאי אִיז דָא חִילוּקֵי דֵיעוֹת, אָבֶּער מֶען קֶען אַלֶעם אוֹיסְגְלַייכְן אוֹיבּ מֶען ווִיל נָאר.

**עֶס** הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט הָרַב הֶחָסִיד ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זַ"ל, וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שְׁנַת תש"ט, אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין שְׁטִיבְּל פוּן בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידִים אִין מֵאָה שְׁעָרִים גֶעגֶענְט, אַ גַאנְצֶע וָואךְ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען

קַיין מִנְיָן דָארטְן, נָאר שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען אַ מִנְיָן מְצוּמְצָם. עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ דִירָה אִין אַ גֶעגְנְט וָואס הָאט גֶעהֵייסְן לִיפְתָּא, דָאס אִיז בַּיים אַרַיינְגַאנְג צוּ יְרוּשָׁלַיִם. כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען דַאוֶונֶען מִיט בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידִים צוּזַאמֶען, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּפִיס אַ וֶועג וָואס הָאט גֶענוּמֶען פוּן זַיין הוֹיז אִין לִיפְתָּא בִּיז מֵאָה שְׁעָרִים אַ שָׁעָה צַייט, אָבֶער עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט עַקְשָׁנוּת. ווִינְטֶער אִין דִי קֶעלְט אוּן אִין דִי פְרֶעסְט, אִין דִי רֶעגֶענְס, זוּמֶער אִין דִי הִיצְן, גָארְנִישְׁט הָאט אִים אָפְּגֶעהַאלְטְן. אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶערוּט בִּיז עֶר הָאט פַארְגְרֶעסֶערְט דֶעם מִנְיָן שַׁבָּת. וֶוער סְ'אִיז נָאר גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלְבֶער חָסִיד הָאט עֶר נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט בִּיז עֶר הָאט אִים אִיבֶּערְגֶערֶעדְט אַז עֶר זָאל קוּמֶען דַאוֶונֶען אִין בְּרֶסְלְבֶער בֵּית הַמִדְרָשׁ, "וָואס הֵייסְט אַ בְּרֶסְלְבֶער חָסִיד זָאל נִישְׁט דַאוֶונֶען צְווִישְׁן בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידִים!?" - אִיז גֶעוֶוען זַיין טַעֲנָה. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט בִּיז עֶר הָאט פַארְגְרֶעסֶערְט דֶעם מִנְיָן.

**דֶערְנָאךְ** הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן מַאכְן אַ מִנְיָן אִינְדֶערְוָואכְן, וָואס אִיז אִים אָנְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער, ווַייל עֶר הָאט גֶעדַארפְט גֵיין צוּפִיס פַארְטָאגְס, וֶוען עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אָטָאבּוּס. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ גֶע'עַקְשְׁנְ'ט בִּיז סְ'אִיז גֶעוָוארְן אַ מִנְיָן אַ יֶעדְן טָאג, אֲפִילוּ סְ'אִיז אִים אוֹיסְגֶעקוּמֶען דַאוֶונֶען בִּיְחִידוּת, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען דַאוֶונֶען נָאר אִין דִי בְּרֶסְלְבֶער שְׁטִיבְּל. (אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְרֶעגְט, "וָואס אִיז מִיט מִנְיָן?" הָאט עֶר מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט,

"איך הָאבּ גֶעוואוּסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם עִנְיָן מַאכְן אַ מִנְיָן אוֹיפְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען, אִינְדֶערְוָואכְן אוֹיךְ. קְדוּשָׁה אוּן בָּרְכוּ בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען הֶערְן אִין אַן אַנְדֶערְן שׁוּל, אָבֶּער גֶעדַאוֶוענְט הָאבּ אִיךְ בִּיְחִידוּת יֶעדְן טָאג אִין דֶעם שְׁטִיבְּל, בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ מִנְיָן צוּפְרִי אוּן אוֹיפְדֶערְנַאכְט, שַׁחֲרִית, מִנְחָה, מַעֲרִיב".).

"**פְרֶעג** נִישְׁט", - הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט - "וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶעלִיטְן וְכוּ'. אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דִי זַאךְ אִין מַיינֶע הֶענְט, אוּן אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן גַבַּאי. אוּן וָואס מִיר הָאבְּן מִיטְגֶעמַאכְט, דָאס קֶען מֶען נִישְׁט בַּאשְׁרַייבְּן. מִיר הָאבְּן גֶעמוּזְט פַארְלָאזְן דָאס שְׁטִיבְּל וָואס אִיז גֶעוֶוען גֶעדִינְגֶען, אוּן מִיר הָאבְּן גֶעוַואנְדֶערְט פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם אַנְדֶערְן. דִי בִּזְיוֹנוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלִיטְן דָאס קֶען אִיךְ דִיר נִישְׁט אִיבֶּערְדֶערְצֵיילְן" - הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט - בִּיז עֶנְדְלִיךְ שְׁנַת תשי"ח, אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער ר' אֵלִיָהוּ חַיִים רָאזֶען זַ"ל, וָואס עֶר הָאט זִיךְ אִינְטֶערְגֶענוּמֶען בּוֹיעֶן דִי גְרוֹיסֶע שׁוּל אִין מֵאָה שְׁעָרִים, דָארְטְן אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ הָאטֶעל מִיטְן נָאמֶען מְלוֹן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן פוּן רוֹב אַלְטְקֵייט אִיז עֶס צַאמְגֶעפַאלְן, אוּן עֶר הָאט אָפְּגֶעקוֹיפְט דֶעם שְׁטִיקְל לַאנְד, אוּן אוֹיף דֶעם הָאט עֶר גֶענוּמֶען בּוֹיעֶן. אוּן ס'הָאט אִים גֶענוּמֶען כַּמָה וְכַמָה שָׁנִים, בִּיז עֶר הָאט אוֹיפְגֶעבּוֹיעט דֶעם גְרוֹיסְן שׁוּל - אַזוֹי הָאט עֶר מִיר פַארְצֵיילְט.

**זֶעט** מֶען פוּן דֶעם ווִי אַ אִיד אַ בְּרֶסְלְבֶער חָסִיד הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, צוּ גֵיין אַ וֶועג פוּן

אַ שָׁעָה סַיי אַהִין און סַיי צוּרִיק - בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ דִירָה נָאנְט צוּם שׁוּל - אַבִּי דַאוֶועגֶען צוּזַאמֶען מִיט בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידִים, און עֶר הָאט בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוּיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַזַא קִיבּוּץ. און דִי בִּזְיוֹנוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעלִיטְן דָארְטְן קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, וָוארוּם יְרוּשַׁלְיִמִ'עֶר (סַאבְּרֶעס) זֶענֶען בְּטֶבַע עַזוּת פְּנִימֶ'ער. וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל שְׁנַת תשכ"ו נָאכְן זַיין בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, מִיט אַ גְרוּפֶּע פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען וָואסְפַארַא בִּזְיוֹנוֹת דֶער מֶענְטְשׁ לַיידְט. אָן בּוּשָׁה אִיז מֶען גֶעוֶוען עַזוּת פְּנִימֶ'ער פַאר אִים.

**צוּם** בַּיישְׁפִּיל: עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן צְווִישְׁן מִנְחָה און מַעֲרִיב מִיט קוֹים אַ מִנְיָן מֶענְטְשְׁן, און דִי שׁוּל אִיז גֶעוֶוען גֶעפַּאקְט, מֶען הָאט גֶערֶעדְט און גֶעשְׁמוּסְט וְכוּ', און עֶר הָאט גֶעדַארפְט אַלֶעמָאל אוּיפְשְׁטֵיין און קְלַאפְּן אוּיפְן טִישׁ, און הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "וָואס טוּט זִיךְ דָא!? אִין רֶבִּינְ'ס בֵּית הַמִּדְרָשׁ קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן אַ דִיבּוּר פוּן אִים?" און עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן צוּרִיק גֶעשְׁרִיגְן, "וֶוער פְרֶעגְט אַייךְ? מִי שָׂמְךָ לְאִישׁ!?" דָאס הָאבּ אִיךְ אַלֵיין גֶעזֶען מִיט מַיינֶע אוֹיגְן. עֶס אִיז גֶעקוּמֶען שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען הוּילֶע לֵיצָנוּת, - מֶען הָאט גֶעוָוארְפְן הַאנְטוּכֶער אֵיינֶער אוּיפְן אַנְדֶערְן אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, מֶען הָאט אָנְגֶעגָאסְן וַואסֶער אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, וְכוּ', און מִיר הָאט דָאס זֵייעֶר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן. און וֶוען אִיךְ בִּין מִיט אִים אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין דִירָה הָאט עֶר זִיךְ אוּיסְגֶעגָאסְן צוּ מִיר דָאס הַארְץ

מִיט קְרֶעכְצְן: "זֶעסְט וָואס דָא טוּט זִיךְ? דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ דַארְף זַיין אַזוֹי מְבוּזֶה, אֲפִילוּ אִינֶעם אֵייגֶענֶעם בֵּית הַמִּדְרָשׁ קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן אַ דִיבּוּר פוּן רֶבִּי'ן!".

אוּן אַזוֹי ווִי אִיךְ בִּין דֶעמָאלְטְס גֶעוֶוען אַ וָואךְ צַייט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, בִּין אִיךְ יֶעדְן טָאג מִיט אִים אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען נָאכְן דַאוֶוענֶען וָתִיקִין, אוּן גֶעזֶעצְן מִיט אִים בִּיז מִנְחָה, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַ וָואךְ צַייט, אוּן עֶר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט מוֹרָא'דִיגֶע סִיפּוּרִים אוּן שִׂיחוֹת וְכוּ' וְכוּ', (וָואס אַלֶעס אִיז אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן בַּיי מִיר.) דֶערְוַוייל בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעפָארְן, אוּן עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר ווֵיי גֶעטוּן, הֲזֹאת נָעֳמִי? אַזוֹי דַארְף אוֹיסְזֶען אַ בְּרֶסְלְבֶער שׁוּל? הָאבּ אִיךְ מִיר מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אַז אִיךְ וֶועל דָא מַאכְן אָרְדֶענוּנְג, אֲפִילוּ עֶס זָאל מִיר קָאסְטְן וָואס עֶס זָאל מִיר קָאסְטְן. אוּן אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ שׁוֹין דֶעמָאלְטְס גֶעשְׁרִיבְּן אַסַאךְ בְּרִיוו פַאר בָּחוּרִים אוּן יוּנְגֶעלַייט, אוּן גֶעדְרִיקְט סְפָרִים, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייבְּן אָפְּן: "רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק אָמַר וְכוּ' וְכוּ'", אוּן גֶעבֶּעטְן יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט נָאר צוּ ר' לֵוִי יִצְחָק. [דָאס קֶענְט אִיר קוּקְן אִין דִי בְּרִיוו פוּן יֶענֶע יָארְן, אוּן אוֹיךְ אִין דִי סְפָרִים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעדְרִיקְט דֶעמָאלְט, "אֶרֶךְ אַפַּיִם", "מְקוֹר הַשִּׂמְחָה", "שְׁמִירַת הַזְּמַן", אוּן בִּפְרַט דֶעם סֵפֶר "אִילָן הַחַיִּים" וָואס אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט דִי סִיפּוּרִים מִיטְן סֵדֶר, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רֶבִּי נָתָן, רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער, רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן, אוּן נָאכְדֶעם רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק. נוּ, נוּ... פְּרֶעגְט שׁוֹין נִישְׁט וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶעלִיטְן פַאר דֶעם, עֶס

הָאט זיך אָנְגֶעהויבְּן אויף מִיר אַ גְרויסֶע מַחְלוֹקֶת: "וֶוער בִּיסְטוּ יוּנְגֶערְמַאן? מַאכְן אַזַא סֵדֶר, וְכוּ'?", און מֶען הָאט גֶעקְלֶעבְּט אויף מִיר צֶעטְלֶעךְ, (כְּדַרְכָּן שֶׁל בְּנֵי בְּלִיַעל). אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁרָאקְן, און אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטְן און אֵיין שִׁיקְן בָּחוּרִים און יוּנְגֶעלַייט טָאג אַיין טָאג אוֹיס, "גֵייט נָאר צוּ ר' לֵוִי יִצְחָק, וָוארוּם דֶער רֶבִּי שְׁטֵייט אַיין נָאר בַּיי אִים, וְכוּ'!". פְרֶעגְט נִישְׁט וָואסְפַּארַא בִּזְיוֹנוֹת אִיךְ הָאבּ גֶעלִיטְן פַּאר דֶעם, (און עֶר אַלֵיין הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו וָואס אִיךְ הָאבּ נָאךְ בַּיי מִיר מִיט דֶעם לָשׁוֹן "וָואס ווילְסְטוּ פוּן מִיר הָאבְּן? וָואס מַאכְסְטוּ מִיר פַאר אַ מְפוּרְסָם?..."), אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקוּקְט אויף גָארְנִישְׁט, אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז אויבּ מֶען וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען אַ מֶענְטְשׁ וָואס מֶען קֶען אויף אִים אַרוֹיפְקוּקְן, אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, וְכוּ'.] מִיר הָאט זֵייעֶר גֶעבְּרֶענְט, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר אַסַאךְ אִין דֶעם יוּגְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, און אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט וָואס הֵייסְט תְּמִימוּת, און בַּיי דֶעם אִיד הָאבּ אִיךְ דָאס גֶעזֶען, וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעזֶען בַּיי קֵיינֶעם נִישְׁט פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט, און אַזוֹי אִיז צוּבִּיסְלֶעךְ גֶעוָוארְן סֵדֶר. (דֶער סִיפּוּר וֵוייסְט קֵיינֶער נִישְׁט, און סְ'פַּאלְט קֵיינֶעם נִישְׁט אַיין ווִי אַזוֹי אִיז ר' לֵוִי יִצְחָק מְפוּרְסָם גֶעוָוארְן, און סְ'אִיז נָאךְ דָא אַסַאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן, אָבֶּער אִין אַן אַנְדֶערְן גֶעלֶעגְנְהֵייט.).

**אָבֶּער** אֵיין זַאךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען, ווִי אַזוֹי הָאט זיךְ אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידוּת נָאךְ דִי צְוֵוייטֶע

וֶועלְט מִלְחָמָה? נָאר וַוייל מֶען הָאט אַרוּיפְגֶעקוּקְט אוֹיף אֵיינֶעם, און מֶען הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן מִיט אִים צוּזַאמֶען. - כָּאטְשׁ עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט בִּיטֶערֶע מִתְנַגְדִים וָואס פְלֶעגְן פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין מִירוֹן, און זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט דַאוֶוענֶען בַּיים קִיבּוּץ אִין יְרוּשָׁלַיִם. אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶערוּט, און אַלְץ גֶעשִׁיקְט צוּ אִים דָארְטְן בָּחוּרִים און יוּנְגֶעלַייט, בִּיז עֶס הָאט זִיךְ פַארְקְלִיבְּן אַרוּם אִים אַ שֵׁיינֶער קִיבּוּץ פוּן בָּחוּרִים מִיט יוּנְגֶעלַייט, און זֵיי הָאבְּן גֶעטְרוּנְקֶען מִיט דוּרְשְׁט זַיינֶע דִיבּוּרִים וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען מָלֵא חֵן שֶׁל אֱמֶת, מִיט אַזוֹי אַ תְמִימוּת און פְּשִׁיטוּת וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן. אוֹי הָאט עֶר גֶערֶעדְט פוּן דֶרֶךְ הַלִימוּד, און הָאט גֶעשְׁרִיגְן, "בְּרֶענְגְט נִישְׁט אָן דִי צַייט וְכוּ' וְכוּ'!" (אִיךְ אַלֵיין בִּין גֶעקוּמֶען צוּ אִים אִין שְׁטוּבּ אַמָאל אַ זוּנְטָאג, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז עֶר הָאט דֶעמָאלְטְס אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען פַאר זִיךְ מַסֶכֶת קִידוּשִׁין, און אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי אִים דָאנֶערְשְׁטָאג הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען ווִי עֶר מַאכְט אַ סִיוּם אוֹיף מַסֶכֶת קִידוּשִׁין. דָאס הָאבּ אִיךְ אַלֵיין גֶעזֶען. און אוֹיבּ עֶר וָואלְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, ווִי אַזוֹי וָואלְט עֶר גֶעקֶענְט עֶנְדִיגְן דֶעם מַסֶכֶת אִין אֵיין וָואךְ?).

**און** אַזוֹי הָאט זִיךְ עֶס אָנְגֶעהַאלְטְן עֶטְלִיכֶע יָאר וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין שִׁיקְן צוּ אִים וָואס מֶער בָּחוּרִים און וָואס מֶער יוּנְגֶעלַייט, און אִיךְ הָאבּ קַיין חֲרָטָה נִישְׁט אוֹיף דֶעם. - כָּאטְשׁ אִיךְ הָאבּ גֶעלִיטְן נָאכְדֶעם פוּן דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ, וַוייל מֶען הָאט גֶעטְרָאגְן צוּ אִים אַסַאךְ לָשׁוֹן

הָרֶע'ס אוֹיף מִיר. - אָבֶער אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אַז בָּרוּךְ הַשֵּׁם מֶער וֵוייניגְסְטֶענְס אִיז שׁוֹין דָא אַ סֵדֶר.

צוּ וָואס דֶערְצֵייל אִיךְ אַייךְ דָאס אַלֶעס? וַוייל אִיךְ זֶע אַז בָּרוּךְ הַשֵּׁם דֶער קִיבּוּץ הַקָּדוֹשׁ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ מֶערְן זִיךְ בְּלִי עַיִן הָרָע, אוּן עֶס אִיז שׁוֹין דָא אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ אִין ווִילִיאַמְסְבּוּרְג, אוּן אוֹיךְ אִין מָאנְרָא, אוּן אוֹיךְ אִין מָאנְסִי, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז עֶס זָאל זַיין חִילּוּקֵי דֵיעוֹת צְווִישְׁן אוּנְזֶערֶע תַּלְמִידִים. בֶּעט אִיךְ עֶנְק זֵייעֶר: הַאלְט אַייךְ צוּזַאמֶען, אוּן רֶעדְט נָאר פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים, אַזוֹי וְוי אִיר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מִיר. וָוארוּם דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים מַאכְן לִיבְטִיג יֶעדְן צוּבְרָאכֶענֶעם מֶענְטְשׁ, וָואס לֵיידֶער זֶענֶען מִיר אַלֶע צוּבְּרָאכְן כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר, וְכוּ', יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיין אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן בְּרוּחְנִיּוּת, אוּן מִיר דַארְפְן אַלֶע חִיזּוּק. דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר זֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן מִיט וָואס מֶען קֶען, נָאר מִיר זָאלְן זַיין צוּזַאמֶען, אוּן רֶעדְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְזֶער הַארְצְן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בַּאשֶׁעפֶער פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן חַזֶר'ן טָאג אַיין טָאג אוֹיס, אַז עֶס אִיז דָא נָאר אֵיין בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס פִירְט זַיין וֶועלְט בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, (חוּלִין ז) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה; (יוֹמָא לח.) בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ וּמִשֶּׁלְּךָ יִתְּנוּ לָךְ אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בְּמוּכָן לַחֲבֵירוֹ וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בְּחַבֶרְתָּהּ

אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא: (בְּרָכוֹת נח.) אֲפִילוּ רֵישׁ גַּרְגִּיתָא מִן שְׁמַיָּא מַנוּ לֵיהּ; אוּן ווִיפִיל מִיר וֶועלְן דָאס הַזֶר'ן אִיז נִישְׁט גֶענוּג, וָוארוּם דִי וֶועלְט אִיז פוּל מִיט כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, מִיט דֵיעוֹת כּוֹזְבוֹת פוּן כּוֹחִי וְעוֹצֶם יָדִי עָשָׂה לִי אֶת הַחַיִל הַזֶה, וְכוּ', וְכוּ'.

**דֶערְפַאר** דַארְף מֶען אַסַאךְ רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט "אִיר דַארְפְט אַסַאךְ רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה כְּדֵי עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין עֶנְק". אוּן וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה פוּן סוֹד כַּוָונַת הַמִילָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן סג) הָאבְּן אוּנְזֶערֶע לַייט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּין שְׁאֵלוֹת אוֹיף דִי תּוֹרָה, הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן "וֶוער אִיז אַייךְ שׁוּלְדִיג, אַז אִיר הָאט נִישְׁט קַיין יְדִיעָה אִין אֵיידְלְקֵייט?" זֶעט מֶען אַז מֶען דַארְף אַסַאךְ אָנְדִילְדְן דֶעם גוּף מִיט דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, כּוּלֵי הַאי וְאוּלַי מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קְלָארֶע אֱמוּנָה, שְׁפִּירְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא מִיט אוּנְז, וָוארוּם עֶר אִיז מְלֹא כָּל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, "מְמַלֵא כָּל עַלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדֶךָ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם". אוּן אוֹיבּ מִיר וֶועלְן אִין זִיךְ אַרַיינְנֶעמֶען אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, דֶעמָאלְטְס וֶועלְן מִיר קֶענֶען צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן פַאר אִים דָאס הַארְץ אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת.

**אוּן** וֶוער עֶס גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ דִי הֵיילִיגֶע הַנְהָגָה וָואס הֵייסְט "הִתְבּוֹדְדוּת", זִיךְ אָפְּזוּנְדֶערְן אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער

אִיז נִישְׁטָא, אוּן אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ זַיין בִּיטֶער הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, דָאס אִיז דָאךְ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, אוּן דָאס רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע שְׁמוּץ וָואס עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעקְלֶעבְּט אִין אִים וְכוּ׳, אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אִין אִים אַרַיין אַן אַנְדֶערְן סָארְט יִשּׁוּב הַדַּעַת וְכוּ׳ אוּן עֶר קוּקְט שׁוֹין אוֹיף דֶער וֶועלְט מִיט אַנְדֶערֶע אוֹיגְן וְכוּ׳, עֶר זֶעט דָאס דִי אַלֶע נַארִישֶׁע תַּאֲווֹת וְכוּ׳, כָּבוֹד, גֵיאוּת, גֶעלְט, מַחְלוֹקֶת אוּן וִויכּוּחִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, אִיז אַלֶעס הֶבֶל הֲבָלִים, אַ שָׁאד דִי הֵיילִיגֶע צַייט וָואס מֶען קֶען אַיינְקוֹיפְן מִיט דֶעם טַייעֶרֶע סְחוֹרָה, תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, מִצְווֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, וָואס נָאר דָאס נֶעמְט מֶען מִיט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ו׳) לְפִי שֶׁבִּשְׁעַת פְּטִירָתוֹ שֶׁל אָדָם, אֵין מְלַוִּין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶּסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת. אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבַד.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ אַייךְ אַלֶעמֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק: הַאלְט אַייךְ צוּזַאמֶען, וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אַז מֶען זָאל הָאבְּן חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען. ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן צא) אַז אַ סְגוּלָה צוּ הַתְמָדָה עֶר זָאל זַיין אַ מַתְמִיד אִין לִימּוּד תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה אִיז אַז עֶר זָאל נִישְׁט רֶעדְן קַיין שְׁלֶעכְטְס אוֹיף קַיין שׁוּם אִיד; וָוארוּם אִין אַ סֵפֶר תּוֹרָה אַז עֶס פֶעלְט אֵיין אוֹת אִיז דִי סֵפֶר תּוֹרָה פָּסוּל, אוּן יֶעדֶע אִיד הָאט אַן אוֹת אִין דִי תּוֹרָה, אוּן אוֹיב חָלִילָה וְחַס מֶען רֶעדְט אוֹיף אֵיין אִיד נֶעמְט מֶען אַרוֹיס דֶעם אוֹת פוּן דִי תּוֹרָה אוּן דוּרְכְדֶעם הָאט מֶען נִישְׁט קַיין

הֶשְׁקְ נָאכְדֶעם צוּ לֶערְנֶען. אוּן דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף יֶעדְן אִיד, מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען מֶען רֶעדְט אוֹיף תַּלְמִידִים פוּן דֶעם זֶעלְבְּן רֶבִּי׳ן אִיז דָאס בְּוַודַאי אַ גְרוֹיסְן פְּגָם, וָוארוּם וויסְן דַארְפְט אִיר וִויסְן, אַז מִיר טְרוּנְקֶען פוּן דֶעם זֶעלְבְּן בְּרוּנֶעם, פוּן דֶעם זֶעלְבְּן טַייךְ, פוּן דֶעם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, אִיז פַארְוָואס דַארְפְן מִיר רֶעדְן אֵיינֶער אוֹיפְן אַנְדֶערְן? אַדְּרַבָּה, מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֶלִימֶלֶךְ זי״ע בֶּעט אִין זַיין תְּפִלָּה: ״תֵּן בְּלִבֵּינוּ שֶׁנִּרְאֶה כָּל אֶחָד מַעֲלַת חֲבֵרֵינוּ וְלֹא חֶסְרוֹנָם, וְשֶׁנְּדַבֵּר כָּל אֶחָד אֶת חֲבֵירוֹ בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר וְהָרָצוּי לְפָנֶיךָ, וְאַל יַעֲלֶה בְּלִבֵּנוּ שׁוּם שִׂנְאָה מֵאֶחָד עַל חֲבֵירוֹ חָלִילָה״. - וָואס אַגַב, אוּנְזֶערֶע לַייט אִין פּוֹילְן הָאבְּן שְׁטַארְק מַקְפִּיד גֶעוֶוען צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג פַארְן דַאוֶוענֶען דִי תְּפִלָּה.

אַלְץ בָּחוּר הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן אַן אַלְטְן פּוֹילִישְׁן אִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען פַאר דִי קְרִיג שְׁטַארְק מְקוֹרָב צוּ בְּרֶסְלֶב׳ער חֲסִידִים, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעוֵוייקְט אַסַאךְ בַּיי הָרַב הֶחָסִיד ר׳ יִצְחָק בְּרֵייטֶער זַ״ל הי״ד, אוּן עֶר הָאט דָאס מִיר פַארְצֵיילְט אַז אַלֶע בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידִים פְּלֶעגְן זָאגְן דִי תְּפִלָּה פַארְן דַאוֶוענֶען, אוּן עֶר אַלֵיין הָאט עֶס גֶעקֶענְט אוֹיסֶעוֵוייניג אוֹיפְן לָשׁוֹן. עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רַב זי״ע הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאגְט דִי תְּפִלָּה פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן רֶבִּי אֶלִימֶלֶךְ זי״ע פַארְן דַאוֶוענֶען גֵייט דִי תְּפִלָּה גְלַייךְ. עַל כָּל פָּנִים ווִי סְ׳אִיז דַארְף מֶען זֶען צוּ קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטְס פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט וָואס

עֶר דַאוֶוענְט בַּיי אוּנְז אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, אוּן אִים דַן זַיין לְכַּף זְכוּת, וָואס וֵוייסְט אִיר וָואס אוֹיף אִים גֵייט אִיבֶּער? אַדְרַבָּה אוֹיבּ אִיר זֶעט אֵיינֶעם פִירְט זִיךְ ווִי ס'פַּאסְט נִישְׁט, דַארְף מֶען אִים מְחַזֵק זַיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין אוּן זָאגְן, נִישְׁט אַרוּם טְרָאגְן אַ הַאס אִין הַארְץ אוֹיף אִים, ווִי ס'שְׁטֵייט (וַיִקְרָא יט, יז) "לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ וְלֹא תִשָּׂא עָלָיו חֵטְא" וָואס דָאס אִיז אֵיין מִצְוַות עֲשֵׂה, אוּן צְוֵויי לַאֲוִין.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ עֶנְק אַלֶע הַאלְט אַייךְ צוּזַאמֶען אִינְאֵיינֶעם. דָאס אִיז נִישְׁט אַן עֵצָה צוּ אַנְטְלוֹיפְן אוּן דַאוֶועגֶען אִין אַן אַנְדֶערְן שׁוּל, נָאר מֶען דַארְף זֶען פַארְשֶׁענֶערְן אוּן פַארְבֶּעסֶערְן אוּנְזֶער שׁוּל, עֶס זָאל מְקַדֵשׁ זַיין שֵׁם שָׁמַיִם, וֶוער עֶס קוּמְט אַרַיין בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל זָאל עֶר שְׁפִּירְן אַ וַוארִימְקַייט מִיט אַ לֶעבְּטִיגְקֵייט, עֶר זָאל וֶועלְן נָאכְאַמָאל קוּמֶען, אוּן נָאכְאַמָאל קוּמֶען, אוּן אַזוֹי צִיט מֶען צוּ נָאךְ אִידְן וָואס זֵיי זוּכְן הִתְחַזְקוּת, וָואס לֵיידֶער פֶעלְט נִישְׁט הַיינְט פַארְיָאגְטֶע אוּן פַארְפְּלָאגְטֶע אִידְן, וָואס עֶס גֵייט אוֹיף זֵיי אִיבֶּער צָרוֹת אוּן יִסוּרִים מִבַּיִת וּמִבַּחוּץ, חִסָרוֹן פַּרְנָסָה, וְכוּ', וְכוּ'.

**אוּן** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן מג), "אַז אִיר וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן גֵיין מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוֹיפְן פָּנִים, קֶענְט אִיר דָאךְ מְחַיֶה זַיין אָן אַ שִׁיעוּר אִידְן וָואס זֶענֶען לֵיידֶער זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן," –

און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אויסְגֶעלָאזְט, - "אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס הֵייסְט מְחַיֶה זַיין אַ אִיד וְכוּ'".

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ עֶנְק זֵייעֶר, הַאלְט אַייךְ צוּזַאמֶען, און פְרֵיידְט זִיךְ צוּזַאמֶען, און דֶערְמִיט וֶועט אִיר מְקַדֵשׁ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען, מֶענְטְשְׁן וָואס וֶועלְן אַרַיינְקוּמֶען אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ וֶועלְן זֵיי זֶען דָאס גְרוֹיסֶע אַהֲבָה וָואס עֶס אִיז דָא צְווִישְׁן אוּנְז, דָאס אַלֵיין וֶועט מְקַרֵב זַיין נָאךְ אִידְן זָאלְן גֵיין אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶועג. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט, "אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט אויסְמָאלְן צוּ וָואסְפַאַרַא מַדְרֵיגוֹת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וָואלְט אַייךְ גֶעבְּרֶענְגְט וֶוען אִיר וָואלְט זִיךְ גֶעהַאלְטְן צוּזַאמֶען". און זַיין תַּלְמִיד ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ל וֶוען עֶר פְלֶעגְט זָאגְן פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט דִי שִׂיחָה, פְלֶעגְט עֶר צוּלֵייגְן, "מֶען זֶעט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ, וואוּ דִי חַבְרַיָיא קַדִישָׁא פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזוֹי פִיל סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, אִיז נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן צוּזַאמֶען, הֵן צְווִישְׁן זִיךְ און הֵן מִיט זֵייעֶר הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן".

**הַקָדוֹשׁ** בָּרוּךְ הוּא זָאל הֶעלְפְן דָאס דִי דִיבּוּרִים וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ דָא, נִישְׁט מִיט טִינְט נָאר מִיט בְּלוּט פוּן מֵיין הַארְץ, זָאל אַרַיינְגֵיין אִין עֶנְקֶער הַארְץ.

**אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ אַייךְ אַלֶע אַ בְּרָכָה פוּן הִימְל**

## ז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם חֲמִישִׁי לְסֵדֶר וָאֵרָא כ"ח טֵבֵת ה'תש"ע

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל כְּלַל חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב תַּלְמִידֵי "הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ" הַוַיָ"ה עֲלֵיהֶם יַשְׁרֶה שְׁכִינָתוֹ תָּמִיד.**

גֶעלוֹיבְּט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס אִיךְ בִּין נֶעכְטְן צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אַ לַאנְגֶע נְסִיעָה וָואס אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דָארְטְן זֵייעֶר אַסַאךְ שְׁוֶועריקַייטְן פוּן דִי רְשָׁעִים וָואס זֵיי פַּארְלֵייגְן זִיךְ אוֹיסְצוּרַייסְן אִידִישְׁקֵייט, אָבֶּער מִיט חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, הָאט עֶר מִיר צוּגֶעשִׁיקְט אַ גוּטֶע שְׁלִיחַ אוּן אִיךְ הָאבּ מִיט אַ מַזָל'דִיגֶע שָׁעָה בַּאקוּמֶען אַ הֶיתֵּר צוּ בּוֹיעֶן אַ גְרוֹיסֶע בֵּית הַמִדְרָשׁ, עַל אַפָּם וְחַמָתָם פוּן דִי רְשָׁעִים, נָאךְ צְוָואנְצִיג יָאר וַוארְטְן, הָאבּ אִיךְ עֶנְדְלִיךְ דֶערְוַוארְט, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן מִיט אַ הֶיתֵּר צוּ בּוֹיעֶן אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ, וָואס דָאס אִיז אַ חִידוּשׁ שֶׁבְּחִידוּשִׁים, אוֹיף אַזַא פְּלַאץ וָואס מֶען הָאט אוֹיסְגֶערִיסְן דָארְטְן אִידִישְׁקֵייט פוּן צְוֵויי עֵדוֹת קְדוֹשׁוֹת, דִי תֵּימָנֶער אִידְן אוּן דִי טוּנִיסֶער אִידְן הָאט מֶען דָארְטְן מַעֲבִיר גֶעוֶוען עַל הַדַת רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן, אוּן הַיינְט צוּ טָאג דַיְיקָא אוֹיף אַזַא פְּלַאץ וָואס דִי רְשָׁעִים הָאבְּן זִיךְ פַארְלֵייגְט אוֹיסְצוּרַייסְן דִי אֱמוּנָה, דַיְיקָא דָארְטְן הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ הֵיילִיגֶע קְהִילָה וָואס צֵיילְט זִיךְ שׁוֹין אִיבֶּער דְרֵיי הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת כֵּן יִרְבּוּ. אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דָארְטְן אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן אַ מֵיידְל שׁוּלֶע, אַ יְשִׁיבָה קְטַנָה

און אַ כּוֹלֵל וָואס מֶען לֶערְנְט דַארְטְן תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, און אַלֶע פְרוֹיעֶן גֵייעֶן בִּצְנִיעוּת, אָפְּגֶעשׁוֹירְן וְכוּ׳, וְכוּ׳, וָואס עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט גְלֵייבְּן אַז אִין אַזַא וַוייטְן פְּלַאץ זָאל מֶען הַיינְט זֶען דְרֵייעֶן זִיךְ חֲסִידִישֶׁע אִידְן, מִיטְן גַאנְצְן לְבוּשׁ בָּארְד און פֵּיאוֹת, און צְנִיעוּת בַּאשֵׁיידְנְקֵייט וְכוּ׳ וְכוּ׳, עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט גְלֵייבְּן אַז אִין אַ פַארְשְׁטוּפְּטְן דֶערְפֶעלֶע וָואס קֵיינֶער וֵוייסְט אֲפִילוּ נִישְׁט וואוּ דָאס אִיז אוֹיף דִי מַאפֶּע, זָאל דָארְטְן זַיין אַזוֹיפִיל צְדָקָה וָחֶסֶד, וָוארוּם מִיר הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ בֵּית הַתַּבְשִׁיל וָואס מֶען פַּארְטֵיילְט יֶעדְן אָוֶוענְט עֶסְן צְוִוישְׁן זֶעקְס און זִיבְּן הוּנְדֶערְט פָּארְצְיֶעס עֶסְן. אוֹיסֶער דֶעם אִיז דָא אַ מִנְיָן נָאךְ אַ מִנְיָן פוּן וָתִיקִין בִּיז שְׁפֶּעט מִיטָאג שַׁחֲרִית, און נָאכְדֶעם אַ מִנְיָן נָאךְ אַ מִנְיָן מִנְחָה, און פוּן צֵאת הַכּוֹכָבִים בִּיז שְׁפֶּעט אִין נַאכְט אַרַיין אִיז דָא אַ מִנְיָן נָאךְ אַ מִנְיָן מַעֲרִיב, אַ זַאךְ וָואס עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט גְלֵייבְּן בִּיז מֶען זֶעט עֶס מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן.

**אִיז** לֹא בְּחִינָם וָואס דִי רְשָׁעִים הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי פַּארְלֵייגְט אוֹיף מִיר, וַוייל אִיךְ בִּין פַּאר זֵיי אַזוֹי וִוי אַ בֵּיין אִין הַאלְז. אָבֶּער עֶס וֶועט זֵיי שׁוֹין גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, וִויפִיל דִירוֹת עֶס זָאל נָאר נִישְׁט גֶעבּוֹיעֶט וֶוערְן דָארְטְן וֶועלְן זִיךְ אַרַיינְצִיעֶן דָארְטְן חֲסִידִישֶׁע מִשְׁפָּחוֹת, און אוֹיף דֶעם הָאבְּן זֵיי מוֹרָא, אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה זָאגְט בַּיי פַּרְעֹה הָרָשָׁע, (שְׁמוֹת א׳ י׳) "הָבָה נִתְחַכְּמָה לוֹ פֶּן יִרְבֶּה" וגו׳, דַרְשֶׁענֶען אוֹיף דֶעם דִי חֲזַ"ל (סוֹטָה יא.) אָמַר רֵישׁ לָקִישׁ רוּחַ הַקֹּדֶשׁ מְבַשַּׂרְתַּן "כֵּן יִרְבֶּה וְכֵן יִפְרוֹץ".

**און** גֶעלויבּט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס צוּבִּיסְלִיךְ וֶוערְן גֶעבּוֹיעֶט נָאךְ דִירוֹת און נָאךְ דִירוֹת, און עֶס צִיעֶן זִיךְ אַריין הַיימִישֶׁע מִשְׁפָּחוֹת, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פַארְלָאזְט אוּנְז נִישְׁט אֲפִילוּ מִיר לַיידְן צָרוֹת צְרוּרוֹת פוּן דִי רְשָׁעִים אֲרוּרִים, מִינִים וְאַפִּיקוֹרְסִים, אָבֶער מִיט דֶעם שְׁטַארְקַייט פוּן דִי אֱמוּנָה וָואס מִיר הָאבְּן, גֵייעֶן מִיר דוּרְךְ אוֹיף אַלֶעם, וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן סד) דָאס מִיט אֱמוּנָה גֵייט מֶען דוּרְךְ אַלֶעס, און עֶס פַאלְן אַוֶועק אַלֶע קַשְׁיוֹת און סְפֵיקוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט. וָוארוּם וְויסְן דַארְפְט אִיר וְויסְן, דָאס דִי אַלֶע סְפֵיקוֹת און קַשְׁיוֹת וְכוּ' וְכוּ', וָואס קוּמְט אַרוֹיף אוֹיפְן הַארְץ פוּן אַ אִיד דָאס נֶעמְט זִיךְ נָאר דוּרְךְ זַיינֶע חֲטָאִים און עֲווֹנוֹת, אַזוֹי וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן כב) הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה בָּאָדָם; אַז אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחְמָנָא לִיצְלָן קוּמְט אִים אַריין כְּפִירָה גֶעדַאנְקֶען אִין הַארְץ, און עֶר הָאט נָאר קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** דֶער וָואס אִיז אַריין גֶעפַאלְן אִין שְׁוֶוערֶע זִינְד דַארְף עֶר וְויסְן אַז עֶר בַּאשַׁאפְט קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים, אַזוֹי וְוִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ו.) תַּנְיָא אַבָּא בִּנְיָמִין אוֹמֵר אִלְמָלֵי נִתְּנָה רְשׁוּת לְעַיִן לִרְאוֹת, אֵין כָּל בְּרִיָה יְכוֹלָה לַעֲמוֹד מִפְּנֵי הַמַּזִּיקִין וְכוּ', אָמַר רַב הוּנָא כָּל חַד וְחַד מִינָן אַלְפָא מִשְּׂמָאלֵיה וְרִבְבָתָא מִימִינֵיה וְכוּ', דָאס הֵייסְט יֶעדֶער וָואס הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִיז אַרוּמְגֶעוִויקְלְט מִיט הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אִים אַריין

סְפֵיקוֹת אִין דִי אֱמוּנָה הַקְדוֹשָׁה, אוּן עֶר פַּאלְט אַרַיין אִין אַ גֶעפֶּערְלִיכֶע דִיפְּרֶעסְיֶע עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג, אוּן עֶר וֵוייסְט אֲפִילוּ נִישְׁט פַּארְוָואס וְכוּ'.

**אָבֶער** דִי חַזַ"ל זָאגְן (מִדְרָשׁ אַגָּדָה) פַּארְוָואס הֵייסְן דִי שֵׁדִים אוּן דִי רוּחוֹת קֶטֶב מְרִירִי? נָאר זֵיי דֶערְבִּיטֶערְן דָאס הַארְץ פוּן אַ מֶענְטְשׁ. אִיבֶּערְדֶעם אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט זִיךְ דֶערְבִּיטֶערְט אוּן גֶעפַאלְן וְכוּ', עֶר פִּילְט זִיךְ אַ גֶעשְׁלָאגֶענֶער, אַ גֶעפַאלֶענֶער, וְכוּ', דָאס נֶעמְט זִיךְ פוּן זַיינֶע חַטְאוֹת נְעוּרִים, אִיבֶּער דֶעם יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן שׁוֹבְבִי"ם, אִיז דִי צַייט דָאס צוּ פַארְרֶעכְטְן, וָוארוּם דִי הֵיילִיגֶע רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רמט) דָאס דֶער בִּיטֶערֶער חֵטְא בְּרֶענְגְט אַ מֶענְטְשׁ צוּ כַּעַס, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית לח, ז) "וַיְהִי עֵר בְּכוֹר יְהוּדָה רַע בְּעֵינֵי הַוָי"ה", פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, פַארְוָואס שְׁטֵייט נִישְׁט 'רָשָׁע' בְּעֵינֵי הַוָי"ה? נָאר דֶער חֵטְא בְּרֶענְגְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ כַּעַס עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין בֵּייז, 'רַע' מֵיינְט אַ שְׁלֶעכְטֶער בֵּייזֶער מֶענְטְשׁ, דֶער וָואס עֶר זִינְדִיגְט דֶעם בִּיטֶערְן חֵטְא אִיז שְׁטֶענְדִיג אַ בֵּייזֶער אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְטֶער מֶענְטְשׁ,

**אִיבֶּערְדֶעם** וֶוער עֶס וִויל פַארְרֶעכְטְן זַיינֶע חֲטָאִים מוּז זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ דִי מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת, וָואס דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מִדָּה, אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט. עֶס טוּט זִיךְ יֶעצְט אַ גֶעטוּמְל אִין דֶער וֶועלְט, אַז עֶס אִיז אַרַיין אַ דִיבּוּק אִין אַ בְּרַאזִילֶער אִיד,

און קִינְד און קֵייט רֶעדְן פוּן דֶעם; קֵיינֶעם פַאלְט נִישְׁט אַיין אַז יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַ דִיבּוּק אִין זִיךְ. אוֹיבּ עֶר אִיז אַן אוֹפְגֶערֶעגְטֶער מֶענְטְשׁ און עֶר לָאזְט אוֹיס זַיין כַּעַס און זַיין נֶערְוֶועזְקֵייט אוֹיף זַיין וַוייבּ און קִינְדֶער, אָדֶער אוֹיף אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, דַארְף מֶען ווִיסְן אַז אִין דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז אוֹיפְגֶערֶעגְט זִיצְט אִין אִים אַ דִיבּוּק. און קֵיינֶער רֶעדְט נִישְׁט פוּן דֶעם, וַוייל לֵיידֶער אִיז קֵיינֶער נִישְׁט רֵיין פוּן דֶעם חֵטְא וָואס עֶס בְּרֶענְגְט צוּ כַּעַס נֶערְוֶועזְקֵייט, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְגֶערֶעגְט, שְׁרֵייט וְכוּ', שְׁלָאגְט וְכוּ', וַוארְפְט זַאכְן וְכוּ', מַמָשׁ אַזוֹי ווִי אַ מְשׁוּגֶענֶער, אִין דֶעם מֶענְטְשׁ לִיגְט אַ דִיבּוּק, און קֵיינֶעם פַאלְט דָאס נִישְׁט אַיין.

מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן אַ בְּרַאזִילְיַאנֶער אִיד וָואס מֶען הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיף אִים אַז עֶר הָאט אַ דִיבּוּק, און אַלֶע לוֹיפְן קוּקְן, ווִי אַזוֹי מֶען וֶועט פוּן אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם דִיבּוּק, און קֵיינֶעם פַאלְט נִישְׁט אַיין דָאס אִין אַן אוֹיפְגֶערֶעגְטְן נֶערְוֶועזֶער מֶענְטְשׁ זִיצְט אִין אִים אַ דִיבּוּק. אִיבֶּער דֶעם דַוְקָא יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם אִיז דִי צַייט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן, און בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף זַיינֶע חַטָאוֹת נְעוּרִים, און עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ.

און דִי עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז עֶר זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין אוֹיפְגֶערֶעגְט, קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין נֶערְוֶועז, קֵיינְמָאל נִישְׁט זִיךְ אַרוּמְקְרִיגְן מִיט זַיין וַוייבּ און קִינְדֶער, אָדֶער מִיט קַיין

שׁוּם מֶענְטְשׁ, וְכוּ׳. אוּיבּ אַ מֶענְטְשׁ בַּאוַוייזְט דָאס, אַז גָארְנִישְׁט קֶען אִים דֶענֶערְוִוירְן, וְכוּ׳, אוּן גָארְנִישְׁט קֶען אִים אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין נֶערְוֶועזְקֵייט, וְכוּ׳, דֶעמָאלְטְס זָאל עֶר זַיין גֶעזִיכֶערְט אַז זַיין תְּשׁוּבָה אִיז אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן אִין הִימְל.

אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ו׳) דָאס דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז וֶוען אֵיינֶער פַארְשֶׁעמְט אִים אָדֶער רֶעדְט אוֹיף אִים אָדֶער דֶערְנֶעוִוירְט אִים, אָדֶער קְרִיגְט זִיךְ מִיט אִים, אוּן שְׁוַוייגְט אָפּ, דָאס אִיז אַ שְׁלֵימוּת הַתְּשׁוּבָה. אִיבֶּער דֶעם זֶעט אַרַיינְצוּלֵייגְן דִי וֶוערְטֶער גוּט אִין הַארְצְן אַרַיין, דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז הָאבְּן סַבְלָנוּת, זַיין אַ גֶעדוּלְדִיגֶער מֶענְטְשׁ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן קנה) אַז צוּקוּמֶען צוּ גֶעדוּלְדִיגְקֵייט אוּן סַבְלָנוּת קֶען מֶען נִישְׁט נָאר דוּרְךְ אֱמוּנָה, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז גָארְנִישְׁט פִּירְט זִיךְ אַלֵיין, אַלֶעס אִיז נָאר פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, דֶעמָאלְטְס אִיז עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט אִין כַּעַס, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעדוּלְדִיג, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אַלְץ אִיז פוּן דִי בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין וָואס פִירְט דִי וֶועלְט בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִיּוּת, וְוִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (חוּלִין ז׳) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין מִלְמַעְלָה, אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט קַיין קְלַאפּ אִין דֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶער נָאר אַז מֶען הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן קוֹדֶם פוּן אוֹיבְן, גָארְנִישְׁט פִּירְט זִיךְ אַלֵיין. אִיבֶּער דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ אַיינְקוֹיפְן דִי מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת, גֶעדוּלְדִיגְקֵייט, הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ יֶעדֶעם אֵיינֶעם, וּבִפְרַט צוּ זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, וָואס דָאס וַוייזְט

אַז עֶר הָאט שׁוֹין תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, אוּן זַיין תְּשׁוּבָה אִיז אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן אוֹיבְן אִין הִימְל.

**אִיבֶּער** דֶעם בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, קוֹיפְּט זִיךְ אַיין דִי טֵייעֶרֶע מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת גֶעדוּלְדִיגְקֵייט אִין שְׁטוּב, וָואס דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מִדָּה אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַ בְּרָכָה אִין שְׁטוּב. אַזוֹי ווִי מֶען דֶערְצֵיילְט פוּן פְּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקְרִיגְט אִין שְׁטוּב, זֶענֶען גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט גְרוֹיסֶע מֶעכְטִיגֶע יְשׁוּעוֹת, הֵן מִיט גֶערָאטֶענֶע קִינְדֶער הֵן מִיט פַּרְנָסָה.

**צוּם** הֵיילִיגְן שִׁינָאוֶוער רָב זי"ע אִיז גֶעקוּמֶען אַ פָּארְפָאלְק נָאךְ אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג יָאר לֶעבְּן צוּזַאמֶען צוּ אַ דִין תּוֹרָה. זֵיי הָאבְּן קֵיין קִינְדֶער ל"ע נִישְׁט גֶעהַאט, הָאבְּן זֵיי צְווִישְׁן זִיךְ בַּאשְׁלָאסְן אַז זֵיי וֶועלְן זִיךְ גֶטְ'ן, אֶפְשָׁר וֶועט דֶער מַזָל זֵיי בְּרֶענְגֶען אַז בֵּיידֶע וֶועלְן נָאכְאַמָאל חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַנְדֶערֶע וֶועלְן זֵיי הָאבְּן קִינְדֶער. נָאר וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי דִין תּוֹרָה? אַזוֹי ווִי זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְמֶעגְלִיךְ מִיט פַּרְנָסָה דֶער מַאן הָאט גֶעהַאט אַ פַאבְּרִיק, אוּן צְווִישְׁן זֵיי אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שׁוּם וֶוערְטֶער אִיבֶּערְטוּיש, דָאס הֵייסְט פוּן זִינְט זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט הָאבְּן זֵיי זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקְרִיגְט, נָאר גֶעלֶעבְּט בְּשָׁלוֹם. "אִיז וָואס אִיז דִי דִין תּוֹרָה?" - פְּרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער שִׁינָאוֶוער רָב זי"ע. זִי הָאט גֶעטַעגֶה'ט אַז דָאס פַאבְּרִיק זָאל בְּלַייבְּן בַּיי אִים, עֶר זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה, כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען

מִיט אַ קְלָארְן קָאפּ; אוּן עֶר הָאט גֶע'טַעְנֶה'ט, נֵיין! דָאס פַּאבְּרִיק זָאל זַיין וַוייבּ נֶעמֶען, וָוארוּם עֶר וֶועט זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן אָן דֶעם פַּאבְּרִיק, אוּן זִי נֶעבֶּעךְ וֶועט בְּלַייבְּן אָן גָארְנִישְׁט, זָאל זִי כָאטְשׁ הָאבְּן פוּן וואו צוּ נֶעמֶען פַּרְנָסָה. ווי דֶער הֵיילִיגֶער שְׁפָּאלֶער זֵיידֶע ז"ע הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "דֶער פַּאבְּרִיק וֶועט בְּלַייבְּן פַּאר עֶנְק בֵּיידֶע, אִיר וֶועט זִיךְ נִישְׁט גֶטְ'ן, אִיבֶּער אַ יָאר אִין דִי צַייט וֶועט אִיר הָאבְּן אַ בֵּן זָכָר". אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם וָואס אִיז דֶער כֹּחַ פוּן אַ פָּארְפָאלְק וָואס קְרִיגְן זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוּן זֶענֶען גֶעדוּלְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן, אַז זֵיי וֶוערְן גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַלֶעם גוּטְן. אוּן אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל אָפְּגֶעבְּן גְרוֹיס כָּבוֹד פַארְן וַוייבּ, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ג - רס"ד), "דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טוּט אַלֶעם עֶס זָאל זַיין אַ מַחְלוֹקֶת צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, כְּדֵי זֵיי מַכְשִׁיל צוּ זַיין מִיט עֲוונוֹת אוּן חַטָאִים וְכוּ'". אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ בַּאטְרַאכְטְן: וִויפִיל צַעַר אוּן לַיידְן הָאט זַיין וַוייבּ? צַעַר הָעִיבּוּר, וְהַלֵידָה, וְהַגִידוּל, וְכוּ', זֵיי מוּטְשֶׁען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דִי קִינְדֶער, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי וַוייבּ, אוּן זֵיי אַרוֹיסְהֶעלְפְן. אַז וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ אַייךְ אַלֶע אַ בְּרָכָה פוּן הִימְל**

# ח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם חֲמִישִׁי לְסֵדֶר וַיִּגַּשׁ ז' טֵבֵת ה'תש"ע

## שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַיָּקָר לִי ... נֵרוֹ יָאִיר וְיִזְרַח

**אִיךְ** הָאבּ דַיין בְּרִיוו דֶערְהַאלְטְן. כָאטְשׁ אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען דִי טֶעג פוּנֶדעסְטְוֶועגְן וֶועל אִיךְ דִיר עֶנְטְפֶערְן בְּקִיצוּר.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף אַ אִיד וויסְן דָאס מֶען טָאר נִישְׁט זִיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, אֲפִילוּ עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער, טָאר מֶען בַּיי זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ פַאלְן, אַדְּרַבָּה דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מֶער אוּן מֶער מְקַרֵב זַיין צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.), כָּל שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא חָפֵץ בּוֹ מְדַכְּאוֹ בְּיִסוּרִין, אוּן דִי יִסוּרִים בְּרֶענְגֶען אִים נֶענְטֶער צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. וָואס הֵייסְט מֶען אִיז נֶענְטֶער צוּ אִים בָּרוּךְ הוּא? וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט ווִי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז נָאר לִיכְטִיג, עֶר אִיז אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אוֹר הָאֱלֹקִי, דָאס הֵייסְט עֶר אִיז נֶענְטֶער. ווַייל אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג שְׁפִּירְן ווִי עֶר אִיז אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אֱלֹקוּת, ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קל"ט י"ב), "גַּם חוֹשֶׁךְ לֹא יַחְשִׁיךְ מִמֶּךָ וְלַיְלָה כַּיּוֹם יָאִיר כַּחֲשֵׁיכָה כָּאוֹרָה", דָאס וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שְׁטַארְק אֱמוּנָה, וֶועט אִים קֵיינְמָאל פִינְסְטֶער זַיין, עֶר וֶועט שְׁטֶענְדִיג טְרֶעפְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן מִיט אִים

דָאס גַאנְץ הַארְץ וָואס דָאס הֵייסְט הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וָואס קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא אוּן עֶר וֶועט אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן מִיטְ'ן בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים, אוֹיף פָּשׁוּט אִידִישׁ. כָאטְשׁ בַּיים אָנְפַאנְג וֶועט עֶר שְׁפִּירְן אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַן עַקְשָׁן אוּן קוּקְט אוֹיף גָארְנִישְׁט נָאר אִיז מַמְשִׁיךְ אוּן רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים, צוּם סוֹף וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַ גְרוֹיסְן לִיכְט אוּן עֶר וֶועט שְׁפִּירְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים אִיז דָא מִיט אִים, אוּן עֶר וֶועט שְׁפִּירְן אוֹיף דֶעם עוֹלָם אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט אַזוֹי וִוי מֶען שְׁפִּירְט אוּן עוֹלָם הַבָּא. אָבֶּער דוּ מוּזְט ווִיסְן אַז עֶס קוּמְט נִישְׁט אָן אַזוֹי גְרִינְג, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט אַלֶע שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ', זֶען צוּ וֶועמֶען וֶועט עֶר לוֹיפְן וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער.

**דֶערְפַאר** נֶעם זִיךְ פָאר אַז וָואס עֶס וֶועט נָאר נִישְׁט זַיין מִיט דִיר, פוּן בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים גֵייסְטוּ נִישְׁט אַוֶועק, הַיְינוּ עֶס זָאל נִישְׁט אַרַיין קוּמֶען אִין דִיר קַיין שׁוּם קוּשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת וְכוּ', וָואס דָאס אִיז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַלֵיין, וָואס זוּכְט זִיךְ אַרַיינְצוּכַאפְּן אִין דֶעם מֶענְטְשׁ "הֲיֵשׁ הֲוָיָ"ה בְּקִרְבֵּינוּ אִם אָיִן" וְגוֹ'? (שְׁמוֹת י"ז) וָוארוּם וִוי עֶר הָאט נָאר סְפֵיקוֹת, שׁוֹין אִיז דָא עֲמָלֵ"ק וָואס בַּאטְרֶעפְט סָפֵ"ק, אוּן דֶעמָאלְסְט לַיידְט עֶר אַלֶע יְסוּרִין אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער.

**אִיבֶּערְדֶעם** זֶע צוּ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן מִשְׁפָּט זִיךְ אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ בַּאזוּנְדֶער, וָואס דָאס אִיז בַּיים

הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הִתְבּוֹדְדוּת בְּחִינַת מִשְׁפָּט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ט"ו), וֶוער עֶס ווִיל שְׁפִּירְן דֶעם אוֹר הַגָּנוּז זָאל עוֹסֵק זַיין אִין בְּחִינַת מִשְׁפָּט, דְהַיְינוּ זִיךְ אַלֵיין מִשְׁפָּטְ'ן, פַארְוָואס קוּמְט אוֹיף מִיר דִי צָרָה וְכוּ'? אוּן וֶוען עֶר וֶועט זִיךְ מִשְׁפָּטְ'ן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ ווִי עֶר פִירְט זִיךְ, דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר שׁוֹין פוּן גָארְנִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן.

עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן חַתַ"ם סוֹפֵר זי"ע, אַז עֶר אִיז גֶעפָארְן אֵיינְמָאל צוּ אַ מֶרְחָץ וֶועגְן זַיין גֶעזוּנְט, אוּן מֶען הָאט גֶעפּוֹעלְט פַאר אִים אַז עֶר זָאל זַיין בַּיינַאכְט וֶוען קֵיינֶער אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא, אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט זַיין אַלֵיין אִין דֶעם פְּלַאץ ווִי עֶס קוּמְט אַרוֹיס דִי שְׁוֶועבְּל וַואסֶער וָואס עֶס אִיז אַ רְפוּאָה. דָארְטְן אִיז גֶעוֶוען צְוֵויי גְרוֹיסֶע אַייזֶערְנֶע טִירְן, ווִי עֶר אִיז אַרַיין הָאט זִיךְ פַארְשְׁלָאסְן אוֹיף אִים דִי צְוֵויי גְרוֹיסֶע אַייזֶערְנֶע טִירְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיס, דֶערְוַוייל אִיז דִי גַאנְצֶע צִימֶער פוּל גֶעוָוארְן מִיט פַּארֶע פוּן דִי הִיץ וָואס דָארְטְן אִיז גֶעוָוארְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיס גֵיין, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר גֵייט דֶערְשְׁטִיקְט וֶוערְן הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ צוּ מִשְׁפָּטְ'ן, פַארְוָואס קוּמְט אִים אַזַא מִיתָה מְשׁוּנָה פוּן חֶנֶק? בִּיז עֶס אִיז אִים אַיינְגֶעפַאלְן אַז דִי חַזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קה:) כָּל הַמִּתְעַצֵּל בְּהֶסְפֵּידוֹ שֶׁל חָכָם אֵינוֹ מַאֲרִיךְ יָמִים, אוּן אַזוֹי ווִי עֶס אִיז דֶעמָאלְטְס נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער גָאוֹן רֶבִּי דָוִד דַייטְשׁ זַ"ל, אוּן עֶר הָאט אִים נִישְׁט מַסְפִּיד גֶעוֶוען, הָאט עֶר צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דָאס מוּז זַיין דִי סִיבָּה פוּן זַיין מַצָּב, אוּן

ער הָאט אויף זיך מְקַבֵּל גֶעוֶוען אַז עֶר וֶועט אִים מַסְפִּיד זַיין גְלַייך וֶוען עֶר וֶועט אַרויס גֵיין, און וואונְדֶער אויף וואונְדֶער אִיז גֶעשֶׁען דָאס דִי שְׁוֶוערֶע טִירְן הָאבְּן זִיך אַלֵיין גֶעעֶפְנְט און אַזוֹי אִיז עֶר נִיצוֹל גֶעוָוארְן און הָאט גֶעקֶענְט אַרויס גֵיין, און עֶר הָאט גְלַייך גֶעלָאזְט צוזַאם רופְן אַלֶע אִידְן וָואס הָאבְּן זִיך גֶעפונֶען אִין מֶרְחָץ און הָאט גֶעזָאגְט אויף אִים אַ גְרוֹיסֶע הֶסְפֵּד.

פון דֶעם זֶעט מֶען וִוי מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן אויף יֶעדֶע זַאך, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ה:), מִי חָשִׁיד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא דְעָבִיד דִינָא בְּלֹא דַיְינָא? יֶעדֶע זַאך וָואס עֶס קוּמְט אויפְ'ן מֶענְטְשׁ אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן צֶדֶק. דֶערְפַאר דַארְפְסְטוּ זִיך מִשְׁפָּטְ'ן אויף יֶעדֶע זַאך, און אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן, און עֶס וֶועט לַייכְטְן אויף דִיר אַ גְרוֹיסְן לִיכְט. אַז וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיך נִישְׁט נַארְן אויף דֶעם עוֹלָם.

**אִיךְ וואונְטְשׁ דִיר אַ בְּרָכָה פון הִימְל**

## ט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁישִּׁי עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיִּגַּשׁ ח' טֵבֵת ה'תש"ע**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין בְּרִיוו מִיטְן פִּדְיוֹן הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל זֶען מַמְתִּיק זַיין פון דִיר אַלֶע דִינִים

דורְכְן פֶּלֶא עֶלְיוֹן, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רט"ו) דָאס עֶס אִיז דָא אֵיין פִּדְיוֹן וָואס אִיז מַמְתִּיק אַלֶע דִינִים פוּן אַלֶע פִיר אוּן צְוָואנְצִיג בָּתֵּי דִינִים, דְהַיְינוּ עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז אַ מֵעֵת לְעֵת הָאט אִין זִיךְ פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה, אוּן אִין יֶעדְן שָׁעָה לַייכְט אַן אַנְדֶערְן צֵירוּף פוּן שֵׁם אדנ"י, וָוארוּם דֶעם שֵׁם קֶען מֶען מְצָרֵף זַיין אִין פִיר אוּן צְוָואנְצִיג צֵירוּפִים, דֶער שֵׁם אִיז אַ בֵּית דִין וָואס אִיז דַן דֶעם מֶענְטְשׁ, לָשׁוֹן אָדִי"ן, דֶערְפַאר זָאגְן דִי חֲזַ"ל (רֹאשׁ הַשָּׁנָה טז.) אָדָם נִידוֹן בְּכָל שָׁעָה; אִיבֶּער דֶעם יֶעדֶע שָׁעָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ גִיט אַ פִּדְיוֹן וֶוערְט נִמְתָּק דֶער דִין פוּן דֶעם שָׁעָה.

וְוידֶער זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אַז עֶס אִיז דָא אֵיין בֵּית דִין וָואס אִיז כּוֹלֵל אִין זִיךְ אַלֶע פִיר אוּן צְוָואנְצִיג בָּתֵּי דִינִים, וָואס וֶוען מֶען קוּמְט אָן אִין דֶעם בֵּית דִין וֶוערְט נִמְתָּק אַלֶע דִינִים פוּן אַלֶע פִיר אוּן צְוָואנְצִיג בָּתֵּי דִינִים. הָאט אוֹיף דֶעם גֶעזָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע, אַז דֶער בֵּית דִין וֶוערְט נִתְגַּלֶּה בְּעֵת חֲצוֹת, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קמט) חֲצוֹת הִיא מְסוּגָּל כְּמוֹ פִּדְיוֹן; וָוארוּם דֶעמָאלְטְס עֶפֶענְט זִיךְ אוֹיף אַלֶע הִימְלֶען, אִיבֶּערְדֶעם אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ זָאגְן יֶעדְן נַאכְט דֶעם "סֵדֶר תִּיקּוּן חֲצוֹת" אוּן דֶעמָאלְטְס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶער עֵת רָצוֹן. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גִיט דֶעמָאלְטְס צְדָקָה אוֹיף פִּדְיוֹן אוּן גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶוערְט נִתְקַבֵּל זַיינֶע תְּפִילּוֹת אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, אוּן אֲפִילוּ

מֶען הָאט אִים שׂוין דַן גֶעוֶוען אִין אַלֶע בָּתֵּי דִינִים חַס וְשָׁלוֹם עֶס זָאל אִים נִישְׁט גוּט זַיין וְכוּ', אָבֶּער דִי שָׁעָה פוּן חֲצוֹת אִיז מְסוּגָל מְבַטֵל צוּ זַיין אַלֶע דִינִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, יֶעדֶע נַאכְט בְּעֵת חֲצוֹת כַאפּ אַרַיין זָאגְן דֶעם "סֵדֶר תִּיקוּן חֲצוֹת", עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג, אָבֶּער עֶס טוּט אוֹיף גְרוֹיסֶע זַאכְן אִין אַלֶע הִימְלֶען, אוּן עֶס אִיז אַ הֲלָכָה מְפוֹרֶשֶׁת אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, (אוֹרַח חַיִים סִימָן א' סְעִיף ב' ג') הַמַשְׁכִּים לְהִתְחַנֵן לִפְנֵי בּוֹרְאוֹ יְכַוֵין לְשָׁעוֹת שֶׁמִשְׁתַּנוֹת הַמִשְׁמָרוֹת שֶׁהֵן בִּשְׁלִישׁ הַלַיְלָה וּלְסוֹף שְׁנֵי שְׁלִישֵׁי הַלַיְלָה וּלְסוֹף הַלַיְלָה שֶׁהַתְּפִלָּה שֶׁיִתְפַּלֵל בְּאוֹתָן הַשָׁעוֹת עַל הַחוּרְבָּן וְעַל הַגָלוּת רְצוּיָה: רָאוּי לְכָל יְרֵא שָׁמַיִם שֶׁיְהֵא מֵיצַר וְדוֹאֵג עַל חוּרְבַּן בֵּית הַמִקְדָשׁ: וָוארוּם דֶעמָאלְטְס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶער עֵת רָצוֹן אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אֵיכָה ב') "שִׁפְכִי כַמַיִם לִבֵּךְ נֹכַח פְּנֵי הֲוָיָ"ה", דֶעמָאלְטְס כַּבְיָכוֹל וֶוערְט נִתְגַלֶה פְּנֵי הֲוָיָ"ה דַיְיקָא, רָצוֹן שֶׁבִּרְצוֹנוֹת.

ר' יִצְחָק זַ"ל הָאט גֶעווֹאוֹינְט אִין דִי שְׁטָאט טוּלְטְשִׁין, הָאט עֶר אַמָאל גֶעשְׁרִיבְּן פַאר זַיין פָאטֶער מוֹהֲרְנַ"ת זַ"ל אַז בַּיי זַיי אִין שְׁטָאט טוּלְטְשִׁין אִיז דָא אַ פָּשׁוּטֶער אִיד וָואס וֶועמֶען עֶר בֶּענְטְשְׁט וֶוערְט דִי בְּרָכָה מְקוּיָים, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט וִויאַזוֹי אִיז דָאס מֶעגְלִיךְ אַז אַ אִיד זָאל קוּמֶען צוּ אַזַא מַדְרֵיגָה? הָאט אִים דֶער פָאטֶער מוֹהֲרְנַ"ת זַ"ל צוּרִיק גֶעשְׁרִיבְּן, "קוּק אִים גוּט נָאךְ וִוי אַזוֹי עֶר פִּירְט זִיךְ אוֹיף".

הָאט ר׳ יִצְחָק אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, ״עֶר גֶעבְּט אַסַאךְ צְדָקָה״. הָאט אִים דֶער פָּאטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט, ״נִישְׁט וֶועגְן דֶעם הָאט עֶר אַזַא כֹּחַ. קוּק אִים נָאךְ מֶער!״ הָאט ר׳ יִצְחָק וִוידֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט, ״עֶר פִּירְט זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ, אוּן זַיין מַשָּׂא וּמַתָּן אִיז בֶּאֱמוּנָה״. הָאט אִים דֶער פָּאטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט, ״נִישְׁט וֶועגְן דֶעם הָאט עֶר אַזַא כֹּחַ. קוּק אִים נָאךְ מֶער״. בִּיז עֶר אִיז אִים נָאכְגֶעגַאנְגֶען, הָאט עֶר גֶעזֶען אַז יֶעדֶע נַאכְט זָאגְט עֶר דֶעם ״סֵדֶר תִּיקּוּן חֲצוֹת״ מִיט גְרוֹיס בְּכִיּוֹת, הָאט אִים מוֹהֲרְנַ״ת זַ״ל גֶעעֶנְטְפֶערְט ״הַיְינוּ דְאַהֲנִי לֵיהּ״.

**זֶעט** מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אוֹיפְזַיין זְמַן חֲצוֹת, וָואס דֶעמָאלְטְס אִיז אַ גְרוֹיסֶער עֵת רָצוֹן, אוּן מֶען קֶען בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פּוֹעֵלְ׳ן וָואס מֶען וִויל. - אוּן מֵיין נִישְׁט אַז עֶס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער; וַוייל וִוינְטֶער נַאכְט אִיז זְמַן חֲצוֹת אַרוּם הַאלְבּ צְוֶועלְף בַּיינַאכְט, וָואס מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נָאךְ דֶעמָאלְטְס אוֹיף. אִיבֶּער דֶעם קֶען מֶען דֶעמָאלְטְס זָאגְן דֶעם ״סֵדֶר תִּיקּוּן חֲצוֹת״ אוּן בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס מֶען וִויל, אוּן דִי תְּפִילּוֹת וֶוערְן נִתְקַבֵּל לְרַחֲמִים וּלְרָצוֹן.

זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן. דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ גֶעהָאלְפְן, דוּ הָאסְט בְּלִי עַיִן הָרָע אַ שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט מִיט גֶעזוּנְטֶע לֶעבְּטִיגֶע קִינְדֶער, דַארְפְסְטוּ גֶעבְּן פַּאר אִים יֶעדְן טָאג אוּן יֶעדֶע שָׁעָה אַ דַאנְק אוֹיף דִי חֲסָדִים וְרַחֲמִים גְמוּרִים וָואס עֶר הָאט מִיט דִיךְ גֶעטוּן, וָואס

דו אַלֵיין וֵוייסְט נִישְׁט דִי נִסִים וָואס דו הָאסְט, וְוִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (נִדָּה לא.), לְעוֹלָם אֲפִילוּ בַּעַל הַנֵס אֵינוֹ מַכִּיר בְּנִסּוֹ; דֶערְפַאר דַארְפְסְטוּ זֶען שְׁטֶענְדִיג לוֹיבְּן און דַאנְקֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער, בִּפְרַט יֶעצְט אַז דוּ גֵייסְט חֲתוּנָה מַאכְן מִיט אַ מַזָל'דִיגֶע שָׁעָה אַ קִינְד דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן אַז אַלֶעס זָאל דוּרְכְגֵיין בְּשָׁלוֹם. וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קל.), דְלֵיכָּא כְּתוּבָּה דְלָא רָמוּ בָּהּ תִּיגְרָא; מֶענְטְשְׁן כַאפְּן נִישְׁט וִוי מֶען דַארְף בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דֶער זִיווּג זָאל עוֹלֶה יָפֶה זַיין, און זֵיי זָאלְן הָאבְן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְן, און עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן זֵיי הֵיילִיגֶע דוֹרוֹת, וָוארוּם אַ תְּפִלָה וָואס עֶלְטֶערְן בֶּעטְן פַאר דִי קִינְדֶער וֶוערְט זֵייעֶר נִתְקַבֵּל אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, וָוארוּם דִי תְּפִלָה קוּמְט אַרוֹיס פוּן טִיפֶענִיש פוּן הַארְצְן, און בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אַ תְּפִלָה וָואס קוּמְט פוּן אַ צוּבְרָאכְן הַארְץ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים נא) "לֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה אֱלֹקִים לֹא תִבְזֶה". הַיינְטִיגֶע צֵייטְן דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן אוֹיף דִי קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן פִירְן אַן עֶרְלִיךְ שְׁטוּב, וָוארוּם אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען הָאבְן זֵייעֶר אַסַאךְ רַחֲמִים.

**עֶס** אִיז בַּאווּאוּסְט פוּן צַדִיקִים, אַז וֶוען מֶען גֵייט חֲתוּנָה מַאכְן אַ קִינְד, עֶפֶענְט זִיךְ אוֹיף אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת פוּן הִימְל און מֶען קֶען דֶעמָאלְטְס פּוֹעֵל'ן אָפְּמֶעקְן אַלֶע זַיינֶע חוֹבוֹת, וָוארוּם וֶוען מֶען גֶעבְּט פוּן הִימְל אַ הַשְׁפָּעָה, גֶעבְּט מֶען מִיט שֶׁפַע, נָאר מֶען דַארְף הָאבְן אַ כְּלִי דָאס מְקַבֵּל

צוּ זַיין, אוּן דֶער כֵּלִי אִיז תְּפִלָּה, אִיבֶּער דֶעם שְׁטַארְק זִיךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ (אִידִישׁ).

**און** דִי חַזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא וַיֵּרָא) אָמַר לָהֶן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְיִשְׂרָאֵל, הֱווּ זְהִירִין בִּתְפִלָּה שֶׁאֵין מִדָּה אַחֶרֶת יָפָה הֵימֶנָּה וְהִיא גְדוֹלָה מִכָּל הַקָּרְבָּנוֹת וְכוּ', וְאַפִילוּ אֵין אָדָם כְּדַאי לַעֲנוֹת בִּתְפִלָּתוֹ וְלַעֲשׂוֹת חֶסֶד עִמּוֹ כֵּיוָן שֶׁמִּתְפַּלֵּל וּמַרְבֶּה בְּתַחֲנוּנִים אֲנִי עוֹשֶׂה חֶסֶד עִמּוֹ; אוֹיךְ זֶע נִישְׁט זַיין קַיין בַּטְלָן, כַאפּ אַרַיין יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא, וָואס דָאס אִיז אַ הַצְלָחָה פַארְן מֶענְטְשׁ, אוּן עֶס הִיט אִים אָפּ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס. אוּן וֶוען אִידְן זָאלְן וויסְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא, אוּן פוּן וָואס דָאס בַּאהִיט, וָואלְט מֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ נִישְׁט פַארְפֶעלְן אַ טָאג פוּן לֶערְנֶען אַ דַף גְמָרָא. עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "וָוֵי הָעַמּוּדִים" אַ זוּן פוּן שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ, אַז עֶס זָאל זַיין אַ חוֹב פַאר יֶעדְן אִיד צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא אַזוֹי וִוי עֶס אִיז אַ חוֹב צוּ לֵייגְן תְּפִילִין. וואויל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז דָאס מְקַיֵים.

**דער** עִיקָר זָאלְסְטוּ נָאר פְרֵיילֶעךְ זַיין, זָאלְסְט נִישְׁט צוּלָאזְן צוּ זִיךְ אַ מִינוּט דָאס עַצְבוּת אוּן בִּיטֶערְנִישׁ אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, וְכוּ', וְכוּ', וָוארוּם וָואס דַארְפְּסְטוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג? חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נז.) אוֹיפְן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ד') "כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ", מַאי רַקָּתֵךְ? אֲפִילוּ רֵיקָנִין שֶׁבָּךְ מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן; אֲפִילוּ יֶעדֶער לֵיידִיגֶער מֶענְטְשׁ אִיז פוּל מִיט מִצְוֹות אַזוֹי וִוי אַ מִילְגְרוֹים; אוּן דִי מְקוּבָּלִים זָאגְן, דָאס אִין אַ

מִילְגְרוֹים אִיז דָא תַּרְיַ"ג קֶערְנְדְלֶעךְ. קוּמְט אוֹיס וֶוען אַ אִיד הָאט אֵיין מִצְוָה, אִיז אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט מְקַיֵּים גֶעוֶוען אַלֶע תַּרְיַ"ג מִצְווֹת, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ מִשְׁלֵי א') וְכָל הַמְקַיֵּים מִצְוָה אַחַת כְּאִילוּ קִיֵּים כָּל הַתּוֹרָה; אִיבֶּער דֶעם זֶע זִיךְ זַייעֶר צוּ שְׁטַארְקְן, אוּן לָאז זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּפַּאלְן, אוּן בְּרֶענְג אַרַיין שִׂמְחָה בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו') אִשָּׁה בַּעֲלָהּ מְשַׂמְּחָהּ; אוּן אַז סְ'אִיז דָא שִׂמְחָה אִין שְׁטוּבּ, רוּט דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ, אוּן וואוּ דִי שְׁכִינָה אִיז דָארְטְן אִיז דִי בְּרָכָה פַארְהַאנֶען, זֶע צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג נָאר אוֹיפְגֶעלֵייגְט, וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**אִיךְ וואוּנְטְשׁ דִיר אַ בְּרָכָה פוּן הִימְל**

## י

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁישִּׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיִּגַּשׁ ח' טֵבֵת ה'תש"ע**

שָׁלוֹם אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר ... נֵרוֹ יָאִיר וְיִזְרַח

דַיין בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן נָאר יֶעצְט. אִיךְ הָאבּ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דוּ בִּיסְט גֶעזֶעצְן שִׁבְעָה ל"ע. הַמָּקוֹם יְנַחֵם אוֹתְךָ בְּתוֹךְ שְׁאָר אֲבֵלֵי צִיּוֹן וִירוּשָׁלַיִם, אוּן דוּ זָאלְסְט שׁוֹין נִישְׁט וויסְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, עֶס זָאל שׁוֹין זַיין בַּיי עֶנְק נָאר שִׂמְחוֹת.

**בִּשְׁעַת** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע אִיז גֶעזֶעסְן שִׁבְעָה נָאךְ זַיין מוּטֶער לַאנֶע שָׂרָה ע"ה, הָאט עֶר מְקַבֵּל גֶעוֶוען

אויף זיך אַסאך קַבָּלוֹת טוֹבוֹת וָואס עֶר וֶועט טוּן לְטוֹבַת נִשְׁמַת אִמּוֹ ע"ה. אֵיינְס פוּן זַיינֶע קַבָּלוֹת אִיז גֶעוֶוען, עֶר וֶועט זָאגְן קַדִּישׁ יָתוֹם וֶוען עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן דֶעם "יוֹם תְּהִלִּים", וָואס עֶר פְלֶעגְט זָאגְן יֶעדְן טָאג, אוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט, וָואס קֶען עֶר טוּן לְטוֹבַת נִשְׁמַת אִמּוֹ ע"ה? הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט "זָאלְסְט זָאגְן בִּרְכַּת אֲשֶׁר יָצַר עֶרְנְסְט", - דָאס הֵייסְט מִיט גְרוֹיס כַּוָּונָה. מֶען קֶען זָאגְן אֶפְשָׁר אַ רֶמֶז, אַז עֶס שְׁטֵייט אִין טוּר (אוֹרַח חַיִּים סִימָן ו'), וַוייל אִין דִי בְּרָכָה וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט דִי וואוּנְדֶער וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים טוּט מִיט'ן מֶענְטְשׁ בְּשָׁעַת עֶר לֶעבְּט, דֶער גוּף אַרְבֶּעט וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, אַלֶע אָדֶערְן פְלִיסְן אִין זֵיי דִי בְּלוּט וְכוּ', דָאס לוּנְג אָטֶעמְט אַרַיין לוּפְט וְכוּ', אוּן אַזוֹי אַלֶע אֵבָרִים פוּן מֶענְטְשׁ וְכוּ', אַלֶעס אַרְבֶּעט אַזוֹי וִוי אַ קוּנְצְלִיכְן מַאשִׁין, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט דִי חֲסָדִים אוּן רַחֲמִים גְמוּרִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים טוּט מִיט אִים וֶוען עֶר לֶעבְּט. אָבֶּער וֶוען דִי נְשָׁמָה גֵייט אַרוֹיס פוּן גוּף, דֶעמָאלְטְס כַאפְּט זִיךְ עֶרְשְׁט דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הֵייסְט לֶעבְּן, וָואס הֵייסְט וואוּנְדֶער פוּן בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים, וִוי עֶר דֶערְהַאלְט אַ מֶענְטְשׁ בַּיים לֶעבְּן, מַמָּשׁ פִּלְאֵי פְּלָאוֹת.

דֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט, מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט תָּמִיד דֶעם גְרוֹיסְקֵייט פוּן בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים, מִיט דֶעם שְׁוֶועבְּט אִיבֶּער אִים אַן אוֹר הַמַּקִּיף דָאס לֶעבְּטִיגְקֵייט פוּן גָאט בָּרוּךְ הוּא, אוּן וָואס מֶער מֶען טְרַאכְט אַרַיין אִין זַיין

גְרוֹיסְקַייט אוּן וואוּנְדֶערְלִיכְקַייט, אַזוֹי וֶוערְט שְׁטַארְקֶער דֶער אוֹר הַמַּקִּיף עֶר אִיז אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ. אוּן וֶוער רֶעדְט וֶוען עֶר מַאכְט אוֹיךְ כֵּלִים צוּ הַאלְטְן דֶעם אוֹר הַמַּקִּיף דָאס לֶעבְּטִיגְקַייט פוּן בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים, וָואס דִי כֵּלִים צוּ דֶעם אִיז הֵיילִיגֶע אוֹיגְן, הֵיילִיגֶע אוֹיעֶרְן, הֵיילִיגֶע נָאז אוּן מוֹיל. דְהַיְינוּ עֶר הִיט זִיךְ זֵייעֶר דִי אוֹיגְן נִישְׁט צוּ קוּקְן וואוּ מֶען טָאר נִישְׁט, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מה.) אֵין יֵצֶר הָרָע שׁוֹלֵט אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת. אוּן עֶר הִיט זִיךְ דִי אוֹיעֶרְן נִישְׁט צוּ הֶערְן וָואס מֶען טָארְף נִישְׁט, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבּוֹת ה:) אִם יִשְׁמַע אָדָם דָּבָר שֶׁאֵינוֹ הָגוּן יָנִיחַ אֶצְבָּעוֹ בְּאָזְנָיו. אוּן אוֹיךְ טָארְף אַ מֶענְטְשׁ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט זַיין אִין כַּעַס, וָואס דָאס אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קה.) הַכּוֹעֵס כְּאִילּוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה. אוּן אוֹיךְ טָארְף עֶר הִיטְן דֶעם דִיבּוּר, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק א') וְכָל הַמַּרְבֶּה דְבָרִים מֵבִיא חֵטְא.

וָוען אַ מֶענְטְשׁ הִיט אָפּ דִי אוֹיגְן, אוֹיעֶרְן, חוֹטֶם אוּן מוֹיל, דֶעמָאלְטְס הָאט עֶר כֵּלִים מְקַבֵּל צוּ זַיין דָאס גֶעטְלִיכְקַייט פוּן בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים, אוּן אִיז אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אַן אוֹר הַמַּקִּיף, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"א), דֶעמָאלְטְס שְׁפִּירְט עֶר אַ גְרוֹיס לֶעבְּטִיגְקַייט אִין זַיין לֶעבְּן בִּיז מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ. יֶעצְט, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, דֶעמָאלְטְס גֵייט פוּן אִים אַוֶועק דֶער אוֹר הַמַּקִּיף, אוּן עֶס בְּלַייבְּט בַּיי זַיין קֶבֶר, דֶערְפַאר זָאגְט דֶער אֲרִיזַ"ל אַז מֶען זָאל זַיין גֶעוָוארֶענְט

גְלַייךְ נָאךְ דִי שִׁבְעָה צוּ מַאכְן אַ מַצֵבָה, כְּדֵי דֶער אוֹר הַמַקִיף זָאל הָאבְּן אַ כֵּלִי אוּן אַ בַּיִת וואוּ צוּ זַיין, כָאטְשׁ עֶס אִיז אַ הֶעכֶער סָארְט הַשָּׂגָה - וָואס מִיר קְלֵיינֶע מֶענְטְשְׁן פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט - פוּן דֶעסְטְוֶועגְן דַארְפְן מִיר פָאלְגְן דֶעם אֲרִיזַ"ל, אוּן גְלַייךְ ווִי עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ דִי שִׁבְעָה זָאל מֶען אוֹיף שְׁטֶעלְן אַ מַצֵבָה. עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג.

הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף עֶנְק אִין אִיר זָאלְט שׁוֹין נִישְׁט ווִיסְן פוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס, עֶס זָאל נָאר זַיין שִׂמְחוֹת בַּיי עֶנְק אִין שְׁטוּבּ. נָאר מֶען דַארְף זֶען צוּ טוּן אַ טוֹבָה פַאר דִי נְשָׁמָה, וָואס אִיז אִין הִימְל אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַאר אִיר. דִי חַזַ"ל זָאגְן (קידושין לא:) מְכַבְּדוֹ בְּחַיָיו וּמְכַבְּדוֹ בְּמוֹתוֹ. צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט דָאס בַּיים בֶּענְטְשְׁן זָאל מֶען אוֹיךְ זָאגְן וַוייטֶער הָרַחֲמָן הוּא יְבָרֵךְ אֶת אָבִי מוֹרִי וְאֶת אִמִי מוֹרָתִי, אֲפִילוּ אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז שׁוֹין אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג זֶען אַ טוֹבָה טוּן דִי נְשָׁמָה אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן גְלַייכְצֵייטִיג גוּט גֶעדֶענְקֶען אַ טוֹבָה טוּן פַאר זַיין אֵייגֶענֶע נְשָׁמָה, וְכוּ'.

מֵיין גְרוֹיסֶער פָאטֶער זי"ע הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן כַּמָה פְּעָמִים אֵיידֶער עֶר אִיז אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, "מֵיין קִינְד, זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת פַאר מַיינֶעט וֶועגְן, אוּן זָאלְסְט יֶעדְן טָאג גֶעבְּן אַ סַאךְ צְדָקָה", אוּן עֶס אִיז שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן וָואס אִיךְ הַאלְט דָאס אַיין, נִישְׁט פַארְפֶעלְן אֵיין טָאג.

**אִיבֶּער** דֶעם זָאלְסְטוּ אוֹיךְ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג נָאכְן דַאוֶוענֶען אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת אוּן גֶעבְּן צְדָקָה. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זֶען אָנְצִינְדְן לֶעכְט פַּארְן עָמוּד יֶעדְן טָאג, אוּן זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין זָאגְן עֶרְלִיךְ קַדִּישׁ בַּיי אַלֶע דְרֵיי תְּפִילּוֹת וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַאר דִי נְשָׁמָה.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן אוּן פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת**

## יא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיִּגַּשׁ ט' טֵבֵת ה'תש"ע

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַיָּקָר לִי ... נֵרוֹ יָאִיר וְיִזְרַח**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶע בְּרִיוו, אוּן אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעוָואלְט שְׁרַייבְּן בְּאַרִיכוּת, אָבֶּער אַזוֹי ווִי מֶען גֵייט יֶעצְט זִיךְ וַואשְׁן מְלַוֶּה מַלְכָּה אוּן אוֹיךְ צוּ דִי סְעוּדַת הִילוּלָא פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זי"ע מוּז אִיךְ מְקַצֵּר זַיין.

**זִיךְ** צוּזַאמְקוּמֶען בַּיים הִילוּלָא פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זי"ע הָאט אַיינְגֶעפִירְט זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ל, וָואס עֶר פְלֶעגְט צַאמְעֶנֶעמֶען אוּנְזֶערֶע לַייט. מֶען הָאט זִיךְ גֶעוַואשְׁן - מֶער ווִי בְּרוֹיט מִיט הֶערִינְג אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פוּן רוֹב אָרִימְקֵייט, אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעטֵיילְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם הֵייסֶע טֵיי, אוּן פְלֶעגְט אַזוֹי אָנְהֵייבְּן: "דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ גְרוֹיסֶע יְרוּשָּׁה, וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין. לָאמִיר זִיךְ צֶעטֵיילְן

צוּזַאמֶען מִיט דִי יְרוּשָׁה", אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין אַ לַאנְגְן שְׁמוּעֶס, פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, וָואס וֶוער עֶס הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט זִיךְ דֶערְקְוִויקְט דָאס הַארְץ, וַוייל עֶר הָאט גֶעקֶענְט נָאכְזָאגְן נִישְׁט נָאר דִי דִיבּוּרִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זי"ע, נָאר אֲפִילוּ דֶעם קוֹל הָאט עֶר גֶעקֶענְט נָאכְמַאכְן פּוּנְקְטְלִיךְ.

**אוּן** עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער טְשֶׁערִינֶער רֶב זי"ע וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן אוּן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מְקוּבָּל וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר גֶעוָואלְט הֶערְן לֶערְנֶען לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן פוּן ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ל, אוּן וֶוען עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען הָאט ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ל אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען, וֶועגְן דֶרֶךְ אֶרֶץ פוּנֶעם גְרוֹיסְן רֶב, אָבֶער ר' נַחְמָן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן וֶוען עֶר אִיז דָארְטְן, פְלֶעגְט זִיךְ דֶער טְשֶׁערִינֶער רֶב בַּאהַאלְטְן אַרָאפְּצוּבֵּייגְן זִיךְ מֶען זָאל אִים נִישְׁט בַּאמֶערְקְן, אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט וִוי ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ל רֶעדְט מִיט אוּנְזֶערֶע לַייט. אוּן וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט "וָואס גֵייט דִיךְ אַזוֹי אִין לֶעבְּן אִים צוּ הֶערְן? אִיר קֶענְט דָאךְ בֶּעסֶער לֶערְנֶען וְכוּ'!", פְלֶעגְט עֶר עֶנְטְפֶערְן, "אָבֶער עֶר זָאגְט נָאךְ פּוּנְקְטְלִיךְ וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע הָאט גֶעזָאגְט, אוּן אֲפִילוּ דִי תְּנוּעוֹת אוּן דֶער קוֹל קֶען עֶר נָאכְמַאכְן, דָאס הֶער אִיךְ בַּיי קֵיינֶעם נִישְׁט", זֶעט מֶען וִוי וַוייט מִיר דַארְפְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען, אוּן רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים, וָואס דָאס אִיז אַ חַיוּת אוּן אַ דֶערְקְוִויקוּנְג פַארְן נְשָׁמָה אוּן אוֹיךְ פַארְן גוּף.

מֶען זֶעט אַ חִילוּק בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט וָואס אֵיינֶער פִירְט זִיךְ אוֹיף בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אוּן אִיז מְקַיֵּים דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, אָדֶער וִוי אֵיינֶער וָואס עֶר עֶפְנְט נִישְׁט אוֹיף אַ סֵפֶר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, מֶען רוּפְט אִים "עוֹבֵד...", "עֶר בְּרֶענְט...", אָבֶער צוּם סוֹף טָאג הָאט עֶר בַּיי זִיךְ גָארְנִישְׁט, נִישְׁט קַיין תּוֹרָה נִישְׁט קַיין תְּפִלָּה, נִישְׁט קַיין מִדּוֹת, נִישְׁט קַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, נָאר עֶר הָאט פַארְבְּרֶענְט זַיין הֵיילִיגֶע צַייט.

רֶבִּי יוֹסֵף יוֹנָה דֶער זוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זי"ע הָאט גֶענוּמֶען פוּן זַיין טַאטְן דָאס תְּמִימוּת, אוּן הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן הָאט גֶעדַאוֶוענְט דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב וָוארְט בַּיי וָוארְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגְן דְבֵיקוּת, אוּן אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעהַאט זֵייעֶר אַסַאךְ שִׁיעוּרִים אִין תּוֹרָה, חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא, שׁוּלְחָן עָרוּךְ, עֵין יַעֲקֹב, מֶדְרָשִׁים, זוֹהַר, מִיט תִּיקוּנִים, וְכוּ', אוּן יֶעדְן נַאכְט אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעטוּן אַ גַאנְצְן טָאג.

זַיין אֵיידֶעם אִיז גֶעוֶוען רֶבִּי אַבְרָהָם שְׁטֶערְנְהַארְץ זַ"ל וָואס הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּן זַיין שְׁוֶוער, "עֶס קוּמְט אֱלוּל מֶען בְּרֶענְט אוּן מֶען בְּרֶענְט אוּן צוּם סוֹף טוּט מֶען גָארְנִישְׁט...". דָאס הֵייסְט, מֶען זָאגְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ 'עֶר בְּרֶענְט...'. וָואס בְּרֶענְסְטוּ? דוּ בְּרֶענְסְט דָאךְ אַוֶועק דִי צַייט! דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ אִיז נָאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה, אוּן פְרֵיילֶעךְ זַיין, אוּן דוּרְךְ גֵיין

דֶער וֶועלְט גְלִיקְלִיךְ אוּן דֶערְהַאלְטְן זִיךְ אוֹיף אַלֶעס וָואס ס׳גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער, וָואס מִיט דֶעם וֶוערְט גֶעמָאסְטְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ וְכוּ׳. דֶער עִיקָר אִיז מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְווֹת מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, וָוארוּם יֶעדֶער מִצְוָה אִיז דֶער רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דַארְף מֶען זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מִיר טוּעֶן דֶעם רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אוּן** דִי חַזַ״ל לֶערְנֶען אוּנְז (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרְשָׁה לד סִימָן ד׳) לִמְדְךָ תּוֹרָה דֶרֶךְ אֶרֶץ שֶׁכְּשֶׁיְהֵא אָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה יְהֵא עוֹשֶׂה אוֹתָהּ בְּלֵב שָׂמֵחַ, אַ מִצְוָה דַארְף מֶען טוּן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, וָואס דָאס אִיז דֶער רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א׳) כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלוֹם לֵאלוֹקָיו; אַז אַ אִיד אִיז פְרֵיילֶעךְ וֶוען עֶר אִיז מְקַיֵּים אַ מִצְוָה אִיז אַ סִימָן אַז דָאס הַארְץ אִיז אִים רֵיין צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אַזֶעלְכֶע דִיבּוּרִים הָאט ר׳ נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ״ל אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אוּנְזֶערֶע לַייט אוּן דָאס הָאט עֶר מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי״ע, אוּן דִי דִיבּוּרִים דַארְפְן מִיר שְׁטֶענְדִיג חַזֶרְן אוּן אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ. דֶער עִיקָר אִיז נָאר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, לֶערְנֶען אוּן חַזֶרְן, חַזֶרְן אוּן לֶערְנֶען, אוּן נָאר פוּן דֶעם דַארְפְן מִיר שֶׁעפְּן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

**אַ גוּטֶע וָואךְ אוּן אַ פְרֵיילִיכֶער תָּמִיד**

# יב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר וַיְחִי עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת ה'תש"ע

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר וְיִזְרַח**

**דַיין בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ עֶרְהַאלְטְן.**

**וָואס** דו שְׁרַייבְּסְט אַז דו בִּיסְט אַזוֹי צֶעטוּמֶעלְט (מְבוּהָל וּמְבוּלְבָּל): דֶער זָאגְט דִיר אַזוֹי וְכוּ', אוּן דֶער זָאגְט דִיר אַזוֹי וְכוּ', אוּן דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ אִיז דֶער אֱמֶת; אוֹיבּ אִין בְּרֶסְלֶב אִיז אוֹיךְ דָא מַחְלוֹקֶת, אִיז וואוּ אִיז שׁוֹין דֶער אֱמֶת?

**מוּז** אִיךְ דִיר זָאגְן, דֶער וָואס אִיז פַּארְנוּמֶען מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען דֶער הָאט נִישְׁט קַיין צַייט זִיךְ צוּ מִישְׁן מִיט מַחְלוֹקֶת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע הָאט גֶעזָאגְט, "אִיךְ דַאנְק דֶעם בַּאשֶׁעפֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזוֹי פִיל שִׁיעוּרִים אוֹיף יֶעדְן טָאג, דָאס עֶס אִיז מִיר נִישְׁט אוּים גֶעקוּמֶען אֲפִילוּ צוּ הֶערְן אוֹיף דִי מַחְלוֹקֶת וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אוֹיף מִיר". - הֶערְט וֶוערְטֶער: מֶען הָאט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זי"ע אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין חֵרֶם וְכוּ', מֶען הָאט אוֹיף אִים גֶעקְלֶעפְּט פַּאשְׁקֶעוִוילְן, מֶען הָאט אִים אִין תְּפִיסָה אַרַיין גֶעלֵייגְט, אוּן עֶר דַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַזוֹיפִיל שִׁיעוּרִים אַז עֶר הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין צַייט צוּ נַארִישְׁקֵייטְן פוּן מַחְלוֹקֶת...! - יֶעצְט, וָואס זָאל מֶען דִיר עֶנְטְפֶערְן אוֹיף דֶעם אַלֶעמֶען? אַוַודַאי הָאט מֶען קַשְׁיוֹת אוֹיף מִיר... אָבֶער דַאכְט זִיךְ מִיר אַז קוֹדֶם

דַארְף יֶעדֶער פַּאר עֶנְטְפֶערְן זַיינֶע קַשְׁיוֹת אוֹיף זִיךְ אֵיידֶער עֶר דַארְף קְרִיכְן זוּכְן בַּיי יֶענֶעם קַשְׁיוֹת... מַחְלוֹקֶת אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען לֵיידֶער, אוּן עֶס הָאט זֵייעֶר חָרוּב גֶעמַאכְט פַאר אַלֶע צְדָדִים, אָבֶער דִי וָואס הָאבְּן גֶעהַאט שֵׂכֶל זֶענֶען נִישְׁט נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן נָאר אַנְטְלָאפְן צוּם בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים מִיט לִימוּד תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אוּן גֶעדַאוֶוענְט דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט כַּוָּונָה גְדוֹלָה פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת צוּ צוּקְלֶעבְּן זִיךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִין דֶער עִיקָר אַסַאךְ צוּ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ.

גֶעוֶוענְדְלִיךְ, וֶוער מִישְׁט זִיךְ אִין מַחְלוֹקֶת? נָאר לֵיידִיגְגֵייעֶרְס וָואס הָאבְּן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט דִי צַייט, זֵיי זֶענֶען בַּעֲלֵי מַחְלוֹקֶת בַּעֲלֵי לָשׁוֹן הָרָע. אָבֶער אַ אִיד וָואס הִיט דִי צַייט, הָאט נִישְׁט קַיין צַייט צוּ מַחְלוֹקֶת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט גֶעזָאגְט, "דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶערֶעדְט הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן". - דָאס הֵייסְט דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן זִיךְ מִתְוַוכֵּחַ גֶעוֶוען, זֶענֶען דֶערְנָאךְ נִתְרַחֵק גֶעוָוארְן פוּן רֶבִּי'ן. - אִיבֶּער דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן אִין מַחְלוֹקֶת.

**דָאס** אִיז בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידוּת: לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים מִיט שִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, וָואס דָאס הֵייסְט הִתְבּוֹדְדוּת בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ פוּן אִים. פִירְן זִיךְ מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, נִישְׁט זַיין קַיין עַז

פָּנִים פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט, אָפְּשְׁוַויינְגֶן פַאר זַיין בִּזָיוֹן, אוּן שְׁטֶענְדִיג זַיין פְּרֵיילֶעךְ אוּן דֶערְהַאלְטְן זִיךְ.

דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז נָאר גִילוּי אֱלֹקוּת אָפֶּענֶע גֶעטְלִיכְקֵייט, דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ דִינֶען אוּן זִיךְ אוֹיסְאֵיידְלֶען, וֶועט עֶר נָאכְדֶעם קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין גֶעטְלִיכְקֵייט. עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל אַ מֶענְטְשׁ צוּם הֵיילִיגְן קָאצְקֶער רֶבִּי'ן זי"ע אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט "רֶבִּי, לֶערְנְט מִיר אַ וֶועג וִוי צוּ דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער". הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער קָאצְקֶער רֶבִּי זי"ע גֶעעֶנְטְפֶערְט, "דִינֶען דַארְפְסְטוּ זִיךְ. דוּ בִּיסְט גְרָאבּ מִיט עֲבֵירוֹת, אִיבֶּער דֶעם פִילְסְטוּ נִישְׁט אֱלֹקוּת גֶעטְלִיכְקֵייט, וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים אִיז דִין בְּתַכְלִית הַדִינְקֵייט, פָּשׁוּט בְּתַכְלִית הַפְּשִׁיטוּת, נָאר דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פַארְגְרֶעבְּט, דֶערְפַאר דַארְף עֶר זִיךְ אוֹיסְדִינֶען, בִּיז עֶר זָאל זַיין גָאר דִין אוּן אֵיידְל".

מֶען זֶעט מֶענְטְשְׁן רוּפְן זִיךְ "עוֹבְדִים" וְכוּ', וָואס הֵייסְט אַן עוֹבֵד? אַ טְרֶעגֶער אַ שׁוּסְטֶער אַ סְטָאלֶער וְכוּ' וְכוּ', דָאס הֵייסְט אַן עוֹבֵד, עֶר אַרְבֵּייט. אָבֶּער צוּם בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ קַיין עוֹבֵד, אַ אִיד דַארְף זִיךְ אוֹיסְאֵיידְלֶען, אַרְבֶּעטְן אוֹיף זַיינֶע מִידוֹת, דִינֶען זִיךְ, עֶר זָאל נִישְׁט זַיין אַזוֹי פַארְגְרֶעבְּט. דָאס הֵייסְט אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד, דָאס הֵייסְט אַן עוֹבֵד, עֶר אַרְבֵּייט זִיךְ אוֹיס, עֶר הָאט מִידוֹת טוֹבוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ סֵפֶר הַמִדוֹת, אַ סֵפֶר וָואס עֶס לֶערְנְט אוֹיס וִוי צוּ זַיין אַ אִיד, דֶערְפַאר

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג לֶערְנֶען אִין דֶעם סֵפֶר כְּדֵי צוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ זַיין אַ אִיד.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רפ"ז) וָואס הָאט אַ מֶענְטְשׁ צוּ טוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט? מֶע בַּאדַארְף מֶער נִיט, נָאר דַאוְונְין אוּן לֶערְנִין אוּן דַאוְונִין, אוּן מֶער פוּן דֶעם דַארְף מֶען גָארְנִישְׁט, דֶער עִיקָר נָאר דֶערְקֶענֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פוּן יֶעדֶע זַאךְ, אוּן שְׁפִּירְן אַז עֶר אִיז דָא מִיט מִיר, וָואס דָאס אִיז תַּעֲנוּגֶער פוּן אַלֶע תַּעֲנוּגִים, זִיסֶער פוּן אַלֶע זִיסְקֵייטְן. אִיבֶּער דֶעם זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל וָואס יֶעדֶער טִיפֶּשׁ וְכוּ' רֶעדְט וְכוּ', אוּן בִּילְט וְכוּ', מֶען דַארְף נָאר זַיין אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, אַסַאךְ לֶערְנֶען אוּן אַסַאךְ דַאוֶוענֶען, אוּן מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְווֹת מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה. וָואס מֶער דַארְף מֶען הָאבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט? אַז וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הַאלְט דֶערְבֵּיי.

אוּן וַוייטֶער וֶועלְן מִיר רֶעדְן וֶוען דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּ מִיר.

**הָאבּ אַ פְרֵיילִיכֶער תָּמִיד**

## יג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם חֲמִישִׁי לְסֵדֶר בֹּא ו' שְׁבָט ה'תש"ע

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל כְּלַל חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב תַּלְמִידֵי "הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ" הַוַיָ"ה עֲלֵיהֶם יַשְׁרֶה שְׁכִינָתוֹ תָּמִיד.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אַזַא גְרוֹיסְן אוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אָבֶּער ווִיסְן

דַארְפְט איר וויסְן אַז הִתְקַרְבוּת צוּ אַזַא רֶבִּי'ן, אִיז נָאר דוּרְךְ לֶערְנֶען זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט גֶעזָאגְט, (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) אַז דֶער פָּנִים אוּן שֵׂכֶל אוּן חָכְמָה אוּן דִי נְשָׁמָה פוּן בַּעַל מְחַבֵּר לִיגְט אִין סֵפֶר, אִיבֶּערְדֶעם וֶוער עֶס ווִיל הָאבְּן אַ גֶעפִיל אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מוּז אַסַאךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, בִּיז עֶס זָאל זַיין שָׁגוּר אוֹיף זַיין מוֹיל. אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואסְפַארַא חַיוּת אוּן לֶעבְּטִיגְקֵייט וֶוערְט נִמְשָׁךְ אוֹיף יֶעדְן אִיד וָואס עֶר פְּלֵייסִיגְט זִיךְ אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זַיין סֵפֶר "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" דָאס וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען אִין דֶעם סֵפֶר וֶועט דָאס אִים עֶפֶענֶען דֶעם מֹחַ, אוּן עֶר וֶועט זַיין אַן אֱמֶת'ער בַּעַל תְּשׁוּבָה, אוּן אַ בַּעַל הַשָּׂגָה, אוּן אוֹיךְ דֶער סֵפֶר אִיז אַתְחַלְתָּא דִגְאוּלָה, אַז וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן". ווִידֶער הָאט עֶר גֶעזָאגְט אוֹיף זַיין סֵפֶר "סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת", דָאס וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען אִין דֶעם סֵפֶר וֶועט עֶס אִים דֶערְוֶועקְן פוּן טִיפְן שְׁלָאף, אוּן דֶער סֵפֶר אִיז הוֹילֶע מוּסָר אוּן הִתְעוֹרְרוּת צוּרִיקְקֶערְן זִיךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז אַ פָּארְפָאלְק וָואס זֵיי הָאבְּן קַיין קִינְדֶער נִישְׁט לֹא עָלֵינוּ, אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן בֵּיידֶע לֶערְנֶען אִין דֶעם סֵפֶר וֶועט דִי פְּרוֹי נִפְקַד וֶוערְן מִיט זֶרַע שֶׁל קַיָימָא,

אַז וואויל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר "סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת".

**ווִידֶער** הָאט עֶר גֶעזָאגְט אוֹיף זַיין סֵפֶר "סֵפֶר הַמִּדּוֹת" אַז דֶער סֵפֶר הָאט מִיךְ גֶעמַאכְט פַאר אַ אִיד, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג לֶערְנֶען אִין דֶעם סֵפֶר, וָוארוּם מִדּוֹת אִיז דִי יְסוֹד פוּן אִידִישְׁקֵייט, ווִידֶער הָאט עֶר גֶעזָאגְט אוֹיף זַיינֶע שִׂיחוֹת (וָואס זֶענֶען גֶעדְרִיקְט גֶעוָוארְן שְׁפֶּעטֶער) "שִׂיחוֹת הָרַ"ן", "חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן", אַז מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ וֵויים וָואס הֵייסְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אִיבֶּער דֶעם וֶוער עֶס וויל זִיךְ רוּפְן אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד דַארְף זַיין בָּקִי אִין דִי סְפָרִים יָשָׁר וְהָפוּךְ, אַז נִישְׁט נַארְט עֶר זִיךְ, אַז וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר מַאכְט זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דִי סְפָרִים יֶעדְן טָאג.

**בַּיים** הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת צוּ הַאלְטְן זִיךְ צוּזַאמֶען, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן לד) דָאס יֶעדֶער אִיד הָאט אַ נְקוּדָה וָואס דֶער צְוֵוייטֶער אִיד הָאט נִישְׁט, אוּן מֶען דַארְף נֶעמֶען יֶעדְן אֵיינֶעמְ'ס נְקוּדָה. אִיבֶּער דֶעם דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דַארְפְן זִיךְ צוּ הַאלְטְן צוּזַאמֶען, אוּן מֶען זֶעט ווִי דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זָאלְן נִישְׁט הַאלְטְן זִיךְ צוּזַאמֶען.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע הָאט גֶעזָאגְט פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט, וֶוען אִיר וָואלְט זִיךְ גֶעהַאלְטְן צוּזַאמֶען קֶענְט אִיר זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואסְפַאַרא לֶעכְט אוּן מַדְרֵיגוֹת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וָואלְט עֶנְק גֶעבְּרֶענְגְט. אִיבֶּער דֶעם בֶּעט אִיךְ עֶנְק אַלֶע: קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע, נָאר הַאלְט זִיךְ צוּזַאמֶען מִיט אַ גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט, אוּן אֵיינֶער זָאל הֶעלְפְן דֶעם אַנְדֶערְן מִיט וָואס מֶען קֶען נָאר. אוּן אִיר דַארְפְט ווִיסְן, דָאס אַז מֶען טֵיילְט זִיךְ אָפּ אֵיינֶער פוּן אַנְדֶערְן דָאס קוּמְט נִישְׁט פוּן דִי קְדוּשָׁה, נָאר פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא, וָוארוּם מִיר הָאבְּן אַלֶע דֶעם זֶעלְבְּן רֶבִּי'ן, אוּן מִיר טְרוּנְקֶען אַלֶע פוּן דֶעם זֶעלְבְּן קְוָואל וָואס אִיז אַ נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, וָואס עֶס קְוֶועלְט אַרוֹיס גֶעטְלִיכְקֵייט פוּן דִי הֶעכְסְטֶע פְּלַאץ וָואס אִיז נָאר דָא אִין דִי עוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים, ג' רִאשׁוֹנוֹת דְעַתִּיק, וְכוּ'.

**אִיבֶּער** דֶעם דַארְפְן מִיר זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין, פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, דַן זַיין אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן לְכַף זְכוּת, אוּן נִישְׁט וֶועלְן אַרוֹיפְצְווִינְגֶען זַיין דַעַת אוֹיף יֶענֶעם, וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט "וּמְקַבְּלִין דֵין מִן דֵין" אֵיינֶער דַארְף מְקַבֵּל זַיין פוּן דֶעם אַנְדֶערְן, אוּן נִישְׁט אֵיינֶער דַארְף גֶעבְּן דֶעם אַנְדֶערְן, יֶעדֶער מְקוֹרָב הָאט אַן אַנְדֶערֶע נְקוּדָה, אוּן ס'אִיז כְּדַאי צוּ נֶעמֶען אַלֶע נְקוּדוֹת פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען בִּשְׁלֵימוּת הָאבְּן דִי נְקוּדָה הַכְּלָלִיוּת פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, ווַייל לֵיידֶער הָאט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַארְלֵייגְט מִיט אַלֶע נַארִישֶׁע טַעֲנוֹת אֵיינֶער אוֹיפְן אַנְדֶערְן

אַבִּי נִישְׁט הַאלְטְן זִיךְ צוּזַאמֶען. אִיבֶּער דֶעם דַארְף מֶען זַייעֶר תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דִי פִּירוּדִים וָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט בַּיי אוּנְז גוֹרֵם גֶעוֶוען, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט בְּפֵירוּשׁ (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ס"א) דָאס יֶעדֶער מְקוֹרָב אִיז אַ שֵׂכֶל פְּרָטִי, אוּן וֶוען מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאמֶען אִינְאֵיינֶעם דֶעמָאלְטְס אִיז מֶען נִכְלָל אִין שֵׂכֶל הַכּוֹלֵל, אוּן דֶער סִימָן אִיז אַז מֶען הַאלְט זִיךְ צוּזַאמֶען אוּן מֶען אִיז מְקַבֵּל פוּן שֵׂכֶל הַכּוֹלֵל, וָואס עֶר אִיז דֶער צַדִּיק הָאֱמֶת, וֶוען עֶס פַאלְט אוֹיף אַלֶעמֶען אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, בְּסוֹד (מִשְׁלֵי יג) "אוֹר צַדִּיקִים יִשְׂמָח" דֶער צַדִּיק בְּרֶענְגְט אַרַיין אַזַא מִין לֶעבְּטִיגְקֵייט אִין זַיינֶע מְקוֹרָבִים אַז זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילֶעךְ. אָבֶּער אוֹיב עֶס פַאלְט אַרוֹיף אוֹיף אֵיינֶעם אַן עַצְבוּת מִיט אַ בִּיטֶערְנִישׁ וְכוּ׳, אָדֶער עֶר זוּכְט שְׁטֶענְדִיג חֶסְרוֹנוֹת בַּיי יֶענֶעם, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז מֶען זֶעט אַ חִסָּרוֹן אִין אַ מְקוֹרָב אִיז אָדֶער מֶען הָאט גָארְנִישְׁט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען, אָדֶער מֶען הָאט ווִינְצִיג מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם, וָוארוּם דֶער עִיקָר אִיז תָּלוּי אִין תְּפִלָּה. יֶעדֶער מְקוֹרָב דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי ווִי מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ אַזַא הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר הַאלְטְן צוּזַאמֶען, וָוארוּם אַנְדֶערְשׁ פֶעלְט אִין דֶעם הִתְקָרְבוּת, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם מְקוֹרָב וָואס עֶר הַאלְט זִיךְ צוּזַאמֶען מִיט אַלֶע אוּנְזֶערֶע לַייט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ט), אַז דֶער צַדִיק בּוֹיעֶט אַ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" אוּן מֶען דַארְף זִיךְ זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דָאס שְׁלֶעכְטְס פוּן דִי נַייעֶ מְקוּרָבִים זָאל זִיךְ נִישְׁט אָנְכַאפְּן אִין אִים, אוּן דָאס אִיז מֶען זוֹכֶה וֶוען מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ רֶעדְן יֶעדְן טָאג צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן בֶּעטְן פוּן אִים יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף, וָוארוּם וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן יֶעדְן טָאג צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מִיט דֶעם פַארְבְּרֶענְט עֶר דָאס גַאנְצֶע שְׁלֶעכְטְס וָואס עֶס ווִיל זִיךְ אִין אִים אָנְהֶענְגֶען. אוּן וָואס הֵייסְט שְׁלֶעכְטְס? דָאס מַחְלוֹקֶת וָואס יֶעדֶער נַייעֶר מְקוּרָב בְּרֶענְגְט אַרַיין וְכוּ', מַחְלוֹקֶת אִיז דִי סִטְרָא אַחְרָא אַלֵיין, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדּוֹת אוֹת מְרִיבָה סִימָן ס"ו) בִּמְקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן; יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לִיגְט אִין שְׁמוּץ וְכוּ', וֶוען עֶר קוּמְט צוּם צַדִיק הָאֱמֶת נָאךְ אַ תִּיקוּן, קוּמְט מִיט אִים מִיט דִי רַע, הַיְינוּ דָאס שְׁלֶעכְטְס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט, אוּן דָאס אִיז גוֹרֵם אַז מֶען זָאל זִיךְ אַרוּמְקְרִיגְן אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן, אוּן מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין אֵיינֶער פוּנֶעם אַנְדֶערְן, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"א) אַז דֶער צַדִיק הָאֱמֶת בְּרֶענְגְט אַרָאפּ אַ נוֹעַם הָעֶלְיוֹן, אַ מוֹרָא'דִיגֶע זִיסְקֵייט פוּן גִילוּי אֱלֹקוּת, אִיז דֶער וָואס נֶעמְט אָן דֶעם צַדִיקְ'ס דִיבּוּרִים פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת דֶער מַאכְט זִיס דֶעם צְוֵייטְן, אָבֶּער דֶער וָואס עֶר קוּמְט מִיט חָכְמוֹת אוּן פְּשֶׁטְלֶעךְ אִין דֶעם צַדִיקְ'ס וֶוערְטֶער

דֶער מַאכְט בִּיטֶער דֶעם צְוֵוייטְן, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כד) נוֹעַם אֵלּוּ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים שֶׁבְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שֶׁמַּנְעִימִים זֶה לָזֶה בְּהֲלָכָה, חוֹבְלִים אֵלּוּ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים שֶׁבְּחוּץ לָאָרֶץ שֶׁחוֹבְלִים זֶה לָזֶה בְּהֲלָכָה. אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ז) - אִיז אֱמוּנָה, וָוארוּם דָארְטְן לַייכְט דָאס לֶעבְּעדִיגְקֵייט פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אַז אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה הָאט עֶר מוֹחִין פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר מַאכְט זִיס דֶעם צְוֵוייטְן, ווִידֶעראוּם פַארְקֶערְט אַז אֵיינֶער אִיז וַוייט פוּן אֱמוּנָה, הָאט עֶר מוֹחִין פוּן חוּץ לָאָרֶץ אוּן עֶר מַאכְט בִּיטֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

עֶס אִיז אַזַא שָׁאד, אוּנְזֶער לֶעבְּן אִיז אַזוֹי קוּרְץ ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִילִים צ') "יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה" אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן סא) אַז דִי זִיבֶּעצִיג יָאר פְלִיט אַרִיבֶּער אִין פוּפְצְן מִינוּט, דַארְף מֶען זִיךְ מְיַישֵּׁב זַיין, לוֹינְט זִיךְ פַאר פוּפְצְן מִינוּט אָנְוֶוערְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט? ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קח) אַ מֶענְטְשׁ פוּן אֵיין תַּעֲנוּג'ל וֶועגְן פוּן אַ פֶערְטְל שָׁעָה קָאן עֶר אָנְוֶוערְן גָאר דֶעם עוֹלָם הַזֶה מִיט דֶעם עוֹלָם הַבָּא; עֶס כַאפְּט אַ צִיטֶער וֶוען מִיר הֶערְן יֶעדְן טָאג אוּמְגְלִיקְס פַאלְן וְכוּ', אוּן צוּם סוֹף הָאבְּן מֶענְטְשְׁן נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע דַאֲגוֹת, נָאר אַרוּם קְרִיגְן זִיךְ אֵיינֶער מִיט אַנְדֶערְן, בְּשַׁעַת מֶען זֶעט אָפְּן ווִי דִי צַייט פְלִיט ווִי אַ שָׁאטְן פוּן אַ פֵייגְל וָואס פְלִיט, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה צ"ו סִימָן ב') כְּצֵל יָמֵינוּ עַל הָאָרֶץ וְאֵין מִקְוֶה, וְהַלְוַאי

כְּצִלּוֹ שֶׁל כּוֹתֶל אוֹ כְּצִלּוֹ שֶׁל אִילָן אֶלָּא כְּצִלּוֹ שֶׁל עוֹף בְּשָׁעָה שֶׁהוּא עָף דִּכְתִיב (תְּהִלִּים קמד) כְּצֵל עוֹבֵר, וְאֵין מִקְוֶה, וְאֵין מִי שֶׁיְּקַוֶּה שֶׁלֹּא יָמוּת הַכֹּל יוֹדְעִים וְאוֹמְרִין בְּפִיהֶם שֶׁהֵן מֵתִים; אָט איז טָאג אָט איז נַאכְט, אַלֶעס פְלִיט אַרִיבֶּער, איז וָואס דַארְף מֶען זִיךְ אַרוּמְקְרִיגְן?

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסֶע בּוּשָׁה וָואס מֶען וֶועט הָאבְּן אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוען מֶען וֶועט גֶעווּאוֹיר וֶוערְן אַז דִי גַאנְצֶע מַחְלוֹקֶת וָואס אֵיינֶער הָאט גֶעהַאט מִיטְן אַנְדֶערְן אִיז נָאר גֶעוֶוען וֶועגְן גֵיאוּת אוּן כָּבוֹד אוּן גֶעלְט וְכוּ', ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פב) אַז וֶוען גֵייט פַארְן מֶענְטְשׁ שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר, אַלֶעס גֵייט אִים פַארְקֶערְט פוּן וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט, אִיז נָאר וֶוען עֶר זָאגְט אַנָא אֶמְלוֹךְ, אִיךְ וִויל גֶעוֶועלְטִיגְן, אִיךְ וִויל זַיין דֶער יוֹשֵׁב רֹאשׁ... בִּשְׁעַת עֶס אִיז אַזַא שָׁאד, אוּנְזֶער לֶעבְּן אִיז אַזוֹי קוּרְץ, אוּן מֶען קֶען אַרַיינְכַאפְּן אַזוֹיפִיל גוּטְס מִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד, אוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ, הֲלָכָה, וַאֲגָדָה, וְכוּ', וְכוּ', אוּן דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט גְרוֹיס כַּוָּנָה אוּן דְבֵיקוּת צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

אוּן וֶוער זָאגְט נָאךְ וֶוען מֶען קֶען אַרַיינְכַאפְּן אַ חֲצוֹת אוּן זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען דֶעמָאלְטְס פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף צָרוֹת וְגָלוּת יִשְׂרָאֵל! וִויפִיל אִידְן מוּטְשֶׁען זִיךְ אִין דִי שְׁפִּיטָעלֶער וְכוּ'? וִויפִיל אִידְן זִינְקֶען אִין חוֹבוֹת אוּן הָאבְּן נִישְׁט קַיין

פַּרְנָסָה וְכוּ'? וויפִיל אִידְן מוּטְשֶׁעַן זִיךְ חֲתוּנָה צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער וְכוּ'? וויפִיל אִידְן שְׁמַאכְטְן לֵיידֶער אִין דִי תְּפִיסוֹת וְכוּ'? אוּן ווילַאנְג וֶועלְן מִיר זַיין אִין דֶעם בִּיטֶערְן גָּלוּת פוּן דִי עֶרֶב רַב, וָואס פַארְשְׁפְּרֵייטְן כְּפִירוֹת וְאַפִּיקוֹרְסוּת אוּן אַלֶע שְׁמוּץ וְכוּ', אוּן זֶענֶען מַעֲבִיר עַל הַדָּת מִילְיָאנֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וְכוּ', וְכוּ'?

**עֶס** פֶעלְט לֵיידֶער נִישְׁט קַיין צָרוֹת, וָואס אוֹיף דֶעם אִיז דִי בֶּעסְטֶע צַייט צוּ בֶּעטְן בְּעֵת חֲצוֹת. וֶוען מֶען בַּאטְרַאכְט דָאס, הָאט מֶען שׁוֹין נִישְׁט קַיין צַייט צוּ נַארִישֶׁע מַחֲלוֹקֶת, אוּן נַארִישֶׁע וִויכּוּחִים וָואס אַלֶעס קוּמְט אַרוֹיס פוּן קִנְאָה שִׂנְאָה וְכוּ', אוּן גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. אוֹי לְאוֹתוֹ בּוּשָׁה וְאוֹי לְאוֹתוֹ חֶרְפָּה, מִיר זֶענֶען אַלֶע פַארְגְרֶעבְּט אוּן פַארְשְׁמוּצְט מִיט חַטְאוֹת נְעוּרִים וְכוּ', וְכוּ', ווִי הָאבְּן מִיר צַייט אַרוּמְצוּקְרִיגְן זִיךְ אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן? אוּן דִי גְרֶעסְטֶע צָרָה אִיז אַז מֶען אִיז דָאס תּוֹלֶה אִין קְדוּשָּׁה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') דָאס דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז זִיךְ מִתְלַבֵּשׁ בְּמִצְווֹת, אַז דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶר טוּט אַ מִצְוָה דֶערְמִיט.

**אוּן** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת יַיִן נֶסֶךְ הֲלָכָה ד' אוֹת יג) אִין וָואסְפַארַא מִצְווֹת אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע זִיךְ מִתְלַבֵּשׁ? אִין מִצְווֹת מַחְלוֹקֶת, דָאס מֶען רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז עֶס אִיז אַ מִצְוָה יֶענֶעם צוּ רוֹדֵפְ'ן, עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ רֶעדְן אוֹיף יֶענֶעם, עֶס אִיז אַ מִצְוָה יֶענֶעם עוֹקֵר

זַיין פוּן דֶער וֶועלְט, וְכוּ' וְכוּ', אַז אָךְ אוּן וֵויי פוּן אַזֶעלְכֶע מִצְווֹת. - דִי הֲלָכָה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע גֶעשְׁרִיבְּן אִין תְּפִיסָה וֶוען מֶען הָאט אִים גֶע'מַסֶר'ט פַּאר גָארְנִישְׁט, אוּן עֶר רֶעדְט דָארְטְן אַרוּם בְּאַרִיכוּת וָואס מַחְלוֹקֶת בְּרֶענְגְט, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער מֵיינְט אַז עֶר אִיז גֶערֶעכְט אוּן דֶער צְוֵויטֶער אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט, נָאר עֶר מֵיינְט לְשֵׁם שָׁמַיִם, אוּן דֶער צְוֵוייטֶער מֵיינְט גָארְנִישְׁט לְשֵׁם שָׁמַיִם, וְכוּ' וְכוּ', עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ דוּרְכְצוּלֶערְנֶען דִי הֲלָכָה דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען הָאבְּן אַן אַנְדֶערְן אוֹיסְקוּק אוֹיפְן לֶעבְּן.

**אַז** וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אַנְטְלוֹיפְט פוּן מַחֲלוֹקֶת אוּן לוֹיפְט אַרַיין אִין דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, אוּן לֶערְנְט יֶעדְן טָאג שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, שֶׁכָּל הַמַשְׁלִים פַּרְשִׁיוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו; אוּן לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, וָואס מִשְׁנֶ"ה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָ"ה, אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת אִיז עֶר מְזַכֵּךְ זַיין נְשָׁמָה. אוּן דִי חַזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מב.) בְּמִי אַתָּה מוֹצֵא מִלְחַמְתָּה שֶׁל תּוֹרָה? בְּמִי שֶׁיֵּשׁ בְּיָדוֹ חֲבִילוֹת שֶׁל מִשְׁנָה. וּמוּבָא (מִדְרָשׁ תַּלְפִּיוֹת) שֶׁאָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב יוֹשֵׁב עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵיהִנוֹם, וּמִי שֶׁהִירְבָּה לִלְמוֹד מִשְׁנַיוֹת אֵינוֹ מֵנִיחוֹ לְהִכָּנֵס שָׁם, וְלָכֵן אַשְׁרֵי מִי שֶׁיִגְרוֹם בְּכָל יוֹם כַּמָה וְכַמָּה

פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, שֶׁהוּא הַצְלָחָה נִצְחִיִּית. און אויך מִשְׁנָ״ה בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט וִוי פַּרְנָסָ״ה, אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת הָאט מֶען גְרִינְג פַּרְנָסָה. און וְעַל כּוּלָם דָאס אִיז מְקַרֵב דִי גְאוּלָה, אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פַּרְשָׁה ז׳ סִימָן ג׳) אֵין כָּל הַגָּלִיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת; און ווייל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג גְמָרָא, וָואס דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם פַּארְלֵייגְט זִיךְ אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען אַלֶעס נָאר נִישְׁט גְמָרָא, וָוארוּם עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא פוּן לִימּוּד גְמָרָא, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן רי״ד) אַז לִימּוּד גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט דִי קְלִיפָּה וָואס ס׳מַאכְט זִינְדִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אויךְ גְ׳מָ׳רָ׳א׳ אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי פִיר מַלְאֲכֵי הַשְּׁמִירָה גַ׳בְרִיאֵל מִ׳יכָאֵל רְ׳פָאֵל אוּ׳רִיאֵל. אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט גְמָרָא וֶוערְט עֶר אַרוּמְגֶעוִויקֶעלְט מִיט דִי פִיר מַלְאָכִים וָואס זֵיי הִיטְן אִים.

וְעַל כּוּלָם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן כ״ט), אַז יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג שׁוּלְחָן עָרוּךְ, עֶר זָאל קֶענֶען דִי הֲלָכוֹת וְוִיאַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, און עֶס טָאר נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין אַ טָאג אָן לִימּוּד הֲלָכָה. אַז ווייל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין דִי וֶוערְטֶער, דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶועלְן נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און עֶר וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוינֶען רֶעדְן צוּ אִים אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר אַן אֶמֶת׳ן גוּטְן חַבֵר, און דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קוּמֶען צוּ דֶעם אויף דֶער וֶועלְט, וָוארוּם

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶוערְט עֶר צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל זַיין תְּפִלָּה, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא וַיֵּרָא), אָמַר לָהֶן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְיִשְׂרָאֵל הֱווּ זְהִירִין בִּתְפִלָּה שֶׁאֵין מִדָּה אַחֶרֶת יָפָה הֵימֶנָּה וְהִיא גְדוֹלָה מִכָּל הַקָּרְבָּנוֹת וְכוּ' וַאֲפִילוּ אֵין אָדָם כְּדַאי לַעֲנוֹת בִּתְפִילָתוֹ וְלַעֲשׂוֹת חֶסֶד עִמּוֹ כֵּיוָן שֶׁמִּתְפַּלֵּל וּמַרְבֶּה בְּתַחֲנוּנִים אֲנִי עוֹשֶׂה חֶסֶד עִמּוֹ.

גְלֵייבְּט מִיר, אִיךְ קֶען אַייךְ מַאֲרִיךְ זַיין גַאנְצֶע מְגִילוֹת אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ אוּן קַיין צַייט, הַלְוַאי זָאלְט אִיר אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ דָאס בִּיסְל וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ דָא גֶעשְׁרִיבְּן, וֶועט אִיר זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן אֶמֶת'ע מְקוֹרָבִים צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן אִיר וֶועט שׁוֹין הָאבְּן אַן אַנְדֶערְן אוֹיסְקוּק אוֹיפְן לֶעבְּן.

**אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ אַייךְ אַלֶע אַ בְּרָכָה פוּן הִימְל**

## יד

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר בֹּא ד' שְׁבָט ה'תש"ע**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הֶחָתָן הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגְן בְּרִיוו, אוּן עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר דֶערְפְרֵייְדְט צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט אַ חָתָן גֶעוָואְרְן מִיט אַ מַזָּלְ'דִיגֶע שָׁעָה, זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דִיר

הֶעלְפְן זָאלְסְט קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ הֵיילִיגֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּב, וָואס זָאל זַיין אַ רוּ אָרְט פַאר דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה.

**אָבֶער** אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אַ כְּלַל, דִי אַלֶע וָואס זֵיי נֶעמֶען גֶעלְט פַאר אַ חֲתַנִים-קְלַאס אָדֶער פַאר כַּלָה-קְלַאס אִיז אַ שָׁאד צוּ גֵיין צוּ זֵיי, וָוארוּם וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ טוּט עֶס פַאר גֶעלְט, אִיז שׁוֹין נִישְׁט זַיין כַּוָונָה לְשֵׁם שָׁמַיִם, אוּן לַיידֶער אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן פַארְפִירְן חֲתַנִים אָדֶער כַּלוֹת, וָואס נָאךְ דִי חֲתוּנָה קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם קִילְקוּלִים וְכוּ', אוּן דִי זֶעלְבֶע זַאךְ אִיז דִי אַלֶע וָואס זֵיי טוּעֶן אִין שָׁלוֹם בַּיִת אוֹיבּ זֵיי נֶעמֶען גֶעלְט פַאר דֶעם דַארְפְסְטוּ ווִיסְן אַז סְ'אִיז אַלֶעס נַארִישְׁקֵייטְן אוּן לִיגֶענְט וְכוּ', אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט אִינְטְרֶעסִירְט אִין שָׁלוֹם בַּיִת, - עֶר דַארְף דָאךְ גֶעלְט, וָוארוּם דָאס אִיז זַיין פַּרְנָסָה, קֶען עֶר בַּאשְׁטֵיין אַז דָאס פָארְפָאלְק זָאלְן זִיךְ אַרוּמְקְרִיגְן אַ יָאר צַייט אָדֶער מֶער, וְכוּ', וָוארוּם עֶר נֶעמְט גֶעלְט פוּן יֶעדְן ווִיזִיט וָואס מֶען קוּמְט צוּ אִים, אִיז פַארְוָואס זָאל עֶר מַאכְן שָׁלוֹם גְלַייךְ?

**הַכְּלַל**, זָאלְסְט נָאר גֵיין צוּ אַן עֶרְלִיכְן אִיד וָואס דַארְף נִישְׁט דַיין גֶעלְט, אוּן בַּיי אִים זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דִי הַלָכוֹת וָואס אַ חָתָן דַארְף ווִיסְן, אוּן אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה, (דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט גֶעבְּן דֶעם עֶרְלִיכְן אִיד וָואס עֶר לֶערְנְט מִיט דִיר נִדְבַת לִבְּךָ, אָבֶער אוֹיבּ עֶר מָאנְט גֶעלְט, זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז

מֶען דַארְף אַנְטְלוֹיפְן פוּן אִים), ווייסְן דַארְפְסְטוּ וויסְן, אַז הַיינְט אִיז דָא לֵיידֶער פַארְדָארְבֶּענֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אִין דִי בְּחִינָה פוּן עוֹשֶׂה מַעֲשֵׂה זִמְרִי וּמְבַקֵּשׁ שְׂכַר כְּפִּנְחָס, זֵיי אַלֵיין זֶענֶען פְּגוּם רַחְמָנָא לִיצְלָן, אוּן פַאר חֲתָנִים לֶערְנֶען זֵיי וֶועגְן פוּן פְּרִישׁוּת וְכוּ', אוּן חוּמְרוֹת יְתֵירוֹת וְכוּ', וָואס שְׁטֵייט בִּכְלַל נִישְׁט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן אוּן אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן.

וזאוֹיל אִיז דֶעם חָתָן וָואס בַּאהֶעפְט זִיךְ צוּ עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן עֶר לֶערְנְט פוּן זֵיי אַ וֶועג וויאַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִינֶעם טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה, עֶס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לִימוּד, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע הָאט גֶעזָאגְט, אַז דְבָרִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵינָהּ וָואלְט עֶר גֶעדַארְפְט מְחַבֵּר זַיין נָאכְאַמָאל אַזָא "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת", אַזוֹי טִיף אִיז דֶער לִימוּד וָואס אַ אִינְגֶערְמַאן דַארְף ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן אִין שָׁטוּב מִיט זַיין וַוייבּ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רסד) מֶען דַארְף זֵייעֶר בְּכָבוֹד הַאלְטְן דָאס וַוייבּ, וָוארוּם זֵיי לַיידְן צַעַר עִיבּוּר, צַעַר לֵידָה וְכוּ' וְכוּ', אוּן דִי חַזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.) דִי אַלֶע וָואס זֵיי הַאלְטְן טַייעֶר דָאס וַוייבּ וֶוערְן רַייךְ; אוּן דִי הֵיילִיגֶע רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן סט) דָאס דִי גַאנְצֶע גֶעלְט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִיז נָאר אִין זְכוּת פוּן זַיין וַוייבּ, אַ אִינְגֶערְמַאן דַארְף זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען נִישְׁט זַיין אַ קַמְצָן מִיט גֶעלְט פַאר זַיין וַוייבּ, וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר (דף ב.) קַמְצָן נָבָל בְּמָמוֹנֵיהּ נָבָל שְׁמֵיהּ,

דְלַאו אִיהוּ נָדִיב וְלַאו אִיהוּ מִזַרְעָא דְאַבָהָן דְאִתְּמַר עֲלַייהוּ נְדִיבֵי עַמִּים נֶאֱסָפוּ, דְהָא קַמְצָן אִיהוּ עֲנִי הַדַעַת; וְוער עֶס אִיז אַ קַמְצָן וַוייזְט אַז עֶר הָאט קַיין שֵׂכֶל נִישְׁט, און עֶר אִיז אַ פַארְדָארְבֶּעֶנער מֶענְטְש וְכוּ׳, און אִיז נִישְׁט פוּן זֶרַע אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב וָואס בַּיי זֵיי שְׁטֵייט "נְדִיבֵי עַמִּים" דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים זֶענֶען גֶעוֶוען נְדִיבִים און נִישְׁט גֶעקַארְגְט פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט, לֵיידֶער אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן אַ מַחְלָה פוּן קַארְגְקֵייט, פַאר זִיךְ וֶועלְן זֵיי אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט אוֹיף רֶעכְטְס און אוֹיף לִינְקְס אוֹיף אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, און וֶוען ס׳קוּמְט צוּ דִי וַוייבּ דֶעמָאלְטְס וֶוערְן זֵיי פְרוּם און זָאגְן מוּסַר, "טָארְסְט נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט וְכוּ׳, מֶען דַארְף שְׁפָּארְן גֶעלְט וְכוּ׳, עֶס אִיז אַן עֲבֵירָה אוֹיסְצוּגֶעבְּן גֶעלְט" וְכוּ׳, אַזַא מֶענְטְש וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן עֲנִי בְּדַעַת, עֶר הָאט לֵיידֶער קַיין שֵׂכֶל נִישְׁט.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְסְטוּ וויסְן אַז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז, נִישְׁט זַיין קַארְג, אַז דוּ וֶועסְט זִיצְן און לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא מֶדְרָשׁ הֲלָכָה וְכוּ׳ וְכוּ׳, וֶועסְטוּ זֶען ווי דַיין וַוייבּ וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְהֶעלְפְן זָאלְסְט קֶענֶען לֶערְנֶען, וָוארוּם יֶעדֶע פְרוֹי וויל אִיר מַאן זָאל זַיין אַ תַּלְמִיד חָכָם און אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, און זִי וֶועט טוּן אַלֶעם וָואס זִי קֶען שְׁפָּארְן, אַבִּי אִיר מַאן זָאל זִיצְן און לֶערְנֶען, אָבֶּער אוֹיבּ זִי זֶעט ווי אִיר מַאן אִיז לֵיידֶער אַ לֵיידִיגֵייעֶר וְכוּ׳, מַאכְט נִישְׁט אוֹיף קַיין סֵפֶר וְכוּ׳, און הָאט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, און גֶעבְּט אוֹיס גֶעלְט פַאר אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן

און פַאר שְׁוואוילְטָאג זַאכְן וְכו', און וֶוען עֶס קומְט צו גֶעבְּן פַאר דִי ווייבּ דֶעמָאלְטְס וֶוערְט עֶר פְרוּם און עֶר זָאגְט מֶען דַארְף שְׁפָּארְן גֶעלְט וְכו' מֶען טָאר נִישְׁט אויסְגֶעבְּן אויף נַארִישְׁקֵייטְן וְכו', אַוודַאי אַזַא פְרוּי אִיז גֶערֶעכְט וֶוען זִי הָאט אַ טַעֲנָה צו אִיר מַאן פַארְוָואס עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אִין שְׁטוּב קַיין גֶעלְט וְכו' און אִיז אַ קַארְגֶער וְכו', און אַזוֹי הֵייבְּט זִיךְ אָן מַחְלוֹקֶת וְכו'.

**דֶערְפַאר** דַארְף אַ חָתָן ווִיסְן אַז דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז, מֶען דַארְף זִיךְ אַיינְקוֹיפְן דִי מִדָּה פוּן נַדְבָנוּת, זַיין אַ נַדְבָן קוֹדֶם אִין שְׁטוּב, און זֶען אַז דָאס וַוייבּ און דִי קִינְדֶער זָאלְן הָאבְן פוּן אַלֶעם גוּטְן, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבוֹת נ.) "אַשְׁרֵי שׁוֹמְרֵי מִשְׁפָּט עוֹשֵׂה צְדָקָה בְּכָל עֵת" וְכִי אֶפְשָׁר לַעֲשׂוֹת צְדָקָה בְּכָל עֵת? דָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ שֶׁבְּיַבְנֶה, וְאָמְרִי לָהּ רַבִּי אֱלִיעֶזֶר, זֶה הַזָן בָּנָיו וּבְנוֹתָיו כְּשֶׁהֵן קְטַנִּים; קוֹדֶם גֶעט מֶען צְדָקָה אִין שְׁטוּב, און נָאכְדֶעם גֶעט מֶען צְדָקָה אִינְדְרוֹיסְן, און דָאס אִיז אַ יְסוֹד אִין לֶעבְן, קַארְגְקֵייט אִיז אַ פְּשׁוּטֶער קְרֶענְק וְכו', און וֶוען עֶר גֶעבְּט אוֹיס גֶעלְט פַאר נַארִישְׁקֵייטְן נָאר פַאר זִיךְ, און פַארְנַאכְלֶעסִיגְט דִי וַוייבּ אִין קִינְדֶער, דָאס אִיז שׁוֹין רִשְׁעוּת.

**אוֹיךְ** דַארְף אַ חָתָן ווִיסְן אַז בִּיז יֶעצְט אִיז עֶר גֶעוֶוען אַלֵיין, און יֶעצְט וֶוען עֶר הָאט חֲתוּנָה, הָאט עֶר שׁוֹין אַ שׁוּתָּף אִין לֶעבְּן, און דַארְף שְׁטֶענְדִיג זִיךְ טֵיילְן מִיטְן וַוייבּ, און דִי חַזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת סב:) הָאוֹהֵב אֶת אִשְׁתּוֹ

כְּגוּפוֹ וְהַמְכַבְּדָהּ יוֹתֵר מִגּוּפוֹ וְהַמַּדְרִיךְ בָּנָיו וּבְנוֹתָיו בְּדֶרֶךְ יְשָׁרָה וְהַמַּשִּׂיאָן סָמוּךְ לְפִירְקָן עָלָיו הַכָּתוּב אוֹמֵר "וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ"; דָאס וֶוען ס'קוּמְט צוּ מְכַבֵּד זַיין, דַארְף עֶר אִיר מְכַבֵּד זַיין מֶער ווי עֶר אִיז זִיךְ מְכַבֵּד, דָאס הֵייסְט אַז עֶר דַארְף קוֹיפְן פַאר זִיךְ אַ בֶּגֶד, אוּן זִי דַארְף אַ בֶּגֶד, קוּמְט אִיר קוֹדֶם, אִין דֶעם טָאר מֶען נִישְׁט קַארְגְן, ווי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (פְּסָחִים קט.) חַיָּיב אָדָם לְשַׂמֵּחַ בָּנָיו וּבְנֵי בֵּיתוֹ בָּרֶגֶל שֶׁנֶּאֱמַר וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ, בַּמֶּה מְשַׂמְּחָם? וְכוּ' נָשִׁים בְּרָאוּי לָהֶן וְכוּ', וְנָשִׁים בְּמַאי? תָּנֵי רַב יוֹסֵף בְּבָבֶל בְּבִגְדֵי צִבְעוֹנִין, בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בְּבִגְדֵי פִּשְׁתָּן מְגוּהָצִין; דָאס הֵייסְט אַז אוֹיף יוֹם טוֹב מוּז מֶען קוֹיפְן אַ קְלֵייד פַאר דִי ווַייבּ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער גְרָ"א זָאגְט ווי דִי חֲזַ"ל זָאגְן חַיָּיב, אִיז דָאס בִּיז מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אוּן אוֹיבּ דִי חֲזַ"ל דְרִיקְן זִיךְ אוֹיס אַז חַיָּיב אָדָם לְשַׂמֵּחַ בָּנָיו וּבְנֵי בֵּיתוֹ, אוּן מִיט וָואס? מִיט קְלֵיידֶער. מוּז מֶען דָאס טוּן, אוּן אוֹיךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (חוּלִין פד:) לְעוֹלָם יֹאכַל אָדָם וְיִשְׁתֶּה פָּחוֹת מַה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ, וְיִלְבַּשׁ וְיִתְכַּסֶּה בַּמֶּה שֶׁיֵּשׁ לוֹ, וִיכַבֵּד אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו יוֹתֵר מִמַּה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ; אוּן דַארְפְסְט ווִיסְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט, בַּיי מִיר אִיז וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן אִיז גָאט זָאגְט אַזוֹי, אִיבֶּער דֶעם דַארְף יֶעדֶע חָתָן ווִיסְן אוֹיבּ עֶר ווִיל הָאבְּן הַצְלָחָה אִין זַיין לֶעבְּן, זָאל עֶר זִיךְ בַּאהֶעפְטְן נָאר צוּ עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס זֵיי פִירְן זִיךְ עַל פִּי שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן זִיצְן אוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, נִישְׁט גֵיין לֶערְנֶען חָתָן-קְלַאס וְכוּ' אָדֶער שָׁלוֹם בַּיִת קְלַאס וְכוּ' פוּן אַ פּוּסְטְן

אִינְגֶעְרְמַאן וָואס מַאכְט אַלֵיין נִישְׁט אוֹיף קַיין סֵפֶר וְכוּ', עֶר קֶען זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט פִּירְן, ווִי אַזוֹי וֶועט עֶר דִיךְ פִּירְן?

**אַז** וואוּיל אִיז אַ חָתָן וָואס לֶערְנְט ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִּירְן נָאר פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ הֵיילִיגֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּב, אוּן וֶועט שְׁטֶענְדִיג גְלִיקְלִיךְ זַיין, אוּן אִין אַזַא הוֹיז וֶועט רוּעֶן דִי שְׁכִינָה, אוּן עֶס וֶועט שְׁטֶענְדִיג זַיין שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט.

דוּ זָאלְסְט זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַריין, אוּן זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ וְרַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, כְּדֵי דוּ זָאלְסְט עֶנְדִיגְן בִּיז פְרַייטָאג דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואךְ, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, וָואס אִיז אַ סְגוּלָה לַאֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן, (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, שֶׁכָּל הַמַשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו;

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיּוֹת וָואס מִשְׁנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָ"ה, אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיּוֹת וֶוערְט גֶעלוֹיטֶערְט דִי נְשָׁמָה, אוֹיךְ מִשְׁנָ"ה בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט ווִי פַּרְנָסָ"ה, וָוארוּם אַז מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיּוֹת הָאט מֶען גְרִינְג פַּרְנָסָה, אַז וואוּיל אִיז דֶעם בָּחוּר אָדֶער דֶעם אִינְגֶעְרְמַאן וָואס לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, אוּן דָאס אִיז אַ סְגוּלָה צוּ הַרְגֶעןֶען זַיין יֵצֶר הָרַע, וְעַל כּוּלָם צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא חוֹק וְלֹא יַעֲבוֹר, דָאס אִיז דֶער עִיקָר אִין לֶעבְּן, אוּן דֶער סַמֶ"ךְ מֵ"ם וֶועט טוּן אַלֶע פְּעוּלוֹת

שֶׁבָּעוֹלָם נִישְׁט לָאזְן אַ בָּחוּר אָדֶער אַ אִינְגֶערְמַאן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְּמָרָא, וָוארוּם עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא פוּן לִימוּד גְּמָרָא, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רי"ד) אַז מִיט לֶערְנֶען גְּמָרָא אִיז מֶען מְבַטֵּל פוּן זִיךְ דִי קְלִיפָּה וָואס ווִיל אִים בְּרֶענְגֶען צוּ עֲבֵירוֹת, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "וָוֵי הָעַמּוּדִים" אַ זוּן פוּן שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ, אַז עֶס דַארְף זַיין אַ חוֹב אוֹיף יֶעדְן אִיד צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְּמָרָא אַזוֹי ווִי עֶס אִיז אַ חוֹב אָנְצוּטוּן תְּפִילִּין יֶעדְן טָאג, אוּן וֶוער עֶס לֶערְנְט נִישְׁט יֶעדְן טָאג דִי דְרַיי לִימוּדִים מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא, דֶער אִיז אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קכ.) "וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה" שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא תַּלְמוּד. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זַיי שְׁטַארְק אִין לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי צְוֵויי עַמּוּדִים חוֹק וְלֹא יַעֲבוֹר, אוּן דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ נוֹשֵׂא חֵן זַיין בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, וּמִכָּל שֶׁכֵּן בַּיי דַיין וַוייבּ, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') אַז דוּרְךְ לִימוּד תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה וֶוערְט נִמְשַׁךְ אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַ חֵן, אוּן זַיינֶע תְּפִילּוֹת וֶוערְט נִתְקַבֵּל אִין הִימֶל.

גְלַייבּ מִיר עֶס אִיז נָאךְ דָא זֵייעֶר אַסַאךְ צוּ רֶעדְן אוּן מַסְבִּיר זַיין אַ חָתָן ווִי אַזוֹי אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן אַ הֵיילִיג שְׁטוּבּ, אוּן עֶס זָאל זַיין אַ רֶעכְטִיג שָׁלוֹם בַּיִת, נָאר אִיךְ מוּז יֶעצְט מְקַצֵּר זַיין.

**אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ דִיר אַ לֶעכְטִיג אוּן זִיס לֶעבְּן**

# טו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם חֲמִישִׁי לְסֵדֶר בֹּא ו' שְׁבָט ה'תש"ע

## שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

דַיין בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה צוּ רֵיינִיגְן דִי נְשָׁמָה, אוּן דוּרְךְ דֶעם דֶערְנֶענְטֶערְט מֶען דִי גְאוּלָה, וְוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ז' סִימָן ג') אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת. זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט מֶער בְּרֶען אוּן מֶער חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן דָאס וֶועט דִיךְ גֶעבְּן אַ גֶעוַואלְדִיגְן סִיפּוּק אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעוָואלְט זֵייעֶר בֶּעטְן זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין טַאטְן אוּן מַאמֶען וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה, וְוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (פְּסִיקְתָּא רַבָּתִי) חֲמוּרָה שֶׁבַּחֲמוּרוֹת כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ, ווִידֶער זָאגְן דִי חֲזַ"ל (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא פֶּרֶק כ"ז) כָּל הָעוֹלָם כּוּלוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ מִן הָאָדָם רַק שֶׁיְּכַבֵּד אָב וָאֵם, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן אוֹיךְ (קִידּוּשִׁין ל:) בִּזְמַן שֶׁאָדָם מְכַבֵּד אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיהֶם כְּאִילּוּ דַּרְתִּי בֵּינֵיהֶם וְכִיבְּדוּנִי; זֶעט מֶען וְוי דִי חֲזַ"ל הָאבְּן אַזוֹי מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אוּן דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה אִיז מַבְטִיחַ אַז וֶוער עֶס וֶועט מְכַבֵּד זַיין זַיין טַאטְן אוּן מַאמֶען וֶועט הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים וּשְׁנַיִם, וְוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת כ')

"כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ לְמַעַן יַאֲרִיכוּן יָמֶיךָ עַל הָאֲדָמָה אֲשֶׁר הֲוַיָ"ה אֱלֹקֶיךָ נוֹתֵן לָךְ".

**אִיךְ וואוּנְטְשׁ דִיר אַ זִיס לֶעבְּן**

# טז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר בְּשַׁלַּח ט' שְׁבָט ה'תש"ע

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל כְּלַל חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב תַּלְמִידֵי "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" הֲוַיָ"ה עֲלֵיהֶם יַשְׁרֶה שְׁכִינָתוֹ תָּמִיד.

מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אַז מִיר וֵוייסְן פוּן אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן בְּזֶה הָעוֹלָם, וָוארוּם אוֹיף דִי וֶועלְט גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדֶעם אֵיינֶעם יֶעדְן טָאג נֵייעֶ צָרוֹת אוּן פַארְשִׁידֶענֶע עַגְמוֹת נֶפֶשׁ וְכוּ', אוּן מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, נָאר זִיךְ שְׁטַארְקְן פְרֵיילִיךְ צוּ זַיין, אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, וּבִפְרַט דָאס וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו'), אִשָּׁה בַּעֲלָהּ מְשַׂמְּחָהּ, דָאס אַ פְרוֹי אִיז דִי מַאן אִיר מְשַׂמֵּחַ, וָוארוּם אַ פְרוֹי צִיט מֶער צוּ עַצְבוּת אוּן בִּיטֶערְנִישׁ וְכוּ', דָא שְׁוַואנְגֶערְט זִי וְכוּ', אוּן לֶעבְּט אִיבֶּער שְׁרֶעק וְכוּ', אוּן דָא גֶעבּוֹירְט זִי מִיט אַ מַזָל'דִיגֶע שָׁעָה, וְכוּ', אוּן דָא דַארְף זִי אוֹיפְבְּרֶענְגֶען דֶעם קִינְד, וְכוּ', אוּן גְלַייכְצֵייטִיג פִירְן אַ וֶוערְטְשַׁאפְט אִין שְׁטוּב וְכוּ', עֶס זָאל זַיין רֵיין אוּן אַלֶעס זָאל קְלַאפְּן וִוי סְ'דַארְף צוּ זַיין.

**אִיבֶּער** דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז דֶער מַאן זָאל אַרוֹיס הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ אוּן טֵייעֶר הַאלְטְן דָאס וַוייבּ, אוּן אִיר פְרֵיילֶעךְ מַאכְן, וְכוּ׳, (עַיֵן שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רסד). וֶוען אַ מַאן פִירְט זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ עֶר שְׁטֵייט אוֹיף פְּרִי, אוּן גֵייט אִין מִקְוֶה, אוּן נָאכְדֶעם דַאוֶונְט עֶר מִיט מִנְיָן, אוּן לֶערְנְט זַיינֶע שִׁיעוּרִים יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אוּן מִשְׁנַיוֹת, אוּן גְמָרָא, אוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וְכוּ׳ וְכוּ׳, צִיט עֶר אוֹיף זִיךְ אַרוֹיף אַ בַּאזוּנְדֶערְן חֵן. (עַיֵן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן א׳) אוּן אַלֶע שֶׁעצְן אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק, וּבִפְרַט זַיין וַוייבּ קוּקְט אוֹיף אִים אַרוֹיף, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ זַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן אִירֶע עֶלְטֶערְן שְׁטָאלְצִירְן מִיט אִים דָאס מִיר הָאבְן אַזַא טֵייעֶר קִינְד.

**וְוִי** דִי חַזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא פו.) וְאָהַבְתָּ אֶת הַוַיָ"ה אֱלֹהֶיךָ, שֶׁיְהֵא שֵׁם שָׁמַיִם מִתְאַהֵב עַל יָדְךָ, שֶׁיְהֵא קוֹרֵא וְשׁוֹנֶה וּמְשַׁמֵשׁ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וִיהֵא מַשָׂאוֹ וּמַתָּנוֹ בְּנַחַת עִם הַבְּרִיוֹת, מַה הַבְּרִיוֹת אוֹמְרוֹת עָלָיו? אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלְמָדוֹ תוֹרָה אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלְמָדוֹ תוֹרָה, אוֹי לָהֶם לַבְּרִיוֹת שֶׁלֹא לָמְדוּ תוֹרָה, פְּלוֹנִי שֶׁלָמַד תוֹרָה, רְאוּ כַּמָה נָאִים דְרָכָיו כַּמָה מְתוּקָנִים מַעֲשָׂיו! עָלָיו הַכָּתוּב אוֹמֵר, וַיֹאמֶר לִי עַבְדִי אַתָּה יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאֵר; אוּן וַויסְן דַארְפְט אִיר וַויסְן אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער רָצוֹן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**אוּן** וֶוער עֶס הָאט גֶעקֶענְט אֶמֶת'ע בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים הָאט עֶר גֶעזֶען זֵיי הָאבְן זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע

דֶרֶךְ אֶרֶץ, און זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ גֶעוֶוען, און מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זֵיי זֵייעֶר גֶעשֶׁעצְט. אַזוֹי אִיז דֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס פִירְט זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ און לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, דַאוֶוענְט דְרֵיי מָאל אַ טָאג מִיט מִנְיָן דַיְיקָא, און אִיז קוֹבֵעַ עִתִּים לַתּוֹרָה, און הָאט אַ גֶעהֶערִיגֶע פַּרְנָסָה, און פִירְט זִיךְ אוֹיף מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ מִיט אַנְדֶערֶע, עֶר מִישְׁט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אִין מַחְלוֹקֶת, און עֶר הַאלְט הוֹיךְ גֶעשֶׁעצְט זַיין וַוייבּ און הֵייבְּט נִישְׁט אוֹיף זַיין קוֹל אִין שְׁטוּבּ, עֶר רֶעדְט אֵיידְל און פִירְט זִיךְ אוֹיף אֵיידְל, אַזַא אִינְגֶערְמַאן הָאט עוֹלָם הַבָּא אִין דִי וֶועלְט.

**אִיבֶּער** דֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט לֶערְנֶען אַסַאךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וָואס נָאר וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין זַיינֶע סְפָרִים דָאס הֵייסְט בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידוּת. לֵיידֶער אִיז גֶעוָוארְן אַן אָנְשִׁיקֶענִישׁ מִיט פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי גְרוּפֶּעס מְשׁוּגָעִים וְכוּ', וָואס זֵיי פַארְפִירְן דִי וֶועלְט און זֵיי מַאכְן אָן אַ שְׁלֶעכְטְן נָאמֶען פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּ'ין, - זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת צוּ בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידִים, אָבֶּער אִינְדְרוֹיסְן מֵיינְט מֶען אַז דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק סִימָן סט).
מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק צָרִיךְ לִשְׁמוֹר אֶת הַצַּדִּיק שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רַע; וָוארוּם מֶענְטְשְׁן קוּקְן ווִי אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד פִירְט זִיךְ אוֹיף, און אוֹיבּ חָלִילָה עֶר אִיז אַ פֶּרֶא אָדָם וְכוּ' אַ מְשׁוּנֶה קֶרֶן וְכוּ', עֶר מַאכְט אַ שְׁלֶעכְטְן נָאמֶען פַארְן

הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, און עֶר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. וָוארוּם ווִיסְן דַארְפְט אִיר וְויסְן אַלֶע: אָן לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים הָאט מֶען קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת נִישְׁט צוּ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. דוּרְךְ זַיינֶע סְפָרִים לֶערְנְט עֶר אוּנְז ווִיאַזוֹי מְקוֹרָב צוּ וֶוערְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן עֶרְלִיךְ.

**אַז** וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לֶערְנְט אַסַאךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, עֶר וֶועט שׁוֹין זַיין אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי״ע הָאט גֶעזָאגְט, ״פוּן זִינְט אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּין, אִיז מַיין טְרַאכְטְן גָאר אַן אַנְדֶערֶע טְרַאכְט, און מַיין קוּקְן אִיז גָאר אַן אַנְדֶערְן קוּק, און מַיין רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן אִיז גָאר אַן אַנְדֶערְן סָארְט רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן״. ווִי בַּאוואוּסְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי״ע גֶעוֶוען אַ חִידוּשׁ פַּאר הִתְקַרְבוּת צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיךְ, אָבֶּער זִינְט עֶר אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּין, אִיז עֶר אִינְגַאנְצְן נִשְׁתַּנֶה גֶעוָוארְן, און מִיר דַארְפְן אָפְּלֶערְנֶען פוּן אִים וָואס הֵייסְט זַיין מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

**אִיבֶּער** דֶעם בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, הַאלְט זִיךְ צוּזַאמֶען, קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, נָאר וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים זָאלְט אִיר זִיךְ אַזוֹי פִירְן, און דְרֵייט זִיךְ נִישְׁט מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס פַּארְקוֹיפְן עֶנְק שְׁטוּתִים און הֲבָלִים, און זֵיי זָאגְן אַז דָאס אִיז בְּרֶסְלְבֶער

חֲסִידוּת, וָוארוּם הַיינְט אִיז דָא אַזוֹיפִיל פַּארְקְרוּמְטֶע מוֹחוֹת, וְכוּ', וּבִפְרַט דִי וָואס זֵיי קוּמֶען פוּן פְרֵייעֶ מִשְׁפָּחוֹת וְכוּ', - אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה - אָבֶער זֵייעֶרע טְרֵיפֶענֶע הַשְׁקָפוֹת אִין צִיוֹנִיזְים וְכוּ', אוּן אִין אַנְדֶערֶע פַּארְקְרוּמְטֶע דֵיעוֹת אִיז נָאךְ בַּיי זֵיי גֶעבְּלִיבְּן, וָוארוּם הַשְׁקָפוֹת אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ בַּייטְן, וָואס מֶען אִיז מְקַבֵּל פוּן עֶלְטֶערְן אוּן פוּן דִי סְבִיבָה, דָאס אִיז שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּגֵיין דֶערְפוּן. אִיבֶּער דֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידוּת קַיין שׁוּם דֵיעוֹת כּוֹזְבוֹת, אוּן מְשׁוּנֶה'דִיגֶע הַנְהָגוֹת וְכוּ', וְכוּ', חֲסִידוּת בְּרֶסְלֶב שְׁטֵייט נָאר אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוֹיסֶער דֶעם אִיז אַלֶעס שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים. וּבִפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט אַזוֹינֶע מְשׁוּנֶה'דִיגֶע הַנְהָגוֹת צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, וְכוּ', דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידוּת, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף שְׁלוֹם בַּיִת.

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זַצ"ל, אַז עֶר אִיז אַמָאל אַייְנְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אַ בְּרֶסְלְבֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן ווִי דֶערְשְׁטוֹינְט אִיז עֶר גֶעוֶוען וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט ווִי דֶער מַאן שְׁרֵייט אוֹיף דֶער וַוייבּ, אוּן שַׁאפְּט זִיךְ מִיט אִיר אַזוֹי ווִי מִיט אַ דִינְסְט, וְכוּ', הָאט עֶר אִים אַפִּיר גֶענוּמֶען אִינְדְרוֹיסְן אוּן מוּסָר גֶעזָאגְט, "אַזוֹי פִירְט זִיךְ אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד? מִיר הָאבְּן דָאךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין אַז אַ שְׁטוּב" - דָאס מֵיינְט מֶען אַ וַוייבּ - "דַארְף מֶען זֵייעֶר טַייעֶר הַאלְטְן", אוּן עֶר הָאט אִים דֶעמָאלְטְס גֶעלֶערְנְט ווִי

מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף מִיט אַ פְּרווּ, וְכוּ'. אוּן מִיר הָאט דֶערְצֵיילְט הרה"ח ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זַ"ל ווי רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זַצַ"ל הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַזַא זִיסֶע הַנְהָגָה ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה מִיט זַיין וַוייבּ, אוּן עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט מִיט דִי וֶוערְטֶער, "גְלֵייבּ מִיר וֶוען אִיךְ הֶער נִישְׁט ווָאס עֶר הָאט מִיט מִיר גֶעלֶערְנְט, וֶוער וֵוייסְט אוֹיבּ אִיךְ ווָאלְט גֶעהַאט אַזַא שָׁלוֹם בַּיִת? אוּן אַדַאנְק זַיינֶע לִימוּדִים הָאבּ אִיךְ זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקְרִיגְט מִיט מֵיין וַוייבּ".

**ווָאס** זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן? מֶען קֶען אִיבֶּערְגֵיין דִי וֶועלְט מִיט אַזַא מִין זִיסְקֵייט אוּן רוּאִיגְקֵייט אוֹיבּ מֶען זָאל נָאר פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, מֶען קֶען שְׁפִּירְן אַ טַעַם פוּן עוֹלָם הַבָּא אוֹיף דִי וֶועלְט, אַז וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ ווָאס וֵוייקְט זִיךְ נָאר אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, ווָאס נָאר דָאס אִיז בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידוּת, וואוּיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט וואוּיל אִיז אִים אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ אַייךְ אַ זִיס לֶעבְּן**

## יז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר בְּשַׁלַּח ט' שְׁבָט ה'תשׁ"ע

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**דַּיין** בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר דָאס אַ נֵייעֶ בֵּיימֶעלֶע ווִיל זִיךְ אָנְטְרוּנְקֶען פוּן דֶעם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, אַז וואוּיל אִיז דִיר.

זָאלְסְט גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק סִימָן קנב) עִיקַר שְׁלֵימוּת הַנֶּפֶשׁ תָּלוּי בְּקִרְבַת הַצַּדִּיקִים; אִיבֶּער דֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ הַאלְטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וָוארוּם דֶער עִיקַר הִתְקַרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּין, אִיז נָאר תָּלוּי אִין וִוי אַזוֹי מֶען בַּאפְלַייסְט זִיךְ אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, ווִי עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצב) פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְחָכְמָתוֹ וְנִשְׁמָתוֹ בְּתוֹךְ סִפְרוֹ, וָואס מֶער מֶען לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אַזוֹי אִיז מֶען מֶער מְקוּרָב צוּ אִים. זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג אִינְזִינֶען הָאבְּן וָואס הָאסְטוּ אִין דַיינֶע הֶענְט, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ו') "דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לוֹיפְט מִיט אַ פַארְמַאכְטֶע הַאנְט אוּן אַלֶע לוֹיפְן אִים נָאךְ, מֶען מֵיינְט אַז עֶר הָאט אִין הַאנְט עֶפֶּעס וָואס אִיז שַׁיָיךְ צוּ אִים, אוּן בַּיים סוֹף עֶפֶענְט עֶר דִי הַאנְט אוּן מֶען זֶעט עֶר הָאט גָארְנִישְׁט, שְׁרֵייט דֶער מֶענְטְשׁ צוּ זִיךְ, 'וָואס בִּין אִיךְ אִים נָאכְגֶעלָאפְן יָארְן אִיבֶּער יָארְן?'".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נא) "דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, אִיר זָאלְט אַייךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ". אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז דֶער יְסוֹד אִין הִתְקַרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּין אִיז זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען רֶעדְן אַסַאךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, אוּן דַאוֶוענֶען מִיט אַ מִנְיָן דַיְיקָא, שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, וָוארְט בַּיי וָוארְט אִין אַ סִידוּר,

און אַכְטוּנג גֶעבְּן יֶעדְן טָאג גֵיין אִין מִקְוֶה זִיךְ הֵיילִיגְן, און לֶערְנֶען אַסַאךְ שׁוּלְחָן עָרוּךְ - עַל כָּל פָּנִים מְחַבֵּר רְמָ"א - אָנְהֵייבְּן אוֹרַח חַיִּים און עֶנְדִיגְן, און נָאכְדֶעם אָנְהֵייבְּן יוֹרֶה דֵעָה און עֶנְדִיגְן, און אָנְהֵייבְּן אֶבֶן הָעֵזֶר און עֶנְדִיגְן, און אָנְהֵייבְּן חוֹשֶׁן מִשְׁפָּט און עֶנְדִיגְן. און אַז מֶען אִיז זוֹכֶה מֶען עֶנְדִיגְט אַרְבַּע חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ מְחַבֵּר רְמָ"א עֶטְלִיכֶע מָאל, בַּאקוּמְט מֶען אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען נָאכְדֶעם מִיט מָגֵן אַבְרָהָם און טוּרֵי זָהָב וְכוּ' וְכוּ', אוֹיךְ דַארְפְמְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, און דֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן פַאר אַסַאךְ פוּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זֵיי זָאלְן זָאגְן יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת (עַיֵּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפ"ה).

און גְלֵייבּ מִיר ס'אִיז נִישְׁט שְׁוֶוער, אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, פִילְט מֶען אַ גֶעוַואלְדִיגֶע תְּשׁוּקָה און בֶּענְקֶעניש דֶערְנָאךְ צוּ דוּרְכְלֶערְנֶען גַאנְץ שַׁ"ס, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוער ס'עֶנְדִיגְט שַׁ"ס צִיט אוֹיף זִיךְ אַרוֹיף אַ צֶלֶם אֱלֹקִים.

אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן וֶועט מֶען דִיר נִישְׁט קֶענֶען אָפְּפָּאפְן, ווייל דוּ וֶועסְט שְׁטֶענְדִיג קוּקְן וָואס דוּ הָאסְט אִין דַיין הַאנְט. לֵיידֶער אִיז דָא הַיינְט פַארְפִירֶערְס וָואס זֵיי פַארְפִירְן בָּחוּרִים מִיט אִינְגֶעלַייט, און מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי כְּלוֹמֶר'שְׁט בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידוּת וְכוּ'. און עֶס גֵייט אַוֶועק טֶעג וָואכְן חֳדָשִׁים וְכוּ', און מֶען מַאכְט נִישְׁט אוֹיף

קַיין חוּמָשׁ, קַיין מִשְׁנַיוֹת, קַיין גְמָרָא, קַיין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וְכוּ', מַמָשׁ גָארְנִישְׁט וְכוּ', אָבֶער 'מֶען בְּרֶענְט, מֶען בְּרֶענְט', וְכוּ', וְכוּ', אוּן צוּם סוֹף טוּט מֶען גָארְנִישְׁט. אוּן דֶיע שֶׁעמֶען זִיךְ נִישְׁט זִיךְ אָנְצוּרוּפְן "עֶבְטֶע בְּרֶסְלֶבֶ'ער" (מִלָשׁוֹן "אֶחְטָא"...) אַז אָךְ אוּן וֵויי אִיז אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְט אַוֶועק דִי צַייט מִיט שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים, אוּן עֶר מֵיינְט אַז עֶר כַאפְּט מַלְאָכִים... עֶר מֵיינְט עֶר פְלִיעט אִין הִימְל - עֶר אִיז לֵיידֶער אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיף דֶער עֶרְד...

**דֶערִיבֶּער** וויל אִיךְ דֶער עֵצָה'ן אוֹיבּ דוּ ווילְסְט וויסְן וָואס בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידוּת אִיז, זָאלְסְטוּ אַסַאךְ לֶערְנֶען דִי שִׂיחוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין "חַיֵי מוֹהֲרַ"ן" אוּן אִין "שִׂיחוֹת הָרַ"ן", וָואס נָאר אוֹיף דֶעם קֶען מֶען זִיךְ פַארְלָאזְן, אַז וואוּל אִיז דֶער וָואס עֶר קֶען דִי צְוֵויי סְפָרִים אוֹיסֶעוֶונֵייניג אוֹיפְ'ן לָשׁוֹן, אִים וֶועט מֶען שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען פַארְפִירְן.

**אִיךְ וואוּנְטְשׁ דִיךְ אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן**

# יח

**בְּעֶזְרַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר בְּשַׁלַח י"א שְׁבָט ה'תש"ע**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט צוּ הֶערְן אַז אַלֶעס אִיז בְּסֵדֶר בַּיי דִיר,

זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דִיר הֶעלְפְן עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין שִׂמְחָה בַּיי עֶנְק אִין שְׁטוּב.

**דֶער** עִיקֶר אִיז דוּ זָאלְסְט זִיךְ אַיינְקוֹיפְן בַּיי דִיר דִי מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת, מֶען דַארְף זַיין אַ גֶעוַואלְדִיגֶער סַבְלָן אִין שְׁטוּב, אַזוֹי וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (מִדְרָשׁ תְּהִילִים קא) צָרִיךְ אָדָם לִהְיוֹת עָלוּב בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ; מֶען מוּז נִישְׁט שְׁטֶענְדִיג עֶנְטְפֶערְן וֶוען עֶס מַאכְט זִיךְ עֶפֶּעס אַ וִויכּוּחַ צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ וְכוּ', מֶען דַארְף זַיין אַ וַותְּרָן, מֶען מוּז נִישְׁט זַיין שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעכְט וְכוּ'. אַ פָּארְפָאלְק וָואס זֵיי לֶעבְן אַזוֹי אֵיינֶער אִיז מְוַותֵּר פַארְן צְוֵוייטְן, דֶער פָּארְפָאלְק וֶועט לֶעבְן אַ זִיס לֶעבְן. אוֹיךְ דַארְף מֶען נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן בַּיי יֶעדֶע נַארִישְׁקַייט דִי עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְן זִיךְ אַזוֹי מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען בַּיי בֵּיידֶע צְדָדִים חֲתוּנָה צוּ מַאכְן דֶעם פָּארְפָאלְק, פַארְוָואס דַארְף מֶען זֵיי מְצַעֵר זַיין אוּן מִיט יֶעדֶע נַארִישְׁקַייט לוֹיפְן אוּן אַרַיינְמִישְׁן דִי עֶלְטֶערְן?

**אֶפְשָׁר** אִיז דָאס דִי פְּשַׁט פוּן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ב) "עַל כֵּן יַעֲזוֹב אִישׁ אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ וְדָבַק בְּאִשְׁתּוֹ וְהָיוּ לְבָשָׂר אֶחָד" אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אָפְּלָאזְן זַיין טַאטְן אוּן זַיין מַאמֶען אוּן זַיין נָאר מִיט דִי וַוייבּ, וָואס לִכְאוֹרָה אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער: וִוי קֶען מֶען זָאגְן אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן זַיין טַאטְן אוּן מַאמֶען? וָוארוּם דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מִצְוָה, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (פְּסִיקְתָּא רַבָּתִי) חֲמוּרָה שֶׁבַּחֲמוּרוֹת כַּבֵּד אֶת אָבִיךְ וְאֶת אִמֶּךָ, דִי הַארְבְּסְטֶע מִצְוָה אִיז כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

**אוֹיךְ** זָאגְן דִי חַזַ"ל (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה פָּרָשָׁה כז) כָּל הָעוֹלָם כּוּלוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ מִן הָאָדָם רַק שֶׁיְּכַבֵּד אָב וָאֵם. - אִיז וִוי קֶען שְׁטֵיין "אַ מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן זַיין טַאטְן אוּן מַאמֶען"? נָאר קֶען זַיין, דָאס דִי מֵיינוּנְג פוּן פָּסוּק אִיז "עַל כֵּן יַעֲזוֹב אִישׁ אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ" אַ מַאן דַארְף אָפְּלָאזְן טַאטְן אוּן מַאמֶען, אוּן זֵיי נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן וִויכּוּחִים וָואס מַאכְט זִיךְ אִין אַ שְׁטוּב, נָאר "וְדָבַק בְּאִשְׁתּוֹ וְהָיוּ לְבָשָׂר אֶחָד" עֶר זָאל זֶען אַז דֶער פְּרָאבְּלֶעם זָאל גֶעלֶעזְט וֶוערְן צְוִוישְׁן דָאס פָּארְפָאלְק אַלֵיין, נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן טַאטְן אוּן מַאמֶען פוּן בֵּיידֶע צְדָדִים, וָואס דָאס אִיז "עַל כֵּן יַעֲזוֹב" דָאס הֵייסְט לָאז אָפּ טַאטֶע אוּן מַאמֶען, אוּן דוּ מִיט דַיין וַוייבּ מִישְׁט נִישְׁט אַרַיין דִי עֶלְטֶערְן אִין עֶנְקֶער פְּרָאבְּלֶעם, וָואס דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶטְץ בְּאֶמֶת טוּן אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, נִישְׁט מְצַעֵר זַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע אַז עֶנְק קְרִיגְן זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם. שְׁטֶענְדִיג דַארְף מֶען זֶען נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן עֶלְטֶערְן, אוּן דֶעמָאלְטְס אַזַא פָּארְפָאלְק הָאט גְרוֹיס הַצְלָחָה. אוּן אִיךְ מֵיין אַז דֶער פְּשַׁט אִיז אַן אֶמֶת, וַוייל מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן עֶלְטֶערְן בַּיי אַ יוּנְג פָּארְפָאלְק, וָואס דָאס אִיז גוֹרֵם צוּ שְׁטֶערְן דֶעם שָׁלוֹם בַּיִת. זַיינֶע עֶלְטֶערְן הֶעצְן אִים קֶעגְן זַיין וַוייבּ, אוּן אִירֶע עֶלְטֶערְן הֶעצְן אִיר אַקֶעגְן אִיר מַאן. אוּן וָואס פֶעלְט דָאס אוֹיס?

**אִיבֶּערְדֶעם** זֶעט בֵּיידֶע צוּ לֶעבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן, אוּן אִיר זָאלְט זֶען אַדוּרְךְ צוּ קוּמֶען צְוִוישְׁן עֶנְק, אוּן

קֵיינְמָאל נִישְׁט מִתְוַוכֵּחַ זַיין, וֶועט דִי שְׁכִינָה רוּעֶן אִין עֶנְקֶער שְׁטוּב. וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה כ.) אִישׁ וְאִשָּׁה זָכוּ שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶם; אִין אַ פְּלַאץ וָואס דִי שְׁכִינָה רוּט פֶּעלְט שׁוֹין דָארְטְן גָארְנִישְׁט.

זֶע זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ מִיט דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער, וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן. בִּכְלַל דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען לֶעבְּן אַ רוּהִיג לֶעבְּן, אַ זִיס לֶעבְּן, אַ גֶעבֶּענְטְשְׁט לֶעבְּן וְכוּ' וְכוּ', וָואס צוּ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה נָאר אַז מֶען אִיז אַ וַותְּרָן, מֶען גֶעבְּט נָאךְ. אוּן צוּ צוּקוּמֶען צוּ דֶעם אִיז נָאר דוּרְךְ לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין אִין כַּעַס, אוּן גָארְנִישְׁט וֶועט אִים דֶערֶעְרְווִירְן, אַזַא מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן. אַז וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר קוּמְט צוּ אַ מַדְרֵיגָה אַז עֶס אַרְט אִים גָארְנִישְׁט, עֶר גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער אִינְגַאנְצֶען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

דֶער עִיקָר זֶע זִיךְ אַריינְצוּלֵייגְן אִין דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, אוּן דוּ זָאלְסְט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיט דִי תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אוּן זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן אַסַאךְ דַפִּים גְמָרָא, אוּן אַסַאךְ סִימָנִים שׁוּלְחָן עָרוּךְ, דָאס אִיז דַיין חַיוּת אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן דָאס וֶועט זַיין דַיין חַיוּת אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט פָּאפְּן אוּן

נאָרְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, און עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילֶעךְ און מַאכְט פְרֵיילֶעךְ זַיין וַוייבּ, ווי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו') אִשָּׁה בַּעֲלָה מְשַׂמְּחָהּ; אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֶעבְּן יֶעדְן טָאג צְדָקָה פַאר יֶעדֶע תְּפִלָּה, שַׁחֲרִית, מִנְחָה, מַעֲרִיב, פַאר צִדְקַת רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִסִּים.

**אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ דִירְ אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן**

## יט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר כִּי תָבֹא לְאוּמַאן י"ד אֱלוּל ה'תש"ע

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צַייט פוּן רוֹב טִרְדוֹת בְּעֵסֶק הָרַבִּים, דֶערְפַאר קֶען אִיךְ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן אוֹיף יֶעדְן בְּרִיוו, כָאטְשׁ יֶעדְן טָאג קוּמֶען אָן צֶענְדְלִיגֶער בְּרִיוו און אַ שִׁיעוּר פַּאקְסְן, אָבֶער וֶוער קֶען עֶנְטְפֶערְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם?

דוּ הָאסְט דָאךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, זֶע צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ "שִׂיחוֹת הָרַ"ן" און "חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן" און דָאס אִיז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס שִׂיחוֹת וָואס זַיין תַּלְמִיד מוֹהֲרְנַ"ת זַ"ל הָאט אָנְגֶעצֵייכֶענְט און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי ווִי אִיךְ וֵויים וָואס הֵייסְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיבֶער

דֶעם אִיז גוּט אַז אַ נַייעֶר מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּין זָאל אַסַאךְ טוּן אִין דִי צְוֵויי סְפָרִים, אוּן מְקַיֵים זַיין יֶעדֶע שִׂיחָה בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, דֶעמָאלְטְס וֶועסְטוּ זַיין אַן אֶמֶת'עֶר בְּרֶסְלְבֶער חָסִיד, לָאז זִיךְ נִישְׁט פַארְפִירְן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, וֶוער עֶס וִויל זַיין אַן אֶמֶת'עֶר תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, דַארְף אַסַאךְ טוּן אִין דִי צְוֵויי סְפָרִים.

**דֶער** עִיקָר אִיז זָאלְסְט זִיךְ מְחַזֵק זַיין, אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דִי מִצְווֹת וָואס דוּ בִּיסְט מְקַיֵים יֶעדְן טָאג, וָוארוּם אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א') כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו; וֶוען אַ אִיד אִיז מְקַיֵים אַ מִצְוָה בְּשִׂמְחָה דָאס וַוייזְט אַז עֶר מֵיינְט דָאס עֶרְענְסְט אוּן זַיין הַארְץ אִיז רֵיין פוּן קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אִין אֱמוּנָה הַקְדוֹשָׁה, וָוארוּם קִיוּם מִצְווֹת מַעֲשִׂיוֹת בְּשִׂמְחָה דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, אוּן דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי חַיִים וִויטַאל זַ"ל אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ שִׂמְחַת הַמִצְווֹת, וֶוען עֶר הָאט מְקַיֵים גֶעוֶוען אַ מִצְוָה אִיז עֶר גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ דָאס אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואלְט גֶעוִוינֶען כָּל הוֹן דְעַלְמָא אַלֶע גֶעלְטֶער אִין דֶער וֶועלְט קוּמְט נִישְׁט צוּ דִי שִׂמְחָה וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט וֶוען עֶר הָאט מְקַיֵים גֶעוֶוען אַ מִצְוָה.

**דֶערְפַאר** אוֹיב דוּ וִוילְסְט זַיין נָאנְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, זָאלְסְטוּ נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם בַּיי אִים שְׁטֵייט (דִבְרֵי הַיָמִים א', ט"ז) "עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ", אוּן דָאס אִיז אַ סִימָן

וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין אַרוֹיס פוּן זַיינֶע קְלִיפּוֹת וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן מִיט זַיין זִינְד, וֶוען עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט חַס וְשָׁלוֹם לִיגְט עֶר אִין אַ גְרוֹיסֶע בְּלָאטֶע, וָואס דָאס מֵיינְט עֶר אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַסַאךְ קְלִיפּוֹת, עֶר אִיז פוּל מִיט מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת, פוּל מִיט שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג טְרוֹיעֶרִיג, אוּן הָאט שְׁטֶענְדִיג מוֹרָא פוּן אַן אַנְדֶערְן, אוּן שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְט עֶר וָואס יֶענֶער וֶועט זָאגְן, וְכוּ', אוּן וָואס דֶער וֶועט זָאגְן, וְכוּ', אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר צֶעמִישְׁט וְכוּ', אָבֶער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ הָאט עֶר פַארְבְּרֶענְט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, אוּן עֶר זֶעט נָאר גוּטְס, אוּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן וֶוערְט אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ, אִיבֶּער דֶעם זָאלְסְטוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, אֲפִילוּ עֶס קוּמְט דִיךְ אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער.

אוּן שְׁטֶענְדִיג זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוּן אוֹיפְגֶעלֵייגְט, אוּן אִיךְ זָאל נִישְׁט דַאֲגָה'ן קַיין שׁוּם פְרֶעמְדֶע דַאֲגוֹת, אִיךְ זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה אִין דִיר דָאס דוּ בִּיסְט דָא מִיט מִיר, אוּן אִיךְ זָאל זַיין שְׁטַארְק מִיט בִּטָחוֹן אַז דוּ וֶועסְט מִיר נִישְׁט פַארְלָאזְן, אֲפִילוּ אִיךְ מַאךְ מִיט יֶעצְט שְׁוֶוערֶע צַייטְן, אִיךְ בֶּעט דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם טַעֲנָה אוֹיף קַיין בְּרִיָה אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג דִיר הָאבְּן פַאר דִי אוֹיגְן, אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין מְקַיֵים זַיין אַלֶע מִצְווֹת מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, אוּן אִיךְ זָאל דַאוֶוענֶען מִיט מְנֶין אַלֶע דְרֵיי

תְּפִילּוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דַיין תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה יֶעדְן טָאג, חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י, אוּן מִשְׁנַיּוֹת, אוּן גְּמָרָא, אוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן זָאלְסְט מִיר עֶפֶּענֶען דֶעם מוֹחַ אִיךְ זָאל פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס אִיךְ לֶערְן, אִיךְ בֶּעט דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ זָאל זַיין שְׁטֶענְדִיג אַ צֶעפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ אוּן אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע אִידְן, אוּן בִּזְכוּת דֶעם וֶועל אִיךְ פַארְעֶכְטְן אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ קַאלְיֶע גֶעמַאכְט דוּרְךְ מַיינֶע שְׁוֶוערֶע זִינְד, אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלְצְדִינְג וָוארוּם אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעמֵיינְט דִיךְ דֶערְצֶערְנֶען, אִיךְ זָאג דִיר צוּ אִיךְ וֶועל שׁוֹין נִישְׁט טוּן דִי אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט, אוּן אִיךְ וֶועל זִיךְ שׁוֹין נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן דוּ וֶועסְט פוּן מִיר הָאבְּן גְרוֹיס נַחַת, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם, אָמֵן סֶלָה.

גְלֵייבּ מִיר אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אַזוֹי מִתְפַּלֵּל זַיין יֶעדְן טָאג וֶועסְטוּ זַיין אַן אַנְדֶער מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן, וָוארוּם דֶער עִיקָר אִיז תְּפִלָּה בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת רֶעדְן צוּ אִים, וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנְחוּמָא וַיֵּרָא) אָמַר לָהֶן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְיִשְׂרָאֵל הֱווּ זְהִירִין בִּתְפִלָּה שֶׁאֵין מִדָּה אַחֶרֶת יָפָה הֵימֶנָּה וְהִיא גְּדוֹלָה מִכָּל הַקָּרְבָּנוֹת וְכוּ' וַאֲפִילוּ אֵין אָדָם כְּדַאי לֵעָנוֹת בִּתְפִלָּתוֹ וְלַעֲשׂוֹת חֶסֶד עִמּוֹ כֵּיוָן שֶׁמִּתְפַּלֵּל וּמַרְבֶּה בְּתַחֲנוּנִים אֲנִי עוֹשֶׂה חֶסֶד עִמּוֹ; אַז וואויל אִיז דֶעם וָואס אִיז מְקַיֵּים

דָאס אַלֶעס, וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**גֶעבֶּענְטְשְׁט זָאלְסְטוּ זַיין מִיט אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה**

# כ

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם חֲמִישִׁי לְסֵדֶר כִּי תָבֹא ט"ז אֱלוּל ה'תש"ע

## שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דַיין בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן עֶס הָאט מִיךְ זֵייעֶר דֶערְפְרֵייט אַז דוּ וֶועסְט אוֹיךְ פָאהְרְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, ווארוּם אִיז דִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ת"ה) דָאס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָוארוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער יוֹם הַדִּין, דֶעמָאלְט מִשְׁפָּט מֶען יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס וֶועט זַיין מִיט אִים אַ גַאנְץ יָאר, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בֵּיצָה ט"ז) כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִין לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה; רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ דֶעם בּוּדְזְשֶׁעט אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ וָואס וֶועט פַּאסִירְן מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ אַ גַאנְץ יָאר, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט אִין דִי תְּפִלָּה פוּן "וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף" בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן, וּבְיוֹם צוֹם כִּפּוּר יֵחָתֵמוּן. כַּמָּה יַעַבְרוּן וְכַמָּה יִבָּרֵאוּן, מִי יִחְיֶה, וּמִי יָמוּת, מִי בְקִצּוֹ, וּמִי לֹא בְקִצּוֹ, מִי בַמַּיִם, וּמִי בָאֵשׁ, מִי בַחֶרֶב, וּמִי

בַּחַיָּה, מִי בָרָעָב, וּמִי בַצָּמָא, מִי בָרַעַשׁ, וּמִי בַמַּגֵּפָה, מִי בַחֲנִיקָה וּמִי בַסְּקִילָה, מִי יָנוּחַ, וּמִי יָנוּעַ, מִי יִשָּׁקֵט וּמִי יִטָּרֵף, מִי יִשָּׁלֵו, וּמִי יִתְיַסָּר, מִי יֵעָנִי, וּמִי יֵעָשֵׁר, מִי יִשָּׁפֵל, וּמִי יָרוּם;

**אוּן** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תס"ז) וְויפִיל צָרוֹת אוּן גְזֵירוֹת וָואס עֶס וֶוערְט נִגְזָר אוֹיף דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיסֶער דִי אַלֶע גְזֵירוֹת וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיסְגֶערֶעכְנְט, וִוי דֶער נוּסַח גֵייט, אַז דֶער חַזָן זִינְגְט וּמִי וּמִי וּמִי וְכוּ', אָן וֶוערְטֶער, אוּן דָארְטְן אִיז מְרוּמָז נֶעבֶּעךְ אַלֶע גְזֵירוֹת וָואס עֶס אִיז אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיבֶּער דֶעם דַארְף מֶען פָארְן צוּם צַדִיק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער אַדְוָואקַאט, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַארְן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, וּבִפְרַט פַאר דִי אַלֶע וָואס זֵיי קוּמֶען צוּ אִים, אוּן מֶען זֶעט בִּמְצִיאוּת וֶוען סְ'אִיז נִגְזָר גֶעוָוארְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ עֶפֶּעס אַ גְזֵירָה וְכוּ', בִּפְרַט גְזֵירַת מָוֶות, לֹא עָלֵינוּ, זוּכְט עֶר דֶעם גְרֶעסְטְן אַדְוָואקַאט אוֹיף דֶער וֶועלְט עֶר זָאל אִים פַארְטֵיידִיגְן, אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, עֶר פַארְקוֹיפְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט, אַבִּי דֶער גְרוֹיסֶער אַדְוָואקַאט זָאל אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי בִּיטֶערֶע גְזֵירָה, וְכוּ', פַארְוָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט הָאבְּן קַיין שֵׂכֶל, אוּן עֶר זָאל זִיךְ גוּט בַּאטְרַאכְטְן אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער יוֹם הַדִין, דֶעמָאלְטְס אִיז מֶען דַן יֶעדְן מֶענְטְשׁ, פַארְוָואס זָאל עֶר נִישְׁט גֵיין צוּ אַ גְרוֹיסְן אַדְוָואקַאט וָואס זָאל אִים פַארְטֵיידִיגְן? וָואס דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט

מֵיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז הֶעכֶער וִוי אַלְסְדִינְג, אוּן עֶס אִיז בַּיי מִיר אַ וואוּנְדֶער מַיינֶע מֶענְטְשְׁן גְלֵייבְּן דָאךְ אִין מִיר, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט נִזְהָר זַיין צוּ קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? קֵיינֶער זָאל נִישְׁט פֶעלְן, וַוייל מַיין גַאנְצֶע עִנְיָן אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מֶעג זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, דֶערְפַאר פְרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ הָאסְט בַּאשְׁלָאסְן אַז דוּ וֶועסְט פָארְן הַיי יָאר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן. (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן ת"ג)

דֶער צַדִיק אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן רַייסְט אַיין וֶועלְטְן פַאר כְּלַל נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר אִיז מְבַטֵל אַלֶע גְזֵירוֹת רָעוֹת אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע אוּן שְׁוֶוערֶע דִינִים, אִיבֶּער דֶעם וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קוּמְט צוּם צַדִיק אוּן בַּאוַוייזְט זִיךְ צוּ אִים אוּן טוּט דָארְטְן תְּשׁוּבָה, אוּן גִיסְט טַייכְן טְרֶערְן, אוּן זָאגְט "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אַהֶער צוּ דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב זי"ע וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אָט בִּין אִיךְ דָא בַּיי אִים, אִיךְ הָאבּ צוּבְּרָאכְן אַלֶע שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת אוּן צוּרִיקְהַאלְטוּנְגֶען וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף גָארְנִישְׁט אוּן אִיךְ בִּין דָא, דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, אוּן שְׁרַייבּ מִיר אָן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אִיךְ זָאל הָאבְּן גֶעזוּנְט אוּן פַּרְנָסָה אוּן נַחַת, אוּן בַּאהִיט זָאל אִיךְ וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְן, וְכוּ', וְכוּ'".

**נָאר** אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין קַיין שׁוּם וִויכּוּחִים מִיט קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ מֶען וֶועט שְׁפֶּעטְן פוּן דִיר, אָדֶער מֶען וֶועט רֶעדְן אוֹיף דִיר, מַאךְ זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג, הָאב אִינְזִינֶען דִי טוֹבָה פוּן דַיין נְשָׁמָה, אוּן פוּן דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר דֶערְפְרֵייעֶן אוּן זָאלְסְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶעם גוּטְן וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְן, נָאר זֵיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּ אִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, וָוארוּם יֶעדֶעס וָוארְט וָואס אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת אוּן עֶס מַאכְט אַ רַעַשׁ, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעוואוּסְט וָואס וֶוערְט אִין הִימְל בִּשְׁעַת עֶר שְׁטֵייט אוּן בֶּעט פַאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואלְט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט מִתְפַּלֵל זַיין.

**אוֹיךְ** גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, מִשְׁנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָ"ה, אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אִיז עֶר מְזַכֵּךְ זַיין נְשָׁמָה, אוּן דִי חַזַ"ל זָאגְן אַז עֶר אִיז מְקָרֵב דִי גְאוּלָה דוּרְכְן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין מֶדְרָשׁ (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ז' סִימָן ג') אֵין כָּל הַגָּלִיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְן אַ תִּיקוּן פַאר עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן זֵיי זָאלְן זָאגְן יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפ"ה); אַז וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס קֶען יֶעדְן טָאג עֶנְדִיגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת,

וָואס דָאס אִיז מְזַכֵּךְ דֶעם נְשָׁמָה, אוּן ס'בְּרֶענְגְט אִים נֶענְטֶער צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט זֵייעֶר אַסַאךְ צַדִיקִים זֵיי הָאבְּן יֶעדְן טָאג גֶעזָאגְט אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "לִיקוּטֵי תוֹרָה" (הַדְרָכָה ו') פוּן דֶעם גְרוֹיסְן מַגִיד רֶבִּי מָרְדְכַי מִטְשֶׁערְנָאבְּל זי"ע "תֹּאמַר חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת בְּכָל יוֹם בְּלִי פֵּירוּשׁ, כְּדֵי שֶׁתִּגְמוֹר בְּכָל חוֹדֶשׁ כָּל הַשִּׁשָּׁה סְדָרִים כֵּן תִּנְהוֹג כָּל יְמֵי חַיֶּיךָ"; (זָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג אָן אַ פֵּירוּשׁ כְּדֵי דוּ זָאלְסְט קֶענֶען עֶנְדִיגְן יֶעדְן חוֹדֶשׁ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנֶה, אַזוֹי זָאלְסְטוּ זִיךְ פִירְן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן).

אוּן דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי זְכַרְיָה מֶענְדְל מִיֶערִיסְלוֹב זי"ע בְּרֶענְגְט אִין זַיין סֵפֶר "דַרְכֵי צֶדֶק" (אות י"ט) אִין נָאמֶען פוּן זַיין גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זי"ע אַז עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, עַיֵּין שָׁם. אִיבֶּער דֶעם זַאי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, אוּן זָאג יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן קֵיינֶער זָאל דִיךְ נִישְׁט זָאגְן קַיין דֵיעוֹת, וֶועט דִיר גוּט זַיין שְׁטֶענְדִיג.

**אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ דִיר אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**
**אוּן דוּ זָאלְסְט אוֹיפְגֶעבְּרָאכְטְן וֶוערְן מִיט אַלֶעם גוּטְן**

# כא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם חֲמִישִׁי לְסֵדֶר כִּי תָבֹא לְאוּמַאן ט"ז אֱלוּל ה'תש"ע

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל הַיָּנִיק וְחַכִּים ... נֵרוֹ יָאִיר

דַיין בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, דוּ הָאסְט זִיךְ גֶענוּמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין אוּן בִּיסְט אַנְטְלָאפְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער יְסוֹד אִין אִידִישְׁקַייט אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט מְחַבֵּר זַיין מִיט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים אוּן מִיט שְׁלֶעכְטֶע שְׁכֵנִים, וָוארוּם אַזוֹי זָאגְן דִי חֲזַ"ל (סוֹטָה ז.) הַרְבֵּה שְׁכֵנִים רָעִים עוֹשִׂים, אַז מֶען אִיז נָאנְט צוּ אַ שָׁכֵן רָע פַארְדָארְבֶּעְנֶע מֶענְטְשְׁן, וֶוערְט מֶען מִיטְגֶעכַאפְּט מִיט זֵיי.

**ווִידֶערְאוּם** זָאגְן דִי חֲזַ"ל (בַּמִּדְבָּר רַבָּה פָּרָשָׁה י"ח סִימָן ה') דָתָן וַאֲבִירָם שֶׁהָיוּ שְׁכֵנִים לְקֹרַח בַּעַל מַחְלוֹקֶת לָקוּ עִמּוֹ וְאָבְדוּ מִן הָעוֹלָם; דִי צְוֵויי רְשָׁעִים דָתָן אוּן אֲבִירָם וָואס זֵיי הָאבְּן דֶערְצֶערֶענְט אַלֶע יָארְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען נָאנְט צוּ קֹרַח זֶענֶען זֵיי אוֹיסְגֶעְרִיסְן גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶועלְט, ווִידֶערוּם זָאגְן דִי חֲזַ"ל (תַּנְחוּמָא בַּמִּדְבָּר) אַשְׁרֵי לַצַּדִיק וְאַשְׁרֵי לִשְׁכֵנָיו אֵלּוּ שְׁלֹשֶׁת הַשְּׁבָטִים שֶׁהָיוּ סְמוּכִים לְמֹשֶׁה וְאַהֲרֹן נַעֲשׂוּ גְדוֹלִים בַּתּוֹרָה; דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען נָאנְט צוּ מֹשֶׁה אוּן אַהֲרֹן זֵיי הָאבְּן זִיךְ מְחַבֵּר גֶעוֶוען צוּ זֵיי זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן גְדוֹלִים בַּתּוֹרָה, זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַלֶעס אִיז תָּלוּי אִין אַ גוּטֶע חָבֵר, וַוייל אַז מֶען הָאט אַ גוּטֶע חָבֵר וֶועט עֶר מִיר צִיעֶן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, חָלִילָה

וְחַס אַז מֶען גֵייט מִיט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים צִיט עֶר מִיךְ אַרָאפּ צוּם שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו.

**אִיבֶּערְדֶעם** בִּין אִיךְ זֵייעֶר צֶעפְרִידְן אַז דוּ הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, אוּן דוּ הָאסְט זִיךְ גֶענוּמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן לִימוּד מִשְׁנָיוֹת, וָוארוּם מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָה, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מִדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת) דָאס אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵיהִנֹּם אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת לָאזְט עֶר אִים נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין גֵיהִנֹּם עֶר זָאגְט זַיי 'דֶער מֶענְטְשׁ בַּאלַאנְגְט צוּ מִיר', אוּן דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א זַ"ל בְּרֶענְגְט (פְּנֵי דָוִד וַיְחִי) אַז דָאס אִיז מְרוּמָז אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט) "מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ" שְׁמֵנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת מִשְׁנָ"ה, אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב אִיז מְמוּנֶה אוֹיף דֶער וָואס עֶר לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** אוֹיב דוּ ווִילְסְט זִיךְ אַרוֹיסְרַייסְן פוּן דִי טוּמְאָה וָואס דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם, זָאלְסְטוּ זֶען צוּ זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת כְּסִדְרָן דַיְיקָא, אוּן זָאלְסְט עֶנְדִיגְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אַ מַסֶכֶת נָאךְ אַ מַסֶכֶת, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דַאן זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, וָוארוּם דִי חַזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מב.) בְּמִי אַתָּה מוֹצֵא מִלְחַמְתָּהּ שֶׁל תּוֹרָה? בְּמִי שֶׁיֵּשׁ בְּיָדוֹ חֲבִילוֹת

שֶׁל מִשְׁנָה; דֶער וָואס לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת דֶער אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּגֵיין טִיף טִיף אִין דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה; ווידֶערְאוּם זָאגְן דִי חַזַ"ל (בָּבָא מְצִיעָא לג.) וּלְעוֹלָם הֱוֵי רָץ לְמִשְׁנָה יוֹתֵר מִן גְּמָרָא; זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג לוֹיפְן צוּ דִי מִשְׁנָיוֹת מֶער ווִי צוּ דִי גְּמָרָא; וָוארוּם אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, עֶפְנְט זִיךְ אִים דֶער קָאפּ עֶר זָאל קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין נָאכְדֶעם דִי גְּמָרָא, אוּן אוֹיסֶערְדֶעם דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת אִיז מֶען מְקָרֵב דִי גְאוּלָה, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ז' סִימָן ג') אֵין כָּל הַגָּלְיוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת; אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, אֲפִילוּ דֶעם זָאגְן מִשְׁנָיוֹת אִיז מְטַהֵר אֶת הַנֶּפֶשׁ.

**אִיךְ** בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען אוֹיסְצוּרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן זָאלְסְטוּ נָאר בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דוּ וֶועסְט אַלֶעס בַּאקְרִיגְן, וַוייל בַּיי אִים אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב תְּפִלָּה וֶוען אַ אִיד גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר אִים מַאכְט עֶר אַ רַעַשׁ אִין אַלֶע הִימְלֶען, וּבִפְרַט וֶוען עֶר זָאגְט אוֹיס דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה אוֹיף זַיינֶע חֲטָאִים אוּן עֲווֹנוֹת, דָאס וֶוערְט זֵייעֶר נִתְקַבֵּל אִין הִימְל, אוּן דָאס בְּרֶעכְט דוּרְךְ אַלֶע חוֹמוֹת אוּן מוֹיעֶרְן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דוּרְךְ זַיינֶע זִינְד, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אוּן עֶר גִיסְט טְרֶערְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה זָאגְן דִי חַזַ"ל (תּוֹרַת כֹּהֲנִים בְּחֻקּוֹתַי) אוֹפְן פָּסוּק (וַיִּקְרָא כו) "וְהִתְוַדּוּ

אֶת עֲוֹנָם" מִיַּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים עַל עֲוֹנוֹתֵיהֶם אֲנִי מוֹחֵל לָהֶם; און די רַמְבַּ"ם פַּסְקֶ'נְט (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה הֲלָכָה א') דָאס עִיקָר הַתְּשׁוּבָה אִיז ווידוי דְּבָרִים, וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת הֲרֵי זֶה מְשׁוּבָּח; און די הֵיילִיגֶע רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') ווען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִשֵׁזְבָן, ווערְט די זִינְד אַריינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, און זֵיי זֶענֶען זִיךְ נוֹקֵם אִין אִים, און ווען דער מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה און עֶר זָאגְט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דָאס און דָאס און דָאס וְכוּ' וְכוּ', און עֶר רֶעדְט אַרוֹיס אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, גֵייעֶן אַרוֹיס אַלֶע עֲווֹנוֹת פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער און עֶר ווערְט פְּרֵיילִיךְ און עֶר שְׁפִּירְט אַז דער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוינֶען אוֹיסְצוּדֶערְצֵיילְן יֶעדֶע זַאךְ פַאְרן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און ווֶעסְטוּ זֶען ווִי דוּ ווֶעסְט ווערְן אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ.

דער עִיקָר זָאלְסְטוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ, מֶען טָאר נִישְׁט זַיין צוּגֶעלֵייגְט, דער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַ גוּטֶער, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קמ"ה) "טוֹב הֲוָיָ"ה לַכֹּל וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו" דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים ווִיל נָאר אַז מִיר זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, גְלַייךְ ווען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה זָאל עֶר זַיין פְּרֵיילִיךְ, ווַייל בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז תְּשׁוּבָה זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב, אִיבֶּער דֶעם שְׁטַארְק זִיךְ און הֵייבּ אָן אַ נֵייעֶ ווֶעג אִין לֶעבְּן, זָאלְסְט זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין אַ יֶעדְן טָאג גֵיין אִין מִקְוֶה, ווָארוּם דער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט גֶעזָאגְט ווער עֶס ווֶעט מַקְפִּיד זַיין צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה פַאְרן בּוֹרֵא כָּל

עוֹלָמִים'ס װעגן, ער איז מוּבְטָח אַז ער װעט קענען אַלעס פַּארְרעכְטְן, וָוארוּם װען אַ מענטש טוֹבְל'ט זיך דָא אוּנְטְן טוֹבְל'ט זיך זַיין נְשָׁמָה אוֹיבְן, אִיבֶּערְדֶעם אִיז מִקְוֶה זייער זייער אַ גְרוֹיסֶע זַאך, ס'אִיז מְטַהֵר דֶעם נֶפֶשׁ פוּן אַלֶע מִינֵי שְׁמוּץ וָואס הָאט זיך צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים דוּרְך זַיינֶע זִינְד, וְכוּ', וְכוּ', אוּן זָאלְסְט זֶען דַאוָוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן דַיְיקָא, װי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) אֵימָתַי עֵת רָצוֹן? בְּשָׁעָה שֶׁהַצִּבּוּר מִתְפַּלְּלִין; אוּן זָאלְסְט דַאוָוענֶען אִינֶעוֵוייניג אִין סִידוּר, נִישְׁט אַרוֹיסְקוּקְן פוּן אָנְפַאנְג דַאוָוענֶען בִּיזְ'ן סוֹף וָוארְט בַּיי וָוארְט, װעסְטוּ זֶען װי דִי שְׁכִינָה װעט אוֹיף דִיר רוּעֶן, וָוארוּם װער עֶס אִיז נִזְהָר דַאוָוענֶען מִיט מִנְיָן, אוּן דַאוָוענְט אִין סִידוּר אוּן אִיז מְכַוֵּון פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת דֶעמָאלְטְס רוּט אוֹיף אִים דִי שְׁכִינָה.

**דֶער** הֵיילִיגֶער שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזֶא זי"ע הָאט גֶעזָאגְט, אוֹיבּ אַ אִיד בִּינְדְט צוּ זַיין מַחְשָׁבָה צוּם דִיבּוּר פוּן אָנְפַאנְג דַאוָוענֶען בִּיזְ'ן סוֹף אוּן ער הָאט אִינְזִינֶען וָואס ער זָאגְט, װעט ער זוֹכֶה זַיין צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, עֶס װעט אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף אִים אַ לֶעבְּעדִיגֶער גֵייסְט, דֶער מֹחַ זַיינֶע װעט זַיין רֵיין אוּן לוֹיטֶער, אוּן ער װעט שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיך.

**אִיבֶּער** דֶעם בֶּעט אִיך דִיר זייער, זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקוֹרָב צוּ װערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זָאלְסְטוּ זיך זייער פְרֵייעֶן, בִּפְרַט אַז דוּ קוּמְסְט יֶעצְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, דַארְפְסְטוּ גָאר גָאר

פְרֵיילִיךְ זַיין, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תח) וֶוער ס'אִיז בַּיי אִים גֶעוֶועזְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מֶעג זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר; גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז מִיר ווייסְן פוּן אַזַא רֶבִּי'ן אוּן דֶער עִיקָר הִתְקַרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיז צוּ לֶערְנֶען זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** גֶעבּ אִיךְ דִיר אַן עֵצָה דוּ זָאלְסְט אַסַאךְ מְעַיֵּין זַיין דוּרְכְקוּקְן דִי "שִׂיחוֹת הָרַ"ן", אוּן "חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן", וָואס דָאס אִיז דִי צְווֵיי סְפָרִים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס שִׂיחוֹת, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דוּרְךְ יֶעדֶע שִׂיחָה קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי ווִי אִיךְ ווייס וָואס הֵייסְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיבֶּערְדֶעם זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא מַחְלוֹקֶת אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ה') אַז אוֹיבּ זֶעט מֶען מַחְלוֹקֶת אוֹיף צַדִּיקִים דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דָאס אִיז פַאר אוּנְז, מִיר זֶענֶען אַזוֹי פָּגוּם אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט רָאוּי צוּ זַיין מְקוֹרָב צוּ אַזַא גְרוֹיסְן אוּן הֵיילִיגְן צַדִּיק, ווייל מֶען אוּנְז אַוֶועקְטְרַייבְּן, מוּז מֶען הֶערְן מַחְלוֹקֶת אוֹיף דֶעם צַדִּיק, אוּן אוֹיבּ הָאבְּן מִיר שֵׂכֶל וֶועלְן מִיר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי אַלֶע וָואס זֵיי רֶעדְן, אָבֶּער אוֹיבּ הָאבְּן מִיר נִישְׁט שֵׂכֶל וֶועלְן מִיר אַוֶועק גֵיין, אִיבֶּערְדֶעם זֶע וָואס אִיז פַאר דִיר, אַז מֶען רֶעדְט אוֹיף אַן עֶרְלִיכְן אִיד זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי רְשָׁעִים וָואס זַיי רֶעדְן אוֹיף אַן עֶרְלִיכְן אִיד, וָוארוּם וָואס קֶענֶען דִיר דִי רְשָׁעִים גֶעבְּן? אוּן

וָואס גֶעבְּן זַיי דִיר? אָבֶּער פוּן דֶעם עֶרְלִיכְן איד בִּיסְטוּ דָאךְ מְקַבֵּל אַזוֹיפִיל חַיוּת, עֶר וֵוייסְט וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן עֶר שַׁיינְט אִין דִיר אַרַיין אַז דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן דוּ זָאלְסְט זַיין אַן עֶרְלִיךְ אִידִישׁ קִינְד, זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶעם דוֹר, בַּיי אִים זָאלְסְטוּ בְּלַייבְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**
**אוּן זָאלְסְט מִיךְ מְבַשֵּׂר זַיין בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת**

## כב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם חֲמִישִׁי לְסֵדֶר כִּי תָבֹא ט״ז אֱלוּל ה׳תש״ע

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ גֶעזֶען דֶעם שַׁעַר וָואס דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט, אוֹיפְן סֵפֶר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר שֵׁיין. וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג דַיין גְרוֹיסֶע זְכוּת וָואס דוּ דְרִיקְסְט אֵיין חֵלֶק "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" נָאכְן אַנְדֶערְן, וָוארוּם דִי אַלֶע בְּרִיוו זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן מִיט גְרוֹיס מְסִירוּת נֶפֶשׁ וָואס לֵיידֶער אִיז מֵיין צַייט צוּגֶענוּמֶען בְּעֵסֶק הָרַבִּים, אוּן אִיךְ מוּז זִיךְ מִיט גֶעוַואלְד אַרוֹיסְכַאפְּן שְׁרַייבְּן צוּ בָּחוּרִים אוּן יוּנְגֶעלַייט וְכוּ׳, וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער בֶּעט הִתְחַזְקוּת, וָוארוּם בְּזֶה הָעוֹלָם גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם צָרוֹת וְיִסוּרִים וְכוּ׳, בִּזְיוֹנוֹת וּשְׁפִיכוּת דָמִים, חֲלִישׁוּת הַדַעַת אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ וְכוּ׳, עֶס אִיז שְׁוֶוער פַאר אַ בָּחוּר צוּ זַיין אַלֵיין וְכוּ׳, עֶס אִיז שְׁוֶוער פַאר אַ יוּנְגֶערְמַאן אָן

פַּרְנָסָה אָן שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ' וְכוּ', יֶעדֶער אֵיינֶער בְּזֶה הָעוֹלָם וֶוערְט גֶעפְּרוּאוְוט מִיט אַן אַנְדֶערְן פְּרוּאוואוּנְג וְכוּ', אוּן מֶען לָאזְט מִיךְ נִישְׁט אָפּ, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער בֶּעט אִיךְ זָאל זַיי שְׁרַייבְּן הִתְחַזְקוּת, אוּן פוּן דֶעם אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי אַלֶע חֲלָקִים "אֲשֶׁר בַּנַחַל".

**אִיבֶּערדֶעם** אַז מֶען דְרִיקְט דָאס אִיבֶּער אִיז עֶס אַ גֶעוַואלְדִיגֶער זְכוּת הָרַבִּים, וָוארוּם אַלֶע בָּחוּרִים אוּן אַלֶע יוּנְגֶעלַייט וָואס קוּקְן אִין דֶעם אַרַיין זָאגְן זֵיי אַז דָאס אִיז זַייעֶר גַאנְץ חַיוּת, אִיבֶּער דֶעם אִיז דַיין זְכוּת זַייעֶר זַייעֶר גְרוֹיס, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא פז.) כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ;

**אַ** מֶענְטְשׁ אַז עֶר זִינְדִיגְט חָלִילָה וְחַס בַּאשַׁאפְט עֶר קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים אַרוּם זִיךְ, אוּן זֵיי טוּעֶן אִים מְצַעֵר זַיין, אַזוֹי ווי דִי חֲזַ"ל זָאגְן, (מֶדְרָשׁ אַגָדָה) וְלָמָּה נִקְרָא קֶטֶב מְרִירִי? שֶׁמְמַרֵר חַיֵי הָאָדָם; אוֹיךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (תַּנְחוּמָא נָשֹׂא כג) אָמַר רַבִּי בֶּרֶכְיָה הַכֹּהֵן בְּרַבִּי יֵשׁ מַזִיק שֶׁהוּא פּוֹרֵחַ כְּעוֹף וְקוֹשֵׁשׁ כְּחֵץ, מִדֶבֶר בָּאוֹפֶל יַהֲלוֹךְ וּמִקֶטֶב יָשׁוּד צָהֳרָיִם זֶה קֶטֶב מְרִירִי שֶׁכָּל מִי שֶׁרוֹאֶה אוֹתוֹ אֵין לוֹ חַיִים בָּעוֹלָם בֵּין אָדָם בֵּין בְּהֵמָה בֵּין חַיָה; וָוארוּם דִי קְלִיפּוֹת פַארְבִּיטֶערְן אִים דֶעם לֶעבְּן אוּן וַוארְפְן אִים אַרַיין אִין מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן עַצְבוּת וְכוּ' וְכוּ', אוּן כָאטְשׁ מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וְכוּ' אִיז גוּט זִיךְ צוּ בַּאטְרַאכְטְן אוֹיף זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת וְכוּ'.

**אַ** איד דַארְף שְׁטֶענְדִיג אִינְזִינֶען הָאבְּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וְויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג שְׁפִּירְן ווי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא מִיט אִים, אוּן בִּפְרַט וֶוען עֶר דַאוֶוענְט זָאל עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג פָארְשְׁטֶעלְן דָאס דֶער בַּאשֶׁעפֶער שְׁטֵייט אוּן הֶערְט צוּ יֶעדֶעס תְּפִלָּה אוּן גֶעבֶּעט וָואס עֶר אִיז מִתְפַּלֵל אוּן בֶּעט פַאר אִים, דִי מִינוּט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ פַארְטְרַאכְט זִיךְ אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, אוּן טְרַאכְט אַנְדֶערֶע מַחְשָׁבוֹת אוּן גֶעדַאנְקֶען, דָאס זֶענֶען דִי קְלִיפּוֹת וָואס זֵיי פַארְשְׁטֶעלְן זַיין תְּפִלָּה, מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען עֶר הָאט חַס וְשָׁלוֹם שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת אוּן גֶעדַאנְקֶען, דָאס הֵייסְט עֶקְלְדִיגֶע גֶעדַאנְקֶען וְכוּ', דָאס זֶענֶען דִי קְלִיפּוֹת וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דוּרְךְ זַיינֶע עֲבֵירוֹת, מִיט דֶעם קֶען אַ מֶענְטְשׁ וויסְן ווי עֶר הַאלְט אִין דִי קְדוּשָׁה, אוֹיבּ עֶר הָאט אַ לוֹיטֶערֶע מַחְשָׁבָה אוּן שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְט עֶר נָאר פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז זַיין תְּשׁוּבָה אִיז אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן אוּן עֶר אִיז רֵיין פוּן דִי קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים וָואס אִיז אַרוּם אִים, אָבֶער אוֹיבּ עֶר הָאט שְׁמוּצִיגֶע גֶעדַאנְקֶען שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת הִרְהוּרִים רָעִים פוּן שְׁמוּץ וְכוּ' וְכוּ', דָאס זֶענֶען דִי קְלִיפּוֹת וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן.

**אִיבֶּער** דֶעם דַארְף יֶעדֶע אִיד אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל אָפְּטוּן פוּן אִים דִי קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים וָואס זֵיי פַּיינִיגְן אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק, ווי מִיר זֶעעֶן בְּחוּשׁ, דָאס רוֹב מֶענְטְשְׁן פַּיינִיגְן זִיךְ פוּן זִיךְ אַלֵיין, זֵיי פַאנְטַאזִירְן

אַלֶע סָארְט פַאנְטַאזְיֶעס וְכוּ', צוּם בַּיישְׁפִּיל דֶער רוֹדֶפְט מִיר וְכוּ', דֶער קוּקְט אוֹיף מִיר וְכוּ', דֶער רֶעדְט אוֹיף מִיר וְכוּ', דֶער גֵייט מִיר שְׁלֶעכְטְס טוּן וְכוּ', מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען עֶר פַאנְטַאזִירְט אַלֶע עֶרְלֵיי שְׁמוּץ עֶקְלְדִיגֶע גֶעדַאנְקֶען וְכוּ', דֶער מֶענְטְשׁ פַּיינִיגְט זִיךְ אַלֵיין, וָואס דָאס הֵייסְט קֶטֶב מְרִירִי, עֶר פַארְבִּיטֶערְט אִים דָאס לֶעבְּן, אוּן אוֹיף דֶעם זָאגְן דִי חַזַ"ל (יְרוּשַׁלְמִי שַׁבָּת פֶּרֶק י"ד הֲלָכָה ג') אוֹיפְן פָּסוּק (דְּבָרִים ז) "וְהֵסִיר הֲוָיָ"ה מִמְּךָ כָּל חוֹלִי" הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וֶועט אָפְּטוּן פוּן דִיר אַלֶע קְרֶענְק" זוּ רַעְיוֹן, דָאס מֵיינְט מֶען דִי מַחְשָׁבָה, וָואס לוֹיפְט אַרוּם דֶעם מֶענְטְשְׁן אִין מֹחַ, דְּאָמַר רַבִּי אֱלִיעֶזֶר (שָׁם כ"ח) "וְנָתַן עוֹל בַּרְזֶל עַל צַוָּארֶךָ" זֶה רַעְיוֹן, דָאס הֵייסְט אַ מֶענְטְשׁ הָאט שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען וָואס זֵיי רוֹדְפְן אִים, וָואס בֶּאֱמֶת קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִים קֵיינֶער רֶעדְט נִישְׁט פוּן אִים קֵיינֶער רוֹדֶפְט אִים נִישְׁט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹכָחָה (וַיִּקְרָא כו) "וְכָשְׁלוּ אִישׁ בְּאָחִיו כְּמִפְּנֵי חֶרֶב וְרוֹדֵף אָיִן וְלֹא תִהְיֶה לָכֶם תְּקוּמָה לִפְנֵי אֹיְבֵיכֶם" אֵיינֶער וֶוערְט גֶעשְׁטְרוֹיכְלְט אִין צְוֵוייטְן וְכוּ', וֶוען קֵיינֶער יָאגְט דִיךְ נִישְׁט, נָאר דוּ יָאגְסְט זִיךְ אַלֵיין, אוּן דָאס אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע קְלָלָה, אוּן דָאס קוּמְט פוּן דִי זִינְד וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט, בַּאשַׁאפְט עֶר קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים בַּאשַׁאפְט עֶר שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, אוּן זֵיי רוֹדְפְן אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק, וָואס דָאס אִיז וָואס מֶען זֶעט מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר נֶערְוֶועז וְכוּ', יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט דֶערְנֶעוְוירְט זֵיי, וְכוּ', זֵיי ווִילְן נִישְׁט זַיין מִיט גֶעזֶעלְשַׁאפְט, זִיצְן אָפְּגֶעזִינְדֶערְט פוּן מֶענְטְשְׁן וְכוּ', שֶׁעמֶען

זיך פון מֶענְטְשְׁן וְכוּ', און זֶענֶען זֵייעֶר זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג און דֶערְבִּיטֶערְט און דֶערְשְׁלָאגְן, וְכוּ', וְכוּ', דָאס אִיז דִי קְלִיפּוֹת וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן מִיט זַיינֶע זִינְד.

**אִיבֶּער** דֶעם דַארְף זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, און נִישְׁט צוּפַאלְן פון קַיין שׁוּם זַאךְ, נָאר שְׁטֶענְדִיג אַרַיינְלֵייגְן זִיךְ אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און ווִיסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶער בַּאשֶׁעפֶער, און עֶר פִירְט דָאס גַאנְצֶע וֶועלְט בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטֵי פְּרָטִיוּת, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (חוּלִין ז.) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְמַטָה אֶלָא אִם כֵּן מַכְרִיזִין מִלְמַעְלָה; אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט קַיין קְלַאפּ אִין קְלֵיין פִינְגֶערְל אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶערוּפְן קוֹדֶם אִין הִימְל, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין זַאךְ אִין פֶּערְצוּפַאל, אַלֶעס אִיז פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און אוֹיף דֶעם אִיז גֶעבּוֹיעֶט אַלֶע בְּרִיוו פון חֶלְקֵי "אֲשֶׁר בַּנַחַל".

**אִיבֶּער** דֶעם אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה אַז דוּ דְרִיקְסְט עֶס אִיבֶּער, און דוּ בִּיסְט מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, וֶועט קֵיינְמָאל קַיין קְלִיפּוֹת נִישְׁט זַיין אַרוּם דִיר, וָואס דָאס אִיז דִי כַּוָונָה פון חַזַ"ל וָואס זֵיי זָאגְן (יוֹמָא פז.) כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ; אַז אֵיינֶער אִיז מְזַכֶּה דֶעם רַבִּים וֶועט קַיין חֵטְא וָואס פון דֶעם קוּמֶען דִי קְלִיפּוֹת נִישְׁט זַיין גֶעבְּן אִים, אִיבֶּער דֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן וָואס דוּ הָאסְט אַזַא גְרוֹיסֶע זְכוּת צוּ דְרִיקְן דִי חֶלְקֵי "אֲשֶׁר בַּנַחַל" וָואס דְרִינְגֶען אַרַיין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין יוּנְגֶע בָּחוּרִים, און יוּנְגֶעלַייט, וְכוּ',

וְכוּ', וָוארוּם הַיינְט מוּז מֶען עֶס זַייעֶר הָאבְּן, וָוארוּם דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז פוּל מִיט כְּפִירוּת וְאַפִּיקוֹרְסוּת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט פָּארְאוֹיס גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ה וְסִימָן ר"כ) דָאס פַּאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זַיין אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, מֶען וֶועט זִיךְ דַארְפְן זַייעֶר מוּטְשֶׁען צוּ קוּמֶען צוּ רֵיינֶע אֱמוּנָה, צוּ הַשְׁקָפָה בְּרוּרָה, מֶען זָאל נִישְׁט מִיטְגֶעכַאפְּט וֶוערְן מִיט דֵיעוֹת נִפְסָדוֹת, וְוי צוּם בַּיישְׁפִּיל דִי קְלִיפָּה פוּן דִי עֵרֶב רָב, דִי מַלְכוּת הַמִינוּת, וָואס דָאס אִיז אַ קְלִיפָּה וָואס כִּמְעַט קֵיינֶער אִיז נִישְׁט רֵיין פוּן דֶעם, יֶעדֶער מַאכְט פוּן זֵיי אַ מְצִיאוּת, וָואס בֶּאֱמֶת אִיז דָאס אַלֶעם אַ נִסָיוֹן פַּאר אוּנְז.

אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ יֶעצְט אִין פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן לֵייגְט אַרַיין אִין זַיין מֹחַ מַחְשָׁבָה אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים, אוּן מֶען דַארְף נָאר רֶעדְן צוּ אִים אוּן בֶּעטְן פוּן אִים יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען בְּרוֹיךְ, וָוארוּם תְּפִלָּה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט אֱמוּנָה אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא בַּיי אִים, נֶעבְּן אִים, אִין אִים, דֶער וֶועט שְׁטֶענְדִיג נָאר בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

וְוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ב) פַארְוָואס רֶעדְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן בֶּעט אִים נִישְׁט וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן? דָאס אִיז וַוייל דִי אֱמוּנָה אִיז בַּיי אִים נִישְׁט גַאנְץ, וָוארוּם וֶוען

דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואלְט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן, אוּן אוֹיף דֶעם אִיז גֶעבּוֹיט אַלֶע בְּרִיוו פוּן סֵפֶר "אַשְׁר בַּנַחַל", אִיבֶּער דֶעם זֶע צוּ דְרִיקְן אֵיין חֵלֶק נָאכְן אַנְדֶערְן. אוּן אִיךְ זָאג צוּ, וֶוער עֶס וֶועט דַארְפְן אַ יְשׁוּעָה אָדֶער אַ רְפוּאָה וְכוּ' וְכוּ', אוֹיב עֶר וֶועט אָפְּדְרִיקְן אַ חֵלֶק "אַשְׁר בַּנַחַל" וֶועט עֶר זֶען גְלַייךְ אַ יְשׁוּעָה, וָוארוּם דִי סְפָרִים הֶעלְפְן אַרוֹיס בָּחוּרִים אוּן יוּנְגֶעלַייט, וְכוּ', אוּן בְּרֶענְגֶט זֵיי אַרַיין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כ"ח) "אִישׁ אֱמוּנוֹת רָב בְּרָכוֹת" אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה בַּאקוּמְט עֶר אַלֶע בְּרָכוֹת.

שְׁטַארְק זִיךְ אִין דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, דְרִיק אֵיין חֵלֶק נָאכְן אַנְדֶערְן, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, הֵן אִין פַּרְנָסָה, הֵן אִין שָׁלוֹם בַּיִת, הֵן אִין נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, הֵן דוּ אַלֵיין וֶועסְט פְרֵיילִיךְ זַיין מִיט דִיר, וֶועסְט זַיין אַ צֶעפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער בְּרָכָה.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אוּן דוּ וֶועסְט דָארְט מְקַבֵּל זַיין אַלֶע תִּיקוּנִים.

**אִיךְ וואוּנְטְשׁ דִיר אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד, אוּן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה**

# כג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם שִׁישִּׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תָבֹא י"ז אֱלוּל ה'תש"ע

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הַבָּחוּר יַנִּיק וְחַכִּים ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר גֶעפְרֵייְדט צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט מְכַבֵּד דַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה וְוִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה פֶּרֶק כז) כָּל הָעוֹלָם כּוּלוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ מִן הָאָדָם רַק שֶׁיְּכַבֵּד אָב וְאֵם; דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז דֶעם בַּאשֶׁעפֶער'ס וֶועלְט אוּן עֶר וִויל גָארְנִישְׁט, נָאר מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע, וָוארוּם דָאס אִיז דִי הַארְבְּסְטֶע מִצְוָה, אַזוֹי וְוִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (פְּסִיקְתָּא רַבָּתִי) חֲמוּרָה שֶׁבַּחֲמוּרוֹת כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ; דִי הַארְבְּסְטֶע מִצְוָה אִיז מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע; אִיבֶּערְדֶעם פְרֵייט אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דוּ הָאסְט זִיךְ גֶענוּמֶען אִין דִי הֶענְט אוּן דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן מְכַבֵּד זַיין דַיין טַאטְן אוּן דַיין מַאמֶען, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער רָצוֹן פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וִויל נִישְׁט אַנְדֶערְשְׁט.

**אוֹדוֹת** דֶעם דֶרֶךְ הַלִּימּוּד וְכוּ', דַארְפְסְט מַסְבִּיר זַיין דַיין טַאטְן אַז דוּ הָאסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, אוּן דוּ הָאסְט יֶעצְט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען, וֶועט דַיין טַאטֶע זֶען אַז דוּ פַארְפְלֵייסִיגְסְט זִיךְ אוּן דוּ לֶערְנְסְט תּוֹרָה, וֶועט עֶר

דיר נישְׁט שְׁטֶערְן, אַ טאַטֶע וויל נאָר זען נַחַת פון זַיינֶע קִינְדֶער, וֶוען יֶעדֶע טַאטֶע וָואלְט גֶעוואוּסְט אַז דֶער וָואס עֶס וֶוערְט מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּין דוּרְךְ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י יֶעדְן טָאג, מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, גְּמָרָא יֶעדְן טָאג, שׁוּלְחָן עָרוּךְ יֶעדְן טָאג, וָואלְט עֶר זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט, וָוארוּם דִי תּוֹרָה אֵיידְלְט אוֹיס אַ מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס אִיז וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט פוּן אוּנְז, אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, אַזוֹי ווִי עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נ"א) דִי וֶועלְט נַארְט עֶנְק, אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן; אוּן מִיט וָואס נַארְט מֶען זִיךְ? עֶס קֶען אַוֶועק גֵיין אַ שָׁעָה נָאךְ שָׁעָה, אַ טָאג נָאךְ אַ טָאג, אַ נַאכְט נָאךְ אַ נַאכְט, אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ וְכוּ' וְכוּ', אוּן מֶען מַאכְט לֵיידֶער נִישְׁט אוֹיף נִישְׁט קַיין חוּמָשׁ, נִישְׁט קַיין מִשְׁנַיוֹת, אוּן נִישְׁט קַיין גְּמָרָא, אוּן קַיין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן דָאס קֶען מֶען זֶען בַּיי יוּנְגֶע בָּחוּר'לֶעךְ אַלֶעס וֶועלְן זֵיי טוּן אָבֶער נָאר נִישְׁט אוֹיפְמַאכְן אַ גְּמָרָא אָדֶער אַ שׁוּלְחָן עָרוּךְ.

**אִיבֶּער** דֶעם פְּרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דוּ בִּיסְט מַסְבִּיר דַיין טַאטְן, אוּן דַיין טַאטֶע וֶועט אַוַודַאי נִישְׁט זַיין אַקֶעגְן דִיר, לֵיידֶער הָאט מֶען אוֹיפְגֶעהֶעצְט אַקֶעגְן אוּנְז, אָבֶער דוּ דַארְפְסְט זֶען צוּ טוּן דַיינְ'ס, פַּארְפְלֵייסְן זִיךְ אִין לִימוּד תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, פִירְן זִיךְ מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ אַקֶעגְן טַאטֶע מַאמֶען, וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט אַלֶעס דוּרְכְגֵיין אוֹיפְן בֶּעסְטְן אוֹפְן, נָאר זַיי פְרֵיילֶעךְ, אוּן פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט,

און חָלִילָה וְחַס קֵיינְמָאל נִישְׁט רֶעדְן אַ שְׁלֶעכְט וָוארְט אַקֶעגְן אַ טַאטְן און מַאמֶען, דֶער וָואס עֶר לֶערְנְט דִיר אוֹיס אַזֶעלֶעכֶע זַאכְן צוּ זַיין אַן עַזוּת פָּנִים וְכוּ', דֶער אִיז אַ שַׁייגֶעץ און אַ פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל, פוּן דֶעם זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן, וָוארוּם כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ אִיז אַ מִצְווֹת עֲשֵׂה מִדְאוֹרַיְיתָא, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוֹיף דֶעם זֵייעֶר זֵייעֶר מַקְפִּיד, וָוארוּם ס'שְׁטֵייט בַּיי דִי מִצְוָה 'לְמַעַן יַאֲרִיכוּן יָמֶיךָ' בִּזְכוּת כִּיבּוּד אָב וְאֵם, אַז מֶען אִיז מְכַבֵּד טַאטְן און מַאמֶען, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אֲרִיכוּת יָמִים, פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ פַארְקֶערְט רַחְמָנָא לִיצְלָן אִיז דָאס פַארְקֶערְטֶע וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדְן טָאג אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים און מֶענְטְשְׁן וָואס הֶעצְן דִיר אַקֶעגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּן זֵיי זָאלְסְטוּ זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן אִינְגַאנְצְן, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן וֶועסְטוּ זֶען אַז אִין אַ קוּרְצֶע צַייט וֶועסְטוּ זַיין אַ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן.

**אִיךְ וואוּנְטְשׁ דִיר אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת, און אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה**

# כד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם שִׁשִּׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תָבֹא י"ז אֱלוּל ה'תש"ע

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דַיין בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט מִיט דֶעם.

זֶע זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, אוּן נִשְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי זִיךְ בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַן אָב הָרַחֲמָן אַ דֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער פָאטֶער, וּבִפְרַט אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר גֵייט אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר אִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, קֶענְסְטוּ זִיךְ נִשְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דָאס אִיז אִין הִימְל, דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל גֵיין אִין אַ בַּאזוּנְדֶער פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַאר אִים, וָואס דָאס אִיז אַן עֵצָה וָואס אִיז כָּלוּל אִין דֶעם אַלֶע עֵצוֹת, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק') אַז אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים זֶענֶען נִשְׁט גֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶר מַדְרֵיגָה נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְן זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינְט צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ.

אוּן עֶס אִיז בַּאוואוּסְט וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן ז"ל אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּין אוּן עֶס אִיז אוֹיף אִים

אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען וָואס עֶס אִיז אוֹיף אִים אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען, הָאט דִי רֶבִּי אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אַרוּם זַיין אַקְסֶל, אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט מִיט דִי וֶוערְטֶער "אוּן וַוייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַּאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַּאר אַן אֶמֶת'ן גוּטְן פְרֵיינְד" ווִי נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז יֶעצְט וֶועט עֶר קֶענֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶע אִיד, וָואס עֶס וֶועט אוֹיף אִים אִיבֶּערְגֵיין וֶועט עֶר שְׁטֶענְדִיג קֶענֶען דֶערְצֵיילְן פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן פוּן דֶעמָאלְטְס אָן הָאט עֶר זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיטְן עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן ס'אִיז בַּיי אִים גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶע ווָאוּנְדֶער פַארְוָואס קֵיינֶער פִּירְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי.

**אוּן** וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ב דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן שִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ פוּן רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיז רֶבִּי נָתָן זַ"ל אַזוֹי נִתְלַהֵב גֶעוָוארְן בִּיז עֶר הָאט גֶעוָואלְט לוֹיפְן אִין דִי גַאסְן אוּן שְׁרֵייעֶן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם פַארְוָואס רֶעדְט אִיר נִישְׁט צוּם בַּאשֶׁעפֶער וְכוּ'? הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶעכַאפְּט בַּיים רֶעקְל, אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט, שְׁטֵיי, דוּ וֶועסְט נִישְׁט פּוֹעֶל'ן, וָוארוּם ס'אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע בְּחִירָה אוֹיף דֶעם, כְּדֵי אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֶענֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מוּז עֶר הָאבְּן לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, ווִיסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל

עוֹלָמִים, און אַלְסְדִינְג אִיז אֱלֹקוּת גֶעטְלִיכְקֵייט, דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר אִיז אַ לְבוּשׁ לְגַבֵּי אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, און וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין דִי אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא און קַיין אַנְדֶערֶער אִיז נִישְׁטָא, נָאר עֶר אַלֵיין פִירְט דִי וֶועלְט בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִית, דֶעמָאלְטְס רֶעדְט דֶער מֶענְטְשׁ נָאר צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם זֶע זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין, און קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן און צוּבְּרֶעכְן, אֱמֶת הָאסְט שְׁוֶוערֶע און בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ', זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און זָאלְסְט אִים דֶערְצֵיילְן אַלְסְדִינְג, וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, נָאר פַּאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי דִיר, און אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן דֶעמָאלְטְס וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

**אִיךְ וואוּנְטְשׁ דִיר אַ גוּטְן שַׁבָּת, מִיט אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

# כה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ י"ט אֱלוּל ה'תש"ע**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אוֹיבּ מֶען וויל זוֹכֶה זַיין צוּ שָׁלוֹם בַּיִת דַארְף מֶען זַיין אַ סַבְלָן, מֶען דַארְף נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טְרַאכְט וְכוּ' וְכוּ', אוֹיבּ עֶס

קוּמְט אוֹים אַז דֶער וַוייבּ אִיז מְבַזֶּה וְכוּ׳, דַארְף מֶען עֶס אָנְנֶעמֶען פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת, אוּן תְּשׁוּבָה טוּן, נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן דִי וַוייבּ אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס זִי מַאכְט אַ בַּאמֶערְקוּנְג, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זַיין אַ סַבְלָן, עֶר דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם אַז עֶר כַאפְּט אַרַיין אַ בִּזָּיוֹן ווִי שְׁוֶוער סְ׳זָאל נָאר נִישְׁט זַיין דֶער בִּזָּיוֹן דַארְף מֶען לַיידְן, וָוארוּם דָאס אִיז כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת, אוּן תְּשׁוּבָה טוּן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**וּבִפְרַט** יֶעצְט בִּימֵי אֱלוּל הַקְדוֹשִׁים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ו׳) דָאס דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדּוֹם וְיִשְׁתּוֹק, הֶערְן זַיין בִּזָּיוֹן אוּן שְׁוַוייגְן, דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה מֶען כַאפְּט אַרַיין אַ בִּזָּיוֹן פוּן דָאס וַוייבּ אוּן מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ, כָאטְשׁ דָאס הַארְץ אִיז צֶערִיסְן אוּן צוּבְּרָאכְן אוֹיף טוֹיזֶענְט שְׁטִיקֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳, פַארְוָואס קוּמְט מִיר אַזַא בִּזָּיוֹן? וָואס הָאבּ אִיךְ דִיר אַזוֹי שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן אַז דוּ דַארְפְסְט מִיר מְבַזֶּה זַיין, וָואס הָאסְטוּ זִיךְ פַארְלֵייגְט אוֹיף מִיר אוּן דוּ בַּאלֶעבַּאטֶעוֶועסְט אוֹיף מִיר? וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אִיז נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר אַלֶעס מְקַבֵּל זַיין גְרִינְגֶערְהֵייט.

**אִיבֶּער** דֶעם גֶעבּ אִיךְ דִיר אַן עֵצָה, דוּ מוּזְט נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, אוּן מוּזְט נִישְׁט מַאכְן קַיין בַּאמֶערְקוּנְג אוֹיף יֶעדֶע

זאך וָואס דַיין ווייבּ זָאגְט דיך, מֶען לַיידְט און מֶען לַיידְט, און מֶען שְׁוַוייגְט און מֶען שְׁוַוייגְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, אויבּ דוּ וֶועסְט גֵיין אויף דֶעם וֶועג וֶועסְטוּ זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אויף דֶער וֶועלְט, וָוארוּם אויף דֶער וֶועלְט קֶען מֶען נִישְׁט דוּרְכְגֵיין נָאר מִיט לַיידְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין יוּנְגֶל, נָאך פַאר דִי חַאלַאקֶע, וֶוען דִי מַאמֶע פֵיגָא ע״ה הָאט אִים גֶעקֶעמְט דִי הָאר הָאט עֶם אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, גֶעוֶוועדְנְלִיך אַ קִינְד שְׁרֵייט וֶוען דִי מַאמֶע קֶעמְט אִים דִי הָאר, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, אִיך הָאבּ שׁוין דֶעמָאלְטְס פַארְשְׁטַאנֶען אַז מֶען דַארְף אויף דֶער וֶועלְט לַיידְן, כָּאטְשׁ ס׳הָאט מִיר וֵויי גֶעטוּן וֶוען זִי הָאט גֶעקֶעמְט מַיין הָאר, הָאבּ אִיך אָבֶּער גֶעשְׁוִויגְן, זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּין וֶוען עֶר אִיז נָאך גֶעוֶוען אַ קְלֵיין אִינְגֶל אֵיידֶער מֶען הָאט אִים אָפְּגֶעשׁוירְן דִי הָאר און מֶען הָאט אִים גֶעמַאכְט פֵּיאוֹת הָאט עֶר שׁוין דֶעמָאלְטְס פַארְשְׁטַאנֶען אַז אויף דֶער וֶועלְט דַארְף מֶען לַיידְן און שְׁוַוייגְן, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיך דִיר, עֶנְטְפֶער נִישְׁט דַיין ווייבּ וֶוען זִי אִיז דִיר מְבַזֶה, נֶעם עֶס אָן פַאר כַּפָּרַת עֲוונוֹת, וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶס וֶועט זִיך אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן.

**אַוַודַאי** דַארְף מֶען בֶּעטְן אַסַאך דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס הָאבּ אִיך שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיך וִויל תְּשׁוּבָה טוּן! רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם

פַארְגֶעבּ מִיךְ מַיינֶע זִינְד וָואס אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר אַזוֹי פִיל גֶעזִינְדִיגְט וְכוּ', וְכוּ', וֶוען דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, הָאסְטוּ נִישְׁט קַיין אַנוּנְג צוּ וָואסֶערֶע מַדְרֵיגוֹת דוּ וֶועסְט קוּמֶען, קוֹדֶם וֶועט דַיין אֱמוּנָה גֶעשְׁטַארְקְט וֶוערְן אַז דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, מִיט דִיר, בַּיי דִיר, נֶעבְּן דִיר, אִין דִיר, אוּן נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ קֶענֶען בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ ווילְסְט, וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶס וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה, מִיט דֶעם אַן עֵצָה פַאר שָׁלוֹם בַּיִת אֲפִילוּ דָאס וַוייבּ שְׁטֶעכְט דִיךְ וְכוּ', אוּן אִיז דִיר מַשְׁפִּיל וְכוּ', דֶערְנִידֶערְט דִיךְ וְכוּ', עֶנְטְפֶער נִישְׁט, שְׁוַוייג, דֶעמָאלְטְס וֶועסְטוּ זֶען וֶועט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע עֲווֹנוֹת, אוּן עֶס וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן מִן הַקָצֶה אֶל הַקָצֶה, אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַן אֱמֶת'ע שָׁלוֹם בַּיִת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס הֶערְט אוֹיס אַלֶע תְּפִילוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זָאל אוֹיסְהֶערְן מַיין תְּפִלָּה וָואס אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן רִיכְטִיג שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט אִין שְׁטוּבּ, אוּן פַארְשְׁטֶענְדֶענִישׁ צְווִישְׁן דִיר אוּן דַיין וַוייבּ, אוּן עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן עֶנְךְ דוֹרוֹת יְשָׁרִים וּמְבוֹרָךְ.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה אוּן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה**

# כו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ י"ט אֱלוּל ה'תש"ע

## שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו, וָוארוּם אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פוּן לַאנְג נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִיר, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם יֶעצְט הָאסְטוּ זִיךְ גֶעלָאזְט הֶערְן, אִיז דָאס פַאר מִיר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אָבֶּער עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי וָואס דוּ בִּיסְט אַזוֹי בַּאזָארְגְט וֶועגְן פַּרְנָסָה, עֶס אִיז בַּאווּאוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ע"ו) וֶוען אַ אִיד גֶעבְּט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר וֵוייסְט אַז עֶר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט נָאר אִים אַלֵיין, דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר אִים שִׁיקְן אַ גְרִינְגֶע פַּרְנָסָה, וָואס דָאס אִיז דֶער פֵּירוּשׁ פוּן פָּסוּק (תְּהִלִּים קמ"ה) "עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ" דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שִׁיקְט יֶעדְן אֵיינֶעם פַּרְנָסָה, נָאר אַמָאל וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן יֶעצְט, בַּאקְרִיגְט עֶר נָאךְ אַ פָּאר חֲדָשִׁים אוּן אַמָאל אַ פָּאר יָאר, נָאר וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ קוּקְט נָאר צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס דָאס אִיז "עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ" דָאס הֵייסְט עֶר קוּקְט נָאר צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וַוייל עֶר וֵוייסְט דָאס עֶר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט דֶעמָאלְטְס "וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ" בַּאקְרִיגְט עֶר זַיין פַּרְנָסָה אִין צַייט, דָאס הֵייסְט הַיינְט דַארְף אִיךְ הָאבְּן פַּרְנָסָה.

**אִיבֶּער** דֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, זָאלְסְט ווִיסְן אַז דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט אִיז אֵיין גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פִירְט דָאס גַאנְצֶע וֶועלְט בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִית, אוּן אַלֶעס אִיז זַיינְס, אוּן אַז מֶען דַארְף עֶפֶּעס הָאבְּן דַארְף מֶען נָאר אִים בֶּעטְן, אוּן דִי חַזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבּוֹת סז:) מְלַמֵּד שֶׁכָּל אֶחָד וְאֶחָד נוֹתֵן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פַּרְנָסָתוֹ בְּעִתּוֹ.

**אַ** סְגוּלָה אוֹיף גְרִינְג פַּרְנָסָה אִיז שְׁמִירַת עֵינַיִם, הִיטְן דִי אוֹיגְן נִישְׁט קוּקְן וואוּ מֶען דַארְף נִישְׁט, וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער פֵּירוּשׁ פוּן פָּסוּק (תְּהִלִּים קמ"ה) "עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ" לָשׁוֹן שְׁבִירָה, עֶר צוּבְּרֶעכְט דִי אוֹיגְן נִישְׁט צוּ קוּקְן וואוּ מֶען דַארְף נִישְׁט, אִיז דֶעמָאלְטְס "וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ" קְרִיגְט מֶען דִי פַּרְנָסָה אִין צַייט, אִיבֶּער דֶעם דַארְפְסְטוּ זֶען זַייעֶר אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף דִי אוֹיגְן נָאר קוּקְן אוֹיף דִי רוּחְנִיּוּת פוּן יֶעדֶע זַאךְ, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיפְן שֵׂכֶל וָואס אִיז דָא אִין יֶעדְן זַאךְ, דָאס הֵייסְט אוֹיפְן גֶעטְלִיכְקֵייט וָואס אִיז דָא אִין יֶעדְן פְּרַט פוּן דִי בְּרִיאָה.

**אוּן** ווִיסְן דַארְפְסְטוּ ווִיסְן, אַז אַ יֶעדְן טָאג שִׁיקְט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם פַּרְנָסָה, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (מְכִילְתָּא בְּשַׁלַּח) מִי שֶׁבָּרָא יוֹם בָּרָא פַּרְנָסָתוֹ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תקס"א) אַז יֶעדֶער טָאג הָאט זִיךְ זַיין שֶׁפַע, אוּן אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א'

סִימָן קע"ט) כִּי כָּל יוֹם וָיוֹם נִמְשָׁךְ עָלָיו שֶׁפַע מִלְמַעְלָה, וּכְשֶׁעוֹשֶׂה בְּזֶה הַיּוֹם מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אֲזַי מְחַיֶּה הַיּוֹם וּמַמְשִׁיךְ לוֹ חַיּוּת וְשֶׁפַע רַב מִלְמַעְלָה; דָאס יֶעדְן טָאג וֶוערְט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ נִמְשָׁךְ אַ שֶׁפַע פוּן אוֹיבְן, און אוֹיב עֶר טוּט אִין דֶעם טָאג מִצְוֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים, אִיז עֶר מְחַיֶּה דֶעם טָאג, און עֶס וֶוערְט נִמְשָׁךְ אוֹיף אִים גְרוֹיס שֶׁפַע פוּן הִימְל, אִיבֶּער דֶעם זָאלְסְטוּ זֶען צוּ טוּן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ מִצְוֹת, וָואס דָאס וֶועט זַיין פַאר דִיר אַ צִינוֹר מַמְשִׁיךְ זַיין פַאר דִיר שֶׁפַע, און דֶער עִיקָר אִיז זָאלְסְט זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין עִתִּים לְתוֹרָה, יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, אַ דַף גְמָרָא, וְכוּ', וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא כִּי תִשָּׂא) כָּל הָעוֹסֵק בַּתּוֹרָה פַּרְנָסָתוֹ מִן הַתּוֹרָה וּמִתְעַשֵּׁר וּמַצְלִיחַ.

**זָאלְסְט** גוּט גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן סח) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין כַּעַס שְׁטוּפְּט עֶר אַוֶועק דָאס גֶעלְט וָואס מֶען ווִיל אִים גֶעבְּן פוּן אוֹיבְן, אָבֶּער כַּעַס אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק בַּיים מֶענְטְשׁ אֲפִילוּ עֶר וַוייסְט דָאס עֶס וֶועט אִים אַוֶועק שְׁטוּפְּן דִי גֶעלְט וָואס מֶען ווִיל אִים גֶעבְּן קֶען עֶר זִיךְ נִישְׁט בַּאהֶערְשְׁן און עֶר מוּז זַיין אִין כַּעַס, אִיבֶּער דֶעם מוּז מֶען זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן כַּעַס, וָואס דָאס וֶועט אִים הֶעלְפְן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע.

**אוֹיךְ** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַ סְגוּלָה אוֹיף גְרִינְג פַּרְנָסָה צוּ בֶּענְטְשְׁן אִין אַ סִידוּר, וָוארוּם דָאס בֶּענְטְשְׁן אִיז אַ

דְאוֹרַיְיתָא, און מֶען דַארְף זַייעֶר נִזְהָר זַיין נִישְׁט מְזַלְזֵל זַיין אִין דֶעם, וַוייל וֶוען מֶען בֶּענְטְשְׁט אוֹיסֶעֶנְוֶויינִיג כַאפְּט מֶען נִישְׁט אַז מֶען פַארְפֶעלְט אַסַאךְ, וְכוּ', וְכוּ', און בֶּענְטְשְׁן אִיז דָא פִיר בְּרָכוֹת כְּנֶגֶד פִיר אוֹתִיּוֹת פוּן שֵׁם הֲוָיָ"ה בָּרוּךְ הוּא, דָאס עֶרְשְׁטֶע בְּרָכָה הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, און דִי צְוֵוייטֶע בְּרָכָה הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן, און דִי דְרִיטֶע בְּרָכָה הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען דָוִד און שְׁלֹמֹה, און דֶער פֶערְטֶער בְּרָכָה הָאבְּן מְתַקֵּן גֶעוֶוען דִי חֲכָמִים, דֶערְפַאר אוֹיבּ מֶען בֶּענְטְשְׁט אִין סִידוּר עֶרְלִיךְ הוֹיעֶךְ מִיט אַ קוֹל, דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ גְרִינְג פַּרְנָסָה, פְּרָאבִּיר אוֹיס וֶועסְטוּ זֶען.

**נָאךְ** אַ גְרִינְגֶע סְגוּלָה צוּ מַמְשִׁיךְ זַיין אוֹיף זִיךְ פַּרְנָסָה אִיז נִזְהָר צוּ זַיין צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג פַּרְשַׁת הַמָּן.

**אִיךְ** וַויים אַז דָאס טוּט דִיךְ זַייעֶר וֵויי אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא צַעַר ווִי אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, וָוארוּם עֲנִיּוּת אִיז דִי אַרְגְסְטֶע זַאךְ, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (עֵירוּבִין מא:) דָאס דִקְדוּקֵי עֲנִיּוּת זֶענֶען מַעֲבִיר דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין דַעַת; אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אָרִים קֶען נִישְׁט גְלַייךְ טְרַאכְטְן, עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דָא אַזַא צַעַר וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט וֶוען זַיין וַוייבּ און קִינְדֶער בֶּעטְן אִים גֶעלְט צוּ קוֹיפְן עֶסְן און עֶר הָאט נִישְׁט זֵיי צוּ גֶעבְּן, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער צַעַר און וֵוייטָאג, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה פַּרְשָׁה ל"א סִימָן י"ב) אֵין בָּעוֹלָם קָשֶׁה מִן הָעֲנִיּוּת שֶׁהוּא קָשֶׁה מִכָּל יְסוּרִין שֶׁבָּעוֹלָם אָמְרוּ

רַבּוֹתֵינוּ כָּל הַיִּסּוּרִין לְצַד אֶחָד וְהָעֲנִיּוּת לְצַד אֶחָד וְכוּ׳ אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְאִיּוֹב, מָה אַתָּה רוֹצֶה: עֲנִיּוּת אוֹ יִסּוּרִין? אָמַר לוֹ אִיּוֹב: רִבּוֹן הָעוֹלָם מְקַבֵּל אֲנִי עָלַי כָּל יִסּוּרִין שֶׁבָּעוֹלָם וְלֹא עֲנִיּוּת, כְּשֶׁאֵצֵא לְשׁוּק וְאֵין בְּיָדִי פְּרוּטָה לִקְנוֹת מַה אוֹכַל וְכוּ׳, דָאס אַז מֶען זָאל לֵייגְן אוֹיפְן וָואגְשָׁאל אוֹיף אֵיין זַייט אַלֶע יִסּוּרִים אוּן אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַייט אָרֶעמְקֵייט, וֶועט דִי אָרֶעמְקֵייט אִיבֶּערְוֶועגְן דִי וָואגְשָׁאל פוּן אַלֶע יִסּוּרִים, אוּן אִיּוֹב הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר עֶנְדֶערְשׁ אַלֶע יִסּוּרִים ווִי אֵיידֶער אָרֶעמְקֵייט, אַז אִיךְ וֶועל אַרוֹיסְגֵיין אִין מַארְק אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט הָאבְּן מִיט וָואס צוּ אַיינְקוֹיפְן עֶסְן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם דִי שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסָּיוֹן פוּן אָרִימְקֵייט.

וֶועגְן דֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ זֶען צוּ דֶערְהַאלְטְן,
אוּן גֶעוואוּין זִיךְ צוּ, צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים,
אוּן אִים בֶּעטְן אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן, אוּן פַארְלִיר דִיךְ נִישְׁט, נָאר נֶעם אִין זִיךְ אַרַיין גוּט אִין הַארְצְן אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן, ווִי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין אֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה דָאס דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֵוייסְט אַלֶעס, אוּן דִי חַזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת סג.) כָּל הַמְשַׁתֵּף שֵׁם שָׁמַיִם בְּצַעֲרוֹ כּוֹפְלִין לוֹ פַּרְנָסָתוֹ; וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין דָאס גֶעטְלִיכְקֵייט, אוּן עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז תָּלוּי נָאר אִין בַּאשֶׁעפֶער אִין דִי הֶענְט, דֶעמָאלְטְס וֶועט גֶעדָאפֶּעלְט וֶוערְן זַיין פַּרְנָסָה; אִיבֶּערְדֶעם שְׁרֶעק זִיךְ נִישְׁט, שְׁטַארְק זִיךְ, וֶועסְטוּ

זֶען, אַז עֶס וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה, וֶועסְט נָאךְ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע, און דוּ וֶועסְט נָאךְ קֶענֶען טֵיילְן אַסַאךְ צְדָקָה.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה פוּן הִימְל און אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה**

# כז

**בְּעֶזְרַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ י"ט אֱלוּל ה'תש"ע**

**שָׁלוֹם רַב אֶל ... תְּחִיֶ'**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶס** וואוּנְדֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק פַארְוָואס דוּ דַארְפְסְט אַזוֹי רוֹדֶף'ן דַיין מַאן וָואס אִיז דִיר אַזוֹי גֶעטְרֵיי אַ גַאנְץ יָאר, און עֶר אִיז גֶעטְרֵיי פַאר דִי קִינְדֶער, נָאר יֶעצְט ווִיל עֶר פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן אִין אוּמַאן, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט עֶר פוּעְלְן אַלְסְדִינְג וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן וְכוּ', און דַוְקָא יֶעצְט מַאכְסְטוּ אִים אַלֶע מְנִיעוֹת עֶר זָאל נִישְׁט פָארְן? אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, מֶען זֶעט אַזוֹי פִיל גְזֵירוֹת רָעוֹת, בִּיטֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע אוּמְגְלִיקְן וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט אַ גַאנְץ יָאר, און דָאס אַלֶעס אִיז שׁוֹין בַּאשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָוארוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה דֶעמָאלְטְס אִיז דֶער יוֹם הַדִין אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, מֶען מִשְׁפָּט יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס מִיט אִים וֶועט פַּאסִירְן לֶעבְּן

אָדֶער טוּיט רַחְמָנָא לִיצְלָן, אָרִים אָדֶער רַייךְ, אַלֶעס וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶערְפַאר גֵייט מֶען צוּ אַ גְרוֹיסְן צַדִיק וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער סְ'וֶועט קוּמֶען בַּיי אִים גַארַאנְטִירְט עֶר אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְתוּקָה, אַ זִיס גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

**לֵיידֶער** דֶעם יָאר הָאט פַּאסִירְט אַזוֹיפִיל אוּמְגְלִיקְן, יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, מֶען זָאל שׁוֹין נִישְׁט וִויסְן פוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס, אוּן בְּוַודַאי אִיז דָאס אַלֶעס נִגְזָר גֶעוָוארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מֶען זֶעט אוֹיבּ סְ'אִיז נִגְזָר גֶעוָוארְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ טוֹיט שְׁטְרָאף וְכוּ', וָואס טוּט עֶר נִישְׁט אַז מֶען זָאל אִים פְרֵיי לָאזְן? עֶר זוּכְט דֶעם בֶּעסְטְן לוֹיעֶר, עֶר גֵייט צוּם גְרֶעסְטְן שׁוֹפֵט, אַבִּי מֶען זָאל אִים שֶׁענְקֶען דֶעם לֶעבְּן, אוּן דָא קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס אַזַא גְרוֹיסֶע לֶעבְּטִיגֶער צַדִיק הָאט צוּגֶעזָאגְט 'גָאר מֵיין זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה', 'אוּן אִיךְ וִויל אַז אַלֶע זָאלְט עֶטְץ זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה' אוּן 'אִיךְ וֶועל זִיךְ לֵייגְן אִין דִי לֶענְג אוּן אִין דִי בְּרֵייט עֶנְק אַ טוֹבָה צוּ טוּן', אוּן דַוְיקָא צוּ אַזַא צַדִיק שְׁטֶערְסְטוּ דַיין מַאן פוּן צוּ פָארְן, אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין!

**אִיבֶּער** דֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, מַאכְטְס שָׁלוֹם אוּן הֶעלְף אַרוֹיס דַיין מַאן עֶר זָאל קֶענֶען פָארְן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן עֶר וֶועט פוּעְלְן פַאר דִיר אוּן פַאר דִי קִינְדֶערְלֶעךְ אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אַ יָאר פוּן פַּרְנָסָה

און פון שֶׁפַע און פון גֶעזונְט און נַחַת און ס'וֶועט עֶנְק גָארְנִישְׁט פֶעלְן. דַארְפְסְט אַ הויז? וֶועט מֶען בֶּעטְן בַּיי דֶעם צַדִיק; דַארְפְסְט נָאךְ זַאכְן? וֶועסְטוּ בֶּעטְן בַּיי דֶעם צַדִיק. אִיבֶּערְדֶעם פַּאק אַיין אַ שֵׁיין פֶּעקְל פַּאר דַיין מַאן, און שִׁיק אִים צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּין אויף ראֹשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, וֶועט עֶטְץ בֵּיידֶע גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר און מִיט אַ גְלִיקְלִיךְ יָאר און דוּ וֶועסְט זֶען אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְן.

**ס'אִיז** אַזַא שָׁאד, אַ גַאנְץ יָאר לֶעבְּט עֶטְץ בֵּיידֶע ווִי צְוֵויי טוֹיבְן בְּלִי עַיִן הָרָע, יֶעצְט פַּאר ראֹשׁ הַשָּׁנָה וַוייל דַיין מַאן וָואס אִיז דִיר אַזוֹי גֶעטְרֵיי אַ גַאנְץ יָאר ווִיל פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּין, שְׁטֶעלְסְטוּ אִים אַלֶע מְנִיעוֹת און שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען וְכוּ'? און פַארְוָואס? וַוייל דֶער חַבֶרְטָארִין הָאט דִיךְ אַזוֹי גֶעזָאגְט וְכוּ', און דֶער חַבֶרְטָארִין הָאט דִיךְ אַהִין גֶעזָאגְט וְכוּ'? פְרֶעג אִיךְ דִיר: וֶוער אִיז ווִיכְטִיגֶער, דַיינֶע חַבֶרְטָארִינְס אָדֶער דַיין גֶעטְרַייעֶר מַאן? וֶועגְן דֶעם בֶּעט אִיךְ דִיךְ מַאךְ שָׁלוֹם מִיט דַיין מַאן, און שִׁיק אִים און טְרַייבּ אִים צוּ זַיין ראֹשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּין, וֶועסְטוּ נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְן, נִישְׁט אויף דִי וֶועלְט און נִישְׁט אויף יֶענֶע וֶועלְט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק שֶׁענְקֶען אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, מִיט אַלֶעס גוּטְס.**

# כח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ י"ט אֱלוּל ה'תש"ע

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶע בְּרִיוו מִיטְ'ן פִּדְיוֹן, זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַמְתִּיק זַיין פוּן דִיר אַלֶע דִינִים דוּרְךְ פֶּלֶא עֶלְיוֹן.

זֶע זִיךְ מְחַזֵּק צוּ זַיין אוּן וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פוּן אַלֶעם וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיךְ דוּרְךְ. בְּזֶה הָעוֹלָם פְּרוּאוְוט מֶען יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיס מִיט אַן אַנְדֶערְן פְּרוּאוואוּנְג, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וְויסְן אַז יֶעדֶער זַאךְ וָואס אוֹיף אִים גֵייט דוּרְךְ אִיז אַלֶעם בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, דָאס וָואס דוּ הָאסְט פַארְלוֹירְן אַזַא גְרוֹיסֶע סְכוּם מִיט גֶעלְט, זָאלְסְטוּ וויסְן דָאס עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ 'אִית מַאן דְפָּרַע בְּמָמוֹנֵיהּ וְאִית מַאן דְפָּרַע בְּגוּפֵיהּ' ס'אִיז דָא אַ מֶענְטְשׁ וָואס בַּאצָאלְט מִיט גֶעלְט, אוּן ס'אִיז דָא אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר צָאלְט חָלִילָה וְחַס מִיטְן גוּף, דָאס הֵייסְט מִיט גֶעזוּנְט, אוֹיבּ ס'אִיז נִגְזַר גֶעוָוארְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל קְרַאנְק וֶוערְן לֹא עָלֵינוּ אָדֶער עֶר זָאל פַארְלִירְן דִי גֶעלְט וְכוּ', וָואלְט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֶעזָאגְט, "נֵיין, זָאל זַיין אַ כַּפָּרָה דִי גֶעלְט, אַבִּי אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט".

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי זִיךְ נִישְׁט מְצַעֵר אוֹיף דִי אֲבֵידָה, גֶעלְט קוּמְט צוּרִיק, "גֶעלְט אִיז רִינְדֶעבִיג" זָאגְט דִי

וָועלְט, בֶּעט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל דִיר מַשְׁלִים זַיין דַיין אֲבֵידָה, וֶועסְטוּ בְּוַודַאי גֶעהָאלְפְּן וֶוערְן, נָאר אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן זַיי נִישְׁט טְרוֹיעֶרִיג, דָאס אִיז אַ נִסָיוֹן וָואס מֶען אִיז דִיר מְנַסֶה פוּן הִימְל, מֶען פְּרוּבִּירְט דִיר אוֹיס זֶען וָואס דוּ וֶועסְט טוּן אוּן אַזַא שְׁוֶוערְן בִּיטֶערְן מַצָב וָואס דוּ הָאסְט פַארְלוֹירְן אַזַא גְרוֹיסְן סְכוּם מִיט גֶעלְט, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶען זֵייעֶר זֵייעֶר זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז דֶער עִיקָר אִיז דֶערְהַאלְטְן זִיךְ, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָבִים אוּן נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן.

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן? אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס גַאנְצֶע הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן בֶּעטְן אוּן וֵויינֶען עֶר זָאל אוֹיף דִיר רַחְמָנוּת הָאבְּן. בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, בָּאטְשׁ עֶס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶּער וִויסְן זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דָאס אִיז דַיין פְּרָאבֶּע, מֶען פְּרוּבִּירְט דִיךְ אוֹיס צוּ וֶועמֶען דוּ וֶועסְט זִיךְ בֵּייגְן וֶוען דוּ בִּיסְט אִין אַן עֵת צָרָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** גֵיי דִיר אִין אַ צִימֶער וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אָדֶער שְׁפַּאצִיר אִין אַ פֶעלְד וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן זָאלְסְטוּ נָאר בֶּעטְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועסְטוּ זֶען דֶער

אֲבֵידָה וֶועט צוּ דִיר צוּרִיק קוּמֶען כֵּפֶל כִּפְלַיִים, דָאפֶּעלְט. וָוארוּם מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעם פּוּעֶל'ען, אַ שָׁאד אַז מֶענְטְשְׁן ווייסְן נִישְׁט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּפִלָּה, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד שְׁטֶעלְט זִיךְ אַוֶועק בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וּמְכָל שֶׁכֵּן וֶוען עֶר פַארְגִיסְט אוֹיכֶעט טְרֶערְן, אוּן עֶר וַואשְׁט זַיין תְּפִלָּה מִיט טְרֶערְן, גֵייט זַיין תְּפִלָּה אַרוֹיף הוֹיעֶךְ אִין הִימְל אוּן פּוֹעֶלְט וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר, זֶע טוּ אַלֶעם וָואס דוּ קֶענְסְט, אַבִּי זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

**הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא זָאל דִיר בֶּענְטְשְׁן מִיט אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אוּן זָאלְסְט מִיךְ שְׁטֶענְדִיג מְבַשֵּׂר זַיין בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת.**

# כט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שֵׁנִי לְסֵדֶר נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ כ' אֱלוּל ה'תש"ע**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה.**

זֶע זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט, וָוארוּם אוֹיף דֶער וֶועלְט דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ הִתְחַזְּקוּת, עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם אַזֶעלְכֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים מְרִירוּת אוּן מַכְאוֹבִים וְכוּ', וְכוּ', דֶער הָאט נִישְׁט קַיין גֶעזוּנְט ל"ע, דֶער הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה ל"ע, דֶער הָאט נִישְׁט קַיין שְׁלוֹם בַּיִת ל"ע, דֶער הָאט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער ל"ע, דֶער הָאט

נִישְׁט קַיין נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער ל"ע, סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ וָואס עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ, הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט אַז דֶער עִיקָר אִיז דֶערְהַאלְטְן זִיךְ, אוּן עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְוָואס אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ זַיין זַאךְ, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ יוּנְג יוּנְגְל הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז אוֹיף דֶער וֶועלְט מוּז מֶען אַסַאךְ לַיידְן, אוּן אַז מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן אִיז מֶען זוֹכֶה נָאכְדֶעם צוּ קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אִין הַשָּׂגוֹת אֱלֹקוּת. וָואס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה? הָאבְּן פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה צוּ גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִית, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ וֶוערְט נִישְׁט גֶעפִירְט אַלֵיין, אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אַ קְלֵיינֶע זַאךְ וְכוּ' וְכוּ', אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט דוּרְכְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אַ**זוֹי ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (חולין ז') אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה, אַ מֶענְטְשׁ כַּאפְּט נִישְׁט קַיין קְלַאפּ אִין קְלֵיין פִינְגֶער אֵיידֶער מֶען רוּפְט עֶס אוֹיס אוֹיבְן, אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ פַּרְנָסָה קֶען קֵיינֶער נִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּן דֶעם אַנְדֶערְן, אַזוֹי ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא לח.) בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ וּמִשֶּׁלְּךָ יִתְּנוּ לָךְ אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בְּמוּכָן לַחֲבֵירוֹ וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בַּחֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא; אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם אַנְדֶערְן אֲפִילוּ אַזוֹי דִיק ווִי אַ פָּאדִים, אַלֶעס אִיז אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** זֶע זִיךְ צוּ מְחַזֵק זַיין, שְׁטַארְק זִיךְ, לָאז זִיךְ נִישְׁט פַאלְן, אוּן בִּזְכוּת דֶעם וֶועסְטוּ קֶענֶען דוּרְכְגֵיין דִי וֶועלְט גְרִינְגֶערְהֵייט, דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי לַיידְן צָרוֹת אִיז נָאר וַוייל זֵיי שְׁטוּפְּן דִי צַייט, אוּן דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת סד.) כָּל הַדוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה שָׁעָה דוֹחַקְתּוֹ וְכָל הַנִדְחֶה מִפְּנֵי הַשָּׁעָה שָׁעָה נִדְחֵית מִפָּנָיו; אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ שְׁטוּפְּט דִי צַייט, שְׁטוּפְּט דִי צַייט אִים, אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי צַייט פְלִיעט אַוֶועק דִי צַייט, דֶערִיבֶּער דַארְף אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֶענְדִיג נָאר קוּקְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וִויסְן אַז אַלְסְדִינְג אִיז הַשְׁגָחָה, אוּן אוֹיף אַזַא אוֹפְן קֶען מֶען אַלֶעס אִיבֶּערְגֵיין גְרִינְגֶערְהֵייט, דֶער עִיקָר שְׁטַארְק זִיךְ אוּן פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, אוּן דֶער עִיקָר שְׁטַארְקְן זִיךְ דַארְף מֶען מִיט גֶעדֶענְקְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַ רַחֲמָן, אוּן דָאס אִיז דֶער גֶרֶעסְטֶער הִתְחַזְקוּת, אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים יח) "אֶרְחָמְךָ הַוַי"ה חִזְקִי" מִיט דֶעם וָואס אִיךְ וֵויס אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַ רַחֲמָן אוּן הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף זַיינֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן דָאס אִיז מַיין הִתְחַזְקוּת.

**אִיבֶּער** דֶעם טוּ אַלֶעס וָואס אִיז מֶעגְלִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי דִיר, קֵיינֶער זָאל דִיךְ נִישְׁט קֶענֶען צוּבְּרֶעכְן, זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וִויל נָאר דַיין גוּטְס, אוּן אֲפִילוּ עֶס גֵייט אוֹיף דִיר אַדוּרְךְ אַסַאךְ אַסַאךְ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, אִיז אַלֶעס פַאר רַחְמָנוּת וֶועגְן, אוּן פַאר דַיין גוּטְס, אַזוֹי וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (פְּסָחִים פז:) אֲפִילוּ בִּשְׁעַת כַּעְסוֹ שֶׁל הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא זוֹכֵר אֶת הָרַחֲמִים; דֶער

בַּאשֶׁעפֶּער גֶעדֶענְקְט שְׁטֶענְדִיג דִי רַחְמָנוּת אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, און עֶר ווִיל יֶעדְן אֵיינֶעם נָאר הֶעלְפְן, און דָאס וָואס מִיר שְׁפִּירְן נִישְׁט און וֵוייסְן נִישְׁט דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס אִיז מַחֲמַת אוּנְזֶערֶע זִינְד ל"ע, מֵיינֶען מִיר אַז כַּבְיָכוֹל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא גֵייט מִיט אַכְזָרִיוּת וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער אִין דֶער אֱמֶת'ן אִיז אַלֶעס מִיט רַחְמָנוּת, דֶער בַּאשֶׁעפֶּער ווִיל נָאר אוּנְזֶער גוּטְס.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאגְן דִי חַזַ"ל (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת פֶּרֶק ה' הֲלָכָה ג') כְּמָה דַאֲנָא רַחֲמָן בַּשָּׁמַיִם כַּךְ תְּהֶוון רַחְמָנִין בְּאַרְעָא; דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בֶּעט אוּנְז אַזוֹי ווִי אִיךְ בִּין אַ רַחֲמָן אִין הִימְל אַזוֹי ווִיל אִיךְ אַז אִיר זָאלְט זַיין בַּעֲלֵי רַחֲמִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, ווייל וֶוען אַ אִיד הָאט רַחְמָנוּת אוֹיפְן צְווייטְן דָא אוֹיף דִי וֶועלְט וֶועט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מַמְשִׁיךְ זַיין אוֹיף דִיר רַחְמָנוּת פוּן יֶענֶער וֶועלְט, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בָּבָא קַמָּא פֶּרֶק ח' הֲלָכָה ז') בִּזְמַן שֶׁאַתָּה רַחֲמָן הַמָּקוֹם יְרַחֵם עָלֶיךָ; אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דִי עִיקָר הִתְחַזְקוּת אִיז נָאר דִי רַחְמָנוּת, הֵן מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען דִי רַחְמָנוּת פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אוּנְז, און הֵן מִיר דַארְפְן רַחְמָנוּת הָאבְן אֵיינֶער אוֹיפְן אַנְדֶערְן, און דִי חַזַ"ל זָאגְן (בֵּיצָה לב:) כָּל הַמְרַחֵם עַל הַבְּרִיוֹת בְּיָדוּעַ שֶׁהוּא מִזַּרְעוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ וְכָל מִי שֶׁאֵינוֹ מְרַחֵם עַל הַבְּרִיוֹת בְּיָדוּעַ שֶׁאֵינוֹ מִזַּרְעוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ; אַז מֶען זֶעט אַ אִיד אַ רַחֲמָן דַארְף מֶען ווִיסְן אַז עֶר אִיז אַן אֱמֶת'ער אִיד, ווייל דִי טֶבַע פוּן אַ אִיד אִיז אַז עֶר אִיז

אַ רַחֲמָן, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ מִיט מִדַּת הָרַחְמָנוּת, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט שִׁיקְן אוֹיף דִּיר רַחְמָנוּת, שֶׁפַע בְּרָכָה וְהַצְלָחָה, סְ'וֶועט דִּיךְ נִישְׁט פֶעלְן נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה נִישְׁט קַיין נַחַת נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת סְ'וֶועט דִּיךְ גָארְנִישְׁט פֶעלְן, נָאר שְׁטַארְק זִיךְ.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

# ל

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ כ"א אֱלוּל ה'תש"ע**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ הָאסְט צוּרִיק בַּאקוּמֶען דֶעם פַּאסְפָּארְט, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִּיר הֶעלְפְן זָאלְסְט אָנְקוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, לֵייגֶעדֶער זֶענֶען רוֹב מֶענְטְשְׁן נִישְׁט בַּאקַאנְט וָואס דָאס מֵיינְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, דֶער נָבִיא זָאגְט (יוֹנָה ג') "מִי יוֹדֵעַ יָשׁוּב וְנִחַם הָאֱלֹהִים וְשָׁב מֵחֲרוֹן אַפּוֹ וְלֹא נֹאבֵד" זָאגְט רַשִׁ"י מִי יוֹדֵעַ - עֲבֵירוֹת שֶׁבְּיָדוֹ יָשׁוּב; אוֹיבּ אַ אִיד טוּט תְּשׁוּבָה, אִיז אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מוֹחֵל, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ת"ג) וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מֶעג זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, וָוארוּם עֶר הָאט אַוַודַאי גֶעפּוּעלְט וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט פּוּעלְ'ן,

און קוק וואונדער איבער וואונדער דאס וְשָׁב מֵחֲרוֹן אַפּוֹ וְלֹא נֶאֱבַד איז די ראשי תיבות אוּמַן, דארטן איז דאס פלאץ וואס דער מענטש ווערט נתעורר מיט אזא מין התעוררות וואס מען קען זיך גארנישט פארשטעלן, עס קומען מענטשן פון די גאנצע וועלט פון אלע ערליי עדות, פון אלע ערליי חסידות'ן וכו' וכו', עס ווערט מקויים די ווערטער פונעם נביא (ישעיה ס') "שְׂאִי סָבִיב עֵינַיִךְ וּרְאִי כֻּלָּם נִקְבְּצוּ בָאוּ לָךְ בָּנַיִךְ מֵרָחוֹק יָבֹאוּ וּבְנֹתַיִךְ עַל צַד תֵּאָמַנָה" אלע קומען אויף אומאן. וואונדער איבער וואונדער איך פאר שוין איבער פערציג יאר צום הייליגן רבינ'ס ציון, פון יאר תשכ"ו, און ווען איך האב געדריקט דעם הייליגן ספר "פעולת הצדיק" אין יאר תשל"ח, און איך האב געענדיגט דאס לעצטע שטיקל אז עס וועט נאך זיין א צייט וואס מען וועט עפענען די גרעניצן און אלע אידן וועלן קומען צום הייליגן רבינ'ס ציון, האבן אלע געשפעט פון מיר, די זקנים און די נערים... און ווען עס האט זיך געעפנט דער הייליגער רבינ'ס ציון אין שנת תש"נ זענען אלע געווען פארגאפט וכו', און ברוך הוא וברוך שמו יעדעס יאר קומען צו נייע פרישע טויזענטער אידן כֵּן יִרְבּוּ, איבערדעם אז דו האסט מיר געשריבן אז דו האסט שוין א פאספארט און דו וועסט פארן אויפן רבינ'ס ציון אויף ראש השנה האסטו מיר מורא'דיג מחיה געווען.

זע שטארק מכבד זיין דיין ווייב, און זאג איר צו, אז דו וועסט ברענגען אהיים רפואות און ישועות, און פרנסה בריווח.

אִיךְ הָאף אַז דו וֶועסְט אָפְּדְרִיקְן אַלֶע בְּרִיוו וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי לֶעצְטֶע פָּאר טֶעג, און דו וֶועסְט מַאכְן פון דֶעם נָאךְ אַ חֵלֶק שׁוּ"ת "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" אויף אִידִישׁ, וָוארום עֶס אִיז דָא זֵייעֶר אַסַאךְ וָואס זֵיי קֶענֶען נִישְׁט לֵיינֶען לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ, און אִין דֶעם זְכוּת וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט פַּרְנָסָה בְּרֵיוַח, נָאר זָאלְסְט נִישְׁט זָארְגְן, און זָאלְסְט זַיין פְרֵיילֶעךְ, וָוארום שִׂמְחָה דָאס אִיז דִי קְדוּשָׁה, אִיבֶּערְדֶעם לֵייגְט זִיךְ דִי סמֶ"ךְ מֶ"ם אויף דִי לֶענְג און אויף דִי בְּרֵייט דָאס אַ אִיד זָאל זַיין טְרוֹיעֶרִיג, עַצְבוּת אִיז דִי טוּמְאָה, דֶערְפַאר וֶוער עֶס ווִיל אַרוֹיסְגֵיין פון דִי טוּמְאָה אִיז דִי עֵצָה נָאר זַיין פְרֵיילֶעךְ מִיט וָואס עֶר קֶען, נִישְׁט נָאכְלָאזְן זִיךְ בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם און אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה**

# לא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם חֲמִישִׁי לְסֵדֶר נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ כ"א אֱלוּל ה'תש"ע**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אויף אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אויף דִיר אַדוּרְךְ, וּבִפְרַט יֶעצְט וָואס עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה און דו וֶועסְט פָאְרְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן וָואס דו וֶועסְט דַארְפְן אַוַודַאי פּוֹעֶלְן וָואס דו וֶועסְט וֶועלְן, נָאר נֶעם זִיךְ פָּאר דַארְפְן נִישְׁט אָנְבְּרֶענְגְן דִי צַייט וְכוּ', און נִישְׁט אַרַיין

גֵיין מִיט וִויכּוּחִים מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט, דוּ זָאלְסְט וִויסְן אַז דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן נִישְׁט צוּ קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ, אֶמֶת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן שי"ט) אֲנִי אֶעֱשֶׂה מִכֶּם כִּיתּוֹת כִּיתּוֹת; עֶס וֶועט זַיין צְווִישְׁן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַלֶע עֶרְלֵיי כִּיתּוֹת, אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז דִי כִּיתּוֹת וֶועלְן זִיךְ אַרוּמְקְרִיגְן, וְכוּ', דִי מַחְלוֹקֶת קוּמְט נָאר פוּן דִי וָואס זֶענֶען פָּגוּם בִּבְרִית וְכוּ', תַּלְמִידִים וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶענוּג מְשַׁמֵּשׁ גֶעוֶוען צַדִּיקִים, וְכוּ', ווִי מִיר גֶעפִינֶען אַז דִי חַזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה מז:) מִשֶּׁרַבּוּ תַּלְמִידֵי שַׁמַּאי וְהִילֵל שֶׁלֹּא שִׁימְּשׁוּ כָּל צוֹרְכָן רַבּוּ מַחְלוֹקֶת בְּיִשְׂרָאֵל וְנַעֲשִׂית תוֹרָה כִּשְׁתֵּי תוֹרוֹת;

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַזְהִיר גֶעוֶוען אוֹיף לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, ווִי עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט אַמָאל (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רצ"ב) הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל אַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ; דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ פַּארְווָאוּנְדֶערְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע לִיבְּשַׁאפְט וָואס עֶס וֶועט זַיין צְווִישְׁן אוּנְז; אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט, עַל כָּל פָּנִים צְווִישְׁן דִי תַּלְמִידִים פוּן "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" וָואס ווִי בַּאווָאוּסְט זֶענֶען רוֹב שֶׁענְסְטֶע יוּנְגֶעלַייט וָואס עֶס אִיז דָא אוּן בְּרֶסְלֶב, דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" כָּאטְשׁ זֵייעֶר אַסַאךְ הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט עוֹמֵד זַיין בְּנִסָּיוֹן פוּן דִי לֵיצָנֵי הַדּוֹר וְכוּ', אוּן גֶעמוּזְט אַוֶועק גֵיין, וְכוּ', אוּן לֵיידֶער רֶעדְן זֵיי אוֹיךְ שׁוֹין דִבְרֵי לֵיצָנוּת וְכוּ'.

**עֶם** אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג צוּ ווִיסְן אַז מֶען קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דַארְף מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין שׁוּם בְּרִיָה אוֹיף דֶער ווֶעלְט, וָוארוּם אַזוֹי ווִי אַ קְרַאנְקֶער גֵייט אַרַיין אִין אַ שְׁפִּיטָאל זֶעט עֶר דָארְטְן אַלֶע סָארְטְן קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ', ווֶעט עֶר דֶען צוּרִיק הַאלְטְן זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְצוּגֵיין? עֶר ווֵייסְט אַז עֶר אִיז קְרַאנְק, אוּן עֶר דַארְף אוֹיסְגֶעהֵיילְט ווֶערְן, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע קְרַאנְקֶע וְכוּ', אַזוֹי ווִי סְ'אִיז בְּגַשְׁמִיוּת אַזוֹי אִיז אוֹיךְ בְּרוּחְנִיוּת, אִין אוּמַאן קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער מֶענְטְשְׁן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיין פְּרָאבְּלֶעם וְכוּ', אוּן מִיט זַיין צָרָה וְכוּ', אוּן עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּנוֹיף פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי מֶענְטְשְׁן וְכוּ', דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דֶער צַדִיק הָאט אַ תִּיקוּן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן קֵיינֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן מִיט אַנְדֶערֶע, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַ פְּלַאץ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אַוֶועקְטְרַייבְּן אַן אַנְדֶערְן, אוּן דֶער וָואס עֶר טוּט דָאס אִיז אַלֵיין אַ חוֹטֵא וּפּוֹשֵׁעַ, וְכוּ', וְכוּ', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי קֶען פַארְרֶעכְטְן יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס קוּמְט צוּ אִים, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַ תִּיקוּן, זָאל עֶר זַיין ווִי אַזוֹי עֶר זָאל זַיין וְכוּ'.

**מֶען** גֶעפוּנְט, עֶס שְׁטֵייט בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ: (שְׁמוּאֵל א', כ"ב ב') "וַיִּתְקַבְּצוּ אֵלָיו כָּל אִישׁ מָצוֹק וְכָל אִישׁ אֲשֶׁר לוֹ נֹשֶׁא וְ'כָל אִ'ישׁ מַ'ר נֶ'פֶשׁ וַיְהִי עֲלֵיהֶם לְשָׂר וַיִּהְיוּ עִמּוֹ כְּאַרְבַּע מֵאוֹת אִישׁ" וָוארוּם בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאבְּן זִיךְ צַאמְגֶעקְלִיבְּן אַלֶע פַארְבִּיטֶערְטֶע אוּן אַלֶע צוּבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן

וואוּנְדֶער נָאךְ וואוּנְדֶער אַז וְ'כָל אִ'יש מַ'ר נֶ'פֶש אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אוּמַ"ן, אִיבֶּער דֶעם טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, מֶען דַארְף וויסְן אַז אִיךְ קוּם צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַז יֶעדֶער זָאל קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר פַארְרֶעכְט יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיבֶּערְדֶעם טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן קַיין שׁוּם בְּרִיאָה אוֹיף דֶער וֶועלְט.

**אֱמֶת** עֶס דְרֵייט זִיךְ אַרוּם מְשׁוּגָעִים וְכוּ' וָואס זִינְגֶען נַ' נַח' וְכוּ', וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן ווִי סְ'אִיז בַּאוואוּסְט בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט אַז אַ אִיד מִיטְן נָאמֶען ר' יוֹאֵל אַשְׁכְּנַזִי זַ"ל וָואס הָאט גֶעוואוֹינְט אִין טְבֶרְיָה הָאט דָאס אַרַיינְגֶעלֵייגְט בַּיי יֶענֶעם אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אוּן עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ גֶעמֵיינְט אַז עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּן הִימְל אַ צֶעטְל... אוּן פוּן דֶעם אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן דָאס מְשׁוּגַעַת, וְכוּ', אָבֶּער סְ'הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידוּת, נָאר אַזוֹי ווִי דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם לָאקֶערְט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס עֶס וֶוערְט מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן שְׁטֶעלְט אִים מְנִיעוֹת אוֹיפְן וֶועג וְכוּ', אִיז דָאס אוֹיכֶעט אַ גְרוֹיסֶער מְנִיעָה, וָוארוּם טַאטֶעס הָאבְּן אַ טַעֲנָה צוּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וְכוּ', קוּק עֶס דְרֵייט זִיךְ דָארְטְן אַרוּם מְשׁוּגָעִים, וְכוּ', טַאנְצְן אוֹיף דִי גַאסְן וְכוּ', אִיךְ וויל נִישְׁט אַז דוּ זָאלְסְט גֵיין צְווִישְׁן זֵיי וְכוּ', אוּן דֶער טַאטֶע אִיז גֶערֶעכְט, וַוייל קַיין פָאטֶער וויל נִישְׁט אַז זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ דְרֵייעֶן צְווִישְׁן מְשׁוּגָעִים, וְכוּ', אָבֶּער דֶער טַאטֶע וֵוייסְט נִישְׁט אַז דָאס זֶענֶען נִישְׁט קַיין

בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידִים, דָאס אִיז מְשׁוּגָעִים וָואס הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעטְשֶׁעפֶּעט וְכוּ׳, זָאל דֶער טַאטֶע בַּאזוּכְן בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידִים וָואס זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן דוּרְךְ ״הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ״ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בּוֹיעֶט (עַיֵּן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן נ״ט) וָועט עֶר זֶען אַן אַנְדֶערֶע וָועלְט פַאר זִיךְ, בָּחוּרִים אוּן יוּנְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען מַתְמִידִים אִין תּוֹרָה, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיט אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן דַפִּין גְמָרָא, אוּן סִימָנִים שׁוּלְחָן עָרוּךְ וְכוּ׳, וְכוּ׳, מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה, מַמָשׁ נִישְׁט צוּ בַּאשְׁרַייבְּן וָואס אַ בְּרֶסְלְבֶער חָסִיד אַ תַּלְמִיד פוּן ״הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ״ לֶערְנְט צַאם יֶעדְן טָאג, אוּן זַיין הַנְהָגָה מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר אַן אַנְדֶערְן אִיז גָאר אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ, זַיין דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט אַ חַיוּת מִיט אַ בְּרֶען, זַיין שִׂמְחָה, אִיז קַיין גְלַייכְן נִישְׁטָא.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן? הָאֱמֶת עַד לְעַצְמוֹ, אַוַודַאי פֶּעלְט נִישְׁט קַיין לֵיצָנִים אִין יֶעדְן דוֹר, אָבֶער שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט (מִשְׁלֵי ט׳) ״אִם חָכַמְתָּ חָכַמְתָּ לָּךְ וְלַצְתָּ לְבַדְךָ תִשָּׂא״, אוֹיבּ דוּ בִּיסְט קְלוּג בִּיסְטוּ קְלוּג פַאר דִיר אוּן אוֹיבּ דוּ מַאכְסְט לֵיצָנוּת מַאכְסְטוּ לֵיצָנוּת פוּן דִיר אַלֵיין, דָאס לֶעבְּן אִיז אַזוֹי קוּרְץ וִוי ס׳שְׁטֵייט (תְּהִלִּים צ׳) ״יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה וְאִם בִּגְבוּרוֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה״, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ס״א) דָאס דִי זִיבֶּעצִיג יָאר פְלִיעט אַרִיבֶּער פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ אַזוֹי וִוי פוּפְצְן מִינוּט, (אַ יוּנְגֶער מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט דָאס נִישְׁט) דִי חַזַ״ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פָּרָשָׁה צ״ו סִימָן ב׳) כְּצֵל יָמֵינוּ עַל הָאָרֶץ וְאֵין מִקְוֶה,

וְהַלְוַאי כְּצִלּוֹ שֶׁל כּוֹתֶל אוֹ כְּצִלּוֹ שֶׁל אִילָן אֶלָּא כְּצִלּוֹ שֶׁל עוֹף בְּשָׁעָה שֶׁהוּא עָף דִכְתִיב (תְּהִלִּים קמד) כְּצֵל עוֹבֵר, וְאֵין מִקְוֶה, וְאֵין מִי שֶׁיְּקַוֶּה שֶׁלֹּא יָמוּת הַכֹּל יוֹדְעִים וְאוֹמְרִין בְּפִיהֶם שֶׁהֵן מֵתִים; אִיז וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ מַאכְן לֵיצָנוּת?

נֶעבֶּעךְ אַלֶע צָרוֹת קוּמְט פַארְן מֶענְטְשׁ נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת פֶּרֶק ב' הֲלָכָה ח') קָשָׁה הִיא הַלֵּיצָנוּת שֶׁתְּחִילָתוֹ יִסּוּרִין וְסוֹפוֹ כְּלָיָה; אוּן וֶוען מֶען זֶעט אַ לֵץ דַארְף מֶען ווִיסְן אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל עֲבֵירָה, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (דֶּרֶךְ אֶרֶץ זוּטָא פֶּרֶק ד') תְּחִילַּת עֲבֵירָה הִרְהוּר הַלֵּב, וּשְׁנִיָּה לָהּ לֵיצָנוּת; אֵיידֶער אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחְמָנָא לִישֵּׁזְבָן מִיטְן בִּיטֶערְן חֵטְא פוּן פְּגַם הַבְּרִית אִיז עֶר פוּל מִיט הִרְהוּרִים רָעִים שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, בִּיז עֶר קוּמְט צוּ גְרָאבֶּע חֲטָאִים וְכוּ', אוּן אֵיינְמָאל עֶר זִינְקְט שׁוֹין אִין גֶעמֵיינֶע גְרָאבֶּע חֲטָאִים דֶעמָאלְטְס מַאכְט עֶר לֵיצָנוּת פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַזוֹי ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִילִּים נ"ה) "שָׁלַח יָדָיו בִּשְׁלוֹמָיו חִילֵּל בְּרִיתוֹ" אֵיינֶער טְשֶׁעפֶּעט עֶרְלִיכֶע אִידְן אִיז אַ סִימָן עֶר אִיז פָּגוּם בִּבְרִית.

מִיר גֶעפִינֶען אָבוֹת הָעוֹלָם הָאבְּן גֶעהַאט רְשָׁעִים וָואס זֵיי הָאבְּן פוּן זֵיי גֶעמַאכְט לֵיצָנוּת אוּן אַלֶע עֶרְלֵיי גֶעלֶעכְטֶער, בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ שְׁטֵייט (מִדְרָשׁ אַגָּדָה בְּרֵאשִׁית) לְפִי שֶׁהָיוּ לֵיצָנֵי הַדּוֹר אוֹמְרִים מֵאֲבִימֶלֶךְ נִתְעַבְּרָה שָׂרָה; אַזֶעלְכֶע גֶעמֵיינֶע לֵצִים אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט. בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְן דִי

חַזַ"ל (שְׁמוֹת רַבָּה פַּרְשָׁה נ"ב סִימָן ב') הָיָה מֹשֶׁה עוֹשֶׂה בַּמִּשְׁכָּן וְהָיוּ לֵיצָנֵי יִשְׂרָאֵל אוֹמְרִים אֶפְשָׁר שֶׁהַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה עַל יְדֵי בֶּן עַמְרָם; דִי רְשָׁעִים לֵיצָנִים הָאבְּן אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְמַאנֶען דֶעם הֵיילִיגְן נָאמֶען פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, נָאר מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן מִיט גֶעשְׁפֶּעט אוֹיפְן פַאמִילְיֶע נָאמֶען, 'בֶּן עַמְרָם', אוּן בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְן דִי חַזַ"ל (יְרוּשַׁלְמִי שְׁקָלִים פֶּרֶק ב' הֲלָכָה ה') אֵין דוֹר שֶׁאֵין בּוֹ לֵיצָנִין כְּדוֹרוֹ שֶׁל דָוִד; עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְטְס נִידֶערְטְרֶעכְטִיגֶע לֵיצָנִים וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוּנְטֶערְן פֶענְסְטֶער פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ אוּן גֶעמַאכְט פוּן אִים אַלֶע גֶעשְׁפֶּעט וְכוּ', עַיֵּין שָׁם.

אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי אַלֶע לֵיצָנֵי הַדּוֹר, ווִי סְ'אִיז דָא אַן עֶרְלִיכֶע אִיד וָואס אִיז דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר אִיז מְקַרֵב אִידְן צוּ דִי קְדוּשָׁה, שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף אַקֶעגְן אִים בִּיטֶערֶע מִתְנַגְדִים לֵיצָנֵי הַדּוֹר וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי זִיךְ, נָאר זוּכְן אַ חַבוּרָה וָואס זֵיי רֶעדְן נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וְכוּ', אוּן זֵיי רֶעדְן נָאר דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, אוּן זֶענֶען עוֹסֵק שְׁטֶענְדִיג אִין לֶערְנֶען, מִשְׁנָיוֹת, גְּמָרָא, שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וְכוּ', וְכוּ'.

צְווִישְׁן אַלֶע בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידִים קֶען מֶען דֶערְקֶענֶען זֵייעֶר גְּרֵיינְג אַ תַּלְמִיד פוּן "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ", קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, קוּם צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, אוּן בֶּעט דִיךְ אוֹיס אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, גֶעזוּנְט, פַּרְנָסָה, נַחַת, אוּן אַרוֹיסְגֵיין

שׁוין פון אַלֶע צָרוֹת, און עֶס זָאל שׁוין אִינְטֶערְגֵיין דִי מַלְכוּת הַמִינוּת, וָואס אַלֶע צָרוֹת נֶעמְט זִיךְ פוּן זֵיי, און עֶס זָאל נִתְגַלֶה וֶוערְן דָאס מַלְכוּת דִקְדוּשָׁה, און עֶס זָאל מְקוּיָים וֶוערְן "וְיֵדַע כָּל פָּעוּל כִּי אַתָּה פְּעַלְתּוֹ וְיָבִין כָּל יְצוּר כִּי אַתָּה יְצַרְתּוֹ וְיֹאמַר כֹּל אֲשֶׁר נְשָׁמָה בְּאַפּוֹ הֲוָיָ"ה אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל מֶלֶךְ וּמַלְכוּתוֹ בַּכֹּל מָשָׁלָה".

**אִיךְ וואוּנְטְשׁ דִיר אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

## לב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם חֲמִישִׁי לְסֵדֶר נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ כ"ג אֱלוּל ה'תש"ע.

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**דַיין בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן.**

**עֶס** טוּט מִיךְ זֵייעֶר וֵויי וָואס עֶס גֶעפוּנֶען זִיךְ שְׁלֶעכְטֶע גֶעמֵיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי מוּזְן רֶעדְן אוֹיף נֵייעֶ סְפָרִים וָואס וֶוערְן גֶעדְרִיקְט וְכוּ'. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן סא) דָאס וֶוער עֶס רֶעדְט אוֹיף נֵייעֶ סְפָרִים אִיז אַ סִימָן אַז זַיין קָאפּ אִיז פוּל מִיט מוֹתָרוֹת, עֶר הָאט צוֹאָה אִין קָאפּ. אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (עֵירוּבִין כ"א) הַלּוֹעֵג עַל דִּבְרֵי חֲכָמִים נִידוֹן בְּצוֹאָה רוֹתַחוֹת; עֶס גֵייט אִים אַרוֹיף צוּם מוֹחַ עַשָׁנִים סְרוּחִים, און פַארְדְרֵייעֶן אִים דֶעם מוֹחַ, און עֶר רֶעדְט כָּל דָבָר אָסוּר.

און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל אִיז מַאֲרִיךְ אִין לִיקוּטֵי הַלָכוֹת (קִידוּשִׁין הַלָכָה ג' אוֹת כ"א) דָאס יֶעדְן טָאג קוּמֶען אַרוֹיס טוֹיזֶענְטֶער בִּיכֶער טְרֵייף פָּסוּל פוּל מִיט כְּפִירוּת און אַפִּיקוֹרְסוּת, און אוֹיף דֶעם רֶעדְט קֵיינֶער נִישְׁט, נָאר אַז אַ אִיד דְרִיקְט אַ סֵפֶר וָואס עֶס רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה אָדֶער פוּן הַלָכָה טַאנְצְן און שְׁפְּרִינְגֶען אַרוֹיף עַזוּת פֶּנִימֶ'ער, און זֵיי רֶעדְן כָּל דָבָר אָסוּר אוֹיף דֶעם סֵפֶר, וְכוּ'. וֶוער בֶּעט אַייךְ צוּ קוּקְן אִין דֶעם סֵפֶר? אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין חַיוּת אִין דֶעם, קוּק נִישְׁט אִין דֶעם, וְכוּ'! אָבֶער קְרִיג נִישְׁט אוֹיף דֶעם, וַוייל מִיר זֶעעֶן אַז עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זִיךְ יָא מְחַיֶה פוּן סְפָרִים וָואס רֶעדְן פוּן פְּשַׁט אָדֶער פוּן דְרוּשׁ אָדֶער פוּן רֶמֶז אָדֶער פוּן סוֹד, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ צִיט זִיךְ צוּ אַן אַנְדֶער סֵפֶר, אָבֶער נִישְׁט פַּסְלֶ'ן אַ סֵפֶר וָואס עֶס רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה און קִיוּם מִצְווֹת מַעֲשִׂיוֹת, וְכוּ', עַיֵין שָׁם. און דָאס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל גֶעשְׁרִיבְּן בְּעֶרֶךְ פַאר הוּנְדֶערְט און זִיבֶּעצִיג יָאר צוּרִיק, - וָואס זָאלְן מִיר הַיינְט זָאגְן וֶוען יֶעדְן טָאג קוּמֶען אַרוֹיס אָן אַ גוּזְמָא הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער, טָמֶא'נֶע בִּיכֶער פוּן מִינִים וְאַפִּיקוֹרְסִים, שְׁמוּץ פוּן אַלֶע אוּמוֹת הָעוֹלָם, און אַלֶע סָארְטְן צֵייטוּנְגֶען וָואס אִיז פוּל מִיט לָשׁוֹן הָרָע און גֶעשְׁפֶּעט - דֶער פוּן דֶעם און דֶער פוּן יֶענֶעם, וְכוּ', וְכוּ', - און אוֹיף דֶעם אִיז אֵין פּוֹצֶה פֶּה וּמְצַפְצֵף, קֵיינֶער רֶעדְט נִישְׁט, נָאר מֶען צָאלְט נָאךְ גֶעלְט און מֶען קוֹיפְט דָאס אָן בּוּשָׁה, און וֶוען אַ אִיד גֶעבְּט אַרוֹיס אַ סֵפֶר וָואס עֶס רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה און בִּטָחוֹן

וְכוּ', אָדֶער הֲלָכָה אָדֶער דְּרוּשׁ אָדֶער פִּלְפּוּל וְכוּ' וְכוּ', מַאכְט מֶען פוּן אִים אַלֶע לֵיצָנוּת וְכוּ'?, זֶעסְטוּ נִישְׁט אַז דָאס אִיז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַלֵיין? אוּן דִי אַלֶע וָואס זֵיי רֶעדְן אוֹיף סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, זֵיי זֶענֶען פְּשׁוּטֶע נוֹאֲפִים רַחְמָנָא לִיצְלָן, דֶער קָאפּ זֵייעֶרֶע אִיז פוּל מִיט טִינוּף אוּן מִיט צוֹאָה, אוּן מֶען דַארְף פוּן זֵיי זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן.

אוּן ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קו) אַז דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר מְסוּכָּן, זֵיי וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן אִין דִי גְמָרָא (כְּתוּבּוֹת עז:) בַּעֲלֵי רָאתָן, זָאגְט רַשִׁ"י שֶׁיֵּשׁ לָהֶם שֶׁרֶץ בְּמוֹחַ, דָאס הֵייסְט זֵיי הָאבְּן אַ טוּמְאָה אוּן כְּפִירָה אִין זֵייעֶר מוֹחַ, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן זֵיי, וָוארוּם זֵייעֶר אָטֶעם אִיז מַזִּיק פַאר אַן עֶרְלִיכְן אִיד. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אוּן קוּק נִישְׁט אוֹיף דִי וָואס זֵיי רֶעדְן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס זֵיי זֶענֶען מְגַלֶּה דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן מְחַזֵּק אוּן שְׁטַארְקְן אַלֶע צוּבְּרָאכֶענֶע נְשָׁמוֹת, אוּן זֶענֶען מְקָרֵב אִידְן צוּ תּוֹרָה אוּן צוּ קִיּוּם מִצְוֹת מַעֲשִׂים בְּשִׂמְחָה, הָאבּ נִישְׁט מִיט זֵיי קַיין שׁוּם פַארְקֶער, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִין זַיין הַקְדָּמָה אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן "לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת", מַה-דָּאךְ אַז אֵיינֶער שְׁפֶּעט פוּן זַיין חָבֵר הָאט עֶר נִישְׁט קַיין חֵלֶק אִין עוֹלָם הַבָּא, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נח) הַמְכַנֶּה שֵׁם לַחֲבֵירוֹ אֵין לוֹ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא, כָּל שֶׁכֵּן אַז אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט גֶעשְׁפֶּעט

פוּן אַ סֵפֶר וָואס אִיז מְגַלֶה דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער אוּן רֶעדְט נָאר דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה דֶער וֶועט זִיכֶער נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֵלֶק אִין עוֹלָם הַבָּא.

עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז אִין דִי שְׁטָאט לֶעמְבֶּערְג וואוּ עֶס הָאבְּן גְעוואוֹינְט דִי הֵיילִיגֶע שְׁוָואגֶערְס רֶבִּי יוֹסֵף שָׁאוּל נָאטְנְזָאן זַ"ל אוּן רֶבִּי מָרְדְכַי זְאֵב אִיטִינְגֶער זַ"ל בֵּיידֶע זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע גְאוֹנִים, אוּן צוּזַאמֶען הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁרִיבְּן סְפָרִים, אוּן אוֹיךְ הָאט יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן זֵיי גֶעשְׁרִיבְּן סְפָרִים, אוּן עֶס הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען דֶעמָאלְטְס אַ גְרוֹיסֶער עַזּוּת פָּנִים וָואס הָאט זֵיי בֵּיידֶען מְקַנֵא גֶעוֶוען הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ סֵפֶר מִיטְן נָאמֶען דוֹבֵר מֵישָׁרִים, אַקֶעגְן דִי צְוֵוי גְאוֹנִים, וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעפַּסְקֶ'ענְט הָאט עֶר מְחוּלָק גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט צוּשִׁיקְט זַיין סֵפֶר צוּ אַלֶע גְדוֹלֵי עוֹלָם, אוּן צוּם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זי"ע הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט צְוֵויי מָאל, צוּ מַאכְן זִיכֶער אַז עֶר הָאט עֶס בַּאקוּמֶען, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זי"ע וִוי עֶר הָאט עֶס נָאר אַ קוּק גֶעגֶעבְּן אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער פַּארְשׁוֹין שְׁרַייבְּט אַזוֹי מִיאוּס אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע צְוֵויי שְׁוָואגֶערְס, הָאט עֶר דָאס גֶעהֵייסְן גְלַייךְ פַארְבְּרֶענֶען, אוּן דֶער פַּארְשׁוֹין הָאט גֶעזֶען אַז דִי חֲתַם סוֹפֵר זי"ע עֶנְטְפֶערְט אִים נִישְׁט, הָאט עֶר צוּ אִים גֶעשִׁיקְט אַ בְּרִיוו עֶר זָאל זָאגְן אַ מֵיינוּנְג אוֹיף זַיין סֵפֶר וָואס עֶר אִיז מְחוּלָק אוֹיף דִי צְוֵויי גְאוֹנִים, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זי"ע גֶעעֶנְטְפֶערְט אַ לַאנְגְן בְּרִיוו מִיט גְרוֹיס אֲרִיכוּת, "מַיינֶע אוֹיגְן גִיסְן טְרֶערְן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען

דֶעם קוּנְטְרֵס וָואס דוּ הָאסְט גֶעשְׁרִיבְּן אַקֶעגְן דִי צְוֵויי גְאוֹנִים, אוֹי לְעֵינַיִם שֶׁכַּךְ רוֹאוֹת, עֶס גְלֵייבְּט זִיךְ נִישְׁט אַז אִין דֶעם דוֹר זָאל זִיךְ גֶעפִינֶען מֶענְטְשְׁן וָואס זוּכְן חֶסְרוֹנוֹת בַּיי אַזֶעלְכֶע גְדוֹלֵי הַדוֹר.

**עֶס** גֶעפוּנְט זִיךְ אִין דִי וֶועלְט אַזוֹי פִיל מִינִים וְאַפִּיקוֹרְסִים וָואס גֶעבְּן אַרוֹיס אַלֶע עֶרְלֵיי בִּיכֶער פוּל מִיט כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת אוּן קֵיינֶער שְׁטֵייט נִישְׁט אַקֶעגְן זֵיי, קֵיינֶער קְרִיגְט נִישְׁט אוֹיף זֵיי, נָאר וֶוען אַ אִיד גֶעבְּט אַרוֹיס אַ סֵפֶר וָואס עֶס רֶעדְט פוּן אֶמוּנָה אוּן פוּן הֲלָכוֹת וְכוּ' זוּכְט מֶען אוֹיף אִים מִיט לֶעכְט צוּ טְרֶעפְן אַלֶע חֶסְרוֹנוֹת, וְכוּ', אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אַז עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ, אוּן ווי קֶענֶען מִיר וַוארְטְן אוֹיף דִי גְאוּלָה וֶוען עֶס גֶעפוּנְט זִיךְ אַזֶעלְכֶע גֶעמֵיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע דַאֲגוֹת נָאר זוּכְן חֶסְרוֹנוֹת אוּן פֶעלֶערְן אוֹיף סְפָרִים וָואס זֵיי זֶענֶען מְגַלֶה דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן זֵיי שְׁטַארְקְן אִידְן מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוֹות וְכוּ'? עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז אִין גַאנְץ שְׁטָאט לֶעמְבֶּערְג זָאל זִיךְ נִישְׁט גֶעפִינֶען אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס זָאל אַקֶעגְן שְׁטֶעלְן זִיךְ דַיין סֵפֶר דוֹבֵר מֵישָׁרִים וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם מוּז אִיךְ דִיר זָאגְן, פָאלְג מִיר נֶעם צוּזַאם אַלֶע דַיינֶע סְפָרִים וָואס דוּ הָאסְט גֶעדְרִיקְט אוּן פַארְבְּרֶען עֶס, וָוארוּם אַזַא סֵפֶר טָאר נִישְׁט זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס זֵיי רֶעדְן אוֹיף גְדוֹלֵי עוֹלָם וָואס זֶענֶען מְגַלֶה דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ אוֹיף קִידוּשׁ הַשֵׁם" וְכוּ'.

**אוּן** וַוייטֶער שְׁרַייבְּט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זי"ע, "אִיךְ אַלֵיין בִּין אַ מְלַמֵד, לֶערְן שׁוֹין מִיט תַלְמִידִים לַאנְגֶע יָארְן, וֶוען דִי תַלְמִידִים ווערְן גְרוֹיס אוּן זֵיי וֶוערְן גְרוֹיסֶע לוֹמְדִים, וֶוערְן זֵיי גֶעוואוֹיר אַז אִיךְ קֶען גָארְנִישְׁט וְכוּ'", - אַזוֹי שְׁרַייבְּט עֶר מֵרוֹב עַנִיווּת - "לָאזְן זֵיי מִיר אִיבֶּער אוּן גֵייעֶן אַוֶועק פוּן מִיר, אָבֶּער אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן נֵיי אוּן לֶערְן מִיט נֵייעֶ תַלְמִידִים בִּיז זֵיי וֶוערְן אוֹיךְ גְרוֹיס, אוּן וֶוערְן גְרוֹיסֶע לוֹמְדִים אוּן וֶוערְן גֶעוואוֹיר אַז אִיךְ קֶען גָארְנִישְׁט, לָאזְן זֵיי מִיר אוֹיךְ אִיבֶּער", וְכוּ', וְכוּ'.

**זֶעט** מֶען פוּן דֶעם אַז נָאךְ אִין יֶענֶע צַייטְן הָאבְּן זִיךְ גֶעפוּנֶען שְׁקָצִים אוּן עַזוּת פָּנִימ'ער, וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעוַואגְט צוּ רֶעדְן אוּן צוּ שְׁרַייבְּן אַקֶעגְן הֵיילִיגֶע סְפָרִים, אִיז וָואס ווילְסְטוּ זָאל זַיין אִין אוּנְזֶער דוֹר, וֶוען דִי שְׁמוּץ אוּן דִי פְּרִיצוּת אוּן דִי עֶקְלְקֵייט פוּן דִי פְּרָאסְטֶע גוֹיִים דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אִין דִי גַאסְן אוֹיסְגֶעלַאסְן וְכוּ', אוּן לֵיידֶער וֶוערְט מֶען נִכְשָׁל מִיט רְאִיוֹת אֲסוּרוֹת וְכוּ', אוּן עֶס אִיז גֶעדְרִיקְט אוּן פַארְשְׁפְּרֵייט אַלֶע עֶרְלֵיי שְׁמוּץ עֶקְלְדִיגֶע מַאגַאזִינֶען וְכוּ', אוּן לֵיידֶער מֶענְטְשְׁן ווערן נִכְשָׁל דוּרְכְדֶעם אִין גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת, וְכוּ', וְכוּ'? וָואס ווילְסְטוּ אַז דִי גֶעמֵיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף הֵיילִיגֶע סְפָרִים? עֶס אִיז דָאךְ בַּאוואוּסְט אַז לֶעבְט מִיט פִינְסְטֶער מִישְׁן זִיךְ נִישְׁט אוֹיס, קְדוּשָׁה מִיט טוּמְאָה מִישְׁן זִיךְ נִישְׁט אוֹיס וְכוּ וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ ווִיסְן: דִי אַלֶע וָואס זֵיי רֶעדְן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶה דֶעם בּוֹרֵא

כָּל עוֹלָמִים אָפְן, אוּן זֶענֶען מְחַזֵק אַלֶע צוּבְרָאכֶענֶע אוּן גֶעפַאלֶענֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן זֵיי בְּרֶענְגְן זֵיי צוּרִיק צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זֶענֶען מַחֲזִיר לְמוּטָב צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן, וויסְן דַארְפְסְטוּ וויסְן אַז דִי וָואס זֵיי רֶעדְן אוֹיף דִי סְפָרִים זֶענֶען אַלֵיין פַארְדָארְבֶּענֶע מֶענְטְשְׁן, פְּגוּם פוּל מִיט שְׁמוּץ, אִיז וָואס דַארְפְסְטוּ צוּ זֵיי צוּהֶערְן? דוּ אַלֵיין ווֵייסְט וָואס דִי סְפָרִים הָאבְּן מִיט דִיר גֶעמַאכְט, זֵיי הָאבְּן דִיר אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט מִן הַקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה, אוּן הַיינְט ווַייל עֶטְלִיכֶע הוּנְט טְמֵאִים אוּן מְטוּמָאִים וָואס עֶס שְׁטוּנְקְט פוּן זֵיי אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ פוּן פְּגַם הַבְּרִית, דַארְפְסְטוּ פוּן זֵיי הִתְפַּעֲלוּת הָאבְּן? לֵיידֶער דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע סִימָנִים אַז מִיר הַאלְטְן שׁוֹין בַּיים סוֹף גָלוּת, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה מט:) בְּעִקְבוֹת מְשִׁיחָא חוּצְפָּא יִסְגֵא; עֶס וֶועט זִיךְ גֶעפִינֶען גְרוֹיסֶע עַזוּת פְּנִימֶ'ער, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ') אַז דִי עַזוּת פְּנִימֶ'ער וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן הוּנְט, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נו) "וְהַכְּלָבִים עַזֵי נֶפֶשׁ" אוּן מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן זֵיי, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין ווִיכּוּחִים מִיט קַיין עַזֵי פָּנִים, ווִי דִי וֶועלְט זָאגְט "מִיט הוּנְט חַבֶר'ט מֶען זִיךְ נִישְׁט ווַייל מֶען קֶען כַאפְּן אַ בִּיס פוּן זֵיי".

**וזאוי"ל** אִיז דֶעם וָואס עֶר קוּקְט יָא אַרַיין אִין דִי סְפָרִים אוּן אִיז זִיךְ מְחַיֶה מִיט דִי סְפָרִים אוּן וֶוערְט דֶערְוֶועקְט פוּן טִיפְן שְׁלָאף דוּרְךְ דִי סְפָרִים, וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**הַמְּאַחֵל לְךָ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה**

# לג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם שִׁשִּׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ כ"ד אֱלוּל ה'תש"ע.

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר מִיט דִי בְּשׂוֹרָה טוֹבָה וָואס דוּ הָאסְט מִיךְ מְבַשֵּׂר גֶעוֶוען וְכוּ' וְכוּ'.**

זֶע זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, זָאלְסְט נִישְׁט צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ אִיז נָאר הִתְחַזְקוּת; מְחַזֵּק זַיין זִיךְ אִין אִידִישְׁקֵייט, מְחַזֵּק זַיין אוּן מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְווֹת בְּשִׂמְחָה, ווִי דִי הֵיילִיגֶע רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א'), כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם עִם אֱלֹקָיו; אוֹיבּ אַ אִיד טוּט אַ מִצְוָה מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז זַיין הַארְץ אִיז רֵיין מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אוּן בְּשַׁעַת מֶען טוּט אַ מִצְוָה זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס טוּט זִיךְ אִין דִי עוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים בְּשַׁעַת אַ אִיד אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶר הָאט אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, עֶר הָאט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת, עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער שְׁוֶועריקֵייטְן אִין לֶעבְּן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ אוּן עֶר גֵייט מִיט צִיצִית אוּן מִיט תְּפִילִין מִיט אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, אוּן הָאט אַ מְזוּזָה עַל פֶּתַח בֵּיתוֹ, אוּן עֶר עֶסְט כָּשֵׁר, אוּן עֶר הִיט שַׁבָּת, אוּן עֶר גֵייט אִין שׁוּל דַאוֶונֶען עֶרֶב וָבוֹקֶר וְצָהֳרָיִם, אוּן כַאפְּט

אַרַיין מִצְווֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, דָאס אִיז אִין הִימְל מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב, קַיין שׁוּם מַלְאַךְ אוּן קַיין שׁוּם שָׂרָף קֶען דָאס נִישְׁט בַּאוַוייזְן, אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אִים אַזוֹיפִיל בִּיטֶערְנִישׁ, אַזוֹיפִיל שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פַארְלִירְט עֶר זִיךְ נִישְׁט אוּן עֶר גְלֵייבְּט אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר אִיז דָא בַּיי אִים אִין אִים אוּן נֶעבְּן אִים, מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן אַז עֶר אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַּארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס אִיז חָשׁוּב אִין הִימְל זֵייעֶר שְׁטַארְק, וַוייל תְּפִלָּה דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה צוּ וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קוּמֶען, וֶועגְן דֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ, וֶועסְטוּ זֶען דִי נִיסִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיר טוּן, דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ שְׁטַארְקְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ, "פַארְוָואס בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען צוּ מַיין זַאךְ? וַוייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן!"

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה**

## לד

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁשִּׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ כ"ד אֱלוּל ה'תש"ע.**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֶע זִיךְ מְחַזֵּק צוּ זַיין, זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, גֶעבּ דִיךְ אִיבֶּער צוּם בּוֹרֵא

כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט. אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֶמוּנָה פְּשׁוּטָה אוּן דָאס וֶועט אִים רַאטֶעוֶועןְ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, מֶען זֶעט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיינֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיין צַעַר, וְכוּ', וְכוּ'. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז דֶער עִיקֶר אִיז דֶערְהַאלְטְן זִיךְ, מֶען טָאר נִישְׁט צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אֲפִילוּ אַלֶע רֶעדְן אוֹיף דִיר כָּל דָבָר אָסוּר וְכוּ' וְכוּ', דוּ זַיי שְׁטִיל. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') אַז דֶער עִיקֶר תְּשׁוּבָה אִיז הֶערְן זַיין בִּזָיוֹן, אוּן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף זַיינֶע בִּזְיוֹנוֹת, אִיז עֶר מַכְנִיעַ דִי שְׁלֶעכְטֶע בְּלוּט וָואס זַיי קָאכְן אִין אִים וְכוּ' וְכוּ'. אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט בִּזְיוֹנוֹת, מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים, וְכוּ', וְכוּ', אוּן עֶר שְׁוַוייגְט אוּן עֶס בְּרֶענְט אִין אִים צוּ עֶנְטְפֶערְן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן עֶנְטְפֶערְט עֶר נִישְׁט, דָאס אִיז דֶער עִיקֶר תְּשׁוּבָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** הָאבּ שֵׂכֶל, עֶנְטְפֶער נִישְׁט דִי אַלֶע וָואס זַיי שְׁפֶּעטְן פוּן דִיר. בִּפְרַט אַז זַיי שְׁפֶּעטְן פוּן דִיר אַז דוּ בִּיסְט מְקוֹרָב צוּ אַזַא גְרוֹיסְן צַדִיק, הַלְוַואי פַאר יֶעדְן אִידְן גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל שְׁפֶּעטְן אַז עֶר אִיז מְקוֹרָב צוּ אַ צַדִיק. ווִי בַּאוואוּסְט גְרוֹיסֶע צַדִיקִים פְּלֶעגְן זָאגְן, דָאס אִיז אַ חֶסֶד פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דֶער גוֹי דֶערְמַאנְט אוּנְז אַז מִיר זֶענֶען אִידְן, יֶעדֶע אוּמָה שְׁפֶּעט דֶעם אִיד, מֶען שְׁרַייט אִים נָאךְ "דְזִשִׁיד" וְכוּ' - אִין אַלֶע שְׁפְּרַאכְן שְׁרַייעֶן

זַיי נָאךְ "אִיד", כְּדֵי אִים צוּ דֶערְמַאנֶען אַז עֶר אִיז אַ אִיד, אַז עֶר זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי בְּרָכָה וָואס מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי".

מֶען דֶערְצֵיילְט נָאךְ אוֹיפְן הֵיילִיגְן בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי"ע עֶר הָאט גֶעזָאגְט דִי בְּרָכוֹת יֶעדְן טָאג הוֹיעֶךְ אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אַ אִיד און הָאט אִים גֶעזָאגְט, "רֶבִּי אֵיין בְּרָכָה הָאט אִיר אוֹיסְגֶעלָאזְט", הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי"ע גֶעוִוינְקֶען מִיט דִי הַאנְט, ווי אֵיינֶער זָאגְט, "וָואסֶערֶע בְּרָכָה?" הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי, הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעזָאגְט", הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען הַיינְט צוּבְּרָאכְן, אִיךְ הָאב גֶעשְׁפִּירְט אַז אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, און דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט מִיךְ צוּבְּרָאכְן אִינְגַאנְצְן, הָאב אִיךְ גֶעגֶעבְן אַ טַאנְץ און אִיךְ הָאב גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי' מִיט דֶעם בִּין אִיךְ זִיךְ מְחַיֶה". זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דָאס אִיז אוּנְזֶער חַיוּת דֶער גוֹי שְׁפֶּעט אוּנְז אַז מִיר זֶענֶען אַ אִיד, דָאס אִיז אוּנְזֶער קְרוֹין, דָאס אִיז אוּנְזֶער פַארְמֶעגְן. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, וֶוער נִישְׁט פַארְלוֹירְן אַז מֶען שְׁפֶּעט דִיךְ אַז דוּ בִּיסְט מְקוּרָב צוּ אַזַא גְרוֹיסְן צַדִיק.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט מְקַבֵּל זַיין אַסַאךְ פוּן דֶעם צַדִיק - און דֶער צַדִיק וִויל פוּן דִיר גָארְנִישְׁט, נָאר דוּ זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם

בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין צוּבְּרָאכְן און זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דִי מִצְווֹת וָואס דוּ בִּיסְט מְקַיֵּים, און זָאלְסְט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, וְכוּ', וְכוּ'. זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, אוֹיף דִיר וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט רַחְמָנוּת הָאבְּן, אוֹיב דוּ וֶועסְט אוֹיף דִיר נִישְׁט רַחְמָנוּת הָאבְּן, וֶועט קֵיינֶער אוֹיף דִיר נִישְׁט רַחְמָנוּת הָאבְּן! שְׁטַארְק זִיךְ און זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, און זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה פוּן הִימְל, און אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה**

# לה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁישִׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ כ"ד אֱלוּל ה'תש"ע.**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגְן בְּרִיוו, עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר זֵייעֶר וֵויי וָואס אוֹיף דִיר גֵייט אִיבֶּער צָרוֹת מִיט יִסוּרִים און אַלֶע בִּיטֶערְנִישְׁן, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זֶע זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, זָאלְסְט נִישְׁט צוּלָאזְן אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זָאל דִיךְ צוּבְּרֶעכְן, וָוארוּם יֶעדֶער אֵיינֶער מַאכְט מִיט נִסְיוֹנוֹת קָשִׁים וּמָרִים, שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, הֵן פוּן זִיךְ הֵן פוּן אַן אַנְדֶערְן וְכוּ'. דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן יֶעדְן אִיד אִיז, וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, טוּ אַלֶעס אִין דֶער

וֶועלְט זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אוּן צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. זָאלְסְט גֶעדֶענְקֶען אַז אוֹיבּ אֵיינֶער וִויל אָנְגֶערוּפְן וֶוערְן אוֹיפְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען "בְּרֶסְלְבֶער חָסִיד", דֶער מוּז אַזוֹיפִיל חַזֶרְ'ן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת, סֵפֶר הַמִּדּוֹת, שִׂיחוֹת הָרַ"ן, חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, בִּיז עֶר זָאל עֶס קֶענֶען אוֹיסֶענְוֵוייניג. אַנְדֶערְשׁ נַארְט עֶר זִיךְ אוּן עֶר נַארְט אַן אַנְדֶערְן.

**זָאלְסְט** נִישְׁט מֵיינֶען אַז דֶער לֶעבְּן גֵייט גְרִינְג, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זַיינֶע שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אָבֶּער דָאס גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה פוּן אַן עֶרְלִיכְן אִיד אִיז אַז עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ, "פַארְוָואס בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען צוּ מַיין זַאךְ? ווייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן". אוּן עֶר הָאט דָאס אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אוּן אוּנְז אַז מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיבֶּעט לֶערְנֶען פוּן אִים וִויאַזוֹי זִיךְ מְחַזֵק זַיין, אוּן וִויאַזוֹי זִיךְ דֶערְהַאלְטְן. אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס דָאס הֵייסְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּין הִתְבּוֹדְדוּת, וִוי עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ה), הַהִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל; זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז הֶעכֶער פוּן אַלְסְדִינְג. אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס אִיז שְׁטַארְק אִין דֶעם וֶועט אִים דֶער בַּאשֶׁעפֶער שְׁטֶענְדִיג הֶעלְפְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

# לו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם רְבִיעִי עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה ה'תשע"א פֹּה אוּמַאן יצ"ו.

שָׁלוֹם אֶל הָאַבְרֵכִים הַיְקָרִים "חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב" תַּלְמִידֵי "הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ" דִקְהִילָה קַדִישָׁא ווִילְיַאמְסְבּוּרְג שֶׁיִּחְיוּ נֶצַח.

אִיךְ בֶּעט עֶנְק זֵייעֶר הַאלְטְס זִיךְ צוּזַאמֶען, וַוייל נָאר אוֹיף אַזַא אוֹפְן וֶועט אִיר מַצְלִיחַ זַיין. וִויסְן דַארְפְט אִיר וִויסְן, אַז אִין יֶעדֶע קְהִילָה אִין דֶער וֶועלְט אִיז דָא כָּל מִינֵי דֵיעוֹת וְכוּ', אַזוֹי ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נח.) כְּשֵׁם שֶׁפַּרְצוּפֵיהֶן שׁוֹנוֹת כַּךְ דֵעוֹתֵיהֶן שׁוֹנוֹת; פּוּנְקְט ווִי אֵיינֶער זֶעט נִישְׁט אוֹיס ווִי דֶער אַנְדֶערְן, אַזוֹי טְרַאכְט נִישְׁט אֵיינֶער ווִי דֶעם אַנְדֶערְן. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ב'), דָאס בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז חָשׁוּב אַז פְּעוּלוֹת הַמְשׁוּנוֹת (מֶענְטְשְׁן וָואס טְרַאכְטְן אַנְדֶערְשׁ ווִי דֶער צְוֵוייטֶער), מִתְאַחֲדִין בְּאַחְדוּת הַפָּשׁוּט (וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אֶמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים קוּמֶען זֵיי זִיךְ צוּזַאם). דָאס הֵייסְט, מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיף צְווִינְגֶען זַיין דַעַת אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אָבֶער אֵיין זַאךְ דַארְף אוּנְז הַאלְטְן צוּזַאמֶען - דִי אֶמוּנָה הַקְדוֹשָׁה אִין בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים, - דָאס הֵייסְט "פְּעוּלוֹת מְשׁוּנוֹת מִתְאַחֲדִין בְּאַחְדוּת הַפָּשׁוּט", יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַן אַנְדֶערְן מַחְשָׁבָה אַן אַנְדֶער פַארְשְׁטַאנְד אוּן אַן אַנְדֶערְן שֵׂכֶל, אָבֶער וָואס עֶס אָנְבְּלַאנְגְט דִי אֶמוּנָה הַקְדוֹשָׁה, גְלֵייבְּן אִין בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים, דָאס דַארְף אַלֶעמֶען צוּזַאם בְּרֶענְגֶען. אֶמוּנָה דַארְף זַיין נָאר אִין בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים, וִויסְן דָאס עֶר אִיז

מֶלֶךְ קֶעניג אוֹיף דֶער גַאנְצֶער װעלְט, אַלֶעס װֶוערְט גֶעפִירְט נָאר דוּרְךְ אִים בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִית, אוּן נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן קַיין שׁוּם אֱמוּנוֹת טְפֵילוֹת אֱמוּנוֹת כּוֹזְבִיוֹת וְכוּ'. זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ב) וְוי קוּמְט מֶען צוּ אַזוֹי אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה? נָאר דוּרְךְ לֶערְנֶען שׁוּלְחָן עָרוּךְ, דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר װֶועט לֶערְנֶען שׁוּלְחָן עָרוּךְ, װֶועט פוּן אִים אַװֶועק פַאלְן אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן פַארְקְרִימְטְקֵייט, אוּן דָאס אִיז דִי טַייטְשׁ פוּן פָּסוּק (תְּהִלִּים קי"ט) "אוֹדְךָ בְּיוֹשֶׁר לֵבָב", ווילְסְט קוּמֶען צוּ אַ גְלַייךְ הַארְץ אָן קַיין שׁוּם סְפֵיקוֹת אִין דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה? "בְּלָמְדִי מִשְׁפְּטֵי צִדְקֶךָ", דָאס װֶועט זַיין װֶוען דוּ װֶועסְט לֶערְנֶען דִי מִשְׁפְּטֵי הַתּוֹרָה, דָאס הֵייסְט שׁוּלְחָן עָרוּךְ.

ווייסְן דַארְף מֶען ווִיסְן, אַז אַן אֶמֶת'ער עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז נָאר דֶער וָואס פִירְט זִיךְ אוֹיפְן דֶרֶךְ פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶע רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ט) אַז אַ יֶעדֶער אִיד מוּז לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט, אִיר מֶעגְט קְנֵייטְשְׁן מֵיין סֵפֶר ווִי אִיר ווִילְט (דָאס הֵייסְט מְחַדֵּשׁ זַיין אִין זַיין סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן), אָבֶער נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ. אִיבֶּערְדֶעם דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת פוּן אַ אִיד אִיז עֶר זָאל זִיךְ פִירְן נָאר עַל פִּי שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אַזוֹי װֶועט עֶר ווִיסְן אַז עֶר טְרֶעט נִישְׁט אָפּ פוּן דֶעם אִידִישְׁן װֶועג.

בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען צְוֵויי זַאכְן אַן עִיקָר שֶׁבְּכָל הָעִיקָרִים: א) זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא

כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן אִים אוֹיסְדֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער וְכוּ', אוּן בֶּעטְן וָואס מֶען דַארְף, וָוארוּם נָאר דֶער בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים קֶען הֶעלְפְן אוּן נָאר אִים דַארְף מֶען בֶּעטְן. ב) לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּן אַ סְעִיף קָטָן פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ. מֶען דַארְף זִיךְ מַאכְן צְוֵויי שִׁיעוּרִים אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ: אֵיינְס לֶערְנֶען אַסַאךְ מְחַבֵּר רְמָ"א כְּסִדְרָן פוּן ד' חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ, מֶען זָאל זַיין בָּקִי אִין אַרְבַּע חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וִויסְן וואוּ יֶעדֶע הֲלָכָה גֶעפִינְט זִיךְ; אוּן דִי צְוֵוייטֶע שִׁיעוּר דַארְף זַיין מֶער בְּעִיוּן, טוּר בֵּית יוֹסֵף, מִיט שׁוּלְחָן עָרוּךְ מָגֵן אַבְרָהָם אוּן טוּרֵי זָהָב וְכוּ', עֶר זָאל קֶענֶען גְרוּנְטְלִיךְ דִי הֲלָכָה. דָאס אִיז דֶער יְסוֹד פוּן אַ אִיד זִיךְ פִירְן נָאר אוֹיף דֶעם וֶועג פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אַזוֹי וֶועט מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּן אֶמֶתְ'ן אִידִישְׁן וֶועג.

**אַז** מֶען וויל מַצְלִיחַ זַיין מִיט הַנְהָגַת הַקְהִילָה טָאר מֶען נִישְׁט זַיין אַ דִיקְטַאטוֹר, אַרוֹיף צְווִינְגֶען זַיין דַעַת אוֹיף יֶענֶעם, מֶען דַארְף יוֹצֵא זַיין יֶעדְנְ'ס ווִילְן - נַאטוּרְלִיךְ זָאל נִישְׁט זַיין חַס וְשָׁלוֹם אַ קֶעגְן שׁוּלְחָן עָרוּךְ. דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ יוֹצֵא צוּ זַיין יֶעדְנְ'ס רָצוֹן, אָבֶּער אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען זַיין אַ חָכָם ווִי שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ, וַוייל מֶען דַארְף פַארְשְׁטֵיין יֶעדְן אֵיינֶעמְ'ס גֶעפִילְן, מֶען דַארְף אוֹיף דֶעם זֵייעֶר פָארְזִיכְטִיג זַיין, וַוייל טָאמֶער מֶען טוּט וֵוי אֵיינֶעם וְכוּ', טָאמֶער מֶען צוּבְרֶעכְט אֵיינֶעם וְכוּ', אָדֶער מֶען

פַארְשֶׁעמְט אֵיינֶעם וְכוּ', אִיז אִינְגַאנְצֶען נִישְׁט כְּדַאי גֶעוֶוען אַרָאפּ צוּ קוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָוארוּם בַּיים בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים אִיז זֵייעֶר הַארְבּ אוֹיבּ מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַ צְוֵוייטְן, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא פה:), עֲבֵירוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַמָּקוֹם אִיז יוֹם הַכִּיפּוּרִים מְכַפֵּר, אָבֶער עֲבֵירוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ אִיז יוֹם הַכִּיפּוּרִים נִישְׁט מְכַפֵּר, עַד שֶׁיְּרַצֶּה אֶת חֲבֵירוֹ, בִּיז עֶר וֶועט אִיבֶּערְבֶּעטְן זַיין חַבֵר. עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט נִיצְן, אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּן אַלֶע עֲבוֹדוֹת עֶר קֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת, פַאסְטְן וְכוּ', אָבֶער אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעטְשֶׁעפֶּעט אַ צְוֵוייטְן אֲפִילוּ אַ פָּשׁוּט'ן מֶענְטְשׁ, הֶעלְפְט גָארְנִישְׁט, בִּיז עֶר בֶּעט אִים אִיבֶּער.

**דֶערְפַאר** דַארְף מֶען אוֹיף דֶעם זֵייעֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן. מִכָּל שֶׁכֵּן אַז אֵיינֶער אִיז אַ גַבַּאי פוּן אַ שׁוּל דַארְף עֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן נִישְׁט צוּ בַּאלֵיידִיגְן מֶענְטְשְׁן וְכוּ', נִישְׁט שְׁפֶּעטְן פוּן קֵיינֶעם, וָוארוּם מֶען קֶען פַארְלִירְן אִין אֵיין מִינוּט בֵּיידֶע וֶועלְטְן רַחְמָנָא לִיצְלָן. וּבִפְרַט אִין אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעמְ'ס כָּבוֹד. אִיבֶּער דֶעם יֶעדֶע קְהִילָּה אוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ דַארְף הָאבְן תַּקָּנוֹת, אוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי קְהִילָּה מוּזְן אִינְטֶערְשְׁרַייבְן אוֹיף דִי תַּקָּנוֹת אַז זֵיי זֶענֶען דָאס מְקַבֵּל מְקַיֵּים צוּ זַיין, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער ווִיל נִישְׁט אִינְטֶערְשְׁרַייבְן אוֹיף דִי תַּקָּנוֹת הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שַׁיְּיכוּת צוּ דִי קְהִילָּה בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן. אַ קְהִילָּה טָאר נִישְׁט זַיין הֶפְקֵר, מֶען דַארְף מַאכְן תַּקָּנוֹת וָואס אַלֶע הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוֹיף דִי

תַּקָּנוֹת, און נָאךְ דֶּעם מוּזְן אַלֶע אִינְטֶערְשְׁרַייבְּן אוֹיף דֶּעם, און מֶען קֶען נִישְׁט צוּרִיק צִיעֶן.

דִּי תַּקָּנוֹת מוּז זַיין מִיט אַ הַסְכָּמָה פוּן דִּי גַאנְצֶע קְהִילָּה, צוּם בַּיישְׁפִּיל: א) וֶוען אִיז דִּי זְמַנֵּי הַתְּפִלָּה, שַׁחֲרִית, מִנְחָה, מַעֲרִיב. ב) וֶוער קֶען זַיין אַ בַּעַל תְּפִלָּה. ג) וֶוער עֶס וֶועט פָארְלֶערְנֶען פַאר דִּי אַנְשֵׁי הַקְּהִילָּה. מֶען קֶען נִישְׁט טוּן וָואס עֶס גְלִיסְט זִיךְ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ, אַ תַּקָּנָה אִיז אַ תַּקָּנָה, אַז מֶען וויל נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן דִּי תַּקָּנָה וָואס עֶר הָאט אִינְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן, מוּז עֶר פַארְלָאזְן דִּי קְהִילָּה, אָן קַיין שׁוּם וִויכּוּחַ. אַ קְהִילָּה אִיז נִישְׁט הֶפְקֵר, אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִיז נִישְׁט הֶפְקֵר, בִּפְרַט אַז אַלֶע הָאבְּן אִינְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן זֵיי וֶועלְן אַיינְהַאלְטְן דִּי תַּקָּנוֹת.

מֶען דַארְף וויסְן זְמַן תְּפִלָּה לְחוּד וּזְמַן לִימּוּד לְחוּד, מֶען קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען אִינְמִיטְן דַאוֶּוענֶען, און מֶען קֶען נִישְׁט דַאוֶּוענֶען אִינְמִיטְן לֶערְנֶען, יֶעדֶע זַאךְ הָאט זִיךְ זַיין צַייט, מֶען קֶען נִישְׁט דִיקְטַאטוּרְן דֶּעם גַאנְצְן צִיבּוּר צוּלִיבּ אֵיין מֶענְטְשׁ, און מֶען קֶען נִישְׁט מְשׁוּגָע מַאכְן אַ גַאנְצְן צִיבּוּר צוּלִיבּ אֵיין מֶענְטְשׁ, תַּקָּנוֹת מוּז מֶען אַיינְהַאלְטְן. אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ פִירְן אַזוֹי, וֶועט אִיר גְרוֹיס הַצְלָחָה הָאבְּן, און דִּי הַנְהָגוֹת הַקְּהִילָּה און דֶּער בֵּית הַמִּדְרָשׁ וֶועט נָאר וַואקְסְן און גְרֶעסֶער וֶוערְן, און עֶס וֶועט אַרוֹיס קוּמֶען אַ קִידּוּשׁ שֵׁם שָׁמַיִם פוּן אַזַא בֵּית הַמִּדְרָשׁ.

**אִיךְ** הָאף אַז יֶעדֶער הָאט גוּט פַאַרְשְׁטַאנֶען, אוּן וֶועט אוֹיסְפָּאלְגְן דִי תַּקָנוֹת, אוּן אִינְטֶערְשְׁרַייבְּן אוֹיף דֶעם, וֶועט זַיין גְרוֹיס הַצְלָחָה.

**אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

# לז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם רְבִיעִי בֵּין כֶּסֶה לֶעָשׂוֹר ה'תשע"א.

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגְן בְּרִיוו.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אוֹיף דֶעם עוֹלָם דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ הִתְחַזְּקוּת, עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם חֲלִישׁוּת הַדַעַת, עֶר וֶוערְט צוּבְּרָאכְן, עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אוּן פוּן אִים וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין וְכוּ' וְכוּ', בִּשְׁעַת אַ אִיד דַארְף טַאנְצְן אַ גַאנְצְן טָאג, אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט אֵיין זַאךְ "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", אִיךְ בִּין בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אַ אִיד אוּן נִישְׁט קַיין גוֹי. וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י') אַז דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע וָואס אַ אִיד דַארְף זִיךְ מְשַׂמֵחַ זַיין מִיט דֶעם אוּן דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם קֶען אִים נִישְׁט מִיט דֶעם צוּבְּרֶעכְן, וַוייל דָאס אִיז נִישְׁט תָּלוּי אִין אִים, עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ אִיד.

**אוּן** אִין אֶמֶת'ן אַרַיין דַארְף מֶען טְרַאכְטְן, פַארְוָואס זָאגְט מֶען נִישְׁט דִי בְּרָכָה "שֶׁעָשַׂנִי יְהוּדִי", פַארְוָואס זָאגְט

מֶען דִי בְּרָכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי"? נָאר אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעזָאגְט דִי בְּרָכָה "שֶׁעָשַׂנִי יְהוּדִי" וָואלְט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם גֶעקוּמֶען אוּן וָואלְט אִים צוּבְּרָאכְן, אוּן וָואלְט אִים גֶעזָאגְט, "אַזוֹי זֶעט אוֹיס אַ אִיד? דוּ הָאסְט דָאךְ דָאס שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן וְכוּ', אוּן דוּ הָאסְט דָאךְ דָאס שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן וְכוּ'".

**מִיר** הַאלְטְן יֶעצְט צְוֵויי טֶעג פַאר יוֹם הַקָדוֹשׁ יוֹם הַדִין, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי"ע הָאט גֶעזָאגְט, דָאס עֶרֶב יוֹם הַקָדוֹשׁ אֲפִילוּ דִי פִּישׁ אִין וַואסֶער צִיטֶערְן פוּן אֵימַת הַדִין פוּן פָארְכְטִיגְן טָאג. אִיבֶּערְדֶעם זֶע תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, אוּן דַיין תְּשׁוּבָה דַארְף זַיין תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה, תְּשׁוּבָה פוּן לִיבְּשַׁאפְט, לִיבּ הָאבְּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. גֶעוואוֹין זִיךְ אַיין צוּ דַאנְקֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף דִי חֲסָדִים וְרַחֲמִים גְמוּרִים וָואס עֶר הָאט מִיט דִיר גֶעטוּן, אוּן אַז דוּ וֶועסְט שְׁטֶענְדִיג דַאנְקֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער וֶועט עֶר דִיר אַרָאפְּשִׁיקְן אַ גֶעוַואלְדִיגְן לֶעבְּט אַז דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן אַזַא מִין לֶעבְּטִיגְקֵייט וָואס דוּ הָאסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר וֶוער נִישְׁט צוּפַאלְן בַּיי זִיךְ, שְׁטַארְק זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה הַקְדוֹשָׁה, זָאלְסְט וִויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אוּן אַז דוּ וֶועסְט אַרַיינְלֵייגְן בַּיי זִיךְ דֶעם גֶעדַאנְק, וֶועסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן עַצְבוּת, וָוארוּם דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה אִיז וֶוען אַ

איד ווייסט אַז וואו עֶר גֵייט און וואו עֶר שְׁטֵייט גֵייט מִיט אִים דֶער בַּאשֶׁעפֶער. אִיבֶּערדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ זַייעֶר שְׁטַארְק וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת. וָואס הֵייסְט מַדְרֵיגוֹת? אַ אִיד אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילֶעךְ און עֶר מַאכְט פְרֵיילֶעךְ אַנְדֶערֶע, דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה וָואס מֶען דַארְף זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם בְּזֶה הָעוֹלָם. מֶען טָאר נִישְׁט צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ. און אַז דוּ וֶועסְט דָאס אַרַיינֶעמֶען בַּיי דִיר, וֶועסְטוּ זַיין אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן.

**גֶעוואוֹין** זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ. גֵיי אוֹיף אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, און רֶעד זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אֲפִילוּ סְ'וֶועט זִיךְ דִיר דַאכְטְן אִין אָנְפַאנְג אַז קֵיינֶער הֶערְט דִיךְ נִישְׁט אוֹיס, זָאלְסְטוּ וויסְן אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע דִמְיוֹן וְכוּ', וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא בַּיי דִיר, נֶעבְּן דִיר, אִין דִיר, און עֶר הֶערְט צוּ יֶעדֶעם וָוארְט וָואס דוּ רֶעדְסְט, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זַיין אַן עַקְשָׁן און זַיין שְׁטַארְק מִיט דֶעם וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר אָנְשְׁרַייבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, און זָאלְסְט הָאבְּן גֶעזוּנְט מִיט לֶעבְּן פַּרְנָסָה מִיט נַחַת און עֶס זָאל דִיר גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

**הַמְאַחֵל לְךָ חֲתִימָה טוֹבָה**

# לח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם חֲמִישִׁי בֵּין כֶּסֶה לֶעָשׂוֹר ח' תִּשְׁרֵי ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו, אוּן אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז עֶס אִיז וַוייטֶער גֶעוָוארְן אַ מַחְלוֹקֶת צְווִישְׁן אַייךְ, וָואס דָאס אִיז דֶער אַרְגְסְטֶע זַאךְ, אוּן וִוי בַּאווּאוּסְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע גֶעזָאגְט, "עֶס טוּט מִיר מֶער וֵויי דִי מַחְלוֹקֶת פוּן אִינֶעוֵוייניג וִוי דִי מַחְלוֹקֶת פוּן דְרוֹיסְן". מַחְלוֹקֶת אִיז דִי אַרְגְסְטֶע זַאךְ. אוֹיפְן פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר טז, א) "וַיִּקַּח קֹרַח", זָאגְט דֶער תַּרְגּוּם 'וְאִתְפַּלֵּג קֹרַח', מַחְלוֹקֶת הֵייסְט אָפְּגֶעטֵיילְט רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טֵיילְט זִיךְ אָפּ פוּן אַ צְוֵוייטְן אִיד דוּרְכְדֶעם טֵיילְט עֶר זִיךְ אָפּ פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם יֶעדֶע אִיד אִיז אַ חֵלֶק אֱלֹקֵי מִמַּעַל, וֶוען אִידְן וָואלְטְן זִיךְ גֶעהַאלְטְן צוּזַאמֶען וָואלְט קַיין שׁוּם אוּמָה וְלָשׁוֹן נִישְׁט גֶעקֶענְט אוּנְז בֵּייקוּמֶען. אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ מוֹרָא'דִיג מְחַזֵּק זַיין אוּן טוּן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם אוּן אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַחְלוֹקֶת, וָוארוּם אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ אַרוּם דָאס וַוייזְט מֶען אַז מֶען הָאט קַיין אֱמוּנָה נִישְׁט אוּן עֶר אִיז בְּגֶדֶר פָּסוּל, אַזוֹי וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (קִידּוּשִׁין עא:) כִּי מִינְצוּ בֵּי תְרֵי בַּהֲדֵי הֲדָדֵי חָזוּ הֵי מִנַּייהוּ דְקָדִים וְשָׁתִיק אִמְרֵי הַאי מְיוּחָס טְפֵי; וֶוען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ אוּן מֶען זֶעט אֵיינֶער שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף זַיינֶע בִּזְיוֹנוֹת אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ כָּשֵׁר קִינְד.

**אָבֶער** אויב אֵיינֶער אִיז אַן עַזּוּת פָּנִים און שְׁטֶענְדִיג קְרִיגְט עֶר זִיךְ אַרוּם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, דַארְף מֶען ווִיסְן אַז עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן פָּסוּל רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (שָׁם) אִם רָאִיתָ שְׁנֵי בְּנֵי אָדָם שֶׁמִּתְגָּרִין זֶה בָּזֶה שֶׁמָּא פָּסוּל יֵשׁ בְּאֶחָד מֵהֶם, ווָארוּם סְ'אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז אֵיינֶער אִיז אַ קֹרַח און קְרִיגְט זִיךְ אַרוּם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם אַז עֶר זָאל זַיין גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן כָּשֵׁר, סְ'מוּז זַיין אַז עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן פָּסוּל. אִיבֶּערְדֶעם ווָאוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ ווָאס אַנְטְלוֹיפְט פוּן מַחְלוֹקֶת און הָאט נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט קַיין לֵיצָנִים ווָאס דָאס אִיז אֲבִי אֲבוֹת הַטּוּמְאָה. מֶען זֶעט מֶענְטְשְׁן לֵיידִיגֵייעֶרְס ווָאס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט ווָאס צוּטוּן מִיט זֵייעֶר צַייט, רֶעדְן זֵיי לָשׁוֹן הָרָע אֵיינֶער אוֹיפְן אַנְדֶערְן און מֶען מַאכְט לֵיצָנוּת.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן לֵיצָנוּת, מְמֵילָא ווֶעסְטוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן מַחְלוֹקֶת און דוּ ווֶעסְט זַיין דִי גְלִיקְלִיכְסְטֶע מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער ווֶעלְט. אִיךְ ווָאלְט דִיךְ זֵייעֶר גֶעוָואלְט בֶּעטְן, אַנְטְלוֹיף פוּן אַלֶע לֵצִים, הָאבּ נִישְׁט מִיט זֵיי קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת, ווָארוּם רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן לֵיצָנוּת בְּרֶענְגְט יִסוּרִים, און בַּיים סוֹף בְּרֶענְגְט דָאס אַ מִיתָה מְשׁוּנָה, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת פֶּרֶק ב׳) קָשֶׁה הִיא הַלֵּיצָנוּת שֶׁתְּחִילָּתוֹ יְסוּרִין וְסוֹפוֹ כְּלָיָה. אִיבֶּערְדֶעם ווָאוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ ווָאס עֶר הִיט זִיךְ פוּן לֵצִים בַּעֲלֵי מַחְלוֹקֶת. און ווָאס מֵיינְסְטוּ אִיז לֵיצָנוּת? אויב צְווֵיי אִידְן זֶעצְן זִיךְ צוּזַאם און זֵיי רֶעדְן נִישְׁט קַיין דִבְרֵי תּוֹרָה הֵייסְט

עֶס שׁוין אַ מוֹשַׁב לֵצִים, אַזוֹי ווי די חַזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ג') שְׁנַיִם שֶׁיוֹשְׁבִים וְאֵין בֵּינֵיהֶם דִבְרֵי תוֹרָה הֲרֵי זֶה מוֹשַׁב לֵצִים, וָוארוּם וֶוען צְוֵויי אִידְן קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם דַארְף מֶען זֶען עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן זֵיי שְׁטֶענְדִיג דִיבּוּרִים פוּן אֱמוּנָה, דִיבּוּרִים פוּן הַשְׁגָחָה פְּרָטִיוּת, דִיבּוּרִים פוּן דְבֵיקוּת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, אִידְן דַארְפְן שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אִיז ווייל אִיז דֶעם וָואס עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ אִין אֱמוּנָה, אוּן נָאךְ מֶער ווייל וֶוען עֶר רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּן אֱמוּנָה, אֵיין אִיד דַארְף רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג מִיטְן צְוֵוייטְן נָאר אֱמוּנָה, אַז מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה וֶוערְט מֶען זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ אַלֵיין אִין אֱמוּנָה אוּן אַנְטְלוֹיף פוּן עַזוּת פָּנִימ'ער, וואו דוּ זֶעסְט אֵיינֶער אַ בַּעַל מַחְלוֹקֶת אַן עַזוּת פָּנִים אַנְטְלוֹיף פוּן אִים! אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר אוֹיבֶּעט אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ הִיטְן, פוּן דִי וָואס זֵיי הֶעצְן אֵיינֶעם אַקֶעגְן דֶעם אַנְדֶערְן וְכוּ' וְכוּ'. אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָנְנֶעמֶען פַאר מַיין כָּבוֹד וֶועגְן, דָאס וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף מִיר מִן הַסְתָּם קוּמְט עֶס מִיר.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קס"ג) **אַז עֶס** אִיז דָא אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר דַארְף אַרֵיינְגֵיין אִין יֶעדְן אֵיינֶעמ'ס מוֹיל אוּן מֶען קֵייעֶט אִים אוּן מֶען רֶעדְט פוּן אִים אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט פוּן אִים אַלֶעס שְׁלֶעכְטְס, אוּן עֶר הָאט פוּן דֶעם גְרוֹיסֶע יִסוּרִים וְכוּ', עַיֵין שָׁם. אִיבֶּער דֶעם נֶעם זִיךְ נִישְׁט אָן אוֹיף מִיר, וָוארוּם וֶוער ס'רֶעדְט אוֹיף מִיר, זָאלְסְטוּ

וויסְן אַז דֶער אִיז אַ נוֹאֵף רַחֲמָנָא לִיצְלָן, וָוארוּם אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם גָארְנִישְׁט גֶעטוּן, מְמֵילָא אֵיינֶער וָואס עֶר רֶעדְט אוֹיף מִיר אוּן עֶר אִיז אַן עַזּוּת פָּנִים דַארְף מֶען וויסְן אַז עֶר אִיז מְגַלֶּה אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל עֲבֵירָה, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (תַּעֲנִית ז:) כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ לוֹ עַזּוּת פָּנִים בְּיָדוּעַ שֶׁנִּכְשַׁל בְּעֲבֵירָה, אוֹיבּ דוּ ווילְסְט זֶען אַ בַּעַל עֲבֵירָה זָאלְסְטוּ זוּכְן וֶוען דוּ וֶועסְט הֶערְן אֵיינֶער רֶעדְט אוֹיף מִיר זָאלְסְטוּ וויסְן אַז דֶער אִיז אַ גְרָאבֶּע בַּעַל עֲבֵירָה, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זַייעֶר הִיט זִיךְ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן אַנְטְלוֹיף פוּן לֵיצָנוּת אוּן מַחְלוֹקֶת אַזוֹי ווִי מֶען אַנְטְלוֹיפְט פוּן דֶעם רוּחַ אַלֵיין.

**אַז** וואוֹיל אִיז אוּנְז אַז מִיר הָאבְּן אָנְגֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, אוּן אִין זְכוּת פוּן דֶעם וֶועלְן מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן גָלוּת.

**הַמְּאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם, וַחֲתִימָה טוֹבָה**

## לט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם חֲמִישִׁי בֵּין כֶּסֶה לֶעָשׂוֹר ח' תִּשְׁרֵי ה'תשע"א.**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**מִיט פְרֵייד הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מֶען** דַארְף זִיךְ זַייעֶר פְרֵייעֶן, אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס עֶס

אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ת"ג) אַז וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶען זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר אַז דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּין אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אוּן דוּ וֶועסְט אַוַודַאי הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשׁ יָאר, אַ יָאר פוּן שֶׁפַע בְּרָכָה וְהַצְלָחָה אוּן עֶס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם, וַחֲתִימָה טוֹבָה**

# מ

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שֵׁנִי מָחֳרַת יוֹם הַכִּיפּוּרִים שֵׁם הַשֵּׁם [ה'] י"ב תִּשְׁרֵי ה'תשע"א.

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

דִי גַאנְצֶע צָרָה מִיט דִיר אִיז, וַוייל דוּ בִּיסְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, וֶוען דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ בִּיסְטוּ אַ גֶעהָאלְפֶענֶער. דוּ בַּאפְּסְט נִישְׁט אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וִויל זִיךְ אִין דִיר נוֹקֵם זַיין, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט בַּאשַׁאפְט עֶר קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים, וָואס זֵיי פַארְשְׁטֶעלְן אִים דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן סְ'קוּמְט אִים אַרַיין סְפֵיקוֹת אִין דִי אֱמוּנָה, אַזוֹי ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן כ"ב) הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה בְּאָדָם; דֶען וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט

קוּמְט אִין אִים אַרַיין גֶעדַאנְקֶען פוּן כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, אִיבֶּערְדֶעם אִיז אַ מֶענְטְשׁ טְרוֹיעֶרִיג, אוּן ס'צִיט אִים שְׁטֶענְדִיג אַרָאפּ אַז עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז שׁוֹין נִישְׁט וֶוערְד צוּ גָארְנִישְׁט, וָואס דָאס אִיז אַלֵיין עֲצַת הַסַמֶ"ךְ מֶ"ם צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן זָאגְן אִים אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אוּן פוּן דִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין. אִיבֶּערְדֶעם אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זי"ע אוֹיף דֶעם עוֹלָם, מְגַלֶה זַיין פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם דָאס 'אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלַל', עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ווִי יֵאוּשׁ, כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט דַארְף עֶר ווִיסְן קֶען עֶר אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קי"ב) אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְכוֹלִים לְקַלְקֵל תַּאֲמִין שֶׁיְכוֹלִים לְתַקֵן; אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ הָאסְט מְקַלְקֵל גֶעוֶוען קוּמְט דָאךְ אוֹיס אַז דוּ הָאסְט אֱמוּנָה וַוייל ס'טוּט דִיךְ וֵויי דִי הַארְץ פַארְוָואס דוּ הָאסְט גֶעזִינְדִיגְט, אוּן אַז דוּ הָאסְט אֱמוּנָה קֶענְסְטוּ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, וַוייל מִיט אֱמוּנָה וֶוערְט אַלֶעס פַארְרָאכְטְן, ווִי דִי הֵיילִיגֶע רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן ל"ג) עַל יְדֵי אֱמוּנָה יִסְלַח לְךָ הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ; אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה אוּן עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט דוּרְכְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶעמָאלְטְס אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲווֹנוֹת.

דֶער תַּכְלִית פוּן דִי בְּרִיאָה אִיז גֶעוֶוען מֶען זָאל דֶערְקֶענֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִין דִי וֶועלְט אוּן מְקַיֵים זַיין

אַלֶע מִצְוֹות. יֶעדֶע מִצְוָה וֶוערְט אָנְגערוּפְן אַן עֵצָה, ווִי ס'וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר, "תַּרְיַ"ג עֵיטִין", דָאס הֵייסְט דִי זֶעקְס הוּנדֶערְט אוּן דְרַייצְן מִצְוֹות אִיז זֶעקְס הוּנְדֶערְט אוּן דְרַייצְן עֵצוֹת ווִיאַזוֹי צוּ קוּמֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וָוארוּם דוּרְךְ אַ יֶעדֶע מִצְוָה וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ נֶענְטֶער צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיבֶּער** דֶעם דַארְפְסְטוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ וֶוען דוּ בִּיסְט מְקַיֵים יֶעדֶע מִצְוָה, ווִי דָוִד הַמֶלֶךְ זָאגְט כָּל מִצְוֹותֶיךָ אֱמוּנָה, יֶעדֶע מִצְוָה בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ אֱמוּנָה, דָאס אִיז וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְוָה, דֶערְפַאר זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶע רֶבִּי (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א') כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, בְּיָדוּעַ שֶׁלִבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו; אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַ מִצְוָה בְּשִׂמְחָה אִיז אַ סִימָן אַז זַיין הַארְץ אִיז גַאנְץ מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר הָאט אֱמוּנָה. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק הֶער שׁוֹין אוֹיף מִיט דַיינֶע בִּיטֶערֶע בְּרִיוו וְכוּ', אַזוֹי ווִי דוּ בִּיסְט דִי אַרְגְסְטֶע מֶענְטְשׁ פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּן דוּ הָאסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין תַּקָנָה וְכוּ'. דִי אַלֶע זַאכְן אִיז דִיבּוּרִים פוּן סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַלֵיין, וָוארוּם דוּ כַאפְּסְט נִישְׁט אַז עֶר הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעזֶעצְט אִין דִיר, אוּן פוּן דָארְטְן בַּאקוּמְסְטוּ אַלֶע צָרוֹת, אַזוֹי ווִי ס'שְׁטֵייט (דְבָרִים ל"א י"ז) "הֲלֹא עַל כִּי אֵין אֱלֹקַי בְּקִרְבִּי מְצָאוּנִי הָרָעוֹת הָאֵלֶה", וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט חַס וְשָׁלוֹם אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז נִישְׁט אִין אִים, דֶעמָאלְטְס בַּאטְרֶעפְט אִים אַלֶע שְׁלֶעכְטְס מִיט אַלֶע צָרוֹת. אִיבֶּער דֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר

זַייעֶר שְׁטַארְק, זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוּיגֶען צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הִתְבּוֹדְדוּת, זָאלְסְט גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַּארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיר טוּן, וָוארוּם מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען פּוֹעֶלְן אַלְצְדִינְג, נָאר דִי צָרָה אִיז, בְּאוֹפֶן אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֶענֶען מִתְפַּלֵל זַיין צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מוּז עֶר הָאבְּן אֱמוּנָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן סב) אַז בֶּאֱמֶת וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעגְלֵייבְּט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא מִיט אִים בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים וָואלְט עֶר גֶערֶעדְט צוּ אִים, נָאר מַחֲמַת עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט הָאט עֶר סְפֵיקוֹת אִין דִי אֱמוּנָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** אִיז דִי עֵצָה צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ שׁוּלְחָן עָרוּךְ פּוֹסְקִים וָואס דָאס גְלַייכְט אוֹיס דָאס הַארְץ

פוּן אַ מֶענְטְשׁ בִּיז עֶר קוּמְט צוּ אַ רִיכְטִיגֶע אֱמוּנָה, אִיבֶּערְדֶעם גֶעבּ אִיךְ דִיר אַן עֵצָה זָאלְסְט אָנְהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען שׁוּלְחָן עָרוּךְ, דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל נָאר מְחַבֵּר רְמָ"א, זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן פוּן אוֹרַח חַיִים סְעִיף נָאךְ סְעִיף, סִימָן נָאךְ סִימָן, אוּן גֵיין אַזוֹי יֶעדְן טָאג כְּסִדְרָן בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן חֵלֶק אוֹרַח חַיִים, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן חֵלֶק יוֹרֶה דֵעָה אוּן לֶערְנֶען סְעִיף בַּיי סְעִיף סִימָן בַּיי סִימָן, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן גַאנְץ יוֹרֶה דֵעָה, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ נֶעמֶען חֵלֶק אֶבֶן הָעֶזֶר אוּן לֶערְנֶען סְעִיף נָאךְ סְעִיף סִימָן נָאךְ סִימָן בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן גַאנְץ

חֵלֶק אֶבֶן הָעֵזֶר, וֶועסְטוּ נָאכְדֶעם נֶעמֶען חֵלֶק חוֹשֶׁן מִשְׁפָּט און אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען סְעִיף סְעִיף בַּיי סִימָן בַּיי סִימָן, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן אַרְבַּע חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל. הַיינְט צוּ טָאג קֶען מֶען קוֹיפְן שׁוּלְחָן עָרוּךְ מְחַבֵּר רְמָ"א מִיט גְרוֹיסֶע אוֹתִיוֹת מִיט פִּינְטֶלֶעךְ, און דָאס זָאל זַיין בַּיי דִיר אַ קְבִיעוּת.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי"ע הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי תַּלְמִידִים, דָאס מְחַבֵּר רְמָ"א אִיז נִתְחַבֵּר גֶעוָוארְן מִיט הוֹיךְ רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, אִיבֶּערְדֶעם הָאט דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מַאכְן צְוֵויי שִׁיעוּרִים אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אֵיין שִׁיעוּר זָאל עֶר לֶערְנֶען מְחַבֵּר רְמָ"א דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ הַקְּטַנִּים, און אֵיין שִׁיעוּר זָאל עֶר לֶערְנֶען מִיט טוּר בֵּית יוֹסֵף, שׁוּלְחָן עָרוּךְ מִיט דִי מְגִינִּים טוּרֵי זָהָב מִיטְן מָגֵן אַבְרָהָם וְכוּ' וְכוּ'. אָבֶּער דָאס פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נֶעמְט לֶענְגֶער וַוייל מֶען דַארְף אַרַיינְלֵייגְן עִיּוּן פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט, אָבֶּער מְחַבֵּר רְמָ"א אִיז דִיךְ גְרִינְגֶער, וֶוען דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מְחַבֵּר רְמָ"א כְּסִדְרָן אֵיין סְעִיף נָאכְן אַנְדֶערְן אֵיין סִימָן נָאכְן אַנְדֶערְן, וֶועסְטוּ זֶען וִוי סְ'וֶועט דִיךְ לֶעבְּטִיג וֶוערְן.

שְׁטַארְק זִיךְ אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, זָאלְסְט וִויסְן גָארְנִישְׁט וֶוערְט גֶעטוּן אַלֵיין, אַלֶעס אִיז פוּן אוֹיבְן, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (חולין ז) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְּמַעְלָה, אַ

מֶענְטְשׁ כַּאפְּט נִישְׁט קַיין קְלַאפּ אִינֶעם קְלֵיינֶעם פִּינְגֶער אֵיידֶער מֶען רוּפְט אוֹיס קוֹדֶם אוֹיבְן, יֶעדֶער זַאךְ אִיז מֶען גוֹזֵר קוֹדֶם אוֹיבְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ צוּגֶעוואוֹינֶען אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן בֶּעטְן אַסַאךְ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, טוּ מִיט מִיר חֲסָדִים וְרַחֲמִים גְמוּרִים, אוּן הִיט מִיךְ אָפּ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן בַּאגְלִיק מִיךְ מִיט שֵׂכֶל אִיךְ זָאל ווִיסְן אַז אַלֶעם אִיז פוּן דִיר וְכוּ' וְכוּ', אַז דוּ וֶועסְט אַזוֹי זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, הָאסְטוּ נִישְׁט קַיין אַנוּנְג ווִי דַיין גַאנְץ לֶעבְן וֶועט גֶעבִּיטְן וֶוערְן, פוּן טְרוֹיעֶרִיגְקֵייט וֶועסְטוּ אַרַיינְגֵיין אִין פְרֵיילִיכְקֵייט, פוּן סְפֵיקוֹת וֶועסְטוּ אַרַיין גֵיין אִין זִיכֶערְקֵייט וְכוּ', וְכוּ', אוּן ווַאוִויל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אַז עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, אוּן עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעם אִיז פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶעמָאלְטְס קֶען אִים קֵיינֶער נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קנ"ה) אַז אוֹיבּ אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה הָאט עֶר אֲרִיכוּת אַפַּיִם, וָואס דָאס הֵייסְט סַבְלָנוּת, עֶר הָאט גֶעדוּלְד, גָארְנִישְׁט צוּבְּרֶעכְט אִים, אֲפִילוּ מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים וְכוּ', אֲפִילוּ מֶען קְרִיגְט אוֹיף אִים וְכוּ', לַאכְט עֶר זִיךְ פוּן אַלֶעם אוֹיס, וָוארוּם עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעם אִיז פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר נֶעמְט אָן אַלֶעם פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר

הֶער שׁוין אויף מִיט דַיינֶע שְׁטוּתִים און הֲבָלִים, מִיט דַיינֶע דִמְיוּנוֹת פון עֲבוֹדוֹת וְכוּ׳, מֶען קֶען זַיין אַן עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה וְכוּ׳, און מֵיינֶען מֶען אִיז אַ גְרוֹיסֶע עוֹבֵד, מֶען כַּאפְּט נִישְׁט אַז דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם כַּאפְּט אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אִין טְרוֹיעֶרִיגְקֵייט, אִין צוּבְרָאכְנְקֵייט, אִין יֵאוּשׁ, אִין דִיפְּרֶעסְיֶע וְכוּ׳ וְכוּ׳.

**דָאס** זָאלְסְטוּ ווִיסְן: שִׂמְחָה דָאס אִיז דִי קְדוּשָׁה, עַצְבוּת דָאס אִיז דִי טוּמְאָה. יֶעצְט מֶעסְט זִיךְ וואוּ דוּ בִּיסְט; בִּיסְטוּ טְרוֹיעֶרִיג? אִיז אַ סִימָן דוּ בִּיסְט אִין דִי טוּמְאָה רַחֲמָנָא לִשְׁזְבָן, בִּיסְטוּ פְרֵיילִיךְ? אִיז אַ סִימָן אַז דוּ בִּיסְט אִין דִי קְדוּשָׁה, אַז וואוּיל אִיז דִיר. אִיבֶּערְדֶעם הַבּוֹחֵר יִבְחַר, וֶוער ס׳הָאט שֵׂכֶל קְלוֹיבְּט אוֹיס צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילֶעךְ. און בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ אִידְן הָאבְּן מִיט וָואס צוּ פְרֵיילֶעךְ זַיין, מִיטְן ״שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי״ מִיר זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אִידְן, מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה, און מִיט דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ פְרֵייעֶן שְׁטֶענְדִיג.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ מִסַאסוֹב זי״ע פְּלֶעגְט זָאגְן, ״גַאנְץ פְרִי וֶוען אִיךְ זָאג דִי בְּרָכָה שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אָפְּגֶעְנוּמֶען מַיינְס״, און עֶר הָאט גֶעטַאנְצְט מִיט דֶעם אַ גַאנְצְן טָאג, מִיט דֶעם הָאט עֶר זִיךְ גֶעפְרֵיידְט. זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק וָואס הָאט עוֹסֵק גֶעוֶוען כָּל יָמָיו נָאר אִין פִּדְיוֹן שְׁבוּיִים, אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען אִידְן פוּן צָרוֹת, הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס מְחַיֶה זַיין נָאר מִיט דִי בְּרָכָה ״שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי״.

אַזוֹי ווי עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט פוּן הֵיילִיגְן בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי"ע אַז עֶר פְלֶעגְט פָארְזָאגְן דִי בְּרָכוֹת הוֹיעֶךְ אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ, אֵיינְמָאל אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ אִיד אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט, "רֶבִּי, אִיר הָאט פַארְפֶעלְט אֵיין בְּרָכָה". הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי"ע גֶעפְרֶעגְט, "וָואסְפַארַא בְּרָכָה הָאבּ אִיךְ פַארְפֶעלְט?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי"ע גֶעזָאגְט, "וֶוען אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁפִּירְט אַז אִיךְ בִּין לֵיידִיג פוּן אַלֶעם, אוּן דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט מִיךְ גֶעוָואלְט צוּבְרֶעכְן, הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְן אַ טַאנְץ אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט דִי בְּרָכָה 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי' דֶערְפַאר זָאג אִיךְ עֶס נִישְׁט נָאכְאַמָאל". זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען פְלַאם פַייעֶר בְּרֶענֶעדִיג צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס מְחַיֶה זַיין נָאר מִיט דִי בְּרָכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי". עַל אַחַת כַּמָה וְכַמָה בְּאֵין עֵרֶךְ אַזֶעלְכֶע נִידְרִיגֶע מֶענְטְשְׁן ווי אוּנְז זֶענֶען, דַארְפְן מִיר זִיךְ מִיט דֶעם מוֹרָא'דִיג מְחַיֶה זַיין זִיךְ, אוּן מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן. אֲפִילוּ אִיךְ וֵוייס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ, ווי דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר בְּלֶעטֶער אִיבֶּער בְּלֶעטֶער וְכוּ' וְכוּ' פוּן צָרוֹת אוּן פוּן יְרִידוֹת וְכוּ' וְכוּ', סְ'אִיז אַלֶעם גָארְנִישְׁט, מִיט אֵיין מִצְוָה קֶענְסְטוּ פַארְבְּרֶענֶען אַלְצְדִינְג. מִיט דֶעם וָואס דוּ וֶועסְט לֵייגְן תְּפִלִּין אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעטוּן תְּפִלִּין וֶועסְטוּ פַארְבְּרֶענֶען אַלֶע קְלִיפּוֹת, מִיט דֶעם וָואס

דו גייסְט מִיט צִיצִית טְרַייבְּסְטוּ אַוֶועק פוּן דִיר אַלֶע מַשְׁחִיתִים, אַז דו הָאסְט אַ מְזוּזָה אויף דִי טִיר לָאזְטוּ נִישְׁט צוּ דִי טוּמְאָה צוּ דִיר, און אַזוֹי וַוייטֶער. יֶעדֶער אִיד אִיז פוּל מִיט מִצְוות, נָאר מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז מֶען אִיז פוּל מִיט מִצְוות, וֶועגְן דֶעם וֶוערְט מֶען צוּבְּרָאכְן. דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר נֶעם דִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, און פוּן הַיינְט אָן זָאלְסְטוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ און זָאלְסְט רֶעדְן נָאר צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם זָאלְסְטוּ רֶעדְן נָאר דִיבּוּרֵי אֶמוּנָה. אוֹיבּ מֶען וֶועט לַאכְן פוּן דִיר וְכוּ', אַזוֹי ווִי סְ'אִיז דָא יֶעדְן דוֹר לֵצִים וְכוּ', מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן פוּן זֵיי, דוּ לֶעבּ דַיין לֶעבְּן וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אויף דִי וֶועלְט און אויף יֶענֶעם וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ חַג שָׂמֵחַ**

## מא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שֵׁנִי מָחֳרַת יוֹם הַכִּיפּוּרִים שֵׁם הַשֵּׁם [ה'] י"ב תִּשְׁרֵי ה'תשע"א.**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד זוֹכֶה וּמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים אֲשֶׁר זְכוּת הָרַבִּים תָּלוּי בּוֹ ... נֵרוֹ יָאִיר וְיִזְרַח לָנֶצַח.**

דַיין לַאנְגְן בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן. דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ זְכוּת דוּ הָאסְט וָואס דוּ בִּיסְט מְקָרֵב מֶענְטְשְׁן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און דוּ בִּיסְט זֵיי מְזַכֶּה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, דֶער זְכוּת קֶען מֶען גָארְנִישְׁט

בַּאשְׁרַייבְּן, וָוארוּם בְּזֶה הָעוֹלָם גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער כָּל מִינֵי צָרוֹת וְיִסוּרִים וְכוּ', וֵוייטָאגְן וְכוּ', אוּן ווארויל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קֶען מְחַזֵק זַיין אַנְדֶערֶע, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה וָואס עֶס קֶען זַיין. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ק"ו) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים מא) "אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָל" ווארויל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לֵייגְט אַרַיין שֵׂכֶל אִין דֶעם אָרִימַאן, זָאגְן דִי חַזַ"ל (נְדָרִים מא) אֵין עֲנִיּוּת אֶלָּא מִן הַדַעַת; אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל צוּ וִויסְן אַז יֶעדֶער זַאךְ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער אִיז פַּאר זַיין טוֹבָה וֶועגְן, דָאס הֵייסְט אַ חִסָרוֹן דַעַת, עֶר הָאט קַיין שֵׂכֶל נִישְׁט צוּ פַאְרשְׁטֵיין אַז וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט אִיז אַלֶעס לְטוֹבָה. אִיבֶּערְדֶעם וֶוען אֵיינֶער לֵייגְט אַרַיין שֵׂכֶל אִין אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ אוּן עֶר אִיז אִים מְחַזֵק, שְׁטַארְקְט אִים אוּן מַאכְט אִים פְרֵיילֶעךְ, אוּן נֶעמְט אִים אַרוֹיס פוּן זַיינֶע צִמְצוּמִים, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה וָואס מֶען קֶען נָאר טוּן פַאר אַ מֶענְטְשׁ. אִיבֶּער דֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ זֶען זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן זָאלְסְט זַיין פְרֵיילֶעךְ אוֹיף דֶעם זְכוּת וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ גֶעשָׁאנְקֶען אַז דוּ קֶענְסְט מְקָרֵב זַיין וַוייטֶע מֶענְטְשְׁן צוּ דִי תּוֹרָה אוּן קִיּוּם מִצְוֹת מַעֲשִׂיּוֹת בְּשִׂמְחָה עֲצוּמָה.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן? לֵיידֶער לֵיידֶער זֶענֶען מִיר אִין אַ גְרוֹיסֶע גָלוּת וָואס דִי הַסְתָּרָה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, בָּאטְשׁ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ גוּט בַּאטְרַאכְטְן וְכוּ' וֶועט עֶר זֶען דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים; - וֶוער

גֵייט אִין מִיר? װער זֶעט אִין מִיר? װֶער אָטֶעמְט אִין מִיר, אוֹיבּ נִישְׁט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים? - װָאס אִיז שַׁיָיךְ הַסְתָּרָה?

**נָאר** דֶער עִיקָר גָלוּת - זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ז') - אִיז חִסָרוֹן אֱמוּנָה. מֶען פְּרוּבִּירְט אוּנְז אוֹיס אִין דֶעם פִינְסְטֶערְן דוֹר, וָואס עֶס הָאבְּן זִיךְ פַארְשְׁפְּרֵייט מִינִים וְאַפִּיקוֹרְסִים מִיט דֵיעוֹת כּוֹזְבוֹת וָואס זֵיי ווילְן נֶעמֶען אַ מְלוּכָה אָן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז זַיין כֹּחַ וְכוּ' זַיין שֵׂכֶל וְכוּ' אִיז מַצְלִיחַ, אוּן עֶר נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פוּן זַיין פְּרִיוַואטְן לֶעבְּן וְכוּ', דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער גָלוּת. אַ אִיד דַארְף ווִיסְן דָאס דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה אִיז דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים'ס אוּן מִיר דַארְפְן זַיין גְרֵייט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מְקַיֵים זַיין זַיין רָצוֹן, אוּן דָאס הָאבְּן מִיר מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן אוּנְזֶערֶע אָבוֹת, אוּן אָבוֹת אֲבוֹתֵינוּ, דָאס אִיז דִי מְסוֹרָה וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דוֹר דוֹר בִּיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, ווִי עֶס שְׁטֵייט (דְבָרִים ד' לה) "אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת כִּי הוי"ה הוּא הָאֱלֹקִים אֵין עוֹד מִלְבַדוֹ", מִיר דַארְפְן גוּט אַרַיינְלֵייגְן אִין הַארְץ אוּן ווִיסְן דָאס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פִירְט הִימְל אוּן עֶרְד, ווִי ס'שְׁטֵייט (שָׁם ד' לט) "וְיָדַעְתָּ הַיּוֹם וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ כִּי הוי"ה הוּא הָאֱלֹקִים בַּשָּׁמַיִם מִמַּעַל וְעַל הָאָרֶץ מִתָּחַת אֵין עוֹד", מֶען דַארְף אַזוֹי אַרַיינְקְרִיצְן אִין זִיךְ מְצִיאוּת הוי"ה בָּרוּךְ הוּא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, אַז אַלֶעס אִיז פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן

פוּן יֶעדֶע זַאךְ. וֶוען אַ אִיד נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין דִי יְדִיעָה אִיז דֶער גַאנְץ לֶעבְּן זַיינֶע אַן אַנְדֶער לֶעבְּן. וֶוען אַ אִיד שְׁטַארְקְט זִיךְ אִין אֱמוּנָה אוּן טְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶעמָאלְטְס פֶעלְט אִים גָארְנִישְׁט.

דִי צָרָה אִיז וָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם צוּבְּרֶעכְט אַ מֶענְטְשׁ אוּן וִויל אִים וַוייזְן אַז עֶר אִיז וַוייט פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אִיבֶּערְדֶעם הָאט אוּנְז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעשִׁיקְט צַדִיקֵי הַדוֹר אִין יֶעדְן דוֹר, וָואס זֵיי טוּעֶן אַרַיינְלַייכְטְן אִין אִידִישֶׁע הֶערְצֶער דִי אֱמוּנָה הַטְהוֹרָה דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה אִינֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן וִויפִיל אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת. אִיבֶּערְדֶעם קֶענְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דַיין גְרוֹיסֶע מַעֲלָה אוּן מַדְרֵיגָה אַז דוּ בִּיסְט מְחַזֵק שְׁטַארְקְסְט אַנְדֶערֶע נְשָׁמוֹת, אוּן וואוּיל אִיז דִי אִידְן וָואס זֵיי זֶענֶען עוֹסֵק מְקַרֵב זַיין רְחוֹקִים אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶן אִין זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער אוֹיבֶּעט אֱמוּנָה אִינֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מַדְרֵיגָה פוּן דֶעם, וִוי סְ'שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (תְּרוּמָה קכ"ח:) וֶוער עֶס הַאלְט אָן אִין דִי הֶענְט פוּן חַיָיבִים וְכוּ', אוּן עֶר אִיז זֵיי מְקַרֵב צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, זַיין שְׂכַר אִיז אִין הִימְל זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס, אוֹסֶערְדֶעם וֶועט עֶר נָאךְ בַּאקוּמֶען שְׂכַר אוֹיף דִי וֶועלְט אַז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן קִינְד'ס קִינְדֶער וְכוּ' עַיֵין שָׁם, אוּן דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ אִיז זֵייעֶר מַאֲרִיךְ דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִיד וָואס אִיז מְקַרֵב וַוייטֶע מֶענְטְשְׁן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן שַׁיינְט אִין זֵיי

אַריין די אֱמוּנָה און גֶעבּט אִין זֵיי אַריין אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן און זָאלְסְט נִישְׁט צוּפַאלְן וֶוערְן בַּיי זִיךְ, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיךְ טוּן.

**אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ דִיר אַ פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב סוּכּוֹת**

## מב

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רְבִיעִי עֶרֶב חַג הַסוּכּוֹת שֵׁם הַשֵּׁם [ה'] י"ד תִּשְׁרֵי ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**דַיין לַאנְגְן בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן.**

וֶזעגְן דַיין דַחְקוּת וַעֲנִיוּת וְכוּ', וָואס דוּ לַיידְסְט וְכוּ', אִיז דָא אֵיין עֵצָה, נָאר תְּפִלָּה, בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדְן טָאג אוֹיף פַּרְנָסָה. אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זַ"ל און הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים גֶעבְּן צְוֵויי עֵצוֹת, אֵיינְס אוֹיף רוּחְנִיוּת וִויאַזוֹי מֶען קֶען זַיין אַן עֶרְלִיכְן אִיד, און אֵיינְס אוֹיף גַשְׁמִיוּת ווִי מֶען קֶען הָאבְּן פַּרְנָסָה. הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ בֶּעט נָאר אוֹיף פַּרְנָסָה, וַוייל דָאס שְׁפִּירְסְטוּ מִיט אַן אֶמֶת אַז עֶס פֶעלְט דִיר, און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי

הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ט') אַז אַ אִיד בֶּעט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט אַן אֱמֶת עֶפְּנְט זִיךְ אִים אוֹיף דִי טוֹיעֶרְן פוּן הִימְל, אוּן עֶר קְרִיגְט וָואס עֶר דַארְף. אוּן אַזוֹי ווִי עֶס פֶעלְט דִיר פַּרְנָסָה דָאס שְׁפִּירְסְטוּ זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן דוּ מֵיינְסְט עֶס מִיט אַן אֱמֶת, אַז דוּ וֶועסְט בֶּעטְן אוֹיף דֶעם מִיט אַן אֱמֶת אוּן מִיט אַ צוּבְּרָאכְן הַארְץ וָואס דוּ הָאסְט, וַוייל עֶס פֶעלְט דִיר פַּרְנָסָה, אוּן דוּ קֶענְסְט נִישְׁט מְפַרְנֵס זַיין דַיין וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער, דֶעמָאלְטְס וֶועסְטוּ שׁוֹין קֶענֶען בֶּעטְן אוֹיף רוּחְנִיּוּת אוֹיכֶעט".

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן עֶר זָאל בֶּעטְן וָואס עֶס טוּט אִים בְּאֱמֶת וֵויי, אוּן אַזוֹי ווִי דִיר טוּט זֵייעֶר וֵויי אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה אוּן דוּ מֵיינְסְט עֶס מִיט אַן אֱמֶת, אִיבֶּערְדֶעם אִיז דִי עֵצָה נָאר בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת סג.) כָּל הַמְשַׁתֵּף שֵׁם שָׁמַיִם בְּצַעֲרוֹ כּוֹפְלִים לוֹ פַּרְנָסָתוֹ; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אָרִים אוּן עֶס פֶעלְט אִים פַּרְנָסָה, אִיז דִי עֵצָה אַרַיינְבְּרֶענְגְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִין זַיין צַעַר, דָאס הֵייסְט בֶּעטְן פוּן אִים וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן, דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען בַּאקוּמֶען דָאפֶּעלְט וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט אַן אֱמֶת אוּן דֶערְצֵייל אִים אוֹיס דַיין צוּבְּרָאכְן בִּיטֶער הַארְץ אַז דוּ בִּיסְט פוּל מִיט חוֹבוֹת, אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט צוּ גֶעבְּן וָואס צוּ עֶסְן דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, דָאס שְׁפִּירְסְטוּ מִיט

אַן אֶמֶת, דֶעמָאלְטְס װעסְטוּ זֶען אַז דוּ װֶעסְט גֶעהָאלְפְן װֶערְן, ווי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קמה) "קָרוֹב הֲוָיָ"ה לְכָל קוֹרְאָיו לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאוּהוּ בֶאֱמֶת", גָאט בָּרוּךְ הוּא אִיז נָאנְט צוּ דִי אַלֶע וָואס זֵיי בֶּעטְן אִים מִיט אַן אֱמֶת הַאַרְץ, אוּן אַזוֹי ווי פַּרְנָסָה שְׁפִּירְט אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶס פֶּעלְט אִים, אוּן אַז עֶר בֶּעט אוֹיף פַּרְנָסָה מֵיינְט עֶר דָאס מִיט אַן אֱמֶת, אוּן דָאס וֶועט דִיר שׁוֹין אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה בֶּעטְן אוֹיף רוּחְנִיּוּת אוֹיךְ.

**וָוארוּם** דִי חֲזַ"ל זָאגְן (קִידוּשִׁין פב.) רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן אֶלְעָזָר אוֹמֵר רָאִיתָ מִיָּמֶיךָ חַיָּה וָעוֹף שֶׁיֵּשׁ לָהֶם אוּמָּנוּת וְהֵן מִתְפַּרְנְסִין שֶׁלֹּא בְּצַעַר, וַהֲלֹא לֹא נִבְרְאוּ אֶלָּא לְשַׁמְּשֵׁנִי וַאֲנִי נִבְרֵאתִי לְשַׁמֵּשׁ אֶת קוֹנִי, אֵינוֹ דִין שֶׁאֶתְפַּרְנֵס שֶׁלֹּא בְּצַעַר? אֶלָּא שֶׁהֲרֵעוֹתִי מַעֲשַׂי וְקִפַּחְתִּי אֶת פַּרְנָסָתִי; מֶען זֶעט יֶעדֶע חַיָּה הָאט זִיךְ זַיין פַּרְנָסָה, אָן קַיין שׁוּם צַעַר, אוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיז גֵייט זַייעֶר שְׁוֶוער מִיט פַּרְנָסָה, ווי קֶען דָאס זַיין? מוּז נָאר זַיין וַוייל אִיךְ הָאבּ קַאלְיֶע גֶעמַאכְט מַיינֶע מַעֲשִׂים, דָאס הֵייסְט אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט, אִיבֶּערְדֶעם אִיז מִיר שְׁוֶוער פַּרְנָסָה. קוּמְט אוֹיס לוֹיט דֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט אוֹיף פַּרְנָסָה, וָואס דָאס שְׁפִּירְט עֶר עֶס טוּט אִים וֵויי, אוּן עֶר מַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ פַארְוָואס חַיּוֹת הָאבְּן גְרִינְג פַּרְנָסָה, אוּן מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, מוּז דָאךְ זַיין וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט, הֵייבְּט מֶען אָן צוּ בֶּעטְן אוֹיבֶּעט אוֹיף רוּחְנִיּוּת.

**צוּם** הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זַ"ל אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן אוּן גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף פַּרְנָסָה, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל צוּגֶעזָאגְט, "דוּ וֶועסְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם הָאבְּן בְּרֵייט פַּרְנָסָה", הָאט דֶער אָרִימַאן גֶעעֶנְפֶערְט "אָבֶּער וָואס טוּ אִיךְ בִּיז דֶערְוַוייל?" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל גֶעעֶנְטְפֶערְט, "בִּיז דֶערְוַוייל הַאלְט מֶען אִין אֵיין בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים", וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן לד) דָאס תְּפִלָּה אִיז אַ כְּלִי מְקַבֵּל צוּ זַיין דִי שֶׁפַע.

**גְלֵייב** מִיר אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן וָואס אִיךְ וֶועל דִיר בֶּעטְן וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶס וֶועט דִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פֶעלְן קַיין פַּרְנָסָה, נָאר דוּ וֶועסְט נָאךְ הָאבְּן צוּ גֶעבְּן אַנְדֶערֶע אוֹיבֶּעט. דוּ וֵוייסְט אַז לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אִיז מְזַכֵּךְ דִי נְשָׁמָה, וָוארוּם מִשְׁנֶ"ה אִיז דָאךְ אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָ"ה, אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְזַכֵּךְ דִי נְשָׁמָה אוּן עֶר שְׁפִּירְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שְׁטֶענְדִיג וֶועט עֶר הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, אוּן זֶע וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער דָאס מִשְׁנֶ"ה בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט ווִי פַּרְנָסָ"ה, אִיבֶּער דֶעם אַז דוּ ווִילְסְט מִיר פָאלְגְן, זָאלְסְטוּ זֶען צוּ חַזֶר'ן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, אוּן דָאס וֶועט דִיר עֶפֶענְען דִי טוֹיעֶרְן פוּן פַּרְנָסָה. אַ שָׁאד וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן פַארְנַאכְלֶעסִיגְט דֶעם לִימוּד פוּן מִשְׁנַיוֹת, וָואס אִין דֶעם גֶעוֶוענְדְט זִיךְ דִי גַאנְצֶע גְאוּלָה, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ז' סִימָן ג') אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת;

**אוּן** ווידֶער זָאגְן דִי חַזַ"ל (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה כ' סִימָן ט') הִקִּישׁ גְּאוּלָה לְפַרְנָסָה וּפַרְנָסָה לִגְאוּלָה, שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִלִּים קלו) "וַיִּפְרְקֵנוּ מִצָּרֵינוּ" וְסָמִיךְ לֵיהּ (שָׁם) "נוֹתֵן לֶחֶם לְכָל בָּשָׂר", מַה גְּאוּלָה פְּלָאִים אַף פַּרְנָסָה פְּלָאִים, מַה פַּרְנָסָה בְּכָל יוֹם אַף גְּאוּלָה בְּכָל יוֹם. רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָן אָמַר וּגְדוֹלָה מִן הַגְּאוּלָה, שֶׁהַגְּאוּלָה עַל יְדֵי מַלְאָךְ, וְהַפַּרְנָסָה עַל יְדֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא. גְּאוּלָה עַל יְדֵי מַלְאָךְ מִנַּיִן? שֶׁנֶּאֱמַר (בְּרֵאשִׁית מח) "הַמַּלְאָךְ הַגּוֹאֵל אוֹתִי מִכָּל רָע", פַּרְנָסָה עַל יְדֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִלִּים קמה) "פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן". אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן דַּיְיקָא, אוּן זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועסְטוּ זֶען דִי גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס עֶר וֶועט דִיךְ גֶעבְן. ווידֶער זָאגְן דִי חַזַ"ל (תַּנְחוּמָא כִּי תִשָּׂא) כָּל הָעוֹסֵק בַּתּוֹרָה וּפַרְנָסָתוֹ מִן הַתּוֹרָה הוּא מִתְעַשֵּׁר וּמַצְלִיחַ. אִיבֶּערְדֶעם לֶערְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, וֶועסְטוּ הָאבְן בְּרֵייט פַּרְנָסָה, אוּן גֶעדֶענְק מִשְׁנָ"ה בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט ווִי פַּרְנָסָ"ה.

**שְׁטַארְק** זִיךְ אוּן פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, וֶועסְטוּ זֶען אַסַאךְ נִסִּים, אוּן דֶער עִיקָר שְׁטַארְקַייט אִיז צוּ זַיין תָּמִיד פְרֵיילֶעךְ, אוּן ווִי צַדִּיקִים הָאבְן גֶעזָאגְט אַז דִי שֵׁם פוּן פַּרְנָסָה חַתַ"ךְ וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּנֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קמה) פּוֹתֵחַ' אֶת' יָדֶיךָ' קוּמְט אַרוֹיס פוּן פָּסוּק (דְּבָרִים טז) וְהָיִיתָ' אַךְ' שָׂמֵחַ', אַז מֶען אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילֶעךְ עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף אִים דִי הַשְׁפָּעָה פוּן פַּרְנָסָה.

**אִיךְ ווִאוּנְטְשׁ דִיר אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב**

# מג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר נֹחַ כ"ה תִּשְׁרֵי ה'תשע"א.

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**דַיין** בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען מִיט נָאךְ אִינְגֶעלַייט, אוּן אִיר זֶענְט זִיךְ מְחַזֵּק אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זי"ע הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן לד) אַז סְ'אִיז דָא אַן עִנְיָן פוּן נְקוּדַּת הֶחָבֵר, מְקַבְּלִין דֵּין מִן דֵּין, אֵיינֶער זָאל מְקַבֵּל זַיין פוּן צְוֵוייטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט נִישְׁט אַז אֵיינֶער דַארְף גֶעבְּן דֶעם אַנְדֶערְן, נָאר אַז מֶען זָאל נֶעמֶען אֵיינֶער פוּן דֶעם אַנְדֶערְן, דָאס הֵייסְט אַז אִידְן קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם דַארְף יֶעדֶער אֵיינֶער זִיךְ לֶערְנֶען פוּן צְוֵוייטְן, נִישְׁט אֵיינֶער זָאל לֶערְנֶען דֶעם צְוֵוייטְן, נָאר יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל זִיךְ לֶערְנֶען פוּן צְוֵוייטְן, דֶעמָאלְטְס וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת אוּן קַיין קִנְאָה אוּן קַיין שִׂנְאָה, וָוארוּם בְּזֶה הָעוֹלָם מוּז מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן גֵיאוּת וְיֵשׁוּת.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ב) **אַז אַ** מֶענְטְשׁ דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ צוּבְּרֶעכְן אֵיין מִדָּה רָעָה אוּן נָאכְדֶעם נָאךְ אַ מִדָּה רָעָה אוּן נָאכְדֶעם נָאךְ אַ מִדָּה רָעָה, בִּיז עֶר וֶועט שׁוֹין צוּבְּרֶעכְן אַלֶע מִדּוֹת רָעוֹת, וֶועט נָאךְ בְּלַייבְּן דָאס יֵשׁוּת וְגֵיאוּת, וָואס אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ אַרְבֶּעטְן אוּן הָארֶעוֶוען אַרוֹיסְרַייסְן פוּן

זיך דעם יֵשׁוּת וְגַיאוּת. און ס'גייט נישט אַזוי גְרִינְג, ווי די בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע האט געזאגט, אַז אויף דעם דַארְף מען בעטן ביז צו די לעצטע מינוט. און ווי צַדִיקִים זאגן אַז די נְשָׁמָה פון דעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע איז אַרויסגעגאנגען מיט דעם פָּסוּק "אַל תְּבוֹאֵנִי רֶגֶל גַאֲוָה", דאס הייסט אַז ביז צום לעצטן אָטעם דַארְף אַ מענטש בעטן אַז עס זאל נישט אַריינגיין אין אים קיין שום יֵשׁוּת.

**און** ווי בַּאוואוּסט האט דערציילט דער הייליגער "דֶגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם" וואס ער איז געווען אַן איינִיקל פון בַּעַל שֵׁם הַקָדוֹשׁ זי"ע, אַז ער איז געזעצן אַלְץ קליין קינד אויפן שויס פון דעם גרויסן זיידן, האט זיך אָנגערופן דער בַּעַל שֵׁם הַקָדוֹשׁ זי"ע, "דָא זיצט אַ איד וואס ער הערט תּוֹרָה לֹא מִפִּי מַלְאָךְ וְלֹא מִפִּי שָׂרָף אֶלָּא מִפִּי הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּעַצְמוֹ, און ער האט מוֹרָא יעדע מינוט אַז ער זאל נישט אַראפּפאלן בְּנוּקְבָא דִתְהוֹמָא רַבָּא דוּרְךְ יֵשׁוּת". שטעלט זיך פאר וואס דאס הייסט דער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע איז געווען אויסגעטון אינגאנצן פון אַלעם, פונדעסטוועגן האט ער מוֹרָא געהאט טאמער טאמער וועט אַריינגיין אין אים עפּעס יֵשׁוּת. האבן מיר דען אַן הַשָּׂגָה אין די ווערטער?

האבן מיר דען אַן הַשָּׂגָה וואס דאס מיינט?

**דער** הייליגער רבי זי"ע האט געזאגט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תתקנ"ג)

דער בַּעַל שֵׁם הַקָדוֹשׁ זי"ע איז געווען אַ רבי אין אֲלָפִים וּרְבָבוֹת עוֹלָמוֹת; און פונדעסטוועגן זאל ער זאגן אַזַא דִיבּוּר פאר אַן איינִיקל אַז ער האט מוֹרָא אַז ער זאל

נִישְׁט אַרַיינְפַּאלְן אִין יֵשׁוּת וְגֵיאוּת, וָואס קֶענֶען מִיר זָאגְן? מִיר זֶענֶען צוּבְּרָאכֶענֶע נְשָׁמוֹת, מִיר זֶענֶען גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט, אוּן מִיר דַארְפְן אַסַאךְ הָארֶעוֶוען אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אוּנְזֶערֶע גְרָאבֶּע תַּאֲווֹת וָואס דָאס בְּרֶענְגְט צוּ אוּנְז גֵיאוּת מִיט יֵשׁוּת וְכוּ' וְכוּ'.

**אִיבֶּער** דֶעם אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אַז עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אִינְגֶעלַייט אוּן זֵיי הֶעלְפְן זִיךְ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן אַרוֹיס, יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז זִיךְ מְחַזֵק פוּן אַ צְוֵוייטְן, דָאס אִיז דֶער עִיקָר, יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן פוּן דֶעם צְוֵוייטְן, נִישְׁט עֶר זָאל שְׁטַארְקְן יֶענֶעם אוּן זָאגְן "דוּ טוּ אַזוֹי, אוּן דוּ טוּ אַזוֹי!", נֵיין, "אִיךְ וֶועל נֶעמֶען הִתְחַזְקוּת פוּן דִיר", אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט זָאגְן "אִיךְ וֶועל נֶעמֶען הִתְחַזְקוּת פוּן דִיר", וָואס דָאס אִיז 'וּמְקַבְּלִין דֵין מִן דֵין', מֶען דַארְף מְקַבֵּל זַיין פוּן דֶעם אַנְדֶערְן, אוּן דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מְחַזֵק פוּן אַ צְוֵוייטְן, יֶעדֶער אִיד הָאט אַ נְקוּדָה וָואס דֶער צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט, אוּן מֶען דַארְף קוּקְן אוֹיף דֶעם צְוֵוייטְנְ'ס נְקוּדָה, אוּן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין, וָואס דָאס אִיז דֶער פְּשַׁט פוּן פָּסוּק "קִנְאַת סוֹפְרִים תַּרְבֶּה חָכְמָה", מֶען דַארְף קוּקְן ווִי יֶענֶער אִיז זִיךְ מְחַזֵק מִיט זַיין נְקוּדָה וֶועל אִיךְ זִיךְ קֶענֶען מְחַזֵק זַיין מִיט מַיין נְקוּדָה. נִישְׁט מְקַנֵא זַיין יֶענֶעם וְכוּ', וָוארוּם קִנְאָה אִיז דָאךְ אַ שְׁלֶעכְטֶע מִדָה, נָאר אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן יֶענֶעם ווִי אַזוֹי עֶר אִיז זִיךְ מְחַזֵק, אַזוֹי זָאל אִיךְ זִיךְ מְחַזֵק זַיין.

**אִיבֶּערְדֶעם** אִיז אַ גְרוֹיסֶער זַאךְ אַז מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאם אוּן מֶען רֶעדְט צוּזַאמֶען. בַּיים רֶבִּין אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶער עִיקָר, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אוּנְזֶערֶע לַייט מֶען זָאל זִיךְ צוּנוֹיפְקוּמֶען אוּן מֶען זָאל רֶעדְן אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן, אוּן מֶען זָאל זִיךְ מְחַזֵק זַיין אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, דָאס הֵייסְט יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל נֶעמֶען הִתְחַזְקוּת פוּן אַ צְוֵוייטְן, אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, וָוארוּם אוֹיף דֶעם עוֹלָם גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס סְ'גֵייט אִיבֶּער, אוּן ווארויל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ.

**דֶער** עִיקָר אִיז, נִישְׁט מְבַטֵל זַיין דֶעם צְוֵוייטְן. עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים, וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי פְּגַם פוּן דִי תַּלְמִידֵי רַבִּי עֲקִיבָא? שֶׁלֹּא נָהֲגוּ כָּבוֹד זֶה בָּזֶה, וְהָיוּ עֵינֵיהֶם צָרָה בְּתוֹרָתָן שֶׁל חֲבֵרֵיהֶם; אֵיינֶער הָאט נִישְׁט מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם צְוֵוייטְן אוּן אֵיינֶער הָאט נִישְׁט פַארְגִינְט דֶעם צְוֵוייטְן. שְׁטֶעלְט זִיךְ אַוֶועק אַ פְּרַאגֶע: ווִי קֶען זַיין דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי עֲקִיבָא'ס תַּלְמִידִים זָאלְן נִישְׁט פַארְגִינֶען אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, אוּן זָאלְן נִישְׁט מְכַבֵּד זַיין אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן? נָאר דֶער תִּירוּץ אִיז, אַז זֵיי הָאבְּן גֶעהָארֶעוֶועט אוֹיף בִּיטוּל הַיֵשׁ, מְבַטֵל זַיין זִיךְ דֶעם יֵשׁוּת אוּן דֶעם גֵיאוּת, נָאר דֶער צָרָה אִיז אַז אַ יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט גֶעהָארֶעוֶועט צוּ צוּבְּרֶעכְן יֶענֶעמְ'ס יֵשׁוּת אוּן יֶענֶעמְ'ס גֵיאוּת, אוּן פוּן דֶעם אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַזַא מִין חוּרְבָּן. אַ אִיד דַארְף זֶען צוּבְּרֶעכְן זַיין אֵייגֶענֶעם יֵשׁוּת, אוּן זַיין

אייגענעם גיאות, נישט קוקען אויף יענעמ'ס ישות יענעמ'ס גיאות, מען דארף זיך אינזינען האבן.

עם ווערט דערציילט אז עס איז אמאל געקומען א גרויסער צדיק צום רבי אייזיק'ל זידיטשובער זי"ע און האט אים פארגעהאלטן, "פארוואס גייען אייערע חסידים מיט טערקישע טליתים און מיט זילבערנע עטרות, וואס דאס ווייזט א גרויסע רחבות און א ישות? ביי אונז האט מען אויסגעלערנט די תלמידים זאלן גיין מיט א פשוטע טלית, מיר זענען גארנישט מיט נישט". האט דער הייליגער רבי אייזיק'ל זידיטשובער זי"ע געענטפערט שארף, "איך האב אויסגעלערנט מיינע תלמידים אז א יעדער איינער פון זיי איז גאלד, אבער דער חבר איז גין גאלד", דאס הייסט העכער ווי גאלד - "דערפאר גייט יעדער איינער אנגעטון מיט א טערקישע טלית מיט א געפלאכטענע זילבערנע עטרה, ווייל יעדער איינער ווייסט אז ער איז חשוב ביים בורא כל עולמים, אבער איר לייגט אריין אין אייערע תלמידים זיי זאלן וויסן אז זיי זענען גארנישט, לערנען זיי דעם צווייטן אז יענער איז גארנישט מיט נישט", - דאס הייסט אז איך בין נישט איז דער חבר גארנישט מיט נישט, און דא איז דער טעות. אידן דארפן זיך מחזק זיין איינער דעם אנדערן, מען דארף טרעפן ביי יעדן איינעם א גוטע פינטעלע, ווי דער הייליגער רבי האט אונז געלערנט (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סימן רפ"ב) אז מען דארף נאכזוכן ביי יעדן איינעם א נקודה טובה יעדער איינער האט ביי זיך א גוטן פינטעלע, און מיט דעם

קֶען מֶען דַאוֶּועֶנֶען, און מְחַיֶה זַיין זִיךְ און מְחַזֵק זַיין זִיךְ. אַז וואוּיל אִיז אֵיינֶער וָואס אִיז מְחַזֵק דֶעם צְוֵוייטְן און צוּבְּרֶעכְט נִישְׁט דֶעם צְוֵוייטְן,

**אִיבֶּערְדֶעם** הָאב אִיךְ אַ מוֹרָא'דִיגֶע הֲנָאָה אַז אִיר קוּמְט זִיךְ צוּזַאמֶען און אִיר רֶעדְט אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן און צוּבְּרֶעכְט נִישְׁט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, אַדְרַבָּה, אִיר הֶעלְפְט אַרוֹיס אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן. מֶען טָאר נִישְׁט מַחֲלִישׁ דַעַת זַיין יֶענֶעם, מֶען טָאר נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען יֶענֶעם.

**דֶער** הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רֶבּ זי"ע בַּעַל "דִבְרֵי חַיִים" אִיז אַמָאל גֶעפָארְן צוּ דִי שְׁטָאט אוּנְגְוַואר, וָואס דָארְטְן אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרוֹיסֶער גָאוֹן און צַדִיק דֶער מַהֲרַ"ם אַ"שׁ זי"ע, און עֶר הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רֶבּ זי"ע עֶר זָאל זָאגְן אַ דְרָשָׁה, און עֶר הָאט אַוַדַאי גֶעזָאגְט אַ גְרוֹיסְן דְרוּשׁ מִיט טִיפֶע פִּלְפּוּלִים, און דֶער גְרוֹיסֶער גָאוֹן דֶער מַהֲרַ"ם אַ"שׁ זי"ע הָאט אַלְץ מְבַטֵל גֶעוֶוען זַיין דְרָשָׁה אַז ס'הַאלְט נִישְׁט אוֹיס, דֶער צַאנְזֶער רֶבּ זי"ע הָאט אִים נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, וָוארוּם ס'אִיז גֶעוֶוען בָּרַבִּים הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶנְטְפֶערְן כְּדֵי ס'זָאל נִישְׁט זַיין קַיין פְּגַם אִינֶעם כָּבוֹד פוּן דֶעם מָרָא דְאַתְרָא, ס'אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, און עֶר הָאט גֶעשְׁוִויגְן. וֶוען זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעזֶעגְנְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מַהֲרַ"ם אַ"שׁ גֶעשִׁיקְט זַיין זוּן בַּאגְלֵייטְן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק דֶעם צַאנְזֶער רֶבּ זי"ע לִכְבוֹדוֹ. אוֹיפְן וֶועג, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רֶבּ זי"ע פַארְן זוּן, "זָאג דַיין טַאטְן עֶר זָאל נָאכְקוּקְן דָא און דָא און

דָא,״ - עֶר הָאט אִים צוּגֶעצֵייכְנְט מַרְאֶה מְקוֹמוֹת - ״וֶועט עֶר זֶען אַז אִיךְ בִּין יָא גֶעוֶוען גֶערֶעכְט.״ - עֶר הָאט אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט מְבַייֵּשׁ זַיין בָּרַבִּים, וָוארוּם עֶר אִיז דָאךְ דֶער מָרָא דְאַתְרָא אוּן דֶער וֶועלְט׳ס בַּארִימְטֶער גָאוֹן - וֶוען דֶער זוּן אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען צוּם טַאטְן הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט, ״טַאטֶע, דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זי״ע הָאט מִיר אָנְגֶעצֵייכְנְט דִי אוּן דִי מַרְאֶה מְקוֹמוֹת.״ אוּן דֶער מַהֲרַ״ם אַ״ש הָאט אַוודַאי נָאכְגֶעקוּקְט דִי מַרְאֶה מְקוֹמוֹת, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב אִיז גֶעוֶוען גֶערֶעכְט אוּן עֶר הָאט זִיךְ טוֹעֶה גֶעוֶוען. אָבֶּער אַזוֹי ווִי עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ הֵיילִיגֶער מֶענְטְשׁ, הָאט עֶר צַאמְגֶערוּפְן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי דִי דְרָשָׁה, אוּן הָאט זֵיי גֶעזָאגְט, ״רַבּוֹתַי! אִיר זָאלְט ווִיסְן אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ טוֹעֶה גֶעוֶוען. דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זי״ע אִיז גֶעוֶוען גֶערֶעכְט״, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְצוּרֶעכֶענֶען דִי אַלֶע מַרְאֶה מְקוֹמוֹת וָואס עֶר הָאט אִים צוּגֶעצֵייכְנְט. - דָאס הֵייסְט אַן אִישׁ אֱמֶת וָואס עֶר אִיז מוֹדֶה אַז עֶר הָאט זִיךְ טוֹעֶה גֶעוֶוען. ווִידֶערְאוּם דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב הָאט אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט מְבַטֵּל זַיין בָּרַבִּים.

**זֶעט** מֶען פוּן דֶעם ווִי תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק מוּזְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין, וָואס דָאס אִיז דִי יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת, אוֹיבּ מֶען הַאלְט זִיךְ צוּזַאמֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט וֶועט מֶען הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה, אוּן אוֹיבּ מֶען זוּכְט חִסְרוֹנוֹת בַּיי יֶענֶעם וֶועט מֶען הָאבְּן אַ דוּרְכְפַאל.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ הַאלְט זִיךְ צוּזַאמֶען, וּבִפְרַט דִיר בֶּעט אִיךְ זָאלְסְט מְעוֹרֵר זַיין אַלֶע תַּלְמִידִים, אִין מַיין נָאמֶען זָאגְן, אַז מַיין הַצְלָחָה אִיז גֶעוֶוען אִין לֶעבְּן אַז אִיךְ הָאבּ שְׁטֶענְדִיג מְכַבֵּד גֶעוֶוען דִי אַלֶע וָואס זַיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ מִיר, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט צוּ זַיי בִּיז זַיי הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ בִּין פָּשׁוּט זֵייעֶר חַבֵר זֵייעֶר יְדִיד אוּן נָאךְ נִידְרִיגֶער פוּן אַ חַבֵר אוּן אַ יְדִיד, בִּיז שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען זַיי גֶעוָוארְן קְלוּגֶער אוּן גְרֶעסֶער פוּן מִיר, אוּן זַיי הָאבְּן זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען וָואס דַארְפְן זַיי גֵיין צוּ אַ פָּשׁוּט׳ן מֶענְטְשׁ? אוּן זַיי זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן מִיר. אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ גֶעוֶוען אוּן אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען נֵייעֶ תַּלְמִידִים, מִיט זַיי אוֹיכֶעט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אוּן גֶערֶעדְט מִיט זַיי אוּן גֶעגֶעסְן מִיט זַיי אוּן גֶעשְׁפִּילְט מִיט זַיי, אוּן אוֹיךְ אִין זַיי אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ הַתְמָדָה בְּלִימוּד תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא אוּן מֶדְרָשׁ אוּן הֲלָכָה, אוּן זַיי הָאבְּן אוֹיכֶעט גֶעזֶען אַז אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט, אוּן זַיי זֶענֶען יָא, זֶענֶען זַיי אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, אַזוֹי יֶעדֶעס מָאל. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת, אָבֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם, אִיךְ הָאבּ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען, בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ מוֹרְא׳דִיגְן סִיפּוּר פוּנֶעם הֵיילִיגְן חַתַם סוֹפֵר זי״ע, וָואס עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים רַבָּנִים אוּן גְאוֹנִים, אוּן וִוי פַארְשְׁטֵייט זִיךְ זֶענֶען זַיי אוֹיךְ אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן אִים. פְלֶעגְט עֶר זָאגְן, "אִיךְ נֶעם תַּלְמִידִים אוּן אִיךְ לֶערְן זַיי אוֹיס וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען, אוּן וִוי אַזוֹי צוּ זַיין גְאוֹנִים אוּן רַבָּנִים,

ווי נָאר זֵיי קֶענֶען שׁוֹין לֶערְנֶען וֶוערְן זֵיי גֶעוואוּיר אַז אִיךְ בִּין אַן עַם הָאָרֶץ" - דָאס הָאט עֶר גֶעזָאגְט מֵרוֹב עֲנִיווּת - "לָאזְן זֵיי מִיר אִיבֶּער, נֶעם אִיךְ נַייעֶ תַּלְמִידִים בִּיז אִיךְ לֶערְן זֵיי אוֹיךְ אוֹיס ווִי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען אוּן זַיין גְאוֹנִים אוּן רַבָּנִים, נָאכְדֶעם וֶוערְן זֵיי גֶעוואוּיר אַז אִיךְ בִּין אַן עַם הָאָרֶץ לָאזְן זֵיי מִיר אוֹיךְ אִיבֶּער, אַזוֹי אִיז שְׁטֶענְדִיג". דֶער סִיפּוּר דָאס הָאט מִיךְ מְחַיֶה גֶעוֶוען. אִיבֶּער דֶעם שְׁטַארְקְט זִיךְ אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ אַוַודַאי נִישְׁט פַארְלָאזְן.

**מֶען** דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן אוּן דָאס אִיז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת, אוּן אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען שְׁטְרֶעבְּן מִיט שְׁטַארְקֶע רְצוֹנוֹת נִישְׁט צוּ בַּאלֵיידִיגְן דֶעם צְוֵוייטְן, דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

**עֶס** אִיז בַּאווּאוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער יֵיטֶב לֵב זי"ע אִיז גֶעוֶוען אַן אֵיינִיקְל פוּן דֶעם גְרוֹיסְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי"ע, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁטַאמְט פוּן אַ גְרוֹיסְן יִחוּס. ווִידֶעראוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הֶערְשֶׁעלֶע לִיסְקֶער זי"ע וָואס אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אַ גְאוֹן הַגְאוֹנִים אוּן אַ חֲרִיף עָצוּם אוּן אַ הֵיילִיגֶער מֶענְטְשׁ, הָאט גֶעשְׁטַאמְט פוּן פָּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן, זַיין אָפְּשְׁטַאם אִיז פוּן שְׁטָאט אוּהֶעל וָואס דָארְטְן הָאט גֶעוואוֹינְט דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי"ע. הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז בֵּיידֶע זֶענֶען חֲתָנִים גֶעוָוארְן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט, דֶער הֵיילִיגֶער יֵיטֶב לֵב זי"ע

און דער הייליגער אַךְ פְּרִי תְבוּאָה זי"ע, און זיי האָבּן געהאט דעם זעלבּן שַׁבָּת אַן אויפְרוּף. האָט מען מְכַבֵּד געווען פַארְמִיטָאג זאָל זאָגן אַ דְרָשָׁה דער הייליגער יֵיטֶב לֵב זי"ע, ער איז דאָךְ דעם רֶבְּ'ס אַן אייניקל, און נאָכְמִיטָאג זאָל דער צְווייטער חָתָן דער הייליגער רֶבִּי הערְשֶׁעלֶע לִיסְקֶער זי"ע זאָגן אַ דְרָשָׁה. פַארְשְׁטֵייט זיךְ, האָט דער הייליגער יֵיטֶב לֵב געזאָגְט אַ דְרָשָׁה אין דעם שַׁבָּת פון דעם אויפְרוּף. און ס'קוּמְט נאָכְמִיטָאג און מען זוּכְט דעם חָתָן רֶבִּי הערְשֶׁעלֶע לִיסְקֶער זי"ע, און ער וויל נִישְׁט זאָגן בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, וואס מען האָט אים גֶעבֶּעטְן האָט ער נִישְׁט געוואָלְט, איז מען גֶעגַאנְגֶען צו זַיין מַאמֶען וואס ער האָט איר זֵייעֶר מְכַבֵּד געווען, און מען האָט איר גֶעבֶּעטְן אַז זי זאָל פּוּעֶלְן בַּיי איר זוּן, האָט זי געזאָגְט, "אַז מַיין זוּן וויל נִישְׁט האָט ער מִן הַסְתָּם אַ טַעַם פַאר דעם, און איךְ קֶען בַּיי אים נִישְׁט בֶּעטְן," שְׁפֶּעטֶער האָט די מַאמֶע גֶעפְרֶעגְט "פַארְוואס האָסְטוּ טַאקֶע נִישְׁט געוואָלְט זאָגְן?" האָט ער גֶעעֶנְטְפֶערְט, "דער הייליגער יֵיטֶב לֵב איז דעם רֶבְּ'ס אַן אייניקל, און ער זאָגְט אַ דְרָשָׁה, און אַז איךְ וועל שְׁפֶּעטֶער זאָגן אַ דְרָשָׁה, און ס'קֶען זַיין אַז מַיין דְרָשָׁה וועט מֶער געפֶעלְן דעם עוֹלָם וועט ער האָבְּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת, האָבּ איךְ נִישְׁט געוואָלְט מַחֲלִישׁ אֶת הַדַעַת זַיין דעם רֶבְּ'ס אייניקל." - דאָס זענען געווען בֵּיידֶע בָּחוּרִים חֲתָנִים איידער זיי זענען נִתְפַּרְסֵם געוואָרְן אויף דער וועלְט. זעט מען פון דעם ווי ווייט מען דאַרְף אַכְטוּנְג געבְּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען יֶענֶעם,

בִּפְרַט חֲבֵרִים וָואס מֶען לֶערְנְט פוּן זֶעלְבְּן צַדִיק אוּן זֶעגֶען מְקוּשָׁר צוּם זֶעלְבְּן צַדִיק דַארְף מֶען זֵייעֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען יֶענֶעם אוּן נִישְׁט יֶענֶעם וֵויי טוּן.

**אִיבֶּערְדֶעם** הָאבּ אִיךְ אַ גְרוֹיסֶע הֲנָאָה אַז אִיר קוּמְט זִיךְ צוּזַאם, אוּן דוּ זָאלְסְט זֶען דָאס אַלֶעם אִיבֶּער גֶעבְּן פַאר דִי חֲבֵרִים אוּן מֶען זָאל זִיךְ מְחַזֵק זַיין, וָוארוּם מִיר הָאבְּן אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן אוּן מִיר דַארְפְן זִיךְ מִיט אִים מוֹרָא'דִיג פְרֵייעֶן.

**דֶער** בַּאשֶׁעפֶער זָאל דִיר בַּאגְלִיקְן אוּן דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילֶעךְ, אוּן דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מִדְרָשׁ, הֲלָכָה וַאֲגָדָה.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָׁמַיִם**

## מד

בְּעֶזְרַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר נֹחַ כ"ה תִּשְׁרֵי ה'תשע"א.

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**גְלֵייבּ** מִיר אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צַייט, קֵיינֶער בַּאפְּט נִישְׁט דָאס צַייט אִיז טַייעֶרֶער פוּן גֶעלְט, יֶעדֶע זַאךְ קֶען מֶען קוֹיפְן מִיט גֶעלְט אָבֶּער נִישְׁט קַיין צַייט, צַייט בַּאקוּמְט

מֶען אוּמְזִיסְט פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, נָאר מֶען דַארְף הָאבְּן שֵׂכֶל אוּן ווִיסְן ווִי אַזוֹי אוֹיסְצוּנוּצְן דָאס צַייט. אַ אִיד דַארְף טְרַאכְטְן פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, זִיךְ אוֹיסְמָאלְן ווִי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אַלֶעס אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פִירְט דִי וֶועלְט מִיט גְרוֹיס הַשְׁגָחָה, סְ'אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ווִי טֶבַע מִקְרֶה מַזָל, אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט דוּרְכְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. ווֶוען אַ אִיד נֶעמְט אֵין זִיךְ אַרַיין דִי מַחְשָׁבָה, אַז יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע וָואס עֶר טְרַאכְט פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז עֶר מְקַיֵים אַ מִצְוַת עֲשֵׂה פוּן "וּלְדָבְקָה בּוֹ", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, דֶער נָבִיא זָאגְט (יְשַׁעְיָה מ') "שְׂאוּ מָרוֹם עֵינֵיכֶם וּרְאוּ מִי בָרָא אֵלֶה", הֵייבְּט אוֹיף דִי אוֹיגְן צוּם הִימְל אוּן קוּקְט ווִי עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דִי זוּן אוּן דִי לְבָנָה אוּן דִי שְׁטֶערְן, וֶוען מֶען אִיז זִיךְ גוּט מִתְבּוֹנֵן אוּן מֶען טְרַאכְט גוּט אַרַיין וֶוער פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, וֶוערְט נִתְגַלֶה פַארְן מֶענְטְשׁ אַז עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אָבֶער** אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ אֱמוּנָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ג), בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיגְקֵייט אָבֶער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה; אוּן שְׁלֵימוּת אֱמוּנָה אִיז אַזוֹי ווִי קִינְדֶער אוּן פְרוֹיעֶן גְלֵייבְּן אָן קַיין שוּם שֵׂכֶל, אֱמוּנָה אִיז הֵיפֶךְ הַשֵּׂכֶל, וָוארוּם אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט מִיטְן שֵׂכֶל אִיז עֶס שׁוֹין נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, אֱמוּנָה אִיז דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט, מֶען דַארְף אַוֶועקְוָוארְפְן דֶעם אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל, אוּן גְלֵייבְּן אַז עֶס אִיז

דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זִיךְ צוּגֶעוואוּינֶען צוּ רֶעדְן צוּ אִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ אִים, אוּן מִיט דֶעם וֶוערְט נִתְגַלֶה אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה, וָוארוּם אֱמוּנָה מִיט תְּפִלָּה - הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ז') - גֵייט צוּזַאמֶען. ווען אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא וֶועט עֶר שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּ אִים. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ב) פַארְוָואס רֶעדְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים? וַוייל דִי אֱמוּנָה אִיז בַּיי אִים נִישְׁט גַאנְץ, וֶוען עֶר זָאל וֶוען הָאבְּן שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה וָואלְט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר וָואלְט נִישְׁט גֶעדַארְפְט קֵיינֶעם הָאבְּן. נָאר וַוייל דִי אֱמוּנָה אִיז נִישְׁט שְׁטַארְק בַּיי אִים, קֶען עֶר נִישְׁט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**וָואס** הֵייסְט הִתְבּוֹדְדוּת, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹי גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן יֶעדְן טָאג זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כה)? אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוּינֶען צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן בְּגַשְׁמִיוּת וּבְרוּחְנִיוּת זָאל עֶר נָאר בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת. בַּיים אָנְפַאנְג וֶועט זִיךְ אִים דַאכְטְן אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אָבֶּער דָאס נֶעמְט זִיךְ מַחֲמַת חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, ווען אַ אִיד זִינְדִיגְט חָלִילָה וְחַס וֶוערְט עֶר אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט וָואלְקֶענֶעס, וָואס דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן עֲנָנִין דִמְכַסִּין

על עֵינַיִן, וָואלְקֶענֶעס וָואס פַארְדֶעקְן די אוֹיגְן, און די הֵיילִיגֶע רֶבִּי זָאגְט (אין ליקוטי מוהר"ן חלק א' סימן ב') דָאס הֵייסְט מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת, דֶער מֶענְטְשׁ הָאט פַאלְשֶׁע גֶעדַאנְקֶען עֶר טְרַאכְט שְׁטוּתִים און הֲבָלִים דִמְיוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ' כְּאִילוּ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אִים פַיינְט, כְּאִילוּ מֶען דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן אוֹיבְן, וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע דִמְיוֹן, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט יֶעדְן אִידִישׁ קִינְד לִיבּ, מִיר זֶענֶען אַלֶע קִינְדֶער פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט "בָּנִים אַתֶּם לַהֲוָיָ"ה אֱלֹקֵיכֶם".

אַזוֹי וִוי אַ קִינְד שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט און עֶר קוּמְט צוּ זַיין טַאטְן און בֶּעט יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן אֵיינְמָאל און נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל וְכוּ' וְכוּ', עֶר וֶוערְט נִישְׁט מִיד וְכוּ' וְכוּ', דָאס אִיז דָאךְ מַיין טַאטֶע, און דוּ הָאסְט מִיךְ גֶעבּוֹירְן, בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט מִיר גֶעבְּן דָאס וְכוּ' און דָאס וְכוּ', עֶר שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט צוּ בֶּעטְן, "טַאטִי גֶעבּ מִיר וְכוּ', טַאטִי אִיךְ דַארְף וְכוּ'," אַזוֹי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אֲפִילוּ בַּיים אָנְפַאנְג דַאכְט זִיךְ אִים אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס וְכוּ', ס'אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַ שׁוֹמֵעַ תְּפִילּוֹת יִשְׂרָאֵל, עֶר הֶערְט אוֹיס דִי תְּפִלָּה פוּן אַ אִיד, וָואס עֶר בֶּעט וֶועט עֶר קְרִיגְן. עֶס נֶעמְט צַייט בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ כֵּלִי און גְלֵייבְּן אַז עֶר אִיז אוֹיבֶעט חָשׁוּב בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**איבּערדעם** דאַרף מען זיך זייער שטאַרקן, און בעטן יעדן טאָג וואָס מען וויל, און דער בּוֹרא כָּל עוֹלָמִים וועט אַוודאי געבּן, אָבער מען דאַרף זיין אַ געוואַלדיגער עַקְשָׁן אויף דעם, רעדן נאָר צוּ אים, און זיך מְחַזֵק זיין מִיט שִׂמְחָה, דעמאָלטס וועט דאָס גאַנצע לעבּן גיין אַנדערש.

**איבּערדעם** בּעט איך דיר זייער שטאַרק, נוּץ אוֹיס די היילִיגע צַייט, אָדער רעד צוּם בּוֹרא כָּל עוֹלָמִים - וואָס צוּ דעם דאַרף מען נישט האָבּן צוּפִיל שֵׂכֶל, סְתַּם פָּשׁוּט רעדן צוּם טאַטן פוּן הִימל, און בּעטן וואָס מען וויל; אָדער מְקַיֵים זיין מִצְווֹת און זיך פְרייען מִיט די מִצְווֹת, בָּרוּך הוּא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז מִיר האָבּן צִיצִית אויף זיך, מִיר האָבּן אַ בּאָרד און פֵּיאוֹת אויף זיך וְכוּ', מִיר לייגן תְּפִילִין יעדן טאָג וְכוּ', מִיר האָבּן אַ מְזוּזָה אויף די טִיר וְכוּ', מִיר האָבּן אַסאַך מִצְווֹת וואָס מִיר זענען מְקַיֵים יעדן טאָג, מִיט דעם דאַרף מען זיך זייער פְריי׳ען, אָדער מען טוּט חֶסֶד פאַר אַ צְווייטן אִיד, וואָס דאָס אִיז די גרעסטע זאַך בּיים בּוֹרא כָּל עוֹלָמִים, ווִי די חַזַ"ל זאָגן (יַלְקוּט הוֹשֵׁעַ רֶמֶז תקכ"ב), אָמַר הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא חָבִיב עָלַי חֶסֶד שֶׁאַתֶּם גוֹמְלִים זֶה לָזֶה יוֹתֵר מִכָּל הַזֶבַח שֶׁזָבַח שְׁלֹמֹה לְפָנַי אֶלֶף עוֹלוֹת; שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ האָט מַקְרִיב געווען יעדן טאָג טויזנט קָרְבָּנוֹת, פוּנדעסטוועגן אִיז בּיים בּוֹרא כָּל עוֹלָמִים מער חָשׁוּב'ער אַ חֶסֶד וואָס איין אִיד טוּט צוּם אַנדערן מער פוּן אַלע קָרְבָּנוֹת. דעריבּער געוואוין זיך איין צוּ טוּן אַסאַך חֶסֶד מִיט אִידן.

וְעַל כְּלוּם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן לֶערְן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ תּוֹרָה, מִקְרָא, גֶעוואוין זִיךְ צוּ, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶענְדִיגֶע סֶדְרָא, זָאלְסְט נִישְׁט פַארְפֶעלְן אֵיין וָואךְ אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דִי סֶדְרָא שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם מִיט אַלֶע רַשִׁ"י'ס, הַיינְט קֶען מֶען גְרִינְג פַארְשְׁטֵיין, סְ'אִיז דָא פֵּירוּשִׁים אוֹיף רַשִׁ"י.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט מִשְׁנַיוֹת, מֶען דַארְף לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנֶ"ה וָואס דָאס בַּאטְרֶעפְט פַּרְנָסָ"ה, אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ פַּרְנָסָה, מִשְׁנֶה אִיז דִי אוֹתִיוֹת מְשַׁנֶה, סְ'אִיז מְשַׁנֶה דֶעם מֶענְטְשׁ, אוֹיבֶּעט מִשְׁנֶה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָה, סְ'אִיז מְזַכֵּךְ דִי נְשָׁמָה, אוּן עֶס פִּיטֶערְט דִי נְשָׁמָה רוּחְנִיוּתְ'דִיגֶע שְׁפַּייז.

ווָארִיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר זָאגְט יֶעדְן טָאג פְּרָקִים אִיבֶּער פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דָאס וֶועט אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן בְּלָאטֶע, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן יט) אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין בְּלָאטֶע, אוּן נָאךְ יֶעצְט פַּאטְשְׁקֶעט עֶר זִיךְ מִיט בְּלָאטֶע וְכוּ', עֶר לִיגְט אִין שְׁמוּץ וְכוּ', אָבֶער אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען כַּךְ וְכַךְ, יֶעדְן טָאג וֶועט עֶר לֶערְנֶען אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וֶועט דָאס אִים אַרוֹיס רַייסְן פוּן דֶעם בְּלָאטֶע וָואס עֶר אִיז דֶערִין אַרַיינְגֶעפַאלְן. אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת, אוּן הֵייבּ אָן צוּ זָאגְן אֵיין פֶּרֶק נָאכְן אַנְדֶערְן, קוּק נִישְׁט וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן, קוּק וָואס עֶס אִיז גוּט פַאר דִיר.

**און** אַזוֹי אוֹיךְ גְמָרָא זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען פוּן אָנְפַאנְג בְּרָכוֹת, א דַף נָאךְ אַ דַף א פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, און וֶוען דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן אַ נֵייעֶ מַסֶכֶת, שַׁבָּת, אַ דַף נָאךְ אַ דַף, אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, און וֶוען דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן עֵירוּבִין, א דַף נָאךְ אַ דַף, א פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק וְכוּ', אַזוֹי זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען דוּרְכְלֶערְנֶען גַאנְץ שַׁ"ס.

**אַוַודַאי** בַּיים אָנְפַאנְג וֶועט דִיר זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין אַלְסְדִינְג, אָבֶּער זָאלְסְט זַיין אַן עַקְשָׁן יֶעדְן טָאג זָאגְן דַפִּין גְמָרָא און דָאס וֶועט דִיךְ רֵיינִיגְן, וָוארוּם דִי וֶועלְט הָאט אַ טָעוּת זֵיי מֵיינֶען אַז נָאר זָאגְן זוהַר מִיט תִיקוּנִים אִיז מְזַכֵךְ דִי נְשָׁמָה, זֵיי ווייסְן נִישְׁט אַז זָאגְן גְמָרָא אִיז אוֹיכֶעט מְזַכֵךְ דִי נְשָׁמָה.

**אִיךְ** ווֵייס זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן שְׁפֶּעטְן פוּן דֶעם און לַאכְן פוּן דֶעם, אָבֶּער מֶען וֶועט זֶען וֶוער עֶס וֶועט לַאכְן דִי לֶעצְטֶע, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה פָּרָשָׁה נ"ב סִימָן ג') אוֹיפְן פָּסוּק (מִשְׁלֵי לא) "עוֹז וְהָדָר לְבוּשָׁהּ וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן", אֵימָתַי הַתּוֹרָה מְשַׂחֶקֶת לְמִי שֶׁהוּא עָמֵל בָּהּ? לְיוֹם אַחֲרוֹן! הַיְינוּ 'וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן'; עֶס קוּמְט דִי לֶעצְטֶע טָאג זֶעט מֶען וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אוֹיפְגֶעטוּן יֶעדְן טָאג, הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא און הֲלָכָה דָאס בַּאגְלֵייט אִים שְׁטֶענְדִיג. אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, צַייט גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ מַתָּנָה, אָבֶּער ווִיפִיל ס'גֵייט אַוֶועק דִי מִינוּט דִי שָׁעָה דֶער טָאג, קוּמְט עֶס קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק.

**איבערדעם** דַארְף מֶען גוּט גֶעדֶענְקֶען אַז צייט קֶען מֶען נִישְׁט קוֹיפְן מִיט קַיין שׁוּם גֶעלְט, אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעבְּט אוּנְז דִי צַייט דַארְף מֶען עֶס אוֹיסְנִיצְן פַאר גוּטֶע זַאכְן. מֶען קֶען רֶעדְן מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, מְחַזֵק זַיין מְעוֹדֵד זַיין מְשַׂמֵחַ זַיין פְרֵיילִיךְ מַאכְן צוּבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער, וָואס דָאס אִיז אוֹיבֶּעט אַ מִצְוָה, אָדֶער שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה וָואס דָאס אִיז אוֹיבֶעט אַ מִצְוָה, אָדֶער מֶען דַארְף גַנְבֶ'ענֶען צַייט אוֹיף לֶערְנֶען תּוֹרָה, יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָא, יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַסַאךְ דַפִּין גְמָרָא, אוּן אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן. וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לֵייגְט דָאס אַרַיין אִין זִיךְ אוּן לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן.

**אִיךְ** וֵויים אַז עֶס גֵייט אוֹיף דִיר אִיבֶּער אַסַאךְ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים אוּן אַסַאךְ בִּיטֶערְנִישׁ, דָאס אִיז וַוייל דוּ פִּיסְטֶעוֶועסְט אַוֶועק דִי צַייט, סְ'אִיז נָאכְנִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וָואס עֶס צוּבְּרֶעכְט דֶעם מֶענְטְשׁ אַזוֹי וִוי עֶר פַארְבְּרֶענְט דִי צַייט מִיט גָארְנִישְׁט. אִיבֶּער דֶעם הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם עֶרְפִינְדְן אַן עֶרְפִינְדִיג וִוי אַזוֹי דֶעם מֶענְטְשׁ צוּבְּרֶעכְן אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגְן אִין אַ טְרוֹיעֶרִיגְקֵייט אוּן אַ אוּמֶעטִיגְקֵייט, עֶר זָאל שְׁפִּירְן אַלֵיין אוּמֶעטִיג וְכוּ', מֶען קוּקְט אַלֶע מִינֵי פַאנְטַאזְיֶעס דִמְיוֹנוֹת וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן פְלֶעִים, פַארְשִׁידֶענֶע פָארְשְׁטֶעלוּנְגֶען וָואס דָאס פַארְבְּרֶענְט נָאר דִי צַייט. וֶועגְן דֶעם נוּץ אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע צַייט, לֶערְן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ תּוֹרָה, רֶעד אַסַאךְ מִיט מֶענְטְשְׁן,

זַיי זַיי מְחַזֵק, און רֶעד מִיט זַיי דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, מַאךְ פְרֵיילֶעךְ אִידְן, דָאס אִיז אוֹיבֶּעט מִצְווֹת וָואס דֶער מֶענְטְשׁ קֶען טוּן, און דֶער עִיקָר זָאלְסְט זִיךְ אַלֵיין פְרֵיילֶעךְ מַאכְן.

**שְׁטַארְק** זִיךְ, הָאבּ נִישְׁט קַיין מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט אָפְּלָאזְן, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ פָארְנֶעמֶען אַז דוּ וֶועסְט פוּן הַיינְט אָן הִיטְן דִי צַייט וֶועט דִיךְ גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

**זָאל** דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אִין דֶער וֶועלְט, זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ זַיין, זָאלְסְט אוֹיסְנוּצְן דִי הֵיילִיגֶע צַייט, דֶעמָאלְטְס וֶועסְטוּ זַיין דֶער גְרֶעסְטֶער עוֹשֶׁר. ס'אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא עֲשִׁירוּת ווִי הִיטְן דִי צַייט מִיט טוּן גוּטֶע זַאכְן, אוֹיף אַלֶעם אִיז דָא צַייט נָאר נִישְׁט גֵיין לֵיידִיג, נָאר נִישְׁט פוּסְטֶעוֶוען מִיט פוּסְטְקֵייט, נָאר נִישְׁט רֶעדְן דְבָרִים בְּטֵלִים און לָשׁוֹן הָרָע וּרְכִילוּת וְכוּ', און אַז דוּ וֶועסְט דָאס קֶענֶען מְקַיֵים זַיין, וֶועסְטוּ זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער עוֹשֶׁר אוֹיף דֶער וֶועלְט.

**גֶעדֶענְק**, גֶעדֶענְק: דָאס צַייט קֶען מֶען נִישְׁט קוֹיפְן, צַייט גֶעבְּט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּמְזִינְסְט, דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף נָאר הָאבְּן שֵׂכֶל ווִי אַזוֹי אוֹיסְצוּנִיצְן דִי הֵיילִיגֶע צַייט, און אַז עֶר וֶועט זַיין שְׁטַארְק אִין דֶעם, וֶועט אִים גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## מה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר נֹחַ כ"ז תִּשְׁרֵי ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶע בְּרִיוו, אוּן מַחֲמַת מֵיין גְרוֹיסֶע טִירְדוֹת קֶען אִיךְ דִיר נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן בַּאֲרִיכוּת.**

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ יְסוֹד מוּסָד שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ג) אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טוּט אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם צוּ צוּבְּרֶעכְן דָאס שָׁלוֹם בַּיִת בַּיי אַ יוּנְגֶע פָּארְפָאלְק. אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאלְטְן אַז וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת דֶער אִיז פוּל מִיט הִרְהוּרִים רָעִים, וְכוּ', דָאס הֵייסְט מִיט שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען. אוּן אֵיינְמָאל אִיז עֶר אַרַיינְגֶעקוּמֶען פְּרֵייטָאג צוּ נַאכְטְס צוּם טִישׁ, אוּן עֶס הָאט זִיךְ פַּארְקְלִיבְּן אַ גְרוֹיסֶע עוֹלָם, אוּן צְווִישְׁן זֵיי אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין לַאנְגֶע חֲדָשִׁים נִישְׁט גֶעהַאט שָׁלוֹם בַּיִת מִיט זַיין וַוייבּ, אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעווּיסְט דֶערְפוּן, אוּן ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט אוֹיף זַיין שְׁטוּל אוֹיבְן אָן, אוּן עֶר אִיז גֶעזֶעצְן מִיט אַ גְרוֹיס דְבֵיקוּת, פְּלוּצְלִינְג רוּפְט עֶר זִיךְ אָן מִיט אַ קוֹל, "וֶוער הָאט דָאס אַ חוּצְפָּה צוּ זִיצְן בַּיי מֵיין טִישׁ מִיט שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען? אִיךְ מֵיין נִישְׁט טִירָאווִיצֶער אָדֶער טְשֶׁערִינֶער וְכוּ' וְכוּ'", אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַלֶע שְׁטֶעט וָואס פוּן דָארְטְן הָאבְּן

זִיךְ פַאַרְקְלִיבְּן אוֹיף שַׁבָּת מֶענְטְשְׁן, נָאר פוּן דֶעם שְׁטָאט פוּן דֶער וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט שָׁלוֹם בַּיִת הָאט עֶר נִישְׁט דֶערְמַאנְט, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דֶעם טִישׁ אוּן אִיז אַרַיין צוּרִיק אִין זַיין חֶדֶר הַמְיוּחָד, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט פִירְן קַיין טִישׁ, ווִי דֶער אִיד הָאט דָאס דֶערְהֶערְט אִיז אַרַיין אִין זַיין הַארְץ אַ גְרוֹיסֶע חֲרָטָה, ווַייל עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֵיינְט אִים, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן פוּן זַיין פְּלַאץ, אוּן אִיז גֶעגַאנֶען צוּ דִי טִיר פוּן דֶעם חֶדֶר הַמְיוּחָד פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן, "רֶבִּי, אִיךְ זָאג אַייךְ צוּ אַז אִיךְ וֶועל מַאכְן שָׁלוֹם מִיט מַיין ווַייבּ!", אוּן עֶר הָאט בִּיטֶער גֶעוֵויינְט, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעמַאכְט דִי טִיר, אוּן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרוֹיסְקוּמֶען, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר בִּיטֶער גֶעוֵויינְט בִּיז דָאס הָאט זֵייעֶר מְעוֹרֵר גֶעוֶוען אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען דָארְטְן גֶעוֶוען, בִּיז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס תַּלְמִיד רֶבִּי שִׁמְעוֹן זַ"ל אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט אוֹיפְגֶעמַאכְט דֶעם טִיר פוּן דֶעם חֶדֶר הַמְיוּחָד, - ווַייל עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נָאנְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן עֶר זָאל אַרַיינְקוּמֶען צוּם טִישׁ, ווַייל דֶער אִיד ווֵיינְט זֵייעֶר אוּן עֶר זָאגְט צוּ אַז עֶר וֶועט שׁוֹין שָׁלוֹם מַאכְן מִיט זַיין ווַייבּ, דֶעמָאלְטְס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זִינְגֶען שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם וְכוּ' אוּן הָאט גֶעמַאכְט קִידוּשׁ, וְכוּ',

און דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם וָואס זֶענֶען דָארְטְן גֶעוֶוען הָאבְּן גֶעהַאט אַ גְרוֹיסְן הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, וָואס הֵייסְט נִישְׁט הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט שָׁלוֹם מַאכְן מִיט דַיין וַוייבּ, זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם, וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווִיל דִיךְ אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן, און דִי רְשָׁעִים וָואס זֵיי רֶעדְן אַיין דִי פְרוֹיעֶן אַז בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים הָאבְּן נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, זֶענֶען פְּשׁוּטֶע רְשָׁעִים און רֶעדְן לָשׁוֹן הָרָע, וַוייל אַן אֶמֶת'ער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד וָואס פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, אִיז זֵייעֶר מְכַבֵּד דָאס וַוייבּ, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת סב.) הָאוֹהֵב אֶת אִשְׁתּוֹ כְּגוּפוֹ וְהַמְכַבְּדָהּ יוֹתֵר מִגּוּפוֹ עָלָיו הַכָּתוּב אוֹמֵר "וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ"; אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד וָואס פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אִיז זֵייעֶר מְכַבֵּד דָאס וַוייבּ, און הֶעלְפְּט אִיר אַרוֹיס מִיט אַלֶעם, און עֶס אִיז פַארְהַאנֶען שְׁלֶעכְטֶע פְרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען מְקַנֵא דִי חַבֶרְטֶ'עס וָואס זֵיי הָאבְּן מֶענֶער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים און זַיין לֶעבְּן צוּזַאמֶען מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט און הֶעלְפְן אַרוֹיס אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן וְכוּ', און זֵיי הָאבְּן עֶס נִישְׁט, אִיבֶּערְדֶעם רֶעדְן זֵיי אָן דִי פְרוֹיעֶן אַקֶעגְן בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים, און דָאס אִיז אַ פַאקְט וָואס מֶען קֶען זֶען, אַ יוּנְגֶערְמַאן וָואס הִיט אָפּ זַיין שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אַן אֶמֶת'ער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד.

**וָואס** אִיז גֶעשֶׁען? אֵיינְמָאל אַ יָאר פָּארְט עֶר אַוֶועק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן! וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען מַאכְן אַזַא אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ? עֶס אִיז דָא חֲסִידִים וָואס זֵיי פָּארְן

עֶטְלִיכֶע מָאל אִין יָאר צוּ זֵייעֶרע רֶבִּי'ס און לָאזְן אִיבֶּער זֵייעֶרע פְרוֹיעֶן, און עֶס קֶערְט זִיךְ נִישְׁט אִיבֶּער דִי וֶועלְט. נָאר אַז אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד פָּארְט אֵיינְמָאל אִין יָאר אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיז קוּמְט בִּזְיוֹנוֹת און שְׁפִיכוּת דָמִים מַחְלוֹקֶת קְרִיגְעֶרֵייעֶן וְכוּ' וְכוּ'? בְּשַׁעַת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעבֶּעטְן אַז יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס עֶס גְלֵייבְּט אִין אִים און לֶערְנְט זַיין תּוֹרוֹת, זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, און עֶר וֶועט אִים אַ טוֹבָה טוּן. אִיז דֶען גֶעוֶוען אַמָאל אַ צַדִּיק וָואס הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעבֶּעטְן זַיינֶע תַּלְמִידִים און חֲסִידִים אַז זֵיי זָאלְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? און דָא הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּפֵירוּשׁ גֶעבֶּעטְן בַּיי דִי תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט עֶר זֵיי אַ טוֹבָה טוּן אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר.

**גֶעוַואלְד** און גֶעשְׁרִיגְן! דִי חַזַ"ל זָאגְן (בֵּיצָה ט"ז.) רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ פַּארְן מֶענְטְשׁ זַיין בּוּדְזְשֶׁעט אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, וִויפִיל פַּרְנָסָה עֶר וֶועט הָאבְּן. וִוידֶער זָאגְן דִי חַזַ"ל (רֹאשׁ הַשָּׁנָה טז:) רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דַן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר וָואס מִיט אִים וֶועט פַּאסִירְן וְכוּ' וְכוּ', און לֵיידֶער זֶעעֶן מִיר וָואסְפַאַרַא אוּמְגְלִיקְן פַּאסִירְט יֶעדְן טָאג לֹא עָלֵינוּ, וִויפִיל יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן ווערְן פַארְכַאפְּט אָפְּגֶעהִיטְן זָאל מֶען וֶוערְן, וִויפִיל קִינְדֶער גֵייעֶן אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט? וִויפִיל עֶקְסִידֶענְטְן פַּאסִירְן? וִויפִיל פַּייעֶרְן וֶוערְן אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן און פַארְבְּרֶענֶען אַלֶעס? וִויפִיל מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אָן דָאס גֶעלְט אִין אֵיין נַאכְט און וֶוערְן אָרִים, וְכוּ', וְכוּ'?

און וויפיל צָרוֹת אִיז דָא, וְכוּ׳, וְכוּ׳!? און דָא שְׁטֵייט אַ רֶבִּי און שְׁרַייט פַאר זַיינֶע חֲסִידִים און תַּלְמִידִים און פַאר יֶעדְן אִיד: "קוּם צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט אַייךְ גוּט זַיין אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר!".

אִיז אַנְשְׁטָאט מֶען זָאל פְרֵייעֶן זִיךְ אַז דֶער מַאן פָארְט צוּ אַזַא הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַזַא הֵיילִיגֶע הַבְטָחָה, און בֶּעט זִיךְ אוֹיס אַ גוּט יָאר פַאר זִיךְ און פַאר דִי וַוייבּ און פַאר דִי קִינְדֶער וְכוּ׳, קוּמְט אִים אוֹיף דֶעם פַארְשְׁטֵיינֶערְן? קוּמְט אִים אוֹיף דֶעם מֶען זָאל אִים מְבַזֶּה זַיין און שֶׁעלְטְן און פַארְשֶׁעמֶען וְכוּ׳? קוּמְט וֶועגְן דֶעם צוּבְּרֶעכְן אַ שְׁטוּבּ? דָאס וַוייבּ דַארְף דָאךְ טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז אִיר מַאן אִיז גֶעפָארְן צוּ אַזַא הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מְקַיֵּים זַיין דֶעם רָצוֹן פוּן צַדִּיק!

מֶען זֶעט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ צָרָה גֶע'מִשְׁפָּט צוּ וֶוערְן פַאר אַ גְרוֹיסְן שׁוֹפֵט, דֶעמָאלְטְס נֶעמְט עֶר דֶעם גְרֶעסְטְן לָויעֶר, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, וָוארוּם מֶען גֵייט אִים פַארְמִשְׁפָּטְן אוֹיף טוֹיט חַס וְשָׁלוֹם, דֶעמָאלְטְס פַארְקוֹיפְט דִי וַוייבּ אַלֶעס וָואס זִי הָאט, אַבִּי אַז אִיר גֶעטְרֵייעֶ מַאן זָאל הָאבְּן גֶעלְט פַאר אַ גְרוֹיסְן לָויעֶר וָואס זָאל אִים קֶענֶען פַארְטֵיידִיגְן. אָדֶער וֶוען אַ דָאקְטֶער הָאט עֶרְפִינְדְן דֶעם בִּיטֶערֶע מַחְלָה בַּיי אֵיינֶעם לֹא עָלֵינוּ, וָואס טוּט עֶר נִישְׁט צוּ גֵיין צוּם גְרֶעסְטְן פְּרָאפֶעסֶער אִין דֶער וֶועלְט עֶר זָאל אִים קֶענֶען הֵיילְן? עֶר קַארְגְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, דָאס

גֶעטְרֵייעֶ וַוייבּ טְרַייבְּט אִים: "פָאר צוּם גְרֶעסְטְן פְּרָאפֶעסֶער, אוּן קוּק נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, אַבִּי דִי זָאלְסְט הָאבְּן אַ רְפוּאָה מַיין גֶעטְרֵייעֶ מַאן"!

**אוּן** דָא אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס מֶען אִיז דַן יֶעדְן אֵיינְצִיגְן מַאן, וַוייבּ, קִינְדֶער; אוּן דֶער מַאן הָאט בַּאשְׁלָאסְן עֶר פָארְט צוּ אַזַא גְרוֹיסְן אוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער לוֹיעֶר, פַארְטֵיידִיגְט יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס עֶר קוּמְט צוּ אִים עֶר זָאל הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים, עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער וָואס עֶר הֵיילְט יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן עֶר פּוֹעֶל'ט בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דִי אַלֶע וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאלְן הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אוּן עֶס זָאל אִים גָארְנִישְׁט פֶעלְן אַ גַאנְץ יָאר, אִיבֶּערְדֶעם קוּמְט דֶעם מַאן אַזוֹי צוּ רוֹדֵף'ן? - דָאס פְרֶעג אִיךְ יֶעדֶע פְרוֹי וָואס זִי רוֹדֵף'ט דֶעם מַאן וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, צִי דַארְפְסְטוּ דֶען צוּהֶערְן דַיין חַבֶר'טֶע וָואס אִיז דִיר מְקַנֵא אַז דוּ הָאסְט אַזַא גֶעטְרֵייעֶ מַאן וָואס הֶעלְפְט דִיר אַרוֹיס אַ גַאנְץ יָאר, אוּן עֶטְץ הָאטְץ אַזַא לֶעבְּטִיגְן שָׁלוֹם בַּיִת? - אָבֶּער דִיר רָאט אִיךְ נֶעם אַלֶעס אָן פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת, דִי אַלֶע בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים וָואס דוּ לַיידְסְט, אוּן זַיי וַוייטֶער מְכַבֵּד דַיין וַוייבּ אֲפִילוּ זִי שְׁפֶּעט אוּן לַאכְט פוּן דִיר וְכוּ', דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין שְׁטוּבּ, אוּן וַוייטֶער הֶעלְפְן אַזוֹי וִוי גָארְנִישְׁט אִיז גֶעשֶׁעְן, וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מוֹרָא'דִיג מַקְפִּיד אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן

(סוֹטָה ג.) אִישׁ וְאִשָּׁה זָכוּ שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶם; און וואוּ דִי שְׁכִינָה גֶעפוּנְט זִיךְ דָארְטְן זֶענֶען אַלֶע בְּרָכוֹת דָא. אִיבֶּערְדֶעם זֶע פוּן דַיין זַייט זָאל זַיין נָאר שָׁלוֹם און לִיבְּשַׁאפְט, און הֶעלְף אַרוֹיס דַיין וַוייבּ, און זַיי אִיר דַן לְכַף זְכוּת, און דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אַרַיינְגֶעבְּן שֵׂכֶל אִין דַיין וַוייבּ אַז זִי זָאל אַיינְזֶען אַז דִי אַלֶע וָואס זַיי טוּעֶן אִיר אָנְרֶעדְן אוֹיף דִיר דָאס קוּמְט נָאר פוּן קִנְאָה, וָוארוּם נִישְׁט יֶעדֶע פְּרוּי אִיז זוֹכֶה צוּ אַזַא גֶעטְרַייעֶ מַאן ווִי דוּ בִּיסְט.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁוַוייג אָפּ אוֹיף אַלֶע בִּזְיוֹנוֹת, און דוּ וֶועסְט זֶען אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיר נִישְׁט פַּארְלָאזְן, און עֶס וֶועט זִיךְ אַלֶעם אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה. גְלֵייבּ מִיר דַיין וַוייבּ אִיז נִישְׁט אַזַא שְׁלֶעכְטֶע וְכוּ', נָאר שְׁלֶעכְטֶע חַבֵרְטֶ'עס וָואס זֶענֶען אִיר מְקַנֵא רֶעדְן אִיר אָן אַקֶעגְן דִיר, וֶוען דַיין וַוייבּ וֶועט צוּם שֵׂכֶל קוּמֶען, וֶועט זִי דָאס אַיינְזֶען, און דֶעמָאלְטְס וֶועט זִי שָׁלוֹם מַאכְן מִיט דִיר. אָבֶּער דוּ זֶע אִיר וַוייטֶער מְכַבֵּד צוּ זַיין, וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, וָוארוּם בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אַז אַ אִידִישׁ שְׁטוּבּ פִירְט זִיךְ עַל פִּי הַתּוֹרָה, און עֶס הֶערְשְׁט צְווִישְׁן זַיי כָּבוֹד מִיט לִיבְּשַׁאפְט, שִׂמְחָה מִיט רוּאִיגְקֵייט וְכוּ', אִין אַזַא שְׁטוּבּ וַואקְסְן אוֹיף נָארְמַאלֶע קִינְדֶער. אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר הָאט שֵׂכֶל און עֶר רֶעגְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיף, אוֹיף זַיין וַוייבּ, און עֶר אִיז אִיר זֵייעֶר מְכַבֵּד, און פִירְט זַיין שְׁטוּבּ אוֹיף דֶעם אוֹיסְגֶעטְרֶעטֶענֶעם תּוֹרָה וֶועג, וָואס מִיר

הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן, אוּן עֶלְטֶערְנְ'ס עֶלְטֶערְן, מִדּוֹר דוֹר, אוּן מֶען דֶערְוַוייטֶערְט זִיךְ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מָאדֶעס וָואס דִי בִּילִיגֶע גוֹיִים עֶרְפִינְדְן וְכוּ', דָאס פְּרִיצוּת'דִיגֶע אָנְטִיאַכְץ וְכוּ', אוּן דִי גֶעמֵיינֶע פַארְדָארְבֶּנְסְטֶע בִּיכֶער וָואס אִיז פוּל מִיט שְׁמוּץ אוּן מִיט כְּפִירָה, וְכוּ'.

**אַז** וואוּיל אִיז דִי שְׁטוּב וָואס פִּירְט זִיךְ נָאר לוֹיט דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, אוּן עֶר דֶערְוַוייטֶערְט זִיךְ פוּן אַלֶע מִינִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים, אוּן בַּאהֶעפְּט זִיךְ נָאר צוּ עֶרְלִיכֶע אֵיידֶעלֶע אִידְן.

**הַמְּאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## מו

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר נֹחַ כ"ז תִּשְׁרֵי ה'תשע"א.**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו, אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס אִיבֶּערְגֶעלֵיינְט עֶטְלִיכֶע מָאל.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן, דִי יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין אַ אִידִישׁ לֶעבְּן אִיז זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן מִיט יֶענֶעם, קֵיינְמָאל קֶען מֶען נִישְׁט וויסְן יֶענֶעמְ'ס פְּנִימִיּוּת, אֲפִילוּ פוּן דְרוֹיסְן זֶעט עֶר אוֹיס ווִי עֶר זֶעט אוֹיס וְכוּ', מֶען דַארְף דַן זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם לְכַף זְכוּת, אוּן זֶען זִיךְ אַלֵיין מְתַקֵּן צוּ זַיין, דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען הָאבְּן הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן, דִי מִינוּט אַז מֶען קוּקְט אוֹיף יֶענֶעם הָאט מֶען שׁוֹין אַ דוּרְכְפַאל, וָוארוּם אַז אַ מֶענְטְשׁ

לֵייגְט זַיין גַאנְצְן קָאפּ אַרַיין אִין יֶענֶעמְ'ס קָאפּ בְּלַייבְּט עֶר אָן אַ קָאפּ, וָוארוּם עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן זַיין קָאפּ אַרַיין אִין יֶענֶעמ'ס קָאפּ, הָאט יֶענֶער צְוֵויי קֶעפּ אוּן עֶר הָאט קַיין אֵיין קָאפּ נִישְׁט, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מִישְׁן מִיט אַנְדֶערֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן דָאס זָאל דִיר נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין.

**דָאס** אִיז דִי עֵצָה פוּן יֵצֶר הָרָע, פוּן שָׂטָן, פוּן סַמֶ"ךְ מֶ"ם, מֶען זָאל זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מִישְׁן מִיט אַן אַנְדֶערְן, כְּדֵי עֶר זָאל פַארְגֶעסְן פוּן זִיךְ, אוּן דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן, אֲפִילוּ אוֹיף אַ פְּרָטִיוּת'דִיגֶע מֶענְטְשׁ, מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען מֶען זֶעט אַ חַבּוּרָה וָואס זֵיי לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּהַתְמָדָה רַבָּה, זֵיי זֶענֶען מְסַיֵּים אֵיין מַסֶכֶת נָאכְן אַנְדֶערֶע, זֶענֶען מְסַיֵּים שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, טָאר מֶען זִיךְ אַוַודַאי נִישְׁט מִישְׁן, נָאר מֶען דַארְף מְקַנֵּא זַיין זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים, אוּן בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! וֶוען וֶועל אִיךְ אוֹיבֶּעט זוֹכֶה זַיין אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען אַ מַסֶכֶת אוּן דָאס מְסַיֵּים זַיין? וָוארוּם עֶס גֵייט מִיר אַוֶועק טֶעג אוּן נֶעכְט מִיט שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים אוּן אִיךְ לֶערְן נִישְׁט קַיין גְמָרָא. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! דֶערְבַּארֶעם זִיךְ אוֹיף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט אָנְבְּרֶענְגְן מַיין טַייעֶרֶע צַייט, וָוארוּם דוּ אַלֵיין וֵוייסְט דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן מְסַיֵּים זַיין אַ מַסֶכֶת.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ זָאל אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען אַ מַסֶכֶת אוּן לֶערְנֶען אֵיין דַף נָאכְן

אַנְדערְן, און נִישְׁט צוּרִיק גֵיין, נָאר מַקְדִים זַיין אַ דַף נָאךְ אַ דַף בִּיז אִיךְ וֶועל מְסַיֵים זַיין דִי גַאנְצֶע מַסֶכֶת, דֶעמָאלְטְס וֶועל אִיךְ קֶענֶען צוּבְּרֶעכְן דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם, וָואס עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִיקִים אַז זַיין טָמֶא'דִיגֶע נָאמֶען אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת סִ'יוּם מַ'סֶכֶת אֵ'ין לַ'עֲשׂוֹת, עֶר לָאזְט נִישְׁט מַאכְן קַיין סִיוּם, וָוארוּם עֶר וֵוייסְט אַז וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה און עֶר אִיז מְסַיֵים אַ מַסֶכֶת אִיז מֶען מְבַטֵל דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם אִינְגַאנְצְן. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט, נָאר אִיךְ אַלֵיין זָאל זוֹכֶה זַיין אָנְהוֹיבְּן אַ מַסֶכֶת און לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט בִּיז אִיךְ וֶועל מְסַיֵים זַיין דִי גַאנְצֶע מַסֶכֶת, און דוּרְכְדֶעם זָאל אִיךְ אוֹיסְרַייסְן פוּן מִיר דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם וָואס עֶר ווִיל מִיךְ אַריינְבְּרֶענְגֶען אִין עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה און אַז אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן פוּן יֶענֶעם; אִיךְ בֶּעט דִיךְ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר, און אִיךְ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם, אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין מִיט יֶענֶעם נָאר אִיךְ זָאל זֶען זִיךְ צוּ פַארְרֶעכְטְן".

מִיר דַאכְט זִיךְ אוֹיבּ דוּ וֶועסְט גֵיין אוֹיף דֶעם וֶועג וֶועסְטוּ הָאבְּן אַן אַנְדֶערֶע שִׂמְחָה און אַן אַנְדֶערֶע חַיוּת, דִי חַזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קיח:) אָמַר אַבַּיֵי תֵּיתֵי לִי דְכִי חַזִינָא צוּרְבָא מֵרַבָּנָן דְשַׁלִים מַסֶכְתֵּיהּ עֲבִידְנָא יוֹמָא טָבָא לְרַבָּנָן; אוֹיבּ אִיךְ וֶועל זֶען אַז אַ תַּלְמִיד חָכָם הָאט מְסַיֵים גֶעוֶוען אַ מַסֶכֶת וֶועל אִיךְ מַאכְן אַ סְעוּדָה און אַ יוֹם טוֹב פַאר אַלֶע

תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, זֶעט מֶען ווִי גְרוֹיס דָאס אִיז מְסַיֵים צוּ זַיין אַ מַסֶכֶת. אוּן אַזוֹי ווערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה הִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה סִימָן רמ"ו סְעִיף כ"ו) כְּשֶׁמְסַיֵים מַסֶכְתָּא מִצְוָה לִשְׂמוֹחַ וְלַעֲשׂוֹת סְעוּדָה וְנִקְרֵאת סְעוּדַת מִצְוָה; זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווֶען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן אִיז מְסַיֵים אַ מַסֶכֶת דַארְף מֶען מַאכְן אַ סִיוּם.

יֶעצְט פְרֶעג אִיךְ דִיר, בַּארֶעכְן זִיךְ בַּאטְרַאכְט זִיךְ מִיט אַן אֶמֶת: הָאסְטוּ אֵיינְמָאל גֶעמַאכְט אַ סִיוּם אוֹיף אַ מַסֶכֶת? אוּן דָא הָאבְּן זִיךְ צַאמְגֶענוּמֶען אַ גַאנְצֶע חַבוּרָה פוּן בָּחוּרִים ווָאס זֶענֶען לֵיידֶער גֶעוֶוען אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אוּן זַיי הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען לֶערְנֶען אוּן זַיי זֶענֶען מְסַיֵים אַ מַסֶכֶת, קֶענְסְט זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן דֶעם גְרוֹיסְן שִׂמְחָה ווָאס עֶס אִיז דָא אִין הִימְל דוּרְךְ זַיי? קֶענְסְט זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן ווִי דִי כֹּחַ הַתּוֹרָה ווֶעט זַיי אַרוֹיסְרַייסְן פוּן בְּלָאטֶע? ווִי דִי הֵיילִיגֶע רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן יט) אַז אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן ווָאס זַיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ גְרוֹיסְן גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע אוּן זִינְדִיגְן אוּן זַיי קֶענֶען נָאךְ יֶעצְט נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַייעֶר זִינְד, אוֹיבּ זַיי ווֶעלְן זִיךְ נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ אוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַךְ, ווֶעט זַיי דִי כֹּחַ הַתּוֹרָה אַרוֹיסְרַייסְן פוּן זַייעֶר בְּלָאטֶע אוּן פוּן זַייעֶר שְׁמוּץ. קֶענְסְט זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן ווָאס הֵייסְט עֶנְדִיגְן אַ מַסֶכֶת? ווֶעגְן דֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר, פוּן הַיינְט אָן זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן מִיט יֶענֶעם, קוּק אוֹיף דִיר, ווֶעסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה, זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט, נָאר קוּק אוֹיף דִיר אוּן הֵייבּ אָן מְסַיֵים זַיין

אֵיין מַסֶכֶת נָאכְן אַנְדֶערְן מַסֶכֶת, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**עֶם** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אוּן סֵפֶר "יַם שֶׁל שְׁלֹמֹה" (בָּבָא קַמָא סוֹף פֶּרֶק ז') פַארְוָואס דֶערְמַאנְט מֶען בַּיי אַ סִיוּם מַסֶכֶת רַב פָּפָּא מִיט זַיינֶע צֶען קִינְדֶער? נָאר רַב פָּפָּא אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט זַיינֶע צֶען קִינְדֶער זָאלְן מְסַיֵים זַיין אֵיין מַסֶכֶת נָאכְן אַנְדֶערְן, בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן לֶעבְּטִיגֶע צַדִיקִים אוּן גְדוֹלִים בְּתוֹרָה. אִיבֶּערְדֶעם אִיז וֶוען מֶען אִיז מְסַיֵים אַ מַסֶכֶת, דֶערְמַאנְט מֶען רַב פָּפָּא מִיט זַיינֶע צֶען קִינְדֶער, בִּזְכוּת וָואס זֵיי פְלֶעגְן מַאכְן אַ סִיוּם אוֹיף אַ מַסֶכֶת זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן זֵייעֶר זֵייעֶר רַייךְ. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זֶען מְסַיֵים זַיין אַ מַסֶכֶת, אוּן דָאס וֶועט אִין דִיךְ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אוּן בִּזְכוּת שִׂמְחַת הַתּוֹרָה וֶועט דִיךְ מוֹחֵל זַיין דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אַלֶע דַיינֶע עֲבֵירוֹת.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין מִיט אַנְדֶערֶע, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן זָאלְסְט נִישְׁט אָנְהֶערְן לָשׁוֹן הָרָע וָואס לֵיידֶער לֵיידֶער דֶער גָלוּת אִיז בִּיטֶער לַאנְג נָאר וֶועגְן שִׂנְאַת חִנָם, וָואס אֵיינֶער הָאט פַיינְט דֶעם אַנְדֶערְן, וּמִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען מֶען זֶעט אַ קְבוּצָה בָּחוּרִים וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אִין שְׁאוֹל תַחְתִּית אוּן יֶעצְט לֶערְנֶען זֵיי מִשְׁנַיוֹת, אוּן זֶענֶען מְסַיֵים אֵיין פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אֵיין מַסֶכֶת נָאךְ אַ מַסֶכֶת בִּיז זֵיי עֶנְדִיגְן שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אִיז דֶען שַׁייךְ אוֹיף זֵיי צוּ רֶעדְן? אַ טִיפֵּשׁ רֶעדְט אוֹיף בָּחוּרִים וָואס זֵיי לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת.

דִי חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ז' סִימָן ג') אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת; אִין דֶעם אִיז תָּלוּי דִי גַאנְצֶע גְאוּלָה, אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ חַזֶר'ן מִשְׁנָיוֹת. מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָה, מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת מְשַׁנֶּה, סְ'אִיז מְשַׁנֶּה דֶעם מֶענְטְשׁ סְ'אִיז מְזַכֵּךְ דִי נְשָׁמָה, אַז מֶען זֶעט אַ קְבוּצָה בָּחוּרִים וָואס זֵיי לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, אוּן זֵיי עֶנְדִיגְן אֵיינְמָאל נָאכְן אַנְדֶערְן, אִיז דֶען שַׁיָּיךְ צוּ רֶעדְן אוֹיף זֵיי? אִיז דֶען שַׁיָּיךְ אוֹיף זֵיי צוּ מַאכְן לִצָנוּת? עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם לֵיידֶער אִין בֵּין הַזְּמַנִּים טוֹיזְנְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער בָּחוּר'לֶעךְ אוּן פּוּסְטֶעוֶען אַוֶועק דִי צַייט אוּן קֵיינֶער רֶעדְט נִישְׁט אוֹיף זֵיי, אוּן קֵיינֶער מַאכְט נִישְׁט קַיין בַּאמֶערְקוּנְג אוֹיף זֵיי, וֶוען סְ'אִיז אַ שָׁאד יֶעדְן טָאג אוּן יֶעדֶע שָׁעָה אוּן יֶעדֶע רֶגַע, וְוִי דֶער מַאֲמַר הֶחָכָם אִיז "אֵין אֲבֵידָה כַּאֲבֵידַת הַזְּמַן", אַלֶעס קֶען מֶען קוֹיפְן אִין לֶעבְּן אָבֶער נִישְׁט קַיין צַייט, יֶעדֶע מִינוּט וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ שְׁטַארְבְּט עֶס אָפּ, עֶס וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען, אוּן עֶס אִיז דָא אַ קְבוּצָה בָּחוּרִים וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ אוּן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, אוּן אֲפִילוּ אַז זֵיי זָאגְן מִשְׁנָיוֹת הָאט עֶס אַ גֶעוַואלְדִיגֶע סְגוּלָה מְזַכֵּךְ זַיין דִי נְשָׁמָה, אוּן פוּן זֵיי מַאכְט מֶען לִצָנוּת? אוּן אוֹיף זֵיי רֶעדְט מֶען?

**פַארְוָואס** זָאל מֶען נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף טוֹיזְנְטֶער בָּחוּר'לֶעךְ וָואס זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם פּוּסְט אוּן לֵיידִיג וָואס דָאס בְּרֶענְגְט צוּ בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע זִינְד? וְוִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבוֹת נ"ט) הַבַּטָּלָה מְבִיאָה לִידֵי שִׁיעֲמוּם, מֶען וֶוערְט מְשׁוּגָע

פַּאר לֵיידִיג גֵיין, מְבִיאָה לִידֵי זִימָה, מֶען טוּט שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת וְכוּ׳, אוֹיף זֵיי רֶעדְט מֶען נִישְׁט, אוֹיף זֵיי טְשֶׁעפֶּעט מֶען נִישְׁט! נָאר מֶען זֶעט אַ קְבוּצָה בָּחוּר׳לֶעךְ וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען אִין דִי הֶענְט אוּן זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אוּן עֶנְדִיגְן גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוֹיף זֵיי דַארְף מֶען קְרִיגְן? אוֹיף זֵיי דַארְף מֶען רֶעדְן? וֶוער אִיז דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם? דֶעי וָואס פּוּסְטֶעוֶוען אוּן טוּעֶן עֲבֵירוֹת, אָדֶער דֶעי וָואס זֵיי לֶערְנֶען אוּן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת? דוּ אַלֵיין זָאג מִיר!

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן א׳) דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז זִיךְ מִתְלַבֵּשׁ בְּמִצְווֹת. בֶּעט אִיךְ דִיךְ: אַנְטְלוֹיף פוּן דִי מִצְווֹת פוּן יֵצֶר הָרָע, וָואס עֶר רֶעדְט דִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן אוֹיף אַ קְבוּצָה בָּחוּר׳לֶעךְ, וָואס זֵיי זֶענֶען זוֹכֶה מְסַיֵּים זַיין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן זֶענֶען זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אַ מַסֶּכֶת אוּן חַזֶר׳ן אִיבֶּער דִי מַסֶּכֶת הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, אַז וואויל אִיז זֵיי. הַלְוַואי הַלְוַואי זָאלְן זִיךְ מֶערְן הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער בָּחוּר׳לֶעךְ ווִי זֵיי, יוֹסִיף עֲלֵיהֶם אֶלֶף פְּעָמִים כָּכָה, אוּן זֵיי זָאלְן אוֹיכֶעט אָנְהֵייבְּן צוּ חַזֶר׳ן מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, אוּן עֶנְדִיגְן מִשְׁנַיוֹת, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן מְסַיֵּים זַיין אַ מַסֶּכֶת, וָואס דָאס וֶועט זֵיי בְּרֶענְגְן גְרוֹיס עֲשִׁירוּת. מִשְׁנָ״ה בַּאטְרֶעפְט פוּנְקְט ווִי פַּרְנָסָ״ה, אַז אֵיינֶער לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אוּן עֶר חַזֶר׳ט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, דָאס בְּרֶענְגְט אִים עֶר זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט

אוּיפְהֶערְן מְקַטְרֵג זַיין, זָאלְסְט אוּיפְהֶערְן צוּ קוּקְן אוּיף דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן יֶענֶעם בִּכְלָלִיוּת, אוּן בִּפְּרָטִיוּת זָאלְסְטוּ אוּיפְהֶערְן צוּ קוּקְן שְׁלֶעכְטְס אוּיף אַ קִיבּוּץ בָּחוּרִים וָואס זֵיי זֶענֶען מְסַיֵים אֵיין מַסֶכֶת נָאךְ אַ מַסֶכֶת, אוּן זֵיי זֶענֶען זוֹכֶה מְסַיֵים צוּ זַיין שַׁ"ס, אוּן זֵיי זֶענֶען זוֹכֶה מְסַיֵים צוּ זַיין שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אָן אַ שִׁיעוּר מָאל.

**הַלְוַואי** זָאלְסְטוּ אוֹיכֶעט זַיין פוּן דִי וָואס זֶענֶען מְסַיֵים אַ מַסֶכֶת הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן זָאלְסְט לֶערְנֶען אַסאךְ מִשְׁנָיוֹת, וֶועט עֶס דִיר רֵיינִיגְן דֶעם מֹחַ, דוּ וֶועסְט שׁוֹין נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן אַן אַנְדֶערְן, וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן נָאר פוּן דִיךְ, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוּיף דֶער וֶועלְט אוּן אוּיף יֶענֶער וֶועלְט.

**גְלֵייבּ** מִיר וֶוער סְ'הָאט דֶעם אֱמֶת'ן יִישׁוּב הַדַעַת, בַּאטְרַאכְט, אָט אִיז טָאג אָט אִיז נַאכְט, אָט אִיז נַאכְט אָט אִיז טָאג, אִיז עֶר זוֹכֶה אוּן עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָא, אִיז עֶר זוֹכֶה אוּן עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אִיז עֶר זוֹכֶה אוּן עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא, וֶועט אִים גוּט זַיין אוּיף דֶער וֶועלְט אוּן אוּיף יֶענֶער וֶועלְט; חָלִילָה וְחַס אַז עֶס גֵייט אִים אַוֶועק אַ טָאג אָן דִי דְרֵיי לִימוּדִים, אִיז עֶר דָאךְ דֶער גְרֶעסְטֶער אָרִימַאן, דֶער גְרֶעסְטֶער אוּמְגְלִיקְלִיכֶער מֶענְטְשׁ! ווי דִי חַזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קכ.) "וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה", שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא תַּלְמוּד; וָואס הֵייסְט אַן אָרִימַאן? אַז אֵיינֶער פַארְפֶעלְט

אַ טָאג און עֶר לֶערְנְט נִישְׁט קַיין חוּמָשׁ מִיט מִשְׁנָיוֹת מִיט גְמָרָא, דֶער אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער אָרִימַאן. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זַייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט פַארְפֶעלְן קַיין אֵיין טָאג פוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָא, אַ פֶּרֶק אָדֶער צְוֵויי מִשְׁנָיוֹת, און אַ דַף גְמָרָא, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין תָּמִיד.

וְעַל כּוּלָם, גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ, וָואס דָאס הֵייסְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הִתְבּוֹדְדוּת, וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ה) אַז הִתְבּוֹדְדוּת אִיז אַ מַעְלָה עֶלְיוֹנָה הֶעכֶער פוּן אַלֶעס; וֶוען אַ אִיד גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מַאכְט עֶר אַ רַעשׁ אִין אַלֶע הִימְלֶען, וֶוען אַ אִיד וֵויינְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און בֶּעט "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן בְּלָאטֶע וָואס אִיךְ בִּין אִין דֶעם אַרַיינְגֶעפַאלְן! רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאב רַחְמָנוּת אוֹיף מַיין נְשָׁמָה עֶס זָאל מִיר נִישְׁט גֵיין לְאִיבּוּד! רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זֶע אִיךְ זָאל נִישְׁט אָנְבְּרֶענְגְן מַיין טַייעֶרֶע צַייט מִיט נַארִישְׁקֵייטְן! רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זֶע אִיךְ זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט נָאר אוֹיף זִיךְ אַלֵיין! רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זֶע אִיךְ זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר אִיךְ זָאל שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל זַיין אַ גְלִיקְלִיכֶער מֶענְטְשׁ...!" אַזוֹי זָאלְסְטוּ מַרְחִיב זַיין דֶעם דִיבּוּר יֶעדְן טָאג, וֶועסְטוּ זֶען צוּ וָואסְפַארַא שִׂמְחָה דוּ וֶועסְט קוּמֶען.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# מז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר נֹחַ כ"ח תִּשְׁרֵי ה'תשע"א.

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

דַיין בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

זֶע זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט קֶענֶען צוּבְּרֶעכְן, אוֹיף יֶעדֶעם אֵיינֶעם גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערֶענְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד אִיז וָואס עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אִין זַיינֶע אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

זְויסְן דַארְפְסְטוּ וִויסְן אוֹיבּ אַ אִיד שְׁטַארְקְט זִיךְ אִין אֱמוּנָה אוּן עֶר וֵוייסְט אַז עֶס גֶעפוּנְט זִיךְ נִישְׁט קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אַלֶעס וָואס עֶס וֶוערְט גֶעפִּירְט מִיט אִים אִיז לְטוֹבָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער אִיז פַאר זַיין טוֹבָה וֶועגְן, דָאס אִיז עוֹלָם הַבָּא; אִיבֶּערְדֶעם זֶע זִיךְ צוּ דַן זַיין לְכַף זְכוּת, ס'אִיז נִישְׁט קַיין חָכְמָה זִיךְ אַרָאפְּוַוארְפְן, זִיךְ צוּבְרֶעכְן וְכוּ', זִיךְ צוּ הַאלְטְן פַאר דִי נִידְרִיגְסְטֶע וְכוּ', דִי קוּנְץ אִיז צוּ טְרֶעפְן בַּיי זִיךְ גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס יֶעדֶער אִיד הָאט. וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נז.) אוֹיפְן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ד') "כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ", מַאי רַקָּתֵךְ? אֲפִילוּ רֵיקָנִין שֶׁבָּךְ

מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן; יֶעדֶער אִיד אִיז פוּל מִיט מִצְווֹת. אִיבֶּערְדֶעם דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ דַן זַיין לְכַף זְכוּת, סְ'אִיז קַיין שׁוּם מִצְוָה נִישְׁט אַרוּם גֵיין מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג פַארְדַאגֶה'ט, אַדְרַבָּה דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ד') מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד, סְ'אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ שְׁטֶענְדִיג. אוּן וָואס מֶער אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט אַ גְלַייךְ הַארְץ, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א') כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו; אַז אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַ מִצְוָה מִיט שִׂמְחָה אִיז אַ סִימָן אַז זַיין הַארְץ אִיז גְלַייךְ מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף אִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** שְׁטַארְק זִיךְ וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, אַז דוּ שְׁפִּירְסְט דוּ הָאסְט גֶעזִינְדִיגְט וְכוּ'. אוֹיף דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען גֵייט אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט דָארְטְן, אוּן מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס, אוּן דָאס אִיז דִי מִצְוָה פוּן ווִידוּי. אוּן דִי חַזַ"ל זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים בְּחוּקּוֹתַי) אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, מִיַּד שֶׁמִּתְוַודִּים אֲנִי מוֹחֵל לָהֶם; דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאגְט, גְלַייךְ ווִי מְ'אִיז זִיךְ מִתְוַודֶּה בִּין אִיךְ שׁוֹין מוֹחֵל. אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶע'פַּסְקֶ'נְט אִין רַמְבַּ"ם (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה הֲלָכָה א') אַז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז ווִידוּי דְבָרִים, וְכָל

הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַודוֹת הֲרֵי זֶה מְשׁוּבָּח. מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן פַּארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און אִים אוֹיסְדֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, און דוּרְכְדֶעם וֶועט אִים וֶוערְן גְרִינְגֶער וַוייל עֶס גֵייט אַרוֹיס דִי עֲווֹנוֹת פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער, און עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ רֵיינֶע אֱמוּנָה. אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ, און גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פָּשׁוּט אִידִישׁ, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, נָאר זַיי נִישְׁט גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ.

זֶע מְכַבֵּד צוּ זַיין טַאטְן מַאמֶען, וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, און דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים ווִיל זֵייעֶר אַז מֶען זָאל זַיין שְׁטַארְק אִין דִי מִצְוָה. ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (קִידוּשִׁין ל:) בִּזְמַן שֶׁאָדָם מְכַבֵּד אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיהֶם כְּאִילוּ דַרְתִּי בֵּינֵיהֶם וְכִבְּדוּנִי; דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאגְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְכַבֵּד זַיין טַאטְן און מַאמֶען, אִיז דָאס גְלַייךְ ווִי מֶען אִיז מִיר מְכַבֵּד, און חָלִילָה פַארְקֶערְט, אַז מֶען אִיז מְזַלְזֵל און טַאטֶע מַאמֶע, אִיז מֶען מְזַלְזֵל אִין מִיר; אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זֶען זֵייעֶר זֵייעֶר פָּאלְגְן טַאטֶע מַאמֶען.

**דָאס** וָואס זַיי רֶעדְן דִיךְ אָפּ נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען וְכוּ', דָאס אִיז נָאר וַוייל מֶען הָאט זַיי אוֹיפְגֶעהֶעצְט אַקֶעגְן דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, אָבֶּער אוֹיבּ דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען פְלַייסִיג יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, און אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אֵיינְמָאל נָאכְן

אַנְדערְן, און אויך װעסטו זיך מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין גְּמָרָא כְּסִדְרָן מִיט אַ גֶעוואלְדִיגֶע עַקְשָׁנוּת, װעסטו זֶען אַז בַּיים סוֹף װעלְן טַאטֶע מַאמֶע אַיינְזֶען אַז דו בִּיסְט אַ מַתְמִיד דְרֵייסְט זיך נִישְׁט אַרוּם לֵיידִיג, און דו פִּירְסְט זיך אוֹיף עֶרְלִיךְ, און עֶס װעט אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט װערְן לְטוֹבָה.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט װען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צום הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן עֶר זָאל זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, און זַיין טַאטֶע רֶבִּי נַפְתָּלִי הֶערְץ זַ"ל הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיפְן רֶבִּי'ן, "מֵיין זוּן גֶעבְּט מֶען אַזַא תִּיקוּן צו זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת!?", אָבֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעפָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, כָאטְשׁ עֶר הָאט גֶעלִיטְן אַסַאךְ בִּזְיוֹנוֹת פַאר דֶעם, און אִין דֶער סוֹף הָאט דֶער טַאטֶע אֵיינְגֶעזֶען אַז קֵיינֶער פון די קִינְדֶער זֶענֶען אִים נִישְׁט אַזוֹי מְכַבֵּד ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל, פְלֶעגְט עֶר זיך אוֹיפְשְׁטֶעלְן װען דֶער זוּן אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען, און עֶר פְלֶעגְט אִים רוּפְן "רֶבִּי נָתָן". אַזוֹי שְׁטַארְק הָאט עֶר מְכַבֵּד גֶעוֶוען זַיין זוּן ווייל עֶר הָאט אֵיינְגֶעזֶען אַז דוּרְכְן רֶבִּינְ'ס הַקְדָמוֹת אִיז מֶען זוֹכֶה מְכַבֵּד צו זַיין טַאטֶע און מַאמֶע מֶער ווי װען מֶען הָאט נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס הַקְדָמוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט חָלִילָה וְחַס נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן מִיט עַזּוּת אַנְטְקֶעגְן טַאטֶע מַאמֶען, מֶען דַארְף פַארְשְׁטֵיין זֵיי הָאבְּן אוֹיבֶעט צַעַר, מֶען הָאט

זַיי אוֹיפְגֶעהֶעצְט אַקֶעגְן בְּרֶסְלֶב וְכוּ'. דוּ זֶע נָאר מְכַבֵּד זַיין טַאטְן מַאמֶען, וָואס דָאס אִיז אַ יְסוֹד מוּסָד אִין אִידִישְׁקֵייט, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה פֶּרֶק כ"ז) כָּל הָעוֹלָם כּוּלּוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ מִן הָאָדָם רַק שֶׁיְּכַבֵּד אָב וָאֵם; דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט בַּאלַאנְגְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן עֶר וִויל נִישְׁט גָארְנִישְׁט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ נָאר אַז עֶר זָאל מְכַבֵּד זַיין טַאטְן מַאמֶע; אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זַיי שְׁטַארְק אִין דֶעם, דוּ זָאלְסְט עֶרְלִיךְ דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן דַּיְיקָא, אוּן מְקַשֵּׁר זַיין דַיין מַחְשָׁבָה צוּם דִיבּוּר, זָאלְסְט אִינְזִינֶען הָאבְּן וָואס דוּ זָאגְסְט, וֶועסְטוּ זֶען ס'וֶועט דִיךְ לַייכְטְן, וִוי דִי הֵיילִיגֶע רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ט') אוֹפְן פָּסוּק פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה "צֹהַר תַּעֲשֶׂה לַתֵּיבָה" מֶען דַארְף אוֹיפְלַייכְטְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶוענֶען, מֶען זָאל שְׁפִּירְן אַ לֶעבְּטִיגְקֵייט אַ זִיסְקֵייט וֶוען מֶען דַאוֶוענְט.

**שְׁטַארְק** זִיךְ זַיי נִישְׁט בַּיי דִיר גֶעפַאלְן, מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מִיט דֶעם וָואס מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּ אִים אִין דֶעם זְכוּת וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

**הַמְּאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# מח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר נֹחַ כ"ח תִּשְׁרֵי ה'תשע"א.

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר.

דַּיין בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

וְוייסְן דַארְפְסְטוּ וְויסְן אַז דִי חַזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ג.) אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת; אַ מֶענְטְשׁ טוּט נִישְׁט קַיין עֲבֵירָה נָאר אוֹיבּ עֶס אִיז אַרַיין אִין אִים אַ נַארִישְׁקֵייט, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ז') קוּמְט אוֹיס אַז יֶעדֶער אֵיינֶער כְּפִי זַיינֶע גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת אִיז מְשׁוּגָע, וַוייל יֶעדֶע עֲבֵירָה בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין מֶענְטְשׁ נַארִישְׁקֵייטְן אוּן שִׁיגָעוֹן, וְכוּ', וְכוּ', אוּן דָאס וֶוערְט צוּגֶעקְלֶעבְּט אִין אִים בִּיז עֶר קֶען פוּן דֶעם נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין. אִיבֶּערְדֶעם אִיז דִי עֵצָה קוֹדֶם כָּל אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ זִינְק אִין גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת וָואס דָאס בְּרֶענְגְט מִיר צוּ שִׁגְיוֹנוֹת, אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אַרוּם פָּשׁוּט אַזוֹי וִוי אַ מְשׁוּגָענֶער, אִיךְ הָאבּ קַיין שׁוּם יִשּׁוּב הַדַּעַת נִישְׁט, בֶּעט אִיךְ דִיר שֶׁענְק מִיר שֵׂכֶל, אַתָּה חוֹנֵן לְאָדָם דַּעַת, דוּ גֶעבְּסְט פַאר מֶענְטְשְׁן שֵׂכֶל, גֶעבּ מִיךְ אוֹיבֶּעט שֵׂכֶל אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין הָאבְּן יִשּׁוּב הַדַּעַת, אוּן אִיךְ זָאל שׁוֹין נִישְׁט זַיין מְבוּהָל וּמְבוּלְבָּל פוּן יֶעדֶע זַאךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וִוי נִישְׁט הָאבּ אִיךְ אִין מִיר אַסַאךְ מִצְווֹת. דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַאנְק אִיךְ דִיר בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס דוּ הָאסְט מִיר בַּאשַׁאפְן

אַ איד, און נישט קיין גוי, און איך גיי מיט ציצית, און איך לייג תְּפִילִין יעדן טאג, און איך האב אַ מְזוּזָה אויף מיין טיר, און איך היט שַׁבָּת און עס כָּשֵׁר, מיט דעם זאל איך זיך מְחַיֶּה זיין אַ גאנצן טאג, און דאס וועט מיר ברענגען יִשּׁוּב הַדַּעַת. ווארום אַזוי האסטו אונז מְגַלֶּה געווען דורך דיינע צַדִּיקִים, אַז שִׂמְחָה ברענגט יִשּׁוּב הַדַּעַת. איבערדעם בעט איך דיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם איך זאל זוֹכֶה זיין צו זיין שטענדיג פרייליך מיט די מִצְווֹת וואס איך בין מְקַיֵּים, און מיט דעם וואס איך וועל זיין פרייליך וועל איך זוֹכֶה זיין צו האבן יִשּׁוּב הַדַּעַת און איינמאל פאר אַלעמאל וועל איך זיך נעמען אין די הענט אַריין, און איך וועל זיך נישט מְבַלְבֵּל זיין פון קיינעם נישט, און איך וועל אָנְהייבן ווערן אַן אֱמֶת'ער ערליכער איד, און טון דיין רָצוֹן מיט אַן אֱמֶת".

אַזוי זאלסטו בעטן יעדן טאג דעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס תְּפִלָּה טוט אויף, ווי די חֲזַ"ל זאגן (תַּנְחוּמָא וַיֵּרָא) אָמַר לָהֶן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְיִשְׂרָאֵל הֱווּ זְהִירִין בִּתְפִלָּה שֶׁאֵין מִדָּה אַחֶרֶת יָפָה הֵימֶנָּה, וְהִיא גְּדוֹלָה מִכָּל הַקָּרְבָּנוֹת וְכוּ' וַאֲפִילוּ אֵין אָדָם כְּדַאי לַעֲנוֹת בִּתְפִלָּתוֹ וְלַעֲשׂוֹת חֶסֶד עִמּוֹ כֵּיוָן שֶׁמִּתְפַּלֵּל וּמַרְבֶּה בְּתַחֲנוּנִים אֲנִי עוֹשֶׂה חֶסֶד עִמּוֹ; ווארום תְּפִלָּה איז זייער חָשׁוּב ביים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אויב דו וועסט מיר פאלגן מיט דעם בעטן יעדן טאג דעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אויף אידיש וואס דאס הייסט ביים הייליגן רבי'ן הִתְבּוֹדְדוּת, וועסטו נישט

דַארְפְן אָנְקוּמֶען צוּ מִיר. אִיךְ זוּךְ נִישְׁט קַיין חֲסִידִים וְכוּ׳, אוּן קַיין מְקוּרָבִים וְכוּ׳, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צַייט וְכוּ׳.

**אִיךְ** הָאבּ שׁוֹין מִיט דִיר אַסַאךְ גֶערֶעדְט, אוּן אִיךְ זֶע אַז מַיינֶע וֶוערְטֶער גֵייעֶן אִין דִי לוּפְטְן, אִיבֶּערְדֶעם הָאבּ אִיךְ קַיין צַייט נִישְׁט, מֶען קֶען רֶעדְן מִיט אַ מֶענְטְש וָואס וויל הֶערְן אוּן וויל פַארְשְׁטֵיין אוּן וויל פָאלְגְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, אָבֶּער צוּ רֶעדְן צוּ אַ וַואנְט... אִיז אַ שָׁאד דִי צַייט, שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר דֶעם לֶעצְטְן מָאל דִי פָּאר שׁוּרוֹת.

**נֶעם** זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, לֶערְן יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף אֲרִיכוּת יָמִים, ווִי דִי חַזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו; אוּן אוֹיף דֶעם קֶען מֶען זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפ״ה סְעִיף ג׳) מִיּוֹם רִאשׁוֹן וָאֵילָךְ נִקְרָא עִם הַצִּיבּוּר; אוּן דֶער "מִשְׁנָה בְּרוּרָה" בְּרֶענְגְט אַז אַזוֹי הָאט זִיךְ גֶעפִירְט דֶער הֵיילִיגֶער גְרָ״א זי״ע.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, וָוארוּם מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דֶער גְרוֹיסֶער עִנְיָן פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת יֶעדְן טָאג, אוּן אֲפִילוּ זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת אִיז אַ גְרוֹיסֶע סְגוּלָה פַאר דִי נְשָׁמָה, אוּן סְ׳אִיז מְזַכֵּךְ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע שְׁמוּץ אוּן שְׁגִיוֹנוֹת וָואס הָאט זִיךְ אָנְגֶעקְלֶעבְּט אִין אִים.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא וָואס דָאס אִיז אַ שְׁמִירָה פַאר דִי נְשָׁמָה. גְמָרָ"א אִיז דִי רָאשֵׁי תֵיבוֹת פוּן דִי פִיר מַלְאָכִים וָואס זֵיי הִיטְן דֶעם מֶענְטְשׁ גַ'בְרִיאֵל מִ'יכָאֵל רְ'פָאֵל אוּ'רִיאֵל, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס הֵייסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא. דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי שְׁלָמְ'קֶע זֶעוִוילֶער זי"ע הָאט גֶעזָאגְט, אַז אֵיינֶער וָואס עֶר לֶערְנְט נִישְׁט יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא בַּאקוּמְט עֶר אַ צוּרָה פוּן אַ חַיָה, אוּן אֵיינֶער אִיז אַרֵיינְגֶעקוּמֶען צוּ אִים, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייעֶן "אוֹי אוֹי וְכוּ'!" הָאט אִים זַיין מְשַׁמֵשׁ גֶעפְרֶעגְט, "רֶבִּי, וָואס אִיז מִיט אַייךְ?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט, "זֶעסְט נִישְׁט וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט, אַז אֵיינֶער לֶערְנְט נִישְׁט קַיין דַף גְמָרָא הָאט עֶר אַ צוּרָה פוּן אַ חַיָה? אִיךְ הָאבּ מוֹרָא פוּן אַ חַיָה!". דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זֶען יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען אַ דַף גְמָרָא חָק וְלֹא יַעֲבוֹר. הַיינְט אִיז דָא אַזוֹיפִיל גְרִינְגֶע פֵּירוּשִׁים, וָואס אֲפִילוּ אֵיינֶער הָאט אַ שְׁוֶוערֶע קָאפּ קֶען עֶר אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין אַ דַף גְמָרָא.

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ הֲלָכָה. קוֹדֶם זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען כְּסִדְרָן אַרְבַּע חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ מְחַבֵּר רְמָ"א, וָואס דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן אַסַאךְ לֶערְנֶען מְחַבֵּר רְמָ"א, וָוארוּם עֶס אִיז נִתְחַבֵּר גֶעוָוארְן מִיט גְרוֹיס רוּחַ הַקוֹדֶשׁ. אוּן עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת לִימוּד שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן דָאס אִיז דֶער עִיקָר אִין בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידוּת, נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן

שׁוּלְחָן עָרוּךְ. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זֶען צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה, וָואס דָאס אִיז מְטַהֵר דֶעם נֶפֶשׁ פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד טוֹבל'ט זִיךְ דֶעם גוּף דָא אוּנְטְן דֶעמָאלְטְס טוֹבל'ט זִיךְ זַיין נְשָׁמָה אוֹיבְן. ווייל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז נִזְהָר צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ דַאוֶוענֶען אַלֶע דְרֵיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן דַיְיקָא. אוּן זָאלְסְט גֶעבְּן יֶעדְן טָאג צְדָקָה. זָאלְסְט בֶּענְטְשְׁן עֶרְלִיךְ אִין אַ סִידוּר וֶועסְטוּ וֶוערְן רַייךְ. זָאלְסְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה כְּפִי דֶעם נוּסַח פוּן דֶעם אַרִ"י הַקָּדוֹשׁ זי"ע וֶועט מֶען דִיךְ מוֹחֵל זַיין אַלֶע עֲווֹנוֹת.

וֶועסְטוּ מִיךְ פָאלְגְן אִיז גוּט. וֶועסְטוּ מִיךְ נִישְׁט פָאלְגְן, טוּ מִיר אַ טוֹבָה גֵיי פוּן וַואנֶעט דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען, אוּן זוּךְ דִיךְ אַן אַנְדֶערְן צוּ פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צַייט פַאר נַארִישְׁקֵייטְן, דֶער צַייט אִיז זֵייעֶר קוּרְץ, ווי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים צ') "יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה". אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ס"א) אַז דִי זִיבֶּעצִיג יָאר פְלִיט אַרִיבֶּער אַזוֹי ווִי אַ פֶערְטְל שָׁעָה - פְרֶעג זִיךְ נָאךְ בַּיי אַן אַלְטְן אִיד אוֹיבּ ס'אִיז נִישְׁט אַזוֹי - אִיבֶּערְדֶעם אִיז אַ שָׁאד דִי צַייט, דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן פְלִיט דוּרְךְ אַזוֹי ווִי אַ פֶערְטְל שָׁעָה, אִיז נִישְׁטָא קַיין צַייט פַאר מְשׁוּגַעַתְ'ן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ס"ז) דָאס מֶען קֶען אוֹיסְהֵיילְן יֶעדְן אֵיינֶעם אֲפִילוּ אַ מְשׁוּגֶענֶעם, נָאר דִי

צָרָה אִיז אַז דֶער מְשׁוּגָעֶנֶער וִויל נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן אַ קְלוּגְן, אוּן עֶר זָאגְט פַארְן קְלוּגְן אַז דוּ בִּיסְט מְשׁוּגָע נִישְׁט אִיךְ, אוּן דֶערְפַאר קֶען מֶען אִים נִישְׁט אוֹיסְהֵיילְן, וַוייל עֶר הַאלְט אַז עֶר אִיז קְלוּג, אַז אָךְ אוּן וֵויי אַזַא קְלוּגְשַׁאפְט וָואס מֶען מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד וָואס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע וֶוערְטֶער בַּאֲרִיכוּת (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו). גֵיי אִין בֵּית הַחַיִּים וֶועסְטוּ זֶען הוּנְדֶערְטֶער קְבָרִים אוּן מַצֵּיבוֹת, וְכוּ', וְכוּ', אַז וואוּיל אִיז דֶער וָואס עֶר לִיגְט אִין קֵבֶר אוּן עֶס שְׁטֵייט אוֹיף דִי מַצֵּיבָה אַז עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנֶה, אוּן שַׁ"ס, אוּן אַרְבַּע חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן זוֹהַר, אוּן תִּיקוּנִים, וְכוּ', וְכוּ', דָאס קֶען מֶען שׁוֹין פוּן אִים נִישְׁט צוּנֶעמֶען. אוּן אָךְ אוּן וֵויי אַ קֵבֶר אוּן אַ מַצֵּיבָה וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא דָארְט לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנֶה, אוּן אֵיין מָאל שַׁ"ס, אוּן אֵיין מָאל אַרְבַּע חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וְכוּ', וְכוּ'. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ט') "אִם חָכַמְתָּ חָכַמְתָּ לָּךְ, וְלַצְתָּ לְבַדְּךָ תִשָּׂא", אוֹיבּ דוּ בִּיסְט קְלוּג בִּיסְטוּ קְלוּג פַאר דִיר, אוּן אוֹיבּ דוּ מַאכְסְט פוּן דֶעם לֵיצָנוּת מַאכְסְטוּ לֵיצָנוּת פוּן דִיר נִישְׁט פוּן יֶענֶעם. דִי אַלֶע לֵצִים אוּן אַלֶע בַּעֲלֵי מַחְלוֹקֶת הָאבְּן אַ שְׁפְּרֶעךְ וָוארְט "דִי וֶועלְט קֶען נִישְׁט זַיין מְשׁוּגָע, אוֹיבּ מֶען רֶעדְט אוֹיף אֵיינֶעם מוּז עֶפֶּעס דָארְטְן זַיין", הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַמָאל פוּן אַ צַדִּיק הָאט גֶעזָאגְט, וֶוער זָאגְט אַז דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט מְשׁוּגָע? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע הָאט גֶעזָאגְט, "דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז מְשׁוּגָע,

און אִיךְ אויךְ, נָאר אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַ קְלָארְן", פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר הָאט גֶעפָאלְגְט דֶעם קְלָארְן, אִיז עֶר אויסְגֶעוָואקְסְן וָואס עֶר אִיז אויסְגֶעוָואקְסְן וְכוּ' וְכוּ', און עֶר הָאט גֶעקֶענְט אִיבֶּערְלָאזְן אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס אִיז מְחַיֶה דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שׁוֹין עֶטְלִיכֶע דוֹרוֹת.

**נֶעם** דָאס אַרַיין גוּט אִין דַיין קְלֵיין קֶעפֶּעלֶע וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אויף דִי וֶועלְט און אויף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיג לֶעבְּן און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## מט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר לֶךְ לְךָ ב' חֶשְׁוָן ה'תשע"א.**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו, אָבֶּער אִיךְ קֶען דִיךְ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן בַּאֲרִיכוּת וַוייל אִיךְ פָאר הַיינְט אַוֶועק קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

**דֶער** עִיקָר אִיז נִישְׁט זִיךְ מְבַלְבֵּל זַיין מִיט אַן אַנְדֶערְן, אַזוֹי הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט, אַז יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף קוּקְן אויף זִיךְ נִישְׁט אויף יֶענֶעם, ווִי עֶס שְׁטֵייט בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ (יְחֶזְקֵאל לג) "אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם", אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעהַאט הַצְלָחָה מִיט זִיךְ אַקֶעגְן שְׁטֶעלְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אויף קֵיינֶעם

נִישְׁט, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין הַצְלָחָה. דֶער גְרֶעסְטֶער דוּרְכְּפַאל פוּן אַ מֶענְטְש אִיז וֶוען עֶר אִיז זִיךְ מְבַלְבֵּל מִיט אַ צְוֵוייטְן, דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ קִנְאָה וְכוּ', צוּ מַחְלוֹקֶת וְכוּ', אוּן צוּ אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ד), יֶעדֶער אִיד הָאט אַ נְקוּדָה וָואס דֶער צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט אוּן קֶען נִישְׁט הָאבְּן, אִיז וָואס דַארְף מֶען קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם? וָואס דַארְף מֶען זוּכְן חִסְרוֹנוֹת בַּיי יֶענֶעם? אִיז מֶען דֶען שׁוֹין פַארְטִיג מִיט זִיךְ? אוֹיבּ מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעם הָאט מֶען גְרוֹיס הַצְלָחָה.

**אַמָאל** אִיז גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם רָב פוּן שְׁטָאט, אַז עֶר הָאט אַ דִין תּוֹרָה, אוֹיבּ דֶער רָב וֶועט אָנְנֶעמֶען דִי דִין תּוֹרָה. הָאט אִים דֶער רָב גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אַוַודַאי יָא!" פְרֶעגְט אִים דֶער רָב, "מִיט וֶועמֶען הָאסְטוּ דִי דִין תּוֹרָה?" עֶנְטְפֶערְט דִי אִיד, "מִיט דִי לְבָנָה" - (הָאט שׁוֹין דֶער רָב גֶעזֶען מִיט וֶועמֶען עֶר הָאט דָא צוּטוּן) - פְרֶעגְט אִים דֶער רָב, "וָואס אִיז דַיין טַעֲנָה?" עֶנְטְפֶערְט דֶער אִיד, "וואוּ אִיךְ גֵיי, גֵייט מִיךְ נָאךְ דֶער לְבָנָה, אוּן וואוּ אִיךְ קוּק קוּקְט זִי מִיר נָאךְ. אוּן אַז אִיךְ בְּלַייבּ שְׁטֵיין בְּלַייבְּט זִי אוֹיךְ שְׁטֵיין, זִי לָאזְט מִיךְ נִישְׁט לֶעבְּן, וואוּ אִיךְ זָאל זִיךְ נָאר נִישְׁט פַארְשְׁטֶעקְן אִיז זִי דָא, אִיךְ קֶען דָאס שׁוֹין נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן!". עֶנְטְפֶערְט אִים דֶער רָב, "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דַיין טַעֲנָה, אָבֶּער אַזוֹי ווִי מֶען דַארְף אוֹיסְהֶערְן בֵּיידֶע צְדָדִים, קוּם צוּרִיק מָארְגְן וַוייל אִיךְ וֶועל פְרֶעגְן דֶעם לְבָנָה פַארְוָואס זִי הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְשֶׁעפֶּעט אִין דִיר". מָארְגְן אִיז

דֶער איד גֶעקוּמֶען, זָאגְט אִים דֶער רֶב, "אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט דִי לְבָנָה וָואס זִי הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְשֶׁעפֶּעט אִין דִיר אוּן זִי גֵייט דִיךְ נָאךְ, הָאט זִי מִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַז 'דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט אִין אֵיין קוּקְן אוֹיף מִיר, ווִילַאנְג עֶר וֶועט קוּקְן אוֹיף מִיר וֶועל אִיךְ אִים נָאכְגֵיין אוּן אִיךְ וֶועל קוּקְן אוֹיף אִים', אִיבֶּער דֶעם - זָאגְט דֶער רֶב צוּם איד - אִיז מַיין עֵצָה, אַז דוּ זָאלְסְט אוֹיפְהֶערְן צוּ קוּקְן אוֹיף דִי לְבָנָה וֶועט זִי דִיךְ אָפְּלָאזְן..."

**זָאלְסְט** ווִיסְן אַז אִין דִי מַעֲשֶׂה לִיגְט אַ טִיפֶע חָכְמָה אַז מֶען טְרַאכְט גוּט אַרַיין וְכוּ', וָוארוּם אַלֶע צָרוֹת פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז נָאר וַוייל עֶר קוּקְט אוֹיף יֶענֶעם, מְמֵילָא רֶעדְט עֶר זִיךְ אַיין אַז יֶענֶער טְשֶׁעפֶּעט אִים אוּן יֶענֶער רוֹדֶפְ'ט אִים, אוּן יֶענֶער ווִיל פוּן אִים צוּנֶעמֶען וְכוּ' וְכוּ', אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר קוּקְט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט נָאר אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, עֶס אִינְטֶרֶעסִירְט אִים גָארְנִישְׁט, בַּיי אִים עֶקְזִיסְטִירְט נִישְׁט קַיין וֶועלְט, עֶר וֵוייסְט אַז "אֵין עוֹד מִלְבַדּוֹ" דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מְחַיֶה אוּן מְהַוֶה דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה, אוּן אַלְצְדִינְג דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר אִיז גֶעטְלִיכְקֵייט, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, וָוארוּם עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן וֶועט עֶר בֶּעטְן נָאר פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, וַוייל עֶר קוּקְט נָאר אַרוֹיף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין.

**זָאלְסְט** ווִיסְן דָאס אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע קְרֶענְק וְכוּ', אוּן בִּפְרַט נֶערְווְן קְרַאנְקְהֵייט וְכוּ', נֶעמְט זִיךְ נָאר ווַייל מֶען קוּקְט אוֹיף יֶענֶעם, וָואס יֶענֶער וֶועט זָאגְן, וָואס יֶענֶער טוּט, וָואס יֶענֶער זָאגְט... דָאס אִיז אַ נֶערְווְן קְרַאנְקְהֵייט אַז עֶר רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז מֶען קוּקְט אִים נָאךְ וְכוּ'. אִיבֶּערְדֶעם אַז דוּ ווִילְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט קֶענֶען צוּבְּרֶעכְן.

דִי גְרֶעסְטֶע צָרָה אִין אוּנְזֶער דוֹר אִיז דָאס כְּפִירוֹת וְאַפִּיקוֹרְסוּת וָואס הָאט זִיךְ פַארְשְׁפְּרֵייט אוֹיף דֶער וֶועלְט פוּן דִי עֵרֶב רַב, זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ מַלְכוּת הָרִשְׁעָה, אוּן זֵיי זֶענֶען לֵיידֶער מַעֲבִיר עַל הַדָּת מִילְיָאנֶען אִידְן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ה) אַז עֶס גֵייט אַ גְרוֹיסְן אַפִּיקוֹרְסוּת אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם סִימָן ר"כ) "אוֹי וֵויי! ווִי וֶועלְן זִיךְ קֶענֶען דָאס אִידִישׁ פָאלְק דֶערְהַאלְטְן? וָוארוּם עֶס וֶועט זַיין בִּיטֶערֶע אַפִּיקוֹרְסִים וָואס זֵיי וֶועלְן אַרַיינְכַאפְּן דָאס גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט דֵיעוֹת נִפְסָדוֹת", אוּן לֵיידֶער זֶעעֶן מִיר אַז עֶס אִיז מְקוּיָים גֶעוָוארְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער בִּמְלוֹא מוּבָן הַמִּילָה. אִיבֶּערְדֶעם זֶע זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, אוּן זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָוארוּם נָאר דָאס

בּוֹיעֶט אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וַוייל מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר גְלֵייבְּט אִין אִים אַז עֶר אִיז דָא, אוּן מֶען הֶערְט אִים אוֹיס, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ב), "פַּארְוָואס רֶעדְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים? וַוייל דִי אֱמוּנָה אִיז לֵיידֶער בַּיי אִים נִישְׁט גַאנְץ". אִיבֶּערְדֶעם גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בִּתְמִימוּת אָן חָכְמוֹת, אוּן אֲפִילוּ בַּיים אָנְפַאנְג וֶועט זִיךְ דִיךְ דַאכְטְן אַז קֵיינֶער הֶערְט דִיךְ נִישְׁט אוֹיס וְכוּ', זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז יֶעדֶעס וָוארְט הֶערְט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים צוּ, עֶר גֶעפִינְט זִיךְ אִיבֶּעראַל. אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי נְקוּדָה אַסַאךְ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דֶערְצֵייל אִים אוֹיס אַלֶעס וָואס עֶס שְׁטֶערְט דִיךְ וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

לֶערְן יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אוּן לֶערְן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן דַיְיקָא, וֶועט דִיךְ וואוֹיל זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אִיךְ מוּז עֶנְדִיגְן, וַוייל אִיךְ יָאג זִיךְ אַוֶועק צוּ פָארְן.

**בְּלַייבּ גֶעזוּנְט אוּן הָאבּ אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## נ

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שֵׁנִי לְסֵדֶר וַיֵּרָא י' חֶשְׁוָן ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

זֶע זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע מִינֵי וֶועגְן אִין דֶער וֶועלְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ גְרוֹסֶע יְרוּשָּׁה, לֶעבְּט מִיט וָואס זִיךְ אָנְצוּוואַוואַרימֶען דִי נְשָׁמָה, לֶעבְּט וָואס עֶס לַייכְט אוּנְז ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן בְּרוּחָנִיּוּת, אִיבֶּערְדֶעם אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט זַיין מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דַארְפְסְטוּ זֶען לֶערְנֶען אַסַאךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וָואס נָאר דוּרְכְדֶעם קֶען מֶען אָנְגֶערוּפְן וֶוערְן אַ בְּרֶסְלֶבֶער חָסִיד, דָאס הֵייסְט יֶעדְן טָאג זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אוּן סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, אוּן סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוּן דִי שִׂיחוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע הָאט פַארְצֵייכֶענְט אִין דִי צְוֵויי סְפָרִים חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן אוּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן, וָואס דָאס דַארְף מֶען קֶענֶען אוֹיסְנֶווֵיינִיג, דָאס הֵייסְט אַזוֹי פִיל חַזֶרְן בִּיז מֶען קֶען עֶס אוֹיסְנֶווֵיינִיג, דָאס הֵייסְט אַ בְּרֶסְלֶבֶער חָסִיד; וְעַל כּוּלָם דַארְף מֶען זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין 'לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת' יֶעדְן טָאג, וָואס דָאס אִיז דִי הִתְחַזְּקוּת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל אִיז מְחַזֵּק יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועסְטוּ הָאבְּן אַן אַנְדֶערְן חַיּוּת, וֶועסְט קֶענֶען דוּרְכְגֵיין אַלֶעסְדִינְג גְרִינְגֶערְהֵייט.

**אִיךְ** בִּין דָא יֶעצְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַ וָואךְ צַייט, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס דִי רְשָׁעִים הָאבְּן דָא גֶעטוּן, אוֹיסְגֶעבִּיסְן אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת פוּן דִי אֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה אִיךְ זֶע אִין יַבְנְאֵל, אַ שְׁטֶעטְל וָואס אִיז גֶעגְרִינְדֶעט גֶעוָוארְן אִיבֶּער הוּנְדֶערְט יָאר, דִי גְרִינְדֶערְס זֶענֶען גֶעוֶוען עֶרְלִיכֶע אִידְן שׁוֹמְרֵי תוֹרָה וּמִצְוֹות אָבֶּער דִי קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין קַאלְט גֶעוָוארְן פוּן דִי אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, אוּן דִי אֵיינִיקְלֶעךְ זֶענֶען שׁוֹין גֶעוָוארְן אַפִּיקוֹרְסִים, אוּן דִי אִיר אֵיינִיקְלֶעךְ זֶענֶען פּוּסְטֶע עַמֵּי הָאֲרָצִים וָואס וֵוייסְן גָארְנִישְׁט נָאר וָואס זֵיי הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען בִּירוּשָׁה פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, כְּפִירוּת וְאַפִּיקוֹרְסוּת אַקֶעגְן אִידִישְׁקֵייט אוּן זֵיי רַייסְן אוֹיס יֶעדֶעם פִּינְטֶעלֶע אִיד. בִּפְרַט פוּן דִי סְפַרְדִישֶׁע אִידְן וָואס זֵיי זֶענֶען תְּמִימוּת'דִיגֶע טֵייעֶרֶע אִידְן, נָאר דִי פַארְבִּיסֶענֶע אַפִּיקוֹרְסִים זֶענֶען זֵיי מְטַמֵּא מִיט טָמֵא'דִיגֶע וֶועגְן;

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְן מִיר זֶען אָנְפִילְן גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל לְאָרְכָּהּ וּלְרָחְבָּהּ מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, בִּפְרַט דִי קוּנְטְרֵסִים וָואס דָאס אִיז דִי תַּמְצִית פוּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, אוּן דִי שִׂיחוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס דָאס אִיז מַחֲזִיר טוֹיזְנְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער נְשָׁמוֹת אָן אַ גֻּזְמָא; מֶען זֶעט וִויפִיל אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען דוּרְךְ דִי קוּנְטְרֵסִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אוּן זֵיי זֶענֶען אַלֶע מוֹדֶה אַז זֵיי זֶענֶען צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם אִידִישְׁן וֶועג אוּן זֶענֶען חוֹזֵר בִּתְשׁוּבָה נָאר אַדַאנְק דִי קוּנְטְרֵסִים, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן וָואס מֶער צוּשְׁפְּרֵייטְן דִי

קוּנְטְרֵסִים, און דֶער זְכוּת וֶועט דִיךְ בַּייִשְׁטֵיין אויף דִי וֶועלְט און אויף יֶענֶער וֶועלְט.

זַיי נִישְׁט צוּפַאלְן בַּיי דִיר, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר הֲלָכָה ה) דָאס דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה וָואס מֶען קֶען גֶעבְּן אִיז צוּ דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, און עֶר טַייטְשְׁט דִי פָּסוּק "צִדְקָתְךָ צֶדֶק לְעוֹלָם וְתוֹרָתְךָ אֱמֶת", דָאס הֵייסְט 'צִדְקָתְךָ צֶדֶק לְעוֹלָם', וָואסְפַּארַא צְדָקָה בְּלַייבְּט שְׁטֶענְדִיג? 'וְתוֹרָתְךָ אֱמֶת' אַז מֶען גֶעבְּט צוּ דְרִיקְן דִי סְפָרִים פוּן דֶעם אֱמֶת'ן צַדִיק; גֶעוֶוענְדְלִיךְ אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט צְדָקָה אִיז דָאךְ אַ גְרוֹסֶע זַאךְ, מֶען גֶעבְּט אֵיינֶעם עֶסְן, הָאט עֶר אָפְּגֶעגֶעסְן און שְׁפֶּעטֶער דַארְף עֶר נָאכְאַמָאל עֶסְן, מָארְגְן דַארְף עֶר נָאכְאַמָאל עֶסְן, אָבֶער צְדָקָה וָואס מֶען גֶעבְּט צוּ דְרִיקְן אַ סֵפֶר, דִי סֵפֶר בְּלַייבְּט אויף דוֹרֵי דוֹרוֹת, דֶערְפַאר זָאגְן דִי חֲזַ"ל (מִדְרָשׁ תְּהִלִּים קו) אויפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קו) "עוֹשֵׂה צְדָקָה בְּכָל עֵת, זֶה הַכּוֹתֵב סְפָרִים וּמַשְׁאִילָן לַאֲחֵרִים", אֵיינֶער שְׁרַייבְּט סְפָרִים און עֶר צוּשְׁפְּרֵייט דָאס פַאר אַנְדֶערֶע, דָאס בְּלַייבְּט שְׁטֶענְדִיג.

און דָאס גֵייט מִסּוֹף הָעוֹלָם וְעַד סוֹפוֹ, אַזוֹי ווִי מִיר זֶעעֶן דִי קוּנְטְרֵסִים, סְ'אִיז שׁוֹין אָפְּגֶעדְרִיקְט הַיינְט אויף צְוֶועלְף שְׁפְּרַאכְן, און עֶס גֵייט אִיבֶּערָאל אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, און מֶענְטְשְׁן זֶעעֶן זִיךְ מְחַיֶּה און מְחַזֵּק מִיט דֶעם, אִיבֶּערְדֶעם דַיין גַאנְצֶע צְדָקָה זָאל זַיין מִיךְ אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן דְרִיקְן וָואס מֶער קוּנְטְרֵסִים; און אֱמֶת סְ'אִיז דָא אויף דֶעם

מְדַבְּרִים ווי דִי הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ג) אַז דִי שֵׁדִים הֵייסְן מְדַבְּרִים רֶעדֶערְס זֵיי רֶעדְן אַלֶעס שְׁלֶעכְטְס, און ווִידֶערְאוּם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כח) אַז סְ'אִיז פַארְהַאנֶען שֵׁדִים יְהוּדָאִין, עֶר קֶען זַיין אַ אִיד אָבֶער עֶר אִיז אַ שֵׁד, אוֹיבּ עֶר רַייסְט אָפּ מֶענְטְשְׁן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז עֶר נִישְׁט מֶער ווִי אַ שֵׁד, אַ רוּחַ, וְכוּ', מִיר דַארְפְן צוּשְׁפְּרֵייטְן דִי אֱמוּנָה הַקְדוֹשָׁה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן פַאר קֵיינֶעם, און דֶער וָואס קְרִיגְט אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דָאס אִיז אַ שֵׁד יְהוּדָאִי, אַ אִידִישֶׁער שֵׁד, און עֶר שְׁטַאמְט נִישְׁט מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל, וָוארוּם אַז אֵיינֶער קֶען רֶעדְן אוֹיף סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט טִנּוּף און צוֹאָה אִין קָאפּ, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סא) אוֹיפְן מַאֲמָר חֲזַ"ל (עֵירוּבִין כא:) הַלּוֹעֵג עַל דִּבְרֵי חֲכָמִים נִדּוֹן בְּצוֹאָה רוֹתַחַת; אַז אֵיינֶער שְׁפֶּעט פוּן סְפָרִים אִיז זַיין עוֹנֶשׁ אַז סְ'גֵייעֶן אִים אַרוֹיף אִין מוֹחַ מוֹתָרוֹת און זֵיי פַארְדְרֵייעֶן און פַארְקְרִימֶען אִים דִי מוֹחַ;

**דֶערְפַאר** אַז מֶען זֶעט אַז אֵיינֶער רֶעדְט אוֹיף הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה אֱמוּנָה, אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט צוֹאָה און טִנּוּף אִין קָאפּ, אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּפֵירוּשׁ, אִיבֶּערְדֶעם הָאבּ נִישְׁט קַיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, מִיר דַארְפְן זֶען צוּ צוּשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס לֶעכְט אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

שְׁטַארְק זִיךְ, גְעוואוּין זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן יֶעדְן טָאג צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם יֶעדֶער דִיבּוּר וָואס אַ אִיד רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶוערְט צוּגֶעהֶערְט, וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גְעוואוּסְט וָואס אִיז תְּפִלָּה וָואלְטְן זֵיי זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אִין דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועסְטוּ זֶען דַיין גַאנְץ לֶעבְּן וֶועט זַיין אַנְדֶערְשׁ.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# נא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שֵׁנִי לְסֵדֶר וַיֵּרָא י' חֶשְׁוָן ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

זֶע זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, הָאבּ נִישְׁט קַיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען אוֹיפְן פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל לג) "אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם", אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעדִינְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט בְּחִינַת 'אֶחָד', עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף אַן אַנְדֶערְן, דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה אוּן נָאר אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט מְפַרְסֵם גֶעוֶוען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פַאר דִי גַאנְצֶע

וֶועלְט, און עֶר הָאט זִיךְ מוסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועט אויף קִידוּשׁ הַשֵׁם, מֶען הָאט אִים מְנַסֶּה גֶעוֶועט אויסְפְּרָאבִּירְט מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת און עֶר הָאט בַּייגֶעשְׁטַאנֶען דִי נִסְיוֹנוֹת. אִין אֱמוּנָה דַארְף אַ אִיד זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק, גְלֵייבְּן אַז עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און עֶר פִירְט דִי וֶועלְט בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, גָארְנִישְׁט ווערְט גֶעפִירְט אַלֵיין, אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט דוּרְךְ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, ווי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (חולין ז) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין מִלְמַעְלָה; אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט קַיין קְלַאפּ אִין קְלֵיין פִינְגֶערְל, אויבּ מֶען הָאט נִישְׁט אויסְגֶערוּפְן אויבְן, יֶעדֶער זַאךְ וֶוערְט גֶעפִירְט בְּהַשְׁגָּחָה, דָאס אִיז דִי שְׁלֵימוּת אִין אֱמוּנָה, אַ אִיד דַארְף וויסְן אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס גֵייט אויף אִים דוּרְךְ אִיז אַלֶעס פַארְשְׁרִיבְּן אויבְן, און עֶר דַארְף זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק זַיין שְׁטַארְקְן און נִישְׁט לָאזְן זִיךְ אַרָאפְּפַאלְן, בִּפְרַט אַז מִיר לֶעבְּן הַיינְט אִין אַ דוֹר פוּן אַ צֶעמִישֶׁענִישׁ, אֱמוּנוֹת כּוֹזְבִיוֹת, אַזוֹי ווִי כּוֹחִי וְעוֹצֶם יָדִי עָשׂוּ לִי אֶת הַחַיִל הַזֶּה, מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז עֶס אִיז אַלֶעס תָּלוּי אִין טֶבַע מִקְרֶה וּמַזָּל, וָואס דָאס אִיז כְּפִירוּת וְאַפִּיקוֹרְסוּת, מַלְכוּת הָרִשְׁעָה, זֵיי ווילְן אַרוֹיסְרַייסְן דָאס פִינְטֶעלֶע אֱמוּנָה פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

**אִיבֶּערְדֶעם** הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּנְז מַזְהִיר גֶעוֶועט מִיר זָאלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, און עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן לה, און סִימָן רכ) אַז אֵיידֶער מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט קוּמֶען וֶועט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זַיין פוּל מִיט

כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ זַייעֶר זַייעֶר שְׁטַארְקְן מֶען זָאל אוּנְז נִישְׁט קֶענֶען אָפְּרַייסְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס אִיז דִי שְׁלֵימוּת אֱמוּנָה גֵיין קֶעגְן דִי שְׁטְרָאם. דִי וֶועלְט זָאגְט, וִויאַזוֹי קֶען מֶען זֶען אִין אַ טַייךְ אַז דִי פִישׁ לֶעבְּן? אוֹיבּ זֵיי גֵייעֶן אַקֶעגְן דֶעם שְׁטְרָאם אִיז אַ סִימָן אַז זֵיי לֶעבְּן, אָבֶּער אוֹיבּ זֵיי גֵייעֶן שׁוֹין מִיטְן שְׁטְרָאם אִיז אַ סִימָן סְ'אִיז שׁוֹין אַלֶע אוֹיסְגֶעשְׁטָארְבְּן; דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אַז אַ אִיד גֵייט אַקֶעגְן שְׁטְרָאם עֶר הָאט נִישְׁט קַיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, עֶר אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אִיז מְפַרְסֵם יֶעדְן אֵיינֶעם אַז עֶר גְלֵייבְּט אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר רֶעדְט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט וָואס דִי אַרוּם זָאגְט, דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט, עֶר הָאט אִין זִיךְ חִיּוּת, מַה שֶׁאֵין כֵּן אַז אֵיינֶער הָאט זִיךְ אָפְּגֶעלָאזְט אוּן עֶר גֵייט שׁוֹין מִיטְן שְׁטְרָאם דֶער אִיז שׁוֹין בִּבְחִינַת מֵת, וְוִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת יח:) רְשָׁעִים בְּחַיֵּיהֶם קְרוּיִין מֵתִים; רַחְמָנָא לִצְלָן אַז מֶען גֵייט שׁוֹין מִיט מִיטְן שְׁטְרָאם אִיז מֶען שׁוֹין בִּכְלַל רְשָׁעִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, אוּן פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ גֵייסְט אִין שׁוּל דַאוֶונֶען יֶעדְן טָאג שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, דָאס דַארְף זַיין דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה דַיינֶער, וְוִי דִי הֵיילִיגֶע רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ח) אוֹיפְן מַאֲמַר חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת נד:) מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל כַּמָּה הָוֵי? תְּלָתָא פַּרְסֵי; וָואס אִיז דִי מַחֲנֶה פוּן אַ אִיד? וֶוען עֶר הַאלְט זִיךְ צוּ דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, קַיין שׁוּם זַאךְ קֶען אִים נִישְׁט אַוֶועקְנֶעמֶען, יֶעדְן

טָאג דַאוֶוענְט עֶר מִיט מִנְיָן דִי דְרַייִ תְּפִילוֹת וָואס דֶעמָאלְטְס אִיז אַן עֵת רָצוֹן, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח) אֵימָתַי עֵת רָצוֹן? בְּשָׁעָה שֶׁהַצִּבּוּר מִתְפַּלְּלִין; אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ נִזְהָר זַיין צוּ דַאוֶוענֶען אַלֶע דְרַייִ תְּפִילוֹת יֶעדְן טָאג שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן דַיְקָא, הַיינְט אִיז עֶס נִישְׁט שְׁוֶוער, וַוייל הַיינְט אִיז דָא מִנְיָנִים נָאךְ מִנְיָנִים; אִין יֶעדֶע שְׁטָאט אִיז דָא שׁוּלְן וָואס סְ'אִיז דָא אֵיין מִנְיָן נָאכְן אַנְדֶערְן, אִיז נִישְׁטָא קַיין תֵּירוּץ נִישְׁט גֵיין דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אֲפִילוּ אַז מֶען שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט זָאל מֶען גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אַז אַ אִיד דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן הֶעלְפְט אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר הָאט דָבָר שֶׁבְּמִנְיָן, דָאס הֵייסְט שֶׁפַע.

**אִיבֶּער** דֶעם זָאלְסְטוּ נִזְהָר זַיין צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיר בְּוַדַאי נִישְׁט פַארְלָאזְן, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, הֵייבּ אָן זוּנְטָאג, אוּן בִּיז פְרַייטָאג זָאלְסְטוּ דוּרְכְגֵיין דִי סֶדְרָה, אוּן דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם, ווִי סְ'שְׁטֵייט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג) מִיּוֹם רִאשׁוֹן וָאֵילָךְ נִקְרָא עִם הַצִּבּוּר; פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין, עֶס אִיז אַ שָׁאד, דִי ווִינְטֶער פְרַייטָאגְס בְּרֶענְגְט מֶען אָן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן עֶס אִיז אוּמְמֶעגְלִיךְ דֶעמָאלְטְס אָנְיָאגְן מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין; אַז אֵיינֶער אַרְבֶּעט, בִּיז עֶר קוּמְט אַהֵיים אִיז שׁוֹין הַאלְבּ אֵיינְס - אֵיינְס, וֶוען פִיר אַזֵייגֶער צִינְדְט מֶען שׁוֹין לִיכְט; אָדֶער

אֵיינֶער אִיז אַ מְלַמֵּד, אָדֶער סְתַּם אֵיינֶער דְרֵייט זִיךְ אַרוּם, אִיז אוּמְמֶעגְלִיךְ זִיךְ פַּארְלָאזְן אוֹיף פְרַייטָאג; אוּן מִיט דֶעם קֶען מֶען זִיךְ פַּארְלָאזְן אוֹיפְן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אָנְהוֹיבְּן שׁוֹין זוּנְטָאג מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין, אוּן דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף אֲרִיכוּת יָמִים, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו; אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז נִזְהָר מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין, וָוארוּם אַז אֵיינֶער אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה זָאל עֶר ווִיסְן אַז דִי וָואךְ וֶועט עֶר הָאבְּן אַ הֶפְסֵד אִין גֶעלְט אָדֶער אִין גֶעזוּנְט אָדֶער אִין אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ, אוּן לֵיידֶער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִישְׁט נִזְהָר אִין דֶעם, סְ'אִיז אַ מִצְוָה מִדְּרַבָּנָן אוּן סְ'אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף אֲרִיכוּת יָמִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ זַיין שְׁטַארְק יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, אוּן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיר הֶעלְפְן אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן שֵׂכֶל, וֶועסְטוּ אַרַיינְקוּקְן יֶעדְן טָאג אִין אַ שְׁטִיקֶעלֶע רַמְבַּ"ן הַקָּדוֹשׁ, אוּן אִין אַ שְׁטִיקֶעלֶע אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ. שְׁטַארְק דִיךְ וֶועט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דִיר נִישְׁט פַּארְלָאזְן אוּן דוּ וֶועסְט זֶען גְרוֹיסֶע נִסִּים.

**הַמְּאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם.**

# נב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר וַיֵּרָא י״ב חֶשְׁוָן ה׳תשע״א

## שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו אוּן אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר וָואס דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא מֶדְרָשׁ, וָואס דִי פִיר לִימוּדִים זֶענֶען אַקֶעגְן דִי פִיר עוֹלָמוֹת אֲצִילוּת בְּרִיאָה יְצִירָה עֲשִׂיָה, וֶוען אַ אִיד גֶעוואוינְט זִיךְ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְן תַּרְגוּם, אוּן עֶר חַזֶרְט זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן לֶערְנְט לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין דַף גְמָרָא, אוּן עֶנְדִיגְט יֶעדֶע וָואךְ דִי מֶדְרָשׁ פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אִיז עֶר מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ אַ מוֹרָא׳דִיגְן לֶעבְּט פוּן אַלֶע פִיר עוֹלָמוֹת וָואס מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט טוֹעֵם גֶעוֶוען דֶעם טַעַם דֶערְפוּן, דֶערְפַאר זֶעט מֶען מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מוֹרָא׳דִיג מְזַלְזֵל אִין לִימוּד הַתּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אַז מִיט שְׂכַר לִימוּד תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה קֶען מֶען הָאבְּן גַשְׁמִיוּת פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, וָוארוּם אַז אַ אִיד וָואלְט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ קְבִיעוּת יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ וְרַשִׁ״י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה אָנְהֵייבְּן פוּן זוּנְטָאג בִּיז פְרַייטָאג אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג) מִיוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילָךְ נִקְרָא עִם הַצִּיבּוּר; וָואלְט עֶר גֶעקוּמֶען צוּ גְרוֹיס יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן אוֹיבּ עֶר וָואלְט יֶעדְן טָאג גֶעחַזֶרְט זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת וָואלְט עֶר

מְזַכֵּךְ גֶעוֶוען זַיין נְשָׁמָה, וָוארוּם מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָה אוּן מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיוֹת מִשְׁנָה, סְ'אִיז מְשַׁנֶּה דֶעם מֶענְטְשׁ (עֶס טוֹישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ), מִשְׁנָ"ה בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט ווִי פַּרְנָסָ"ה, אַז אַ אִיד חַזֶר'ט יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וֶועט אִים נִישְׁט פֶעלְן קַיין פַּרְנָסָה, וְעַל כּוּלָם דַארְף אַ אִיד לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא רַשִׁ"י מִיט תּוֹסְפוֹת, עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "וָוֵי הָעַמּוּדִים" (אַ זוּן פוּן שְׁלָ"ה הַקָדוֹשׁ) אַז עֶס אִיז אַ חִיוּב אוֹיף יֶעדְן אִיד צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא אַזוֹי ווִי לֵייגְן תְּפִילִין, וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא אִיז עֶר מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ דִי פִיר מַלְאָכִים וָואס זֵיי הִיטְן דֶעם מֶענְטְשׁ גַ'בְרִיאֵל מִ'יכָאֵל רְ'פָאֵל אְ'וּרִיאֵל, וָואס דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן גְמָרָ"א, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מֶדְרָשׁ, דְרָשׁוֹת פוּן דִי חֲזַ"ל הַקְדוֹשִׁים פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה. יֶעצְט וֶוער עֶס אִיז שְׁטַארְק אִין דִי פִיר לִימוּדִים הֶעלְפְט אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶס וֶוערְט נִמְשַׁךְ אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסְן לֶעבְּט.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק דִיךְ קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט קֶענֶען צוּבְּרֶעכְן, אוּן דִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אַרָאפְּוַוארְפְן, גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין קַיין וִויכּוּחִים מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט.

**הַיינְט** אִיז דֶער יָארְצַייט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי וָואלְף קִיצֶעס זי"ע, עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי גְרֶעסְטֶע

תַּלְמִידִים פוּן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי"ע, און עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז עֶר לִיגְט אִין אֹהֶל צוּזַאמֶען מִיט זַיין רֶבִּי'ן, זַיין גְרוֹיסְקֵייט קֶען מֶען גָארְנִישְׁט מַסְבִּיר זַיין, אַ תַּלְמִיד זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לִיגְן נֶעבְּן זַיין רֶבִּי'ן, דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאךְ.

עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען מִיט מוֹרֶא'דִיגֶע בֶּענְקֶענִישׁ, און מִיט דְבֵיקוּת אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה זִיךְ טוֹבְלֶען, וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען הָאט מֶען זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן פוּן זַיין צוּרָה, און וֶוער עֶס הָאט אִים אָנְגֶעקוּקְט דֶעמָאלְטְס, אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסֶער יִרְאָה און פַּחַד פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם הָאבְּן מֶענְטְשְׁן מוֹרָא גֶעהַאט צוּ קוּקְן אוֹיף אִים אִין פָּנִים נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעטוֹבְלְט אִין מִקְוֶה, עֶר הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען אוֹיף זִיךְ אַ מוֹרֶא'דִיגֶע לֶעבְּט.

עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט, אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי'ס פֶּעטֶערְס דֶער הֵיילִיגֶער דֶגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בָּרוּךְ מִמֶעזִיבּוּז זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ, זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען קְלֵיינֶע קִינְדֶער, הָאבְּן זֵיי גֶעוָואלְט אוֹיף זִיךְ אַרוֹיפְצִיעֶן יִרְאַת שָׁמַיִם, און זֵיי הָאבְּן גֶעוואוּסְט אַז אוֹיב מֶען קוּקְט אוֹיפְן פָּנִים פוּנֶעם צַדִיק רֶבִּי זְאֵב וָואלְף קִיצֶעס זי"ע וֶוערְט אַרוֹיפְגֶעצוֹיגְן אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַ מוֹרֶא'דִיגֶע יִרְאָה וָפַחַד, זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען קְלֵיינֶע יוּנְגֶעלֶעךְ הָאבְּן זֵיי זִיךְ פַארְשְׁטֶעקְט נֶעבְּן דִי מִקְוֶה, און ווִי נָאר דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי זְאֵב

וָואלְף קִיצֶעס ז"ע אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען, אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף זֵיי אַ גְרוֹיסְן פַּחַד אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ צִיטֶערְן, ווִי דֶער צַדִיק הָאט דָאס בַּאמֶערְקְט אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דִי קִינְדֶערְלֶעךְ ווִילְן זוֹכֶה זַיין מִיט קוּקְן אוֹיף זַיין הֵיילִיגְן גֶעשְׁטַאלְט אוּן פָּנִים, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט, הֶערְט אוֹיס קִינְדֶערְלֶעךְ אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה:

**עֶס** אִיז אַמָאל גֶעוֶועזְן אַ פוּקְס וָואס ווִי גֶעוֶוענְדְלִיךְ הָאט עֶר אַ שֵׁיינֶעם פֶעל, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען ווִינְטֶער הָאט עֶר זִיךְ גֶעקוֹילֶערְט אִין שְׁנֵיי, כְּדֵי זַיין פֶעל זָאל זַיין גְלַאנְצִיג אוּן שֵׁיין, אוּן עֶס אִיז אַזוֹי גֶעוֶועזְן, וָוארוּם פֶעל אַז מֶען וַואשְׁט דָאס אִין וַואסֶער אִיז דָאס גְלַאנְצִיג, אוּן דֶער פוּקְס הָאט זִיךְ גֶעקוֹילֶערְט אִין דִי שְׁנֵיי אִיז עֶס גֶעוָוארְן זֵייעֶר גְלַאנְצִיג, אוּן אַלֶע חַיוֹת הָאבְּן אִים גֶעגֶעבְּן אַ שְׁבַח (אַ קָאמְפְּלִימֶענְט), דָאס הֵייסְט מֶען הָאט אִים אוֹיסְגֶערִימְט ווִי שֵׁיין דַיין הוֹיט אִיז, אוּן ווִי גְלַאנְצִיג דַיין פֶעל אִיז, הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט דִי פוּקְס פַאר זֵיי, "יָא, יָא; מַיין הוֹיט אִיז זֵייעֶר שֵׁיין, מַיין פֶעל גְלַאנְצְט זֵייעֶר, אָבֶער סְ'וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען קַיין סַאךְ צֵייט עֶס וֶועלְן קוּמֶען דִי פַאנְגֶערְס אוּן זֵיי וֶועלְן מִיךְ פַאנְגֶען אוּן זֵיי וֶועלְן מִיךְ הַרְגֶענֶען, אוּן דֶעמָאלְטְס וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן מַיין גוּף זֵייעֶר אַ שְׁלֶעכְטְן גֶערוּךְ, אוּן זֵיי וֶועלְן אָפְּשִׁינְדְן מַיין הוֹיט אוּן זֵיי וֶועלְן עֶס אַרַיינְלֵייגְן אִין אַ מַאטְרַיַאל וָואס וֶועט וַואשְׁן מַיין הוֹיט אוּן מַיין פֶעל, קַאלְךְ אוּן אַנְדֶערֶע מַאטְרַיַאלְן וָואס זֵיי וַואשְׁן אוּן גְלַאנְצְן דִי פֶעל אוּן דָאס הוֹיט, בִּיז זֵיי וֶועלְן עֶס שֵׁיין אוֹיסְפּוּצְן,

און נאכדעם וועלן זיי דאס אויסאַרבעטן עס זאל זיין ראוי צו מאכן פון דעם א בגד אדער א שטריימל, וכו', און מען וועט דאס טראגן אין מארק פארקויפן, אויב די אלע מענטשן וואס זיי וועלן קומען צום יריד קויפן פעל וועלן זאגן דאס איז זייער א שיינער פעל לאמיר דאס קויפן, דעמאלטס וויים איך אז מיין פעל און מיין הויט איז שיין, אבער יעצט וואס איך קוילער זיך אין שניי מיינט נאך גארנישט, איך קען זיך פאפן, אז איך האב א שיינער פעלעכל און איך קען פאפן אנדערע".

האט אויסגעלאזט דער הייליגער צדיק זיינע ווערטער און האט געזאגט, "קינדערלעך! ווען עס וועט קומען א צייט וואס איך וועל זיך מוזן שטעלן פארן בית דין של מעלה, און מען וועט נעמען מיין פעל צום גרויסן יריד, דאס הייסט מען וועט נעמען מיין נשמה פאר א דין וחשבון, אויב דעמאלטס וועט מען זאגן אז מיין פעל און מיין הויט איז זייער שיין דאס הייסט א שבח און א לויב, אבער יעצט קינדערלעך וואס האט איר צו קוקן אויף מיר?" איז די ווערטער אריין אין די צווייי אייניקלעך פון בעל שם טוב הקדוש זי"ע אין הארצן, און זיי האבן אנגעהויבן מער צו דינען דעם בורא כל עולמים, אסאך תורה לערנען און אסאך רעדן צום בורא כל עולמים.

דער הייליגער רבי האט אונז געזאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק ב, סימן ק), אז אלע צדיקים זענען געקומען צו זייער מדריגה נאר דורך רעדן צום אייבערשטן, זיי האבן זיך צוגעוואוינט

רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פָּשׁוּט אִידִישׁ, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט הָאבְּן זֵיי גֶעבֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, בִּיז זֵיי זֶענֶען דֶערְהוֹיבְּן גֶעוָוארְן צוּ הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן בֶּעטְן פוּן אִים יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט, זָאלְסְט נִישְׁט מִיד וֶוערְן, אֲפִילוּ בַּיים אָנְפַאנְג וֶועסְטוּ מֵיינֶען אַז דוּ רֶעדְסְט אוּן קֵיינֶער הֶערְט דִיךְ נִישְׁט צוּ, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז סְ'אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ, וַוייל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מְלֹא כָל הָאָרֶץ, מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין וּבְתוֹךְ כָּל עַלְמִין, סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַלֶעם וָואס דוּ זֶעסְט אוּן וָואס דוּ הֶערְסְט אוּן וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט אִיז אַלֶעם גֶעטְלִיכְקֵייט, אוּן אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶעם גוּף אוּן אַ רֵיינֶע מַחֲשָׁבָה, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַ רֵיינֶע נְשָׁמָה, מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי פִּיר לִמּוּדִים מִקְרָא מִשְׁנָה גְּמָרָא מִדְרָשׁ, וֶועט נִמְשָׁךְ וֶוערְן אוֹיף דִיר אַ גְרוֹיסֶע לֶעבְט פוּן אַלֶע עוֹלָמוֹת, אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן אֲצִילוּת בִּיז בְּרִיאָה בִּיז יְצִירָה בִּיז עֲשִׂיָה, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ וֶועט דִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן לה) בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיגְקֵייט אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִקָּר אֱמוּנָה, אוּן וָואס מֵיינְט אִיר אֱמוּנָה אִיז? פָּשׁוּט גְלֵייבְּן אִין

בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר אִיז דָא, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים, אִיבֶּער דֶעם שְׁטַארְק זִיךְ זַייעֶר אוּן זָאלְסְט הָאבְּן אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיר טוּן.

זַיי מִיר מְבַשֵּׂר גוּטֶע בְּשׂוֹרוֹת, זָארְג נִישְׁט, אַלֶעס וֶועט דוּרְכְגֵיין גְרִינְגֶערְהֵייט.

**הַמְּאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## נג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר וַיֵּרָא י"ב חֶשְׁוָן ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**לְנָבוֹן** קִבַּלְתִּי אֶת מִכְתָּבְךָ.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן? אוֹיף דִי וֶועלְט דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ הִתְחַזְּקוּת, אוּן מֶען טָאר נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

**הַיינְט** הָאב אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אוֹיפְן צִיּוּן פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי, אוּן אִיךְ הָאב אַסַאךְ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען פַאר דִיר, אוּן פַאר דִי וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס עֶר הֶערְט צוּ אַלֶע תְּפִילוֹת זָאל צוּהֶערְן מַיינֶע תְּפִילוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר, אִין דִי

זְכוּת פוּן דִי גְרוֹיסֶע הֵיילִיגֶע צַדִיקִים זָאלְסְטוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶעם גוּטְן.

דַארְפְסְט זַייעֶר מַקְפִּיד זַיין אַז דַיין ווַייבּ זָאל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, וָוארוּם דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (נָשֹׂא קכה) אִיז זַייעֶר מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם, אוּן עֶר זָאגְט בְּפֵירוּשׁ אַז אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען אִין אַ שְׁטוּבּ וואוּ דִי ווַייבּ גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, אִין אַזַא שְׁטוּבּ קוּמְט גְרוֹיס אָרֶעמְקֵייט אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין חֲשִׁיבוּת פוּן דִי קִינְדֶער, דָאס הֵייסְט דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אַרוֹיס רַחֲמָנָא לִיצְּלָן לְתַרְבּוּת רָעָה, אוּן אַלֶע צָרוֹת נֶעמְט זִיךְ פוּן דֶעם, אוּן ווִי בַּאוואוּסְט אַז דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים הָאבְּן אוֹיף דֶעם מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר אוּן נִישְׁט גֵיין מִיט אֵייגֶענֶע הָאר. מֶען דַארְף נִישְׁט קוּקְן וָואס דֶער זָאגְט אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט וְכוּ' וְכוּ', מִיר דַארְפְן נָאכְגֵיין נָאךְ אוּנְזֶער עֶלְטֶערְנ'ס וֶועגְן, אוּן ווִי מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן אוּנְזֶערֶע צַדִיקִים מִדוֹר דוֹר, אַוַודַאי אִיז דָא אַנְדֶערֶע וָואס זֵיי שֶׁערְן זִיךְ נִישְׁט אָפּ דִי הָאר, אָבֶער לוֹיטְן זוֹהַר אִיז דָאס אַ גֶעפֶערְלִיכְן זִינְד, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ מַקְפִּיד זַיין דַיין ווַייבּ זָאל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר.

זֶע זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְן שָׁלוֹם בַּיִת זָאלְסְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוּמְקְרִיגְן, אַדְרַבָּה זָאלְסְט זֶען מְכַבֵּד זַיין דַיין ווַייבּ, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיף דֶעם זַייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען, עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רסג) אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַארְלֵייגְט זִיךְ זַייעֶר שְׁטַארְק צוּ צוּבְּרֶעכְן אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער כְּדֵי מַכְשִׁיל זַיין דִי מַאן מִיט זִינְד רַחֲמָנָא לִיצְלָן,

אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוּיפְן שָׁלוֹם בַּיִת און לֶעבְּן צוּזַאמֶען גְלִיקְלִיךְ מִיט לִיבְשַׁאפְט אַזוֹי ווִי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים ווִיל, אַזוֹי ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת סב:) הָאוֹהֵב אֶת אִשְׁתּוֹ כְּגוּפוֹ, וְהַמְכַבְּדָהּ יוֹתֵר מִגּוּפוֹ, וְהַמַּדְרִיךְ בָּנָיו וּבְנוֹתָיו בְּדֶרֶךְ יְשָׁרָה, וְהַמַשִּׂיאָן סָמוּךְ לְפִירְקָן, עָלָיו הַכָּתוּב אוֹמֵר (אִיּוֹב ה) "וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ"; אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּבְרָאכְן וֶוערְן מִיט נֵייעֶ הַנְהָגוֹת וָואס יוּנְגֶעלַייטְלֶעךְ לֶערְנֶען וְכוּ' וְכוּ' וָואס הָאט קַיין שׁוּם מְקוֹר נִישְׁט. אוּנְז הָאבְּן מִיר אַ שׁוּלְחָן עָרוּךְ, און מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר מַמְשִׁיךְ זַיין שֶׁפַע בְּרָכָה וְהַצְלָחָה, און זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אַ בְּרִיוו, וֶועל אִיךְ מִשְׁתַּדֵל זַיין דִיךְ צוּ עֶנְטְפֶערְן.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## נד

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם חֲמִישִׁי לְסֵדֶר וַיֵּרָא י"ג חֶשְׁוָן ה'תשע"א**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זֶע** אַכְטוּנְג גֶעבְּן פַארְן דַאוֶוענֶען נִישְׁט צוּ רֶעדְן מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֶעלְט זִיךְ אַוֶועק רֶעדְן

דְבָרִים בְּטֵלִים פַּארְן דַאווענֶען קוּמְט אִים אָן אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת, אוּן נָאכְדֶעם וֶוען עֶר וויל דַאוֶוענֶען קוּמֶען אִים אַרַיין דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען אִין דֶעם תְּפִלָּה אַרַיין, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט מְכַוֵון זַיין פֵּירוּשׁ הַמִּלוֹת וָואס עֶר זָאגְט, אִיבֶּערְדֶעם מַאךְ אוֹיף דִיר אַ גֶדֶר אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט רֶעדְן פַּארְן דַאוֶוענֶען, פוּן דִי מִינוּט וָואס דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף זָאלְסְטוּ זֶען צוּ זָאגְן בִּרְכַּת הַתּוֹרָה, אוּן נָאכְדֶעם אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אוּן זָאלְסְט לוֹיפְן אִין מִקְוֶה, אוּן זָאלְסְט זִיךְ גְלַייךְ שְׁטֶעלְן דַאוֶוענֶען, אוּן אוֹיבּ עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען דִי צַייט פוּן דַאוֶוענֶען דָאס הֵייסְט אוֹיבּ דוּ בִּיסְט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פַארְטָאגְס וָואס מֶען קֶען נָאכְנִישְׁט דַאוֶוענֶען, זָאלְסְטוּ זֶען צוּ לֶערְנֶען אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא אוּן אַ שִׁיעוּר אִין זוֹהַר, וָואס דָאס זָאגְן אַלֵיין אִיז מְזַכֵךְ דִי נְשָׁמָה פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן זָאלְסְט זִיךְ שְׁטֶעלְן דַאוֶוענֶען, אוּן דִי עִיקָר כַּוָּנַת הַתְּפִלָּה אִיז מְקַשֵׁר זַיין דִי מַחֲשָׁבָה צוּם דִיבּוּר, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אִינְזִינֶען הָאבְּן וָואס עֶר רֶעדְט דָאס אִיז דִי עִיקָר כַּוָּנַת הַתְּפִלָּה.

דֶער הֵיילִיגֶער שַׂר שָׁלוֹם מִבֶּעלְזָא זי"ע הָאט גֶעזָאגְט, וֶוען אַ אִיד אִיז מְקַשֵׁר דִי מַחֲשָׁבָה צוּ זַיינֶע דִיבּוּרִים וָואס עֶר דַאוֶוענְט פוּן אָנְפַאנג דַאוֶוענֶען בִּיזְן סוֹף וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, וָוארוּם דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תְּפִלָּה זֶענֶען הֵיילִיגֶע שֵׁמוֹת אוּן צֵירוּפִים וָואס מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֶען מְכַוֵון זַיין פֵּירוּשׁ הַמִּלוֹת, אָבֶּער דֶער עִיקָר נִישְׁט רֶעדְן פַּארְן דַאוֶוענֶען דְבָרִים בְּטֵלִים.

מֶען זֶעט מֶענְטְשְׁן שְׁטֶעלְן זִיךְ אַוֶועק רֶעדְן מִיט דֶעם און מִיט יֶענֶעם און ס'קֶען דורְכְגֵיין אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה אַ שָׁעָה און צְוֵויי שָׁעָה אויבֶעט, רֶעדְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן און שְׁטותִים, און נָאכְדֶעם ווייל מֶען הָאבְּן אַ רֵיינֶעם גֶעדַאנְק רֵיינֶע מַחְשָׁבות בַּיים דַאוֶוענֶען? דָאס גֵייט נִישְׁט צוזַאמֶען! אִיבֶּער דֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין פַּארְן דַאוֶוענֶען נִישְׁט רֶעדְן מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט. אויךְ זָאלְסְטוּ זֶען אַרַיינְוַוארְפְן אִין פּושְׁקֶע פון צְדָקָה פַּאר שַׁחֲרִית פַּאר מִנְחָה פַּאר מַעֲרִיב, בָּאטְשׁ אַנְדֶערֶע זָאגְן אַז פַּאר מַעֲרִיב דַארְף מֶען נִישְׁט, אָבֶּער כְּפִי אונְזֶערֶע מַחְשָׁבות זָרות וָואס מִיר הָאבְּן מַחֲמַת אונְזֶערֶע גְרויסֶע זִינְד דַארְף מֶען מַרְבֶּה זַיין בִּצְדָקָה גֶעבְּן אַסַאךְ צְדָקָה.

שְׁטַארְק זִיךְ, פַּאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, זָאלְסְט זַיין פְּרֵיילִיךְ. דֶער אֲרִ"י הַקָדוש הָאט גֶעזָאגְט וֶוען אַ אִיד אִיז פְּרֵיילִיךְ בַּיים דַאוֶוענֶען דֶעמָאלְסְט וֶוערְט עֶר אַ כְּלִי זָאל נִמְשָׁךְ וֶוערְן אויף אִים אַלֶע לֶעבְּטְן, און דֶער עִיקָר לֶעבְּט אִיז אַז עֶר זָאל שְׁפִּירְן אַז דֶער בּורֵא כָּל עולָמִים אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים, נֶעבְּן אִים, וָוארום בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁטָא קֵיין שום מְצִיאות אויסֶער דֶעם בּורֵא כָּל עולָמִים, דֶער בּורֵא כָּל עולָמִים פִירְט דֶער וֶועלְט בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִיות, אַ אִיד דַארְף זִיךְ מְדַבֵּק זַיין אִינֶעם בּורֵא כָּל עולָמִים שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן נָאר פון אִים, דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה פון אַ מֶענְטְשׁ, אַז עֶר זֶעט פון יֶעדֶע זַאךְ אַרויס דָאס גֶעטְלִיכְקֵייט, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט

(לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן א) **אַז אַ אִיד דַארְף קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ אוֹיפְן שֵׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר, דָאס הֵייסְט אַ רוּחָנִיּוּת אֱלֹקוּת וָואס אִיז מְחַיֶּה דִי זַאךְ.**

**אִיבֶּערְדֶעם** שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דוּ זָאלְסְט וִויסְן אַז דוּרְךְ אֱמוּנָה וֶועט דִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע דַיינֶע זִינְד, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן לג) עַל יְדֵי אֱמוּנָה יִסְלַח לְךָ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ; שְׁטַארְק זִיךְ אִין אֱמוּנָה אִינֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּ אִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ אִים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן אַ גַאנְצְן טָאג נָאר רֶעדְן מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וִוי אִיז דָאס מֶעגְלִיךְ? נָאר פוּן דִי מִינוּט וָואס אַ אִיד שְׁטֵייט אוֹיף אוּן עֶר דַאנְקְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס עֶר הָאט אִים צוּרִיק גֶעגֶעבְּן דִי נְשָׁמָה בִּיז עֶר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן, זָאל עֶר אַלְץ רֶעדְן צוּ אִים, אוּן אִינְמִיטְן דַאוֶוענְט מֶען, אִינְמִיטְן לֶערְנְט מֶען, אִינמִיטְן עֶסְט מֶען, אִינְמִיטְן אִיז מֶען עוֹסֵק אִין מַשָּׂא וּמַתָּן, דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, דָאס אִיז דֶער הֶעכְסְטֶער מַדְרֵיגָה, אוּן דָאס וֶועט מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין כְּלַל נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, אַזוֹי וִוי סְ'שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (צְפַנְיָה ג) "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם הַוַי"ה", אַז סְ'וֶועט זַיין אַזַא מִין לֶעבְּטִיגְקֵייט אוּן גִלוּי אֱלֹקוּת אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וֶועט גְלֵייבְּן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בִּיז עֶר וֶועט

רֶעדְן צוּ אִים, וַוייל פַארְוָואס רֶעדְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים? וַוייל עֶר שְׁפִּירְט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז נִישְׁטָא בַּיי אִים, עֶר בַּאהַאלְט זִיךְ, עֶר פַארְשְׁטֶעקְט זִיךְ עֶרְגֶעץ אִין הִימְל, אָבֶּער אִין אֶמֶת'ן אַרַיין אִיז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מְחַיֶה אוּן מְהַוֶּה אוּן מְקַיֵּים דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה, אוּן דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר אִיז אַ לְבוּשׁ לְגַבֵּי אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא.

**אִיבֶּערְדֶעם** שְׁטַארְק זִיךְ אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אוּן רֶעד אַסַאךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן גֶעבּ אַכְטוּנְג זָאלְסְט נִישְׁט רֶעדְן לָשׁוֹן הָרַע אוּן רְכִילוּת, אוּן בִּפְרַט אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט לָשׁוֹן הָרַע, וָואס דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁוֶוערֶע זִינְד, מֶענְטְשְׁן כַאפְּן נִישְׁט אַז מֶען רֶעדְט אוֹיף דֶעם אָדֶער אוֹיף יֶענֶעם אוּן מֶען צִינְדְט אָן פֵייעֶרְן מַחֲלוֹקֶת, "עֶס אִיז דָאךְ גָארְנִישְׁט!" זָאגְט מֶען וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער אִין דֶער אֱמֶת'ן אִיז דָאס אַ מוֹרָא'דִיגֶע הַארְבֶּע חֵטְא, אִיבֶּער דֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר גֶעוואוין דִיךְ צוּ, רֶעד נָאר דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה אוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִיוּת, אוּן זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ זַיין, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# נה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם שִׁשִּׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיֵּרָא י"ד חֶשְׁוָן ה'תשע"א

## שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו, אוּן אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ דֶערְהַאלְסְט זִיךְ, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶועג, אוּן דָאס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט, אַזוֹי ווִי עֶר הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרִיקְט מִיט דִי וֶוערְטֶער "הָעִיקָר הִיא מַה שֶּׁקּוֹרִין דֶערְהַאלְטִין זִיךְ" אוֹיף דֶעם עוֹלָם מוּז מֶען הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ הִתְחַזְּקוּת, וָוארוּם דֶער עִיקֶר תַּכְלִית אִיז נָאר מַכִּיר זַיין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (בֹּא מב.) בְּגִין דְיִשְׁתְּמוֹדְעוּן לֵיהּ; דֶער גַאנְצֶע בְּרִיאָה אִיז גֶעוֶוען מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין דֶערְקֶענֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס הֵייסְט אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג אִין זִיךְ אַרַיינֶעמֶען אִין גֶעדַאנְק אַז דֶער גַאנְצֶער בְּרִיאָה וֶוערְט גֶעפִירְט דוּרְכְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן לֶעבְּן מִיט דֶעם אוּן אָטֶעמֶען מִיט דֶעם, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (דְּבָרִים רַבָּה פָּרָשָׁה ב, סִימָן לו) עַל כָּל נְשִׁימָה וּנְשִׁימָה שֶׁאָדָם מַעֲלֶה חַיָּב לְקַלֵּס אֶת יוֹצְרוֹ; אוֹיף יֶעדְן אָטֶעם דַארְף מֶען לוֹיבְּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג אַרַיינְאָטֶעמֶען אֱלֹקוּת, וִויסְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט בַּאשַאפְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּן אִיז מְחַיֶּה אוּן מְהַוֶּה אוּן מְקַיֵּים דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה וֶוערְט גֶעפִירְט נָאר דוּרְכְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס אִיז דִי עִיקֶר אֱמוּנָה וָואס עֶר מוּז אִין זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן,

און דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה וָואס לֶערְנְט אוּנְז דֶעם וֶועג וְויאַזוֹי אִים צוּ דִינֶען און דָאס אִיז דִי תַּרְיַ"ג מִצְווֹת וָואס עֶס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ תַּרְיַ"ג עִיטִין, ס'אִיז דָא זֶעקְס הוּנְדֶערְט און דְרַייצְן עֵצוֹת וְויאַזוֹי צוּ דֶערְקֶענֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס הֵייסְט אַז אַ יֶעדֶע מִצְוָה אִיז מַמְשִׁיךְ אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַ גְרוֹיסְן לֶעבְּטִיגְקֵייט אַז עֶר זָאל שְׁפִּירְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוֹיסֶער דֶעם וָואס יֶעדֶער מִצְוָה אִיז דֶער רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און אוֹיף דֶעם בַּאקוּמְט מֶען שָׂכָר, אִיז אוֹיבֶּעט אוֹיף דִי וֶועלְט אַז אַ אִיד אִיז מְקַיֵים אַ מִצְוָה אָדֶער עֶר הִיט זִיךְ אָפּ און טוּט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס אִיז עֶר מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ אַ מוֹרָא'דִיגְן לֶעבְּט פוּן רוּחְנִיוּת אֱלֹקוּת, אִיבֶּערְדֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּנְז מַזְהִיר גֶעוֶוען מֶען זָאל מְקַיֵים זַיין אַלֶע מִצְווֹת מִיט שִׂמְחָה, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן א) כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו; אַז אַ אִיד טוּט אַ מִצְוָה מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אִיז אַ סִימָן אַז זַיין הַארְץ אִיז גַאנְץ מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און נִישְׁט אוּמְזִיסְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כד) מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד; ס'אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, נִישְׁט אַז ס'אִיז אַן עֵצָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ נָאר ס'אִיז אַ מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, בִּפְרַט אַז מֶען אִיז זוֹכֶה מְקַיֵים צוּ זַיין דִי מִצְווֹת, און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כד) אֲפִילוּ אֵיינֶער אִיז גֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו

און ליגְט אין די נוּקְבָא דִתְהוֹמָא רַבָּא, אין די נִדְרִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער, אויב איז ער מְקַיֵים אַ מִצְוָה מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, איז ער זוֹכֶה אַרוֹיסְגֶעריסְן צוּ וֶוערְן פוּן די טוּמְאָה און שְׁלֶעכְטְס וואוּ ער ליגְט און ער קֶען אַרוֹיפְגֵיין פוּן אֵיין עוֹלָם בִּיזְן אַנְדֶערְן בִּיז ער זָאל שְׁפִּירְן אַ לֶעבְּטִיגְקֵייט אין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ זֶען זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, און זָאלְסְט זַיין פְּרֵיילִיךְ, און זָאלְסְט מְקַיֵים זַיין אַלֶע מִצְוֹות מִיט שִׂמְחָה, און יֶעדֶער איד איז פוּל מִיט מִצְוֹות, נָאר ער שְׁפִּירְט נִישְׁט די מִצְוֹות אויף זִיךְ. נֶעם צוּם בֵּיישְׁפִּיל מִצְוַת צִיצִית, דָאס איז דָאךְ אַזַא מִצְוָה וָואס יֶעדֶער איד גֵייט מִיט צִיצִית, וֶוען ער זָאל שְׁפִּירְן וָואס צִיצִית איז וָואלְט ער גֶעטַאנְצְט אַ גַאנְצְן טָאג; אויף צִיצִית שְׁטֵייט "וּרְאִיתֶם אוֹתוֹ" פַּשְׁטוּת איז קוּקְן אויף די צִיצִית, און חֲזַ"ל זָאגְן "וּרְאִיתֶם אוֹתוֹ" גֵייט אַרוֹיף אויפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז מִיט דֶעם וָואס אַ איד קוּקְט אויף די צִיצִית קוּקְט ער כִּבְיָכוֹל אויפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**וְוידֶערְאוּם** לֵייגְט מֶען יֶעדְן טָאג תְּפִילִין, דַארְף מֶען דָאךְ זַיין אַזוֹי פְּרֵיילִיךְ אַ גַאנְצְן טָאג, ווי די חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ל:) אַז רַבָּה און רֶבִּי זֵירָא זֶענֶען אַ גַאנְצְן טָאג גֶעוֶוען פְּרֵיילִיךְ, און זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט 'אֲנָא תְּפִילִין מְנַחֲנָא!', איךְ הָאבּ גֶעלֵייגְט תְּפִילִין! זֶעט מֶען ווי תַּנָּאִים און אֲמוֹרָאִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט יֶעדֶע מִצְוָה, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי

זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּ זַייעֶר מַדְרֵיגָה, און די זֶעלְבֶּע זַאךְ איז אַ יֶעדֶער איד וֶוען עֶר זָאל זִיךְ פְּרֵייעֶן מִיט די מִצְוֹות וָואס עֶר טוּט יֶעדְן טָאג וָואלְט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גְרוֹיסֶע זַאכְן, ווי די אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין גְרוֹיסְן תַּלְמִיד רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל זי"ע אַז עֶר איז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין מַדְרֵיגָה נָאר דוּרְךְ שִׂמְחַת הַמִצְוֹות, וֶוען עֶר הָאט מְקַיֵים גֶעוֶוען אַ מִצְוָה איז עֶר גֶעוֶוען אוֹיסְטֶערְלִישׁ פְרֵיילִיךְ, אֲפִילוּ וֶוען מֶען זָאל אֵיינֶעם גֶעבְּן די גַאנְצֶע גֶעלְט וָואס איז נָאר דָא אין די וֶועלְט וָואלְט עֶר דָאךְ זִיכֶער פְרֵיילִיךְ גֶעוֶוען קוּמְט נִישְׁט צוּ די שִׂמְחָה וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט וֶוען עֶר הָאט מְקַיֵים גֶעוֶוען אֵיין מִצְוָה, אִיבֶּער דֶעם זֶע זַיי פְרֵיילִיךְ און זַיי מְקַיֵים יֶעדֶע מִצְוָה מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, גֵיי אַרוֹיס פוּן עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה.

**עֶס** וָואלְט גֶעוֶוען זֵייעֶר גוּט אַז דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ שִׁיעוּר אין תַּרְיַ"ג מִצְוֹות, הֵן אין סֵפֶר הַחִינוּךְ, וָואס עֶר איז מַסְבִּיר יֶעדֶע מִצְוָה, און הֵן אין דֶעם סֵפֶר פּוֹעֲלֵי צֶדֶק וָואס הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער שַׁ"ךְ, וָואס דָארְטְן וֶוערְט אוֹיסְגֶערֶעכֶענְט אַלֶע תַּרְיַ"ג מִצְוֹות, און מֶען דַארְף דָאס חַזֶר'ן און חַזֶר'ן און חַזֶר'ן, און אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אין זִיךְ די מִצְוֹות, וָוארוּם אַ איד הָאט אַזוֹיפִיל מִצְוֹות און עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דָאס איז דֶער רָצוֹן פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז וואוּיל איז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג פוּן די תַּרְיַ"ג מִצְוֹות און עֶר איז זִיךְ מְחַיֶה מִיט דֶעם, און עֶר בֶּעט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר זָאל

זוֹכֶה זַיין מְקַיֵים צוּ זַיין, אוּן דָאס וֶועט אִים דֶערְהַאלְטְן אִין אַלֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן, לָאז דִיךְ נִישְׁט אָפּ וֶועסְטוּ זֶען שֵׁיינֶע זַאכְן אִין דַיין לֶעבְּן.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## נו

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר חַיֵי שָׂרָה ט"ז חֶשְׁוָן ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן.**

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל! דִי רְשָׁעִים אֲרוּרִים זֶענֶען מַעֲבִיר עַל הַדָת יֶעדְן טָאג אוּן יֶעדֶע שָׁעָה אוּן יֶעדֶע רֶגַע מִילְיָאנֶען נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, אַזוֹי וִוי אִיךְ זֶע אִין דִי שְׁטֶעטְל יַבְנְאֵל ווִי מֶען רַייסְט אוֹיס דִי אֶמוּנָה בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט דִי גְרֶעסְטֶע רְצִיחָה, אוּן ווִיפִיל מֶען דֶערְצֵיילְט אוּן ווִיפִיל מֶען רֶעדְט אִיז אַלִץ גָארְנִישְׁט אַקֶעגְן דֶעם וָואס מֶען זֶעט בְּחוּשׁ, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֶען צוּ דְרִיקְן וָואס מֶער קוּנְטְרֵסִים פוּן אֶמוּנָה, אוּן עֶס אַרָאפְּלָאזְן וָואס מֶער אוֹיף אַ פָּשׁוּטְ'ן שְׁפְּרַאךְ, וָואס דָאס אִיז מְקָרֵב דִי סְפַּרְדִישֶׁע אִידְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מֶען דַארְף נִישְׁט הִתְפַּעֲלוּת הָאבְּן

פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, אַדְרַבָּה מֶען דאַרְף זֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶעם וָואס מֶען קֶען, און דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט אוּנְז אַוַודַאי נִישְׁט פַארְלָאזְן.

הָרָב הַקָדוֹשׁ מִסַאטְמַאר זי"ע אִיז גֶעוֶוען גֶערֶעכְט, אָבֶער נָאךְ ווִי גֶערֶעכְט, וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, וָואס דַארְפְן דִי רְשָׁעִים הָאבְּן "רַע-בָּנִים" און אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל? נָאר וֶוער ס'קֶען דִי סְפַרְדִישֶׁע אִידְן, בַּיי זֵיי אַז אַ רָב הָאט עֶפֶּעס גֶעזָאגְט, "כְּבוֹד הָרַב" הָאט עֶפֶּעס גֶעזָאגְט, טָאר מֶען אוֹיף דֶעם נִישְׁט קְרִיגְן, אֵיי זֵיי זֶענֶען עַמֵי הָאֲרָצִים גְמוּרִים, קַלִים וְרֵיקִים וּפוֹחֲזִים! דָאס זֶענֶען רַבָּנִים? נָאר כְּדֵי מַעֲבִיר זַיין עַל הַדָת מוּז מֶען הָאבְּן אֵיינֶעם וָואס עֶר הֵייסְט אַ רָב, און זֵיי טוּעֶן שׁוֹין דִי אַרְבֶּעט גוּט, אַזוֹי ווִי אִין יַבְנְאֵל אִיז דָא אַ כַּל שֶׁבְּקַלִים, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין מִקְוֶה כְּשֵׁרָה רַחְמָנָא לִיצְלָן הָאבְּן אַלֶע עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אִיסוּר כְּרֵיתוּת, דִי עֵירוּב הָאט עֶר נִישְׁט גֶעלָאזְט פַארְרֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אִיסוּר סְקִילָה, טְרֵיפוֹת מִיט נְבֵילוֹת וֶוערְט פַארְקוֹיפְט בְּרֵישׁ גְלֵי, און אַלְץ מִיט אַ הֶכְשֵׁר פוּן דֶעם רָב (שְׁטְרָאף), און דָאס בִּין אִיךְ אַלֵיין מֵעִיד וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען און זֶע דָא, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה און אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער אֱמוּנָה.

דַאנְקֶען גָאט אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס עֶר לֶערְנְט אוּנְז ווִיאַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין אֱמוּנָה, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֶען צוּ צוּשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס

לֶעבְּט, וּבִּפְרַט דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צְווִישְׁן דִי סְפַרְדִישֶׁע אִידְן וָואס זֵיי זֶענֶען טֵייעֶרע נְשָׁמוֹת מֶען הָאט זֵיי מַעֲבִיר גֶעוֶועזְן עַל הַדָת אִיז זֵיי זֵייעֶר גְרִינְג צוּרִיק צוּ קֶערְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווָאוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז עוֹסֵק אִין דֶעם זֵיי צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען צוּם שׁוֹרֶשׁ פוּן דִי אֱמוּנָה.

**אִיךְ** הָאבּ דִיר נָאךְ אַסַאךְ וָואס צוּ שְׁרַייבְּן וָואס דָא טוּט זִיךְ אָפּ אִין יַבְנְאֵל, אָבֶּער מַיין צַייט אִיז זֵייעֶר קוּרְץ, אוּן אִיךְ מוּז הַיינְט צוּרִיק פָארְן, וֶועל אִיךְ דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן אַ לֶענְגֶערֶע בְּרִיוו.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## נז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שֵׁנִי לְסֵדֶר חַיֵּי שָׂרָה י״ז חֶשְׁוָן ה'תשע״א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דַיין בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת (אוֹת יִחוּס, סִימָן א) אֵין כֹּחַ הַקְלָלָה חָל עַל מְיוּחָס; אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז אַ מְיוּחָס בֶּן אַחַר בֶּן פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אֲפִילוּ מֶען זָאל אִים שֶׁעלְטְן חַס וְשָׁלוֹם אִיז נִישְׁט חָל אוֹיף אִים דִי קְלָלָה, ווִידֶערָאוּם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן ג) קָשֶׁה לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְהַעֲבִיר וּלְבַטֵּל גְּדוֹלֵי הַיִּחוּס; בַּיים בּוֹרֵא

כָּל עוֹלָמִים איז שְׁוֶוער אַוֶועקְצוּמַאכְן אַ יַחְסָן, וָוארוּם אַז אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַאמְט פוּן הֵיילִיגֶע עֶלְטֶערְן מַאכְט דָאס אַ רוֹשֶׁם אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, לֵיידֶער מִיר לֶעבְּן יֶעצְט אִין אַ דוֹר פוּן הֶפְקֶר, וָואס דִי כְּפִירוּת און אַפִּיקוֹרְסוּת בּוּזְשׁעוֶועִן זֵייעֶר שְׁטַארְק, און מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אֵיידֶער מֶען טוּט אַ שִׁידוּךְ מֶען זָאל ווִיסְן מִיט וֶועמֶען מֶען אִיז זִיךְ מְשַׁדֵךְ, וָוארוּם עֶס קֶען זַיין אַסַאךְ פְּסוּלִים אִין דִי מִשְׁפָּחוֹת, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אַוַדַאי אָפְּהִיטְן, וּבִפְרַט אַז מֶען טוּט אַ שִׁידוּךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן וַואנֶעט זֵיי קוּמֶען און פוּן וַואנֶעט זֵיי שְׁטַאמֶען, וָוארוּם לֵיידֶער הָאבְּן דִי רְשָׁעִים מְטַמֵא גֶעוֶוען נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעמִישְׁט וְכוּ' וְכוּ', דִי קִיבּוּצִים הָאבְּן גֶעלֶעבְּט אַ פְרֵייעֶ לֶעבְּן, רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, שֶׁלִּי שֶׁלָּךְ, וְשֶׁלָּךְ שֶׁלִּי, וְדֵי לְחַכִּימָא, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אֵיידֶער מֶען נֶעמְט אַ בַּעֲלַת תְּשׁוּבָה, אֱמֶת אִין הִימְל אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה, אָבֶּער מֶען דַארְף דָאךְ ווִיסְן פוּן וואוּ זֵיי שְׁטַאמֶען און אוֹיב סְ'אִיז אַ כָּשֵׁר קִינְד אִינְגַאנְצְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** אֵיידֶער מֶען טוּט אַ שִׁידוּךְ דַארְף מֶען זִיךְ גוּט בַּאטְרַאכְטְן און גוּט נָאכְפְרֶעגְן און נָאכְפָארְשְׁן

כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן חָלִילָה וְחַס מִיט אַ פָּגוּם'דִיגֶע מִשְׁפָּחָה וְכוּ' וְכוּ', אֱמֶת אַ בָּחוּר דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן וָואס יוּנְגֶער, אָבֶּער וֶועגְן דֶעם זָאל עֶר נִישְׁט לוֹיפְן און טוּן אַ שִׁידוּךְ פוּן אַ בַּעֲלַת תְּשׁוּבָה וָואס עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פוּן וואוּ זֵי שְׁטַאמְט, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר נָאכְפְרֶעגְן.

**יִחוּס** אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אָבֶער יִחוּס עַצְמוֹ אִיז נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע זַאךְ, מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג נָאכְזוּכְן אוּן נָאכְקוּקְן וֶוער דִי מְדוּבֶּרֶת אִיז, וּבִפְרַט הַיינְטִיגְן בִּיטֶערְן דוֹר וָואס דִי כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס, דִי רְשָׁעִים הָאבְּן זִיךְ פַארְלֵייגְט אוֹיסְצוּרַייסְן דִי אֱמוּנָה פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן גוֹרֵם גֶעוֶוען מוֹרָא'דִיגֶע חוּרְבָּנוֹת אִין אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער, בִּיז זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעְרִיסְן מִילְיָאנֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן דִי אֱמוּנָה, אִיבֶּערְדֶעם אֵיידֶער דוּ טוּסְט אַ שִׁידוּךְ פְרֶעג זִיךְ גוּט גוּט נָאךְ. אִיךְ פַארְשְׁטֵיי זֵייעֶר גוּט אַז דוּ דַארְפְסְט חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דוּ ווִילְסְט חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דוּ מוּזְט חֲתוּנָה הָאבְּן, אָבֶער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דַארְף מֶען זִיךְ נָאכְפְרֶעגְן זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּן נָאכְפָארְשְׁן פוּן וַואנֶעט קוּמֶען דִי עֶלְטֶערְן, אוּן אוֹיב זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען אִין דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע קִיבּוּצִים וָואס דָארְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶע הֶפְקֵירוּת אוּן הוֹלֵלוֹת, וָואס מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט ווִיסְן אוֹיב מֶען אִיז חָלִילָה וְחַס נִישְׁט בִּכְלַל אֵלוּ וָואס זֶענֶען נִישְׁט כָּשֵׁר לָבֹא בְּקָהָל וְכוּ' וְכוּ', עַד כְּדֵי כַּךְ דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן.

**שְׁטַארְק** זִיךְ זֵייעֶר אוּן פְרֶעג זִיךְ נָאךְ, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ בְּוַדַּאי נִישְׁט פַארְלָאזְן, מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁטַארְקְן בְּזֶה הָעוֹלָם נִישְׁט צוּבְרָאכְן וֶוערְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, סְ'אִיז טַאקֶע זֵייעֶר זֵייעֶר בִּיטֶער, סְ'אִיז טַאקֶע זֵייעֶר זֵייעֶר פִינְסְטֶער, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן לֹא אַלְמָן יִשְׂרָאֵל, סְ'אִיז דָא הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֵיי

קֶענֶען אָנְוַוייזְן זַייעֶר יִחוּס, זַיי זֶענֶען כָּשֶׁר'ע קִינְדֶער, כָּשֶׁר גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, און כָּשֶׁר אוֹיפְגֶעפִירְט זִיךְ, מְמֵילָא יָאג זִיךְ נִישְׁט טוּן אַ שִׁידוּךְ מִיט וֶועמֶען דוּ וֵוייסְט נִישְׁט.

שְׁטַארְק זִיךְ זַייעֶר שְׁטַארְק, קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, הָאבּ נִישְׁט קַיין מוֹרָא, דוּ וֶועסְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם בַּאקוּמֶען אַ גוּטְן שִׁידוּךְ אוֹיבּ דוּ וֶועסְט בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדְן טָאג, וָוארוּם מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט פּוּעֶלְן, לֵיידֶער אִיז דִי אֶמוּנָה אַזוֹי אוֹיסְגֶעלָאשְׁן אַז דֶער מֶענְטְשׁ כַּאפְּט נִישְׁט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּפִלָּה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סב) וֶוען אַ אִיד זָאל הָאבְּן אֶמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים, וָואלְט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּ אִים, אוּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען, אוּן גֶעבֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן, נָאר וַוייל דִי אֶמוּנָה אִיז נִישְׁט שְׁטַארְק בַּיי אִים אִיבֶּערְדֶעם אִיז עֶר נִישְׁט מִתְפַּלֵל וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זַייעֶר זָאלְסְט זֶען יֶעדֶע זַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען מְשַׁנֶּה זַיין דִי טֶבַע, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּפִלָּה חֵלֶק ב, סִימָן י) עַל יְדֵי תְּפִלָּה יָכוֹל לְשַׁנּוֹת זִוּוּגוֹ הַנִּכְרָז בַּשָּׁמַיִם; אַזוֹי וַוייט אִיז דִי כֹּחַ פוּן תְּפִלָּה אַז אֲפִילוּ מֶען הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן אַז פְּלוֹנִי וֶועט נֶעמֶען פְּלוֹנִית, מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס מְשַׁנֶּה זַיין, וּבִפְרַט וֶוען עֶס הַאנְדֶעלְט זִיךְ מִיט יִחוּס מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין אַ בְּלָאטֶע, דָאס הֵייסְט מִיט אַ

פְּגוּם'דִיגֶע מִשְׁפָּחָה וָואס מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וֶוער זִי אִיז, אוּן ווִיאַזוֹי זִי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן וְכוּ', וֶוער אִיז דִי עֶלְטֶערְן וְכוּ', קֶען מֶען אַוַודַאי אִיבֶּערְבַּייטְן מִיט תְּפִלָּה. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אַסַאךְ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ כָּשֶׁר'ן שִׁידוּךְ, וֶועסְטוּ זֶען דוּ וֶועסְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, נָאר גֶעבּ אַכְטוּנְג מֶען זָאל דִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן נַארִישְׁקֵייטְן וְכוּ' וְכוּ'.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, אִיךְ וֵוייס אַז דוּ ווִילְסְט חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן דוּ מוּזְט חֲתוּנָה הָאבְּן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן שְׁטַארְק זִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שוּם זַאךְ.

**הַמְּאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## נח

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר חַיֵּי שָׂרָה י"ח חֶשְׁוָן ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

שְׁטַארְק זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שוּם זַאךְ, ס'אִיז דָא אַ דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, "אַז עֶס זָאל מִיר וֶועלְן אַרְן אַרְט מִיר אַסַאךְ אִיבֶּערְדֶעם אַרְט מִיר גָארְנִישְׁט" אִין דִי וֶוערְטֶער לִיגְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע

חָכְמָה, מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז אַן עַוְולָה קֶען מֶען אַרִיבֶּערְגֵיין, אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז אַן עַוְולָה בְּלַייבְּט אַן עַוְולָה, אָבֶּער מֶען דַארְף נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן ווִי אַ תָּם אוּן ווִי אַ טִפֵּשׁ נָאךְ אַן עַוְולָה, ווִי מֶען זֶעט עַוְולוֹת דַארְף מֶען אַנְטְלוֹיפְן, אָבֶּער סְ'דַארְף נִישְׁט אַרְן דֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס אִיז אַ חֵלֶק פוּן דִי נִסָּיוֹן וָואס מֶען אִיז מְנַסֶּה יֶעדְן אֵיינֶעם.

**אִיבֶּער** דֶעם שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, אַנְטְלוֹיף נָאר צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּ אִים, וָואס דָאס הֵייסְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הִתְבּוֹדְדוּת, ווִי עֶר בְּרֶענְגְט בַּאֲרִיכוּת (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כה) הַהִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה מִן הַכֹּל, דָאס הֵייסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ זִינְדֶערְט זִיךְ אָפּ אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן דֶערְצֵיילְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, דָאס בּוֹיעֶט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אַזוֹי וֶוערְט עֶר צוּגֶעקְלֶעפְּט צוּ אִים, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זַיין שְׁטַארְק מִיט דִי הַנְהָגָה אַסַאךְ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, קוּק נִישְׁט אוֹיף קַיין עַוְולוֹת פוּן קַיין אַנְדֶערְן, אוּן עֶס זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרְן, לֵיידֶער לֵיידֶער אִיז דָא אַ שְׁפְּרֶעךְ וָוארְט "דִי וֶועלְט זֶענֶען נִישְׁט מְשׁוּגָע, אוֹיבּ זַיי רֶעדְן אוֹיף אֵיינֶעם מוּז עֶפֶּעס זַיין", הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן אַ גְרוֹיסֶע צַדִיק הָאט עֶר אַמָאל גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם שְׁפְּרֶעךְ וָוארְט, וֶוער זָאגְט אַז דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט מְשׁוּגָע? אוּן ווִי מֶען זֶעט הַיינְט אַז יֶעדֶער מְשׁוּגֶענֶער הָאט אָנְהֶענְגֶערְס וָואס זַיי לוֹיפְן

אִים נָאךְ, מַמָּשׁ אֲנָשִׁים מְשׁוּגָעִים מְטוֹרָפִים, מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אָפְּגֶעריסֶענֶע נַארָנִים מַאכְן זִיךְ נַארִישׁ, לוֹיפְן אַרוּם וְכוּ', מַאכְן תְּנוּעוֹת מְשׁוּנוֹת וְכוּ', גְלָאצְן מִיט דִי אוֹיגְן וְכוּ', אוּן דֶער הֲמוֹן עַם קוּקְט אוֹיף זֵיי ווִי זֵיי פְלִיעֶן אִין הִימְל וְכוּ', אוּן הָאבְּן מוֹרָא'דִיגֶע הִתְפַּעֲלוּת פוּן אַזֶעלְכֶע מְשׁוּגֶענֶע הַנְהָגוֹת, וָואס זֶענֶען נִישְׁט מֶער ווִי פָּאלְנֶע מְשׁוּגָעִים וְכוּ'. נָאר אַזוֹי אִיז דִי וֶועלְט הַיינְט, יֶעדֶער וָואס עֶר מַאכְט זִיךְ מֶער נַארִישׁ הָאט עֶר מֶער אָנְהֶענְגֶער וְכוּ', וְכוּ'.

גְלֵייבּ מִיר, פוּן דִי אֶמֶת'ע צַדִיקֵי הַדוֹר הָאט מֶען נִישְׁט גֶעזֶען קַיין שׁוּם תְּנוּעוֹת מְשׁוּנוֹת אוּן קַיין שׁוּם הַנְהָגוֹת מְטוֹרָפוֹת וְכוּ', בַּיי דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רֶבִּי זי"ע בַּעַל "דִבְרֵי יוֹאֵל", הָאט מֶען בַּיי אִים נִישְׁט גֶעזֶען קַיין שׁוּם תְּנוּעָה מְשׁוּנָה, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגְן פַּשְׁטוּת, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעזֶען בַּיי אִים קַיין שׁוּם ווִילְדְקֵייט אָדֶער תְּנוּעוֹת אָדֶער שְׁפְּרִינְגֶען טַאנְצְן וְכוּ' וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט גֶעלָאכְטְן זַיין פָּנִים מִיט אַ הִימְלִישְׁן לִיכְטִיגְקֵייט, וֶוער סְ'הָאט אִים נָאר אָנְגֶעקוּקְט אִיז בַּאצוֹיבֶערְט גֶעוָוארְן נָאר פוּן קוּקְן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן יט) אַז נָאר קוּקְן אוֹיף אַ צַדִיק אִיז מְעוֹרֵר דֶעם מֶענְטְשׁ מֶער ווִי אַ סֵפֶר מוּסָר, מֶען הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען בַּיי דֶעם מֶענְטְשׁ קַיין שׁוּם תְּנוּעָה מְשׁוּנָה. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי אִים פוּן דִי זֶעקְס יָאר בִּיז עֶר אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן לְעֵילָא וְכוּ', קַיין אֵיין מָאל הָאט מֶען בַּיי אִים נִישְׁט גֶעזֶען עֶפֶּעס אַן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע תְּנוּעָה וְכוּ', אָדֶער שְׁטִיקֶעס וְכוּ', עֶר הָאט

זִיךְ גֶעפִירְט בִּקְדוּשָׁה וְטָהֳרָה, מִיט הַנְהָגָה נִפְלָאָה, דָאס נָאר צוּ קוּקְן הָאט גֶעצוֹיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין, אוּן אַזוֹי הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ גֶעזֶען בַּיים הֵיילִיגְן בֶּעלְזֶער רָב רֶבִּי אַהֲרֹן זי"ע קַיין שׁוּם תְּנוּעָה מְשׁוּנָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי אִים, אַלְץ אוֹיפְגֶעפִירְט זִיךְ גֶעלַאסְן, רוּהִיג, נִישְׁט טַאנְצֶענְדִיג, נִישְׁט שְׁפְּרִינְגֶענְדִיג, נִישְׁט לוֹיפְנְדִיג וְכוּ' וְכוּ', אוּן הַיינְט אִיז גֶעוָוארְן אַ וֶועלְט וֶוער ס'מַאכְט זִיךְ מֶער מְשׁוּגָע מֶער נַארִישׁ אִיז אַ גְרֶעסֶערֶע רֶבִּי אוּן עֶר פְּלִיט הֶעכֶער אִין הִימְל וְכוּ', אוּן אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס דִיבּוּר "אַז עֶס זָאל מִיר וֶועלְן אַרְן אַרְט מִיר אַסאךְ אִיבֶּערְדֶעם אַרְט מִיר גָארְנִישְׁט" מֶען דַארְף נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן, אַ אִיד דַארְף אַנְטְלוֹיפְן נָאר צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּנְז דַארְפְן זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף.

דֶער עִיקָר אִיז שְׁטֶענְדִיג קוּקְן וָואס הָאבּ אִיךְ אִין דֶער הַאנְט, בִּין אִיךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג כְּדֵי בִּיז פְרַייטָאג זָאל אִיךְ הָאבְּן דוּרְכְגֶעלֶערְנְט דִי סֶדְרָה פוּן דִי וָואךְ שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם מִיט רַשׁ"י הַקָדוֹשׁ? צִי חַזֶר אִיךְ יֶעדְן טָאג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת - וָואס דָאס אִיז מַיין פַארְמֶעגְן אוּן דָאס וֶועט מִיךְ בַּאגְלֵייטְן? צִי חַזֶר אִיךְ דַפִּים גְמָרָא וָואס דָאס וֶועט מִיךְ אָפְּהִיטְן?

דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי יוֹסִי בֶּן קִיסְמָא זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ו) אֵין מְלַוִּין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶּסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים

טובות ומַרְגָלִיות, אֶלָא תוֹרָה וּמִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבַד; וָואס בַּאגְלֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ? נָאר וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרוֹיסְצוּכַאפְּן יֶעדְן טָאג מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא, וְכוּ׳, וְכוּ׳, דָאס בְּלַייבְּט דֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס בַּאגְלֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ, דִי אַלֶע שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים לָאזְט מֶען אִיבֶּער דָא, אַז וואויל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, אוּן פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס עֶר הָאט אוּנְז אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד וָואס עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט בַּאֲרִיכוּת אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן עו), אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "רַחֲמֵי הָאָב" אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט אַ פָּשׁוּטֶער שׁוּסְטֶער וָואס עֶר פְלֶעגְט דוּרְכְזָאגְן שַׁ"ס, פָּשׁוּט זָאגְן, הָאט אִים גֶעלָאכְטְן דִי פָּנִים ווִי אַ מַלְאָךְ אֱלֹקִים. אַ בָּחוּר וָואס עֶר גֶעוואוּנְט זִיךְ צוּ צוּ זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת וֶוערְט זַיין נְשָׁמָה צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, אוּן צוּם סוֹף וֶועט עֶר פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר זָאגְט, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אַז עֶר גֶעוואוּנְט זִיךְ צוּ צוּ זָאגְן גְמָרָא וֶועט עֶר בַּיים סוֹף פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר זָאגְט, מֶען דַארְף נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין קַיין וִויכּוּחִים, דָאס אִיז דֶער עִיקָר בְּזֶה הָעוֹלָם, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא, וְכוּ׳, וְכוּ׳, וְעַל כּוּלָם לֶערְנֶען אַסַאךְ הֲלָכָה, וואויל אִיז יֶעדֶער בָּחוּר וָואס עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג קִצּוּר שׁוּלְחָן עָרוּךְ עֶר זָאל וִויסְן בָּאטְשׁ ווִי אַזוֹי אַ אִיד דַארְף זִיךְ פִּירְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ זֶען צוּ שְׁטַארְקְן אַלֶע בָּחוּרִים זָאלְן לֶערְנֶען אַסַאךְ קִצּוּר שׁוּלְחָן עָרוּךְ, קוֹדֶם זָאלְן זֵיי וִויסְן ווִי אַ אִיד דַארְף אוּיפְשְׁטֵיין, ווִי אַ אִיד דַארְף זִיךְ

לֵייגְן, און ווי אַ איד דאַרְף זיךְ פִירְן, ווי אַ אִיד דַארְף זיךְ אַכְטוּנג גֶעבְּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּענֶען קֵיין צְוֵוייטְן איד, נִישְׁט רוֹדֶפְן וְכוּ׳ נִישְׁט גַנְבְעֶנֶען וְכוּ׳, וָואס לֵיידֶער הַיינְט אִיז הֶפְקֵר (גִּיטִּין ס:) כָּל דְאַלִּים גְּבַר; וֶוער ס׳אִיז שְׁטַארְקֶער פוּן יֶענֶעם דֶערְנִידֶערְט דֶעם צְוֵוייטְן וְכוּ׳, מֶען גַנְבֶעט און מֶען רַאבֶּעוֶועט דֶעם צְוֵוייטְן וְכוּ׳, מֶען דֶערְנִידֶערְט אַן אַנְדֶערְן וָואס עֶר הַאלְט נִישְׁט אַזוי ווי עֶר וְכוּ׳, עִיקָרֵי יַהֲדוּת וִויכְטִיגְקֵייט פוּן אִידִישְׁקֵייט אִיז מֶען נִישְׁט מְקַיֵים, וֶועגְן דֶעם הָאבּ נִישְׁט קֵיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, שְׁטַארְק זיךְ אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, זָאלְסְט וויסְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מְחַיֶה און מְהַוֶה און מְקַיֵים דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה, און אַז דוּ וֶועסְט אַרַיינְלֵייגְן אִין זיךְ דִי אֱמוּנָה וֶועסְטוּ נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט, קֵיינֶער קֶען דיךְ גָארְנִישְׁט טוּן, מֶען וֶועט דִיךְ מְבַזֶה זַיין וְכוּ׳? נֶעם עֶס אָן פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ו) אַז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז לַיידְן בִּזְיוֹנוֹת און שְׁפִיכוּת דָמִים, ס׳אִיז אַן עֶקְסְטֶערֶע זַאךְ אַז דִי אַלֶע וָואס זַיי פַארְשֶׁעמֶען אַ צְוֵוייטְן וֶועלְן נִישְׁט גוּט אָפְּשְׁנַיידְן וְכוּ׳, נִישְׁט זֵיי און נִישְׁט זֵייעֶר קִינְדֶער וְכוּ׳, אָבֶער דוּ שְׁוַוייג אוֹיף דִי בִּזְיוֹנוֹת וָואס מֶען אִיז דִיר מְבַזֶה וְכוּ׳, דוּ שְׁוַוייג אוֹיף דִי בְּלוּט וָואס מֶען פַארְגִיסְט דִיךְ וְכוּ׳, אוֹיף דִי פַּאשְׁקֶעוִוילְן וָואס מֶען שְׁרַייבְּט אוֹיף דִיר וְכוּ׳ וְכוּ׳.

שְׁטַארְק זיךְ אִין אֱמוּנָה וֶועסְטוּ זֶען אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן. גֶעווֹאוֹין זִיךְ צוּ נָאר צוּ אִים רֶעדְן, און דָאס זָאלְסְטוּ מְחַנֵךְ זַיין דִי אַלֶע

בָּחוּרִים אַז זֵיי זָאלְן רֶעדְן נָאר צוּ גָאט בָּרוּךְ הוּא אַלֵיין, אוּן אַזוֹי דַארְף מֶען מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער, אַז מִיר הָאבְּן קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, דִי מַלְכוּת הָרִשְׁעָה פוּן דִי טְמֵאִים וּמְטוּמָאִים פוּן דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע עֵרֶב רַב, וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען אַ מַלְכוּת אַלֵיין, פוּן דָארְטְן אִיז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פִּיל מִיט כְּפִירוּת, פוּן אַלֶעם וֶועט מֶען רֶעדְן, נָאר נִישְׁט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אַז אֵיינֶער רֶעדְט שׁוֹין פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מַאכְט מֶען פוּן אִים אַלֶע גֶעשְׁפֶּעט, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ גָארְנִישְׁט הִתְפַּעֲלוּת הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, זַיי שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, שְׁטַארְק זִיךְ וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אוּן אוֹיף דִי וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## נט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר חַיֵּי שָׂרָה י"ח חֶשְׁוָן ה'תשע"א**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אוֹיף דִי וֶועלְט דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט יֶעדֶע נְקוּדָה אִין אִידִישְׁקֵייט וָואס מֶען הָאט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי

הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן י) אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט דֶעם "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי" דָאס אִיז דָאךְ אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה, דָאס קֶען דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם נִישְׁט מְבַטֵּל זַיין, יֶעדֶע זַאךְ קֶען עֶר מְבַטֵּל זַיין, אָבֶּער מִיט דֶעם וָואס אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ אִיד קֶען עֶר גָארְנִישְׁט מְבַטֵּל זַיין אוּן מְקַטְרֵג זַיין, אִיבֶּער דֶעם זָע זַייעֶר זִיךְ מְחַזֵּק צוּ זַיין, אוּן שְׁטַארְק זִיךְ אוּן פְרֵיי זִיךְ וָואס דוּ בִּיסְט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אַ אִיד.

**זָאלְסְט** וִויסְן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַן אָב הָרַחֲמָן, אוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן קִינְדֶער בַּיי אִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים יד) "בָּנִים אַתֶּם לַהוי"ה אֱלֹקֵיכֶם" אַזוֹי וִוי אַ טַאטֶע הָאט זֵייעֶר לִיבּ זַיינֶע קִינְדֶער אַזוֹי הָאט כַּבְיָכוֹל לִיבּ זַיינֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, אוּן מֶען זָאל דִיר נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין תַּקָּנָה, אַדְּרַבָּה דוּ זָאלְסְט וִויסְן אַז דוּ בִּיסְט אַ קִינְד פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר הָאט דִיךְ לִיבּ, אוּן עֶר וֶועט דִיךְ גֶעבְן אַלֶעס וָואס דוּ וֶועסְט בֶּעטְן, אַזוֹי וִוי בְּגַשְׁמִיּוּת זֶעט מֶען אַ קִינְד אַז עֶר מוּטְשֶׁעט דֶעם טַאטְן אוּן עֶר בֶּעט אוּן בֶּעט אוּן בֶּעט בַּיים סוֹף פּוֹעֶלְט עֶר, אֲפִילוּ דֶער טַאטֶע זָאגְט "לָאז מִיךְ שׁוֹין אָפּ! לָאז מִיךְ גֵיין צוּ מַיינֶע עִנְיָנִים!", אָבֶּער אַז עֶר עַקְשֶׁנְט זִיךְ אַיין צוּם סוֹף פּוֹעֶלְט עֶר, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן אִיז זִיךְ מְחַזֵּק דֶעמָאלְטְס פּוֹעֶלְט עֶר, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ קֶען אִים נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן. אֱמֶת אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן, גֵייט אוֹיף דִיר אִיבֶּער

אַסַאךְ אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער, מוז אִיךְ דִיר זָאגְן אַז וֶוען אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט זַיין אִידִישְׁקֵייט אִיז אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲווֹנוֹת, שְׁטַארְק זִיךְ וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִסִּים אוּן יְשׁוּעוֹת וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיר טוּן.

**הַמְּאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## ס

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר חַיֵּי שָׂרָה י"ט חֶשְׁוָן ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

זֶע זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן פַאל נִישְׁט אַרָאפּ אוּן הָאבּ נִישְׁט קַיין הִתְפַּעֲלוּת וָואס יֶעדֶער טִפֵּשׁ אוּן שׁוֹטֶה רֶעדְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. לֵייֶדער אִיז אַלֶעם פַארְקֶערְט, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (פְּסָחִים נ.) "עוֹלָם הָפוּךְ רָאִיתִי עֶלְיוֹנִים לְמַטָּה וְתַחְתּוֹנִים לְמַעְלָה", הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט "בְּנִי, עוֹלָם בָּרוּר רָאִיתָ"; וָוארוּם דֶער וָואס אִיז דָא מְפוּרְסָם אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִין הִימְל וֵוייסְט מֶען אֲפִילוּ נִישְׁט וֶוער דָאס אִיז, אוּן דֶער וָואס אִיז בֶּאֱמֶת דָבוּק אִינֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר אִיז נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת פוּן אִים, פוּן אִים וֵוייסְט מֶען גָארְנִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט. אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה (חַיֵּי שָׂרָה קכב:) מַאן דְאִיהוּ זְעֵיר אִיהוּ רַב, מַאן דְאִיהוּ רַב אִיהוּ

זְעִיר; וֶוער עֶס אִיז דָא בְּזֶה הָעוֹלָם גְרוֹיס, אִין הִימְל אִיז עֶר גָארְנִישְׁט; וֶוער עֶס אִיז דָא קְלֵיין, אִין הִימְל אִיז עֶר זֵייעֶר גְרוֹיס. דָאס הֵייסְט בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דֶער עִיקֶר חֲשִׁיבוּת אַז אַ אִיד אִיז דָבוּק אִין אִים אוּן רֶעדְט צוּ אִים אוּן לֶערְנְט זַיין תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַתְמָדָה, אוּן אִיז מְקַיֵים דִי מִצְוֹות מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, דָאס אִיז חָשׁוּב אִין הִימְל, וָואס דִי אַנְדֶערֶע זָאגְן אִיז אַלֶעס שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים. אַ מֶענְטְשׁ טָאר נִישְׁט מַאכְן קַיין פְּלֶענֶער, וָוארוּם עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס וֶועט זַיין מִיט אִים, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעזָארְגְט אֲפִילוּ נִישְׁט אֵיין טָאג אֵיין שָׁעָה אֵיין רֶגַע וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֶענְדִיג מוֹרָא הָאבְּן פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אֶפְשֶׁר אִיז גֶעקוּמֶען יֶעצְט דִי צַייט וָואס מֶען נֶעמְט אִים צוּ, ווִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן אַז רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי תַּלְמִידִים ״שׁוּב יוֹם אֶחָד לִפְנֵי מִיתָתְךָ״, הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים גֶעפְרֶעגְט ״פוּן וַואנֶעט וֵוייסְט מֶען וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק?״ הָאט עֶר גֶעזָאגְט, ״טוּ תְּשׁוּבָה הַיינְט, טָאמֶער מָארְגְן גֵייט עֶר אַוֶועק״.

אוּן דֶער אֱמֶת׳ן זֶעט מֶען נֶעבֶּעךְ יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן וֶוערְן פַארְכַאפְּט פְּלוּצְלִינְג וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן וֶוען זֵיי וָואלְטְן גֶעהַאט דִי הַקְדָמוֹת פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וָואלְטְן זֵיי גֶענוּמֶען אַ חוּמָשׁ אוּן יֶעדְן טָאג גֶעלֶערְנְט חוּמָשׁ וְרַשִׁ״י מִיטְן תַּרְגוּם, אוּן וָואלְטְן מְסַיֵים גֶעוֶוען שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר אֲרִיכוּת יָמִים, ווִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם

מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פָּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו; און זֵיי וָואלְטְן גֶענוּמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת און זֵיי וָואלְטְן גֶעזָאגְט פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אֵיינְס נָאכְן אַנְדֶערְן בִּיז זֵיי וָואלְטְן מְסַיֵּים גֶעוֶוען שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, און וָואלְטְן אָנְגֶעהוֹיבְן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל מְסַיֵּים זַיין אָן אַ שִׁיעוּר מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה. מִשְׁנָ"ה בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט וִוי פַּרְנָסָ"ה. אוֹיכֶעט וָואלְטְן זֵיי גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ דַּפִּים גְּמָרָא כְּסִדְרָן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נֶעמֶען מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת און אָנְהֵייבְּן צוּ זָאגְן אַ דַּף נָאךְ אַ דַּף, אַ דַּף נָאךְ אַ דַּף - זָאגְן קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער, און בְּמֶשֶׁךְ הַזְּמַן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיפְמַאכְן דֶעם מֹחַ וֶועט עֶר פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר זָאגְט, קוֹדֶם זָאל מֶען זָאגְן אַסַאךְ דַּפִּים גְּמָרָא כְּסִדְרָן אִין שַׁ"ס, אַז ווָאוִיל אִיז דֶער וָואס עֶר אִיז זוֹכֶה אַדוּרְכְצוּזָאגְן גַּאנְץ שַׁ"ס אֵיינְמָאל און נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל, בִּיז עֶס וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען דִי מֹחַ וֶועט עֶר פַארְשְׁטֵיין יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר לֶערְנְט, און אַ בָּחוּר וָואס עֶר הֵייבְּט אָן צוּ זָאגְן שַׁ"ס ווֶערְט עֶר אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, און ס'גֶעבְּט אַרַיין אִין דֶעם מֶענְטְשׁ אַ גֶעוַואלְדִיגְן סִיפּוּק הַנֶּפֶשׁ. און בַּיים סוֹף ווֶערְט עֶר גֶעווָאוִיר אַז עֶר הָאט נִישְׁט אַזַא שְׁוַואכְן קָאפּ און עֶר פַארְשְׁטֵייט יָא, און עֶר הֵייבְּט אָן נָאכְצוּקוּקְן אִין רַשִׁ"י אָדֶער אִין תּוֹסְפוֹת וָואס דִי גְּמָרָא זָאגְט, און אַזוֹי ווֶערְט מֶען אַ מַתְמִיד. אִיבֶּערְדֶעם קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, לֶערְן יֶעדְן טָאג מִקְרָא מִשְׁנָה גְּמָרָא וְכוּ' וְכוּ'.

**מַאך** זיך אַ שִׁיעוּר אִין קִצוּר שׁוּלְחָן עָרוּךְ, זָאלְסְט כָאטְשׁ ווִיסְן ווִיאַזוֹי אַ אִיד דַארְף זִיךְ פִירְן. מֶען לֵייגְט זִיךְ נִישְׁט שְׁלָאפְן אֵיידֶער מֶען גְרֵייט צוּ נֶעגְל וַואסֶער, אוּן וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף גִיסְט מֶען זִיךְ בַּאלְד אָפּ נֶעגְל וַואסֶער, אוּן דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר יִרְאַת שָׁמַיִם. ס'ווֶערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן דֶעם שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזָא זי"ע אַז עֶס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר יִרְאַת שָׁמַיִם אַרוֹיסְצוּטְרָאגְן אַלֵיין דֶעם נֶעגְל וַואסֶער אוּן אוֹיסְגִיסְן.

**אַז** וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר גֵייט יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה אוּן טוֹבֶלְט זִיךְ, וָוארוּם עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִיקִים וֶוען דֶער גוּף טוֹבֶלְט זִיךְ דָא, דֶעמָאלְטְס טוֹבֶלְט זִיךְ דִי נְשָׁמָה אוֹיבְן אִין הִימְל.

**שְׁטַארְק** זִיךְ אוּן הֶער נִישְׁט צוּ וָואס יֶעדֶער פַּארֶעךְ אוּן טִפֵּשׁ אוּן שׁוֹטֶה רֶעדְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. ווִי אִיז גֶעהֶערְט גֶעוָוארְן אַז אִין דֶעם דוֹר זָאל זִיךְ גֶעפוּנֶען וֶוער עֶס זָאל זִיךְ נָאר נִישְׁט גֶעפוּנֶען וְכוּ' וְכוּ', עֶר זָאל רֶעדְן אוֹיף אַ צַדִיק וָואס אִיז גֶעוֶוען פַאר צְוֵוייְ הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק? דָאס וַוייזְט אַז דֶער שֵׂייגֶץ אִיז פוּל מִיט כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, אַז בַּיי אִים אִיז אַ גֶעשְׁפֶּעט דִי פְרִיעֶדִיגֶע צַדִיקִים. ווִי וַואגְט זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ צוּ רֶעדְן אוֹיף אַ צַדִיק קָדוֹשׁ וְנוֹרָא וְכוּ' וְכוּ'? אִיבֶּערְדֶעם קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, דוּ פִיר זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין טַאטֶע מַאמֶען, וָוארוּם כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה,

און זָאלְסְט בַּאפְלַייסְן זִיךְ אִין לִימוּד תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, מִיט דֶעם אַלֵיין וֶועסְטוּ גוֹרֵם זַיין אַ נַחַת רוּחַ פַּאר דַיין טַאטְן און מַאמֶען.

שְׁטַארְק זִיךְ און פָאלְג מִיךְ וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט און מִכָּל שֶׁכֵּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# סא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר חַיֵּי שָׂרָה י"ט חֶשְׁוָן ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הֶחָתָן הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ גֵייסְט מָארְגְן חַתוּנָה הָאבְּן בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶועגְן פוּן אוּנְזֶערֶע אָבוֹת און אָבוֹת אֲבוֹתֵינוּ - אַ תּוֹרָה'דִיגֶע שְׁטוּבּ. עֶטְץ זָאלְטְס זִיךְ פִירְן מִיט צְנִיעוּת אַזוֹי וִוי מֶען הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, דֶעמָאלְטְס וֶועסְטוּ זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער יוּנְגֶערְמַאן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

זָאלְסְט זֶען זֵייעֶר מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ, וָוארוּם אַזוֹי זָאגְן דִי חֲזַ"ל (בָּבָא מְצִיעָא נט.) לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בִּכְבוֹד אִשְׁתּוֹ, שֶׁאֵין בְּרָכָה מְצוּיָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם אֶלָּא בִּשְׁבִיל

אִשְׁתּוֹ; דִי בְּרָכָה אִין שְׁטוּב קוּמְט אַרַיין נָאר וֶוען מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי פְרוֹי, אוֹיךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (שָׁם) אוֹקִירוּ לִנְשֵׁיְיכוּ כִּי הֵיכִי דְתִתְעַתְּרוּ; אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין אֵייעֶר וַוייבּ כְּדֵי אִיר זָאלְט וֶוערְן עֲשִׁירִים, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סט) אַז דִי גַאנְצֶע עֲשִׁירוּת וָואס אַ מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט אִיז נָאר אִין זְכוּת פוּן דִי וַוייבּ. אִיבֶּערְדֶעם אַז אַ חָתָן נֶעמְט זִיךְ פָאר אַז עֶר וֶועט שְׁטֶענְדִיג מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ אוּן עֶס וֶועט זַיין אִין שְׁטוּבּ אַ גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט מִיט אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ, אֵיינֶער וֶועט זִיךְ פִירְן אַקֶעגְן דֶעם אַנְדֶערְן מִיט גְרוֹיס יִרְאַת שָׁמַיִם, וֶועט עֶטְץ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסג) אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טוּט אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם צוּבְּרֶעכְן דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער כְּדֵי מַכְשִׁיל זַיין מִיט עֲבֵירוֹת חֲמוּרוֹת, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף אַ יוּנְג פָּארְפָאלְק זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן לֶערְנֶען דִי הֲלָכוֹת'עֶר אוּן חָלִילָה וְחַס נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט קַיין שְׁלֶעכְטְס וְכוּ'.

**דֶער** עִיקָר דַארְף מֶען זֶען מְכַבֵּד זַיין בֵּיידֶע עֶלְטֶערְן, וָוארוּם אַ שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער זֶענֶען אוֹיבֶעט עֶלְטֶערְן, עֶלְטֶערְן פוּן דָאס וַוייבּ. ווִידֶעראוּם דָאס וַוייבּ דַארְף מְכַבֵּד זַיין זַיינֶע עֶלְטֶערְן. אוּן אַז מֶען אִיז מְכַבֵּד בֵּיידֶע עֶלְטֶערְן, דֶעמָאלְטְס הָאט מֶען גְרוֹיס הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן.

**הֶערְשְׁט** נָאךְ דִי חֲתוּנָה דַארְף דֶער יוּנְגֶערְמַאן זִיךְ נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ עוֹל תּוֹרָה, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט

רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגּוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אוּן לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת. מִשְׁנָ"ה בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט וִוי פַּרְנָסָ"ה, אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת הָאט מֶען פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, אוּן הַלְוַואי וָואלְטְן דָאס אַלֶע יוּנְגֶעלַייט גֶעטוּן וָואלְטְן זֵיי גֶעהַאט אַן אַנְדֶער סָארְט לֶעבְּן. וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ זֶען לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא, וָוארוּם אַ דַף גְמָרָא אַ טָאג אִיז מַצִיל דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס. דִי דְרֵיי לִימוּדִים, מוּז זַיין בַּיי דִיר אַ חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר אַ גַאנְץ לֶעבְּן. אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ פָארְנֶעמֶען דָאס צוּ טוּן, וֶועסְטוּ זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן דַיין וַוייבּ וֶועט אוֹיף דִיר אַרוֹיפְקוּקְן, זִי וֶועט זֶען אַז זִי הָאט אַ מַאן אַ תַּלְמִיד חָכָם, אוּן בִּפְרַט אַז דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה אֵיידְלְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ.

**דֶעם** עֶרְשְׁטְן יָאר מוּז מֶען לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ הִלְכוֹת נִדָה, אוּן מֶען דַארְף גֵיין צוּ שִׁיעוּרִים, אֲפִילוּ מֶען הָאט שׁוֹין אֵיינְמָאל גֶעלֶערְנְט דַארְף מֶען דָאס לֶערְנֶען נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער קְדוֹשׁ עֶלְיוֹן דֶער שָׂרָף רֶבִּי אוּרִי מִסְטְרֶעלִיסְק זי"ע, הָאט אִיבֶּערְגֶעחַזֶרְט הִלְכוֹת נִדָה טוֹיזֶענְט מָאל, אוּן עַל אַחַת כַּמָה וְכַמָה אַזֶעלְכֶע פְּרָאסְטֶע מֶענְטְשְׁן וִוי אוּנְז דַארְפְן מִיר אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי זַיין בָּקִי אִין דִי הַלָכוֹתְ'עֶר מֶען זָאל חָלִילָה וְחַס נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט קַיין אִיסוּרִים.

**וְזִיכְן** זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז יֶעדֶע שַׁאֲלָה וָואס עֶס קוּמְט פָאר אִין שְׁטוּבּ מוּז מֶען גֵיין פְרֶעגְן אַ מוֹרֶה הוֹרָאָה, מֶען

טָאר נִישְׁט פַּסְקֶענֶען פַאר זִיךְ אַלֵיין קַיין שׁוּם שַׁאֲלָה, בִּפְרַט אַזֶעלְכֶע הַארְבֶּע שְׁאֵלוֹת, דָאס דַארְף זַיין בַּיי דִיר אַ חוֹק וְלֹא יַעֲבוֹר אוֹיפְזוּכְן אַ דַיָין אַ יְרֵא שָׁמַיִם אוּן אִים פְּרֶעגְן יֶעדֶע שַׁאֲלֶה וָואס עֶס קוּמְט פָאר.

**דֶער** עִיקֶר אִיז אַז מֶען זָאל זֶען דִי שְׁטוּבּ זָאל זַיין אַ רוּהִיגֶער שְׁטוּבּ, קֵיינְמָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּ הוֹיֶעךְ, כְּדֵי ס'זָאל חָלִילָה וְחַס נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קַיין מַחֲלוֹקֶת, אַז מֶען פִּירְט זִיךְ אוֹיף אַזַא אוֹפֶן וֶועט דִי שְׁטוּבּ זַיין אַ תּוֹרָה'דִיגֶע שְׁטוּבּ. דִי חֲזַ"ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו:) אִשָּׁה בַּעֲלָהּ מְשַׂמְּחָהּ; אַ מַאן דַארְף פְרֵיילִיךְ מַאכְן דָאס וַוייבּ. אוּן ווִיאַזוֹי קֶען מֶען פְרֵיילִיךְ מַאכְן? נָאר מִיט דִי תּוֹרָה'דִיגֶע וֶועג. אִיבֶּערְדֶעם וואוּנְטְשׁ אִיךְ דִיר זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעבְּטִיג לֶעבְּן, עֶס זָאל דִיר גָארְנִישְׁט פֶעלְן, אוּן זָאלְסְט זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, אִיר זָאלְט הָאבְן בֵּיידֶע אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים. אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְן זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוֹיסְלֶערְנֶען דַיין וַוייבּ אַז וָואס מֶען דַארְף הָאבְן דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט. אוּן אִיךְ הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ וֶועסְט מִיךְ פָאלְגְן וֶועסְטוּ נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְן נִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# סב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר חַיֵּי שָׂרָה י"ט חֶשְׁוָן ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דַיין בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

זֶע זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן אוּן צוּפַאלְן וֶועגְן דִי גְרוֹיסֶע חוֹבוֹת וָואס דוּ בִּיסְט שׁוּלְדִיג. אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנָה, וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן חוֹבוֹת. חז"ב אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת וְ'תֵן חֶ'לְקֵינוּ בְּ'תוֹרָתֶךָ, אַז מֶען אִיז זִיךְ קוֹבֵעַ עִתִּים לְתוֹרָה גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן דִי חוֹבוֹת אוּן מֶען הָאט פַּרְנָסָה. מִשְׁנָ"ה בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט ווִי פַּרְנָסָ"ה, דֶער וָואס עֶר לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָה וֶועט אִים נִישְׁט פֶעלְן קַיין פַּרְנָסָה, אוּן הַלְוַואי וָואלְטְן דָאס אַלֶע יוּנְגֶעלַייט אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין הַארְץ צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם אַזוֹי זָאגְן דִי חֲזַ"ל (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ז, סִימָן ג) אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת; אוּן סְ'אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא גְרֶעסֶערֶע גָלוּת ווִי דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נֶעבֶּעךְ אָרִים אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (עֵירוּבִין מא:) הָעֲנִיּוּת מַעֲבֶרֶת אֶת הָאָדָם עַל דַּעְתּוֹ וְעַל דַּעַת קוֹנוֹ.

שְׁרֶעק זִיךְ נִישְׁט דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן.

זָאג דֶעם ... נֵרוֹ יָאִיר, אַ טוֹבָה צוּ טוּן אַ אִיד אִיז וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט, וָוארוּם וֶוען מֶען קֶען טוּן אַ טוֹבָה

און מֶען טוט נִישְׁט, דֶעמָאלְטְס איז מֶען אַ רָשָׁע, וֶוען הֵייסְט אַן אֶמֶת'ע טוֹבָה? וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט און מֶען שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן און מֶען טוּט דִי טוֹבָה, דָאס הֵייסְט אַ טוֹבָה.

מֶען טָאר נִישְׁט צוּפַאלְן וֶוערְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, וויסְן דַארְף מֶען וויסְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פִּירְט דִי וֶועלְט בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִיּוֹת, אויבּ אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ און עֶר בֶּעט יֶעדֶע זַאךְ פוּן אִים וֶועט זִיךְ עֶס גֶעבְן אַ דְרֵיי אִיבֶּער, אָט אִיז מֶען אוּנְטְן און אָט אִיז מֶען אוֹיבְן, וָוארוּם דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי ווִי אַ רָאד, אָט אִיז אַ מֶענְטְשׁ אוּנְטְן און עֶר מֵיינְט אַז עֶס אִיז עֶק וֶועלְט, און אָט גִיסְט עֶר זִיךְ גוּט אוֹיס דָאס הַארְץ פַּארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט טְרֶערְן וְכוּ', דְרֵייט זִיךְ דִי רֶעדְל אַרוֹיף אוֹיבְן, און מֶען אִיז אוֹיבְן, און מֶען קֶען נָאךְ גֶעבְן צְדָקָה פַאר אַנְדֶערֶע. אִיבֶּערְדֶעם זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיָיאֶשׁ, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיר טוּן.

מֶען דַארְף זִיךְ זַייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר לֶערְנְט אוּנְז וויאַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן און דוּרְכְגֵיין דֶעם שְׁוֶוערְן גָלוּת, און דִי עִיקֶר אִיז אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, פָּשׁוּט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר פִּירְט דִי וֶועלְט בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִיּוֹת, וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (חוּלִין ז) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין מִלְמַעְלָה; אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט קַיין קְלֵיינֶעם קְלַאפּ אִין דֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶערְל אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶערוּפְן

קוֹדֶם אוֹיבְן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען, וֶוען ס'גֵייט אִיבֶּער אִיז נָאר דָא אֵיין אַדְרֶעס וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**זֶע** צוּ דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן דַיְקָא, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ דָבָר שֶׁבִּמְנְיָן, עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט פֶעלְן קַיין פַּרְנָסָה.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## סג

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁשִּׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר חַיֵּי שָׂרָה כ"א חֶשְׁוָן ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט זִיךְ אוֹיפְפִירְן עֶרְלִיךְ אוּן מִיט צְנִיעוּת, אוּן נִישְׁט מִיט קַיין הֶפְקֵרוּת אוּן מִיט ווִילְדְקֵייט חַס וְשָׁלוֹם, וָואס דָאס קֶען דִיר בְּרֶענְגֶען זֵייעֶר אַסַאךְ שְׁלֶעכְטְס, אָפְּגֶעהִיטְן זָאלְסְטוּ וֶוערְן.

**זָאלְסְט** יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, כְּדֵי דוּ זָאלְסְט הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם, זָאלְסְט זִיךְ פָארְכְטְן פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, זָאלְסְט ווִיסְן עֶר קוּקְט אַרַיין בַּיי דִיר אִין שְׁטוּב אוּן זֶעט יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ טוּסְט, אוּן זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר שֶׁעמֶען פַאר אִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר זַיין גְרוֹיסְן

תַּלְמִיד דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע, "וֶועֶרְסְטוּ רֵייךְ רוֹיט פַּאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ?" (דָאס הֵייסְט וֶוען מֶען שֶׁעמְט זִיךְ פוּן אֵיינֶעם וֶוערְט מֶען רוֹיט פַּאר בּוּשָׁה) הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע גֶעזָאגְט, אַז דֶעמָאלְטְס הָאט עֶר פַּארְשְׁטַאנֶען וָואס הֵייסְט בּוּשָׁה, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אַזוֹי שֶׁעמֶען פַּארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר זָאל וֶוערְן רוֹיט פוּן בּוּשָׁה, אוּן דָאס אִיז דִי כַּוָונָה פוּן פָּסוּק (שְׁמוֹת כ, יז) "וּבַעֲבוּר תִּהְיֶה יִרְאָתוֹ עַל פְּנֵיכֶם לְבִלְתִּי תֶחֱטָאוּ" דַרְשְׁנֶען פוּן דֶעם דִי חֲזַ"ל (מֶדְרָשׁ אַגָּדָה) זוּ הַבּוּשָׁה; אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים קוּקְט אוֹיף אִים אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַ זַאךְ וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, שֶׁעמְט עֶר זִיךְ, אַזוֹי דַארְף עֶר זִיךְ שֶׁעמֶען פַּארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים קוּקְט אַרַיין בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ אוּן זֶעט אַלֶע דַיינֶע עֶקְלְדִיגֶע מַעֲשִׂים וְכוּ', דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֶען צוּ שֶׁעמֶען פַּארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן זָאלְסְט זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

**זָאלְסְט** לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, זָאגְן אֵיין פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן אַ מַסֶכְתָּא אוּן נָאכְדֶעם נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת אִיז עֶר מְזַכֵּךְ זַיין נְשָׁמָה וְכוּ', אוּן וָואס מֶער עֶר לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת אִיז עֶר מֶער מְזַכֵּךְ זַיין נְשָׁמָה. דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף זי"ע הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ מַגִּיד פוּן הִימְל אוּן הָאט אִים מְגַלֶּה גֶעוֶוען סוֹדוֹת הַתּוֹרָה נָאר בִּזְכוּת וָואס

עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן דָאס וֶועט דִיךְ מְטַהֵר זַיין דַיין נֶפֶשׁ וְכוּ'. זָאלְסְט זַיין שְׁטַארְק אִין דֶעם, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט זָאגְן דִי חֲזַ"ל (סוֹטָה ג.) אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנָס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת, עֶר טוּט נִישְׁט קַיין זִינְד קַיין שְׁלֶעכְטְס, נָאר אוֹיבּ עֶס אִיז אַרַיין אִין אִים אַ רוּחַ שְׁטוּת, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב. סִימָן ז) קוּמְט אוֹיס לוֹיט דֶעם אַז יֶעדֶער אֵיינֶער כְּפִי זַיינֶע חֲטָאִים אוּן עֲווֹנוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אַזוֹי פִיל רוּחַ שְׁטוּת אִיז דָא אִין אִים, וָוארוּם אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט נִישְׁט נָאר אוֹיבּ עֶס קוּמְט אִין אִים אַרַיין אַ רוּחַ שְׁטוּת.

**אִיבֶּערְדֶעם** אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אִיז דָאס מְזַכֵּךְ דִי נְשָׁמָה פוּן אַלֶע פְלֶעקְן וָואס עֶר הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען עֶס זָאל זִיךְ אָנְקְלֶעבְּן אוֹיף דִי נְשָׁמָה, וָוארוּם דוּרְךְ יֶעדְן חֵטְא אוּן זִינְד וָואס אַ אִיד טוּט חָלִילָה וְחַס וֶוערְט פְלֶעקְן אוֹיף דִי נְשָׁמָה, אוּן דָאס פַּיינִיגְט אִים אוּן מוּטְשֶׁעט אִים, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. זָאלְסְט גֵיין אִין כּוֹלֵל אָדֶער אִין אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אוּן דָארְטְן לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט אַרַיינְכַאפְּן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערְס פוּן דֶעם, אוּן מֶען קֶען לֶערְנֶען מֶער פוּן דֶעם אוֹיבֶּעט, וָוארוּם מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָה, מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת מְשַׁנֶּה, עֶס אִיז מְשַׁנֶּה דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן, בִּיז עֶס רֵיינִיגְט אִים

## פון אַלֶע נאַרישְׁקֵייטְן וָואס הָאט זיך אִין אִים אָנְגֶעקְלֶעבְּט וֶועגְן זַיינֶע חַטְאוֹת נְעוּרִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אוּן זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם וָואס זֵיי מַאכְן פוּן דֶעם לֵיצָנוּת, וָוארוּם דִי אַלֶע וָואס זֵיי מַאכְן לֵיצָנוּת מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן זִיךְ אַלֵיין, וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ט) "אִם חָכַמְתָּ חָכַמְתָּ לָּךְ וְלַצְתָּ לְבַדְּךָ תִשָּׂא", אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט לֵיצָנוּת מַאכְט עֶר לֵיצָנוּת פוּן זִיךְ נִישְׁט פוּן יֶענֶעם. יֶענֶער כַאפְּט דֶערְוַוייל אַרַיין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה מִצְווֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן דֶעי וָואס זֵיי שְׁפֶּעטְן פוּן אִים שְׁפֶּעטְן זֵיי פוּן זִיךְ, וָוארוּם סְ'בְּלַייבְּט פוּן אַ מֶענְטְשׁ גָארְנִישְׁט נָאר וָואס עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט בְּזֶה הָעוֹלָם, וֶוען עֶס קוּמְט דֶעם לֶעצְטְן טָאג וֶועט מֶען זֶען וֶוער עֶס וֶועט לַאכְן, אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי לא) "וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן", דַרְשְׁנֶען אוֹיף דֶעם דִי חֲזַ"ל (שְׁמוֹת רַבָּה פָּרָשָׁה נב, סִימָן ג) אֵימָתַי הַתּוֹרָה מְשַׂחֶקֶת? הֱוֵי 'לְיוֹם אַחֲרוֹן'; וֶוען סְ'קוּמְט דֶעם לֶעצְטְן טָאג דִי לֶעצְטֶע שָׁעָה דִי לֶעצְטֶע רֶגַע אֵיידֶער דִי נְשָׁמָה גֵייט אַרוֹיס פוּן מֶענְטְשׁ, דֶעמָאלְט קוּמְט אִים צוּנִיץ דָאס וָואס עֶר הָאט יֶעדְן טָאג גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת. עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מֶדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת) אַז אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵיהִנוֹם, אוּן וֶוער סְ'הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָה לָאזְט עֶר אִים דָארְט נִישְׁט אַרַיין, אוּן דִי הֵיילִיגֶע חִידָ"א בְּרֶענְגְט אַ רֶמֶז אוֹיף דֶעם וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט) "מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ", שְׁמֵנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת

מִשְׁנָ"ה, דַּיְקָא אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב שְׁטֵייט אוֹיפְן טוֹיעֶר פוּן גֵיהִנוֹם, אוּן וֶוער עֶס הָאט גֶעלֶערְנְט זַייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת לָאזְט עֶר אִים נִישְׁט אַרַיין, אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ זָאגְן זַייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, בִּיז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ מַאכְן פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! גֶעבּ מִיר שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטַאנְד אַז אִיךְ זָאל פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיךְ לֶערְן, וָוארוּם מַחֲמַת מַיינֶע פִילֶע גְרָאבֶּע זִינְד וָואס אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר גֶעזִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, אִיז מַיין מֹחַ אִינְגַאנְצְן שְׁמוּצִיג גֶעוָוארְן אוּן פַארְנַארְט גֶעוָוארְן, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיךְ לֶערְן, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זַייעֶר אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה, אוּן אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, עֶפְן מִיר אוֹיף מַיין שֵׂכֶל אִיךְ זָאל פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיךְ לֶערְן. אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן יֶעדְן טָאג בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף דַעַת אוּן שֵׂכֶל, וֶועסְטוּ זֶען דוּ וֶועסְט זַיין אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ.

אִיךְ ווייס אַז עֶס זֶענֶען דָא זַייעֶר אַסַאךְ וָואס זַיי לַאכְן פוּן דֶעם, אָבֶּער ווִי גֶעזָאגְט לַאכְן לַאכְט דֶער לֶעצְטֶער. קֵיינֶעם פַאלְט נִישְׁט אַיין אַז עֶס וֶועט קוּמֶען דִי טָאג וָואס עֶר וֶועט מוּזְן אִיבֶּערְלָאזְן דִי וֶועלְט. יֶעדֶער מֵיינְט אַז עֶס אִיז דָא אַ "חֶבְרָה שְׁטַארְבֶּערְס", אוּן עֶר בַּאלַאנְגְט נִישְׁט צוּ דִי חֶבְרָה... אָבֶּער אִין דֶער אֶמֶת'ן דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ

יֶעדְן טָאג נִתְעוֹרֵר װֶערְן פוּן נַיי צוּ תְּשׁוּבָה, װִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קנג.) שׁוּב יוֹם אֶחָד לִפְנֵי מִיתָתְךָ... וְכִי אָדָם יוֹדֵעַ אֵיזֶהוּ יוֹם יָמוּת? אֶלָּא יָשׁוּב הַיּוֹם שֶׁמָּא יָמוּת לְמָחָר וְנִמְצָא כָּל יָמָיו בִּתְשׁוּבָה; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין צוּגֶעגְרֵייט צוּ דֶעם, דֶעמָאלְטְס װֶעט עֶר נִישְׁט טוּן קַיין נַארִישְׁקֵייטְן, נָאר דִי צָרָה אִיז װֶען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַזוֹי פִיל גֶעזִינְדִיגְט אוּן פְּגַם הַבְּרִית אִיז עֶר נֶעבֶעךְ אַזוֹי אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע אַז עֶס פַאלְט אִים גָארְנִישְׁט אַיין אַז עֶר װֶעט דַארְפְן אִיבֶּערְלָאזְן דִי װֶעלְט. װֶענְן דֶעם בֶּעט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדְן טָאג אַז דוּ זָאלְסְט זַיין פְּרֵיילֶעךְ, אוּן זָאלְסְט הָאבְּן יִשּׁוּב הַדַּעַת, דֶעמָאלְטְס װֶעט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי װֶעלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע װֶעלְט.

דֶער עִיקָר אִיז זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְּמָרָא, אוּן חַזֶרְן דֶעם בְּלַאט עֶטְלִיכֶע מָאל, אוּן אֲפִילוּ דוּ פַארְגֶעסְט יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַ דַף גְּמָרָא. װָאוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ װָאס עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג דֶעם "דַּף הַיּוֹמִי", אֱמֶת אַסַאךְ הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן דֶעם דֶרֶךְ, וַוייל אַן עֶקְלְדִיגֶע פַּארְטֵיי הָאט דָאס אָנְגֶענוּמֶען פַאר זֵייעֶר פָּאן וְכוּ', וְכוּ', פוּנֶדֶעסְטְוֶועגְן דַארְף מֶען וִויסְן אַז דָאס הָאט בִּכְלַל נִישְׁט צוּטוּן מִיט קַיין פַּארְטֵיי, דָאס הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק רֶבִּי מֵאִיר שַׁפִּירָא זַ"ל, אוּן אוּנְזֶערֶע לַייט אִין פּוֹילְן הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דָאס הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, װָארוּם עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ תְּקוּפָה װָאס מֶען הָאט זֵייעֶר אַרָאפְּגֶעקוּקְט אוֹיף בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידִים, אוּן מֶען הָאט זֵיי גֶערוֹדֶפְט אוּן גֶעשְׁפֶּעט וְכוּ' וְכוּ', אוּן װֶען מֶען הָאט שׁוֹין נִישְׁט

גֶעקֶענְט פָארְן אוֹיף אוּמַאן ראֹש הַשָּׁנָה וָוארוּם דִי קָאמוּנִיסְטְן יִמַּח שְׁמָם הָאבְּן פַארְמַאכְט דִי גְרֶענִיץ צְווִישְׁן פּוֹילְן אוּן רוּסְלַאנְד, הָאבְּן אוּנְזֶערֶע לַייט בַּאשְׁלָאסְן אַז מֶען וֶועט מַאכְן אַ קִיבּוּץ אִין דִי שְׁטָאט לוּבְּלִין, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי צֶענְטֶער פוּן פוֹלִין, אוּן אוֹיךְ דָארְטְן אִיז דִי צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין אוּן נָאךְ צַדִיקִים, נָאר זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ דַאוֶונֶען, הָאט דֶער גְרוֹיסֶער רָב רֶבִּי מֵאִיר שַׁפִּירָא זַ"ל אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דֶער גְרוֹיסֶער זַאל פוּן זַיין יְשִׁיבָה "חַכְמֵי לוּבְּלִין" פַאר דִי בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידִים זֵיי זָאלְן דָארְטְן דַאוֶוענֶען ראֹש הַשָּׁנָה, אוּן עֶר אַלֵיין הָאט אוֹיבֶעט גֶעדַאוֶוענְט ראֹש הַשָּׁנָה מִיט אוּנְזֶערֶע לַייט אַפָּאר יָאר, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶער קִידוּשׁ שֵׁם רַבֵּינוּ זַ"ל, וָוארוּם אַלֶע מִתְנַגְדִים פוּן בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידִים זֶענֶען אַיינְגֶעזִינְקֶען פַאר בּוּשָׁה אַז דֶער גְרוֹיסֶער רָב פוּן לוּבְּלִין רֶבִּי מֵאִיר שַׁפִּירָא זַ"ל נִישְׁט נָאר עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן דֶעם גְרוֹיסְן זַאל פוּן זַיין יְשִׁיבָה פַאר דִי בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידִים, נָאר עֶר אַלֵיין הָאט אוֹיךְ מִיט-גֶעדַאוֶוענְט מִיט זֵיי יֶעדֶעם יָאר, אַזוֹי הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטִילְט דִי מַחֲלוֹקֶת. הָאט גֶעזָאגְט דֶער גֶעהוֹיבֶּענֶער חָסִיד רֶבִּי יִצְחָק בְּרֵייטֶער זַ"ל הי"ד, אַז דֶעם רַעֲיוֹן פוּן "דַף הַיּוֹמִי" הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה פַאר דֶעם.

וַוייל ווִי בַּאוואוּסְט אִיז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן גֶעוֶוען אַ יְסוֹד פוּן שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען שַׁ"ס דַף נָאךְ דַף אוּן נִישְׁט צוּרִיק גֵיין בִּיז מֶען עֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע מַסֶכֶת, אוּן נָאכְדֶעם אָנְהֵייבְּן נָאךְ אַ מַסֶכֶת אוּן נָאךְ אַ

מַסֶכֶת בִּיז מֶען עֶנְדִיגְט שַׁ"ס, אוּן נָאכְדֶעם זָאל מֶען אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל, ווִי עֶס ווֶערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע ווֶערְטֶער (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אַז עֶר הָאט גֶעווָאלְט אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען כְּסִדְרָן שַׁ"ס, אוּן דָאס אִיז דֶער שְׁטֵייגֶער פוּן "דַף הַיּוֹמִי". נָאר שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן דָאס אָנְגֶענוּמֶען אַן עֶקְלְדִיגֶע פַּארְטֵיי ווָאס רַייסְן אוֹיס מֶענְטְשְׁן פוּן דִי אֱמוּנָה וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער דָאס הָאט גָארְנִישְׁט צוּטוּן מִיט דִי פַּארְטֵיי, זֵיי הָאבְּן זִיךְ פָּשׁוּט צוּגֶעטְשֶׁעפֶּעט צוּ דֶעם. אִיבֶּער דֶעם אִיז ווָאוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ ווָאס עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַ דַף הַיּוֹמִי, אוּן עֶר חַזֶרְט אִיבֶּער דֶעם דַף עֶטְלִיכֶע מָאל, אוּן הַיינְט אִיז דָא זֵייעֶר אַסאךְ פֵּירוּשִׁים אוֹיף דִי מַסֶכְתוֹת, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זַיין שְׁטַארְק לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, אוּן דָאס אִיבֶּערְחַזֶרְן עֶטְלִיכֶע מָאל, אוּן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט נֶעמֶען אַ חַבְרוּתָא אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם.

זָאלְסְט ווִיסְן, הַיינְט וַואקְסְן אוֹיף מַנְהִיגִים אֲפִילוּ אִין בְּרֶסְלֶב ווִי שְׁווֶעמְלֶעךְ וְכוּ', אַיְעדֶער אֵיינֶער פִירְט אַן אַנְדֶער ווֶעג וְכוּ', כְּאִילוּ סְ'אִיז דָא אַסאךְ ווֶעגְן וְכוּ', ווִיסְן זָאלְסְטוּ ווִיסְן אוֹיבּ מֶען אִיז דִיר נִישְׁט מְעוֹרֵר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא אִיז אַלֶעס שֶׁקֶר. ווָארוּם אַזוֹי זָאגְן דִי חַזַ"ל (שַׁבָּת קכ.) "וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה", שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא גְמָרָא; ווָאס הֵייסְט אַן אָרִימַאן? דֶער ווָאס עֶר לֶערְנְט נִישְׁט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י אוּן מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא דֶער אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער אָרִימַאן. אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ ווִיסְן פוּן דִי אַלֶע גְרוּפֶּעס פוּן דִי אַלֶע

מַנְהִיגִים וְכוּ', אוּיבּ זֵיי זֶעגֶען נִישְׁט מְעוֹרֵר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא, אִיז דָאס אַלֶעס שֶׁקֶר, אוּן זֵיי פַארְפִירְן זֵייעֶרע אָנְהֶענְגֶער.

דֶער עִיקָר אִיז לֶערְנֶען אַסַאךְ שׁוּלְחָן עָרוּךְ, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כט) אַז אַ יֶעדֶער אִיד מוּז לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ. אוּן דָאס אִיז אַ חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר בַּיי בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידִים לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג שׁוּלְחָן עָרוּךְ. אוּן מֶען דַארְף זִיךְ מַאכְן צְוֵויי שִׁיעוּרִים אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ: אֵיינְס, מְחַבֵּר רְמָ"א כְּסִדְרָן פוּן אָנְפַאנְג אוֹרַח חַיִּים עֶנְדִיגְן, אוּן אָנְהֵייבְּן יוֹרֶה דֵעָה פוּן אָנְפַאנְג אוּן עֶנְדִיגְן, אָנְהֵייבְּן אֶבֶן הָעֶזֶר פוּן אָנְפַאנְג אוּן עֶנְדִיגְן, אָנְהֵייבְּן חוֹשֶׁן מִשְׁפָּט פוּן אָנְפַאנְג אוּן עֶנְדִיגְן, אוּן נָאכְדֶעם נָאכְאַמָאל אָנְהוֹיבְּן מְחַבֵּר רְמָ"א. אוּן הַיינְט הָאט מֶען שׁוֹין גֶעדְרִיקְט שׁוּלְחָן עָרוּךְ מְחַבֵּר רְמָ"א מִיט פִּינְטֶעלֶעךְ אוּן סְ'אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ לֶערְנֶען. דָאס וֶוערְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אָנְגֶערוּפְן שׁוּלְחָן עָרוּךְ הַקְּטַנִּים, וָוארוּם אִין זַיין צַייט אִיז גֶעוֶוען גֶעדְרִיקְט שׁוּלְחָן עָרוּךְ מְחַבֵּר רְמָ"א.

וְוִי בַּאוואוּסְט הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ מְעוֹרֵר גֶעוֶוען זַיינֶע תַּלְמִידִים לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מְחַבֵּר רְמָ"א וַוייל דָאס אִיז נִתְחַבֵּר גֶעוָוארְן מִיט אַ הוֹיכְן רוּחַ הַקוֹדֶשׁ. אָבֶּער אוֹיסֶער דֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען הֲלָכָה טוּר בֵּית יוֹסֵף אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ בְּעִיּוּן מִיט אַ חַבְרוּתָא. אִיבֶּערְדֶעם אַ יוּנְגֶערְמַאן נָאךְ דִי חֲתוּנָה דַארְף לֶערְנֶען טוּר בֵּית יוֹסֵף אוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ הִלְכוֹת נִדָּה, אוּן חַזֶרְן אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל,

און אַ יוּנְגֶערְמַאן נָאךְ דִי חֲתוּנָה מוּז גֵיין הֶערְן אַ שִׁיעוּר לְכָל הַפָּחוֹת אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אִין הִלְכוֹת נִדָּה, וַוייל דָאס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר הַארְבֶּע הֲלָכוֹת'ער און מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן אִיסוּר כְּרִיתוּת.

**זָאלְסְט** זֶען מְכַבֵּד זַיין דָאס וַוייבּ און חָלִילָה וְחַס נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִיר און נִישְׁט שְׁפֶּעטְן פוּן אִיר, און נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף דַיין שְׁוֶוער און שְׁוִויגֶער, וָוארוּם דָאס אִיז בִּכְלַל כִּיבּוּד אָב וָאֵם, זָאלְסְט גֶעדֶענְקֶען אַז דִי עֶלְטֶערְן פוּן דַיין וַוייבּ מוּז מֶען מְכַבֵּד זַיין אַזוֹי וִוי מֶען מוּז מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶען.

**אוֹיבּ** דוּ וֶועסְט זִיךְ פִירְן אַזוֹי, וֶועסְטוּ זַיין אַ גְלִיקְלִיכֶע יוּנְגֶערְמַאן, און דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילֶעךְ, און עֶס וֶועט זִיךְ אָפְּטוּן פוּן דִיר אַלֶע נַארִישֶׁע גֶעדַאנְקֶען.

**אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ דִיר אַ לֶעבְּטִיג לֶעבְּן.**

## סד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר תּוֹלְדוֹת כ"ג חֶשְׁוָן ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**און** אִיךְ וִויל זָאלְסְט וִויסְן דָאס דִי גַאנְצֶע שְׁמוּעֶס וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אִיז נָאר גֶעוֶוען כְּדֵי מַאכְן צְווִישְׁן

עֶנְק שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן אִיךְ הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז אִיךְ הָאבּ גֶעפּוּעֶלְט אוּן עֶס וֶועט שׁוֹין הֶערְשְׁן צְווִישְׁן עֶנְק גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט אוּן פַארְשְׁטֶענְדֶענִישׁ וְכוּ׳ וְכוּ׳.

דוּ דַארְפְסְט ווִיסְן, בְּזֶה הָעוֹלָם דַארְף מֶען זַיין קְלוּג, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר זַיין גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זַ״ל אַז דֶער עִיקֶר אִיז קְלוּג. מֶען דַארְף הָאבְּן גְרוֹיס חָכְמָה ווִיסְן ווִיאַזוֹי צוּ פִירְן אַ שְׁטוּבּ, אוּן אַסַאךְ מָאל דַארְף מֶען נָאכְגֶעבְּן אוּן מִיט דֶעם פַארְדִינְט מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ, מַה שֶׁאֵין כֵּן אַז מֶען אִיז אַן עַקְשָׁן אוּן מֶען ווִיל נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן פַארְלִירְט מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זַיי נִישְׁט צוּבְּרָאכְן אִיבֶּער דֶעם לַאנְגֶען שְׁמוּעֶס וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהַאט צוּזַאמֶען וְכוּ׳, דָאס אִיז אַלֶעס גֶעוֶוען צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם שָׁלוֹם בַּיִת אִין עֶנְקֶער שְׁטוּבּ, וָואס דָאס מֵיינְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי שְׁכִינָה צְווִישְׁן אַיךְ, ווִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (סוֹטָה ג) אִישׁ וְאִשָּׁה זָכוּ שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶם, לֹא זָכוּ אֵשׁ אָכְלָתָן; אַז דִי שְׁכִינָה אִיז אִין שְׁטוּבּ, מֶען שְׁפִּירְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שְׁטֶענְדִיג, דֶעמָאלְטְס אִיז דָא אַ בְּרָכָה אִין שְׁטוּבּ, מֶען קְרִיגְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט. חָלִילָה וְחַס מֶען הָאט אַוֶועק גֶעשְׁטִיפְט דִי שְׁכִינָה פוּן שְׁטוּבּ אִיז פַייעֶר, מֶען בְּרֶענְט זִיךְ מִיט מַחֲלוֹקֶת אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן. דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי מְקַיֵּים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פוּן עֶנְק אַז אֵיינֶער זָאל מְחַזֵּק זַיין דֶעם אַנְדֶערְן, אוּן זָאלְסְט גֶעדֶענְקֶען

וָואס חֲזַ"ל זָאגְן בַּיי שָׁלוֹם בַּיִת (שַׁבָּת קטז.) "לַעֲשׂוֹת שָׁלוֹם בֵּין אִישׁ לְאִשְׁתּוֹ אָמְרָה תּוֹרָה, שְׁמִי שֶׁנִּכְתַּב בִּקְדוּשָּׁה יִמָּחֶה עַל הַמַּיִם"; אִיבֶּערְדֶעם, גֶעבּ נָאךְ אַלֶעס וָואס זִי פַארְלַאנְגְט, וֶועסְטוּ זֶען דוּ וֶועסְט הָאבְּן דֶעם אֶמֶת'ן שָׁלוֹם בַּיִת. זִי וִויל נָאר אֵיין זַאךְ פוּן דִיר, אַז זָאלְסְט גֶעדֶענְקֶען אַז אַ וַוייבּ קוּמְט פַאר דִי חֲבֵרִים וְכוּ'. אוּן דֶער אֶמֶת אִיז אַזוֹי, וַוייל חֲבֵרִים מֵיינֶען נָאר זִיךְ, אוּן זֵיי פַארְרָאטְן זֵייעֶר גְרִינְג דֶעם חַבֶר וֶוען עֶס קוּמְט זֵיי אוּיס בֶּעסֶער פַאר זֵיי, אָבֶּער נִישְׁט אַ וַוייבּ, זִי בְּלַייבְּט שְׁטֶענְדִיג מִיטְן מַאן. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז אַ וַוייבּ קוּמְט שְׁטֶענְדִיג פַאר חֲבֵרִים אִין אַלֶע הִינְזִיכְטְן וְכוּ', דָאס וַוייבּ אִיז דִי מַאמֶע פוּן דַיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, דָאס וַוייבּ אִיז דִיר בְּאֶמֶת גֶעטְרַיי, דָאס וַוייבּ הֶעלְפְט דִיךְ אַרוֹיס מִיט אַלֶעם, קָאכְן בַּאקְן וַואשְׁן דִי וֶועשׁ וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם קוּמְט אִיר מֶער אוּיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט ווִי חֲבֵרִים.

אוּן וִויסְן זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט אַן אֶמֶת'ן חַבֶר אַזוֹי ווִי דִי וַוייבּ, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ מְקַבֵּל זַיין מַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט עֶנְק, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶטְץ הָאבְּן דִי אֶמֶת'ע שָׁלוֹם בַּיִת, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס רָצוֹן, ווִי עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רסד) אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר שֶׁעצְן דָאס וַוייבּ, אוּן אִיר דַן זַיין לְכַף זְכוּת, וָוארוּם זִי גֵייט דוּרְךְ צַעַר עִיבּוּר, צַעַר לֵידָה, צַעַר גִידוּל, וְכוּ', וְכוּ'.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן הָאבּ נִישְׁט קַיין מוֹרָא פוּן גָארְנִישְׁט, דָאס וַוייבּ וִויל פוּן דִיר נָאר אֵיין זַאךְ, זָאלְסְט אִיר

יֶעדֶע זַאךְ דֶערְצֵיילְן, עֶנְדֶערְשׁ ווִי דוּ דֶערְצֵיילְסְט דַיינֶע חֲבֵרִים, אוּן וֶוען דוּ קוּמְסְט שְׁפֶּעט פוּן דִי אַרְבֶּעט זָאלְסְטוּ לְכָל הַפָּחוּת אָנְרוּפְן אַז "הַיינְט וֶועל אִיךְ זַיין שְׁפֶּעט", נִישְׁט אִיר לָאזְן וַוארְטְן שָׁעוֹת אִיבֶּער שָׁעוֹת, וְכוּ', וְכוּ'.

**אִיךְ** זָאג דִיר צוּ, אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט פָאלְגְן וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ עֶנְק גֶערֶעדְט, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן אִיר וֶועט זִיךְ עֶלְטֶערְן אִין פְרֵיידְן.

**אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ דִיר אַ לֶעבְּטִיגְן תָּמִיד**

## סה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר תּוֹלְדוֹת כ"ה חֶשְׁוָן ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד .... נֵרוֹ יָאִיר**

**דַיין בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן.**

**אִיךְ** הָאבּ דִיר זֵייעֶר גֶעוָואלְט בֶּעטְן, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים, דָאס הֵייסְט אַ גוּט לֶעבְּן, זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן אִין קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יג, מִיּוֹם שֵׁנִי) אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ טוֹיבֶּער בֶּעטְלֶער אוּן עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים, וָוארוּם עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהֶערְט גָארְנִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט. וָוארוּם דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז פוּל מִיט חִסְרוֹנוֹת אוּן מִיט פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן וֶוער עֶס

לֵייגְט זִיךְ אַרֵיין הֶערְן אַלֶע חֶסְרוֹנוֹת, אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען דֶעם אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער דִי לֶעבְּן. אִיבֶּערְדֶעם הָאט דֶער טוֹיבֶּער בֶּעטְלֶער גֶעלֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהֶערְט דִי חֶסְרוֹנוֹת פוּן דֶער וֶועלְט. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר אוֹיבֶּעט: מִיש זִיךְ נִישְׁט אִין קַיין שׁוּם גֶעשֶׁעפְטְן וָואס גֶעהֶערְט נִישְׁט צוּ דִיר! גְלֵייבּ מִיר יֶעדֶע מֶענְטְשׁ הָאט זַיין פֶּעקְל פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן זַיין פֶּעקְל צָרוֹת וְכוּ' וְכוּ', וָואס לוֹינְט זִיךְ אִים צוּ מִישְׁן אִין אַזֶעלְכֶע זַאכְן וָואס עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ אִים?

**אַז** דוּ ווילְסְט מִיר פָאלְגְן, לָאז זִיךְ אָפּ פוּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אוּן לֶערְנֶען אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, אוּן אַ דַף גְמָרָא וָואס דָאס אִיז אַ חַיּוּת פַארְן נֶפֶשׁ. דָאס הֵייסְט גֶעלֶעבְּט, אַן אֶמֶת'ן זִיס לֶעבְּן.

**זֶע** צוּ דַאוֶוענֶען אַלֶע דְרֵיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן דַיְקָא, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ דָבָר שֶׁבְּמִנְיָן, עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט פֶעלְן קַיין פַּרְנָסָה. אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן וֶועסְטוּ לֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# סו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר תּוֹלְדוֹת כ"ה חֶשְׁוָן ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דַּיין בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

זֶע צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט פֶעלְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כד) דָאס דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ צוּצוּקוּמֶען אִין לֶעבְּן אִיז צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם דִי טֶבַע פוּן דִי מֶענְטְשׁ מַחֲמַת פְּגָעֵי וּמִקְרֵי הַזְּמַן צִיט אִים צוּ עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה. אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דָאס הֵייסְט אַז מֶען דַארְף זִיךְ נֵייטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ה) לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא; וֶועלְכִיג דֶער צַעַר אַזַא שְׂכַר בַּאקוּמְט מֶען, זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר "פֶּלֶא יוֹעֵץ" (אוֹת שִׂמְחָה) קוּמְט אוֹיס אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶס צִיט אִים שְׁטֶענְדִיג צוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג, אוֹיבּ עֶר נֵייט זִיךְ מִיט דִי גְרֶעסְטֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶס אִיז אִים זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן שְׁטְרֶענְגְט עֶר זִיךְ אָן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אוּן עֶר אִיז פְרֵיילִיךְ, בַּאקוּמְט עֶר אַ גְרוֹיסְן שְׂכַר פַאר דֶעם.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דָאס דִי אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זי"ע הָאט גֶעזָאגְט, אַז יֶעדְן טָאג וֶוען מֶען זָאגְט דְרֵיי מָאל אִין טָאג דֶעם

פָּסוּק (תְּהִלִּים קמה) פּוֹתֵחַ' אֶת' יָדֶיךָ' זָאל מֶען אִינְזִינֶען הָאבְּן דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת דֶעם שֵׁם חַתָ"ךְ, וָואס דָאס אִיז דֶער שֵׁם פוּן פַּרְנָסָה, וֶועט עֶר הָאבְּן גְרִינְג פַּרְנָסָה. עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִיקִים אַז דֶער שֵׁם גֵייט אַרוֹיס אוֹיךְ פוּן פָּסוּק (דְבָרִים טז) וְהָיִיתָ' אַךְ' שָׂמֵחַ', וָואס דֶער סוֹפֵי תֵּיבוֹת אִיז אוֹיבֶּעט דֶער שֵׁם חַתָ"ךְ, וָואס דָאס אִיז דֶער שֵׁם פוּן פַּרְנָסָה. דָאס הֵייסְט אוֹיב אַ אִיד אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער אַלֶע עֶרְלֵיי צָרוֹת מִיט יִסוּרִים אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ וְכוּ' וְכוּ', אוּן שְׁטַארְקְט זִיךְ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע, וֶועט אִים נִישְׁט פֶעלְן קַיין פַּרְנָסָה.

**אוֹיךְ** גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וָוארוּם מִשְׁנָ"ה בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט וִוי פַּרְנָסָ"ה, אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת הֶעלְפְט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט אַסַאךְ פַּרְנָסָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, קוּק צוּ וָואס דוּ קֶענְסְט קוּמֶען אוֹיב דוּ וֶועסְט שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ זַיין בָּאטְשׁ ס'אִיז דִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער וְכוּ'.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# סז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר תּוֹלְדוֹת כ"ה חֶשְׁוָן ה'תשע"א

## שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## דַיין בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן. מַיין גַאנְצְן רֶעדְן מִיט אִיר וְכוּ', אִיז גֶעוֶוען נָאר מַאכְן צְווִישְׁן עֶנְק שָׁלוֹם בַּיִת, וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם, אַזוֹי ווִי מִיר זָאגְן יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי דִי בְּרַיְתָא "אֵלוּ דְבָרִים שֶׁאֵין לָהֶם שִׁיעוּר וְכוּ', שֶׁאָדָם אוֹכֵל פֵּרוֹתֵיהֶם בָּעוֹלָם הַזֶּה וְהַקֶּרֶן קַיֶּמֶת לוֹ לָעוֹלָם הַבָּא וְכוּ', וַהֲבָאַת שָׁלוֹם בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ וּבֵין אִישׁ לְאִשְׁתּוֹ". אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ נִישְׁט מַקְפִּיד זַיין אוֹיף מִיר, אִיךְ ווִיל נָאר דַיין גוּטְס, אוּן אִיךְ הָאףּ אַז עֶס וֶועט הֶערְשְׁן צְווִישְׁן אַייךְ אַ גְרוֹיסְן לִיבְּשַׁאפְט אוּן אַ פַארְשְׁטֶענְדֶענִישׁ, אוּן דוּ וֶועסְט נָאךְ הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן. דוּ הָאסְט אַ חָשׁוּב ווַייבּ וְכוּ', אוּן עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אִיז אַרַיין בַּיי עֶנְק אִין שְׁטוּבּ וְכוּ', אוּן ווִיל צוּבְּרֶעכְן אַזַא שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ וָואס עֶטְץ הָאטְס בֵּיידֶע אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פִינְף לֶעבְּטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ וְכוּ'. זַיי אַ וַתְּרָן, גֶעבּ נָאךְ, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן.

דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּמִדְבָּר רַבָּה פָּרָשָׁה ט, סִימָן ב) לִימְדָה אוֹתְךָ הַתּוֹרָה שֶׁתְּהֵא וַתְּרָן בְּתוֹךְ בֵּיתְךָ, נִשְׁפַּךְ יַיִן הֱוֵי וַתְּרָן; אוֹיבּ

ס'הָאט פַּאסִירְט עֶפֶּעס אַ שָׁאדְן אִין שְׁטוּבּ דַארְף מֶען זַיין אַ וַתְּרָן, נִישְׁט מַקְפִּיד זַיין אוֹיף יֶעדְן קְלֵיינִיגְקֵייט, דֶעמָאלְטְס לֶעבְּט מֶען אַ גוּט גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

זַיי נִישְׁט גֶעפַאלְן בַּיי דִיר. אֶמֶת מֶען הָאט דִיךְ אוּנְטֶערְדְרִיקְט אִין שְׁטוּבּ וְכוּ', אִין חֵדֶר וְכוּ', אָבֶער יֶעצְט הָאסְטוּ חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן דוּ הָאסְט שׁוֹין פִינְף לֶעבְּטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, וָואס דַארְפְסְטוּ זַיין אַזוֹי דֶערְשְׁלָאגְן בַּיי דִיר אִין דִי אוֹיגְן? גְלֵייבּ מִיר, דַיין וַוייבּ ווִיל אוֹיבֶּעט לֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, אוּן זִי אִיז מוֹדֶה אַז דוּ הָאסְט אַ גָאלְדְן הַארְץ וְכוּ', זִי בֶּעט נָאר אֵיין זַאךְ: זָאלְסְט גֶעדֶענְקֶען אַז פַּאר דַיינֶע חֲבֵרִים קוּמְט דַיין וַוייבּ וְכוּ'. אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס אִין אִיר פַּארְלַאנְג. אַדְרַבָּה, דוּ דַארְפְסְט ווִיסְן אַז חֲבֵרִים קֶענֶען זַייעֶר אַנְטוֹיישְׁן דֶעם מֶענְטְשׁ וְכוּ', הַיינְט אִיז עֶר דַיין חַבֵר אוּן גוּטֶער פְרֵיינְד, אוּן מָארְגְן וֶוערְט עֶר דִיר דַיין גְרֶעסְטֶע שׂוֹנֵא... מַה שֶׁאֵין כֵּן דַיין וַוייבּ בְּלַייבְּט מִיט דִיר שְׁטֶענְדִיג, זִי אִיז דִי מַאמֶע פוּן דַיינֶע לֶעבְּטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ.

דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת סב:) הָאוֹהֵב אֶת אִשְׁתּוֹ כְּגוּפוֹ, וְהַמְכַבְּדָהּ יוֹתֵר מִגּוּפוֹ וְכוּ' עָלָיו הַכָּתוּב אוֹמֵר (אִיּוֹב ה) "וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ"; פָאלְג מִיר וֶועסְטוּ נִישְׁט צוּלֵייגְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זַייעֶר גֶעבֶּעטְן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רסד) אַז מֶען זָאל חָשׁוּב אוּן טַייעֶר הַאלְטְן דָאס וַוייבּ, וָוארוּם זִי פְּלָאגְט זִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער, וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אִיר זַייעֶר חָשׁוּב הַאלְטְן,

אַז וואויל אִיז דֶער מֶענְטְש וָואס פָּאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און עֶר אִיז זֵייעֶר מַקְפִּיד אויף שָׁלוֹם בַּיִת, און טוט אַלֶעס וָואס עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ אַבִּי עֶס זָאל הֶערְשְׁן שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ צְווִישְׁן אִים און זַיין וַוייבּ, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי סַנְהֶדְרִין פֶּרֶק ג, הַלָכָה ו) אִשָׁה כְּבַעֲלָהּ וּבַעַל כְּאִשְׁתּוֹ; אַ מַאן מִיט אַ וַוייבּ זֶענֶען אֵיין זַאךְ. אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל הֶערְשְׁן שָׁלוֹם אִין זֵייעֶר הויז, דֶעמָאלְטְס וֶועט דִי שְׁכִינָה רוּעֶן אִין זֵייעֶר הויז, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה יז.) אִישׁ וְאִשָׁה זָכוּ שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶן.

**נָאר** זַיי שְׁטֶענְדִיג פְּרֵיילִיךְ און דִי חֲזַ"ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָׁנָה ו) אִשָׁה בַּעֲלָהּ מְשַׂמְחָהּ; אַ מַאן דַארְף פְּרֵיילִיךְ מַאכְן דָאס וַוייבּ. אִין אַ שְׁטוּבּ וָואס עֶס הֶערְשְׁט נָאר שִׂמְחָה זֶענֶען דִי קִינְדֶער זֵייעֶר רוּהִיג און זִיכֶער מִיט זִיךְ, און זֵיי וַואקְסְן אויף מִיט גֶעזוּנְטֶע נֶערְוְון. און פַארְקֶערְט אַ שְׁטוּבּ וָואס עֶס הֶערְשְׁט נָאר טְרוֹיעֶרִיגְקֵייט נֶערְוֶועזְקֵייט וְכוּ', און מֶען קְרִיגְט זִיךְ אַרוּם שְׁטֶענְדִיג וְכוּ', וַואקְסְן אויף דִי קִינְדֶער פְּרָאבְּלֶעמַאטִישֶׁע קִינְדֶער, און זֵיי לֶעבְּן מִיט שְׁרֶעק וְכוּ', און זֶענֶען פַארְבִּיטֶערְט וְכוּ'. אִיבֶּערְדֶעם זַיי נָאר פְּרֵיילִיךְ און בְּרֶענְג אַרַיין שִׂמְחָה און פְּרֵיילִיכְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, וֶועט עֶנְק אַלֶע גוּט זַיין.

**הַמְּאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# סח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר תּוֹלְדוֹת כ"ו חֶשְׁוָן ה'תשע"א

## שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר ... גֵּרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זַייעֶר זָאלְסְט אַרוֹיסְרוֹימֶען פוּן שְׁטוּבּ אַלֶע מִיאוּסֶע אוּן עֶקְלְדִיגֶע קְלֵיידֶער אוּן זַאכְן וְכוּ', אוּן זָאלְסְט זִיךְ פִירְן מִיט מוֹרָא'דִיגע צְנִיעוּת. ווִיסְן דַארְפְסְטוּ ווִיסְן אַז דַיין וַוייבּ וֶועט זִי אִיז גֶעוֶוען אַ מֵיידְל אִיז זִי גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן יֶעצְט הָאט זִי זִיךְ אָפְּגֶעקִילְט פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, ווייל דוּ פַּארְלַאנְגְסְט עֶקְלְדִיגֶע אוּן נַארִישֶׁע זַאכְן וְכוּ' וְכוּ'. אִיבֶּערְהֶעם וַוארְף אַרוֹיס דִי אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן זָאלְסְט זַיין אַ גְרוֹיסֶע יְרֵא שָׁמַיִם דוּ אוֹיכֶעט.

**מֶען** דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פָארְכְטְן אוּן מוֹרָא הָאבְּן פוּן גָאט בָּרוּךְ הוּא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, וָואס עֶר זֶעט אַלֶעס, אוּן אִין דֶער סוֹף וֶועלְן מִיר אַלֶע צוּרִיק גֵיין צוּ אִים, אִיבֶּערְהֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט טוּן קַיין נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן חָלִילָה וְחַס נִיבּוּל פֶּה, וָואס דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶער עָוֹן אוּן חֵטְא, וָוארוּם אַז אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה בַּאקוּמְט עֶר אַ בִּיטֶערְן עוֹנֶשׁ. מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט רֶעדְן עֶקְלְהַאפְטִיגֶע אוּן מִיאוּסֶע רֵייד, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת לג.) הַמְנַבֵּל פִּיו אֲפִילוּ חוֹתְמִין עָלָיו גְּזַר דִין שֶׁל שִׁבְעִים שָׁנָה לְטוֹבָה, הוֹפְכִין עָלָיו לְרָעָה; רַחְמָנָא לִיצְלָן, אַז מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה וֶוערְט

אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוֹיף אִים דֶער מִידַּת הָרַחֲמִים צוּ מִידַּת הַדִּין, אוּן עֶר בַּאקוּמְט אַ שְׁוֶוערְן עוֹנֶשׁ.

**אִיבֶּערְדֶעם** גֶעבּ אַכְטוּנְג פוּן הַיינְט אָן זָאלְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן קַיין נִיבּוּל פֶּה, אוּן זָאלְסְט אַרוֹיסְוַוארְפְן דִי אַלֶע עֶקְלְדִיגֶע זַאכְן וְכוּ', אוּן פַארְלַאנְג נִישְׁט פוּן דַיין וַוייבּ נַארִישֶׁע זַאכְן וְכוּ', וָוארוּם זִי אִיז אַ גְרוֹיסֶע יִרְאַת שָׁמַיִם גֶעוֶוען אַלְץ מֵיידְל; בֶּעט אִיךְ דִיר, מַאךְ אִיר נִישְׁט קַאלְיֶע יֶעצְט נָאךְ דִי חֲתוּנָה.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן זָאלְסְט שׁוֹין זַיין אַן עֶרְלִיכֶע יוּנְגֶערְמַאן. זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם וָואס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּיבֶּעט זָאלְסְטוּ זֶען צוּ לֶערְנֶען חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וָואס דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע תִּיקוּן פַאר פְּגַם הַבְּרִית, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין מוֹחַ רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, זָאל עֶר לֶערְנֶען חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אִיז אַ תִּיקוּן הַבְּרִית.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר, לֶערְן יֶעדְן טָאג צְוֵויי-דְרֵיי הַלָכוֹת אִין קִיצוּר שׁוּלְחָן עָרוּךְ כְּסִדְרָן, אוּן דָאס קֶענְסְטוּ לֶערְנֶען מִיט דַיין וַוייבּ, אַזוֹי וֶועט עֶטְץ דוּרְכְגֵיין דֶעם גַאנְצְן קִיצוּר שׁוּלְחָן עָרוּךְ, יֶעדְן טָאג צְוֵויי דְרֵיי הַלָכוֹת'ער כְּסִדְרָן.

**דֶער** עִיקָר זָאלְסְטוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ וֶועט דִיר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים נִישְׁט פַארְלָאזְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַהֲרֹן

קַארְלִינֶער זי"ע הָאט גֶעזָאגְט, "שִׂמְחָה אִיז נִישְׁט קַיין מִצְוָה, אָבֶער וָואס שִׂמְחָה קֶען בְּרֶענְגֶן קֶען קַיין שׁוּם מִצְוָה נִישְׁט בְּרֶענְגֶען". דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כד) "מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה", שִׂמְחָה אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה. אוּן דִי סְבָרָה אִיז פָּשׁוּט: וָוארוּם וֶוען אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ, מִיט דֶעם וַוייזְט עֶר אַז עֶר הָאט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, פַארְוָואס אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ? וַוייל עֶר גְלֵייבְּט אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן א) כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו; וֶוען אַ אִיד טוּט אַ מִצְוָה פְרֵיילִיכֶערְהֵייט אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט אַ גַאנְץ הַארְץ מִיטְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר טוּט דָאס מִיט אַ גוּטְן רָצוֹן.

**אִיבֶּערְדֶעם** זֶע צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן דוּ זָאלְסְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן דַיין וַוייבּ, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו) אִשָּׁה בַּעְלָהּ מְשַׂמְּחָהּ; אַ פְרוֹי אִיז דֶער מַאן אִיר מְשַׂמֵּחַ. אוּן דֶער עִיקָר אִיז מְשַׂמֵּחַ זַיין מִיט מִצְווֹת, אוּן נִישְׁט מִיט קַיין הוֹלֵלוּת אוּן הֶפְקֵירוּת אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט גֶעוָואלְט וְכוּ', וַוייל דָאס נֶעמְט זִיךְ פוּן רוּחַ שְׁטוּת, אוּן מֶען דַארְף זֵייעֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דֶעם, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ג) אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנָס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת; זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ז) קוּמְט אוֹיס וֶועלְדִיג וִויפִיל דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט הָאט עֶר אִין אִים רוּחַ שְׁטוּת. דֶערְפַאר זֶעט מֶען אַסַאךְ יוּנְגֶעלַייט זֶענֶען פָּשׁוּט מְשׁוּגָע, אוּן זֵיי פַארְלַאנְגֶען מְשׁוּגֶענֶע זַאכְן וְכוּ',

נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן עֶקְלְדִיגֶע זַאכְן וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אַלְץ בָּחוּר. אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיךְ גֶעבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיךְ פָּאלְגְן, וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**הַמְּאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# סט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר תּוֹלְדוֹת כ"ו חֶשְׁוָן ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**זֶע** זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, אוֹיף דִי וֶועלְט דַארְף מֶען הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ הִתְחַזְקוּת, עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם שְׁוֶועריקֵייטְן אִין דוּרְכְשְׁנִיטְלִיכְן לֶעבְּן, בִּפְרַט בְּעִנְיָנֵי פַּרְנָסָה אוּן שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן. אַן עֵצָה אוֹיף זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִיז שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף דִי חֲסָדִים אוּן רַחֲמִים גְּמוּרִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם. וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר דַאנְקְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדְן טָאג אוֹיף דִי חֲסָדִים אוּן רַחֲמִים גְּמוּרִים

וָואס עֶר טוּט מִיט אִים: עֶר הָאט אוֹיגְן צוּ זֶען, אוֹיעֶרְן צוּ הֶערְן, אַ נָאז צוּ אָטעמֶען, אַ מוֹיל צוּ רֶעדְן, הֶענְט צוּ בַּאוֶועגְן, פִּיס צוּ גֵיין וְכוּ' וְכוּ'; אוּן עֶר זֶעט אַיין דָאס גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט מִיט אִים אוּן מִיט זַיין וַוייבּ אוּן מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי זֶענֶען אַלֶע גֶעזוּנְט, אוּן עֶר לוֹיבְּט אוּן דַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, דֶער אִיד וֶועט שְׁטֶענְדִיג זַיין שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה אוּן וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן אֲפִילוּ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַייטְן. אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בַּאקְלָאגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוּן עֶר זָאגְט אַז מֶען אִיז נִישְׁט יוֹצֵא אַקֶעגְן אִים וְכוּ', אוּן עֶר הָאט טַעֲנוֹת צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף זַיין פִינְסְטֶערְן מַזָל, דֶעם אִיז שְׁטֶענְדִיג בִּיטֶער אוּן פִינְסְטֶער.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען פוּן הַיינְט אָן נִישְׁט רֶעדְן אַזֶעלְכֶע רֵייד וְכוּ' וָואס אִיז פַארְבִּינְדְן מִיט כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן. דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ס) אַז רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זָאגְן "כָּל מַה דְעָבִיד רַחֲמָנָא לְטַב עָבִיד", יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט אִיז נָאר צוּם גוּטְן.

**ווִידֶעראוּם** זָאגְן דִי חַזַ"ל (תַּעֲנִית כא) אַז נָחוּם אִישׁ גַמְזוּ פְלֶעגְט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ זָאגְן "גַם זוּ לְטוֹבָה", וָואס אִיז דִי חִילוּק צְווִישְׁן דִי צְוֵויי לְשׁוֹנוֹת? נָאר מֶען קֶען זָאגְן דֶער לָשׁוֹן פוּן רֶבִּי עֲקִיבָא "כָּל מַה דְעָבִיד רַחֲמָנָא לְטַב עָבִיד, אַלֶעס וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּט אִיז צוּם גוּטְן", אֲפִילוּ יֶעצְט

קוּמְט אוֹיס שְׁלֶעכְט, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שְׁלוֹם בַּיִת, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, ס'גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער אַן אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ - אוֹיב עֶר װֶעט זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אוּן װיסְן אַז וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּט מִיט אִים אִיז לְטוֹבָה, דָאס הֵייסְט סוֹף כָּל סוֹף װֶעט עֶר זֶען אַז פוּן דֶעם אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ טוֹבָה, וָוארוּם פוּן יֶעדֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ קוּמְט נָאכְדֶעם אַרוֹיס גוּטְס, דָאס אִיז דִי לָשׁוֹן פוּן רֶבִּי עֲקִיבָא. מַה שֶּׁאֵין כֵּן נָחוּם אִישׁ גַּמְזוּ הָאט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ גֶעזָאגְט "גַּם 'זוּ' לְטוֹבָה", אֲפִילוּ דִי רָעָה יֶעצְט, אִיז אַ טוֹבָה. רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעזָאגְט "כָּל מַה דְעָבִיד רַחֲמָנָא לְטַב עָבִיד", אֲפִילוּ יֶעצְט אִיז אַ רָעָה אָבֶּער בַּיי דִי סוֹף װֶעט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דֶעם אַ טוֹבָה; אָבֶּער נָחוּם אִישׁ גַּמְזוּ הָאט גֶעזָאגְט "גַּם זוּ לְטוֹבָה", דִי זַאךְ אַלֵיין אִיז שׁוֹין אַ טוֹבָה.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ד)

כְּשֶׁאָדָם יוֹדֵעַ שֶׁכָּל מְאֹרְעוֹתָיו הֵם לְטוֹבָתוֹ, זֹאת הַבְּחִינָה הִיא מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא; אַז אַ אִיד וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרךְ אִיז נָאר פַאר זַיין טוֹבָה װֶעגְן, דָאס אִיז אַ בְּחִינָה פוּן עוֹלָם הַבָּא, עֶר קֶען שְׁפִּירְן עוֹלָם הַבָּא שׁוֹין אוֹיף דִי װֶעלְט. אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֶען צוּגֶעװאוֹינֶען נָאר קוּקְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וְרַחֲמִים גְּמוּרִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיט דִיר גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט, אוּן אַוַודַאי װֶעט עֶר וַוייטֶער טוּן מִיט דִיר חֲסָדִים וְרַחֲמִים גְּמוּרִים. זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט אָפְּלָאזְן, זָאלְסְט נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן

אִין קַיין דִיפְּרֶעסְיֶע אוּן קַיין מָרָה שְׁחוֹרָה, וָואס דָאס אִיז דִי אַרְגְסְטֶע זַאךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט גֶעזָאגְט, וֶוען אַ אִיד גֶעוואוינְט זִיךְ צוּ, אוּן זָאגְט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ אַז עֶס אִיז גוּט, זָאגְט מֶען פוּן הִימְל, "דָאס אִיז גוּט? אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזְן וָואס אִיז גוּט!", אוּן מֶען טוּט אִים גָאר גוּט; אָבֶּער וֶוען אַ אִיד בַּאקְלָאגְט זִיךְ אוּן עֶר זָאגְט סְ'אִיז אִים נִישְׁט גוּט, זָאגְט מֶען פוּן הִימְל, "דָאס אִיז נִישְׁט גוּט? אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזְן וָואס הֵייסְט נִישְׁט גוּט!", גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער נָאכְדֶעם בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע צָרוֹת אוּן נִסְיוֹנוֹת. אִיבֶּערְדֶעם גֶעוואוין זִיךְ צוּ צוּ זָאגְן שְׁטֶענְדִיג "עֶס אִיז גוּט", וֶועסְטוּ זֶען דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ מַאכְן בֶּעסֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רַב זי"ע הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ז.) צַדִּיק וְטוֹב לוֹ, צַדִּיק גָּמוּר. צַדִּיק וְרַע לוֹ, צַדִּיק שֶׁאֵינוֹ גָּמוּר; דָאס הֵייסְט אַ צַדִּיק וָואס עֶר גֶעוואוינְט זִיךְ צוּ אוּן עֶר זָאגְט שְׁטֶענְדִיג "טוֹב לוֹ" סְ'אִיז אִים גוּט, סְ'פֶעלְט אִים גָארְנִישְׁט דָאס הֵייסְט אַ צַדִּיק גָּמוּר. מַה שֶׁאֵין כֵּן אַ צַדִּיק וָואס עֶר בַּאקְלָאגְט זִיךְ אוּן עֶר זָאגְט "רַע לוֹ" סְ'אִיז אִים שְׁלֶעכְט, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ צַדִּיק שֶׁאֵינוֹ גָּמוּר, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, זָאלְסְט וויסְן אַז אַלֶעס אִיז גוּט, בֶּעט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאלְסְט זַיין נָאךְ בֶּעסֶער, קוּק נָאר אוֹיף דִי גוּטְס וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל

עוֹלָמִים טוּט מִיט דִיר, אוּן דַאנְק אִים אוֹיף דִי חֲסָדִים וְרַחֲמִים גְמוּרִים, וֶועסְטוּ זֶען עֶס וֶועט זִיךְ דִיר עֶפֶּענֶען נַייעֶ טוֹיעֶרְן אִין הִימְל.

**אַ** אִיד טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָּבִים. אִיךְ וַוייס אַז עֶס אִיז דִיר זַייעֶר בִּיטֶער יֶעצְט: מֶען הָאט דִיךְ אָפְּגֶעטוּן זַייעֶר שְׁמוּצִיג וְכוּ׳, מֶען הָאט דִיךְ בַּא׳עַוֶל׳ט וְכוּ׳ מֶען הָאט דִיךְ אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן וְכוּ׳ מִיט גְרוֹיסֶע בִזְיוֹנוֹת וְכוּ׳, מֶען אִיז דִיר שׁוּלְדִיג גֶעבְלִיבְּן זַייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט וְכוּ׳, אוּן וָואס דוּ הָאסְט נִישְׁט מִיטְגֶעמַאכְט אִין דִי קוּרְצֶע צַייט וַוייסְט קֵיינֶער נִישְׁט וְכוּ׳ - עִם כָּל זֹאת דַארְף מֶען זִיךְ זַייעֶר דֶערְהַאלְטְן אוּן זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד וָואס אֲפִילוּ וֶוען סְ׳גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע צָרוֹת גְלֵייבְּט עֶר אַז אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אִיז פַּאר זַיין טוֹבָה וֶועגְן, אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה. אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִסִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט נָאךְ מִיט דִיר טוּן, נָאר פַאְרלִיר זִיךְ נִישְׁט.

**אִיךְ** בֶּעט דִיךְ זַייעֶר, פוּן הַיינְט אָן זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, נָאר זָאלְסְט דַאנְקֶען אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר, אוּן יֶעדְן טָאג אִינֶדערְפְרִי וֶוען דוּ זָאגְסְט בִּרְכַּת הַשַּׁחַר זָאלְסְטוּ מְכַוֵּן זַיין פֵּירוּשׁ הַמִילוֹת, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ קֶענְסְט גֵיין מִיט דִי אֵייגֶענֶע פִיס, דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט גֵיין מִיט אַ ווִילְטְשֶׁער

חָלִילָה וְחַס "הַמֵּכִין מִצְעֲדֵי גָּבֶר". "פּוֹקֵחַ עִוְרִים" דַאנְק און לויב דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דו הָאסְט אויגְן צוּ זֶען. וויפִיל מֶענְטְשְׁן רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן זֶענֶען בְּלִינְד לֹא עָלֵינוּ און זֵיי קֶענֶען נִשְׁט גֵיין און זֵיי קֶענֶען נִשְׁט זֶען, און סְ'אִיז זֵיי בִּיטֶער דִי לֶעבְן ווִי דִי טויט? זֵיי לֶעבְן מִיט גְרויס פַּחַד, סְ'אִיז זֵיי שְׁוֶוער אַלֵיין צוּ גֵיין, און דִיר הָאט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעגֶעבְן אויגְן צוּ זֶען - הָאסְטוּ נָאךְ טַעֲנוֹת? בָּרוּךְ הַשֵּׁם דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעזוּנְט - הָאסְטוּ נָאךְ טַעֲנוֹת? אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אויפְהֶערְן זִיךְ בַּאקְלָאגְן, הֵייבּ אָן צוּ דַאנְקֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דַיין גַאנְץ לֶעבְּן זַיין אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן.

**אִיךְ** הָאף אַז דו וֶועסְט מִיר פָּאלְגְן וֶועט דִיר גוּט זַיין אויף דִי וֶועלְט און אויף יֶענֶע וֶועלְט.

**הַמְּאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## ע

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר תּוֹלְדוֹת כ"ו חֶשְׁוָן ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**אִיךְ** ווִיל דִיךְ בֶּעטְן אַז דו זָאלְסְט קוּמֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ יֶעדְן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, וָואס דֶעמָאלְטְס אִיז אַן עֵת רָצוֹן,

עֶס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אִין זוֹהַר רַעֲוָא דְרַעֲוִין, רָצוֹן שֶׁבִּרְצוֹנוֹת. הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁמוּאֵל שְׁמֶעלְקֶע פוּן נִיקְלְשְׁבּוּרְג זי"ע גֶעזָאגְט, פַארְוָואס הֵייסְט עֶס רַעֲוָא דְרַעֲוִין? מֶען בֶּעט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, "אִיךְ הָאבּ אַ רָצוֹן זָאל אִיךְ הָאבְּן נָאךְ אַ שְׁטַארְקֶערֶע רָצוֹן", וָוארוּם וֶוען אִידְן קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם צוּ סְעוּדַת שְׁלִישִׁית פוּן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אוּן מֶען זִינְגְט צוּזַאמֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, שְׁטֵייעֶן דָארְטְן מַלְאֲכֵי מַעֲלָה אוּן זֶעעֶן מְקַנֵּא אוּן זֵיי קוּקְן צוּ מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגְן קִנְאָה ווִי אִידִישֶׁע קִינְדֶערְלֶעךְ זִיצְן צוּזַאמֶען אִין אַזַא עֵת רָצוֹן, אוּן זֵיי זִינְגֶען צוּזַאמֶען.

**אִיבֶּערְדֶעם** אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ גֵיין שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ צוּ אַן עֶרְלִיכְן אִיד אוּן הֶערְן תּוֹרָה, וָוארוּם דֶעמָאלְטְס קֶען מֶען מוֹרָא'דִיג נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מֶען דַארְף גֵיין צוּ אַן עֶרְלִיכְן אִיד וָואס אִיז דָבוּק שְׁטֶענְדִיג צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס זַיין תּוֹרָה אִיז תּוֹרָה פוּן הִימְל, עֶר זָאגְט דִיבּוּרִים וָואס עֶס וֶוערְט נִשְׁפָּע אוֹיף אִים פוּן הִימְל, אַזֶעלְכֶע דִיבּוּרִים מַאכְן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת אִין אַ אִידִישׁ הַארְץ, אִיבֶּערְדֶעם זֶע צוּ קוּמֶען צְוִוישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, אוּן זָאלְסְט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט רֶעדְן דֶעמָאלְטְס בַּיים טִישׁ דְבָרִים בְּטֵלִים נָאר זִינְגֶען צוּזַאמֶען מִיט אַלֶעמֶען, אוּן נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ אוֹיסְהֶערְן רֶעדְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע סְגוּלָה וֶוען מֶען רֶעדְט שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה

וְהִתְחַזְּקוּת. אוּן מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר גֶעוָואלְט בֶּעטְן זָאלְסְט בְּרֶענְגֶען נָאךְ חֲבֵרִים, אוּן צוּזַאמֶען זָאלְט עֶטְץ זִיצְן אוּן רֶעדְן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, וָוארוּם דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין רָצוֹן אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן פוּן דֶעם. אוּן ווִיסְן זָאלְסְטוּ ווִיסְן וואוּ מֶען רֶעדְט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דָארְטְן אִיז דֶער רֶבִּי דָא, אוּן וואוּ מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן אִים אִיז דָארְטְן דֶער רֶבִּי נִישְׁט דָא, אוּן דָאס אִיז אַמָאל זִיכֶער. וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַלֶע מִינֵי לֵצִים וָואס זֵיי מַאכְן לֵיצָנוּת, אוּן מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר עֶרְנְסְט, וָוארוּם שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת דֶעמָאלְטְס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶער עֵת רָצוֹן אִין הִימְל.

בֶּעט אִיךְ דִיר פוּן הַיינְט אָן זָאלְסְטוּ זֶען צוּ קוּמֶען צְווִישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט, אֲפִילוּ סְ'קוּמְט דִיךְ אָן שְׁוֶוער. אוּן זָאלְסְט זִיךְ מִשְׁתַּדֵל זַיין מְעוֹרֵר זַיין אַלֶעמֶען אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן קַיין שׁוּם נַארִישְׁקֵייטְן, נָאר רֶעדְן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, מְחַזֵק זַיין זִיךְ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווִיסְן אַז יֶעדֶער זַאךְ וֶוערְט גֶעפִירְט בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִית, אוּן מְעוֹרֵר זַיין אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן אַז מֶען זָאל קֶענֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס הֵייסְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הִתְבּוֹדְדוּת, וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה, אוּן אִין הִימְל וֶוערְט פוּן דֶעם גְרוֹיסֶע שַׁעֲשׁוּעִים וֶוען אַ אִיד רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל

עוֹלָמִים. און דָאס אַלֶעס וֶועסְטוּ מְקַבֵּל זַיין אַז דוּ וֶועסְט זִיצְן צְווִישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט און דוּ וֶועסְט נִישְׁט זַיין אַלֵיין, נָאר דוּ זָאלְסְט זַיין צוּזַאמֶען מִיט אַ גַאנְצֶע צַוְתָא, וָוארוּם אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי״ע נָאכְגֶעזָאגְט פוּן זַיין גְרוֹיסְן רֶבִּי׳ן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי״ע, אַז וֶוען עֶס זֶעצְן זִיךְ צוּזַאמֶען צֶען אִידְן מִיט אֵיין הַארְץ און זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין פֵּירוּדִים צְווִישְׁן זִיךְ, אִיז אֲפִילוּ דֶער מַלְאַךְ מִיכָאֵל וָואס עֶר אִיז מְלַמֵד זְכוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער קֶען דָארְט נִישְׁט צוּקוּמֶען פוּן אַזאַ לֶעבְּט וָואס ס׳הֶערְשְׁט צְווִישְׁן צֶען אִידְן, ווי דִי חַזַ״ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין לט.) כָּל בֵּי עַשָׂרָה שְׁכִינְתָּא שַׁרְיָא; וואוּ ס׳אִיז דָא צֶען אִידְן צוּזַאמֶען אִיז דִי שְׁכִינָה דָארְטְן. מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן וֶוען מֶען לֶערְנְט דֶעמָאלְטְס דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה און הַשְׁגָחָה פְּרָטִיוֹת און עֵצוֹת וְויאַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, אִיז אַוַודַאי דָארְטְן דִי שְׁכִינָה פַארְהַאנְדְן. אִיבֶּערְדֶעם מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ קוּמֶען יֶעדְן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת צְווִישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט. און זָאלְסְט גֶעדֶענְקֶען אוּנְזֶערֶע לַייט זֶענֶען דִי וָואס זֵיי רֶעדְן נָאר פוּן רֶבִּי׳ן, זֵיי מִישְׁן נִישְׁט אַרַיין קַיין פָּאלִיטִיק פוּן שֶׁקֶר, וָואס לֵיידֶער דַארְף מֶען אוֹיף דֶעם גְרוֹיס רַחֲמִים מֶען זָאל נִישְׁט גֶעכַאפְּט וֶוערְן מִיט אַלֶע מִינֵי שְׁקָרִים.

**אִיךְ** הָאף דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן וֶועסְטוּ נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט און מִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## עא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר תּוֹלְדוֹת כ"ו חֶשְׁוָן ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאףּ אַז דַיין שָׁלוֹם בַּיִת הָאט זִיךְ גֶעבֶּעסֶערְט, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיר אַוַודַאי נִישְׁט פַארְלָאזְן. הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק, אוּן זַיי נִישְׁט גֶעפַאלְן בַּיי דִיר, וָוארוּם דַיין וַוייבּ וִויל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע מַאן, אוּן עֶס זֶעט אוֹיס אַז מֶען הָאט דִיךְ אוּנְטֶערְדְרִיקְט אַלֶע יָארְן וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם שְׁפִּירְסְטוּ זִיךְ אַ דֶערְשְׁלָאגֶענֶער וְכוּ', אוּן דָאס זֶעט זִיךְ אָן אִין דַיין שָׁלוֹם בַּיִת, וְכוּ', אַז דוּ הָאסְט מוֹרָא פוּן אִיר, וְכוּ', אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ טוּסְט הָאסְטוּ מוֹרָא מִיט אִיר זִיךְ דוּרְכְצוּרֶעדְן וְכוּ', אוּן דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע חִסָּרוֹן, וַוייל אַ מַאן דַארְף זַיין אָפְן מִיט זַיין וַוייבּ. אוּן גְלֵייבּ מִיר דוּ הָאסְט אַ חָשׁוּב וַוייבּ, אוּן זִי וִויל דִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן, זִי אַנֶערְקֶענְט אַז מֶען הָאט דִיךְ דֶערְנִידֶערְט אַלְץ בָּחוּר, וְכוּ'. אִיבֶּערְדֶעם זֶע נִישְׁט צוּ שְׁרֶעקְן זִיךְ, אוּן זָאלְסְט הָאבְּן אַ זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט וְכוּ', קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, וֶועסְטוּ זֶען אַז דַיין גַאנְץ לֶעבְּן וֶועט שׁוֹין גֵיין אוֹיף אַן אַנְדֶערְן וֶועג.

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין שְׁטַארְק מִיט זִיךְ, אוּן גְלֵייבְּן אִין זִיךְ, וְכוּ', וְכוּ'. עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חָכְמָה זִיךְ צוּ דֶערְנִידֶערְן, וְכוּ', אוּן צוּ דֶערְשְׁלָאגְן זִיךְ, וְכוּ'. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט

אוּנְז גֶעלֶערְנְט (ליקוטי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רפב) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אוּן טְרֶעפְן דָאס גוּטְס בַּיי אִים, וָוארוּם יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אִין זִיךְ גוּטְס, אוּן אַזוֹי בּוֹיט מֶען זִיךְ אוֹיף דָאס זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט, בִּיז מֶען הָאט נִישְׁט מוֹרָא פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט, נָאר פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין.

גְלֵייבּ מִיר אַז דַיין וַוייבּ וויל נָאר דַיין גוּטְס, אִיבֶּערְדֶעם זֶע אִיר נָאכְצוּגֶעבְּן וָואס זִי ווִיל, נָאר עֶס זָאל הֶערְשְׁן צְווִישְׁן עֶנְק אַן אֶמֶת'ן שָׁלוֹם בַּיִת, וָואס אִין דֶעם אִיז תָּלוּי דִי בְּרָכָה אִין שְׁטוּבּ, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (עוּקְצִין פֶּרֶק ג) לֹא מָצָא הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלִי מַחְזִיק בְּרָכָה לְיִשְׂרָאֵל אֶלָא הַשָׁלוֹם.

אִיךְ הָאף אַז מֶען וֶועט קֶענֶען אָפְּדְרוּקְן אַלֶע אִידִישֶׁע בְּרִיוו, אוּן עֶס וֶועט זַיין אַ תּוֹעֶלֶת פַאר נָאךְ טוֹיזְנְטֶער יוּנְגֶעלַייט, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָׁמַיִם**

## עב

בְּעֶזְרַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁשִׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר תּוֹלְדוֹת כ"ח חֶשְׁוָן ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס

סְפָרִים, וָוארוּם וויסְן דַארְפְסְטוּ אַז דָאס אֶמֶת'ע הִתְקַרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז נָאר דוּרְךְ לֶערְנֶען זַיינֶע סְפָרִים, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצב) פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ בְּתוֹךְ סִפְרוֹ, אַז מֶען וויל דֶערְקֶענֶען דֶעם צַדִּיק דַארְף מֶען לֶערְנֶען זַיינֶע סְפָרִים וָוארוּם דָארְטְן לִיגְט פַארְשְׁטֶעקְט זַיין פָּנִים זַיין שֵׂכֶל אוּן זַיין נְשָׁמָה, דֶער וָואס עֶר לֶערְנְט נִישְׁט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים קֶען זִיךְ נִישְׁט אָנְרוּפְן אוֹיף זַיין נָאמֶען, עֶר נַארְט זִיךְ אוּן נַארְט יֶענֶעם, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ב) וְלֹא עַם הָאָרֶץ חָסִיד; אֵיינֶער וָואס עֶר לֶערְנְט נִישְׁט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים ווִי קֶען עֶר דִיךְ פִירְן אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶועג? כַּאפְּסְט נִישְׁט אַז דָאס אִיז אֵיין גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן? עֶס וַואקְסְן אוֹיף לֶעצְטְנְס בַּיי אוּנְז אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע מַנְהִיגִים ווִי שְׁוֶועמְלֶעךְ נָאךְ אַ רֶעגְן, פְרֶעג זֵיי נָאר "וואוּ זָאגְט דָאס דֶער רֶבִּי?" וֶועסְטוּ זֶען וָואס זֵיי וֶועלְן דִיר עֶנְטְפֶערְן, אִיבֶּערְדֶעם אוֹיב אֵיינֶער לֶערְנְט נִישְׁט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, קֶען עֶר זִיךְ נִישְׁט אָנְרוּפְן אַ בְּרֶסְלֶבֶער חָסִיד, מִכָּל שֶׁכֵּן עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט רוּפְן מַנְהִיג, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן סא) אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע תַּאֲוָה צוּ זַיין אַ מַנְהִיג וְכוּ', אָבֶּער עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט פִירְן, ווִיאַזוֹי וֶועט עֶר פִירְן אַנְדֶערֶע?

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז אַ בְּרֶסְלֶבֶער חָסִיד אִיז נָאר דֶער וָואס עֶר לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן אִיז מְקַיֵּים זַיינֶע וֶוערְטֶער פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ. הָאב

נִישְׁט קַיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן קַיין מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוֹיב דוּ ווילְסְט זִיךְ פִירְן אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט זָאלְסְטוּ אַסַאךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן דָארְטְן וֶועסְטוּ נִישְׁט טְרֶעפְן דִי אַלֶע נַארִישֶׁע אוּן ווילְדֶע הַנְהָגוֹת וָואס יֶעדֶער שׁוֹטֶה אוּן נַאר פַארְפִירְט בָּחוּרִים אוּן יוּנְגֶעלַייט, אוּן אַלֶעם אִין נָאמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוֹיב עֶר קֶען דִיר נִישְׁט אוֹיפְוַוייזְן וואוּ עֶס שְׁטֵייט וָואס עֶר זָאגְט, דַארְף מֶען ווִיסְן אַז עֶס אִיז אַלֶעם שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים, לֵיידֶער הָאט עֶר אַ קְלֵיינֶער מֹחַ, אוּן עֶר הָאט אַ תַּאֲוָה צוּ זַיין אַ מַנְהִיג. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אֵיינֶעם וָואס הָאט גֶעוָואלְט זַיין אַ מַנְהִיג, "דוּ וֶועסְט אֲפִילוּ נִישְׁט קֶענֶען בֶּענְטְשְׁן אֵיין עֶרְלִיכֶע בֶּענְטְשְׁן מִיט אַן אֱמֶת, ווַייל דוּ וֶועסְט וֶועלְן גֶעפֶעלְן יֶענֶעמְ'ס אוֹיגְן!", (עַיֵּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן מז), אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַ יְסוֹד אִין בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידוּת אִיז נָאר וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט.

זְוייסְן זָאלְסְטוּ ווִיסְן דִי אַלֶע וָואס זֵיי מַאכְן חוֹזֵק פוּן זָאגְן ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן זָאגְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ, זֶענֶען פְּשׁוּטֶע עַמֵי אֲרַצִים, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט אֲפִילוּ אֵיין שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָוארוּם אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפה) "לְכַמָּה אֲנָשִׁים צִוָּה לוֹמַר ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת בְּכָל יוֹם"; אִיבֶּערְדֶעם זָאל דִיר קֵיינֶער נִישְׁט זָאגְן אַז דָאס אִיז אוֹיסְגֶעזוֹיגְן פוּן פִינְגֶער וְכוּ'. עֶס אִיז בַּאוואוּסְט בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט אַז פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן

ז"ל הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיךְ גֶעהֵייסְן זָאגְן יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וֶוען עֶר אִיז מְקוּרָב גְעוָוארְן צוּ אִים, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען עֶר זָאל נִישְׁט פַארְפֶעלְן אֵיין טָאג פוּן לֶערְנֶען ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן וֶוען זַיין פָאטֶער הָאט עֶס בַּאמֶערְקְט הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶערֶעגְט, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט "מַיין זוּן וָואס עֶר אִיז אַזַא גְרוֹיסֶער לַמְדָן, גֶעבְּט אִים זַיין רֶבִּי זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת?!" (עַיֵּן אַבְנֵיהָ בַּרְזֶל) קוּק נִישְׁט אוֹיף לֵצִים וָואס זֵיי מַאכְן פוּן דֶעם לֵיצָנוּת, וְכוּ', הֵייבּ אָן צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס שִׂיחוֹת וֶועסְטוּ גֶעוואוּיר וֶוערְן אַז זֵיי וֵוייסְן גָארְנִישְׁט.

**אִיבֶּערְדֶעם** גֶעבּ אִיךְ דִיר אַן עֵצָה קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם
נָאר לֶערְן אַסַאךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים
בִּיז דוּ וֶועסְט עֶס קֶענֶען אוֹיסְנֶוויינִיג, נָאר דָאס הֵייסְט אַ בְּרֶסְלֶבֶער חָסִיד. אוּן בִּפְרַט אִין עִנְיְנֵי שְׁלוֹם בַּיִת זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל זֵייעֶר מְכַבֵּד זַיין דָאס וַוייבּ, אוּן מֶען זָאל אִיר טֵייעֶר הַאלְטְן, וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טוּט אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם צוּ צוּבְּרֶעכְן דָאס שָׁלוֹם בַּיִת פוּן יוּנְגֶע פָּארְפָאלְק, (עַיֵּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רסג רסד) אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְפִירְן פוּן קַיין שׁוּם צוּדְרֵייטְן אוּן מְשׁוּגָעִנֶעם וְכוּ', וָוארוּם בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען שָׁלוֹם בַּיִת דֶער עִיקָר פוּן אַלֶע עִיקָרִים. "אָן שָׁלוֹם בַּיִת" - הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט - "הָאט מֶען נִישְׁט קַיין רֵיינֶעם מוֹחַ", אוּן ווִי

בַּאוואוּסְט הָאבְּן דִי חַזַ"ל זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם, בִּיז זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט (יְבָמוֹת סב:) הָאוֹהֵב אֶת אִשְׁתּוֹ כְּגוּפוֹ, וְהַמְכַבְּדָהּ יוֹתֵר מִגּוּפוֹ וְכוּ', עָלָיו הַכָּתוּב אוֹמֵר (אִיּוֹב ה') "וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ";

**ווידֶערָאוּם** זָאגְן דִי חַזַ"ל (בָּבָא מְצִיעָא נט.) לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בִּכְבוֹד אִשְׁתּוֹ, שֶׁאֵין בְּרָכָה מְצוּיָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם אֶלָּא בִּשְׁבִיל אִשְׁתּוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר (בְּרֵאשִׁית יב) "וּלְאַבְרָם הֵטִיב בַּעֲבוּרָהּ", וְהַיְינוּ דְּאָמַר לְהוּ רָבָא לִבְנֵי מְחוֹזָא, אוֹקִירוּ לִנְשַׁיְיכוּ כִּי הֵיכִי דְּתִתְעַתְרוּ, (תְּכַבְּדוּ וּתְיַקְּרוּ אֶת נְשׁוֹתֵיכֶם כְּדֵי שֶׁתִּתְעַשְּׁרוּ) וְאָמַר רַבֵּינוּ זַ"ל (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן סט) שֶׁעִקַּר הָעֲשִׁירוּת בָּא בִּזְכוּת הָאִשָּׁה. אַז אַ אִיד אִיז מְכַבֵּד זַיין וַוייבּ הֶעלְפְט אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט עֲשִׁירוּת, אִיז ווִי קֶענֶען קוּמֶען גֶעמֵיינֶע מֶענְטְשְׁן אוּן לֶערְנֶען נֵייעֶ יוּנְגֶעלַייט וָואס זֵיי הָאבְּן יֶעצְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, וֶועגְן פוּן נִישְׁט אַהֵיים גֵיין וְכוּ', אָדֶער אַנְדֶערֶע מְשׁוּגֶענֶע הַנְהָגוֹת וְכוּ', וָואס דָאס אִיז דֶער הֵיפֶךְ פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים'ס ווערְטֶער, אוּן הֵיפֶךְ פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס רָצוֹן? זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶוערְט מֶען פַארְפִירְט, אוּן מֶען פַארְפִירְט אַנְדֶערֶע, אַז אַךְ אוּן ווֵיי אַז לֵיידִיג-גֵייעֶרְס ווילְן וֶוערְן מַנְהִיגִים, זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פִירְן, ווִי קֶענֶען זֵיי פִירְן אַנְדֶערֶע?

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶועט דִיךְ נִישְׁט קֶענֶען צוּבְּרֶעכְן, אוּן זָאלְסְט זִיךְ בַּאפְלַייסְן לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס

סְפָרִים וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**נָאר** זַיי שְׁטַארְק הַאלְטְן דִי שְׁטוּבּ טַייעֶר, אוּן זָאלְסְט זִיךְ פִּירְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, הֵן אַקֶעגְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן, אוּן הֵן אַקֶעגְן דַיין וַוייבּ'ס עֶלְטֶערְן, וָוארוּם כִּיבּוּד אָב וָאֵם אוּן כְּבוֹד חָמִיו וְחַמוֹתוֹ אִיז זֵייעֶר הַארְבּ. אוּן בִּכְלָל דַארְפְסְטוּ ווִיסְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט "וֶוען קֵיסָרִים אוּן מְלָכִים וָואלְטְן גֶעווּאוּסְט ווִי אִיךְ לֶערְן מַיינֶע מֶענְטְשְׁן דֶרֶךְ אֶרֶץ, וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרע קִינְדֶער צוּ מִיר לֶערְנֶען". וָוארוּם בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת בָּנִים סִימָן סד) צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו; דֶרֶךְ אֶרֶץ דַארְף מֶען לֶערְנֶען דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר קֵיינֶער זָאל דִיךְ נִישְׁט פַּארְפִירְן. ווִי רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ל הָאט גֶעזָאגְט אַז בַּיים רֶבִּינְ'ס זַאךְ אִיז אוֹיךְ דָא מְפוּרְסָמִים שֶׁל שֶׁקֶר, אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז דִיר נִישְׁט מַדְרִיךְ אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוֹיף לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וְכוּ', זָאלְסְטוּ ווִיסְן עֶר אִיז אַ מְפוּרְסָם שֶׁל שֶׁקֶר, אוּן זָאלְסְט זִיךְ זֶען צוּ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן אִים. מֶעג עֶר זִיךְ רוּפְן בְּרֶסְלֶבֶער חָסִיד, וָוארוּם אוֹיבּ עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שָׁלוֹם בַּיִת אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין תּוֹרָה אִיז אַלֶעס שֶׁקֶר. אִיךְ הָאף אִיךְ וֶועל נִישְׁט דַארְפְן

אִיבֶּער חַזֶּרְן מַיינֶע װֶוערְטֶער, נָאר דוּ װֶועסְט פַּארְשְׁטֵיין אַלֵיין װָואס אִיךְ הָאבּ דִיר דָא גֶעשְׁרִיבְּן.

**הַמְאַחֵל לְךָ שַׁבָּת שָׁלוֹם**

## עג

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁשִּׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר תּוֹלְדוֹת כ"ח חֶשְׁוָן ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.**

**װָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, מֶען דַארְף אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים אַזוֹי װִי מֶען אַנְטְלוֹיפְט פוּן שֵׁדִים וְרוּחוֹת וְכוּ', װָוארוּם אַ שְׁלֶעכְטֶע חָבֵר קֶען דִיךְ אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן אוֹיף דִי װֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע װֶועלְט. לֵיידֶער הֶערְט מֶען יֶעדְן טָאג מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשִׂיּוֹת װָואס שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים הָאבְּן פַארְפִירְט גוּטֶע בָּחוּרִים בִּיז אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, בִּיז זֵיי הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט אִין תְּפִיסָה רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁיָּיכוּת מִיט קַיין שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים.

**גֶעוואוֹין** זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, יֶעדֶע זַאךְ װָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיךְ דוּרְךְ זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, װָוארוּם עֶר הֶערְט צוּ יֶעדֶעם װָוארְט יֶעדֶע תְּפִלָּה יֶעדֶע בַּקָשָׁה װָואס אַ אִידִישׁ

קִינְד בֶּעט פוּן אִים. אֲפִילוּ בַּיים אָנְפַאנְג וֶועט זִיךְ דִיר דַאכְטְן אַז דוּ רֶעדְסְט אוּן דוּ רֶעדְסְט וְכוּ', דוּ בֶּעטְסְט אוּן דוּ בֶּעטְסְט וְכוּ', אוּן קֵיינֶער הֶערְט דִיךְ נִישְׁט צוּ, קֵיינֶער עֶנְטְפֶערְט דִיךְ נִישְׁט וְכוּ'. דָאס קוּמְט אַלֶעס פוּן כְּפִירוּת וְאַפִּיקוֹרְסוּת רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בַּבְּרִית דֶעמָאלְטְס אִיז עֶר פוּל מִיט כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, אוּן סְ'קוּמְט אִים אַרַיין סְפֵיקוֹת אִין אֶמוּנָה אוֹיבּ מֶען הֶערְט אִים אוֹיס אָדֶער נִישְׁט וְכוּ', אוּן דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא, עֶר אִיז מְחַיֶה אוּן מְהַוֶה אוּן מְקַיֵים דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, יֶעדֶע זַאךְ וֶוערְט גֶעפִירְט בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִיוּת.

**אִיבֶּערְדֶעם** שְׁטַארְק זִיךְ אִין אֶמוּנָה, אוּן בֶּעט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף דֶעם אַלֵיין, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם!

הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ לוֹיטֶערֶע אֶמוּנָה, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַז דוּ בִּיסְט דָא מִיט מִיר, וָוארוּם דוּ בִּיסְט אִין מִיר, אוּן דוּ בִּיסְט מִיר מְחַיֶה, הֶעלְף מִיר דִי אֶמוּנָה זָאל מִיר זַיין אַזוֹי קְלָאר בִּיז אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אוּן זֶען וִוי דוּ בִּיסְט דָא מִיט מִיר, אוּן דוּ הֶערְסְט אוֹיס מַיין גֶעבֶּעט אוּן מַיין תְּפִלָּה. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל מְקַיֵים זַיין דַיינֶע מִצְוֹת מִיט שִׂמְחָה, אוּן אִיךְ זָאל לֶערְנֶען דַיין תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, אוּן נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי בְּלָאטֶע וָואס אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעפַאלְן, אוּן הִיט מִיךְ אָפּ פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים. זַיי מִיר מְקָרֵב צוּ אַן אֱמֶת'ן צַדִיק וָואס עֶר קֶען מִיךְ מְחַיֶה זַיין פְּרֵיילִיךְ מַאכְן, אוּן

אַרַיינְשַׁיינֶען דִי לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן זָאלְסְט מִיר בַּאגְלִיקְן מַיין גַאנְץ לֶעבְּן, בִּיז אִיךְ זָאל קֶענֶען טוּן פַאר דִיר אַ נַחַת רוּחַ. אוּן זָאלְסְט מִיר אוֹיפְרֶעכְטְן אִיךְ זָאל קֶענֶען אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ אִידִישׁ שְׁטוּב אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן עֶרְלִיךְ אַזוֹי וִוי דוּ ווילְסְט, אוּן אִיךְ זָאל נִכְלַל וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אִין דִיר, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה. אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועסְטוּ זֶען סוֹף כָּל סוֹף וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, נָאר אַנְטְלוֹיף פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים וָוארוּם שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים קֶענֶען אַרָאפְּפִירְן פוּן אִידִישְׁן וֶועג.

**אַנְטְלוֹיף** פוּן מוֹשַׁב לֵצִים, זָאלְסְט נִישְׁט גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען פַארְקוֹיפְט טְשָׁאלֶענְט וְכוּ' לֵיל שִׁשִּׁי קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם לֵיידִיג-גֵייעֶרְס, פוּן דָארְטְן זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן אַזוֹי וִוי מֶען אַנְטְלוֹיפְט פוּן אַ פֵייעֶר וְכוּ', וָוארוּם עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם דָארְטְן שְׁלֶעכְטֶע עֶלֶעמֶענְטְן, וָואס דַארְפְסְטוּ גֵיין דָארְטְן? אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיךְ פָאלְגְן וֶועסְטוּ נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**אִיךְ** וָואלְט דִיךְ גֶערָאטְן זָאלְסְט נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן צוּ זָאגְן אֵיין פֶּרֶק נָאכְן אַנֶדֶערְן, אָנְהֵייבְּן זָאלְסְטוּ פוּן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ עֶנְדִיגְן אֵיין מַסֶכְתָּא נָאכְן אַנֶדֶערְן, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן זָאלְסְט זַיין גֶעווֹאוֹינְט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג זֵייעֶר אַסַאךְ

פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וָואס דָאס וֶועט דִיךְ לוֹיטֶערְן אוּן הֵיילִיגְן. הֶער קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיס וָואס וִויל דִיךְ פוּן דֶעם אָוֶועקְנֶעמֶען, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט אִין וָואס פַּארַא גְרוֹבּ אוּן בְּלָאטֶע דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן וְכוּ'. אָבֶער זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיָיאֵשׁ אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן עח) עֶס אִיז קַיין יִאוּשׁ נִישְׁט פַארְהַאנֶען, אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן מִיט אַ טִיפְן קוֹל אוּן זִיפְץ "גֶעוַואלְד! זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיָיאֵשׁ! קַיין יִאוּשׁ אִיז גָאר נִיט פַארְהַאנְדְן!", מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָּבִים, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מְקַבֵּל יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס עֶר טוּט תְּשׁוּבָה. אוּן דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז מְקַבֵּל זַיין אוֹיף זִיךְ מֶער נִישְׁט צוּ טוּן דִי נַארִישְׁקֵייטְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט, אוּן דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה הֲלָכָה א') אַז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז ווידוּי דְבָרִים, וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת הֲרֵי זֶה מְשׁוּבָּח, מֶען דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן. אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן גֵייט אַרַיין דִי חֲטָאִים אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אוּן זֵיי זֶענֶען זִיךְ נוֹקֵם אִין אִים, אוּן עֶר וֶוערְט גֶערוֹדֶפְט פוּן זִיךְ אַלֵיין, אוּן מִיט דֶעם וָואס עֶר רֶעדְט אַרוֹיס זַיינֶע חֲטָאִים פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַודֶּה פַאר אִים, גֵייט אַרוֹיס אַלֶע חֲטָאִים פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער, אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַ כְּלִי מַמְשִׁיךְ זַיין אוֹיף זִיךְ אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, עֶר זָאל שְׁפִּירְן דָאס לֶעבְּטִיגְקֵייט פוּן דִי אֱמוּנָה.

אִיבֶּערְדֶעם גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ אַסַאךְ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פוּן אֵיין זַייט, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאלְסְטוּ זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת. קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אוֹיף דִיר גֵייט דוּרְךְ.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי שְׁטַארְק בַּיי דִיךְ, וֶועסְטוּ זֶען אַז סוֹף כָּל סוֹף וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן פְּלָאנְטֶער וָואס דוּ בִּיסְט פַארְפְּלָאנְטֶערְט גֶעוָוארְן, אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אוּן דוּ וֶועסְט חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישׁ שְׁטוּבּ, אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ גְּלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

**הַמְאַחֵל לְךָ שַׁבָּת שָׁלוֹם**

## עד

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם שִׁשִּׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר תּוֹלְדוֹת כ"ח חֶשְׁוָן ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

**זֶע** צוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ זָאלְסְט וִויסְן שִׂמְחָה דָאס אִיז דִי קְדוּשָׁה, לְהֵיפֶךְ עַצְבוּת אוּן טְרוֹיעֶרִיגְקֵייט דָאס אִיז דִי טוּמְאָה. אוּן מִיט דֶעם קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ מֶעסְטְן אוֹיבּ עֶר אִיז אִין דִי קְדוּשָׁה אָדֶער חָלִילָה וְחַס פַארְקֶערְט אִין דִי טוּמְאָה: אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אִין דִי קְדוּשָׁה, אוֹיבּ חָלִילָה וְחַס עֶר אִיז

שְׁטֶענְדִיג טְרוֹיעֶרִיג אִיז אַ סִימָן עֶר אִיז אִין דִי טוּמְאָה. אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ נֵייטְן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כד) אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט מִיט אִין לֶעבְּן אַזוֹי פִיל צָרוֹת אוּן יִסוּרִים אַז עֶר מוּז זִיךְ נֵייטְן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. אִיבֶּערְדֶעם זֶע נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט צוּ לָאזְן דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה צוּ דִיר אַ רֶגַע נִישְׁט, וֶועסְטוּ זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אִין דֶער וֶועלְט.

וֶוען אֵיינֶער אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ אַן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע יִשּׁוּב הַדַּעַת, לְהֵיפֶּךְ וֶוען אֵיינֶער אִיז טְרוֹיעֶרִיג אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג מְבוּהָל וּמְבוּלְבָּל, אוּן עֶר הָאט פְּחָדִים עֶר שְׁרֶעקְט זִיךְ פוּן יֶעדֶע זַאךְ. אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי פְרֵיילִיךְ, אוּן בֶּעט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם שִׂמְחָה אִיז אַזַא מִין גְרוֹיסְן לֶעבְּט אַז מֶען קֶען נִישְׁט מַשִּׂיג זַיין דֶעם לֶעבְּט נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה. אִיבֶּערְדֶעם דַארְף יֶעדֶע מֶענְטְשׁ אַסַאךְ בֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה, אוּן אִין זְכוּת פוּן שִׂמְחָה וֶועסְטוּ אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן בִּיטֶערְן פִינְסְטֶערְן גָלוּת וָואס דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם.

**הַמְאַחֵל לְךָ שַׁבָּת שָׁלוֹם**

## עה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר תּוֹלְדוֹת כ"ט חֶשְׁוָן ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

זֶע זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן קֵיינֶער זָאל דִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין מִיט פַארְשִׁידֶענֶע נַארִישֶׁע הַנְהָגוֹת אוּן דְרָכִים. מִיר הָאבְּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ'ס סְפָרִים וּבִפְרַט דִי שִׂיחוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט פַארְצֵייכְנְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן אוּן חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, אִין דֶעם דַארְפְמְטוּ אַסַאךְ לֶערְנֶען אוּן מְקַיֵּים זַיין וָואס דָארְטְן שְׁטֵייט, מֶער פוּן דֶעם זָאלְסְטוּ וִויסְן אִיז אַלֶעס דִמְיוֹנוֹת. וּבִפְרַט הַיינְט אַז עֶס קוּמֶען צוּזַאם בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה וְכוּ' - אַוַודַאי אִיז תְּשׁוּבָה אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת לד) בִּמְקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִים שָׁם אֵין צַדִּיקִים גְּמוּרִים יְכוֹלִים לַעֲמֹד; אָבֶער דָאס אִיז אַלֶעס גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן יֶעדֶע מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה, אָבֶער אֵיינֶער וָואס אִיז גֶעוָוארְן אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה קֶען נִישְׁט זַיין קַיין מַנְהִיג אוּן פִירְן יֶענֶעם וְכוּ', עֶר וֶועט אִים פַארְפִירְן וְכוּ', ווִי נִישְׁט דַארְף עֶר נָאךְ אַסַאךְ אוֹיסְשְׁפֵּייעֶן דִי טָמֵא'נֶע בְּלוּט, אוּן דִי טָמֵא'נֶע מַאֲכָלִים וָואס עֶר הָאט גֶעגֶעסְן אוּן עֶר הָאט גֶעזֵייגְט וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל נִישְׁט פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ מִיט קַיין הַנְהָגוֹת וְכוּ'.

בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ'ס זַאךְ וֶוערְט צוּשְׁפְּרֵייט אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן מֶענְטְשְׁן

וֶוערְן מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. אָבֶּער וִויסְן דַארְפְט אִיר וִויסְן דֶער עִיקָר אִיז לֶערְנֶען דִי שִׂיחוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַלֵיין, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט פַארְצֵייכֶענְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן אוּן אִין חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, נִישְׁט צוּלֵייגְן אוּן נִישְׁט אַרָאפְּנֶעמֶען נָאר מְקַיֵים זַיין בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת וֶועט מֶען קֶענֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט "דוּרְךְ יֶעדֶע שִׂיחָה מַיינֶע קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ וֵוייס וָואס עֶס מֵיינְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד". אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ חַזֶר'ן דִי שִׂיחוֹת, אוּן מְקַיֵים זַיין וָואס דָארְטְן שְׁטֵייט.

דִי יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת וָואס עֶס קוּמְט אַרוֹיס פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס שִׂיחוֹת, אִיז צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָבִים, אוּן פְּרָאבִּירְן פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, אוּן אָנְהֵייבְּן אַ נַייעֶם אָנְפַאנְג. וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כו) בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָרוֹן, בַּיי מִיר אִיז שִׁכְחָה אַ מַעֲלָה; גְלַייךְ וִוי סְ'גֵייט אַוֶועק עֶפֶּעס פַארְגֶעס אִיךְ שׁוֹין, אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט קֶען עֶר מַאכְן אַ נַייעֶ הַתְחָלָה. אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֶען זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, אוּן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן.

**ווידעראום** הָאט דֶער רֶבִּי מוֹרָא'דִיג גֶעבֶּעטְן אוּן מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַ יֶעדֶער אִיד זָאל נִישְׁט פַארְפֶעלְן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וִוי עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כח) אַ יֶעדֶער אִיד מוּז לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג שׁוּלְחָן עָרוּךְ,

און שׁוּלְחָן עָרוּךְ איז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַן עִיקָר גָדוֹל. און עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט, איר מֶעגְט קְנֵייטְשְׁן מַיין סֵפֶר ווי איר ווילְט, דָאס הֵייסְט מְחַדֵשׁ זַיין ווי אַזוֹי מֶען וויל, אָבֶער נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּן אַ סְעִיף קָטָן אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ. דֶער יְסוֹד פוּן אִידִישְׁקֵייט אִיז דֶער שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען הַאֲרֶן זֵייעֶר אַסַאךְ דֶעם שׁוּלְחָן עָרוּךְ און מַאכְן זִיךְ צְוֵויי שִׁיעוּרִים אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אֵיינְס לֶערְנֶען מְחַבֵּר רְמָ"א כְּסִדְרָן, פוּן אָנְפַאנְג אוֹרַח חַיִים, בִּיז עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן זָאל עֶר אָנְהֵייבְּן יוֹרֶה דֵעָה פוּן אָנְפַאנְג, בִּיז עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן וֶועט עֶר אָנְהֵייבְּן אֶבֶן הָעֶזֶר פוּן אָנְפַאנְג, בִּיז עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן זָאל עֶר אָנְהֵייבְּן חוֹשֶׁן מִשְׁפָּט, בִּיז עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן, זָאל עֶר נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן אוֹרַח חַיִים, אַזוֹי זָאל עֶר זִיךְ פִירְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן, דָאס אִיז אַ שִׁיעוּר פָּשׁוּט אִין מְחַבֵּר רְמָ"א. און נָאכְדֶעם דַארְף מֶען לֶערְנֶען אַ שִׁיעוּר עִיוּן, טוּר, בֵּית יוֹסֵף, מִיטְן בַּ"ח, און מְחַבֵּר רְמָ"א מִיט דִי מַגִינִים, מָגֵן אַבְרָהָם און טוּרֵי זָהָב וְכוּ' וְכוּ'. און אוֹיסֶער דֶעם אִיז גוּט זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין קִיצוּר שׁוּלְחָן עָרוּךְ, עֶר זָאל הַאֲרֶן בָּאטְשׁ ווִיסְן דִי תַּמְצִית, וָוארוּם הַלָכָה דָאס אִיז דֶער יְסוֹד פוּן אַ אִיד.

וְעַל כּוּלָם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מִיט אוּנְז אַסַאךְ גֶעשְׁמוּעֶסְט און גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, און דֶערְצֵיילְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ.

און דָאס איז אַ עֵצָה כְּלָלִיּוּת, פַאר יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן, זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "הִתְבּוֹדְדוּת", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף בֶּעטְן שְׁטֶענְדִיג דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן, און אֲפִילוּ לֶערְנֶען און דַאוֶונֶען אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען אוֹיךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר זָאל הָאבְּן אַ לוֹיטֶערְן מֹחַ עֶר זָאל פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט, עֶר זָאל פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת בַּיים דַאוֶונֶען, אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ.

וָוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק אִין דִי אַלֶע דְרֵיי זַאכְן: א'. נִישְׁט פַארְלִירְן זִיךְ אֲפִילוּ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָּבִים, און מִשְׁתַּדֵל זַיין זִיךְ פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן, און פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע; ב'. לֶערְנֶען אַסַאךְ שׁוּלְחָן עָרוּךְ און נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּן הַלָכָה; ג'. רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און דֶערְצֵיילְן אִים יֶעדֶעס פְּרַט וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר וִויל טוּן זָאל עֶר מִיטְן כַּבְיָכוֹל אִיבֶּערְשְׁמוּעֶסְן. דִי אַלֶע דְרֵיי יְסוֹדוֹת זֶענֶען עִיקָרִים פוּן אַ אִידִישׁ לֶעבְּן.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר לָאז דִיךְ נִישְׁט פַארְפִירְן פוּן יֶעדְן טִפֵּשׁ און שׁוֹטֶה וְכוּ', וָואס עֶר רוּפְט זִיךְ מַנְהִיג וְכוּ', אֲפִילוּ פוּן צְווִישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט וְכוּ', אוֹיב ס'אִיז נִישְׁט גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי יְסוֹדוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, לְכָל הַפָּחוֹת פוּן דִי שִׂיחוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס וֶוערְט

גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי סְפָרִים שִׂיחוֹת הָרַ"ן, חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, זָאלְסְטוּ פוּן אִים אַנְטְלוֹיפְן.

**עֶס** אִיז זֵייעֶר גוּט אַז דוּ זָאלְסְט חַזֶר'ן שִׂיחָה סִימָן ע"ו אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, דָארְטְן גֶעבְּט אוּנְז דֶער רֶבִּי אַ סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, ווִי מֶען קֶען דוּרְכְלֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, אֲפִילוּ מֶען הָאט אַ שְׁוֶוערְן פַארְשְׁטַאנְד אַ שְׁוֶוערֶע קָאפּ וְכוּ', אוֹיבּ מֶען זָאל זִיךְ פִירְן ווִי עֶר הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט קֶען מֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶע לַמְדָן. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ חַזֶרְן אַסַאךְ דִי שִׂיחָה אוּן זָאלְסְט זִיךְ מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט מִתְוַוכֵּחַ זַיין, טַייטְשׁ אִיבֶּער וָוארְט בַּיי וָוארְט וָואס דָארְטְן שְׁטֵייט, וֶועסְטוּ זֶען אַז דֶער סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע סֵדֶר. ווָאוִיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז עוֹסֵק אִין דֶעם.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיךְ פָאלְגְן וֶועסְטוּ נִישְׁט צוּלֵייגְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ שָׁבוּעַ טוֹב וְרֹאשׁ חֹדֶשׁ מְבוֹרָךְ**

## עו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר וַיֵּצֵא א' דְרֹאשׁ חֹדֶשׁ כִּסְלֵו ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאף אַז אַלֶעס אִיז בְּסֵדֶר בַּיי דִיר, אוּן עֶס הָאט זִיךְ אַלֶעס אָפְּגֶעשְׁטִילְט וְכוּ', זַיי מִיר מוֹדִיעַ וָואס שְׁנֶעלֶער,

און דו וֶועסְט מִיךְ זַייעֶר דֶערְפְרֵייעֶן, וָוארוּם אִיךְ ווִיל נָאר הֶערְן דָאס גוּטְס בַּיי דִיר.

אִיךְ בֶּעט דִיר זַייעֶר זָאלְסְט זִיךְ זֶען דֶערְהַאלְטְן, קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט קֶענֶען צוּבְּרֶעכְן. אֶמֶת מֶען הָאט דִיךְ אַלֶעמָאל אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט, הֵן אִין שְׁטוּבּ, הֵן אִין חֶדֶר, הֵן אִין יְשִׁיבָה וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער דוּרְכְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת קֶען מֶען צוּרִיק בַּאקוּמֶען דָאס זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט, בִּפְרַט וֶוען אֵיינֶער גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, און פַארְצֵיילְט אִים אוֹיס אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ מִיט דֶעם בַּאנוּצְן, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ יֶעדְן טָאג זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַּארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, און דָאס שְׁטַארְקְט דִי אֱמוּנָה, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים צִיט עֶר אוֹיף זִיךְ דִי שְׁכִינָה, און עֶר שְׁפִּירְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא מִיט אִים, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כב) הַמִּתְפַּלֵּל צָרִיךְ שֶׁיִּרְאֶה עַצְמוֹ כְּאִלּוּ שְׁכִינָה כְּנֶגְדּוֹ שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִלִּים טז) "שִׁוִּיתִי הַוָיָ"ה לְנֶגְדִּי תָמִיד"; און זָאלְסְט ווִיסְן אַז יֶעדֶעס וָוארְט וָואס אַ אִיד רֶעדְט און בֶּעט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶוערְט צוּגֶעהֶערְט אוֹיבְן, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ל' סִימָן ג') בַּדּוֹרוֹת הַלָּלוּ שֶׁאֵין לָהֶם לֹא מֶלֶךְ וְלֹא נָבִיא לֹא כֹּהֵן וְלֹא אוּרִים וְתוּמִים וְאֵין לָהֶם אֶלָּא תְּפִלָּה זוּ בִּלְבַד, אָמַר דָּוִד

לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַל תִּבְזֶה אֶת תְּפִלָּתָם (תְּהִלִּים קב) "תִּכָּתֵב זֹאת לְדוֹר אַחֲרוֹן", מִכַּאן שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְקַבֵּל הַשָּׁבִים, "וְעַם נִבְרָא יְהַלֶּל יָהּ" שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בּוֹרֵא אוֹתָן בְּרִיָּה חֲדָשָׁה; אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ אִין דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה אוֹיסְדֶערְצֵיילְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדְן טָאג וָואס אוֹיף דִיר גֵייט דוּרְךְ, אוּן דָאס וֶועט דִיךְ אוֹיפְבּוֹיעֶן דַיין זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט, נָאר שְׁרֶעק זִיךְ פוּן גָארְנִישְׁט. גֶעדֶענְק אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פִירְט דִי וֶועלְט בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִיּוּת, אוּן מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה וֶועסְטוּ וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלְדֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן עֶס וֶועט נִשְׁפַּע וֶוערְן אוֹיף דִיר אַלֶע בְּרָכוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער חָכָם מִכָּל אָדָם הָאט גֶעזָאגְט (מִשְׁלֵי כח) "אִישׁ אֱמוּנוֹת רַב בְּרָכוֹת".

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטְן אוּן זִיסְן חוֹדֶשׁ**

## עז

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שֵׁנִי לְסֵדֶר וַיֵּצֵא ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם לְהָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר וְיִזְרַח**

**אִיךְ** הָאבּ זִיךְ צוּגֶעכַאפְּט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אִין אוּמַאן אוֹיף אַ טָאג, אוּן אִיךְ הָאף דָאס אִיךְ הָאבּ בְּוַדַּאי גֶעפּוּעֶלְט בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט וְכוּ'. וָוארוּם בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן קֶען מֶען פּוּעֶלְן אַלְץ וָואס מֶען וִויל אוֹיבּ מֶען עַקְשֶׁנְט זִיךְ אַיין. גְלֵייבּ

מִיר מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן, וָואס הָאט צוּגֶעזָאגְט דָאס וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן, אוּן וֶועט גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיינֶעט וֶועגְן, אוּן וֶועט זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס הֵייסְט "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי", וֶועט עֶר פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית אַרוֹיס נֶעמֶען, אַז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן כָאטְשׁ אֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן פָארְט עֶר אִין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, מְקַבֵּל זַיין אַזַא גְרוֹיסְן תִּיקּוּן וָואס עֶס אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֵיין צַדִיק אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס זָאל צוּ זָאגְן אַזַא הַבְטָחָה מִיט צְוַויי עֵדוּת, אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיינֶעט וֶועגְן אוּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלַאךְ תְּהִלִּים וָואס הֵייסְט תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, וֶועט עֶר אִים פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית אַרוֹיסְנֶעמֶען.

**גְלֵייבּ** מִיר וֶוען אִיךְ דַארְף אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, פָאר אִיךְ גְלַייךְ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, אוּן אִיךְ בִּין דָארְטְן מַפְצִיר וָואס אִיךְ דַארְף, אוּן אִיךְ זֶע גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

**אִיךְ** בִּין יֶעצְט אִין אוּמַאן, עֶס קֶען זַיין אִיךְ וֶועל פָארְן אוֹיךְ צוּ רֶבִּי נָתָן זַ"ל אִין בְּרֶסְלֶב, אוּן פוּן דָארְטְן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי"ע.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# עח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר וַיֵּצֵא ב׳ כִּסְלֵו ה׳תשע״א

שָׁלוֹם לְהַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

דַּיין בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

**וויסְן** זָאלְסְטוּ דָאס אַלֶעס וָואס דוּ לַיידְסְט אִיז נָאר וַוייל דִי אֱמוּנָה אִיז בַּיי דִיר נִישְׁט גַאנְץ, וָוארוּם אַז אֵיינֶער זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן, קוּמֶען אִין אִים אַרַיין גֶעדַאנְקֶען פוּן כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן כב) הַפֶּשַׁע שֶׁל הָאָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה בָּאָדָם, וֶועלְדִיג דִי זִינְד פוּן אַ מֶענְטְשׁ אַזוֹיפִיל מָאס כְּפִירוּת אוּן סְפֵיקוֹת קוּמְט אִים אַרַיין אִין דִי אֱמוּנָה, אוּן דָאס פַּיינִיגְט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק. וַוייל עֶס אִיז נָאךְ נִישְׁטָא אַזַא גוּט אוּן גֶעשְׁמַאק לֶעבְּן ווִי אֵיינֶער אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַלֶעס וָואס עֶס טוּט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶוערְט גֶעפִירְט נָאר בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, אוּן כְּדֵי עֶס זָאל זַיין אַ בְּחִירָה פַארְן מֶענְטְשׁ, אִיז דָא אַ בְּחִירָה, עֶס אִיז דָא אַ סַמֶ״ךְ מֶ״ם דֶער שָׂטָן וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין מֶענְטְשׁ שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען הֵיפֶךְ פוּן דִי אֱמוּנָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ אַז פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין דֶער שְׁוֶוערְסְטֶע נִסָּיוֹן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וֶועט זַיין פוּל מִיט כְּפִירוּת וְאַפִּיקוֹרְסוּת. אוּן לֵיידֶער זֶעעֶן מִיר אַז עֶס

אִיז מְקוּיָם גֶעוָוארְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז פוּל מִיט כְּפִירָה וְאַפִּיקוֹרְסוּת, וּבִפְרַט אַז עֶס אִיז אוֹיף גֶעשְׁטַאנֶען אַ פַארְשָׁאלְטֶענֶע מַלְכוּת וָואס אִיז לוֹחֵם אַקֶעגְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן מֶען רַייסְט אוֹיס מִילְיָאנֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע אֶמוּנָה, אוּן זֵיי וַוארְפְן פוּן זִיךְ אַרָאפּ דֶעם עוֹל הַמִּצְוֹת וְכוּ׳, עֶסְן טְרֵיפוֹת אוּן נְבֵילוֹת, מְחַלֵל שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב וְכוּ׳, שְׁפֶּעטְן אָפּ פוּן אַלְץ וָואס אִיז הֵיילִיג פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן בְּרֶענְגֶען אַרַיין אַ הֶפְקֵרְדִיגֶע לֶעבְּן אָן קַיין שׁוּם צְנִיעוּת אוּן מָארַאל וְכוּ׳, לֵיידֶער וִוי דִי נִידֶערְטְרֶעכְטִיגֶע גוֹיִם וְכוּ׳, אִיבֶּער דֶעם דַארְפְן מִיר זִיךְ יֶעצְט שְׁטַארְקְן מִיט פָּשׁוּטֶע אֶמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים.

**אִיךְ** וֵויים דָאס דוּ בִּיסְט בִּיז יֶעצְט זֵייעֶר מִיאוּס דוּרְכְגֶעפַאלְן וְכוּ׳, אָבֶּער שְׁטֶענְדִיג נוּצְט תְּשׁוּבָה. אוּן דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז אוֹיפְהֶערְן טוּן דִי נַארִישֶׁע אוּן שְׁמוּצִיגֶע זִינְד, נָאר דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה מֶען הֶערְט אוֹיף טוּן וְכוּ׳, אוּן מֶען אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ פוּן הַיינְט אָן וֶועל אִיךְ זִיךְ פִירְן עֶרְלִיךְ זֵייעֶר, דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה.

**אִיךְ** וֵויים עֶס וֶועט דִיר אָנְקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער, וַוייל דוּ הָאסְט זִיךְ שׁוֹין צוּגֶעוואוֹינְט טוּן שְׁלֶעכְטֶע אוּן מִיאוּסֶע זַאכְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אָבֶּער וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אַז מֶען טוּט נִישְׁט מֶער, אוּן מֶען אִיז אוֹיף זִיךְ מְקַבֵּל מֶען וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק קֶערְן צוּ טוּן דִי נַארִישֶׁע עֲבֵירוֹת אוּן תַּאֲוֹת וְכוּ׳.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַ וֶועג פוּן תְּפִלָּה, מֶען זָאל זִיךְ אוּיס רֶעדְן דָאס הַארְץ אוּיף אִידִישׁ, אוּן אוּיס צוּ דֶערְצֵיילְן פַארְן בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים אַלֶעסְדִינְג וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, אוּן בֶּעטְן רַחֲמִים אַז מֶען זָאל שׁוֹין נִישְׁט טוּן דִי מִיאוּסֶע עֲבֵירוֹת וְכוּ'. דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה, ווִי דֶער נָבִיא זָאגְט (הוֹשֵׁעַ יד, ג) "קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל הַוַיָ"ה", זָאגְן אוּיף דֶעם דִי חַזַ"ל (שְׁמוֹת רַבָּה פָּרָשָׁה לח, סִימָן ד) אֵינִי מְבַקֵּשׁ מִכֶּם אֶלָּא דְבָרִים, דֶער בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים ווִיל נָאר מְ'זָאל רֶעדְן צוּ אִים דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה.

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, דָאס וֶועט דִיר הֵיילִיגְן דָאס וֶועט דִיר פוּן שְׁמוּץ אַרוֹיס נֶעמֶען, דָאס וֶועט דִיר גְלִיקְלִיךְ מַאכְן, אוּן דוּ וֶועסְט שׁוֹין זַיין אַ צֶעפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן תָּמִיד**

## עט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר וַיֵּשֶׁב, י"ז כִּסְלֵו ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵייא זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דוּ גֶעבְּסְט זִיךְ אָפּ מִיט אַרוֹיסְגֶעבְּן דִי בְּרִיוו פוּן שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת "אֲשֶׁר בַּנַחַל" אוּיף אִידִישׁ, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג דֶעם גְרוֹיסְן זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט, וָוארוּם לֵיידֶער אִיז דָא אַזוֹיפִיל צוּבְּרָאכֶענֶע

נְשָׁמוֹת וָואס זֵיי דַארְפְן הָאבְּן חִיזּוּק, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ה) אַז פוּן צַדִּיק אוּן פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים קוּמֶען אַרוֹיס הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים, מְחַיֶה זַיין אַלֶע צוּבְּרָאכֶענֶע אוּן גֶעפַאלֶענֶע נְשָׁמוֹת אוּן זֵיי שַׁיינֶען אוּן זֵיי אַרַיין אוֹיבֶּעט גֶעטְלִיכְקֵייט, בִּיז זֵייעֶר מֹחַ הֵייבְּט אוֹיךְ אָן צוּ שַׁיינֶען אִין דִי אֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה, גְלֵייבְּן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס עֶר אִיז מְחַיֶה אוּן מְהַוֶּוה דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה, אוּן אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית. אוּן וֶוען אַ אִיד שְׁטַארְקְט זִיךְ אִין אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דֶעמָאלְטְס הָאט עֶר אַ רְפוּאָה, אוּן חָלִילָה וְחַס וֶוען ס'אִיז בַּיי דֶעם מֶענְטְשׁ אָפְּגֶעשְׁוַואכְט דִי אֱמוּנָה דֶעמָאלְטְס לַייְדט עֶר פוּן אַסַאךְ מַחֲלוֹת אוּן קְרֶענְק, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

**אוּן דֶער עִיקַּר נֶערְוְון קְרַאנְקְהַייט לַייְדט אַ מֶענְטְשׁ וָואס** עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, וָואס דֶעמָאלְטְס אִיז עֶר פַארְלוֹירְן אִינְגַאנְצְן. וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה אִיז עֶר זֵייעֶר גֶעדוּלְדִיג, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ קֶען אִים נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, וָוארוּם עֶר וֵוייסְט אַז אַלְסְדִינְג אִיז פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קנה) אַז דוּרְךְ אֱמוּנָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וַואקְסְן אוּן צוּ שְׁפְּרָאצְן, אוּן קַיין ווינְט קֶען אִים נִישְׁט אוֹיסְרֵייסְן, וָואס דָאס אִיז וָואס דִי חַזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת לא), אֱמוּנָה זֶה סֵדֶר זְרָעִים, וֶוען מֶען פְלַאנְצְט אַיין אַ בּוֹים אִין דֶער עֶרְד אוּן עֶס וָוארְצֶעלְט זִיךְ שְׁטַארְק אַיין אִין דֶער עֶרְד, דֶעמָאלְטְס קֶען קוּמֶען אַלֶע שְׁטוּרֶעמס ווינְטְן פוּן דֶער וֶועלְט אוּן זֵיי

וֶועלְן נִישְׁט אוֹיסְרֵייסְן דֶעם בּוֹים וָואס עֶס וַואקְסְט אַרוֹים מִיט שְׁטַארְקֶע וָוארְצְלֶען; דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אֱמוּנָה, וֶוען אַ אִיד אִיז אַיינְגֶעוָוארְצְלְט מִיט אֱמוּנָה קֶען קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטֶע ווינְטְן - דָאס הֵייסְט דֵעוֹת נִפְסָדוֹת וְכוּ' - אִים נִישְׁט אוֹיסְרֵייסְן וְכוּ', אַדְרַבָּה עֶר הָאט אַזַא מִין כֹּחַ אַז עֶר קֶען נָאךְ מְחַזֵק זַיין אַנְדֶערֶע. אִיבֶּערְדֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן אֱמוּנָה, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין הֵיילִיגְן תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זַ"ל, וֶוען דוּ וֶועסְט מְחַדֵשׁ זַיין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אוּן דוּ וֶועסְט קוּמֶען רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן צַדִיק, צוּשְׁפְּרֵייט דֶעם פֶּען; דָאס הֵייסְט מֶען דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן אוּן שְׁרַייבְּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד וָואס וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם צַדִיק הָאֱמֶת, וָואס דוּרְךְ אִים קוּמְט מֶען צוּ אֱמוּנָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** פְּרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה אוּן מְזַכֶּה אָפְּצוּדְרוּקְן דִי אַלֶע בְּרִיוו וָואס זֶענֶען וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת פַאר יֶעדֶע צוּבְּרָאכֶענֶע אוּן גֶעפַאלֶענֶעם וְכוּ', ווִי צוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט פַארְלִירְן זִיךְ פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אוּן גֶעדוּלְדִיג אִין זַיין טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְן.

**אַז** וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין דִי וֶועלְט, אוּן וֶוערְט נִישְׁט צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן הָאט שָׁלוֹם בַּיִת, עֶר וֵוייסְט ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט זַיין וַוייבּ, אוּן עֶר וֵוייסְט ווִי אַזוֹי אוּמְצוּגֵיין מִיט מֶענְטְשְׁן וְכוּ',

און עֶר דֶערְוַוייטֶערְט זִיךְ פוּן מַחְלוֹקֶת אוּן קְרִיגֶערַייעֶן, אוּן אַנְטְלוֹיפְט פוּן וִיכּוּחִים וְכוּ'.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטְן אוּן זִיסְן טָאג**

## פ

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁישִׁי עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיֵּשֶׁב, י"ט כִּסְלֵו ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**דַיין בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן.**

**זָאלְסְט** וִויסְן אַז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען הִתְחַדְשׁוּת אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, דָאס הֵייסְט אַז מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נַיי, יֶעדְן טָאג יֶעדֶע שָׁעָה יֶעדֶע רֶגַע דַארְף מֶען מַאכְן אַ נַייעֶ הַתְחָלָה אוּן קוּמֶען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן זָאגְן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל יֶעצְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, פוּן יֶעצְט אָן וִויל אִיךְ אָנְהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, פוּן יֶעצְט אָן וִויל אִיךְ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְווֹת מִיט שִׂמְחָה, וְכוּ', וְכוּ'. אַזוֹי דַארְף אַ אִיד שְׁטֶענְדִיג זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, פוּן יֶעצְט אָן וִויל אִיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. וֶוען מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ מַאכְן יֶעדֶעס מָאל אַ נַייעֶ הַתְחָלָה, דֶעמָאלְטְס גֵייט דִי לֶעבְּן גָאר אַנְדֶערְשׁ, וָוארוּם וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין אַ יֵאוּשׁ אוּן אִין אַ דִיפְּרֶעסְיֶע דָאס אִיז דִי אַרְגְסְטֶע זַאךְ, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז גָאר קַיין יֵאוּשׁ אִיז

נִישְׁט פַארְהַאנֶען, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן עח) גֶעוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ עֶס אִיז קַיין יֵאוּשׁ נִישְׁט פַארְהַאנֶען.

אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען צְווִישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן אַן עוֹבֵד הַשֵׁם, מִיטְן נָאמֶען הָרַב הַחָסִיד רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קוֹרְדִינֶער זַ"ל, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז שׁוֹין הוּנְדֶערְט פוּפְצִיג יָאר פוּן זִינְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיגְן 'גֶעוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ', אוּן נָאךְ אַלְץ הֶערְט מֶען דֶעם קוֹל, אוּן יֶעצְט אִיז שׁוֹין אִיבֶּער צְווֵיי הוּנְדֶערְט יָאר פוּן דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן נָאךְ אַלְץ הֶערְט מֶען דֶעם קוֹל וָואס עֶר שְׁרַייט 'גֶעוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ', אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, אוּן זָאלְסְט מַאכְן יֶעדְן טָאג אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה.

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ מִדְזִיקוֹב זי"ע בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר "עֲטֶרֶת יְהוֹשֻׁעַ", אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אִין דִי הוֹיפְּט שְׁטָאט פוּן ווִיעֶן, הָאט עֶר גֶעזֶען ווִי יֶעדְן טָאג רֵיינִיגְט מֶען דִי גַאסְן, הָאט עֶר אַ פְרֶעג גֶעטוּן דֶעם רֵיינִיגֶער, "פַארְוָואס דַארְף מֶען רֵיינִיגְן יֶעדְן טָאג דִי גַאסְן?" הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, "רַאבִּינֶער אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט רֵיינִיגְן יֶעדְן טָאג, וֶועט זִיךְ צוּזַאמְנֶעמֶען דִי שְׁמוּץ אִין גְרוֹיסְן... אוּן דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען עֶס קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען אָפְּרֵיינִיגְן..." הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק אָנְגֶערוּפְן פַארְן גַבַּאי'ן, "דוּ הֶערְסְט וָואס דֶער רֵיינִיגֶער זָאגְט? אַז מֶען דַארְף יֶעדְן טָאג

רֵיינִיגְן כְּדֵי עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט אָנְזַאמְלֶען דִי שְׁמוּץ, וָואס דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען עֶס נִישְׁט קֶענֶען אָפְּרֵיינִיגְן".

**אַזוֹי** דַארְף אַ אִיד יֶעדְן טָאג תְּשׁוּבָה טוּן אוּן בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף זַיין עָבַר, כְּדַאי עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט צוּזַאם זַאמְלֶען אוֹיף אֵיינְמָאל דִי אַלֶע שְׁמוּץ מֶען זָאל עֶס נִישְׁט קֶענֶען רֵיינִיגְן.

**זֶעט** מֶען פוּן דֶעם וִוי אַ אִיד דַארְף מַאכְן יֶעדְן טָאג אַ נַייֶע הַתְחָלָה אוּן בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל הָאבְן הַצְלָחָה אִין זַיין לֶעבְּן, אוּן נִישְׁט צוּפַאלְן.

**זֶע** צוּ זָאגְן יֶעדֶע נַאכְט אֵיידֶער דוּ לֵייגְסְט זִיךְ שְׁלָאפְן קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה מִיט דִי נוּסַח פוּן דִי אֲרִ"י זַ"ל, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, הֲלָכָה ב) דָאס וֶוער עֶס זָאגְט דֶעם סֵדֶר אִיז מֶען מוֹחֵל אַלֶע עֲווֹנוֹת, דֶער עִיקָר אִיז ווִידּוּי דְבָרִים, זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הַיינְט אִיךְ הָאבּ דָאס אוּן דָאס גֶעטוּן, זַיי מִיךְ מוֹחֵל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט, דָאס הִתְגַּבְּרוּת הַיֵּצֶר אִיז אוֹיף מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְט עֶר אוּן אִיז מוֹחֵל אַלֶע עֲווֹנוֹת, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים בְּחוּקוֹתַי) אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִיַּד שֶׁהֵם מִתְוַודִים מִיַּד אֲנִי מוֹחֵל לָהֶם.

**גֶעוְואוֹין** זִיךְ צוּ, צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת מְשַׁנֶה, ס'אִיז מְשַׁנֶה

דֶעם מֶענְטְש, און אֲפִילוּ אֵיינֶער לִיגְט שׁוֹין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, דֶער כֹּחַ פוּן מִשְׁנָיוֹת וֶועט אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי טוּמְאָה און דִי זוּהֲמָא וָואס עֶר אִיז דָארְטְן אַרַיינְגֶעפַאלְן, וָואס דָאס אִיז מְרוּמָז אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים ל׳) הֶ׳עֱלִיתָ מִ׳ן שְׁ׳אוֹל נַ׳פְשִׁי אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִשְׁנֶ״ה, אֲפִילוּ אֵיינֶער לִיגְט שׁוֹין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו דוּרְךְ מִשְׁנָה וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן דָארְט.

אַ גוּטְן שַׁבָּת

# פא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁישִׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיֵּשֶׁב, י״ט כִּסְלֵו ה׳תשע״א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

זֶע זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה צוּבְּרָאכְן צוּ וֶוערְן פוּן יֶעדֶע זַאךְ וְכוּ׳, דוּ דַארְפְסְט וִויסְן אַז אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אִיבֶּער בְּזֶה הָעוֹלָם שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, און דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אַ אִיד אִיז, אַז עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין דִי בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, וְכוּ׳. און וויאַזוֹי דֶערְהַאלְט מֶען זִיךְ? אוֹיבּ מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵק מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אַ אִיד דַארְף וויסְן אַז גָארְנִישְׁט וֶוערְט גֶעטוּן אַלֵיין, יֶעדֶע זַאךְ אִיז בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, און אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי הַשְׁגָּחָה, אִיז דָאס גַאנְץ

לֶעבְּן אַן אַנְדֶערֶע לֶעבְּן, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה הָאט עֶר אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן, חָלִילָה וְחַס וֶוען עֶר הָאט סְפֵיקוֹת אִין דִי אֱמוּנָה אִיז אִים דִי לֶעבְּן זֵייעֶר זֵייעֶר בִּיטֶער. דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ וֶועג זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן דַארְף מֶען נָאר בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דָאס בּוֹיעֶט אוֹיף דִי אֱמוּנָה. אִיבֶּער דֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר פוּן הַיינְט אָן אוּן וַוייטֶער זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען נָאר רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן זָאלְסְטוּ נָאר אִים בֶּעטְן, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיר טוּן, מֶען טָאר נִישְׁט צוּפַאלְן פוּן יֶעדֶע זַאךְ.

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג, וָוארוּם מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָה, אוּן וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר מְשַׁנֶה דִי טֶבַע, אוּן עֶר אִיז מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ הַשְׁגָחָה. וִויסְן דַארְפְסְטוּ וִויסְן דָאס מִשְׁנֶ"ה בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט וִוי פַּרְנָסָ"ה, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, אַ שָׁאד מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אָפְּגֶעלָאזְט דֶער לִימוּד פוּן מִשְׁנָיוֹת, וָוארוּם דֶער גַאנְצֶער גְאוּלָה אִיז תָּלוּי אִין וִויפִיל מִשְׁנָיוֹת מֶען לֶערְנְט, וָוארוּם דִי חַזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פַּרְשָׁה ז, סִימָן ג) אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְסוֹת אֶלָא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת; אִיבֶּערְדֶעם

זָאלְסְטוּ וויסְן אִין דֶעם זְכוּת פוּן לִימוּד מִשְׁנַיוֹת װֶעסְטוּ הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה.

אִיךְ הָאף אַז דוּ װֶעסְט מִיר פָאלְגְן אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים װֶעט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן.

**אַ גוּטְן שַׁבָּת**

# פב

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁישִׁי עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיֵּשֶׁב, י"ט כִּסְלֵו ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

זֶע זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ זָאל דִיר נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, אוֹיף דִי װֶעלְט גֵייט אוֹיף יֶעדְן אִיבֶּער אַסַאךְ צָרוֹת מִיט יִסוּרִים מִיט חֲלִישׁוּת הַדַעַת וְכוּ', דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד װֶערְט גֶעמָאסְטְן ווי אַזוֹי עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ. "דֶערְהַאלְטְן זִיךְ" מֵיינְט גְלֵייבְּן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פִירְט דִי װֶעלְט בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, מִמֵילָא יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ אִים, דָאס הֵייסְט צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס דָאס הֵייסְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הִתְבּוֹדְדוּת. אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כה) אַז הִתְבּוֹדְדוּת אִיז אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה הֶעכֶער פוּן אַלֶע מַעֲלוֹת אוֹיף דֶער װֶעלְט, וַוייל װֶען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ

רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס דֶערְהַאלְט אִים, דָאס בּוֹיעֶט אִים אוֹיף דִי אֶמוּנָה, דָאס בּוֹיעֶט אִים אוֹיף זַיין זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. בַּיים אָנְפַאנְג וֶועט זִיךְ דִיר דַאכְטְן אַז קֵיינֶער הֶערְט דִיךְ נִישְׁט צוּ, אָבֶּער דָאס קוּמְט פוּן חִסָרוֹן אֶמוּנָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סב) וֶוען אַ אִיד זָאל הָאבְּן אֶמוּנָה אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא מִיט אִים בַּיי אִים נֶעבְּן אִים, וָואלְט עֶר זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן וָואס עֶר רֶעדְט, וַוייל עֶר וָואלְט גֶעוואוּסְט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא, אוּן עֶר וָואלְט גֶערֶעדְט צוּ אִים אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַן אֶמֶת'ן גוּטְן חַבֵר, אוּן אַזוֹי ווִי אַ זוּן רֶעדְט צוּ זַיין טַאטְן. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אַסַאךְ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ לוֹיטֶערֶע אֶמוּנָה, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין שְׁפִּירְן אַז דוּ בִּיסְט דָא מִיט מִיר אוּן דוּ הֶערְסְט צוּ יֶעדֶעם וָוארְט וָואס אִיךְ רֶעד צוּ דִיר. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין שְׁטַארְק אִין דִי הֵיילִיגֶע אֶמוּנָה, אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שוּם סְפֵיקוֹת, וְכוּ'. אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ. בַּיים אָנְפַאנְג וֶועט זִיךְ דִיר דַאכְטְן אַז קֵיינֶער הֶערְט דִיךְ נִישְׁט אוֹיס, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי צוּגֶעוואוֹינֶען וֶועט זִיךְ דִיר בַּיים סוֹף עֶפֶענֶען דָאס פַארְשְׁטָאפְּטֶע הַארְץ, אוּן דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן דָאס גֶעטְלִיכְקֵייט וָואס עֶס נֶעמְט דִיךְ אַרוּם.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אֵיינֶעם, מֶען זֶעט אַ גְרוֹיסְן פֶּעלְזְן שְׁטֵיין וָואס נַאטוּרְלִיךְ אִיז דָאס זֵייעֶר הַארְט, וֶוען מֶען לָאזְט טְרָאפְּן וַואסֶער אוֹיפְן דִיקְן הַארְטְן פֶּעלְזְן שְׁטֵיין, אַ טְרָאפּ נָאךְ אַ טְרָאפּ, אַ טְרָאפּ נָאךְ אַ טְרָאפּ וְכוּ', צוּם סוֹף לֶעבֶערְט עֶר דָאס דוּרְךְ, ווִי שְׁטַארְק אוּן פֶעסְט ס'זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, אָבֶער אַז ס'טְרָאפְּט אַ טְרָאפּ נָאךְ אַ טְרָאפּ וַואסֶער, לֶעבֶערְט עֶר דוּרְךְ דֶעם פֶּעלְזְן שְׁטֵיין וְכוּ'; אַזוֹי אוֹיכֶעט, אוֹיבּ אַ אִיד הָאט אַ לֵב אֶבֶן, אַ פַארְשְׁטֵיינֶערְט הַארְץ, אוֹיבּ עֶר רֶעדְט יֶעדְן טָאג נָאךְ אַ דִיבּוּר אוּן נָאךְ אַ דִיבּוּר אוּן נָאךְ אַ דִיבּוּר וְכוּ' וְכוּ', צוּם סוֹף וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען דָאס פַארְשְׁטָאפְּט הַארְץ אוּן עֶר וֶועט שְׁפִּירְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא מִיט אִים בַּיי אִים נֶעבְּן אִים. אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ, וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין חַלִישׁוּת הַדַעַת וְכוּ', נָאר זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא אוּן דָארְטְן זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת. אוּן אֲפִילוּ ס'דַאכְט זִיךְ דִיר אַז קֵיינֶער הֶערְט דִיר נִישְׁט אוֹיס, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז יֶעדְן דִיבּוּר וָואס אַ אִיד רֶעדְט אִיז חָשׁוּב בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן וֶועסְטוּ נִישְׁט צוּלֵייגְן אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, וָוארוּם דוּ דַארְפְסְט וִויסְן אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיים

רֶבִּי'ן אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת, אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן זַיינֶע לַייט אַז זֵיי זָאלְן שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דָאס אִיז דִי טוֹיעֶר אַרַיינְצוּגֵיין צוּ אִים. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן פד) אַז דֶער טוֹיעֶר אַרַיינְצוּגֵיין צוּם בַּאשֶׁעפֶער אִיז דִי מוֹיל. וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ אַיין צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ גִיסְט עֶר זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה. אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ק), אַז אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן פַארְצֵיילְט אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶר מַדְרֵיגָה, נָאר דוּרְךְ תְּפִלָה; זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ בַּאפְלַייסְט אִין דֶעם זֵייעֶר לַאנְג, בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען יֶעדֶער אֵיינֶער צוּ זַיין זַאךְ. אִיבֶּערְדֶעם נֶעם דִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן הֵייבּ אָן צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. וָואס מֵיינְסְטוּ אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד? עֶר לֵייגְט זִיךְ נִישְׁט שְׁלָאפְן אוֹיבּ עֶר גְרֵייט נִישְׁט צוּ נֶעגְל וַואסֶער, עֶר לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע אִין סִידוּר, מִיט דִי נוּסַח פוּן אֲרִ"י זַ"ל, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אִין דֶעם טָאג; אַז מֶען לֵייגְט זִיךְ אַזוֹי, שְׁטֵייט מֶען אוֹיף ווִי אַ אִיד.

גְלַייךְ ווִי מֶען שְׁטֵייט אוֹיף -זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן נד) - דַארְף מֶען זִיךְ דֶערְמַאנֶען אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט,

און עֶר פִירְט דִי וֶועלְט בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִית, און מֶען דַאנְקְט אִים און מֶען לויבְּט אִים וָואס עֶר הָאט צורִיק גֶעגֶעבְּן דִי נְשָׁמָה, "מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ מֶלֶךְ חַי וְקַיָּם, שֶׁהֶחֱזַרְתָּ בִּי נִשְׁמָתִי בְּחֶמְלָה רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ", און נָאכְדֶעם גִיסְט מֶען זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער, און מֶען טְרָאגְט עֶס אַרויס אַלֵיין אויסְגִיסְן, ווי דֶער הֵיילִיגֶער שַׂר שָׁלוֹם פון בֶּעלְזָא זי"ע הָאט גֶעזָאגְט, 'וֶוען אַ אִיד גִיסְט אַלֵיין אויס דָאס נֶעגְל וַואסֶער אִיז דָאס אַ סְגוּלָה אויף יִרְאַת שָׁמַיִם', און מֶען גְרֵייט זִיךְ צו וְכוּ', און נָאכְדֶעם זָאגְט מֶען בִּרְכַּת הַתּוֹרָה, וָואס דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד דַארְף טון אִינְדֶערְפְרִי, זָאגְן בִּרְכַּת הַתּוֹרָה. מֶען טָאר נִישְׁט גָארְנִישְׁט טון אֵיידֶער מֶען זָאגְט בִּרְכַּת הַתּוֹרָה, נִישְׁט רֶעדְן, נִישְׁט לֶערְנֶען; קוֹדֶם זָאגְט מֶען בִּרְכַּת הַתּוֹרָה. און אַז דו וֶועסְט זוֹכֶה זַיין וֶועסְטוּ לֶערְנֶען אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, נָאכְדֶעם וָואס מֶען זָאגְט אָפּ דִי מִשְׁנָה און דִי בְּרַיְיתָא אֵלּוּ דְבָרִים שֶׁאֵין לָהֶם שִׁיעוּר וְכוּ', אִיז כְּדַאי צו לֶערְנֶען אַ פֶּרֶק אִין אָבוֹת; מַסֶּכֶת אָבוֹת אִיז מוּסָר פון דִי חַזַ"ל, און אַזוי ווי מֶען דַארְף לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מוּסָר, אִיבֶּערְדֶעם אִיז כְּדַאי יֶעדְן טָאג צו לֶערְנֶען אַ פֶּרֶק אִין אָבוֹת נָאךְ בִּרְכַּת הַתּוֹרָה. ס'אִיז דָא זֶעקְס פְּרָקִים אַקֶעגְן דִי זֶעקְס טֶעג, יֶעדְן טָאג אַן אַנְדֶערְן פֶּרֶק, און אַזוי וֶועסְטוּ זִיךְ קֶענֶען אָנְוַוארֶעמֶען.

**וּבִפְרַט** אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ שׁוין גֶעדְרִיקְט בִּיז יֶעצְט זִיבְּן סְפָרִים אויף פִּרְקֵי אָבוֹת, וואונְדֶערְלִיכֶע טַייטְשְׁן אויף יֶעדֶע מִשְׁנָה

מִיט דִי הַקְדָמוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זָאלְסְט אַרַיינְקוּקְן אִין דֶעם וֶועסְטוּ זִיךְ קֶענֶען מְחַיֶה זַיין אַ גַאנְצְן טָאג. אוּן נָאכְדֶעם לוֹיפְט מֶען אִין מִקְוֶה, אוּן מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן וָוארְט בַּיי וָוארְט אִין סִידוּר. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזֶא זי"ע הָאט גֶעזָאגְט, וֶוען אַ אִיד דַאוֶונְט מִיט כַּוָונָה, עֶר הָאט אִינְזִינֶען פֵּירוּשׁ הַמִילוֹת פוּן אָנְפַאנְג דַאוֶוענֶען בִּיזְן סוֹף, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ; וָוארוּם דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב הָאבְּן מְתַקֵן גֶעוֶוען דִי אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְדוֹלָה מִיט גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת. אוּן דִי עִיקָר פוּן דַאוֶוענֶען דַארְף זַיין בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת; וָואס הֵייסְט תְּפִלָּה בְּכֹחַ? מְקַשֵׁר זַיין דִי מַחְשָׁבָה צוּם דִיבּוּר, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט, פְּלִיט אִים דִי מֹחַ מַחְשָׁבָה אִין אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן וְכוּ', אוּן עֶר מַאכְט אַלֶע גֶעשֶׁעפְטְן בַּיים דַאוֶוענֶען וְכוּ', ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ל), וֶוען אַ אִיד דַאוֶונְט קוּמְט אִים אַרַיין אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת; אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֶען צוּבִּינְדְן דִי מַחְשָׁבָה צוּם דִיבּוּר, מֶען זָאל אִינְזִינֶען הָאבְּן וָואס מֶען רֶעדְט; אָבֶּער צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת, ווַייל פוּן אֵיין זַייט זָאגְט דִי מוֹיל, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט טְרַאכְט דֶער גֶעדַאנְק, צוּבִּינְדֶען דִי גֶעדַאנְק דִי מַחְשָׁבָה צוּם דִיבּוּר צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת; דָאס הֵייסְט תְּפִלָּה בְּכֹחַ, נִישְׁט ווַארְפְן זִיךְ אוּן נִישְׁט שְׁרַייעֶן וְכוּ', דָאס הֵייסְט נִישְׁט תְּפִלָּה בְּכֹחַ. תְּפִלָּה בְּכֹחַ אִיז אַז מֶען דַארְף צוּבִּינְדֶען דִי מֹחַ מַחְשָׁבָה צוּם דִיבּוּר, עֶר זָאל אִינְזִינֶען הָאבְּן יֶעדֶעם

וָוארְט וָואס עֶר רֶעדְט, און קַיין שׁוּם זַאךְ זָאל אִים נִישְׁט קֶענֶען אָפְּרַייסְן פוּן דִי דִיבּוּרֵי הַתְּפִילָה.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קיב), וֶוען אַ אִיד זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶוענֶען מִיט אַן אֱמֶת, דֶעמָאלְטְס לַייכְט אִים דֶער לֶעכְט פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער און עֶר קֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין פִינְסְטֶערְנִישׁ, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן דַיְיקָא, און זָאלְסְט דַאוֶוענֶען פוּן סִידוּר.

**עֶס** וָואלְט זֵייעֶר גוּט גֶעוֶוען וֶוען דוּ טְרֶעפְסְט זִיךְ עֶפֶּעס אַן אַרְבֶּעט, וָוארוּם דִי חַזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ב), טוֹב תּוֹרָה עִם דֶרֶךְ אֶרֶץ, שֶׁיְגִיעַת שְׁנֵיהֶם מַשְׁכַּחַת עָוֹן; מֶען דַארְף הָאבְּן בֵּיידֶע, זִיךְ קוֹבֵעַ עִתִּים זַיין לְתוֹרָה, און אַרְבֶּעטְן, וָוארוּם דִי חַזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נט.) הַבְּטֵילָה מְבִיאָה לִידֵי שִׁעֲמוּם וְלִידֵי זִימָה; אַז מֶען גֵייט אַרוּם לֵיידִיג טוּט מֶען עֶקְלְדִיגֶע זַאכְן, מֶען וֶוערְט מְשׁוּגָע פַאר לֵיידִיג גֵיין וְכוּ', וְכוּ', וֶועגְן דֶעם וָואלְט אִיךְ דִיר גֶערָאטְן זָאלְסְט זֶען זִיךְ צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע אַרְבֶּעט, און זָאלְסְט זִיךְ קוֹבֵעַ עִתִּים לְתוֹרָה זַיין, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם, בְּאוֹפֶן בִּיז פְרַייטָאג זָאלְסְטוּ הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט דִי סִדְרָה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם און אוֹיף אֲרִיכוּת יָמִים, וְוִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.), לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו;

אויך זָאלְסְטוּ זֶען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, און וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַ דַף גְמָרָא, הַיינְט אִיז דָא גְרִינְגֶע פִּירוּשִׁים וָואס זֵיי זֶענֶען מְפַרֵשׁ דִי גְמָרָא, אַז אֲפִילוּ מֶען הָאט אַ שְׁוַואכְן קָאפּ קֶען מֶען עֶס אויך פַּארְשְׁטֵיין, אויך אִיז דָא טֶעיפְּס וָואס מֶען קֶען הֶערְן שִׁיעוּרִים אִין חוּמָשׁ רַשִׁ"י, אִין מִשְׁנַיוֹת, און אִין גְמָרָא, און אויב דוּ וֶועסְט נִישְׁט פַּארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט אִיז כְּדַאי צוּ קוֹיפְן דִי טֶעיפְּס, מֶען קֶען עֶס קוֹיפְן הַיינְט זֵייעֶר בִּילִיג, און סְ'לוֹינְט זִיךְ צוּ קוֹיפְן אַ טֶעיפּ אויף גַאנְץ חֲמִשָׁה חוּמְשֵׁי תוֹרָה אויף גַאנְץ שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, און אויף גַאנְץ שַׁ"ס, עֶס קָאסְט נִישְׁט קַיין סַאךְ גֶעלְט, אָבֶער סְ'אִיז אַ גוּטֶע אִינְוֶועסְטְמֶענְט, אַ גוּט גֶעשֶׁעפְט, אַזוֹי אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט עֶפֶּעס קֶענְסְטוּ עֶס גְלַייךְ הֶערְן. אויךְ אִיז גוּט צוּ קוֹיפְן טֶעיפְּס פוּן הֲלָכָה, וֶוען דוּ פָּארְסְט אוֹיפְן וֶועג זָאלְסְטוּ קֶענֶען הֶערְן הֲלָכָה, סְ'אִיז זֵייעֶר וויכְטִיג צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כט), אַז יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה, און עֶר הָאט אוּנְז זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן מִיר זָאלְן זַיין שְׁטַארְק מִיט לִימוּד הֲלָכָה, אַ אִיד דַארְף ווִיסְן וויאַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אִיבֶּערְהֶעם אויב סְ'אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ פַּארְשְׁטֵיין, קוֹיף דִיר דִי טֶעיפְּס, און אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען לֶערְנֶען הֲלָכָה, וּבִפְרַט הִלְכוֹת שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר וויכְטִיג און הִלְכוֹת נִדָה אִיז זֵייעֶר וויכְטִיג, און בִּכְלַל אִיז זֵייעֶר וויכְטִיג צוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי אַ אִיד דַארְף זִיךְ פִירְן, אִיבֶּערְהֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ הֲלָכָה.

דֶער עִיקָר זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, אוּן קֵיינֶער זָאל דִיךְ נִישְׁט פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ, מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים פַאר אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן, וּבִפְרַט דִי שִׂיחוֹת וָואס עֶס אִיז גֶעדְרִיקְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן אוּן אִין חַיֵי מוֹהֲרַ"ן דָאס זָאלְסְטוּ זֶען אַסַאךְ צוּ לֶערְנֶען אוּן מְקַיֵים זַיין אַ יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע הָאט דָאס פַארְצֵייכֶענְט, דָאס אִיז אַמָאל זִיכֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס פַארְצֵייכֶענְט לְדוֹרֵי דוֹרוֹת אַז עֶס זָאל בְּלַייבְּן פַאר אוּנְז, אוּנְז הָאבְּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן בַּיי אִים וֶועלְן מִיר זִיךְ הַאלְטְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֵיידֶער עֶר אִיז אַוֶועק מִזֶה הָעוֹלָם הָאט עֶר גֶעזָאגְט בְּפֵירוּשׁ 'אִיךְ וִויל בְּלַייבְּן צְווִישְׁן אַייךְ', אוּן בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט לֶעבְּט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָוארוּם וֶוער ס'לֶערְנְט זַיינֶע סְפָרִים אוּן אִיז מְקַיֵים זַיינֶע עֵצוֹת בַּיי אִים לֶעבְּט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, מִיר פִירְן זִיךְ אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, וֶועסְטוּ זֶען אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן.

**אַז** וואוּיל וֶועט דִיךְ זַיין אַז דוּ וֶועסְט מְקַיֵים זַיין וָואס אִיךְ הָאב דִיר דָא גֶעשְׁרִיבְּן, וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט זַיין אִינְטֶערְדְרִיקְט וְכוּ', דוּ וֶועסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֲלִישׁוּת הַדַעַת וְכוּ', וֶועסְט נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן וְכוּ', וֶועסְט זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵייְלֶעךְ.

**אַ גוּטֶע וָואךְ מִיט אַ לֶעכְטִיגֶע חֲנוּכָּה**

# פג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם שִׁשִּׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיֵּשֶׁב, י"ט כִּסְלֵו ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֶען זֵייעֶר צוּ שְׁטַארְקְן, אוּן דוּ זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ, וָוארוּם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אַ גוּט וַוייבּ, אוּן דוּ בִּיסְט נִישְׁט קַיין מֵבִין וָואסְפַּארַא יְשׁוּעָה הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיךְ גֶעטוּן, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶען מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זֶען צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וָואס דָאס אִיז אַ יְסוֹד אִין לֶעבְּן, דָאס אִיז מְטַהֵר דִי נְשָׁמָה, מִשְׁנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָ"ה, זָאלְסְט אַסַאךְ פְּרָקִים לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, אוּן דָאס וֶועט דִיךְ מְזַכֵּךְ זַיין דַיין נְשָׁמָה.

דוּ דַארְפְסְט טְרֶעפְן אַ גוּטְן אַרְבֶּעט זָאלְסְט קֶענֶען אַפָּאר שָׁעָה אַרְבֶּעטְן, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ב) טוֹב תּוֹרָה עִם דֶרֶךְ אֶרֶץ, שֶׁיְגִיעַת שְׁנֵיהֶם מַשְׁכַּחַת עָוֹן; אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אוּן עֶר אַרְבֶּעט, פַארְגֶעסְט עֶר צוּ זִינְדִיגְן, מַשְׁכַּחַת אִיז אַ לָשׁוֹן שִׁכְחָה, אָבֶּער אַז מֶען דְרֵייט זִיךְ אַרוּם לֵיידִיג זִינְדִיגְט מֶען אוּן מֶען טוּט נַארִישְׁקֵייטְן, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶען צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג, אוֹיךְ דוּ בִּיסְט יֶעצְט אִין שָׁנָה רִאשׁוֹנָה זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ הִלְכוֹת נִדָּה, וִויסְן וואוּ אַיין וואוּ אוֹיס, אוּן

זָאלְסְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע אַרְבֶּעט, קוּק נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט, דִי חַזַ"ל זָאגְן (פְּסָחִים דַף קיג.), פְּשׁוֹט נְבֵילְתָא בְּשׁוּקָא וְשָׁקִיל אַגְרָא, וְלֹא תֵימָא כַּהֲנָא אֲנָא וְגַבְרָא רַבָּא אֲנָא; זָאלְסְט אָפְּשִׁינְדְן אַ נְבֵילָה אִין גַאס, און זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען, און זָאלְסְט נִישְׁט זָאגְן אִיךְ בִּין אַ כֹּהֵן גָדוֹל מִיךְ פַּאסְט דָאס נִישְׁט; סְ'אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ סְ'פַּאסְט נִישְׁט, אַ אִיד הָאט זִיךְ אִינְטֶערְגֶענוּמֶען אִין דִי כְּתוּבָּה אַז עֶר דַארְף מְפַרְנֵס זַיין; מֵהֵיכָא תֵּיתִי, אַז דֶער וַוייבּ הֶעלְפְט אַרוֹיס, אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, אָבֶּער זִי מוּז נִישְׁט, זִי טוּט דָאס פוּן אִיר גוּטְן ווִילְן, פַּרְנָסָה דַארְף בְּרֶענְגֶען דֶער מַאן, עֶר הָאט זִיךְ מְחַיֵיב גֶעוֶוען אִין דִי כְּתוּבָּה אַז עֶר וֶועט אִיר מְפַרְנֵס זַיין, מְמֵילָא דַארְפְסְטוּ זֶען צוּ טְרֶעפְן זִיךְ אַן אַרְבֶּעט, אַז סְ'וֶועט זַיין אַרְבֶּעט וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין קְרִיגֶערַייעֶן אִין שְׁטוּב.

**נָאר** זָאלְסְט זִיךְ הַאלְטְן און זָאלְסְט זַיין זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ און הִיט זִיךְ פוּן שְׁלֶעכְטְס.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיךְ פָאלְגְן, יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ גַנְבֶענֶען פִינְף-צֶען מִינוּט און זָאלְט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן, וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער אִינְגֶערְמַאן. אִיךְ מוּז דִיר נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְחַזֶרְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ וַוייבּ מִיט אַלֶע מַעֲלוֹת, מְמֵילָא זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן נָאר זָאלְסְט דַאנְקֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף

דִי חֲסָדִים וָואס עֶר הָאט מִיט דִיךְ גֶעטוּן, דֶעמָאלְטְס וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגֶע וָואךְ אוּן אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה**

## פד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵו ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... שֶׁיִּחְיוּ נֶצַח

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן עֶנְקֶער בְּרִיוו.

**וָואס** זָאל אִיךְ עֶנְק זָאגְן, אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארְן פוּן הֶערְן אַז אִיר ווִילְט זִיךְ אַוֶועקְצִיעֶן פוּן אַ אִידִישֶׁע גֶעגֶענְט אִין זִיךְ צִיעֶן צְווִישְׁן פְרַייעֶ; דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי, ווַייל אִיךְ זֶע שׁוֹין אַז אִיר גְרָאבְּט זִיךְ אַ גְרוּבּ לֹא עָלֵינוּ.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז אַ אִיד וָואס עֶר וואוֹינְט צְווִישְׁן פְרוּמֶע אִידְן וֶועט עֶר אוֹיךְ זַיין פְרוּם, אֲפִילוּ עֶר אִיז יֶעצְט אָפְּגֶעקִילְט וֶועט אִים דֶערְוַוארֶעמְט וֶוערְן דָאס הַארְץ, וַוייל עֶר וֶועט זֶען ווִי נָאךְ אִידְן פִירְן זִיךְ אוֹיף בִּקְדוּשָׁה וְטַהֲרָה, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען גֵייט וואוֹינֶען צְווִישְׁן פְרַייעֶ וְכוּ' וְכוּ', וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעקִילְט, בִּיז מֶען קֶען אַרַיינְפַאלְן אִין כְּפִירוּת מִיט אַפִּיקוֹרְסוּת, אוּן אִיבֶּערְלָאזְן דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט לֹא עָלֵינוּ; אִיבֶּערְדֶעם הַאלְט אִיךְ אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה, בִּפְרַט פַאר דִי קִינְדֶער.

עֶם ווערט דֶערצֵיילְט, אַז אַמָאל הָאבְּן זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען אַפָּאר מִשְׁפָּחוֹת אַז זֵיי וֶועלְן זִיךְ אַוֶועקְצִיעֶן אִין אַ נֵייעֶ שְׁטָאט וָואס דָארְטְן אִיז קַיין אִידְן נִישְׁט גֶעוֶוען, כְּדֵי זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַ בֶּעסֶער לֶעבְּן מִיט פַּרְנָסָה אוּן דָאס גְלַייכְן וְכוּ', צְווִישְׁן זֵיי אִיז גֶעוֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן אוּן אַ תַּלְמִיד חָכָם, אוּן עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר וֶועט טְרֶעפְן זַיינֶע גְלִיקְן עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ וְכוּ'. וַיְהִי הַיּוֹם, הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶער גַלַח פוּן שְׁטָאט מִיט אִים מְחַבֵּר זַיין, אוּן דֶער גַלַח הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים דֶערְצֵיילְן פוּן אִידִישְׁקֵייט, אוּן ווִי גֶעוֶועוְנְדְלִיךְ אַ אִינְגֶערְמַאן אַ תַּלְמִיד חָכָם אַ לַמְדָן הָאט גֶעהַאט וָואס צוּ דֶערְצֵיילְן דֶעם גַלַח, אוּן דֶער גַלַח וֶוען עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט דֶעם אִינְגֶערְמַאן, הָאט עֶר אִים זֵייעֶר אוֹיסְגֶערִימְט "דוּ בִּיסְט אַזַא גְרוֹיסֶער לַמְדָן, אַזַא גְרוֹיסֶער קָאפּ, פוּן וואוּ קֶענְסְטוּ אַזוֹי גוּט לֶערְנֶען?" אוּן עֶר הָאט אִים שְׁטֶענְדִיג גֶעגְרוֹיסְט, אוּן ווִי גֶעוֶועוְנְדְלִיךְ אַז מֶען גְרוֹיסְט אֵיינֶעם גֵייט עֶר אַרַיין אִין גַאֲוָה אוּן אִין יֵשׁוּת, אַזוֹי פְלֶעגְט זִיךְ דֶער גַלַח מִיט אִים פִירְן.

אוּן דֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז גֶעוֶוען מָלֵא שִׂמְחָה, עֶס הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז עֶר גֵייט דֶעם גַלַח מַחֲזִיר בִּתְשׁוּבָה זַיין, אוּן דֶער גַלַח וֶועט זִיךְ מְגַייר זַיין, וָוארוּם עֶר אִיז מְקַבֵּל זַיינֶע וֶוערְטֶער אוּן עֶר רִימְט אִים אוֹיס, "ווִי אַזוֹי בִּיסְטוּ אַזַא גְרוֹיסֶער חָכָם?" אוּן דָאס גְלַייכְן. וַיְהִי הַיּוֹם הָאט דֶער גַלַח אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן פְרֶעגְן טִיפֶע שְׁאֵלוֹת אִין אֱמוּנָה וְכוּ', אוּן פִילָאזָאפִירְט מִיט אִים וְכוּ', בִּיז דֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז אָפְּגֶעקִילְט

גְעוָוארְן פוּן דִי אֱמוּנָה, בִּיז עֶר הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר גֵייט זִיךְ שְׁמַדְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן. פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶעגֶעסְן דָאס הַארְץ, דָאס וַוייבּ הָאט גֶעוֵויינְט.

זֶענֶען זֵיי אַרִיבֶּער גֶעפָארְן צוּם בַּעַל הַתַּנְיָא זי"ע אוּן זֵיי הָאבְּן אִים דָאס דֶערְצֵיילְט. ווי דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא הָאט עֶס גֶעהֶערְט, אִיז עֶר דֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארְן, אוּן הָאט זֵיי גֶעזָאגְט, "אִיךְ קֶען נִישְׁט הֶעלְפְן, נָאר מַיין גְרוֹיסֶער רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי"ע, קוּמְט מִיט מִיר אִיךְ וֶועל פָארְן צוּם רֶבִּי'ן". זֶענֶען זֵיי אַלֶע מִיטְגֶעפָארְן מִיט אִים, אוּן זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד זי"ע, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְט, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר, וָוארוּם עֶר הָאט גֶעקֶענְט דֶעם אִינְגֶערְמַאן אַז עֶר אִיז אַ לַמְדָן אוּן אַ חָכָם, אוּן יֶעצְט אִיז עֶר אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן, אַז עֶר הַאלְט זִיךְ בַּיים שְׁמַד'ן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד זי"ע גֶעבֶּעטְן אַז אַלֶע תַּלְמִידִים זָאלְן זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען אִין צִימֶער, אוּן זֵיי זָאלְן אָנְהוֹיבְּן צוּ זָאגְן תְּהִלִּים. פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז קֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס דָא גֵייט פָאר, נָאר דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זי"ע הָאט אַלֶעס גֶעוואוּסְט וָואס דָא גֵייט פָאר. זֶענֶען זֵיי אַרַיין אִין אַ צִימֶער אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זָאגְן תְּהִלִּים מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד זי"ע אִיז אַרַיין אִין אַן אַנְדֶערֶע צִימֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעטוּן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, בִּיז דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעכַאפְּט הֶענְט אוּן פִיס אוּן אִיז אַנְטְלָאפְן פוּן גַלַח, וָוארוּם עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען פַארְשְׁפַּארְט

אִין זֵייעֶר קְלוֹיסְטֶער אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעוָואלְט אָפְּשְׁמַדְן, אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן בִּיז צוּם הֵיילִיגְן מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי"ע, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט עֶר הָאט חֲרָטָה אוֹיף זַיינֶע מַעֲשִׂים, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד זי"ע הָאט גֶעהֵייסְן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ גְלַייךְ אַרוֹיסְצִיעֶן פוּן דִי גוֹיִשֶׁע שְׁטָאט ווִי סְ'אִיז נִישְׁטָא קֵיין מִנְיָן אִידְן אֲפִילוּ.

**זָעט** מֶען פוּן דֶעם, אוֹיב מִשְׁפָּחוֹת ווִילְן זִיךְ אַרַיינְצִיעֶן אִין אַ גוֹי'שֶׁע גֶעגְנְט, אוּן זֵיי מֵיינֶען אַז זֵיי וֶועלְן מְקַדֵשׁ שֵׁם שָׁמַיִם זַיין, וֶועט זַיין פוּנְקְט פַארְקֶערְט וְכוּ', מֶען וֶועט זֵיי אוֹיס'שְׁמַד'ן, מֶען וֶועט זֵיי אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען פוּן אִידִישְׁקֵייט, אוּן מֶען וֶועט זֵיי אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן, בִּיז מֶען קֶען זִיךְ שְׁמַד'ן רַחֲמָנָא לִיצְלָן. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ אַייךְ בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְצִיעֶן פוּן אַ פְרוּמֶען גֶעגְנְט צוּ אַ פְרַייעֶ גֶעגְנְט.

**אִיךְ** מוּז אֵייךְ עֵדוּת זָאגְן, דָאס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן אִין אַ שְׁטֶעטְל יַבְנְאֵל אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וָואס דָאס אִיז אַ פְרַייעֶ שְׁטֶעטְל, גֶעגְרִינְדֶעט אִיז דָאס גֶעוָוארְן פַאר הוּנְדֶערְט אוּן צֶען יָאר צוּרִיק דוּרְךְ פְרוּמֶע אִידְן, אוּן בְּמֶשֶׁךְ דִי דוֹרוֹת הָאט מֶען פוּן זֵיי אוֹיסְגֶערִיסְן דִי אֶמוּנָה, עַד כְּדֵי כָּךְ אַז יַבְנְאֵל אִיז אַ שְׁטֶעטְל אֵיינֶע פוּן דִי פַארְבִּיסֶענְסְטֶע שְׁטֶעטְלֶעךְ פוּן גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דָארְטְן הָאט מֶען מַעֲבִיר גֶעוֶוען עַל הַדַת צְוֵויי עֵדוּת אִידְן, דִי תֵּימָנְ'עֶר אִידְן, אוּן דִי טוּנִיסֶער אִידְן; צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן הָאט מֶען דָארְטְן

מַעֲבִיר גֶעוֶוען עַל הַדַת, און עַד הַיוֹם וֵויים אִיךְ נִישְׁט וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט גֶעוָואלְט פוּן מִיר אַז אִיךְ זָאל זִיךְ דָארְטְן אַרַיינְצִיעֶן וְכוּ׳. אָבֶער וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען פוּן דֶער נָאנְט וויאַזוֹי מֶען הָאט מַעֲבִיר גֶעוֶוען דִי אִידְן עַל הַדַת. עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז סְפַרְדִישֶׁע אִידְן זֶענֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין אֶמוּנָה, מֶען קֶען זֵיי נִישְׁט אָפְּרַייסְן פוּן דִי אֶמוּנָה, דֶערְפַאר הָאט דֶער רָשָׁע מְרוּשָׁע וְכוּ׳ בַּאשְׁלָאסְן, אַז עֶר וֶועט מַאכְן אַ ״רַבָּנוּת״, און עֶר וֶועט אוֹיפְנֶעמֶען ״רַבָּנִים מְטַעַם״ און זֵיי וֶועלְן טוּן דִי אַרְבֶּעט. וָוארוּם סְפַרְדִישֶׁע אִידְן וֵוייסְן אֵיין זַאךְ, ״אוֹיף אַ רָב טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן!״. זֵיי רוּפְן אִים ״כְּבוֹד הָרַב״, וָואס עֶר זָאגְט אִיז בַּיי זֵיי הֵיילִיג, זֵיי זֶענֶען נֶעבֶּעךְ גְרוֹיסֶע עַמֵי אֲרָצִים, וֵוייסְן זֵיי נִישְׁט מַבְחִין צוּ זַיין וָואס הֵייסְט אַן אֶמֶת׳ע רָב, אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אַ תַּלְמִיד חָכָם; צוּ אַ פַאלְשֶׁער ״רָב״ וָואס אִיז בֶּאֱמֶת אַ ״שְׁטְרָאף״, עֶר פִּירְט זֵיי אִיבֶּער.

**אִיךְ** בִּין גֶעקוּמֶען אִין יַבְנְאֵל וואוּינֶען, אִיז אִין דִי מִקְוֶה נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין וַואסֶער אִין דִי אוֹצְרוֹת; קוּמְט אוֹיס אַז דָאס הָאט גֶעהַאט אַ דִין פוּן אַמְבַּטְיָה, און עֶר הָאט אַלֶעמֶען מַכְשִׁיל גֶעוֶוען מִיט אִיסוּר כְּרִיתוּת רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, ווַייל וֶוען אִין אַ מִקְוֶה אִיז נִישְׁטָא קַיין מֵי גְשָׁמִים אִיז דָאס נִישְׁט קַיין מִקְוֶה, הָאט עֶר עוֹקֵר גֶעוֶוען דִי תְּמִימוּת׳דִיגֶע אִידְן פוּן טַהֲרַת הַמִשְׁפָּחָה. ווִידֶערְאוּם אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין עֵירוּב, הָאט עֶר מַכְשִׁיל גֶעוֶוען אַלֶעמֶען מִיט אִיסוּר שַׁבָּת. ווִידֶערְאוּם הָאט עֶר גֶעהַאט אַ טְרֵיפָה׳נֶעם שׁוֹחֵט, וָואס הָאט

אַלֶעמֶען מַכְשִׁיל גֶעוֶועזן מִיט טְרֵיפוֹת אוּן נְבֵילוֹת. אַזוֹי הָאט
עֶר אָפְּגֶעקִילְט דָאס גַאנְץ שְׁטֶעטְל, בִּיז עֶר הָאט פוּן זֵיי
אַרוֹיסְגֶעְרִיסְן דִי אֶמוּנָה.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען דָארְטְן וואוֹינֶען, הָאבּ אִיךְ שׁוֹין
מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט מִיט מִיר אַ מִנְיָן אִידְן, אוּן מִיר הָאבְּן
גֶעגְרִינְדֶעט אַ קְהִילָה, אוּן סְ'אִיז אוּנְז אָנְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער;
אִיךְ הָאבּ גֶעבְּרֶענְגְט מִיט מִיר אַ שׁוֹחֵט, הָאט עֶר אוּנְז
גֶעמַסֶרְט, אוּן פוּן דֶעמָאלְטְס אָן רוֹדֶפְט עֶר אוּנְז שׁוֹין פִינְף
אוּן צְוָואנְצִיג יָאר.

דֶערְוַוייל הָאט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיךְ גֶעהָאלְפְן אִיךְ
הָאבּ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דָארְטְן אַ הֵיילִיגֶע קְהִילָה
פוּן אִיבֶּער דְרֵיי הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת פְרוּמֶע אִידְן, וָואס
הֶעלְפְט פוּן זֵיי גֵייעֶן מִיט שְׁטְרַיימְל, בֶּעקִיטְשֶׁע, וַוייסֶע זָאקְן;
אוּן דִי פְרוֹיעֶן גֵייעֶן אָפְּגֶעשׁוֹירְן דִי הָאר אַזוֹי וִוי דִי הֵיימִישֶׁע
אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן, אוּן מִיר הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ תַלְמוּד
תוֹרָה מִיט אַ מֵיידְל שׁוּלֶע, אַ יְשִׁיבָה קְטַנָה מִיט אַ יְשִׁיבָה
גְדוֹלָה, אַ נוּרְסֶערִי מִיט אַ קִינְדֶערְגַארְטְן, אוּן מֶען אִיז מְחַנֵךְ
דִי קִינְדֶער עַל טַהֲרַת הַקוֹדֶשׁ; עֶס צֵיילְט שׁוֹין זִיבְּן הוּנְדֶערְט
קִינְדֶער בְּלִי עַיִן הָרַע, כֵּן יִרְבּוּ, אוּן מִיר הָאבְּן צְוֵויי כּוֹלְלִים,
אַ כּוֹלֵל פַאר בַּעֲלֵי בָּתִּים וָואס סְ'לֶערְנֶען דָארְטְן אַכְצִיג
אִינְגֶעלַייט, אוּן אַ כּוֹלֵל לְהוֹרָאָה וָואס עֶס לֶערְנֶען פוּפְצִיג
אִינְגֶעלַייט, דָאס קֶען מֶען קוּמֶען אוּן זֶען. אוּן דִי צָרוֹת וָואס
מִיר לַיידְן פוּן דִי פְרַייעֶ בִּיז הַיינְט אִיז נִישְׁט צוּ בַּאגְרֵייפְן,

בִּפְרַט פוּן דֶעם "שְׁטְרָאף" וָואס עֶר אִיז אַ מָסוּר, אוּן מַסֶר'ט פַּאר דִי מַלְכוּת הָרִשְׁעָה. הָאבּ אִיךְ אֵיינְגֶעזֶען אַז דֶער עִיקָר וֶוער סְ'הָאט מַעֲבִיר גֶעוֶוען עַל הַדַּת, זֶענֶען דִי רַע-בָּנִים מְטַעַם הַמְדִינָה וְכוּ'.

קֵיינֶער זָאל נִישְׁט דֶערְצֵיילְן קַיין מַעֲשִׂיוֹת, וֶוער סְ'הָאט פוּן זֵיי הַנָאָה, דֶער מוּז בַּיים סוֹף מוֹדֶה זַיין צוּ דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן מַלְכוּת הַמִינוּת! אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן זִיךְ נִישְׁט אַריינְצִיעֶן צְווִישְׁן גוֹיִים, וָוארוּם אִיר וֶועט אַלֶע אָפְּגֶעקִילְט וֶוערְן פוּן דִי אֱמוּנָה הַקְדוֹשָׁה, וָואס דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶמִיץ הֶערְשְׁט הָאבְּן אַ בְּרָאךְ.

עֶס הָאט זִיךְ מִיר גֶעלוּינְט אַריינְצִיעֶן אִין אַזַא פְּרַייעֶ שְׁטֶעטְל. קוֹדֶם כָּל וֶוערְן זֵיי צֶעפְּלַאצְט אוּן צֶעזֶעצְט אַז דִי פְּלַאץ וואוּ סְ'אִיז גֶעוֶוען אַן אוֹישְׁוִויץ לֹא עָלֵינוּ, מֶען הָאט מַעֲבִיר גֶעוֶוען עַל הַדַּת צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן, דָארְטְן אִין זֵייעֶר בֵּית הַבְּלִיעָה הָאט מֶען אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ הֵיילִיגֶע קְהִילָה, אִידְן מִיט בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת מִיטְן חַסִידִישְׁן לְבוּשׁ, פְרוֹיעֶן גֵייעֶן מִיט צְנִיעוּת, אָפְּגֶעשוֹירְן דִי הָאר וְכוּ', ווִי הֵיימִישֶׁע פְרוֹיעֶן וְכוּ'. מֵיידְלֶעךְ גֵייעֶן בִּצְנִיעוּת, אִינְגְלֶעךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה, בָּחוּרִים לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה תּוֹרָה, אִינְגֶעלַייט לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה תּוֹרָה, דָאס אִיז וָואס עֶס דֶערְהַאלְט אוּנְז, עֶס בְּרֶענְט זֵיי אוֹיס דִי אוֹיגְן. אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְט, אַז דִי רַע-בָּנִים זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען דִי שׁוּלְד פוּן מַעֲבִיר זַיין עַל הַדַּת

די סְפַרְדִישֶׁע אִידְן; וָוארוּם מֶען קֶען זֵיי נִישְׁט מַעֲבִיר זַיין עַל הַדָת נָאר דוּרְךְ פַארְשְׁטֶעלְטֶע רַע-בָּנִים, מֶען רוּפְט זֵיי "כְּבוֹד הָרַב", און וָואס זֵיי פְּרֶעדִיגְן אִיז בַּיי זֵיי נֶעבֶעךְ הֵיילִיג. זֵיי זֶענֶען אוּמְווִיסְנְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי זֶענֶען עַמֵי אַרָצִים גְמוּרִים, מְמֵילָא בַּיי זֵיי וָואס "כְּבוֹד הָרַב" זָאגְט אִיז הֵיילִיג. אֵיי דָאס אִיז נִישְׁט קַיין "רַב" נָאר אַ "שְׁטְרָאף"; אָבֶער דָאס וֵוייסְן זֵיי נִישְׁט. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, אִיר זָאלְט זִיךְ בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן נִישְׁט אַריינְצִיעֶן אִין אַ פְּרַייעֶ גֶעגְנְט, בְּלַייבְּט צְווִישְׁן עֶרְלִיכֶע אִידְן, און טוּט תְּשׁוּבָה; דָאס קוּמְט פוּן קַלוּת, וָואס אִיר זֶענְט גֶעוָוארְן אָפְּגֶעקִילְט פוּן אִידִישְׁקֵייט.

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זי"ע, אַז עֶר אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים נֶעבְּן אַ טַייךְ, און דֶער טַייךְ אִיז גֶעוֶוען גֶעפְרוֹירְן, און דִי שְׁקָצִים'לֶעךְ הָאבְּן אוֹיסְגֶעקְרִיצְט אַ גְרוֹיסְן שְׁתִי וָעֶרֶב אוֹיפְן אַייז, און עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען און גֶעקוּקְט זֵייעֶר. הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט און גֶעפְרֶעגְט: "וָואס קוּקְט דֶער רֶבִּי אַזוֹי לַאנְג אוֹיף דִי אַייז?" הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער! וַואסֶער אִיז דָאךְ זֵייעֶר הֵיילִיג; - אַ מֶענְטְשׁ ווי טָמֵא עֶר זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, וֶוען עֶר גֵייט אַרַיין אִין וַואסֶער וֶוערְט עֶר טָהוֹר, און דָא זֶע אִיךְ אַז וִויפִיל דִי וַואסֶער אִיז גֶעפְרוֹירְן גֶעוָוארְן, קֶען מֶען אוֹיסְקְרִיצְן אוֹיף דֶעם אַ שְׁתִי וָעֶרֶב (אַ צֵלֶם)!", הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעזָאגְט, "כָּל זְמַן דָאס הַארְץ פוּן אַ אִיד אִיז וַוארֶעם און בְּרֶענְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים קֶען אִים קֵיינֶער נִישְׁט אָפְּקִילְן, וִויפִיל

נָאר דָאס הַארְץ וֶוערְט קַאלְט וִוי אַייז, קֶען מֶען אוֹיסְקְרִיצְן אוֹיף דֶעם אַ שְׁתִי וָעֶרֶב (אַ צֶלֶם)". זֶעט מֶען פוּן דֶעם, כָּל זְמַן אַז מֶען וואוֹינְט צְוִוישְׁן עֶרְלִיכֶע אִידְן, וֶוערְט מֶען אָנְגֶעוואַרֶעמְט דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט אָפְּקִילְן, אָבֶּער וִויפִיל נָאר מֶען צִיט זִיךְ אַרַיין צְוִוישְׁן פְּרַייעֶ, אוּן מֶען אִיז זִיךְ מִתְחַבֵּר מִיט זֵיי, אוּן מֶען רֶעדְט מִיט זֵיי וְכוּ', וֶוערְט מְקוּיָם 'הֲרֵי זֶה בָּא לְלַמֵּד וְנִמְצָא לָמֵד'; אִיךְ מֵיין אִיךְ וֶועל מִיט זֵיי קֶענֶען רֶעדְן אוּן זֵיי צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּ אִידִישְׁקֵייט, דֶערְוַויל רֶעדְן זֵיי מִיט מִיר, אוּן זֵיי פִירְן מִיר אִיבֶּער פוּן אִידִישְׁקֵייט. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ זִיךְ צוּ עֶנְק, וֶועגְן עֶנְקֶער טוֹבָה, וּבִפְרַט וֶועגְן עֶנְקֶער קִינְדֶער'ס טוֹבָה: אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט וַואגְן צוּ צִיעֶן אִין אַ פְּרַייעֶ גֶעגְנְט, וָוארוּם אִיר וֶועט הָאבְּן אַ מִיאוּסְן סוֹף.

אִיךְ הָאף אַז דִי וֶוערְטֶער וֶועלְן אַרַיינְגֵיין אִין עֶנְקֶער הַארְץ,
אוּן אִיר וֶועט מִיר פָאלְגְן, וֶועט אִיר הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.
טוּט תְּשׁוּבָה, הָאטְס חֲרָטָה אוֹיף עֶנְקֶער מַחְשָׁבָה וְכוּ'.

מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט שְׁטִיצְן דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת גִילוּחַ, הֲלָכָה ג), דָאס עֶרְשְׁטֶע סִימָן פוּן אֵיינֶעם וָואס מֶען וִויל וִויסְן אוֹיבּ עֶר הָאט אָפְּגֶעלָאזְט אִידִישְׁקֵייט אִיז, אַז עֶר שְׁטִיצְט זִיךְ דִי בָּארְד, אוּן עֶר שְׁנַיידְט זִיךְ אִינְטֶער דִי פֵּיאוֹת, דָאס אִיז שׁוֹין אַ סִימָן אַז עֶר אִיז קַאלְט פוּן אִידִישְׁקֵייט. מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען אַ בְּרוֹי לָאזְט זִיךְ וַואקְסְן דִי הָאר, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן צוּ זֶען

די הָאר רַחֲמָנָא לִשֵׁזְבָן, וָואס דֶער זוהַר הַקָּדוֹשׁ שֶׁעלְט מִיט קְלָלוֹת און זָאגְט (זוהַר נָשֹׂא קכה.), "אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען אִין אַ הויז וואו מֶען זֶעט די הָאר פון אַ פְרוֹי, עֲנִיוּת וֶועט זַיין אִין די שְׁטוּבּ, און די קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט חָשׁוּב זַיין, וְכוּ', וְכוּ'". זֶעט מֶען פון דֶעם וֶוען אַ פְרוֹי גֵייט מִיט אֵייגֶענֶע הָאר וְכוּ', און מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען די הָאר זֶענֶען אויפְגֶעדֶעקְט וְכוּ', דָאס בְּרֶענְגְט נָאר קְלָלוֹת אִין שְׁטוּבּ, אָרִימְקֵייט אִין שְׁטוּבּ וְכוּ' וְכוּ'. און מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען די פְרוֹי גֵייט אָן זָאקְן וְכוּ', אויסְגֶעלַאסְן וְכוּ', דָאס בְּרֶענְגְט אַלֶע מַחֲלוֹת און חֲלָאִים רָעִים, אַזוֹי ווי דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל מִרִימְנוֹב זי"ע הָאט גֶעזָאגְט, דָאס אַלֶע מַחֲלוֹת קוּמֶען פון די נֵייעֶ מָאדֶעס וָואס די גוֹיִים טְרַאכְטְן אוֹיס, די אויסְגֶעלַאסֶענֶע קְלֵיידֶער וָואס די פְרוֹיעֶן גֵייעֶן וְכוּ'. אִיבֶּערְדֶעם אִיז נִישְׁט קַיין וואוּנְדֶער וָואס דָאס הַארְץ אִיז דִיר פַארְשְׁטָאפְּט גֶעוָוארְן וְכוּ', און דוּ בִּיסְט קַאלְט גֶעוָוארְן אִין אִידִישְׁקֵייט וְכוּ', בִּיז אִיר ווילְט בֵּיידֶע אַוֶועקְצִיעֶן זִיךְ פון אַ פְרוּמֶען גֶעגֶענְט; דוּ שְׁטִיצְט זִיךְ די בָּארְד, און דוּ שְׁנַיידְסְט זִיךְ אָפּ די פֵּיאוֹת, און דַיין וַוייבּ גֵייט מִיט אויפְגֶעדֶעקְטְן קָאפּ הָאר רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, וָואס דָאס אִיז אַ שְׁוֶוערְן זִינְד, און גֵייט אָן זָאקְן וְכוּ', עֶקְלְדִיג, מִיט פְּרִיצוּת וְכוּ'; וָואס ווילְסְטוּ זָאל זַיין?

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ עֶנְק בֵּיידֶען, טוּט תְּשׁוּבָה און הָאט חֲרָטָה אויף אֵייעֶר טַאט און מַעֲשֶׂה. אִיךְ וָואלְט עֶנְק גֶעֽרָאטְן בֵּיידְן, אִיר זָאלְט אַוֶועק פָּארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן אִין אוּמַאן, און זִיךְ אויסְגִיסְן דָארְטְן

דָאס הָארֶץ, און זָאגְן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי. וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט "וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן, און גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה, און זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים: טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ, וָואס דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי", אֲפִילוּ מֶען אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וֶועל אִיךְ זֵיי פוּן דָארְטְן אַרוֹיסְנֶעמֶען". הַאלְט אִיךְ אַז בֵּיידֶע פָּארְט יֶעצְט אַוֶועק צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, און זַייט דָאס מְקַיֵּים; און בְּוַודַּאי וֶועט דִיךְ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן, אִיר וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, און נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, און אִיר וֶועט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶעם גוּטְן.

**אַ לֶעכְטִיגֶע גוּטֶע וָואךְ און אַ פְרֵיילִיכֶע חֲנוּכָּה**

## פה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר מִקֵּץ כ"א כִּסְלֵו ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דוּ דְרִיקְסְט אָפּ אַלֶע בְּרִיוו אוֹיף אִידִישׁ, און דוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְסְט דָאס צְווִישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן? אִיךְ בִּין צוּגֶעוואוֹינְט צוּ שְׁרַייבְּן אוֹיף לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ, אוֹיף אִידִישׁ אִיז מִיר זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער. עֶרֶב חֲנוּכָּה וֶועט וֶוערְן פּוּנְקְט זִיבְּן און פֶערְצִיג יָאר

וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ זִיךְ מִיט בָּחוּרִים אוּן מִיט אִינְגֶעלַייט וְכוּ' וְכוּ'; דָאס הֵייסְט אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן גַאנְצֶע זִיבְּן אוּן פֶערְצִיג יָאר. פוּן שְׁנַת תשכ"ד עֶרֶב חֲנוּכָּה, בִּיז שְׁנַת תשע"א עֶרֶב חֲנוּכָּה, אוּן אִיךְ שְׁרַייבּ נָאר אוֹיף לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ, אוֹיף אִידִישׁ אִיז מִיר זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן וַוייל דוּ הָאסְט מִיךְ גֶעבֶּעטְן אַז עֶס אִיז יֶעצְט אַ צוֹרֶךְ הַשָּׁעָה, סְ'אִיז זֵייעֶר נֵייטִיג צוּ שְׁרַייבְּן אוֹיף אִידִישׁ, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייבְּן אוֹיף אִידִישׁ. אָבֶּער אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר גֶעוָואלְט בֶּעטְן זָאלְסְט זֶען מַגִיהַ זַיין סְ'זָאל נִישְׁט זַיין קַיין טָעוּתִים; וָוארוּם וִוי נִישְׁט, אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ שְׁרַייבְּן אוֹיף אִידִישׁ.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ זֶען צוּ שְׁטַארְקְן, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוָוארְפְן, וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט דוּרְכְגֵיין, הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיר טוּן. דֶער עִיקָר אִיז אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן לג), בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיגְקֵייט, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה. אוּן וָואס מֵיינְט אֱמוּנָה? פָּשׁוּט אַזוֹי וִוי קִינְדֶער אוּן פְרוֹיעֶן גְלֵייבְּן אָן חָכְמוֹת, מֶען דַארְף אַוֶועקְוָוארְפְן דֶעם שֵׂכֶל אִינְגַאנְצְן אוּן נָאכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מְחַיֶּה אוּן מְהַוֶּוה אוּן מְקַיֵּים דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (חוּלִּין ז), אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין מִלְמַעְלָה; אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט קַיין קְלַאפּ אִינֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶערְל אֵיידֶער מֶען רוּפְט נִישְׁט

אוים קוֹדֶם אויבְן, אַזוֹי וַוייט אִיז דִי הַשְׁגָחָה פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מֶען זֶעט אַ מֶענְטְשׁ קְלַאפְּט זִיךְ צוּ דֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶערְל בַּיי דִי טִיר וְכוּ' אָדֶער בַּיי אַ טִישׁ וְכוּ', אוּן עֶר גֶעבְּט אַ שְׁרֵיי "אוֹי" וְכוּ', אוּן עֶר מֵיינְט אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין טָעוּת, עֶר הָאט זִיךְ פַארְגוֹלֶמְ'ט וְכוּ', אוּן עֶר הָאט נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן וְכוּ', הָאט עֶר גֶעכַאפְּט אַ קְלַאפּ אוֹיפְן פִינְגֶער וְכוּ', אָבֶער דֶער אֱמֶת'ן אַרַיין אִיז נִישְׁטָא קַיין מִקְרֶה - קַיין פַּאסִירוּנְג, אַלֶעס אִיז בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִית, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אַריינְלֵייגְן אִין דִי אֱמוּנָה, וָואלְט דֶער גַאנְץ לֶעבְּן אִים גֶעגַאנְגֶען אַנְדֶערְשׁ, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ וֵויים דוּ מַאכְסְט מִיט שְׁוֶועריקַייטְן אִין שְׁטוּב וְכוּ', אִינְדְרוֹיסְן וְכוּ', זֶע זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן מִיט פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן ווִי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כח), "אִישׁ אֱמוּנוֹת רַב בְּרָכוֹת" אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה קוּמְט אִים אַסַאךְ בְּרָכוֹת, וֶוען אַ אִיד גְלֵייבְּט אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז עֶר מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, פוּן דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָּבִים וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ זֶען צוּ דֶערְהַאלְטְן מִיט פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה.

**אֱמוּנָה** - זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ז) - מֵיינְט תְּפִלָּה, מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט דֶעם שְׁטַארְקְט זִיךְ אִים דִי אֱמוּנָה, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן

צום בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אויף פְּרָאסְט אִידִישׁ, און כָאטְשׁ אַז בַּיים אָנְפַאנְג וֶועט זִיךְ דִיר דַאכְטְן אַז קֵיינֶער הֶערְט דִיךְ נִישְׁט צוּ, זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז יֶעדֶע דִיבּוּר און יֶעדֶע וָוארְט וָואס אַ אִיד רֶעדְט צום בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מַאכְט אַ רַעַשׁ אִין אַלֶע הִימְלֶען, און וֶוען אַ אִיד זָאל דָאס ווִיסְן וָואלְט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט מִתְפַּלֵל צוּ זַיין, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר, שְׁטַארְק זִיךְ זֵייעֶר אִין דִי עֲבוֹדָה וָואס הֵייסְט הִתְבּוֹדְדוּת זִיךְ אָפְּזִינְדֶערְן אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, און רֶעד זִיךְ אוֹיס דָאס גַאנְץ הַארְץ צום בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און אֲפִילוּ ס'וֶועט זִיךְ דִיר דַאכְטְן אַז מֶען הֶערְט דִיךְ נִישְׁט אוֹיס וְכוּ', זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז קַיין שׁוּם תְּפִלָּה קַיין שׁוּם בַּקָשָׁה גֵייט נִישְׁט אַוֶועק לָרִיק וְכוּ', אַלֶעם וֶוערְט צוּגֶעהֶערְט, נָאר מִיט תְּפִלָּה בּוֹיעֶט מֶען אוֹיף אַ כֵּלִי, און נָאכְדֶעם וֶועט מֶען זֶען דִי יְשׁוּעוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** שְׁטַארְק זִיךְ בֶּעט יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְן, שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ', פַּרְנָסָה וְכוּ', גֶעזוּנְט וְכוּ', יֶעדֶעם קְלֵיינִיגְקֵייט וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְן גֶעווֹאוֹין זִיךְ צוּ, צוּ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶעמָאלְטְס וֶועסְטוּ זֶען אַז דֶער לֶעבְן וֶועט דִיךְ זַיין אַן אַנְדֶער סָארְט לֶעבְן, אַ לֶעבְן פוּן תְּפִלָּה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ט) אַז דֶער עִיקָר חַיּוּת אִיז מֶען מְקַבֵּל פוּן תְּפִלָּה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים מב) "תְּפִלָּה לְאֵל חַיִּ" אַז דֶער עִיקָר חַיּוּת אִיז נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, אַז וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ דֶער הֵיילִיגֶער עֲבוֹדָה, וֶועט

אִים גֵיין דִי לֶעבְּן גָאר אַנְדֶערְשׁ, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זַייעֶר שְׁטַארְק, דֶערְהַאלְט זִיךְ, אוּן וֶוער נִישְׁט צוּפַאלְן.

**אִיךְ** ווִיל דִיר נָאכְאַמָאל מְחַזֵק זַיין, זָאלְסְט מַמְשִׁיךְ זַיין דְרוּקְן אַלֶע בְּרִיוו וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן אוּיף אִידִישׁ, וּבִפְרַט לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ עֶנְטְפֶערְן פַאר דִי הֵיימִישֶׁע בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט נָאר אוּיף אִידִישׁ, וָוארוּם זֵיי זָאגְן אַז דָאס אִיז זֵיי גְרִינְגֶער צוּ לֵיינֶען, אָבֶּער אִיךְ בֶּעט דִיר זָאלְסְט זֶען מַגִיהַ זַיין עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין טָעוּתֵי הַדְפוּס, אוּן דֶער זְכוּת הָרַבִּים זָאל דִיר בַּיישְׁטֵיין, זָאלְסְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַלֶע צָרוֹת, אוּן זָאלְסְט זַיין שְׁטֶענְדִיג פְּרֵיילִיךְ.

**אִיךְ ווִאוּנְטְשׁ דִיר אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה**

## פו

בְּעֶזְרַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר מִקֵץ כ"א כִּסְלֵו ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** וָואלְט דִיר גֶערָאטְן זָאלְסְט קוּמֶען יֶעדְן דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט צוּם שִׁיעוּר וָואס מִיר לֶערְנֶען בָּרַבִּים דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן מִיר טַייטְשְׁן אוּיס דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואךְ מִיט דִי הַקְדָמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן מִיר רֶעדְן צוּזַאמֶען הִתְחַזְקוּת, דָאס הָאבְּן מִיר מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן הֵיילִיגְן רַבִּי נָתָן זַ"ל אַז דֶעם הֵיילִיגֶער רֶבִּינְ'ס זַאךְ אִיז נָאר

הִתְחַזְקוּת מְחַזֵק זַיין זִיךְ, בְּזֶה הָעוֹלָם דַארְף מֶען אַסַאךְ שְׁטַארְקְן זִיךְ, עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם אַזוֹיפִיל בִּיטֶערְנִישׁ מִיט אַזוֹיפִיל צָרוֹת מִיט יִסוּרִים, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין עֵצָה נָאר זִיךְ שְׁטַארְקְן.

**זָאלְסְט** זֶען צוּ דַאוֶועָנֶען אַלֶע דְרַיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן דַוְיקָא, זָאלְסְט נִישְׁט פַארְפֶעלְן קַיין אֵיין תְּפִלָּה מִיט מִנְיָן, אוּן זָאלְסְט דַאוֶועָנֶען אִין סִידוּר, וָוארוּם אַז מֶען דַאוֶוענְט אוֹיסְנְווֵיינִיג פַארְפֶעלְט מֶען גַאנְצֶע פְּסוּקִים, אוּן אַסַאךְ מָאל מִזְמוֹרִים וְכוּ', וֶועגְן דֶעם זָאלְסְטוּ דַאוֶועָנֶען נָאר אִין סִידוּר, אוּן זָאלְסְט מְקַשֵׁר זַיין דִי מַחְשָׁבָה צוּם דִיבּוּר, וֶועט דִיר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אָפְּהִיטְן פוּן מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת.

**זֶע** צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה, דָאס אִיז אַ סְגוּלָה נִיצוֹל צוּ וֶוערְן פוּן מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה**

# פז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר מִקֵּץ כ"א כִּסְלֵו ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַיָּקָר וְהַנַּעֲלֶה ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו אוּן אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דוּ הָאסְט זִיךְ גֶענוּמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין

אוּן דוּ פִּירְסְט זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ אוּן דוּ הָאסְט דַיינֶע סְדָרִים וְכוּ' וְכוּ'.

**וזיסְן** דַארְפְסְטוּ וויסְן אַז סֵדֶר דָאס אִיז אַ יְסוֹד אִין לֶעבְּן, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אַ סֵדֶר אִיז עֶר מַצְלִיחַ סַיי אִין גַשְׁמִיוּת אוּן סַיי אִין רוּחְנִיוּת, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ סֵדֶר אִיז נָאר דוּרְךְ אַסַאךְ תְּפִלָּה, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל זַיין אַ מְסוּדָר'דִיגֶער מֶענְטְשׁ, עֶר זָאל הָאבְּן זַיינֶע שִׁיעוּרִים, אוּן זַיינֶע זְמַנִים, סַיי דַאוְוענֶען זָאל זַיין אִין דִי זְמַנִים, סַיי לֶערְנֶען זָאל זַיין אִין דִי זְמַנִים, יֶעדֶער זַאךְ זָאל זַיין אִין אַ זְמַן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מְ'גֵייט אַרְבֶּעטְן זָאל אוֹיךְ הָאבְּן אַ זְמַן, אוּן וֶוען מֶען קוּמְט אַהֵיים זָאל זַיין פּוּנְקְטְלִיךְ מִיטְן זְמַן, דֶעמָאלְטְס הָאט מֶען גְרוֹיס הַצְלָחָה.

**דֶער** עִיקָר אִיז זָאלְסְט זִיךְ זֶען צוּ שְׁטַארְקְן, זַיין פְּרֵייְלֶעךְ, אוּן שְׁטֶענְדִיג זָאלְסְטוּ גֵיין מִיט אַ לֶעבְּטִיגְן פָּנִים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קנג), וֶוען אַ אִיד הָאט שְׁטֶענְדִיג אַ לֶעבְּטִיג פָּנִים אַ פְרֵייְלִיךְ פָּנִים דֶעמָאלְטְס קֶען מֶען זֶען אִין זַיין פָּנִים דֶעם רֶבִּי'ן צוּ וֶועמֶען עֶר אִיז מְקוּרָב, אִיבֶּערְדֶעם זֶע צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְּרֵייְלֶעךְ, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיר הֶעלְפְן אַז בִּזְכוּת דִי שִׂמְחָה וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט פֶעלְן, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב, סִימָן א) מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ; אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג פְּרֵייְלִיךְ אִיז עֶר מַצְלִיחַ.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְּרֵייְלִיכְן חֲנוּכָּה**

# פח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר מִקֵּץ כ"א כִּסְלֵו ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**יֶעצְט** פַאר חֲנוּכָּה וָואלְט אִיךְ דִיר גֶערָאטְן זָאלְסְט אִיבֶּערְחַזֶרְן גַאנְץ הִלְכוֹת חֲנוּכָּה, אוּן סְ'אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר וִויכְטִיג, כְּדֵי דוּ זָאלְסְט וִויסְן וִויאַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ חֲנוּכָּה, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה, אִיבֶּערְדֶעם פַאר יֶעדְן יוֹם טוֹב דַארְף מֶען לֶערְנֶען דִי הֲלָכוֹת'עֶר פוּן דֶעם יוֹם טוֹב, כְּדֵי מֶען זָאל וִויסְן וִויאַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אִיבֶּערְדֶעם וָואלְט אִיךְ דִיר צוּגֶערֶעדְט אִיבֶּער צוּ חַזֶר'ן אַלֶע הֲלָכוֹת פוּן חֲנוּכָּה.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דִי סוּגְיָא פוּן כָּבְתָה אִין מַסֶכֶת שַׁבָּת דַף כא אוּן דַף כב, סְ'אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע סוּגְיָא, אוּן זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען יֶעדֶעס מָאל לֶערְנֶען אַן אַנְדֶערֶע סוּגְיָא אוּן דָאס וֶועט דִיךְ אוֹיפְמַאכְן דֶעם מֹחַ, וָוארוּם וֶוען אַ בָּחוּר לֵייגְט זִיךְ אַרַיין דֶעם קָאפּ אִין לֶערְנֶען גֵייט פוּן אִים אַוֶועק אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ אַרַיינְטוּן אִין דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן אַ מוֹרָא'דִיגֶע חַיּוּת, הֵייבּ אָן צוּ לֶערְנֶען דִי סוּגְיָא פוּן כָּבְתָה אוּן חַזֶר עֶס אִיבֶּער עֶטְלִיכֶע מָאל, מִיט רַשִׁ"י מִיט תּוֹסְפוֹת מִיט מְפָרְשִׁים, וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן אַ לֶעבְּט פוּן חֲנוּכָּה.

וָוען עֶס קוּמְט אַרַיין אִין אֵיינֶעם אַ גֶעוַואלְדִיגֶע תְּשׁוּקָה אַ בֶּענְקֶעניִשׁ צוּ דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט וויל מֶען שׁוֹין נִישְׁט קַיין שׁוּם שָׂכָר, נָאר מֶען וויל דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה אַלֵיין, וָוארוּם דִי תּוֹרָה אִיז זֵייעֶר זִיס אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִים יט) "הַנֶּחֱמָדִים מִזָּהָב וּמִפָּז רָב וּמְתוּקִים מִדְּבַשׁ וְנֹפֶת צוּפִים", וָוער עֶס שְׁפִּירְט דִי זִיסְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה וויל שׁוֹין נִישְׁט גָארְנִישְׁט נָאר דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה אַלֵיין, וָוארוּם דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה מִיטְ'ן בַּאשֶׁעפֶער אִיז אֵיין זַאךְ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (אַחֲרֵי עג.) אוֹרַיְיתָא וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא חַד הוּא; דִי תּוֹרָה דָאס אִיז דִי חָכְמָה פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה קוּמְט עֶר צוּ דִי חָכְמָה פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דֶעמָאלְטְס וֶוערְט עֶר אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט אִינְגַאנְצְן פוּן אַלֶע נַארִישֶׁע תַּאֲווֹת.

זֶע צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט גֵיין יֶעדְן טָאג זִיךְ טוֹבְלֶ'ן אִין אַ מִקְוֶה פַאר תְּשׁוּבָה וֶועגְן, הָאט עֶר אַ הָאפֶענוּנְג צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלְסְדִינְג, וָוארוּם דָאס וָוארְט מִקְוֶה אִיז אַ לָשׁוֹן תִּקְוָה, אַ לָשׁוֹן פוּן הָאפֶענוּנְג, אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִזְהָר צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה הָאט עֶר אַ הָאפֶענוּנְג צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלְסְדִינְג, אִיבֶּערְדֶעם זֶע נִזְהָר זַיין זִיךְ טוֹבְלֶ'ן יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה, אוּן זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל זַיין מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זְרִיזוּת, אוּן אַזוֹי דֶערְצֵיילְט מֶען נָאךְ אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע רַבִּי נָתָן זי"ע אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזַא מִין זָרִיז אִין

מִקְוֶה אַז קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט נָאכְמַאכְן, וָוארוּם זַיין זְרִיזוּת אִיז גֶעוֶוען לְהַפְלִיא, בִּיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט בַּאוואוּנְדֶערְט זַיין זְרִיזוּת, אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז בִּזְכוּת זַיין זְרִיזוּת וֶועט עֶר נָאךְ זַיין אַ מַנְהִיג, אוּן עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי גֶעוֶוען, דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן זי"ע עֶר הָאט גֶעפִירְט אוּנְזֶערֶע לַייט אוֹיפְן דֶרֶךְ הָאֱמֶת, אוּן עֶר הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם רֶבִּינְ'ס אוֹר אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן וֶוען נִישְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן זי"ע וֶוער וָואלְט גֶעוואוּסְט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן?

**דֶערְפַאר** דַארְפְן מִיר אַסַאךְ לֶערְנֶען לִקוּטֵי הֲלָכוֹת וָואס נָאר עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם הֵיילִיגֶער רֶבִּינְ'ס לִימוּד, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַ שִׁיעוּר אִין לִקוּטֵי הֲלָכוֹת, וָואס אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן וָואס דִי חַזַ"ל זָאגְן (נִדָּה עג.) כָּל הַשּׁוֹנֶה הֲלָכוֹת בְּכָל יוֹם מוּבְטָח לוֹ שֶׁהוּא בֶּן עוֹלָם הַבָּא; וָוארוּם דִי גַאנְצֶע לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת אִיז גֶעבּוֹיעֶט אוֹיפְן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן עֶר טַייטְשְׁט אוֹיס אַלֶע הֲלָכוֹת'עֶר פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ אוֹיף דִי הַקְדָמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, אִיבֶּערְדֶעם אַז אֵיינֶער לֶערְנְט לִקוּטֵי הֲלָכוֹת שְׁפִּירְט עֶר אַ טַעַם עוֹלָם הַבָּא אוֹיף דִי וֶועלְט, שְׁטַארְק זִיךְ אִין דֶעם, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה**

# פט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר מִקֵּץ כ"ג כִּסְלֵו ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ װָאס דוּ בִּיסְט מִיר מְבַשֵּׂר אַז דוּ הָאסְט חַיּוּת פוּן דִי בְּרִיװ, אִיבֶּערְדֶעם זֶע אָפּצוּדְרִיקְן אַלֶע בְּרִיװ װָאס דָאס אִיז אַ זְכוּת הָרַבִּים לְדוֹרֵי דוֹרוֹת, אוּן דִי חַזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ה) כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ; אוּן אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן זְכוּתִים, אוּן גְלֵייבּ מִיר דָאס דֶער גְרֶעסְטֶער זְכוּת הָאסְטוּ מִיט דֶעם װָאס דוּ דְרִיקְסְט אָפּ דִי אִידִישֶׁע סְפָרִים, װָארוּם צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן, מֶענֶער פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער דָאהִי קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין סְפָרִים אוֹיף לְשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ, נָאר אוֹיף אִידִישׁ, אִיבֶּערְדֶעם אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזָא מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים אַזוֹי וִוי דוּ, אוּן מִיט דֶעם מֶעגְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיךְ הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן אֶמֶת'ן שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן עֶס זָאל לַייכְטְן בַּיי דִיר דִי שְׁטוּבּ שְׁטֶענְדִיג, פַארְגֶעס נִישְׁט דָאס מָארְגְן בַּיינַאכְט אִיז חֲנוּכָּה אוּן מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיי דִי לֶעכְט אַלֶעס װָאס מֶען דַארְף, אִיבֶּערְדֶעם נוּץ אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע מִינוּטְן װֶוען דוּ זִיצְט פַאר דִי חֲנוּכָּה לֶעכְט אוּן דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדֶע זַאךְ װָאס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן.

מָארְגְן עֶרֶב חֲנוּכָּה, וֶוערְט פּוּנְקְט זִיבְּן אוּן פֶערְצִיג יָאר פוּן זִינְט אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן בְּרִיוו פַּאר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, דָאס עֶרְשְׁטֶע בְּרִיוו אִיז גֶעוֶוען עֶרֶב חֲנוּכָּה תשכ"ד, אוּן בִּיז יֶעצְט אִיז שׁוֹין גֶעדְרִיקְט גֶעוָוארְן אִיבֶּער נַיינְצְן טוֹיזֶענְט בְּרִיוְון, וָואס דָאס אִיז נָאר בִּיז תשנ"ב, אִין זֶעקְס אוּן אַכְצִיג בֶּענְדֶער. דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל הֶעלְפְן אִיךְ זָאל נָאךְ זֶען אַלֶע בְּרִיוו אָפְּגֶעדְרִיקְט ווייל אִיךְ לֶעבּ, דִי אַלֶע בְּרִיוו אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן מִיט גְרוֹיס מְסִירוּת נֶפֶשׁ פַאר בָּחוּרִים אִין אִינְגֶעלַייט, וְכוּ', וְכוּ', וָואס מִיט זֵייעֶרֶע רְצוֹנוֹת וְכִיסוּפִין הָאבּ אִיךְ זֵיי דָאס גֶעשְׁרִיבְּן אוּן גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף זֵייעֶרֶע שְׁאֵלוֹת וְכוּ', אוּן מְחַזֵק גֶעוֶוען אוֹיף זֵייעֶר אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ וְכוּ', אוּן יֶעצְט קוּמְט דַיין רֵייעֶ אַז דוּ זָאלְסְט דְרוּקְן פוּן הַיינְט אַלֶע אִידִישֶׁע בְּרִיוו, וָואס דָאס קוּמְט אַרוֹיס זֵייעֶר שֵׁיין מִיט נְקוּדוֹת, אוּן בִּזְכוּת דֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֵיוַוח.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן אוּן אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה**

## צ

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר מִקֵץ כ"ג כִּסְלֵו ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס צַעַר דָאס דוּ הָאסְט זִיךְ אָפְּגֶעקִילְט וְכוּ', אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וֶועט דִיךְ

נִישְׁט אָפְּלָאזְן וְכוּ׳, דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן זַ"ל שְׁרַייבְּט אִין אַ בְּרִיוו מִיט דֶעם לָשׁוֹן "דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף אִיטְלִיכְן וָואס עֶר וויל מְקוּרָב וֶוערְן צוּ אוּנְז אוּן לָאזְט אָפּ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּן נֶעמְט זִיךְ נָאר אוֹיף אִים", אוּן אִיךְ זֶע דָאס בְּחוּשׁ בְּמֶשֶׁךְ דִי אַלֶע יָארְן וָואס אִיךְ בִּין מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דָאס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט אַוֶועקְצוּשְׁלֶעפְּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וּבִפְרַט אוֹיף "תַלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" אוֹיף זֵיי פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם מֶער ווִי אַלֶע, וָוארוּם בַּיי אוּנְז אִיז דֶער עִיקָר דֶער תַּכְלִית הַנִצְחִי, מַמָשׁוּת אִין דִי הַאנְט... נִישְׁט קַיין דִמְיוֹנוֹת וְכוּ׳, אוּן נִישְׁט קַיין חֶזְיוֹנוֹת וְכוּ׳, נִישְׁט קַיין מַדְרֵיגוֹת וְכוּ׳, נִישְׁט קַיין לֶעבְּט וְכוּ׳, פָּשׁוּט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, דַאוֶונֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג אִין סִידוּר שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, זַיין פְרֵיילֶעךְ מִיט דִי מִצְווֹת וָואס מִיר זֶענֶען מְקַיֵים צִיצִית תְּפִילִין מְזוּזָה וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן דֶער עִיקָר אִיז רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, אוּן אִים אוֹיסְדֶערְצֵיילְן אַלְסְדִינְג וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער, אוּן וְעַל כּוּלָם לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אוּן לֶערְנֶען אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן אַסַאךְ דַפִּין גְמָרָא וְכוּ׳ וְכוּ׳.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִין אַ בְּרִיוו פַאר זַיין אֵיידֶעם ר׳ יוֹסֵף מִיט דֶעם לָשׁוֹן, "אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין לִיבֶּער אֵיידֶעם זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן וויפִיל דַפִּין גְמָרָא דוּ לֶערְנְסְט

און וויפיל סִימָנִים שׁוּלְחָן עָרוּךְ דו לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג, און זָאלְסְט נִישְׁט מַאכְן פון עִיקָר טָפֵל, און פון טָפֵל עִיקָר". זֶעט מֶען פון דֶעם אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶעם רֶבִּינְ'ס רָצוֹן, נָאר לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה, וַוייל דֶער תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה רַייסְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פון אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, אִיבֶּערְדֶעם נָאכְדֶעם וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ גֶעהָאלְפְן אַז דו בִּיסְט זוֹכֶה יֶעדֶע וָואךְ לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם, און דו פַארְפֶּעלְסְט נִישְׁט קַיין אֵיין וָואךְ, דָאס אִיז שׁוֹין אַ גֶעוִוינְס, וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַּארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף דֶעם מוֹרָא'דִיג אַז בָּחוּרִים אִין אִינְגֶעלַייט זָאלְן נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, און אַלֶע צָרוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט, אִיז נָאר וַוייל סְ'גֵייט דוּרְךְ אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה, דָאס אִיז בָּרוּר כַּשֶׁמֶשׁ.

**און** ווי בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק דֶער רֶבִּי רַבִּי מָרְדְכַי מִנַּדְבוֹרְנָא זי"ע הָאט גֶעוואוּנְטְשְׁן דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע בְּרוּדֶער דֶעם "עֲצֵי חַיִים" און דֶעם "דִבְרֵי יוֹאֵל" וֶוען דֶער פָּאטֶער זֵייעֶרֶע דֶער "קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב" הָאט זֵיי גֶעשִׁיקְט מְקַבֵּל זַיין פון אִים אַ בְּרָכָה, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט, "קִינְדֶערְלֶעךְ פִּילֶעוֶועט זִיךְ מִיט חוּמָשׁ רַשִׁ"י, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַסַאךְ גְדוֹלִים וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וואוֹינְט וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט חוּמָשׁ רַשִׁ"י". און מֶען זֶעט וֶוער עֶס פַּארְנַאכְלֶעסִיגְט דָאס לִימוּד חוּמָשׁ רַשִׁ"י און אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה, דֶער הָאט נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, אִיבֶּערְדֶעם בִּין אִיךְ זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז

כָאטְש בַּיי דֶעם בִּיסְטוּ שְׁטַארְק, אוֹיךְ וָואלְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר גֶעוָואלְט בֶּעטְן זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אֵיין פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת אָדֶער צְוֵויי פְּרָקִים וִויפִיל דוּ קֶענְסְט וְכוּ׳, וָוארוּם מִשְׁנֶ"ה בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט וִוי פַּרְנָסָ"ה, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת וֶועסְטוּ הָאבְּן פַּרְנָסָ"ה, אוּן וָואס מֶער פְּרָקִים דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען וֶועסְטוּ הָאבְּן בֶּעסֶערֶע אוּן שֶׁענֶערֶע פַּרְנָסָה, וְעַל כּוּלָּם לֶערְן אַ דַף גְמָרָא יֶעדְן טָאג, וָואס דָאס אִיז אַ חַיוּת פַאר׳ן נֶפֶשׁ.

דֶער עִיקָר בֶּעט אִיךְ דִיךְ דוּ זָאלְסְט זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן דוּ זָאלְסְט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר הָאט מִיט דִיךְ גֶעטוּן אַז דוּ הָאסְט גֶעקֶענְט חַתוּנָה מַאכְן דַיין זוּן, אוּן בַּאלְד וֶועסְטוּ שׁוֹין זַיין אַ זֵיידֶע וְכוּ׳, עֶס וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג וְכוּ׳, עֶס הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אֵיינֶע פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט וָואס הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן אִין אוּמַאן, אוּן דָארְטְן חַתוּנָה גֶעהַאט, אוּן מֶען הָאט אִים גֶעקוּמֶען וֶועקְן צוּ חֲצוֹת, וָוארוּם אִין אוּמַאן פְּלֶעגְט מֶען זִיךְ לֵייגְן זֵייעֶר זֵייעֶר פְּרִי גְלַייךְ נָאךְ מַעֲרִיב, אִין דִי ווִינְטֶער נֶעכְט אִיז דָאס אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַרוּם זֶעקְס בַּיינַאכְט, בְּמֵילָא הָאט מֶען שׁוֹין גֶעקֶענְט אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת גְרִינְגֶערְהֵייט נָאכְן אוֹיסְשְׁלָאפְן זִיךְ זֶעקְס אָדֶער זִיבְּן שָׁעָה, עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אִין דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת הֶערְט עֶר וִוי מֶען קְלַאפְּט אִים אִין פֶענְסְטֶער, "מֹשֶׁה! מֹשֶׁה! אָט בִּיסְטוּ גֶעוָוארְן אַ יוּנְגֶערְמַאן, אָט וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ טַאטֶע, אָט וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ זֵיידֶע, אוּן אָט וֶועט מֶען דִיר טְרָאגְן, שְׁטֵיי אוֹיף וְכוּ׳", דָאס הָאט עֶר

מִיר אַלֵיין דֶערְצֵיילְט, אִיבֶּערְדֶעם זָאג אִיךְ דִיר אוֹיבֶּעט נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, כָאטְש אִיךְ זֶע דִיךְ נִישְׁט מִיטְן גוּף אָבֶּער דַיין נְשָׁמָה אִיז בַּיי מִיר זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב, אוּן אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר זֵייעֶר לִיבּ, וָוארוּם דוּ הָאסְט מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעהָאלְפְן אִין לֶעבְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיךְ, שְׁטַארְק זִיךְ, זֵיי נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין שָׁלוֹם בַּיִת וָוארוּם אוֹיף דֶעם פַּארְלֵייגְט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם מֶער וִוי אַלְסְדִינְג ס'זָאל צוּבְּרָאכְן וֶוערְן דִי שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיף דֶעם מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶער וִוי אַלֶעם (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רסג, רסד), אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַּארְלֵייגְט זִיךְ צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם שָׁלוֹם בַּיִת כְּדֵי מַחְטִיא זַיין מִיט חַטָאִים, אוּן עֶר הָאט מַזְהִיר גֶעוֶוען אַז מֶען דַארְף מוֹרָא'דִיג מְכַבֵּד זַיין דֶעם וַוייבּ, אוּן דִי חַזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.) אוֹקִירוּ לִנְשַׁייכוּ כִּי הֵיכִי דְתִתְעַתְּרוּ; אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין דָאס וַוייבּ וֶועט עֶטְץ זַיין עֲשִׁירִים, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סט) אַז דִי גַאנְצֶע גֶעלְט קוּמְט נָאר אִין זְכוּת פוּן דִי וַוייבּ, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ, אוּן זָאלְסְט מַאכְן שָׁלוֹם מִיט אִיר, אוּן זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועסְטוּ זַיין אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אוּן דוּ וֶועסְט קֶענֶען טֵיילְן אַסַאךְ צְדָקָה.

**אִיךְ** בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר, דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, וָוארוּם אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ, אוּן וִויל זֶעעֶן דַיין הַצְלָחָה בְּגַשְׁמִיוּת, אוּן דֶער עִיקֶר בְּרוּחְנִיוּת, דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה

זַיין מְסַיֵים זַיין בָּאטְשׁ אֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן, תְּנַ"ךְ, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי, תּוֹסֶפְתָּא, רַמְבַּ"ם, טוּר, וְשׁוּלְחָן עָרוּךְ, זוֹהַר, אוּן תִּיקוּנִים, וְכוּ', דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה וָואס מֶען קֶען זִיךְ אַיינְקוֹיפְן אוֹיף דֶעם עוֹלָם, אַז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לֵייגְט אַרַיין דִי וֶוערְטֶער בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ.

**שְׁטַארְק** זִיךְ אִין אֶמוּנָה פְּשׁוּטָה, זָאלְסְט וִויסְן אַז דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה אִיז נָאר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מֶענְטְשְׁן זֶעעֶן נִישְׁט גָארְנִישְׁט, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וֶוערְט גֶעפִירְט דוּרְךְ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז עֶס אִיז דָא טֶבַע מִקְרֶה אוּן מַזָל, אוּן וֶועגְן דֶעם לַיידְט עֶר אַזוֹיפִיל צָרוֹת, אָבֶּער דִי צַדִיקִים וָואס זֵיי הָאבְּן לֶעבְּטִיגֶע אוֹיגְן זֶעעֶן אַרוֹיס דָאס גֶעטְלִיכְקֵייט פוּן דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן א) דָאס יֶעדֶער אִיד זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען קוּקְן אוֹיפְן שֵׂכֶל שֶׁיֵשׁ בְּכָל דָבָר, וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בַּאהַאלְט זִיךְ אִין דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר, אוּן מֶען דַארְף זֶען דָאס אֱלֹקוּת וָואס אִיז מְחַיֶה דִי זַאךְ, אוֹיב וֶועסְטוּ אִין דֶעם קוּקְן, וֶועט זַיין דַיין לֶעבְּן אַן אַנְדֶער סָארְט לֶעבְּן אִינְגַאנְצְן.

**יֶעצְט** קוּמְט חֲנוּכָּה, עֶס שְׁטֵייט אִין הֵיילִיגְן סֵפֶר "בְּנֵי יִשָׂשׂכָר", דָאס חֲנוּכָּה עֶפְנְט זִיךְ דֶער אוֹר הַגָנוּז וָואס הָאט גֶעלָאכְטְן פַאר אָדָם הָרִאשׁוֹן אוּן וָואס וֶועט לַייכְטְן פַאר מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ, אִיבֶּערְדֶעם וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קוּקְט אוֹיף דִי לֶעכְטֶעלֶעךְ וִוי זֵיי בְּרֶענֶען אוּן שַׁיינֶען, אוּן דֶעמָאלְטְס גִיסְט עֶר זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְ'ן בּוֹרֵא

כָּל עוֹלָמִים אוּן בֶּעט יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן. אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט עֶס מְקַיֵּים זַיין וֶועסְטוּ זַיין אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן, אוּן דֶער עִיקֶר זָאלְסְטוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, לָאז נִישְׁט צוּ דָאס עַצְבוּת צוּ דִיר אַ מִינוּט נִישְׁט, וָוארוּם עַצְבוּת אִיז חָמֵץ גָמוּר, אוּן אַזוֹי וִוי פֶּסַח אִיז חָמֵץ אָסוּר בְּבַל יֵרָאֶה וּבַל יִמָּצֵא, אַזוֹי אַ גַאנְץ יָאר אִיז עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה אָסוּר בְּבַל יֵרָאֶה וּבַל יִמָּצֵא, אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילֶעךְ, אוּן בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ מִיר הָאבְּן מִיט וָואס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט דָאס וֶוער עֶס וֶועט זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ לֶעבְּן, שְׁטַארְק זִיךְ וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, אִיךְ הָאף דִיר צוּ זֶען בְּקָרוֹב מִיט דַיינֶע לֶעבְּטִיגֶע קִינְדֶער.

**אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ דִיר אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה**

## צא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר מִקֵּץ כ"ג כִּסְלֵו ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֶע זִיךְ צוּ לֵייגְן יֶעדֶע נַאכְט גָאר פְרִי. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַמָאל פוּן אֵיינֶע פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט הָאט עֶר גֶעזָאגְט

אַז מֶען לֵייגְט זִיךְ פְּרִי שְׁטֵייט מֶען אוֹיף פְּרִי, אוּן אַז מֶען שְׁטֵייט אוֹיף פְּרִי הָאט מֶען "אֲרִיכוּת יָמִים", דָאס הֵייסְט "לַאנְגֶע טֶעג", וָוארוּם אַז מֶען לֵייגְט זִיךְ גָאר גָאר שְׁפֶּעט - פַארְשְׁטֵייט זִיךְ - שְׁטֵייט מֶען אוֹיף גָאר גָאר שְׁפֶּעט, אוּן אַז מֶען שְׁטֵייט אוֹיף גָאר גָאר שְׁפֶּעט בִּיז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַ דְרֵיי, דַאוֶוענֶען, אִיז שׁוֹין נָאכְמִיטָאג, אוּן בִּיז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַ דְרֵיי אִיז שׁוֹין בַּיינַאכְט, הָאט מֶען קִיצוּר יָמִים, קוּרְצֶע טֶעג, אִיבֶּערְדֶעם אַז מֶען לֵייגְט זִיךְ פְּרִי שְׁטֵייט מֶען אוֹיף פְּרִי, הָאט מֶען לַאנְגֶע טֶעג, דֶער טָאג אִיז לַאנְג.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רעב), **אוֹיפְן** פָּסוּק (תְּהִלִּים צה) "הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ", אוֹיבּ אִיר ווילְט מִיר פָאלְגְן, זָאלְט אִיר וויסְן אִיר הָאט נִישְׁט נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ אוּן עֶר ווייסְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, דֶעמָאלְטְס כַּאפְּט עֶר אַריין זֵייעֶר אַסַאךְ גוּטְס, עֶר אִיז נִזְהָר צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, עֶר אִיז נִזְהָר מִיט אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא קְדוּשָּׁה אוּן בָּרְכוּ וְכוּ', וְכוּ', עֶר אִיז נִזְהָר מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוֹות מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, וָואס דָאס וַוייזְט אַז זַיין הַארְץ אִיז רֵיין פַּארְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א) כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו; וֶוען אַ אִיד אִיז מְקַיֵּים אַ מִצְוָה מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה אִיז אַ סִימָן אַז זַיין הַארְץ אִיז רֵיין

פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר טוּט עֶס מִיט אַ רֵיינֶעם גֶעוִויסְן, מִיט אַ רֵיינֶעם דַעַת, מִיט אַן אֶמֶת'ן גוּטְן ווילְן, עֶר הָאט לִיבּ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶערְפַאר טוּט עֶר זַיין רָצוֹן, דָאס אִיז מִצְוות בְּשִׂמְחָה. אוּן אוּיסֶער דֶעם לֶערְנְט עֶר יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אוּן מִשְׁנָיוֹת כְּסִדְרָן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַ סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד אַז מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת פוּן אָנְפַאנְג אוּן נִישְׁט אִיבֶּערְהַזֶרְן בִּיז מֶען וֶועט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה הֵייבְּט מֶען אָן נָאכְאַמָאל, אוּן אַזוֹי נָאכְאַמָאל. אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אַ שִׁיעוּר אִין שַׁ"ס כְּסִדְרָן, אַן עָמוּד נָאךְ אַן עָמוּד, אַ דַף נָאךְ אַ דַף, אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אַ מַסֶכֶת נָאךְ אַ מַסֶכֶת, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה מְסַיֵים צוּ זַיין גַאנְץ שַׁ"ס הֵייבְּט מֶען אָן נָאכְאַמָאל, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ ד' חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ, הֵייבּ אָן קוֹדֶם צוּ לֶערְנֶען מְחַבֵּר רְמָ"א פוּן אוֹרַח חַיִים, אוּן נָאכְדֶעם פוּן יוֹרֶה דֵעָה, אוּן נָאכְדֶעם פוּן אֶבֶן הָעֶזֶר, אוּן נָאכְדֶעם חוֹשֶׁן מִשְׁפָּט, אוּן נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל צוּרִיק אָנְהֵייבְּן, זָאלְסְט עֶנְדִיגְן עֶטְלִיכֶע מָאל ד' חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ, נָאר מְחַבֵּר רְמָ"א, קוֹדֶם זָאלְסְטוּ ווִיסְן וואוּ יֶעדֶער סִימָן גֶעפִינְט, זִיךְ אוּן דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע סְגוּלָה צִיצוּקוּמֶען צוּ אֱמוּנָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סב), אַ סְגוּלָה צוּ אֱמוּנָה הָאבְּן אַ רֵיינֶע שֵׂכֶל אָן קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז לֶערְנֶען אַסַאךְ שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ זֶען זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ צוּם

בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דו דַארְפְסְט הָאבְּן זָאלְסְטוּ פוּן אִים בֶּעטְן, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

דֶער עִיקֶר זָאלְסְטוּ זֶען זִיךְ צוּ לֵייגְן פְּרִי וֶועסְטוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי.

**אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ דִיר אַ פְרֵייְלִיכְן חֲנוּכָּה**

## צב

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר מִקֵּץ כ"ג כִּסְלֵו ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**דַיין בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן.**

דִי צָרָה פוּן דַיין זוּן וְכוּ', אִיז אַוַודַאי אַ גְרוֹיסֶע צָרָה וְכוּ', וָוארוּם נֶערְוְון קְרַאנְקְהֵייט אִיז דָאס בִּיטֶערְסְטֶע קְרֶענְק וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, וָוארוּם יֶעדֶע מַחְלָה קֶען מֶען אוֹיסְהֵיילְן, נָאר נִישְׁט נֶערְוְון קְרַאנְקְהֵייט, דָאס הֵייסְט אֵיינֶער וָואס עֶר לַיידְט אוֹיפְן נֶערְוְון דֶער ווִיל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן הֵיילְן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן סז) דָאס מֶען קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיסְהֵיילְן, נָאר דִי צָרָה אִיז, דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט, דוּ בִּיסְט קְרַאנְק נִישְׁט אִיךְ בִּין קְרַאנְק וְכוּ', אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוענְדְלִיךְ בַּיי דִי וָואס זֵיי לַיידְן אוֹיף דִי נֶערְוְון וַוארְפְן אַרוֹיף דָאס שׁוּלְד אוֹיף יֶענֶעם, דוּ בִּיסְט קְרַאנְק נִישְׁט אִיךְ וְכוּ', אוּן עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט הֵיילְן, אִיז אוֹיף זֵיי אַ גְרוֹיס רַחֲמָנוּת.

**אִיבֶּערְדֶעם** פַּארְשְׁטֵיי אִיךְ גוּט דַיין צָרָה, עֶס אִיז דִי בִּיטֶערְסְטֶע צָרָה וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין אַז מֶען הָאט אַ קִינְד אִין שְׁטוּב וָואס עֶר לַיידְט אוֹיף דִי נֶערְוִון, דָאס טוּט זֵייעֶר זֵייעֶר וֵויי פַאר דִי עֶלְטֶערְן, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בְּרֶענְגֶען פוּן דֶעם חָזוֹן אִישׁ זַצַ"ל אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶלְטֶערְן וָואס זֵיי הָאבְּן אַ קְרַאנְק קִינְד אִין שְׁטוּב וֶוען זֵיי קוּמֶען אַרַיין אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ מֶעג מֶען זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פַאר זֵיי בִּמְלוֹא קוֹמָתוֹ, אַזוֹי וִוי דֶער דִין אִיז אַז מֶען שְׁטֵייט אוֹיף פַאר אַ תַּלְמִיד חָכָם, וָוארוּם וֶוער עֶס הָאט אַ קְרַאנְקֶע קִינְד אִין שְׁטוּב, דֶער אִיז צוּבְּרָאכְן כְּחֶרֶס הַנִשְׁבָּר, אוּן עֶר אִיז בַּיי זִיךְ גָארְנִישְׁט, וָוארוּם דָאס לֶעבְּן אִיז נִישְׁט וֶוערְד וְכוּ', וֶוען מֶען הָאט אַ קְרַאנְק קִינְד אִין שְׁטוּב וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ, עֶס טוּט מִיר אוֹיךְ זֵייעֶר וֵויי אוֹיף דַיין צַעַר אוּן וֵוייטָאג וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ נֶעם זִיךְ נִישְׁט צוּם הַארְץ וְכוּ', כָאטְשׁ סְ'אִיז גְרִינְג צוּ רֶעדְן סְ'אִיז גְרִינְג צוּ זָאגְן, אָבֶער סְ'אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער מְקַיֵים צוּ זַיין, בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, נוּץ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן.

**סְ'אִיז** גֶעוֶוען בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט אַ הֶעכֶערֶע סָארְט מֶענְטְשׁ מִיטְן נָאמֶען רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קוֹרְדוּנֶער זַ"ל, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד אַן עוֹבֵד הַשֵׁם מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ, שְׁטֶענְדִיג הָאט עֶר זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, אוּן שְׁטֶענְדִיג אִיז עֶר גֶעזֶעצְן אוּן גֶעלֶערְנְט, אוּן עֶר הָאט גֶעטוּן חֶסֶד מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן לֵיידֶער הָאט זִיךְ בַּיי אִים נִישְׁט גֶעהַאלְטְן קֵיין קִינְדֶער לֹא

עָלֵינוּ, און פונֶדעסטְוועגְן איז עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען פְרֵיילֶעך, אָרִים איז עֶר גֶעוֶוען אויסְנַאם, פונֶדעסְטְוֶועגְן הָאט אִים דֶער פָּנִים שְׁטֶענְדִיג גֶעפְלַאמְט פון שִׂמְחָה, דָאס אֲפִילוּ מִתְנַגְדִים אויף בְּרֶסְלְבֶע חֲסִידִים הָאבְּן אִים זֵייעֶר מְכַבֵּד גֶעוֶוען, וָוארום עֶר הָאט גֶעהַאט אַ בַּאזוּנְדֶערֶע חֵן, און מֶען הָאט גֶעזֶען אַז דֶער איד אִיז אַן עֶרְנְסְטֶער אִיד, עֶר דִינְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט אַן אֱמֶת, אָן קַיין שׁוּם פְּנִיּוֹת, כָאטְשׁ עֶס אִיז אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען אויף אִים אָרִימְקֵייט און עֶר הָאט פַארְלוֹירְן קִינְדֶער לֹא עָלֵינוּ. הָאט אִים אַמָאל גֶעפְרֶעגְט אַ תַּלְמִיד זַיינֶער, אִיךְ לַייד אוֹיבֶעט צָרוֹת צְרוּרוֹת און אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן, וָוארום מַיינֶע צָרוֹת טְרֶעט מִיר צוּ צוּם הַארְצְן, וְכוּ', און וִויאַזוֹי קֶענְט אִיר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן? הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט דִי חִילוּק צְווִישְׁן מִיר און דִיר אִיז, אַז אִיךְ נוּץ זִיךְ מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת און דוּ נוּצְט זִיךְ נִישְׁט מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת. זֶעט מֶען פון דֶעם אוֹיב מֶען נוּצְט זִיךְ מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַייטְן.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן, דָאס דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַייטְן פון אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט אָרִימְקֵייט וְכוּ', אָרִימְקֵייט קֶען מֶען אַרוּמְגֵיין אִיבֶּער דִי הַייזֶער נָאךְ נְדָבוֹת וְכוּ', שְׁוֶוערֶע צַייטְן בִּיטֶערֶע אִיבֶּערְגֵייעֶנִישְׁן אִיז וֶוען מֶען הָאט אַ קְרַאנְק קִינְד אִין שְׁטוּבּ, דָאס עֶסְט אויף דִי עֶלְטֶערְן דֶעם לֶעבְּן, דָאס הֵייסְט אַ צָרָה, קַיין שׁוּם אִיד זָאל נִישְׁט גֶעפְּרוּאוּווְט וֶוערְן מִיט אַזַא צָרָה, דָאס אִיז אַ פִינְסְטֶערֶע קְלָלָה, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל

אָפְּהִיטְן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן אַזַא צָרָה, אִיבֶּערְדֶעם אִיךְ שְׁפִּיר דַיין ווייטָאג וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ, דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, נוּץ זִיךְ מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט, אוּן דֶער עִיקֶר מִיט שִׂמְחָה, טוּ חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע, אוּן לָאז זִיךְ נִישְׁט אָפּ, פַאל נִישְׁט אַרַיין אִין חֲלִישׁוּת הַדַעַת, הָאבּ נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, פַארְוָואס קוּמְט דִיר אַזַא אוּמְגְלִיק? פַארְוָואס מוּזְטוּ מִיט דַיין ווייבּ אַזוֹיפִיל לַיידְן פוּן דֶעם קִינְד? וָואס בִּיסְטוּ דֶער כַּפָּרָה פוּן אַלֶעם וְכוּ'? מֶען טָאר נִישְׁט פְרֶעגְן פַארְוָואס, וָוארוּם יֶעדֶע פַארְוָואס אִיז אַ קְלִיפָּה וָואס עֶס פַארְדֶעקְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מֶען דַארְף אָנְנֶעמֶען יֶעדֶע זַאךְ מִיט שִׂמְחָה, כָאטְשׁ עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן דֶעם פָּסוּק (דְבָרִים לב) "הַצּוּר תָּמִים פָּעֳלוֹ כִּי כָל דְרָכָיו מִשְׁפָּט אֵל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל צַדִיק וְיָשָׁר הוּא", אַ אִיד טָאר נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דַרְכֵי הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דָאס קִינְד זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס אַז עֶס אִיז אוּמְמֶעגְלִיךְ וְכוּ', עֶס אִיז אַזוֹי ווִי עַל מְנַת שֶׁתַּעֲלֶה לָרָקִיעַ וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן וְכוּ' וְכוּ', אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶוער זָאגְט נָאךְ אַז

עֶר לָאזְט אַרָאפּ אַפָּאר הֵייסֶע טְרֶערְן מַאכְט עֶס אַ רוֹשֶׁם אִין הִימְל, און וֶוער וֵויס וָואסְפַּארַא נְשָׁמָה דָאס אִיז און וָואס דו דַארְפְסְט פַארְעכְטְן פון דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע גִלְגוּלִים וְכוּ'? אִיבֶּערְדֶעם פְּרֶעג נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, שְׁטַארְק זִיךְ דֶערְהַאלְט זִיךְ, כָאטְשׁ אִיךְ וֵויס אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אוֹיף דֶעם קַיין נֶחָמָה קַיין טְרֵייסְט וָוארום וֶוער עֶס אִיז גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן מִיט קְרַאנְקֶע קִינְדֶער דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע שְׁטְרָאף וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, קַיין שׁוּם אִיד זָאל נִישְׁט גֶעפְּרוּאוְוט וֶוערְן מִיט אַזַא מִין עוֹנֶשׁ.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר פַארְלָאז זִיךְ אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר וֵוייסְט וָואס עֶר טוּט, דו בֶּעט נָאר, און מֶער פון דֶעם קֶען מֶען גָארְנִישְׁט טוּן, הַלְוַואי וָואלְט עֶר גֶענוּמֶען דִי מֶעדֶעצִין וָואלְט דָאס אִים בַּארוּאִיגְט דִי נֶערְוְון, וָואלְט כָאטְשׁ אָפְּגֶעקִילְט זַיינֶע נֶערְוְון, עֶר וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי ווִילְד וְכוּ', אָבֶּער דִי צָרָה אִיז דִי אַלֶע וָואס זֵיי לַיידְן אוֹיף דִי נֶערְוְון ווִילְן נִישְׁט נֶעמֶען דִי מֶעדֶעצִין, נָאר זֵיי זָאגְן דו בִּיסְט קְרַאנְק, נִישְׁט אִיךְ וְכוּ' וְכוּ', און אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דַיין צָרָה, אִיז אוֹיף דֶעם אַלֵיין בֶּעט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**בִּזְכוּת** דֶעם לֵב נִשְׁבָּר וָואס דו און דַיין וַוייבּ הָאט, זָאל עֶנְק דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בַּאגְלִיקְן און עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיג לֶעבְּן.

**אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה**

# צג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר מִקֵּץ כ"ג כִּסְלֵו ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן? דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אִיז אִין דַיינֶע הֶענְט, דוּ דַארְפְסְט זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין "לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת" וָואס אִיךְ שֶׁעפּ מַיין גַאנְצֶע הִתְחַזְקוּת פוּן דָארְטְן, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר יוּנְג אַלְץ בָּחוּר, הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר אַסַאךְ "לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת" דָאס אִיז גֶעוֶוען מַיין גַאנְץ חַיּוּת, וָוארוּם נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ "לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת". עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט פוּן זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ל, וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט שְׁטֶענְדִיג, אַז הַיינְט דַארְף מֶען לֶערְנֶען מֶער "לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת" ווִי לֶערְנֶען "לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן", וָוארוּם נָאר דוּרְךְ רֶבִּי נָתָן זַ"ל קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס דֶער רֶבִּי הָאט פוּן אוּנְז גֶעוָואלְט, אִיבֶּערְדֶעם גֶעבּ אִיךְ דִיר אַן עֵצָה אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר יֶעדְן טָאג כְּסִדְרָן אִין "לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת", אוּן דוּ וֶועסְט פוּן דָארְטְן שֶׁעפְּן אַסַאךְ חַיּוּת.

**אִיךְ** בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, וֶוער נִישְׁט צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, זָאלְסְט ווִיסְן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַן אָב הָרַחֲמָן, אַז אַ אִיד קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּ אִים אִיז

עֶר גְלַייךְ מְקַבֵּל זַיין תְּשׁוּבָה, זָאל דִיר קֵיינֶער נִישְׁט אַיינֶרעדְן אַז דוּ בִּיסְט אַ פַאְרפַאלֶענֶער, סְ'אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ, כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט קֶען עֶר אַלֶעס פַארֶרעכְטְן און קֶען קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת וָואס עֶס אִיז נָאר דָא, עֶר דַארְף נָאר זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט רְצוֹנוֹת, מִיט אַ גוּטְן ווילְן, וֶועלְן זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, בֶּעטְן זַיין אַן עֶרְלִיכְן אִיד וְכוּ' וְכוּ'.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע בְּרֶענְגְט אַ לַאנְגְן שְׁמוּעֶס (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, ערב הֲלָכָה ג) דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן בֶּעטְקֶענִישׁ אוּן וֶועלְן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וָוארוּם דֶער גַאנְצֶער תַּכְלִית וָואס אַ אִיד אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען בְּזֶה הָעוֹלָם וָואס אִיז פִיל מִיט הַעֲלָמוֹת אוּן הַסְתָּרוֹת, אוּן מֶען זֶעט נִישְׁט אַרוֹיס גְלַייךְ גֶעטְלִיכְקֵייט וְכוּ', אִיז נָאר כְּדֵי מֶען זָאל אִיבֶּערְקוּמֶען אַלֶע שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען אוּן בֶּעטְקֶען נָאר צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן רֶעדְן אַסַאךְ צוּ אִים, אוּן עֶר רֶעדְט אַרוּם אִין דִי הֲלָכָה וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רְצוֹנוֹת אוּן כִּיסוּפִין פוּן וֶועלְן אוּן בֶּעטְקֶען אוּמְקֶערְן זִיךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶס אִיז כְּדֵי דוּ זָאלְסְט דוּרְכְלֶערְנֶען דִי הֲלָכָה וואוּ עֶר רֶעדְט אַרוּם מִיט אַ בְּרֵייטְקֵייט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד וָואס שְׁטַארְקְט זִיךְ אִין רְצוֹנוֹת וְכִיסוּפִין, בֶּעטְקֶען אוּן וֶועלְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס אַלֵיין בִּינְדְט אִים צוּ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אִין אַלֶע דוֹרוֹת בַּיי בְּרֶסְלֶבֶע חֲסִידִים, דָאס וֶוער עֶס הָאט גֶעלֶערְנְט מֶער "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת" עֶר הָאט זִיךְ בֶּעסֶער דֶערְהַאלְטְן, וָוארוּם אוֹיף יֶעדֶעם אֵיינֶעם

גייט איבער צָרוֹת און יִסוּרִים וְכוּ' וְכוּ', ס'אִיז נִישְׁטָא קַיין איין מֶענְטְשׁ אוֹיף דער וועלְט וָואס קֶען זִיךְ בַּארִימֶען אַז אוֹיף אִים גייט נִישְׁט דוּרְךְ אַן אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיין פֶּעקְל צָרוֹת, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וְכוּ' וְכוּ', און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע עֶר הָאט הִתְחַזְקוּת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, וָוארוּם זַיינֶע ווערְטֶער אִיז מַמָּשׁ דֶערְקְווִיקִינְדְס וֶוערְטֶער פַאר יֶעדֶע צוּבְּרָאכֶענֶע נְשָׁמָה, אַז וואויל אִיז דֶעם איד וָואס מַאכְט זִיךְ אַ שִׁיעוּר יֶעדְן טָאג אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת", וָואס דֶעמָאלְטְס נִישְׁט נָאר עֶר וֶועט הָאבְּן הִתְחַזְקוּת נָאר עֶר וֶועט אוֹיךְ קֶענֶען מְחַזֵק זַיין אַנְדֶערֶע, אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיךְ פָאלְגְן און זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת" וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן אַן אַנְדֶערֶע חַיוּת אִין לֶעבְּן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע חֲנוּכָּה**

## צד

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם חֲמִישִׁי לְסֵדֶר מִקֵּץ, א' דַחֲנוּכָּה כ"ה כִּסְלֵו ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן אַז מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן זִינְגֶערְס לֵצִים. קוֹדֶם דַארְף מֶען וויסְן אַז

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זי"ע הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ג) דָאס אַז מֶען הֶערְט נִיגוּנִים פוּן מְנַגְּנִים רְשָׁעִים שָׁאדְט דָאס פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן זִינְגֶערְס אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען כִּלוֹמֶר'שְׁט הֵיימִישֶׁע, פוּן דֶיע דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶער וִוי אַלֶע, וַוייל מֵיינֶען מֵיינְט מֶען אַז זֵיי זֶענֶען עֶרְלִיכֶע, זֵיי גֵייעֶן מִיטְן חֲסִידִישְׁן לְבוּשׁ, אָבֶּער אִין דֶעם אֶמֶת'ן אַרֵיין זֶענֶען זֵיי פַארְדָארְבְּן דוּרְךְ אִין דוּרְךְ, וּבִפְרַט זֵיי הָאבְּן הַשְׁקָפוֹת טְמֵאוֹת, טָמֶא'דִיגֶע דֵעוֹת נִפְסָדוֹת, אוּן פוּן דִי דַארְף מֶען זִיךְ מֶער הִיטְן וִוי פוּן אַלֶע.

**אוּן** וְעַל כּוּלָּם אוֹיסֶער דֶעם זִינְגֶען זֶענֶען זֵיי גְרוֹיסֶע לֵצִים אוּן שׁוֹי שְׁפִּילֶער וְכוּ', אוּן דָאס שְׁלֶעפְּט דִי יוּגְנְט אַרֵיין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, וָואס דִי חַז"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת פֶּרֶק ב, הֲלָכָה ח) קָשֶׁה הִיא הַלֵּיצָנוּת שֶׁתְּחִילָּתָהּ יִסּוּרִין וְסוֹפָן כְּלָיָה; אַז מֶען מַאכְט לֵיצָנוּת, הֵייבְּן הֵייבְּט זִיךְ עֶס אָן מִיט יִסּוּרִים, אָבֶּער נָאכְדֶעם וֶוערְט מֶען פַארְלֶענְדֶעט אִינְגַאנְצְן פוּן אִידִישְׁקֵייט פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, יִסּוּרִים הָאט מֶען וַוייל דִי נְשָׁמָה וֶוערְט אָפְּגֶעריסְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז מֶען הֶערְט אַזַא זִינְגֶער זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען אַזוֹי וִוי אַ גוֹי, רֵייסְט דָאס אָפּ דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע יִסּוּרִים וָואס דִי נְשָׁמָה הָאט, אָבֶּער בַּיים סוֹף עֶנְדִיגְט זִיךְ דָאס מִיט כְּלָיָה, עֶר וֶוערְט פַארְלֶענְדְט אִינְגַאנְצְן פוּן אִידִישְׁקֵייט. וָואס לֵיידֶער הָאבְּן מִיר דָאס גֶעזֶען, דִי אַלֶע וָואס גֵייעֶן נָאךְ דִי הֵיימִישֶׁע זִינְגֶערְס, אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע

פְּרוּמֶע, וָואס זֵיי פַארְפִירְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, מֶען מַאכְט פוּן זֵיי אַ גַאנְצֶע גֶעטְשְׁקֶע וְכוּ', אוּן מֶען לוֹיפְט זֵיי נָאךְ, אוּן מֶען הֶערְט זֵיי אוֹיס אוּן זֵיי וֶוערְן דֵעָה זָאגֶערְס אִין אִידִישְׁקֵייט, אוּן אַזוֹי רַחֲמָנָא לִיצְלָן וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעריסְן פוּן אִידִישְׁקֵייט. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר פוּן הַיינְט אָן זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי הֵיימִישֶׁע זִינְגֶערְס וָואס זֶענֶען אוֹיבֶעט גְרוֹיסֶע לֵצִים אוּן שׁוֹי שְׁפִּילֶערְס, זֵיי זֶענֶען דִי שֶׁעדְלִיכְסְטֶע וָואס סְ'קֶען נָאר זַיין.

דִי חַזַ"ל זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה יט.) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים א) "וּבְמוֹשַׁב לֵצִים לֹא יָשָׁב", שֶׁלֹּא יָשַׁב בְּמוֹשַׁב אַנְשֵׁי פְּלִשְׁתִּים מִפְּנֵי שֶׁלֵּצָנִים הָיוּ; וָוארוּם וויסְן דַארְפְסְטוּ אַז וֶוער סְ'מַאכְט לֵצָנוּת פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן דֶער אִיז פָּגוּם בִּבְרִית, אַזוֹי וִוי דִי פְּלִשְׁתִּים זֶענֶען גֶעוֶוען מוֹרָא'דִיג פָּגוּם, וִוי רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית י, יד) "וְאֶת פַּתְרוּסִים וְאֶת כַּסְלוּחִים אֲשֶׁר יָצְאוּ מִשָּׁם פְּלִשְׁתִּים", וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען וויסְן אַז וואוּ סְ'אִיז דָא לֵיצָנוּת אוּן לֵצָנִים דַארְף מֶען פוּן דָארְט אַנְטְלוֹיפְן, אַלֶע צָרוֹת לַיידְט מֶען פוּן דִי לֵצִים, אַמָאל אִיז דָאס גֶעוֶוען פוּן פְרַייעֶ, פוּן דֶיע הָאט מֶען גֶעוואוּסְט בָּאטְשׁ אַז מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן, אָבֶער הַיינְט לֵיידֶער אִיז דָאס פוּן פַארְשְׁטֶעלְטֶע פְרוּמֶע, קַאלְיֶע'דִיגֶע אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען לֵיידֶער פִיל מִיט גְרָאבֶּע זִינְד, אוּן זֵיי וֶוערְן דִי זִינְגֶערְס אוּן דִי מְשַׂמְּחִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט גֵיין זֵיי הֶערְן, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט זֵיי נָאכְמַאכְן, מֶען

דַארְף זִיךְ זַייעֶר זַייעֶר הִיטְן פוּן דֶעם, אִיךְ בֶּעט דִיךְ זַייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן זַיי, אֵיידֶער דוּ וֶועסְט אוֹיבֶעט אַרַיינְפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, זֶע אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶעוָוארֶענְט, מִיר הָאבְּן נָאר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ'ס וֶוערְטֶער, אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ג) אַז מֶען דַארְף זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מְנַגְּנִים רְשָׁעִים, אִיז דָאס אִיז דָאס, מֶען טָאר נִישְׁט זַיין קַיין אוֹיבֶּער חָכָם אוּן גֵיין נָאכְן אֵייגֶענֶעם חָכְמָה אוּן נָאכְן אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל, בַּיי אוּנְז אִיז וָואס דִי הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַזוֹי אִיז דָאס, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אוּן לֵיידֶער לֵיידֶער, דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָוארוּם דִי זִינְגֶערְס אוּן דִי שׁוֹי שְׁפִּילֶער זַיי שְׁלֶעפְּן אַרָאפּ דִי יוּגְנְט אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיךְ פָאלְגְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה**

## צה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם חֲמִישִׁי לְסֵדֶר מִקֵּץ, א' דַּחֲנוּכָּה כ"ה כִּסְלֵו ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**דַיין** בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, מֶען דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער.

חֲנוּכָּה אִיז מִלָּשׁוֹן חִינוּךְ - זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, הֲלָכוֹת חֲנוּכָּה הֲלָכָה א), דִי יְוָנִים הָאבְּן דֶער עִיקָר גֶעוָואלְט דִי יוּגְנְט, אִיבֶּערְדֶעם הָאבְּן זֵיי גֶעהֵייסְן אוֹיסְקְרִיצְן אוֹיף אַ הָארְן "כִּתְבוּ עַל קֶרֶן שׁוֹר שֶׁאֵין לָכֶם חֵלֶק בְּאֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל", פַּארְוָואס עֶפֶּעס אוֹיף אַ קֶרֶן? נָאר וֵוייל דִי חַזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת לו.) וָואס קֶען מֶען טוּן מִיט אַ קֶרֶן? לְגַמֵּעַ לְתִינוֹק עָנִי; דָאס הֵייסְט מֶען קֶען מַאכְן אַ מִילְךְ פְלֶעשְׁל פַּאר אַן אָרִים קִינְד. אַמָאל אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין בָּאטְלֶעךְ, הָאט מֶען גֶענוּמֶען אַ הָארְן, אוּן פוּן דִי בְּרֵייטֶע זַייט הָאט מֶען אַרַיינְגֶעגָאסְן דִי מִילְךְ אוּן פוּן דִי שְׁמָאלֶע זַייט הָאט דִי בֶּעיבִּי גֶעטְרוּנְקֶען, דִי רְשָׁעִים דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעוָואלְט אוֹיסְקְרִיצְן נָאךְ אוֹיף דִי מִילְךְ בָּאטְל, זָאל דָאס פִּיצְל קִינְד זֶען שֶׁאֵין לָכֶם חֵלֶק בְּאֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל, אוֹיסְרֵייסְן דִי אֱמוּנָה, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי גְזֵירוֹת פוּן יְוָנִים, דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר אַכְטוּנְג גֶעבְּן זֵייעֶר אוֹיף אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, יֶעדֶע טְרָאפְּל שֶׁמֶץ פוּן אוֹיסְגֶעלַאסְנְקֵייט, פוּן שְׁמוּץ, פוּן זִינְגֶערְס שׁוֹי שְׁפִּילֶערְס דֶערְוַוייטֶערְן אוּנְזֶער קִינְדֶער, אוּן דָאס אִיז דִי יְסוֹד פוּן חִינוּךְ, אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער נָאר יִרְאַת שָׁמַיִם, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי זַאכְן, אַנְטְלוֹיפְן פוּן חָכְמוֹת יְוָנִים, וָוארוּם דִי אַלֶע טוּמְאָה אוּן זוּהֲמָא דָאס אִיז חָכְמוֹת יָוָן.

דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל אוּנְז אָפְּהִיטְן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער. אוּן מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן אַז מֶען זָאל הָאבְּן הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, גִיסְן אַסַאךְ טְרֶערְן, אוּן בֶּעטְן יֶעדְן טָאג, וָוארוּם אִין דֶעם דוֹר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער נִסָּיוֹן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

אִיךְ הָאף דו װעסְט מִיר פָאלְגְן װעט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דֶער װעלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער װעלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה, אוּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת.**

## צו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר וַיִּגַּשׁ כ"ח כִּסְלֵו ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

זֶע זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ זָאל דִיךְ נִישְׁט קֶענֶען צוּבְּרֶעכְן, וִויסְן דַארְפְסְטוּ, אַז אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה, גְלֵייבְּן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר אִיז מְחַיֶּה אוּן מְהַוֶּה דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים, אוּן וִויפִיל אַ אִיד לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי אֱמוּנָה אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶוערְט עֶר אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס; וָוארוּם אֱמוּנָה אִיז אַזוֹי וִוי עֶר גֵייט אַרַיין אִין אַ בָּאד וְכוּ', וִוי שְׁמוּצִיג עֶר זָאל נָאר נִישְׁט זַיין קֶען עֶר אָפְּגֶעוַואשְׁן וֶוערְן;

אִיבֶּערְדֶעם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן לג) עַל יְדֵי אֱמוּנָה יִסְלַח לְךָ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ; וָוארוּם וֶוען אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס אַלֵיין וַואשְׁט אִים אָפּ פוּן אַלֶע זַיינֶע זִינְד; אִיבֶּערְדֶעם זֶע זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוּן זָאלְסְט

אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען בַּיי זִיךְ אֱמוּנוֹת כּוֹזְבִיוֹת, פַאלְשֶׁע דֵעוֹת, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן לה, וְסִימָן רכ), אַז פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין אַ גְרוֹיסֶע נִסָיוֹן זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, עֶס וֶועט אַרַיינְגֵיין אִין אַלֶע הֶערְצֶער כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת וְכוּ', אוּן לֵיידֶער זֶעעֶן מִיר ווי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זֶענֶען גֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן מִיט דֵעוֹת נִפְסָדוֹת וְכוּ', בִּיז עֶס אִיז כִּמְעַט נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ וָואס זָאל נִישְׁט מְשַׁבֵּחַ זַיין דִי רְשָׁעֵי יִשְׂרָאֵל וְכוּ', וָואס דָאס אִיז אַלֵיין אַן עֲבוֹדָה זָרָה, וָוארוּם זֵיי רַייסְן אוֹיס פוּן זִיךְ, אוּן פוּן מִילְיָאנֶען אִידְן דִי אֱמוּנָה הַקְדוֹשָׁה וְכוּ', אוּן שְׁפֶּעטְן אָפּ אַלֶעס וָואס אִיז הֵיילִיג פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער. אִיבֶּערְדֶעם אִיז וואויל פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר דֶערְוַוייטֶערְט זִיךְ פוּן זֵיי, וָוארוּם דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּמִדְבָּר רַבָּה פַּרְשָׁה כא, סִימָן ד) שֶׁהַמַּחֲטִיא אֶת הָאָדָם יוֹתֵר מִן הַהוֹרְגוֹ שֶׁהַהוֹרֵג הוֹרֵג בָּעוֹלָם הַזֶּה וְיֵשׁ לוֹ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא וְהַמַּחֲטִיא הוֹרְגוֹ בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבְעוֹלָם הַבָּא; אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ מִתְרַחֵק זַיין פוּן אַלֶע מִינִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים, אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיט זֵיי, אוּן דָאס אִיז אַ חֵלֶק פוּן דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה, נָאר גְלֵייבְּן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיט דִי רְשָׁעִים וָואס זֵיי שְׁפֶּעטְן אָפּ פוּן אַלֶעס וָואס אִיז הֵיילִיג בַּיי אִידְן.

**אִיךְ** בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר, דוּ זָאלְסְט דֶער עִיקָר זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ טוּן, אוּן מִיט דֶעם וֶועסְטוּ צוּגֶעבִּינְדְן וֶוערְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַ אִיד

גֵייט אַרוּם בְּזֶה הָעוֹלָם וָואס אִיז פִיל מִיט גַשְׁמִיוּת וְכוּ׳, מִיט הַעֲלָמוֹת אוּן הַסְתָּרוֹת וְכוּ׳, וָואס זֵיי ווִילְן פַארְדֶעקְן דָאס גֶעטְלִיכְקֵייט וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִין דִי בְּרִיאָה, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז מְקַיֵים אַ מִצְוָה וָואס דָאס אִיז דִי רָצוֹן פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מִיט דֶעם וֶוערְט דִי נְשָׁמָה אָנְגֶעצִינְדְן מִיט אַ פְלַאם פֵייעֶרְדִיגְן לֶעבְּט, וָוארוּם יֶעדֶע מִצְוָה וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אִיז אַ חֵלֶק מִיט אִים, אִיבֶּערְדֶעם יֶעדֶע מִצְוָה בִּינְדְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן א) כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו.

**בִּפְרַט** יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן חֲנוּכָּה דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דָאס מִיר זֶענֶען זוֹכֶה אָנְצוּצִינְדְן דִי לֶעבְּט פוּן חֲנוּכָּה, וָואס מִיט דֶעם בְּרֶענְגְט מֶען אַרָאפּ דִי שְׁכִינָה אוֹיף דִי וֶועלְט. אוּן עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז צוּם הֵיילִיגְן חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זי״ע הָאט מֶען צוּגֶעבְּרֶענְגְט אַ קְווִיטְל פוּן אַ אִיד, אוּן וֶוען דִי הֵיילִיגֶע חוֹזֶה זי״ע הָאט דָאס דוּרְכְגֶעלֵיינְט הָאט עֶר זֵייעֶר אוֹיסְגֶערִימְט דֶעם אִיד, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז זַיין נְשָׁמָה לַייכְט אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת. אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם קְווִיטְל אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְוואוּנְדֶערְט, ווַייל עֶר הָאט גֶעקֶענְט דֶעם אִיד אַלְץ גָאר אַ פָּשׁוּטְ׳ן אִיד, אוּן דָא זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה אַז זַיין נְשָׁמָה לַייכְט אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת. אוּן וֶוען עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעפָארְן הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם אִיד,

וָואס הָאט עֶר גֶעטוּן דֶעם שָׁעָה? הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט 'אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְטְס חֲנוּכָּה לֶעכְט גֶעצִינְדְן', הָאט עֶר שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה זי"ע הָאט אִים אַזוֹי אוֹיסְגֶערִימְט. זֶעט מֶען פוּן דֶעם וֶוען אַ אִיד צִינְדְט אָן דִי חֲנוּכָּה לֶעכְט אִיז עֶר גוֹרֵם אַז סְ'וֶוערְט לִיכְטִיג אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיךְ אִין דִי אַלֶע עוֹלָמוֹת, וָוארוּם דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ פִינְסְטֶערְקֵייט אוֹיף דֶער וֶועלְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט שְׁפִּירְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פָּרָשָׁה ב, סִימָן ד) וְחוֹשֶׁךְ זֶה גָלוּת יָוָן שֶׁהֶחֱשִׁיכָה עֵינֵיהֶם שֶׁל יִשְׂרָאֵל בִּגְזֵירוֹתֵיהֶן; דִי רְשָׁעִים הָאבְּן גֶעוָואלְט פִינְסְטֶער מַאכְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער דִי אֱמוּנָה מִיט זֵייעֶרֶע בִּיטֶערֶע גְזֵירוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן גוֹזֵר גֶעוֶוען, אִיבֶּערְדֶעם צִינְדְן מִיר דִי לֶעכְט פוּן חֲנוּכָּה אוֹיפְן נֵס וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיט אוּנְז גֶעטוּן, דָאס מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן אַ פַּךְ שֶׁמֶן וָואס דִי יְוָנִים הָאבְּן נִישְׁט אָנְגֶערִירְט (שַׁבָּת כא:).

אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִיקִים אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְן פִּינְטֶעלֶע פוּן אֱמוּנָה וָואס עֶס אִיז דָא אִין יֶעדְן אִיד, וָואס דָאס קֶענֶען קַיין שׁוּם אוּמָה וְלָשׁוֹן נִישְׁט אוֹיסְרֵייסְן, וָוארוּם יֶעדֶע אִיד אִיז אַ חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַעַל, אוּן פוּן דֶעם פִּינְטֶעלֶע קֶען מֶען אָנְצִינְדְן בַּיי זִיךְ דִי אֱמוּנָה אִין גְרוֹיסְן, בִּיז מֶען זָאל שְׁפִּירְן דָאס גֶעטְלִיכְקֵייט אַרוּם זִיךְ. וָוארוּם וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט בַּאשַׁאפְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּן עֶר פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִית, דִי וֶועלְט אִיז אֵיינְס מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶס אִיז נִישְׁט

שַׁיָיךְ אָפּצוּרַייסְן דִי וֶועלְט פוּן אִים, וָוארוּם דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר אִיז אַ לְבוּשׁ לְגַבֵּי אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא. אוּן דָאס דַארְף מֶען גוּט אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ, אוּן וֶוען אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק אִין דִי אֶמוּנָה קֶען אִים קֵיינֶער גָארְנִישְׁט טוּן.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ אִין אֶמוּנָה, אוּן בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאלְסְט זַיין שְׁטַארְק אִין דִי אֶמוּנָה, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי רַבִּי אֱלִימֶלֶךְ בֶּעט אִין זַיין תְּפִלָּה, וְתִקְבַּע אֱמוּנָתְךָ בְּלִבֵּינוּ בְּלִי הֶפְסֵק, וּתְהֵא אֱמוּנָתְךָ קְשׁוּרָה בְּלִבֵּינוּ כְּיָתֵד שֶׁלֹּא תִמּוֹט, וְתַעֲבִיר מֵעָלֵינוּ כָּל הַמְסָכִים הַמַבְדִילִים בֵּינֵינוּ לְבֵינְךָ. אַ אִיד דַארְף הָאבְּן אַזַא מִין לוֹיטֶערֶע אֶמוּנָה אַז עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג שְׁפִּירְן דָאס גֶעטְלִיכְקֵייט פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶעמָאלְטְס וֶועט זַיין לֶעבְּן זַיין אַן אַנְדֶער סָארְט לֶעבְּן, אוּן עֶר וֶועט קֶענֶען רֶעדְן צוּ אִים אוֹיף פְּרָאסְטְ אִידִישׁ, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סב), פַארְוָואס רֶעדְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים? וַוייל דִי אֶמוּנָה אִיז בַּיי אִים נִישְׁט שְׁטַארְק, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד זָאל שְׁפִּירְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז בַּיי אִים נֶעבְּן אִים אוּן אִין אִים, אוּן עֶר הֶערְט צוּ יֶעדֶעם וָוארְט וָואס עֶר רֶעדְט, דֶעמָאלְטְס וָואלְט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּ אִים, נָאר וַוייל דִי אֶמוּנָה אִיז בַּיי אִים נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק, אִיבֶּערְדֶעם פַארְנַאכְלֶעסִיגְט עֶר דֶעם עִנְיָן פוּן תְּפִלָּה, אוּן אוֹיךְ אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג צֶעטְרָאגְן וְכוּ', עֶר הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת וְכוּ', עֶר אִיז נֶערְוֶועז אוּמְגֶעדוּלְדִיג וְכוּ'. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער

רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קנה), אַז וֶוען אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה הָאט עֶר גֶעדוּלְד, און קַיין שׁוּם זַאךְ קֶען אִים נִישְׁט אוֹיסְרֵייסְן פוּן אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער, נָאר עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט גֶעדוּלְד, און אַזוֹי קוּמְט עֶר אַלֶעס אִיבֶּער און עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם אֱמוּנָה און גֶעדוּלְד סַבְלָנוּת מִיט שִׂמְחָה אִיז תָּלוּי אֵיינְס אִין אַנְדֶערְן. אַז ווַאוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר הִיט זִיךְ אָפּ פוּן רְשָׁעִים און חַבֶר'ט זִיךְ נִישְׁט מִיט זֵיי, וֶועט עֶר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן מִיט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה.

אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן, אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי אַרַיינְצוּכַאפְּן יוּנְגֶע בָּחוּרִים אִין דִי טוּמְאָה רַחֲמָנָא לִישְׁזְבָן, לֶעצְטְנְס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט הַיימִישֶׁע זִינְגֶערְס און שְׁפִּילֶערְס וָואס זֵיי פַּאסְן צוּ גוֹי'אִישֶׁע נִיגוּנִים מִיט פְּסוּקִים וְכוּ', און מִיט זֵייעֶר זִינְגֶען בְּרֶענְגֶען זֵיי אַרַיין אַ טוּמְאָה אִין דִי צוּהֶערֶערְס, ווִי דִי הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ג) אַז מֶען הֶערְט אַ נִיגוּן פוּן אַ מְנַגֵן רָשָׁע שָׁאדְט דָאס זֵייעֶר פַארְן מֶענְטְשׁ, וּבִפְרַט וֶוען מֶען נֶעמְט הֵיילִיגֶע פְּסוּקִים פוּן תְּנַ"ךְ און מֶען בִּינְדְט דָאס צוּ מִיט גוֹי'אִישֶׁע נִיגוּנִים דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער זִינְד, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין קא.) הַקּוֹרֵא פָּסוּק שֶׁל שִׁיר הַשִּׁירִים וְעוֹשֶׂה אוֹתוֹ כְּמִין זֶמֶר, וְהַקּוֹרֵא פָּסוּק בְּבֵית מִשְׁתָּאוֹת בְּלֹא זְמַנוֹ מֵבִיא רָעָה לְעוֹלָם, מִפְּנֵי שֶׁהַתּוֹרָה חוֹגֶרֶת שַׂק וְעוֹמֶדֶת לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וְאוֹמֶרֶת לְפָנָיו, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם עֲשָׂאוּנִי בָּנֶיךָ כְּכִנּוֹר שֶׁמְּנַגְּנִין לוֹ לֵצִים; און לֵיידֶער דָאס טוּעֶן דִי אַזוֹי

גֶערוּפֶענֶע הֵיימִישֶׁע זִינְגֶערְס, זֵיי פַּאסְן צוּ הֵיילִיגֶע פְּסוּקִים פוּן תְּנַ"ךְ צוּ גוֹיִשֶׁע לִידֶער וְכוּ', אוּן זֵיי וַוארְפְן זִיךְ מִיטְן גוּף וְכוּ', אוּן טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען וְכוּ', פּוּנְקְט וִוי דִי גוֹיִים; אוּן וֶוער עֶס הֶערְט דָאס אוֹיס אָדֶער עֶר קוּקְט אוֹיף זֵיי, מוּז לֵיידֶער אָפְּגֶערִיסְן וֶוערְן פוּן דִי קְדוּשָּׁה.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אוֹיסְצוּהֶערְן אַזֶעלְכֶע מְנַגְּנִים רְשָׁעִים, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אוּנְזֶערֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן נִיגוּנִים פוּן אַזֶעלְכֶע זִינְגֶערְס לֵיצָנִים קַלִים וְרֵיקִים וּפוֹחֲזִים וְכוּ', וָוארוּם עֶס שָׁאדְט זֵייעֶר פַאר דִי נְשָׁמָה, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען דִי זִינְגֶערְס זֶענֶען אוֹיךְ שׁוֹי שְׁפִּילֶערְס וְכוּ', וָואס אִיז אַן עֶקֶל זֵיי אָנְצוּקוּקְן וִוי זֵיי וַוארְפְן זִיךְ דֶעם גוּף בַּיים זִינְגֶען פּוּנְקְט וִוי דִי גוֹיִים. אַז ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט הָאבְן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט זֵיי.

**נְגִינָה** - הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רעג) - אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם אִיז זֵייעֶר גוּט זִיךְ מְחַיֶה צוּ זַיין מִיט אַ נִיגוּן, אֲפִילוּ עֶר אַלֵיין קֶען נִישְׁט זִינְגֶען, עֶר אִיז נִישְׁט קַיין בַּעַל מְנַגֵּן וְכוּ', זָאל עֶר בָּאטְשׁ זִינְגֶען וִוי עֶר קֶען, וָוארוּם דוּרְךְ נְגִינָה וֶועט עֶר צוּגֶעבִּינְדְן וֶוערְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אָבֶער דָאס אִיז אַלְץ גֶערֶעדְט וֶוען עֶר אַלֵיין זִינְגְט אָדֶער עֶר הֶערְט זִינְגֶען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן חֲנוּכָּה דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֶען זַייעֶר צוּ שְׁטַארְקְן אוּן דַאנְקֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי נִסִים אוּן וואוּנְדֶער וָואס עֶר הָאט מִיט דִיר גֶעטוּן, וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן נָאךְ נִסִים, וָוארוּם אַזוֹי הָאט גֶעזָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶ׳ענְסְק זי״ע, וֶוען אַ אִיד דֶערְמַאנְט דִי נִסִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיט אִים גֶעטוּן, אִיז דָאס אַ סְגוּלָה אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט אִים טוּן נָאךְ נִסִים, אִיבֶּערְדֶעם אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן דִי נִסִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיט אִים גֶעטוּן, וֶועט עֶר זֶען נָאךְ נִסִים.

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ וָואס דָאס רֵיינִיגְט דֶעם נְשָׁמָה, זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן פוּן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, אוּן זָאלְסְט לֶערְנֶען כְּסִדְרָן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ זִיךְ פִירְן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, דֶעמָאלְטְס וֶועט דִיךְ קֵיינֶער נִישְׁט קֶענֶען גָארְנִישְׁט טוּן, וָוארוּם לִימוּד מִשְׁנַיוֹת, הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, קַיין שׁוּם מַשְׁחִית, קַיין שׁוּם נִידֶערְטְרֶעכְטִיגֶער מֶענְטְשׁ וְכוּ׳, קֶען אִים גָארְנִישְׁט טוּן, אִיבֶּערְדֶעם לֶערְן זַייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אוּן בִּפְרָט וָואס דִי חַזַ״ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ז, סִימָן ג) אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְסוֹת אֶלָא בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת; דִי גַאנְצֶע גְאוּלָה אִיז תָּלוּי אִין לִימוּד מִשְׁנַיוֹת, אוּן אַ שָׁאד אַז מֶענְטְשְׁן פַארְנַאכְלֶעסִיגְן דָאס לִימוּד מִשְׁנַיוֹת, מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז פַאר אַן אַלְטְן

איד וְכוּ׳, אָבֶּער דֶער אֶמֶת׳ן אַרַיין איז דַארְף מֶען צוּגֶעוואוֹינֶען קִינְדֶער פוּן דִי יוּנְגֶע יָארְן זָאל שׁוֹין זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת וָואס דָאס רֵיינִיגְט זֵייעֶר נְשָׁמָה, אוֹיבֶּעט זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז מִשְׁנֶ"ה בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט וִוי פַּרְנָסָ"ה אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, הָאט מֶען גְרִינְג פַּרְנָסָה.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ דִיר אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה**

## צז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר וַיִּגַּשׁ כ"ח כִּסְלֵו ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט וַוייזְן פַאר דִי קִינְדֶער קַיין שׁוּם ווִידִיאָס וְכוּ׳, אֲפִילוּ אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע כָּשֶׁרֶע וְכוּ׳, מֶען טָאר נִישְׁט צוּגֶעוואוֹינֶען קִינְדֶער זָאלְן קוּקְן אוֹיף כְּלֵי מַשְׁחִית, אֲפִילוּ מֶען וַוייזְט גוּטֶע זַאכְן, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קה:) שֶׁכַּךְ אוּמָנְתוֹ שֶׁל יֵצֶר הָרַע, הַיּוֹם אוֹמֵר לוֹ עֲשֵׂה כַּךְ וּלְמָחָר אוֹמֵר לוֹ עֲשֵׂה כַּךְ, עַד שֶׁאוֹמֵר לוֹ עֲבוֹד עֲבוֹדָה זָרָה וְהוֹלֵךְ וְעוֹבֵד; מֶען הֵייבְּט אָן צוּ קוּקְן גוּטֶע זַאכְן, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ קִילְט דָאס אָפּ דָאס קִינְד פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, בִּיז עֶר הֵייבְּט אָן צוּ קוּקְן שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן לֹא עָלֵינוּ, מֶען טָאר נִישְׁט צוּגֶעוואוֹינֶען קִינְדֶער קוּקְן אוֹיף טְרֵיפֶענֶע

כֵּלִים, דָאס פַאר'תַּמְ'ט דֶעם מֹחַ פוּן צוּ קֶענֶען נָאכְדֶעם אוֹיפְכַאפְּן דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה.

**אִיבֶּערְדֶעם** זֶע נִישְׁט צוּ וַוייזְן פַאר דִי קִינְדֶער קַיין שׁוּם מָאוּוִי אֲפִילוּ אַ כָּשֶׁרֶע, אוּן זָאלְסְט נִישְׁט וַוייזְן קַיין שׁוּם פְּלֶעי (שְׁפִּיל) אֲפִילוּ חַסִידִישֶׁע אִינְגֶעלַייט שְׁפִּילְן וְכוּ', וָוארוּם מֶען טָאר נִישְׁט צוּגֶעוואוֹינֶען קְלֵיינֶע קִינְדֶער מִיט אַזַא כְּלֵי מַשְׁחִית, זֵיי דַארְפְן ווִיסְן פוּן קְלֵיינְוַוייז אוֹיס, אַז דִי אַלֶע כְּלֵי מַשְׁחִית אוֹיף זֵיי אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶעם פָּסוּק (יְשַׁעְיָה ל, כב) "צֵא תֹּאמַר לוֹ", דַרְשֶׁענֶען דִי חַזַ"ל אוֹיף דֶעם (מֶדְרָשׁ זוּטָא אֵיכָה, פַּרְשָׁה א) צוֹאָה תֹּאמַר לוֹ. גְלֵייבּ מִיר וֶוען מֶען לֵייגְט דָאס אַרַיין אִין קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ זֵייעֶר קְלֵיין, אַז דִי כְּלֵי מַשְׁחִית זֶענֶען עֶקְלְדִיג אַזוֹי ווִי צוֹאָה וְכוּ', וֶועלְן זֵיי עֶס קֵיינְמָאל נִישְׁט מֶער אִין לֶעבְּן אָנְרִירְן, וָואס דָאס זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (מִשְׁלֵי כב, ו) "חֲנוֹךְ לַנַּעַר עַל פִּי דַרְכּוֹ גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יָסוּר מִמֶּנָּה" מֶען דַארְף מִיט קִינְדֶער לֶערְנֶען אוּן מַסְבִּיר זַיין וֶועלְדִיג זֵייעֶר עֶלְטֶער, וֶועט דָאס שׁוֹין בְּלַייבְּן בַּיי זֵיי דֶעם גַאנְץ לֶעבְּן.

**עֶס** אִיז אַ גְרוֹיסֶער זַאךְ אוֹיסְצוּלֶערְנֶען קִינְדֶער נִיגוּנִים פוּן אֶמוּנָה, וָואס דָאס וֶוערְט אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זֵייעֶרע הֵיילִיגֶע הֶערְצֶעלֶעךְ וֶוען זֵיי זֶענֶען יוּנְג.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיךְ פַארְשְׁטֵיין, אוּן דוּ וֶועסְט טוּן מַיין רָצוֹן.

**אִיךְ וואוּנְטְשׁ דִיר אַ פְרֵייליכְן חֲנוּכָּה**

# צח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר וַיִּגַּשׁ כ"ח כִּסְלֵו ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... גֵּרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶס** טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי דִיךְ צוּ שְׁרַייבְּן פַארְוָואס דוּ הַאלְטְסְט זִיךְ אִין אֵיין בַּאקְלָאגְן אוֹיף דַיין לֶעבְּן וְכוּ', אַזוֹי וְוִי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֵייט מִיט דִיר בְּמִידַּת הַדִּין וְכוּ', בְּשַׁעַת דוּ בִּיסְט נִישְׁט מֶער וְוִי אַ שׁוֹטֶה וְכוּ'. בַּאטְרַאכְט זִיךְ גוּט אוֹיף דַיין גוּף וֶועסְטוּ זֶען, גֶעלוֹיבְּט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דוּ הָאסְט אוֹיגְן צוּ זֶען, דוּ הָאסְט אוֹיעֶרְן צוּ הֶערְן, דוּ הָאסְט אַ נָאז צוּ אָטֶעמֶען, הָאסְט אַ מוֹיל צוּ רֶעדְן, הָאסְט הֶענְט זִיךְ צוּ בַּאוֶועגְן, הָאסְט פִּיס צוּ גֵיין; אַלֶעס קְלַאפְּט, דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט, דַיין וַוייבּ אִיז גֶעזוּנְט, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה לֶעבְּטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, דוּ הָאסְט נָאךְ טַעֲנוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים? דוּ בִּיסְט אַ גְרוֹיסֶער שׁוֹטֶה וְכוּ'.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע נָאמֶען דִיךְ אַ נָאמֶען צוּ גֶעבְּן נָאר שׁוֹטֶה וְכוּ'. וְוִי קוּמְט דָאס צוּ דִיר אַז דוּ זָאלְסְט פְרֶעגְן קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן נב), יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי דַארְף זַיין, וְוִי קֶען אַ מֶענְטְשׁ מִיט זַיין קְלֵיין מְצוּמְצָם'דִיגֶע

קֶעפְּל פַּארְשְׁטֵיין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים? און אַזוֹי הָאט מֶען קַשְׁיוֹת אוֹיף אַ צַדִיק וָואס עֶר אִיז דָבוּק אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווִי קֶען אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַ קְלֵיין קֶעפְּל וָואס אִיז פוּל מִיט טִינוּף מִיט שְׁמוּץ פוּן זַיינֶע חַטְאוֹת נְעוּרִים פַּארְשְׁטֵיין אַ צַדִיק וָואס עֶר אִיז גְרֵייט יֶעדֶע מִינוּט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פַאְרן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים? הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלָאזְט אַז וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף אַן אֱמֶת'ן צַדִיק.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיךְ דוּ זָאלְסְט אַסַאךְ שְׁרַייעֶן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אַלֶע קַשְׁיוֹת, וָוארוּם קַשְׁיוֹת, "פַּארְוָואס", אִיז אַ קְלִיפָּה. אַ מֶענְטְשׁ דַארְף ווִיסְן דָאס (תְּהִלִּים קמה) "צַדִּיק הַוָי"ה בְּכָל דְרָכָיו וְחָסִיד בְּכָל מַעֲשָׂיו", וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט אַזוֹי דַארְף עֶס זַיין.

**עֶס** וֶוערְט דֶערְצֵיילְט, אַז אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זַ"ל, און עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, פַּארְוָואס הָאט עֶר אַ בִּיטֶער מַזָל, פַּארְוָואס הָאט עֶר נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, פַּארְוָואס הָאט עֶר נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, פַּארְוָואס אִיז עֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט - עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט פְרֶעגְן "פַּארְוָואס? פַּארְוָואס? פַּארְוָואס? פַּארְוָואס?". דֶער חָפֵץ חַיִּים זַ"ל הָאט אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט, וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט מִיט זַיינֶע קַשְׁיוֹת, "פַּארְוָואס, פַּארְוָואס" וְכוּ' וְכוּ', הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, דוּ

בִּיסְט צוּגֶעגְלִיכְנְט וְוי אַ גַאסְט וָואס קוּמְט אַרַיין שַׁבָּת אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, אוּן עֶר זֶעט וְוי דֶער גַבַּאי רוּפְט אוֹיף עֲלִיָה אֵיינֶעם וָואס עֶר זִיצְט אִין מַעֲרִיב זַייט, אֵיינֶער וָואס עֶר זִיצְט אִינְמִיטְן, אֵיינֶער וָואס עֶר זִיצְט אִין דָרוֹם, אֵיינֶער וָואס עֶר זִיצְט אִין צָפוֹן, אֵיינֶער וָואס עֶר זִיצְט פָארֶענְט. נָאכְן דַאוְוענֶען גֵייט עֶר צוּ, אוּן עֶר פְּרֶעגְט דֶעם גַבַּאי'ן, זָאגְט מִיר נָאר, אִיךְ בֶּעט אַייךְ, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס הָאט אִיר אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן נָאר דִי מֶענְטְשְׁן גֶעבְּן אַן עֲלִיָה, וָואס אִיז אֵייעֶר חֶשְׁבּוֹן? הָאט אִים דֶער גַבַּאי גֶעעֶנְטְפֶערְט, דוּ בִּיסְט נָאר אַ גַאסְט, דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל בִּיסְטוּ דָא, וֶוען דוּ זָאלְסְט זַיין דָא אַ חוֹדֶשׁ, אָדֶער אַפָּאר חֳדָשִׁים, וָואלְסְטוּ גֶעזֶען אַז אַלֶעס אִיז רֶעכְט, דֶעם וָואךְ גֶעב אִיךְ דֶיָע מֶענְטְשְׁן אַן עֲלִיָה, אַן אַנְדֶערְן וָואךְ גֶעבּ אִיךְ דֶיָע מֶענְטְשְׁן, יֶעדֶע וָואךְ גֶעבּ אִיךְ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, קוּמְסְט אֵיין מָאל וְוילְסְטוּ שׁוֹין אַלֶעס וִויסְן? הָאט עֶר אוֹיסְגֶעלָאזְט - אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אוֹיף דֶעם וֶועלְט זִיבֶּעצִיג-אַכְצִיג יָאר, אוּן עֶר אִיז הוֹילֶע קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים... וֶוען עֶר זָאל לֶעבְּן טוֹיזֶענְט יָאר וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת. פַארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה? אֶפְשֶׁר אִין דֶעם פְּרִיעֶרְדִיגְן גִלְגוּל בִּיסְטוּ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין צְדָקָה? פַארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, אָדֶער פַארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט קַיין נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער? אֶפְשֶׁר אִין דֶעם פְּרִיעֶרְדִיגְן גִלְגוּל הָאסְטוּ מְצַעֵר גֶעוֶוען דַיינֶע עֶלְטֶערְן? וֶוען דוּ וָואלְסְט

גֶעלֶעבְּט טוֹיזֶענְט יָאר וָואלְט אַסאַךְ קַשְׁיוֹת פַּארְעֶנְטְפֶערְט גֶעוָוארְן, נָאר וַוייל דוּ לֶעבְּסְט נָאר אַ קוּרְצֶע צַייט, וְוִי ווילְסְטוּ מֶען זָאל דִיר פַּארְעֶנְטְפֶערְן דִי אַלֶע קַשְׁיוֹת?

**דָאס** אִיז נִישְׁט סְתַם אַ מַעֲשֶׂה'לֶע, דָאס אִיז אַ לִימוּד אִין לֶעבְּן; אַ אִיד טָאר נִישְׁט פְרֶעגְן "פַארְוָואס", וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט "לָמָּה, יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם", אַ גוֹי פְרֶעגְט פַארְוָואס, אַ אִיד זָאגְט אַזוֹי דַארְף דָאס זַיין, "כָּכָה" (תְּהִלִּים קמד, טו), "אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁכָּכָה לוֹ". עֶס אִיז דָא אַ דִיבּוּר פוּן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט, "אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁכָּכָה לוֹ" - "וְוִי אַזוֹי? אָט אַזוֹי", עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְזֶערֶע לַייט דִי אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוּן קַיין שׁוּם סְפֵיקוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶס זָאל זַיין בַּיי אוּנְז אַלֶעם רֶעכְט.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיךְ, הֶער אוֹיף מִיט דַיינֶע קַשְׁיוֹת וָואס דָאס קוּמְט נֶעבֶּעךְ פוּן דַיינֶע חַטָאִים, וָוארוּם וֶוער ס'זִינְדִיגְט - בִּפְרַט מִיט חַטְאוֹת נְעוּרִים וְכוּ', דֶער אִיז הוֹילֶע קַשְׁיוֹת, עֶר אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט קְלִיפּוֹת וָואס זֵיי טוּעֶן אִים פִינְסְטֶער מַאכְן דִי אוֹיגְן, בִּיז עֶר זֶעט נִישְׁט דָאס לֶעבְּטִיגְקֵייט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי קְלִיפָּה פוּן דִי יְוָנִים, וְוִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (יַלְקוּט בְּרֵאשִׁית, רֶמֶז ד) וְחֹשֶׁךְ זֶה יָוָן שֶׁהֶחֱשִׁיכָה עֵינֵיהֶן שֶׁל יִשְׂרָאֵל בִּגְזֵרוֹתֶיהָ; דִי יְוָנִים הָאבְּן פִינְסְטֶער גֶעמַאכְט דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער'ס

אויגְן מֶען זָאל נִישְׁט שְׁפִּירְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶערְפַאר צִינְדְן מִיר אָן דִי לֶעכְטֶעלֶעך חֲנוּכָּה, אויפְן זֵכֶר פוּן דִי מְנוֹרָה וָואס הָאט גֶעלויכְטְן אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, מֶען הָאט גֶעקֶענְט שְׁפִּירְן דִי שְׁכִינָה אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת כב:) עֵדוּת הִיא לְבָאֵי עוֹלָם שֶׁהַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה בְּיִשְׂרָאֵל; וָוארוּם דֶער נֵר מַעֲרָבִית הָאט גֶעבְּרֶענְט פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה, פוּן אִיר הָאט מֶען אָנְגֶעצִינְדְן שְׁטֶענְדִיג, דֶער לֶעבְט פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים לַייבְט שְׁטֶענְדִיג נָאר צוּ דֶעם וָואס עֶר אִיז מוּכָן דָאס צוּ מְקַבֵּל זַיין.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר, הֶער אויף מִיט דַיינֶע קַשְׁיוֹת, הֵייבּ אָן צוּ דַאנְקֶען אוּן לויבְּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אויף דִי חֲסָדִים וְרַחֲמִים גְּמוּרִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר, וָואס בָּרוּךְ הַשֵּׁם דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט הָאסְט גַאנְצֶע אֵיבָרִים, בִּיסְטוּ נִישְׁט קַיין קְרִיפֶּל חַס וְשָׁלוֹם, נִישְׁט דוּ אוּן נִישְׁט דַיינֶע קִינְדֶער, דַאנְק דֶעם בַּאשֶׁעפֶער וֶועסְטוּ זֶען וֶועסְט הָאבְּן גְרויסֶע יְשׁוּעוֹת, דֶערְפַאר זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ב), אַז יְמֵי חֲנוּכָּה הֵם יְמֵי הוֹדָאָה, דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה זֶענֶען טֶעג פוּן דַאנְקֶען אוּן לויבְּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים; מִיט דֶעם צוּבְּרֶעכְט מֶען אַלֶע קַשְׁיוֹת, קַשְׁיוֹת קוּמְט פוּן דִי יְוָנִים, "פַארְוָואס" אִיז אַ בִּיטֶערֶע קְלִיפָּה.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן שֵׂכֶל, זָאלְסְט אַרויסְגֵיין פוּן דִי קְלֵיינֶעם מְצוּמְצָמ'דִיגְן מֹחַ,

זָאלְסְט שְׁפִּירְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן חֲנוּכָּה**

## צט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר וַיִּגַּשׁ כ"ח כִּסְלֵו ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** ווִיסְן אַז חֲנוּכָּה אִיז מְסוּגָּל צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶען בְּעֵת דִי לֶעכְטֶעלֶעךְ בְּרֶענֶען זָאלְסְטוּ זִיךְ אַוֶועקְזֶעצְן אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן בֶּעטְן אוֹיף קִינְדֶער דַוְקָא, דִי חַזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת כג:), הָרָגִיל בְּנֵר הָוְיָין לֵיהּ בָּנִים תַּלְמִידֵי חֲכָמִים; אַז אֵיינֶער אִיז רָגִיל אִין לֶעכְט וֶועט עֶר הָאבְּן קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, אוּן אַזוֹי ווִי דֶער גַאנְצֶער נֵס פוּן חֲנוּכָּה אִיז גֶעוֶוען פוּן לֶעכְט וָואס דִי יְוָנִים הָאבְּן נִישְׁט מְטַמֵּא גֶעוֶוען, אַזוֹי זָאלְט עֶטְץ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם נִפְקָד וֶוערְן מִיט זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא, נָאר נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, אוּן נָאר נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין יֵאוּשׁ, וָוארוּם וָואס תְּפִלָּה טוּט אוֹיף קֶען קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט נִישְׁט אוֹיפְטוּן, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְקְט זִיךְ זֵייעֶר יֶעצְט יֶעדֶע נַאכְט פוּן חֲנוּכָּה בֶּעטְן בַּיי

דִי לֶעבְּטֶעלֶעךְ אַז אִיר זָאלְט הָאבְּן לֶעבְּטִיגֶע קִינְדֶער, וֶועט
דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים צוּהֶערְן עֶנְקֶער תְּפִלָּה.

**אוֹדוֹת** וָואס אִיר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן אִיר הָאט גָארְנִישְׁט וְכוּ', עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "תִּפְאֶרֶת שְׁלֹמֹה" (חֲנוּכָּה) אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לז, כח), "וַיִּמְשְׁכוּ וַיַּעֲלוּ אֶת יוֹסֵף מִן הַבּוֹר", וַיִּ"מְשְׁכוּ" אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִ'טָּה שׁ'וּלְחָן כִּ'סֵּא וּ'מְנוֹרָה, יוֹסֵף הַצַּדִּיק עֶר אִיז דֶער הַשְׁפָּעָה פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אַז מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּ אַ צַדִּיק דֶעמָאלְטְס אִיז מֶען זוֹכֶה אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעבְּט שֶׁפַע, אוּן עֶטְץ וֶועטְס הָאבְּן אַ דִירָה אוּן קֶענֶען דָארְטְן אַרַיינְלֶייגְן מִטָּה שׁוּלְחָן כִּסֵּא וּמְנוֹרָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן לג), בִּזְכוּת הַצַּדִּיק תַּלְמִידָיו מִתְפַּרְנְסִים; אִיבֶּערְדֶעם זֶעט זַייט מְקוּרָב צוּם אֶמֶת'ן צַדִּיק, אוּן בִּזְכוּת אִים וֶועט עֶטְץ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע דִירָה אוּן מֶעבְּל אַרַיינְלֶייגְן אִין דִי דִירָה מִטָּה שׁוּלְחָן כִּסֵּא וּמְנוֹרָה, נָאר זֶעט אַז עֶס זָאל זַיין צְוִוישְׁן עֶנְק שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט, וָואס דֶעמָאלְטְס וֶועט דִי שְׁכִינָה רוּעֶן בַּיי עֶנְק, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה יז.) אִישׁ וְאִשָּׁה זָכוּ שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶן; אוּן וואוּ דִי שְׁכִינָה אִיז, דָארְטְן אִיז דִי בְּרָכָה מְצוּיָה, אִיבֶּערְדֶעם זֶעט אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְוִוישְׁן עֶנְק, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט עֶנְק בְּוַודַּאי נִישְׁט פַארְלָאזְן.

**אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן חֲנוּכָּה**

סוד ה׳ לִירֵאָיו וּבְרִיתוֹ לְהוֹדִיעָם
זֶה שְׁמוֹ נָאֶה לוֹ

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

תִּקּוּן נוֹרָא וְנִפְלָא מְאֹד מְאֹד
לִכְלָלִיּוּת הַחֲטָאִים
וְהוּא פְּגַם הַבְּרִית, רַחֲמָנָא לִיצְלָן

וּמְסֻגָּל מְאֹד גַּם לְפַרְנָסָה וּלְהַצְלָחָה
בְּכָל הָעִנְיָנִים בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת
אַשְׁרֵי מִי שֶׁיֹּאמְרֵם בְּכָל יוֹם

יִסְּדוֹ, תִּקְנוֹ, גִּלָּהוּ, וְצִוָּה לְפַרְסְמוֹ לְכָל יִשְׂרָאֵל
רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא אוֹר הַגָּנוּז וְהַצָּפוּן
בּוּצִינָא קַדִּישָׁא עִלָּאָה, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב
## זְכוּתוֹ תָּגֵן עָלֵינוּ

הוּבָא לִדְפוּס עַל יְדֵי
חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב
יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקֹּדֶשׁ תובב״א

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

טוב לומר זאת לפני אמירת העשרה מזמורים:

הֲרֵינִי מְקַשֵּׁר עַצְמִי בַּאֲמִירַת הָעֲשָׂרָה מִזְמוֹרִים אֵלּוּ לְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁבְּדוֹרֵנוּ, וּלְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שׁוֹכְנֵי עָפָר, קְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה, וּבִפְרָט לְרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, רַבֵּנוּ **נַחְמָן בֶּן פֵיגָא**, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, שֶׁגִּלָּה תִּקּוּן זֶה.

לְכוּ נְרַנְּנָה לַיהֹוָה נָרִיעָה לְצוּר יִשְׁעֵנוּ: נְקַדְּמָה פָנָיו בְּתוֹדָה בִּזְמִירוֹת נָרִיעַ לוֹ: כִּי אֵל גָּדוֹל יְהֹוָה וּמֶלֶךְ גָּדוֹל עַל כָּל אֱלֹהִים:

קודם שיתחיל תהלים יאמר זה:

הֲרֵינִי מְזַמֵּן אֶת פִּי לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל וּלְשַׁבֵּחַ אֶת בּוֹרְאִי לְשֵׁם יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ עַל־יְדֵי הַהוּא טָמִיר וְנֶעְלָם בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל:

## טז.

**מִכְתָּם** לְדָוִד שָׁמְרֵנִי אֵל כִּי־חָסִיתִי בָךְ: אָמַרְתְּ לַיהֹוָה אֲדֹנָי אָתָּה, טוֹבָתִי בַּל־עָלֶיךָ: לִקְדוֹשִׁים אֲשֶׁר־בָּאָרֶץ הֵמָּה, וְאַדִּירֵי כָּל־חֶפְצִי־בָם: יִרְבּוּ עַצְּבוֹתָם אַחֵר מָהָרוּ, בַּל־אַסִּיךְ נִסְכֵּיהֶם מִדָּם, וּבַל־אֶשָּׂא אֶת־שְׁמוֹתָם עַל־שְׂפָתָי: יְהֹוָה מְנָת חֶלְקִי וְכוֹסִי, אַתָּה תּוֹמִיךְ גּוֹרָלִי: חֲבָלִים נָפְלוּ־לִי בַּנְּעִמִים, אַף־נַחֲלָת שָׁפְרָה עָלָי: אֲבָרֵךְ אֶת־יְהֹוָה אֲשֶׁר יְעָצָנִי, אַף לֵילוֹת יִסְּרוּנִי כִלְיוֹתָי: שִׁוִּיתִי יְהֹוָה לְנֶגְדִּי תָמִיד, כִּי מִימִינִי בַּל־אֶמּוֹט: לָכֵן שָׂמַח לִבִּי וַיָּגֶל כְּבוֹדִי, אַף־בְּשָׂרִי יִשְׁכֹּן לָבֶטַח: כִּי לֹא־תַעֲזֹב

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

נַפְשִׁי לִשְׁאוֹל, לֹא־תִתֵּן חֲסִידְךָ לִרְאוֹת שָׁחַת: תּוֹדִיעֵנִי אֹרַח חַיִּים שֹׂבַע שְׂמָחוֹת אֶת־פָּנֶיךָ נְעִמוֹת בִּימִינְךָ נֶצַח:

## לב.

לְדָוִד מַשְׂכִּיל, אַשְׁרֵי נְשׂוּי פֶּשַׁע כְּסוּי חֲטָאָה: אַשְׁרֵי־אָדָם, לֹא יַחְשֹׁב יְהֹוָה לוֹ עָוֹן, וְאֵין בְּרוּחוֹ רְמִיָּה: כִּי הֶחֱרַשְׁתִּי בָּלוּ עֲצָמָי, בְּשַׁאֲגָתִי כָּל־הַיּוֹם: כִּי יוֹמָם וָלַיְלָה תִּכְבַּד עָלַי יָדֶךָ, נֶהְפַּךְ לְשַׁדִּי בְּחַרְבֹנֵי קַיִץ סֶלָה: חַטָּאתִי אוֹדִיעֲךָ, וַעֲוֹנִי לֹא־כִסִּיתִי, אָמַרְתִּי אוֹדֶה עֲלֵי פְשָׁעַי לַיהֹוָה, וְאַתָּה נָשָׂאתָ עֲוֹן חַטָּאתִי סֶלָה: עַל זֹאת יִתְפַּלֵּל כָּל־חָסִיד אֵלֶיךָ לְעֵת מְצֹא, רַק לְשֵׁטֶף מַיִם רַבִּים אֵלָיו לֹא יַגִּיעוּ: אַתָּה סֵתֶר לִי[*] מִצַּר תִּצְּרֵנִי רָנֵּי פַלֵּט תְּסוֹבְבֵנִי סֶלָה: אַשְׂכִּילְךָ וְאוֹרְךָ בְּדֶרֶךְ זוּ תֵלֵךְ אִיעֲצָה עָלֶיךָ עֵינִי: אַל תִּהְיוּ כְּסוּס כְּפֶרֶד אֵין הָבִין בְּמֶתֶג־וָרֶסֶן עֶדְיוֹ לִבְלוֹם בַּל קְרֹב אֵלֶיךָ: רַבִּים מַכְאוֹבִים לָרָשָׁע, וְהַבּוֹטֵחַ בַּיהֹוָה חֶסֶד יְסוֹבְבֶנּוּ: שִׂמְחוּ בַיהֹוָה וְגִילוּ צַדִּיקִים וְהַרְנִינוּ כָּל־יִשְׁרֵי־לֵב:

## מא.

לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד: אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל־דָּל בְּיוֹם רָעָה יְמַלְּטֵהוּ יְהֹוָה: יְהֹוָה יִשְׁמְרֵהוּ וִיחַיֵּהוּ וְאֻשַּׁר בָּאָרֶץ, וְאַל תִּתְּנֵהוּ בְּנֶפֶשׁ אֹיְבָיו: יְהֹוָה יִסְעָדֶנּוּ עַל עֶרֶשׂ דְּוָי. כָּל מִשְׁכָּבוֹ הָפַכְתָּ בְחָלְיוֹ: אֲנִי־אָמַרְתִּי יְהֹוָה חָנֵּנִי, רְפָאָה נַפְשִׁי כִּי חָטָאתִי לָךְ: אוֹיְבַי יֹאמְרוּ רַע לִי מָתַי יָמוּת וְאָבַד שְׁמוֹ: וְאִם־בָּא לִרְאוֹת,

---

אחר 'אתה סתר לי' - צריך להפסיק מעט (עיין בלקו"מ ח"א סי' רי"ג)

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

שָׁוְא יְדַבֵּר, לִבּוֹ יִקְבָּץ־אָוֶן לוֹ, יֵצֵא לַחוּץ יְדַבֵּר: יַחַד עָלַי יִתְלַחֲשׁוּ כָּל־שֹׂנְאָי, עָלַי יַחְשְׁבוּ רָעָה לִי: דְּבַר־בְּלִיַּעַל יָצוּק בּוֹ, וַאֲשֶׁר שָׁכַב לֹא־יוֹסִיף לָקוּם: גַּם־אִישׁ שְׁלוֹמִי אֲשֶׁר־בָּטַחְתִּי בוֹ, אוֹכֵל לַחְמִי, הִגְדִּיל עָלַי עָקֵב: וְאַתָּה יְהֹוָה חָנֵּנִי וַהֲקִימֵנִי, וַאֲשַׁלְּמָה לָהֶם: בְּזֹאת יָדַעְתִּי כִּי־חָפַצְתָּ בִּי, כִּי לֹא־יָרִיעַ אֹיְבִי עָלָי: וַאֲנִי, בְּתֻמִּי, תָּמַכְתָּ בִּי, וַתַּצִּיבֵנִי לְפָנֶיךָ לְעוֹלָם: בָּרוּךְ יְהֹוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל מֵהָעוֹלָם וְעַד הָעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן:

## מב.

לַמְנַצֵּחַ מַשְׂכִּיל לִבְנֵי קֹרַח: כְּאַיָּל תַּעֲרֹג עַל־אֲפִיקֵי־מָיִם, כֵּן נַפְשִׁי תַעֲרֹג אֵלֶיךָ אֱלֹהִים: צָמְאָה נַפְשִׁי לֵאלֹהִים לְאֵל חָי, מָתַי אָבוֹא וְאֵרָאֶה פְּנֵי אֱלֹהִים: הָיְתָה לִּי דִמְעָתִי לֶחֶם יוֹמָם וָלָיְלָה בֶּאֱמֹר אֵלַי כָּל הַיּוֹם, אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ: אֵלֶּה אֶזְכְּרָה וְאֶשְׁפְּכָה עָלַי נַפְשִׁי, כִּי אֶעֱבֹר בַּסָּךְ, אֶדַּדֵּם עַד־בֵּית אֱלֹהִים בְּקוֹל־רִנָּה וְתוֹדָה, הָמוֹן חוֹגֵג: מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וַתֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִילִי לֵאלֹהִים כִּי עוֹד אוֹדֶנּוּ יְשׁוּעוֹת פָּנָיו: אֱלֹהַי, עָלַי נַפְשִׁי תִשְׁתּוֹחָח עַל־כֵּן אֶזְכָּרְךָ מֵאֶרֶץ יַרְדֵּן, וְחֶרְמוֹנִים, מֵהַר מִצְעָר: תְּהוֹם־אֶל־תְּהוֹם קוֹרֵא לְקוֹל צִנּוֹרֶיךָ, כָּל מִשְׁבָּרֶיךָ וְגַלֶּיךָ עָלַי עָבָרוּ: יוֹמָם יְצַוֶּה יְהֹוָה חַסְדּוֹ וּבַלַּיְלָה שִׁירֹה עִמִּי, תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי: אוֹמְרָה לְאֵל סַלְעִי לָמָה שְׁכַחְתָּנִי, לָמָּה־קֹדֵר אֵלֵךְ, בְּלַחַץ אוֹיֵב: בְּרֶצַח בְּעַצְמוֹתַי חֵרְפוּנִי צוֹרְרָי, בְּאָמְרָם אֵלַי כָּל הַיּוֹם אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ: מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וּמַה־תֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִילִי לֵאלֹהִים כִּי־עוֹד אוֹדֶנּוּ, יְשׁוּעֹת פָּנַי וֵאלֹהָי:

# נט.

לַמְנַצֵּחַ אַל תַּשְׁחֵת לְדָוִד מִכְתָּם, בִּשְׁלֹחַ שָׁאוּל וַיִּשְׁמְרוּ
אֶת־הַבַּיִת לַהֲמִיתוֹ: הַצִּילֵנִי מֵאֹיְבַי אֱלֹהָי, מִמִּתְקוֹמְמַי
תְּשַׂגְּבֵנִי: הַצִּילֵנִי מִפֹּעֲלֵי אָוֶן וּמֵאַנְשֵׁי דָמִים הוֹשִׁיעֵנִי: כִּי הִנֵּה
אָרְבוּ לְנַפְשִׁי יָגוּרוּ עָלַי עַזִּים, לֹא־פִשְׁעִי וְלֹא־חַטָּאתִי יְהֹוָה:
בְּלִי־עָוֹן יְרֻצוּן וְיִכּוֹנָנוּ, עוּרָה לִקְרָאתִי וּרְאֵה: וְאַתָּה יְהֹוָה־אֱלֹהִים
צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל, הָקִיצָה לִפְקֹד כָּל־הַגּוֹיִם אַל־תָּחֹן כָּל־בֹּגְדֵי
אָוֶן סֶלָה: יָשׁוּבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב, וִיסוֹבְבוּ עִיר: הִנֵּה יַבִּיעוּן
בְּפִיהֶם, חֲרָבוֹת בְּשִׂפְתוֹתֵיהֶם, כִּי־מִי שֹׁמֵעַ: וְאַתָּה יְהֹוָה תִּשְׂחַק־
לָמוֹ, תִּלְעַג לְכָל־גּוֹיִם: עֻזּוֹ, אֵלֶיךָ אֶשְׁמֹרָה, כִּי אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי:
אֱלֹהֵי חַסְדִּי יְקַדְּמֵנִי אֱלֹהִים יַרְאֵנִי בְשֹׁרְרָי: אַל־תַּהַרְגֵם פֶּן־יִשְׁכְּחוּ
עַמִּי, הֲנִיעֵמוֹ בְחֵילְךָ וְהוֹרִידֵמוֹ, מָגִנֵּנוּ אֲדֹנָי: חַטַּאת־פִּימוֹ דְּבַר־
שְׂפָתֵימוֹ וְיִלָּכְדוּ בִגְאוֹנָם, וּמֵאָלָה וּמִכַּחַשׁ יְסַפֵּרוּ: כַּלֵּה בְחֵמָה,
כַּלֵּה וְאֵינֵמוֹ וְיֵדְעוּ כִּי־אֱלֹהִים מֹשֵׁל בְּיַעֲקֹב, לְאַפְסֵי הָאָרֶץ
סֶלָה: וְיָשֻׁבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב, וִיסוֹבְבוּ עִיר: הֵמָּה יְנִיעוּן
לֶאֱכֹל, אִם־לֹא יִשְׂבְּעוּ וַיָּלִינוּ: וַאֲנִי אָשִׁיר עֻזֶּךָ, וַאֲרַנֵּן לַבֹּקֶר
חַסְדֶּךָ, כִּי־הָיִיתָ מִשְׂגָּב לִי, וּמָנוֹס, בְּיוֹם צַר־לִי: עֻזִּי אֵלֶיךָ
אֲזַמֵּרָה, כִּי־אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי אֱלֹהֵי חַסְדִּי:

# עז.

לַמְנַצֵּחַ עַל־יְדוּתוּן לְאָסָף מִזְמוֹר: קוֹלִי* אֶל־אֱלֹהִים וְאֶצְעָקָה,
קוֹלִי אֶל־אֱלֹהִים וְהַאֲזִין אֵלָי: בְּיוֹם צָרָתִי אֲדֹנָי דָּרָשְׁתִּי,

* באמרך 'אל אלהים' תכוון המילוי כזה: אל"ף למ"ד אל"ף למ"ד ה"י יו"ד מ"ם

יָדִי לַיְלָה נִגְּרָה וְלֹא תָפוּג מֵאֲנָה הִנָּחֵם נַפְשִׁי: אֶזְכְּרָה אֱלֹהִים וְאֶהֱמָיָה, אָשִׂיחָה, וְתִתְעַטֵּף רוּחִי סֶלָה: אָחַזְתָּ שְׁמֻרוֹת עֵינָי, נִפְעַמְתִּי וְלֹא אֲדַבֵּר: חִשַּׁבְתִּי יָמִים מִקֶּדֶם, שְׁנוֹת עוֹלָמִים: אֶזְכְּרָה נְגִינָתִי בַּלָּיְלָה, עִם־לְבָבִי אָשִׂיחָה, וַיְחַפֵּשׂ רוּחִי: הַלְעוֹלָמִים יִזְנַח אֲדֹנָי וְלֹא־יֹסִיף לִרְצוֹת עוֹד: הֶאָפֵס לָנֶצַח חַסְדּוֹ, גָּמַר אֹמֶר לְדֹר וָדֹר: הֲשָׁכַח חַנּוֹת אֵל, אִם־קָפַץ בְּאַף רַחֲמָיו סֶלָה: וָאֹמַר חַלּוֹתִי הִיא, שְׁנוֹת יְמִין עֶלְיוֹן: אֶזְכּוֹר מַעַלְלֵי יָהּ, כִּי אֶזְכְּרָה מִקֶּדֶם פִּלְאֶךָ: וְהָגִיתִי בְכָל־פָּעֳלֶךָ וּבַעֲלִילוֹתֶיךָ אָשִׂיחָה: אֱלֹהִים בַּקֹּדֶשׁ דַּרְכֶּךָ, מִי־אֵל גָּדוֹל כֵּאלֹהִים: אַתָּה הָאֵל עֹשֵׂה פֶלֶא הוֹדַעְתָּ בָעַמִּים עֻזֶּךָ: גָּאַלְתָּ בִּזְרוֹעַ עַמֶּךָ, בְּנֵי יַעֲקֹב וְיוֹסֵף סֶלָה: רָאוּךָ מַּיִם אֱלֹהִים, רָאוּךָ מַּיִם יָחִילוּ אַף יִרְגְּזוּ תְהֹמוֹת: זֹרְמוּ מַיִם עָבוֹת קוֹל נָתְנוּ שְׁחָקִים, אַף־חֲצָצֶיךָ יִתְהַלָּכוּ: קוֹל רַעַמְךָ בַּגַּלְגַּל, הֵאִירוּ בְרָקִים תֵּבֵל, רָגְזָה וַתִּרְעַשׁ הָאָרֶץ: בַּיָּם דַּרְכֶּךָ וּשְׁבִילְךָ בְּמַיִם רַבִּים, וְעִקְּבוֹתֶיךָ לֹא נֹדָעוּ: נָחִיתָ כַצֹּאן עַמֶּךָ, בְּיַד מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן:

## צ.

**תְּפִלָּה** לְמֹשֶׁה אִישׁ הָאֱלֹהִים אֲדֹנָי מָעוֹן אַתָּה הָיִיתָ לָּנוּ בְּדֹר וָדֹר: בְּטֶרֶם הָרִים יֻלָּדוּ וַתְּחוֹלֵל אֶרֶץ וְתֵבֵל, וּמֵעוֹלָם עַד־עוֹלָם אַתָּה אֵל: תָּשֵׁב אֱנוֹשׁ עַד־דַּכָּא, וַתֹּאמֶר שׁוּבוּ בְנֵי־אָדָם: כִּי אֶלֶף שָׁנִים בְּעֵינֶיךָ כְּיוֹם אֶתְמוֹל כִּי יַעֲבֹר, וְאַשְׁמוּרָה בַלָּיְלָה: זְרַמְתָּם, שֵׁנָה יִהְיוּ, בַּבֹּקֶר כֶּחָצִיר יַחֲלֹף: בַּבֹּקֶר יָצִיץ וְחָלָף, לָעֶרֶב יְמוֹלֵל וְיָבֵשׁ: כִּי כָלִינוּ בְאַפֶּךָ, וּבַחֲמָתְךָ נִבְהָלְנוּ: שַׁתָּ עֲוֹנֹתֵינוּ לְנֶגְדֶּךָ עֲלֻמֵנוּ לִמְאוֹר פָּנֶיךָ:

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

כִּי כָל־יָמֵינוּ פָּנוּ בְעֶבְרָתֶךָ כִּלִּינוּ שָׁנֵינוּ כְמוֹ־הֶגֶה: יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה, וְאִם בִּגְבוּרֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה, וְרָהְבָּם עָמָל וָאָוֶן, כִּי גָז חִישׁ וַנָּעֻפָה: מִי יוֹדֵעַ עֹז אַפֶּךָ, וּכְיִרְאָתְךָ עֶבְרָתֶךָ: לִמְנוֹת יָמֵינוּ כֵּן הוֹדַע, וְנָבִא לְבַב חָכְמָה: שׁוּבָה יְהֹוָה עַד־מָתָי וְהִנָּחֵם עַל עֲבָדֶיךָ: שַׂבְּעֵנוּ בַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ, וּנְרַנְּנָה וְנִשְׂמְחָה בְּכָל־יָמֵינוּ: שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ, שְׁנוֹת רָאִינוּ רָעָה: יֵרָאֶה אֶל־עֲבָדֶיךָ פָעֳלֶךָ וַהֲדָרְךָ עַל בְּנֵיהֶם: וִיהִי נֹעַם אֲדֹנָי אֱלֹהֵינוּ עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנָה עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ:

## קה.

הוֹדוּ לַיהֹוָה קִרְאוּ בִּשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילוֹתָיו: שִׁירוּ לוֹ זַמְּרוּ־לוֹ שִׂיחוּ בְּכָל נִפְלְאוֹתָיו: הִתְהַלְלוּ בְּשֵׁם קָדְשׁוֹ יִשְׂמַח לֵב מְבַקְשֵׁי יְהֹוָה: דִּרְשׁוּ יְהֹוָה וְעֻזּוֹ בַּקְּשׁוּ פָנָיו תָּמִיד: זִכְרוּ נִפְלְאוֹתָיו אֲשֶׁר עָשָׂה, מֹפְתָיו וּמִשְׁפְּטֵי־פִיו: זֶרַע אַבְרָהָם עַבְדּוֹ בְּנֵי יַעֲקֹב בְּחִירָיו: הוּא יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ בְּכָל־הָאָרֶץ מִשְׁפָּטָיו: זָכַר לְעוֹלָם בְּרִיתוֹ דָּבָר צִוָּה לְאֶלֶף דּוֹר: אֲשֶׁר כָּרַת אֶת אַבְרָהָם וּשְׁבוּעָתוֹ לְיִשְׂחָק: וַיַּעֲמִידֶהָ לְיַעֲקֹב לְחֹק לְיִשְׂרָאֵל בְּרִית עוֹלָם: לֵאמֹר לְךָ אֶתֵּן אֶת אֶרֶץ כְּנָעַן חֶבֶל נַחֲלַתְכֶם: בִּהְיוֹתָם מְתֵי מִסְפָּר כִּמְעַט וְגָרִים בָּהּ: וַיִּתְהַלְּכוּ מִגּוֹי אֶל גּוֹי מִמַּמְלָכָה אֶל־עַם אַחֵר: לֹא הִנִּיחַ אָדָם לְעָשְׁקָם וַיּוֹכַח עֲלֵיהֶם מְלָכִים: אַל תִּגְּעוּ בִמְשִׁיחָי וְלִנְבִיאַי אַל תָּרֵעוּ: וַיִּקְרָא רָעָב עַל־הָאָרֶץ כָּל מַטֵּה־לֶחֶם שָׁבָר: שָׁלַח לִפְנֵיהֶם אִישׁ לְעֶבֶד נִמְכַּר יוֹסֵף: עִנּוּ בַכֶּבֶל רַגְלוֹ בַּרְזֶל בָּאָה נַפְשׁוֹ: עַד עֵת בֹּא דְבָרוֹ אִמְרַת יְהֹוָה צְרָפָתְהוּ: שָׁלַח מֶלֶךְ וַיַּתִּירֵהוּ

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

מֹשֵׁל עַמִּים וַיְפַתְּחֵהוּ: שָׂמוֹ אָדוֹן לְבֵיתוֹ וּמֹשֵׁל בְּכָל־קִנְיָנוֹ: לֶאְסֹר שָׂרָיו בְּנַפְשׁוֹ וּזְקֵנָיו יְחַכֵּם: וַיָּבֹא יִשְׂרָאֵל מִצְרָיִם וְיַעֲקֹב גָּר בְּאֶרֶץ־חָם: וַיֶּפֶר אֶת־עַמּוֹ מְאֹד וַיַּעֲצִמֵהוּ מִצָּרָיו: הָפַךְ לִבָּם לִשְׂנֹא עַמּוֹ לְהִתְנַכֵּל בַּעֲבָדָיו: שָׁלַח מֹשֶׁה עַבְדּוֹ אַהֲרֹן אֲשֶׁר בָּחַר בּוֹ: שָׂמוּ־בָם דִּבְרֵי אֹתוֹתָיו, וּמֹפְתִים בְּאֶרֶץ חָם: שָׁלַח חֹשֶׁךְ וַיַּחְשִׁךְ וְלֹא מָרוּ אֶת דְּבָרוֹ: הָפַךְ אֶת מֵימֵיהֶם לְדָם וַיָּמֶת אֶת דְּגָתָם: שָׁרַץ אַרְצָם צְפַרְדְּעִים בְּחַדְרֵי מַלְכֵיהֶם: אָמַר וַיָּבֹא עָרֹב כִּנִּים בְּכָל גְּבוּלָם: נָתַן גִּשְׁמֵיהֶם בָּרָד, אֵשׁ לֶהָבוֹת בְּאַרְצָם: וַיַּךְ גַּפְנָם וּתְאֵנָתָם, וַיְשַׁבֵּר עֵץ גְּבוּלָם: אָמַר וַיָּבֹא אַרְבֶּה, וְיֶלֶק וְאֵין מִסְפָּר: וַיֹּאכַל כָּל־עֵשֶׂב בְּאַרְצָם, וַיֹּאכַל פְּרִי אַדְמָתָם: וַיַּךְ כָּל בְּכוֹר בְּאַרְצָם, רֵאשִׁית לְכָל־אוֹנָם: וַיּוֹצִיאֵם בְּכֶסֶף וְזָהָב וְאֵין בִּשְׁבָטָיו כּוֹשֵׁל: שָׂמַח מִצְרַיִם בְּצֵאתָם, כִּי־נָפַל פַּחְדָּם עֲלֵיהֶם: פָּרַשׂ עָנָן לְמָסָךְ, וְאֵשׁ לְהָאִיר לָיְלָה: שָׁאַל וַיָּבֵא שְׂלָיו וְלֶחֶם שָׁמַיִם יַשְׂבִּיעֵם: פָּתַח צוּר וַיָּזוּבוּ מָיִם, הָלְכוּ בַּצִּיּוֹת נָהָר: כִּי זָכַר אֶת־דְּבַר קָדְשׁוֹ, אֶת־אַבְרָהָם עַבְדּוֹ: וַיּוֹצִא עַמּוֹ בְשָׂשׂוֹן, בְּרִנָּה אֶת בְּחִירָיו: וַיִּתֵּן לָהֶם אַרְצוֹת גּוֹיִם, וַעֲמַל לְאֻמִּים יִירָשׁוּ: בַּעֲבוּר יִשְׁמְרוּ חֻקָּיו וְתוֹרֹתָיו יִנְצֹרוּ, הַלְלוּיָהּ:

# קלז.

עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל שָׁם יָשַׁבְנוּ, גַּם־בָּכִינוּ בְּזָכְרֵנוּ אֶת־צִיּוֹן: עַל עֲרָבִים בְּתוֹכָהּ תָּלִינוּ כִּנֹּרוֹתֵינוּ: כִּי שָׁם שְׁאֵלוּנוּ שׁוֹבֵינוּ דִּבְרֵי־שִׁיר, וְתוֹלָלֵינוּ שִׂמְחָה, שִׁירוּ לָנוּ מִשִּׁיר צִיּוֹן: אֵיךְ נָשִׁיר אֶת־שִׁיר יְהוָה, עַל אַדְמַת נֵכָר: אִם־אֶשְׁכָּחֵךְ יְרוּשָׁלָיִם תִּשְׁכַּח

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

יְמִינִי: תִּדְבַּק לְשׁוֹנִי לְחִכִּי, אִם לֹא אֶזְכְּרֵכִי, אִם־לֹא אַעֲלֶה אֶת יְרוּשָׁלַיִם עַל רֹאשׁ שִׂמְחָתִי: זְכֹר יְהֹוָה לִבְנֵי אֱדוֹם אֵת יוֹם יְרוּשָׁלָיִם, הָאֹמְרִים עָרוּ עָרוּ עַד הַיְסוֹד בָּהּ: בַּת־בָּבֶל הַשְּׁדוּדָה, אַשְׁרֵי שֶׁיְּשַׁלֶּם־לָךְ אֶת־גְּמוּלֵךְ שֶׁגָּמַלְתְּ לָנוּ: אַשְׁרֵי, שֶׁיֹּאחֵז וְנִפֵּץ אֶת־עֹלָלַיִךְ אֶל הַסָּלַע:

# קנ.

הַלְלוּיָהּ, הַלְלוּ־אֵל בְּקָדְשׁוֹ, הַלְלוּהוּ בִּרְקִיעַ עֻזּוֹ: הַלְלוּהוּ בִגְבוּרֹתָיו, הַלְלוּהוּ כְּרֹב גֻּדְלוֹ: הַלְלוּהוּ בְּתֵקַע שׁוֹפָר הַלְלוּהוּ בְּנֵבֶל וְכִנּוֹר: הַלְלוּהוּ בְּתֹף וּמָחוֹל, הַלְלוּהוּ בְּמִנִּים וְעֻגָב: הַלְלוּהוּ בְצִלְצְלֵי־שָׁמַע, הַלְלוּהוּ בְּצִלְצְלֵי תְרוּעָה: כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ, הַלְלוּיָהּ:

אחר שסיים תהלים, יאמר שלשה פסוקים אלו:

מִי יִתֵּן מִצִּיּוֹן יְשׁוּעַת יִשְׂרָאֵל בְּשׁוּב יְהֹוָה שְׁבוּת עַמּוֹ יָגֵל יַעֲקֹב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל: וּתְשׁוּעַת צַדִּיקִים מֵיְהֹוָה מָעֻזָּם בְּעֵת צָרָה: וַיַּעְזְרֵם יְהֹוָה וַיְפַלְּטֵם, יְפַלְּטֵם מֵרְשָׁעִים וְיוֹשִׁיעֵם כִּי חָסוּ בוֹ: